STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07524

DI LETSTE FUN A DOR

Falek Zolf

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאליק זאלף

היימישע געשטאלטן

וויניפעג, קאנאדע
1952

THE LAST OF A GENERATION

BY

FALEK ZOLF

COPYRIGHT BY THE AUTHOR
1952

Printed By The Israelite Press, Winnipeg, Man.

הקדמה

״. . . כלם נשא הרוח, כלם פרחו להם,
ואותר לבדי, לבדי״. . .

ח. נ. ביאליק.

נאָך דער תקופה־טרעמבלינקע און מײדאַנעק איז איצט די צייט פון ״כינוס״ אין אונדזער ליטעראַטור: מיר דאַרפן פאַרשרייבן און פאַר אייביקן לדורות, שטעלן גייסטיקע מצבות נאָך דעם פאַרשניטענעם לעבן פון יידישע קהילות.

מיט דעם דאָזיקן בוך האָב איך געפּרוּווט שטעלן כאָטש א ״ברעטל״ א פשוטע מצבה אויף מיין אייגן בלוט און פלייש, אויף מיין אייגן אומגעקומענעם שטעטל, ווו מיינע קינדער־יאָרן זיינען פאַרבייגעלאָפן.

די אַלע טיפּן, כאַראַקטערן, וואָס ווערן געשילדערט אין דעם בוך, זיינען לעבעדיקע געשטאַלטן. איך האָב זיי געזען אין זייער טאָג־טעגלעכן שווערן געראַנגל פאַר זייער עקאָנאָמישן און גייסטיקן קיום, אין פאַרשיידענע צייטן, אונטער פאַרשיידענע רעזשימען, און דאָך האָבן זיי קיינמאָל ניט געהאַט פאַרלאָרן זייער אמונה און ביטחון. אפילו ביים שוועל פון דעם גאַז־קאַמער האָבן זיי ניט פאַרלאָרן זייער צלם אלקים; אויף צו להכעיס דעם מערדער האָבן זיי אָנגעהאַלטן זייער גייסטיקע גבורה.

איך האָב פאַרענדיקט דאָס בוך מיטן טראַגישן עפּילאָג ״נאַשא בלומקא״, א לענגערע דערציילונג, וואָס איך האָב אָנגעשריבן נאָך אין יאָר 1946, ווען ס׳איז צו מיר דערגאַנגען די פינצטערע בשורה, אז מיין גאַנצע משפּחה, פון אַרום זעכציק נפשות, איז אומגעקומען אין טרעמבלינקע, צווישן זיי מיין איינציקע שוועסטער, וואָס איז געווען א זעלטענער טיפּ־מענטש, א גרויסע צדקנית (זע קאַפּיטל ״פעשע־בלומע די מילנערקע״). מיט דער דערציילונג ״נאַשא בלומקא״ האָב איך געשאַפן פאַר זיך די אילוזיע, אז איר טראַגישער טויט איז געווען אזוי שיין און הערלעך, ווי שיין און הערלעך עס איז געווען איר לעבן . . .

תהא נפשה צרורה בתוך קדושי ישראל.

* * * * *

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק צו מיינע טייערע גוטע־פריינט וואָס האָבן געהאָלפן, אז דאָס בוך זאָל קענען דערשינען און אויך די ברידער רובאַנענקאָ פאַרן צייכענען דעם שער־בלאַט.

פאַליק זאָלף.

אינהאלט

שטעטל	7
אויף יענער זייט בריקן	9
די מתים־גאס	12
דער טייך	15
יידישע גאס און גויישע גאס	18
די קאָלאָניעס אבראמאָוונא און סארעוואָ	24
ר׳ לייזער־וועלוול דער מורה הוראה	37
דער בעל־מופת	44
דעם מורה הוראהס טאָכטער	47
די רבנישע חתונה	52
ר׳ ניאָכקע דער שוחט	59
ר׳ משהלע דער מתמיד	63
אבא־וועלוול דער חזן	69
חוה־לאה די חתונה קעכין	78
ר׳ משה דער שמש	88
פייגע־לאה די שמשטע	96
ר׳ ישראל דער גמרא־מלמד	107
דער רעוויזאָר און יודל קאַטיק דער שתדלן	118
שאול־נחום דער קארגער גביר	130
יודל שינדלמאכער און שייעלע שינדלקלאפּער	142
די וואָרטע	154
דער גובערנאטאָר	160
די פּיוואָווארניע	172

אינהאלט

די "ביבליאָטעקא" 189
די פּאָזשארנע קאָמאנדע 197
פּנחס דער רעוואָלוציאָנערער פירער 205
באָזשע 213
איסר קאצאפּ 222
שלמהקע דער "שרייבער" 233
פישל דער מילנער 250
פּעשע־בלומע די מילנערקע 258
שבת אין די מילן 264
סענדער דער קאָלאָניסט 268
דער צעריסענער קארל מארקס 277
דער אָנהייב פונם סוף 287
צופוסנם פון א טויטער שטאָט 294
"נאשא בלומקא" 301

א. יתגדל ויתקדש.
ב. קרומע לאָמע צלמימלעד.
ג. א שפּיי דעם שכן אין פּנים.
ה. א שטיין אין הימל.
ה. די חלוקה פון דער יידישער ירושה.
ו. פאר דער אייגענער פרעמדער טיר.
ז. אויף לאסקאוון ברויט.
ח. קלויסטער־גלאָקן קלינגען.
ט. גוויש שטעטל טאנצט.
י. "זשניוואַ".
יא. צווישן פּאסטוכער.
יב. שמע ישראל.

שטעטל

שטעטעלע זאסטאַוויע, וואָס האָט זיך געפונען אין פּאָליעסיער געגנט, איז געווען אינגאַנצן אַנדערש פון אַלע אַרומיקע יידישע שטעטעלעך, סיי מיט איר אויסזען און סיי מיט אירע פּרנסות, ווי מיר וועלן עס שפּעטער באַשרייבן. געלעגן איז עס, מיט די פּאָר הונדערט שטיבלעך, מיט שטרויענע און שינדלנע דעכלעך, אין אַ טאָל, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט גערטנער, סעדער, לאָנקעס און תבואה־פעלדער. זומער־לעבן, ווען אַלץ אַרום האָט זיך צעוואַקסן און צעבליט, איז עס פאַרשלונגען געוואָרן אין אַ ים פון גרינס, אַזוי אַז פונדערווייטנס האָט מען עס כמעט ניט אַרויסגעזען.

יעדער באַלעבאָס אין שטעטל האָט פאַרמאָגט אַן אייגן שטיקל פעלד, אַ גאָרטן, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון דור־דורות, און אַ סאָד מיט בלערליי פרוכט־ביימער, וואָס דער גוטהאַרציקער פּאַריזער באַראָן הירש האָט מיט זיין ברייטער האַנט דאָ פאַרפלאַנצט, כדי צו פאַרגרעסערן די חיונה פון די אָרימע יידישע ערד־אַרבעטער. אַ חוץ דעם האָט איטלעכער נאָך פאַרמאָגט אַ בהמה, אַ קעלבל, וואָס מ'האָט אַליין אויסגעהאָדעוועט אויפן אייגענעם ביסל גרינס. זומער פלעגן נאָך אַנדערע אָפּדינגען גערטנער און סעדער ביי די "מעשטשאַנעס" פון דער גוישער גאַס און דאָס אָפּגעדונגענע ביסל גרינס און פרוכט געפירט פאַרקויפן אין די שכנישע שטעט און שטעטלעך.

אפילו די יעניקע, וואָס האָבן ניט פאַרמאָגט קיין אייגענע "נחלות", האָבן אויך חלילה ניט געהונגערט. וואָרים כידוע, שפּייזט דאָך דער רבונו־של־עולם אפילו אַ ווערימל אונטערן שטיין, אַ פּשיטא שוין אַ מענטשן, וואָס איז זיין בחיר היצירה . . . האָט מען געלעבט פון וואָס נאָר גאָט, ברוך הוא, האָט געגעבן. אייניקע זיינען "געגאַנגען אויפן דאָרף" און דאָרט איינגעהאַנדלט אַ פערטל תבואה, אַ שטיקל לייוונט, אַ פעלכל, אַ בינטל חזיר־האָר, אַן עוף וכדומה; אַנדערע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט מלאכה, ווי שמידעריי, שוסטעריי און סטאָליעריי, און נאָך אַזעלכע מלאכות. אַ פּאָר צענדליק משפחות האָבן געצויגן זייער בידנע חיונה פון אַרבעטן ביי ר' אשר גוטערמאַן אויף דער פּיוואָווארניע (ביר־ברויעריי), וואָס האָט געשמט אין דער גאַנצער געגנט מיט איר געשמאַקן פלעשל ביר. אַזוי אַרום איז איטלעכער אין שטעטל געווען באַזאָרגט מיט פּרנסה.

געפירט האָט שטעטעלע זאַסטאַוויע אַ שטיל רויִק לעבן, ווי שטיל און רויִק עס איז זיך געפלאָסן דער טייך לעשנאַ ביי זיין צופוסנס. יעדער איינער

האָט זיך רויק באַארבעט זיין גאָרטן, וואָס איז געלעגן הינטער זיין שטיבל; איטלעכער האָט, מיט זיין שוויים פונם פנים, גענעסן דאָס אייגענע שווער־פאַרהאָרעוועטע שטיקל ברויט מיטן ביסל גרינס, וואָס די גוטע מאַמע־ערד האָט באַשאָנקען אירע קינדער מיט איר פולער האַנט; יעדער איינער איז געווען צופרידן מיט זיין גאָב — קיינער האָט זיך חלילה ניט באַקלאָגט אויף זיין שווערער דאָליע. וואָרים אַלץ וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויס־שטאָט, מיט אַלע אירע תענוגים און פאַרגעניגנס, איז די זאַסטאַוויער יידן געווען פרעמד. זייערע טאַטעס און זיידעס זיינען נאָך פון קדמונים אָן דאָ געווען פויערים, ערד־מענטשן. אַזוי אויך זיינען געווען זייערע יורשים, זייערע קינדער.

און פונקט ווי יעדער זאַסטאַוויער ייד האָט שווער געהאָרעוועט און געפּראַצעוועט פאַר זיין שטיקל ברויט, פאַר זיין ביסעלע עולם־הזה, מ׳שטיינס געזאָגט, אַזוי אויך האָט יעדער איינער שווער געאַרבעט פאַר זיין חלק לעולם הבא. יעדער באַזונדער, כלחוד השור, איז מען אויפגעשטאַנען לעבודת הבורא. מ׳האָט געדאַווענט מיט האַרץ און מיט כוונה. די צוויי בתי־מדרשים, זיינען תמיד געווען אָנגעפילט איבער די ברעגן מיט מתפּללים, מיט תהלים־זאָגער און מיט לערנער. און ווער רעדט נאָך אין דעם חודש אלול, סליחות־צייט, ערב די ימים־נוראים ווען מ׳דאַרף זיך גרייטן צו שטעלן זיך פאַרן משפּט פונם בית־דין של מעלה, דעמאָלט איז אפילו אַ קינד ניט געבליבן אין וויג . . . ווער נאָר ס׳האָט געקענט האַלטן אַ ספר אין האַנט, האָט געלערנט מיט גרויס התמדה, ניט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך מיט אַנדערע, ווי צום ביישפּיל, ביי איין לאַנגן טיש איז געזעסן ר׳ ישראל לוסקעלער, דער גמרא־מלמד, מיט אַ לאַנגער, בלאָנדער באָרד, און געלערנט בין מנחה מעריב אַ בלאַט גמרא מיט אַ פּאָר מנינים יידן; ביי אַ צווייטן טיש איז געזעסן דער גאָטספאָרכטיקער ר׳ ניאָכקע דער שוחט, מיט אַ לאַנגער, שוואַרצער באָרד און מיט געקרייזלטע פּאות, און געלערנט פאַרן עולם אַ פּרק „עין יעקב"; ביי אַ דריטן טיש איז געזעסן ר׳ משה דער שמש, אַ הויכער געשטאַלטנער ייד, מיט אַ ווייס־זילבערנער באָרד, און געלערנט אַ פּרק משניות. דער קול התורה האָט זיך געהאַט פאַרשפּרייט איבער אַלע ווינקעלעך פונם בית מדרש און האָט אָפּגעקלונגען אַזש צום הויכן באַלקן.

אויף יענער זייט בריקן

„אויף יענער זייט בריקן", איבער דעם טייך לעשנא, איז געשטאנען די שטאָט קאמענעץ־ליטאָווסק, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן, ווי מיט טרעפּ, אויף א משופּעדיקן בארג אויף וועלכן עס זיינען געשטאנען אָנגעפּיקעוועט אָן א שיר הייזער און הייזלעך, וואָס האָבן זיך געטוליעט און זיך געקלאמערט צו אים, ווי קינדער צו א מאמען, אזוי אַז פונדערווייטנס האָט זיך אויסגעדוכט ווי איינס וואָלט זיך אָנגעהאלטן ביי דער פּאָלע פונם צווייטן, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט חלילה ניט אראָפּצופאלן אינם טיפן תהום אריין.

די דאָזיקע שכנישע שטאָט, קאמענעץ, וואָס איז געווען אזוי נאָענט, ווי מיט דער האַנט צו דערלאנגען, האָט אויסגעקוקט אין די אויגן פון די קליינשטעטלדיקע זאסטאוויער, ווי עס וואָלט געווען א גאָר־גאָר גרויסע שטאָט, א כרך גדול, וואָס האָט געהערט צו א פרעמדער וועלט, פאַר וועלכער מ'האָט זיך עפּעס ווי געשראָקן . . .

די שטאָט קאמענעץ האָט געשמט מיט אירע גרויסע למדנים, תלמידי־חכמים, וואָס זיינען געזעסן יום־ולילה על התורה ועל העבודה. זי האָט פאַר־מאָגט א צענדליק בתי מדרשים, צווישן זיי א גרויסן „מויער" בית־מדרש, ווו ס'האָבן געדאַוונט די פּני־העיר, מיט א בארימטער שיינער און גרויסער שול, מיט וועלכער ס'איז געווען מיט וואָס צו שטאָלצירן; א תלמוד־תורה פאַר די אָרימע „צאן קדשים" צום לערנען; א ישיבה פאַר אייגענע און אָנגעפּאָרענע ישיבה־בחורים. א חוץ דעם האָט זי אויך פאַרמאָגט א היבשע צאָל „כלי־קודש": א רב מיט דיינים און שוחטים, א חזן און שמשים, מיט אַן אלטן און א נייעם, גרויסן בית־עולם, וואָס האָט באַזאָרגט די גאַנצע סביבה מיט אייביקער רו . . .

זי האָט אויך פאַרמאָגט א גרויסן מארק, מיט א גרויסן „ראד" קראָמען, וואָס האָבן גיכער געהאַט דעם אָנבליק פון הינטישע ביידלעך, איידער פון קראָמען. דערפאַר אָבער אינעווייניק, זיינען זיי געווען אָנגעפּי־קעוועט מיט כלערליי סחורות; טשוהונענע טעפּ, קעסטלעך טשוועקעס, פּרענט־לעך זייף, פּעקלעך טיטון און מאכאָרקע, קאָלירטע סטענגעס, רויט־פאַרביקע, פּויערשע פאטשיילעס, מאנופאקטור, קרענצלעך בייגל — און וואָס נאָר א מויל האָט געקאָנט ארויסריידן.

פאַר די אָפענע טירן פון די דאָזיקע קרעמלעך, זיינען תמיד געזעסן קרעמער און קרעמערקעס, פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט, זומער זיך געפּרעגלט פון היץ און ווינטער געוואָרימט די פאַרפראָרענע ביינער איבער

גרויסע "פייער־טעפ", און האבן אויסגעקוקט אויף א קונה ווי מיט ליכט. ווי גיך עס פלעגט זיך באווייזן א פויער אדער א פויערטע פון דארף, פלעגן באלד אויפשפרינגען די קרעמער מיט די קרעמערקעס פון זייערע ערטער און נעמען שלעפן דעם גוי אדער די גויע ביי די פאלעס, יעדערער צו זיך אין קרעמל. אבער איז די גרויסע מערק־טעג, און ווער רעדט נאך אין די יערלעכע יארידן, ווען הונדערטער פויערים פלעגן זיך צונויפארן פון די ארומיקע דערפער צו פארקויפן זייערע דארפישע פראדוקטן און פארן אפגעלייזטן געלט איינקויפן "שטאטישע סחורות", דאמאלסט האט מען שוין געשעפט פרנסה ממש מיטן לעפל; דעמאלט האבן שוין געסטאיעט געגוג גויים פאר אלע יידישע קרעמער.

דאגעגן האט דאס קליינע, שטילע פארשטעטעלע זאסטאוויע, וואס איז געלעגן אין אן "אדעלינע", אויף יענער זייט בריקן, ניט געהאט קיין זאך מיט וואס זיך איבערצונעמען. געלעגן איז עס אין א טאל, איינגאנצן אן א זייט, ווי א פארגעסענע פון גאט און פון לייט. אירע עטלעכע צענדליק שיטערע, צעווארפענע שטיבלעך, מיט די שטרויענע און שינדלנע דעכלעך, האט מען קוים ארויסגעזען. געלעבט האבן דא בסך הכל ארום פינף הונדערט נפשות. פארמאגט האט עס ניט מער ווי צוויי קליינינקע בתי־מדרשים און מיט להבדיל אן אלטער קהלשער באד, וואס האט זיך געהאלטן ווי אויף משקולת, אזוי אז ווען מען איז אריין און ארויס פון איר בשלום מיט גאנצע ביינער, האט מען געדארפט גומל־בענטשן . . . און כלי־קודש האט עס אויך פארמאגט ניט מער ווי א מורא הוראה (דיין), א שוחט, מיט א דריי־פיר דרדקי און גמרא מלמדים. און מיט די איבעריקע קהלשע הצטרכותן איז עס שוין געווען איינגאנצן אנגעוויזן אויפן חסד און גנאד פון דער שכנישער "שטאט" קא־מענעץ, וואס האט ווי א הון א קוואקע אויף אירע הינדעלעך, אויסגעשפרייט אירע פליגל אויף די ארומיקע קלענערע ישובים.

* * * * *

צווישן "שטאט" קאמענעץ, וואס האט זיך געהאלטן פאר אן "עיר ואם בישראל" און איר "טאכטער"־שטעטעלע זאסטאוויע, האט קיין באזונדערער "שלום־בית" ניט געהערשט. דאס איז געווען אן אלטע שנאה, ווי עס טרעפט אמאל צווישן אייגענע. דאס איז געווען צוליב "קאראבקע", דער "טאקסע", וואס די קאמענעצער ראשי הקהל פלעגן ארויפלייגן אויף די זאסטאוויער, וואס לויט זייערע רייד, איז אפטמאל ניט געווען על פי יושר . . . אבער גיכער פון אלץ איז די שנאה צווישן זיי געווען צוליבן "שטיקל קרקע" . . . ווארים דאס קליינינקע פארשטעטעלע זאסטאוויע, וואס האט פארמאגט אירע אייגענע כלי קודש, ווי א מורא הוראה, א שוחט און אויך אירע קהלשע אינ־סטיטוציעס, ווי בתי־מדרשים און אויך להבדיל א מרחץ, האט אבער ניט זוכה געווען צו האבן איר אייגענעם "בית החיים" און געמוזט אנקומען מיט אירע מתים צו דער קאמעניצער "חברה קדישא", וואס האט תמיד געהאט די טבע צו שינדן די הויט פון א זאסטאוויער מת . . .

צווייטנס, האבן די קאמענעצער יידן, וואס זיינען מערסטנטייל געווען

סוחרים, קרעמער און בעלי מלאכות, געקוקט פון אויבן אראָפּ אויף די קליינ־שטעטלדיקע זאסטאוויער, ווי זיי וואָלטן טאקע געווען פּראָסטע, מגושמדיקע ישובניקעס, ערד־מענטשן, וואָס ליגן אָפּ דעם גאנצן זומער אין די "אָספּע־רעס", צווישן די בייטן פון אייגענע און געדונגענע גערטנער; קאָרמענען זיך כסדר מיטן שווארצן "ראזעווען" ברויט און מיט גרינע און זויערע אוגער־קעס. און דערפאר טאקע האָט מען זיי א נאָמען געגעבן "זאסטאוויער אוגערקעס"...

פון דער צווייטער זייט, האָבן די זאסטאוויער געקוקט אויף די קאָ־מענעצער, ווי אויף אָמתע פוסטע־פּאסניקעס, שטעקל־דרייער, קרעמערס מיט ק־עמערשע נשמות, וואָס האָבן א טבע צו שינדן די הויט פונם אָרימען קונה... און דערצו נאָך זיינען זיי אזעלכע גרויסע נאשערס, אמתע זלל וסובאניקעס, וואָס פארגינען זיך צו עסן, אפילו אין דער וואָכן, פּלעצל מיט מאָן... און פארן רופן זיי מיט אזא ניט־שיינעם נאָמען ווי "זאסטא־וויער אוגערקעס", האָבן זיי זיי אָפּגעצאָלט מיט נאָך אן ערגערן, חוזקדיקן צונאָמען — "קאמעניצער סלופּעס", וואָס דאָס האָט זיי געטראָפן אין סאמע זיבעטן ריפּ אריין... דאָס האָט געמיינט צו זאָגן, אז וואָס שייך געלט מעגט איר, גרויס־שטאָטישע, טאקע האָבן פולע, אָנגעשטאָפּטע טייסטערס. אָבער ווען עס קומט צו שכל, צו חכמה, פארמאָגט איר ניט מער וויפל עס האָט אייער גרויס־שפּיציקער "סלופּ" — די היסטאָרישע "באשניא", וואָס שטייט אויפן הויכן בארג און פאררייסט שטענדיק איר נאָז אין דער הויך...

דערפאר אָבער האָבן די זאסטאוויער גופא געלעבט צווישן זיך בשלום. הגם אויך דאָ פלעגט ניט איינמאָל אויסברעכן מחלוקתן, קריגערייען, ווי למשל, שבת און יום־טוב איבער אן "עליה": שמחת תורה, איבער א פּסוק "אתה הראית", איבער א הקפה, אָדער גאָר להבדיל צוליב א "מעזשע", א שטיקל ערד וואָס איין שכן האָט מיט זיין אקער, צי מיט זיין גדר (א פּלויט) פארנומען ביים צווייטן שכן, אָדער א פרעמדע בהמה האָט זיך ארייננגעגנבעט צו אים אין גאָרטן און אָנגעמאכט א חורבן: צעטראָטן די "כמעליעניעס" פון די יונגענקע אוגערקעלעך, אָפּגעגעסן די "באָטשווינע" פון די בוריקלעך און מערעלעך. דעמאָלט פלעגן שוין פליען הייסע, פייערדיקע פעטש, וואָס האָבן אָפּגע־קלונגען אזש אין דער "גוישער גאס"...

עס האָט אָבער ניט געדויערט לאנג ווי מען איז באלד צוריק שלום געוואָרן, ווי עס איז דער שטייגער צווישן שכנים, צווישן אייגענע, וואָס האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט איניינעם, אויף דער אייגענער מאמע־ערד.

די מתים־גאס

שטעטעלע זאסטאוויע, וואָס האָט שטענדיק געהאַט תרעומות אויף דער שכנישער שטאָט קאַמעניץ, וואָס באַהאַנדלט זי ווי אַ שטיפמוטער, האָט אַליין אויך היבשלעך אונטערגעזינדיקט קעגן אירע אייגענע ברידער־זאַס־טאַוויער, וועלכע זי האָט איינגעטיילט אויף צוויי באַזונדערע קלאַסן, אויף מיוחסים און נחות־דרגאַניקעס, ווי צום ביישפּיל:

שטעטעל זאַסטאַוויע איז באַשטאַנען פון איין לאַנגער הויפּט־גאַס, מיט אַ דריי־פיר קלענערע הינטער־געסלעך. די הויפּט־גאַס האָט זיך געהאַט געצויגן פון מזרח, פון טייך לעשנאַ, ביז העט־ווייט צו די "וועטראַקעס", די ווינט־מילן, וואָס האָבן זיך געפונען אין מערב־זייט פון שטעטל. אין סאַמען מיטן פון אָט דעם לאַנגן, ברייטן "דרך המלך", האָט דורכגעשניטן אַ גראָבן, אַ קאַנאַווע, וואָס איז פון אויבן געווען באַדעקט מיט אַ צעלעכערטן בריקל, און האָט צעטיילט זאַסטאַוויע ווי אויף צוויי באַזונדערע שטעטלעך, וואָס לויט זייער כאַראַקטער זיינען זיי געווען ווייט איינס פון אַנדערן, ווי מזרח פון מערב.

די "ערשטע" גאַס, וואָס איז געלעגן פון די מילן ביז גראָבן, האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם אויבערשטן פון שטייסל. דאָ האָבן געוווינט די סאַמע "פּני העיר", די רעדל־פירער, די קהלשע פאַרזאָרגער, די גרויסע יאַבעדניקעס, וואָס האָבן ניט געקאָנט פאַרליידן קיין עוולות.

האָט ווען עס איז די "גויישע גאַס" זיך "צעכרוקעט", וואָס דאָס האָט שוין ניט איינמאָל געהאַט געטראָפן, און געוואָלט צונעמען פאַר זיך דעם גאַנצן "וויהאָן", די קהלשע פּאַשע־פעלד, האָבן אַלע זיך באַלד געגעבן אַ שטעל אויף, ווי איין מאַן, און זיינען אַרויס אין אַ מלחמה קעגן דער גויישער גאַס, ביז זיי האָבן אָפּגעראַטעוועט דעם וויהאָן פאַר די יידישע בהמות. האָט מען צוליב אַ וויכטיקן קהלשן עניין געדאַרפט פאָרן קיין גראָדנע, אין דער גובערניע, אָדער אַזש קיין פּעטערסבורג אָפּצושרייען אַ גזירה, איז מען גע־פאָרן. האָט אַמאָל אַ צעיושעטער גוי געהאַט פאַרטשעפּעט אַ יידן, איז ער פון זייערע הענט שוין ניט אַרויס מיט קיין גאַנצע ביינער. עס איז, ברוך השם, געווען ווער עס זאָל זיך איינשטעלן פאַרן יידישן כבוד. וואָרים דאָ האָבן געלעבט אַ חברה יונגע, געזונטע יאַטן, וואָס האָבן זיך ניט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע. ווען נאָר מ'האָט געדאַרפט, איז געווען ווער ס'זאָל דערלאַנגען אַ גע־שמאַקן טערעבעניץ, אַן אמתן "מתנת יד"...

דאגעגען אבער, אין דער "צווייטער" גאס, וואס איז געלעגן אויף יענער זייט גראבן מיטן הילצערנעם בריקל, און וואס האט זיך געהאט געצויגן ביז צום סאמע ברעג טייך, איז שוין געווען גאר אן אנדער שטעטל, מיט אנדערע מענטשן. דארטן האבן געוווינט די מער מיושבדיקע באלעבאטים, באיארנטע יידן, א טייל מיט שניי־ווייסע בערד און פאות, מיט זיידענע פארגארטלטע קאפאטעס. זיי זיינען געגאנגען מיט שטילע, געמאסטענע טריט, געוועדט שטיל, באזאכט, ווי ס'פאסט פאר גאטספארכטיקע שבת־יידן. זיי האבן א סך געדאוונט, א סך געלערנט, האבן זיך אפגעגעבן מער מיט עולם הבא איידער מיט עולם הזה. דערפאר האט מען זיי א נאמען געגעבן די מתים־גאס. און אז די זאסטאוויער לצים, מיט זייערע שארפע צינגלעך, ניט געדאכט זאלן זיי ווערן, האבן עמיצן באטיטולט מיט א צונאמען, איז דאס טאקע געווען ווי אנגעמאסטן. ווארים אין פארגלייך מיט דער "ערשטער" זאסטאוויע וווּ עס האט שטענדיק געברויזט מיט לעבן, האט אין דער "צווייטער" זאסטאוויע געהערשט א שטילקייט ווי אויף א בית־עולם. זעלטן ווען ס'איז דארט פארגעקומען א גרויסע מחלוקת, צי א געשלעגעריי. אפילו די פאר "שקצים", וואס האבן זיך דארט געפונען, האבן אויך ניט געהאט דעם מוט און אויך עפעס מורא געהאט צו פארפירן א דראקע . . . אפשר האט זיך דאס גענומען דערפון וואס אין אט דער דאזיקער "מתים־גאס" האט געוווינט דער אלטער מורה הוראה, ר' לייזער ווערלוול, וואס איז געזעסן יום־ולילה אין בית־מדרש על התורה ועל העבודה, איז ווער וועט עס וואגן צו קריגן זיך און חס ושלום צו שלאגן זיך אין דער אנוועזנהייט פון אזא צדיק תמים? איז טאקע דארט געווען שא־שטיל, ווי עס פאסט פאר א מתים־גאס . . .

האבן ביידע גאסן זיך געלעבט אפגעזונדערט איינע פון דער אנדערער, ווי זיי וואלטן זיך געווען אנגעהערט צו צוויי באזונדערע, פרעמדע שבטים. די, פון דער ערשטער גאס, האבן זיך געטוליעט צו זייער בית־מדרש "החדש", און די "מתים" פון דער צווייטער גאס — צו זייער בית מדרש "הישן". אט די דאזיקע אפגעזונדערטקייט איז שוין געהאט דערגאנגען אזוי ווייט, אז אפילו די קינדער פונם זעלבן שמשטל האבן זאלטן זיך געחברט מיט די קינדער פון דער מתים־גאס. און אייך איז זייער זעלטן ווען געשלאסן געווארן א שידוך צווישן א בחור פון דער גאס מיט א מיידל פון דער מתים־גאס, ווי שיין, ווי רייך און ווי געלערנט די כלה־מיידל זאל ניט געווען זיין. און אזוי אויך פארקערט.

פאר דער וועלט איז טאקע שטעטלע זאסטאוויע געווען פארערכנט פאר איין שטעטל, אבער אין דער אמתן זיינען דאס געווען צוויי באזונדערע שטעטלעך, אדער בעסער געזאגט: א שטעטל אין א שטעטל, וואס איינע האט ניט געקענט פארטראגן דער אנדערער. א, וואס האט שוין ניט געהאט אויסגעטראכט "די ערשטע" זאסטאוויע אויף איר "שוועסטער", דער "צווייטער" זאסטאוויע? האט זי אנגערופן מיט כלערליי צונאמענס, אז ס'איז ממש א חרפה צו דערציילן, ווי למשל, כניאקעס, באנק־קוועטשערס, אויסגעווייקטע הערינג, אויסגערויכערטע ליולקעס, טאבעק־שמעקערס, זיידענע קאפאטעס,

שמן־זיתדיקע יידעלעך און נאָך אזעלכע ענלעכע מיאוסע צונאָמענס . . . פאַר אזעלכע זילזולים און באַליידיקונגען, האָט שוין אפילו די מתים־גאַס ניט געקאָנט שווייגן: זי האָט זיי אָפּגעצאָלט מידה כנגד מידה, מיט נאָך ערגערע און מיאוסערע נעמען: גראָבע יונגען, עם הארצים, פּויערים, פערד־שמייסער, יאַבעדניקעס, אוחז־בידניקעס און נאָך און נאָך אזעלכע כפל־שמונהדיקע נעמען.

דערפאַר ווען מען האָט געדאַרפט גיין אָפּשרייען א גזירה אויף יידן, אָדער גיין פּראָטעסטירן קעגן אן עוולה פונם קאָמעניצער "ועד הקהל", צי קעגן די קאָמעניצער "חברה קדישא", וואָס האָט גענאָט א טבע צו "רייסן פּאַסן" פון א זאַסטאַוויער מת . . . דעמאָלט איז אויפגעשטאַנען די "ערשטע" זאַסטאַוויע ווי איין מאַן, געקומען און אַרויסגעריסן די באַלעבאַטים פון דער "מתים־גאַס" פון זייערע הייזער און פונם בית־מדרש, און אַלע צוזאַמען זיינען אַוועק אין "שטאָט" אויסקעמפן זייער רעכט. אָבער ווי גיך מ'האָט אויסגעפירט וואָס מ'האָט געדאַרפט, איז מען זיך ווידער צעגאַנגען ווי פרעמדע. די אין זייער "ערשטער" גאַס און די צוריק אין דער מתים־גאַס . . .

ערשט מיטן אָנקומען פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס האָט, ווי א וואַלד־שריפה, זיך געהאַט פאַרשפּרייט איבער אַלע שטעט און שטעטלעך פונם יידישן "תחום המושב", און איז שוין אויך געהאַט דערגאַנגען צום פאַרוואָרפענעם שטעטעלע זאַסטאַוויע, ווו ס'האָט זיך אָנגעהויבן א גאַנצע "סדרה" מיט "סאָבראַניעס", "סכאָדקעס", אונטערערדישע פאַרזאַמלונגען, ווי ביי לייטן, כדי וואָס גיכער אַראָפּצוּוואַרפן דעם צאַר ניקאָליי השני פון זיין טראָן, און איינפירן די "סוואָבאָדאַ", ערשט דעמאָלט, נאָר א דאַנק דער רוסישער רעוואָלוציע, איז געוואָרן שלום צווישן דער לעבעדיקער זאַסטאַוויע מיט דער זאַסטאַוויע פון דער מתים־גאַס.

אָבער, למען האמת, כדי צו זיין היסטאָריש מער פּינקטלעכער, דאַרף דאָ אויך געזאָגט ווערן, אז דער דאָזיקער "שלום בית", וואָס איז ענדלעך געשלאָסן געוואָרן צווישן די ביידע "שטעטעלעך" זאַסטאַוויע, איז דאָס ניט געווען בלויז אין זכות פון דער רוסישער רעוואָלוציע. נאָר גיכער פון אַלץ אין זכות פון די עכט שפּאַנענדיקע און פאַרכאַפּנדיקע יידישע און רוסישע ראָמאַנען, אויף וועלכע די שטעטלשע בחורים און מיידלעך האָבן זיך געהאַט אַרויפגעוואָרפן מיט לייב און לעבן און זיי געשלונגען ממש ווי די האַלעשקעס . . . נאָר א דאַנק אָט די דאָזיקע האַרץ־פאַרכאַפּנדיקע ראָמאַנען, האָבן זיך אָנגעהויבן שפּינען און וועבן צווישן זיי אמתע ראָמאַנען, מיט אמתע ברענענדיקע און צאַפּלדיקע ליבעס . . . אזוי אַרום איז ענדלעך צושטאַנד געקומען דער שוין פון לאַנג געגאַרטער שלום צווישן די צוויי פאַרקריגטע "שטעטלעך" און עס איז מיט מזל צוריק געוואָרן איין שטעטעלע זאַסטאַוויע.

דער טייך

צווישן שטעטעלע זאסטאוויע און שטאָט קאמעניץ איז אויך אָנגעגאנגען אַ אַלטע מחלוקת איבער דעם טייך לעשנא. די זאסטאוויער האָבן געהאלטן, אַז דער טייך איז אינגאנצן זייערער. די קאמעניצער האָבן געטענהט פונקט פאַרקערט, אַז ער געהערט נאָר צו זיי, א סימן, דער מרא דאתרא, דער רב זייערער, זאָל מאריך ימים זיין, ווען ער שרייבט א גט פטורין, שרייבט ער אריין "על נהר לעשנא", ווי דער דין איז. אָבער שטעטעלע זאסטאוויע, ניט עס האָט א באַזונדערן רב און ניט עס שרייבט גטן על נהר לעשנא. טאָ ווי אזוי קען עס גאָר זאָגן, אַז דער טייך איז אירער? . .

דערפאר אָבער, זומער־לעבן, פרייטיק נאָך א האלבן טאָג, ווען שטאָט קאמעניץ האָט אראָפּגענידערט פון איר הויכן בארג, מאַנצבילן באַזונדער און ווייבער באַזונדער, און איז צוגעקומען צום ברעג טייך, און שטעטעלע זאס־טאוויע פון דער צווייטער זייט טייך, זיך אויסבאָדן, זיך אויסטובלען לכבוד שבת, דעמאָלסט, אינם זכות פונם הייליקן שבת, האָבן ביידע פאַרקריגטע צדדים געמוזט מודה זיין, אַז דער טייך איז טאקע א בשותפותדיקער.

אָבער אויך אפילו דענסטמאָל, פלעגן שטאָט און שטעטל זיך באַלד צעטיילן אויף צוויי באַזונדערע מחנות, און גענומען זיך פאַרמעסטן ווער וועמען ס'וועט אריבעריאָגן אין שווימען, אין "לייגן־קלאפּטער", און ווער פון זיי ס'וועט זיך קאָנען אראָפּלאָזן אויפן סאמע דנאָ פון דער גרויסער, מוראדיקער "קעסל־גרוב" און ארויפקומען מיט א שטיין אין האנט, צי מיט אן אנדער סימן, אַז ער האָט ווירקלעך באַטראָטן מיט די פיס דעם טיפן אָפּגרונט זיינעם.

אָ, ווער ס'האָט ניט געזען אָט יענע פרייליכע פרייטיק פאַרנאכטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפילט ביים טייך, דער וועט שוין קיינמאָל ניט פאַרשטיין די גרויסע שמחה פון א ניצחון! די זיגרייכע געשרייען און געלעכטערס פון איין צד אויפן חשבון פונם צווייטן, האָבן זיך געהאט צעטראָגן העט־ווייט איבער די לאָנקעס און איבער די אָלשינע וועלדלעך, וואָס האָבן זיך געפונען ביי זיין ברעג. ביז די זון, א פלאמיק־רויטע, מיט א פנים ווי פון דער שבת־מלכה, האָט גענומען זיך ארונטערלאָזן אלץ נידעריקער צום טייך און דער טייך איז גע־ווען באַקליידט מיט א שבתדיקן פורפור־מאנטל. דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן אויסלעשן די פרייליכע געשרייען און די געלעכטערס. איטלעכער האָט זיך גענומען איילן אהיים, כדי חלילה ניט צו פאַרשפּעטיקן צו קבלת־שבת . . .

* * * * *

ווען די לעבעדיקע, צאַפּלדיקע פיש אינם טייך לעשנא, וואָס האָבן געשמט איז דער גאַנצער געגנט מיט זייער געשמאַקן טעם, וואָלטן געקאָנט ריידן, וואָלטן זיי געוויס געוועזן אָפּגעגעבן אַ גבית עדות, אַז דער טייך לעשנא געהערט אויסשליסלעך צו די זאַסטאַוויער. וואָרים שוין לאַנג ווי זיי זיינען אַנטלאָפן פון די קאַמעניצער ברעגן און ניט געוואָלט אפילו אַהין אַ שמעק טאָן. און שולדיק איז דעם זיינען געווען די קאַמעניצער אַליין.

ערשטנס, האָבן די קאַמעניצער בעלי־עגלות געהאַט אַ טבע צו פירן "אָנפּאָיען" זייערע פערד דווקא צום טייך. און פאַר איין וועגס, האָבן זיי זיי שוין דאָרטן געבאָדן, געוואַשן און געצוואָגן און זיי געקעמט מיט אַזעלכע אייזערנע בערשט, און מיט דעם שטאַרק צעבושעט דאָס וואַסער אין טייך, פון וואָס די פיש איז ניט צוגעקומען קיין איבעריקן געזונט . . .

צווייטנס, האָבן די קאַמעניצער וואַסער־טרעגער און וואַסער־פירער געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג, פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, אין איין קומען צום טייך אָנצופילן זייערע עמערס און זייערע באָטשקעס (פעסער) מיט וואַסער, כדי די שטאָט, וואָס איז געשטאַנען אויפן הויכן באַרג, זאָל האָבן גענוג צום טרינקען. פאַרשטייט זיך, אַז די פיש האָבן דאָס ניט געקאָנט דולדן, וואָס מען האַלט זיי אַלע ווײַלע אין איין שטערן זייער רו.

און דריטנס, וואָס דאָס איז שוין געווען פאַר זיי דאָס ערגסטע: אָרימע ווייבער און דינסט־מיידלעך פון די רייכע גבירטעס, פלעגן יעדער מאָנטיק און דאָנערשטיק קומען צום טייך וואַשן זייערע געפּעק וועש, צעלייגן פייערן אונטער די גרויסע, בלעכענע און קופּערנע קעסלען, אויף אויסצוקאָכן דאָס גרעט. דער גאַנצער ברעג איז דעמאָלט באַדעקט געוואָרן מיט זיילן־רויך, וואָס האָבן זיך געהאַט צעשפּרייט העט־ווייט איבערן פּנים פונם טייך. דערצו נאָך פלעגן זיי קלאַפּן און טראַסקען איבער יעדער שטיקל וועש מיט אַזעלכע גרויסע, שווערע, הילצערנע פּראַטשעס, און אָנגעמאַכט אַזעלכע קולות, וואָס האָבן אָנגעיאָגט אַ טויט־שרעק אויף די פיש אין וואַסער. זיינען די פיש געוואָרן גוט אין כעס, ביז אין איין שיינעם פרימאָרגן האָבן זיי פאַרקירעוועט דעם דישל און אריבערגעשווומען אינגאַנצן אויף דער זאַסטאַוויער זייט. דאָרטן האָבן זיי ערשט אָפּגעלעבט — קיינער האָט זיי דאָרט ניט געשטערט, קיינער האָט זיי ניט באַאומרויִקט. און טאַקע דאָרט האָבן זיי ערשט אָנגעהויבן זיך צו פרוכפּערן און זיך צו מערן וויפל נאָר זייער האַרץ האָט געגלוסט.

אָבער פון דער דאָזיקער פיש־איבערוואַנדערונג האָבן די זאַסטאַוויער יידן קיין סך ניט גענאָסן. וואָרים וועלכער ייד וועט זיך דאָס אונטערנעמען צו גיין ווערן אַ פישער, כאַפּן פיש מיט אַ ווענטקע צי אפילו מיט אַ נעץ? דאָס איז אַן אַרבעט פאַר אַ גוי . . . איז, ווי אַלעמאָל, יעדער ערב שבת און יעדער ערב יום־טוב, ווען אַ ייד גלוסט זיך אַזוי שטאַרק צו געניסן כאָטש אַ שטיקעלע פיש, כדי מקיים צו זיין די מצווה פון "בשר ודגים וכל מטעמים", האָט מען נאָך אַלץ געדאַרפט אָנקומען צום פישער פון דער גוייִשער גאַס נאָך זיין בינטעלע פיש.

אבער די "שטאָטישע" קאַמעניצער יידן, די אמתע זולל וסובאניקעס, פלעגן יעדער פרייטיק אינדערפרי קומען צו לויפן, אָפּשטיין שעהן לאַנג אויף די בריקן, האַלטן אין איין "טשאַטעווען" אויפן גויישן פישער און צוכאַפּן ביי אים די צאַפּלדיקע פיש ממש פון אונטער די הענט פון די זאַסטאַוויער ווייבער, וואָס האָבן שוין לאַנג געהאַט א חזקה אויף זייער שכנישן, גויישן פישער . . .

די דערצאָרנטע זאַסטאַוויער יידענעס פלעגן דאַן אַרויסבאַגלייטן די קאַמעניצער פרעסערס פון זייער גבול מיט קללות און חרמות, אַז דער עונג שבת זייערער זאָל זיי אויספּאַלן באַקאַם; אַז א פיש־ביינדל זאָל זיך זיי שטעלן אינם טריפענעם האַלדז . . . און נאָך אַזעלכע "געשמאַקע" קללות.

ס'האָט שוין אָבער ניט איינמאָל געטראָפן ווען גאַנץ שטעטעלע זאַסטאַוויע איז שיר ניט פאַרפלייצט געוואָרן מיט פיש. דאָס פלעגט געשען אין סאַמע רעכטן מיטן ווינטער, ווען ס'איז פּלוצלונג געוואָרן אַן "אָדעליגע", דער געדיכטער שניי האָט אָנגעהויבן שמעלצן, ס'האָט גענומען קאַפּען פון די דעכער און די פיש אונטערן פאַרפראָרענעם טייך איז געוואָרן שטאַרק דושנע, אַזוי אַז ס'האָט זיי פּראָסט און פּשוט פאַרפעלט לופט מיט וואָס צו אָטעמען. פלעגן זיי זיך צונויפנעמען מאַסנווייז און מיט אַלע כוחות דורכברעכן דעם דיקן אייז און אָנהייבן זיך שפּאַרן אינדרויסן אַרויס.

באַלד האָט זיך די גוטע נייעס צעטראָגן איבערן שטעטל. עס איז געוואָרן א גדולה, א שמחה, און אַלע איינער נאָכן אַנדערן האָבן געשריען:

— א פּראָדוכע! א פּראָדוכע!

איטלעכער האָט באַלד געוואָרפן זיין אַרבעט און אַלע ווי איינער האָבן געכאַפּט ווער א טאָפּ, ווער אַן עמער און ווער א באַליע — וואָס נאָר ס'איז זיי געקומען אין האַנט אַריין, און אַוועקגעלאָפן מיט דעם צום טייך, ווי עס וואָלט זיך דאָרט פּלוצלונג אַנטפּלעקט פאַר זיי אַן אוצר. עס איז גאָרנישט ניט צו באַשרייבן וואָס ער האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן ביי אָט דער דאָזיקער פּראָדוכע! יונג און אַלט, קליין און גרויס, האָבן ממש מיט די הוילע הענט אָנגעשעפּט פולע הויפנס מיט פיש. און ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט מען אָנגעצונדן שטורקאַצן און פאַרן ליכט פון די פלאַקערדיקע שטורקאַצן, האָט מען א גאַנצע נאַכט געהאַלטן אין איין זאַמלען די גרויסע, לעבעדיקע, צאַפּלדיקע פיש, נאָס האָבן זיך ממש ווי געבעטן, אַז מ'זאָל זיך אויף זיי דערבאַרימען און וואָס גיכער זיי אַרויסראַטעווען פון זייער הייסן אייז־גיהנום.

באַלד האָבן יידן, און אויך להבדיל גויים, געשפּאַנט פערד און וועגע־נער, אַרויפגעשטעלט די פולע קאַשיקעס, עמערס און באַליעס מיט פיש און מיט זיי "אַוועקגעפּאַטשט" אין די שכנישע שטעטלעך, וו מ'האָט באַלד צע־כאַפּט די "מזלדיקע" פיש, ווי מצה־וואַסער.

פון אָט דעם דאָזיקן "מזל דגים", מיט וואָס דער רבונו של עולם האָט געהאַט געבענטשט מיט זיין פולער האַנט די זאַסטאַוויער יידן, האָבן שוין אויך געהאַט גענאָסן די קאַמעניצער יידן, ווייל מען איז דאָך עפּעס פאָרט אחינו בני ישראל, קינדער פון אברהם, יצחק ויעקב, ווי זאָגט איר, ניט אַזוי?

יידישע גאס און גוישע גאס

מען קאן זאגן, אז צווישן שטעטלע זאסטאוויע מיט אירע שכנים פון דער "גוישער גאס", האט תמיד געהערשט "שלום בית". גאנץ אפט פלעגט א ייד כאפן ביים רייכן מעשטשאן פון דער גוישער גאס א גמילות חסד צו האבן מיט וואס ארויסצוגיין דאנערשטיק אויפן מארק, צו פארדינען עפעס אויף שבת. ווו א צרה און ווו אן אומגליק, פלעגט דער גוי באלד קומען צו לויפן צום יידן, דעם שכן, זיך שואל עצה צו זיין.

זומער, ווען עס פלעגט אויסברעכן א שריפה אין שטעטל, און עס איז געווען א געפאר, אז אלע יידישע הייזלעך מיט די שטרויענע און שינדלענע דעכלעך זאלן חלילה אוועקגיין מיטן פייער, פלעגט באלד קומען צו לויפן די גוישע גאס מיט עמערס און מיט באטשקעס, מיט העק און מיט בארסיקעס, און נעמען לעשן די יידישע שריפה. און אזוי אויך פארקערט, די יידישע גאס פלעגט לויפן ראטעווען זייערע גוישע שכנים. ווי האט דען אנדערש געקאנט זיין?

אבער פונקט ווי דער טייך לעשנא פלעגט איינמאל אין יאר, פריילינג־צייט, פלוצלונג זיך צעשטורעמען און פארטרינקען די ארומיקע לאנקעס און גערטנער, און אוועקשלעפן די בריקן מיטן שטראם, אזוי אויך פלעגט ניט איינמאל אויסברעכן א קריגעריי, א געשלעג צווישן דער גוישער גאס און דער יידישער גאס, וואס פלעגט צעשטערן די שטענדיקע אידילישע שטילקייט פונם שטעטלע.

דאס פלעגט געשען מערסטנטייל צוליב דעם וויהאן, דעם קהלשן שטיקל פאשע־פעלד, איבער וועלכן ס'איז אנגעגאנגען אן אלטער סכסוך, וואס איז כדאי צו באשרייבן.

כידוע איז שטעטלע זאסטאוויע געווען אמאל, לויט ווי עס איז געווען פארשריבן אין אלטע פנקסים און לויט ווי אלטע־לייט פלעגן דערציילן, אינגאנצן א יידיש־פויערים שטעטל. די גאנצע סביבה מיט אירע פעלדער, גערטנער און לאנקעס האבן געהערט דורכוים צו יידישע באלעבאטים, וואס זיינען פון קדמונים אן געווען ערד־מענטשן. נאר מיט דער צייט, אין פארלויף פון יארן, איז די יידישע ערד איבערגעגאנגען אין גוישע הענט, צוליב די און אנדערע סיבות: האט אן ארימער יידישער פויער געדארפט טאן א שידוך מיט א טאכטער, איז ער געצוואונגען געווען צו פארקויפן זיין שטיקל פעלד, אדער זיין גארטן, צו א גוי און מיט דעם געלט געסילוקט דעם צוגעזאגטן נדן און

געפראוועט די חתונה מיט די "שבע ברכות"; האט דער זון ניט געוואלט גיין דינען דעם רוסישן קייסער און געדארפט אנטלויפן אזש קיין אמעריקע, האט מען, בלית ברירה, געמוזט אפשניידן א פאס־ערד און עס פארקויפט צום שכנישן גוי; האבן אונטערגעוואקסענע זין און טעכטער זיך ארויסגעלאזט זוכן גליקן ערגעץ אין די מרחקים, און די אלטע טאטע־מאמע האבן שוין אליין מער קיין כוח ניט געהאט נאכצוגיין נאכן אקער, האט מען ווידער דאס לעצטע שטיקל פעלד געמוזט פארקויפן צום שכנישן מעשטשאן און מיטן געלט זיך געשפייזט דאס ביסל געשענקטע יארן. אזוי ארום איז ביסלעכווייז די יידישע ערד אריינגעפאלן אין גוישע הענט.

שטעטעלע זאסטאוויע האט אויך פארמאגט א גרויסן וויהאן, א קהלשן פאשע־פעלד, וואס לויט אן אלטער לעגענדע האט ער אמאל באלאנגט צו א רייכן יידישן פריץ, וואס האט אים אוועקגעשענקט דעם שטעטל. יארן־לאנג האבן זיך דארט געפאשעט יידישע בהמות איניינעם מיט גוישע חזירים. אבער די "יחסנישע" שאף און רינדער זייערע, האבן די מעשטשאנעס ניט געוואלט, אז זיי זאלן זיך פאשען צוזאמען מיט די יידישע בהמות אויף דעם ארעמען "זשידאווסקין וויהאן", ווי זיי האבן אים גערופן, נאר געפאשעט זיי באזונדער אויף זייערע רייכע, פעטע פאשע־פעלדער. הגם די חזירים מיט זייערע געזונטע, חזירשע שנוקעס, פלעגן דעם יידישן וויהאן צעראיען, אויסמישן אים מיט דער ערד צוגלייך, פונדעסטוועגן האבן די יידן געשוויגן — א ברירה האט מען געהאט, מען איז דאך עפעס אין גלות ! . .

אבער וואס מער די גוישע גאס האט זיך גענומען אויסשפרייטן אויפן חשבון פון דער יידישער גאס, אלץ מער האבן די גויים אנגעהויבן ווערן ביי זיך האפערדיקער און חוצפהדיקער. זיי האבן גענומען זוכן כלערליי עצות ותחבולות ווי צו פארכאפן אינגאנצן פאר זיך דאס איינציקע שטיקל יידישע פאשע־פעלד, אזוי אז קיין יידישע בהמה זאל מער אהין ניט האבן קיין דריסת הרגל. פלעגן זיי ניט איינמאל זיך באוואפענען מיט דובינעס, מיט ווילקעס און מיט קאסעס, און ארויסגיין אין א מלחמה קעגן די יידישע "סקאטינעס"‎. . . די זאסטאוויער יידן אבער, וואס זיינען אויך ניט געווען קיין "שיפע זיבעלעך"‎, פלעגן זיך אויך באוואפענען מיטן כלי־זין פון "הידים ידי עשו" און אויך אבוים אין מלחמה קעגן דער גוישער גאס. בלוט האט זיך דעמאלט געגאסן פון ביידע צדדים. יידן זיינען געגאנגען ווי אויף "קידוש־השם"‎, ווי אויף א "מלחמת־מצווה"‎, צו פארטיידיקן דעם יידישן כבוד און אויך צו ראטעווען און באשיצן פון גוישע הענט זייערע אומשולדיקע בהמהלעך, וואס מען האט אליין אויסגעהאדעוועט מיט אזויפיל שווערער מי און פראצע.

אבער צום גליק פלעגן אט די דאזיקע מלחמות לאנג ניט געדויערן. דער שטורעם פלעגט זיך איינשטילן — און שטעטל פלעגט באלד צוריק באקומען איר פריערדיקן, נארמאלן, רויקן פנים, ווי קיין זאך וואלט ניט געשען.

* * * * *

א חוץ די אפטע קריגערייען, וואס פלעגן פארקומען צווישן דער גוישער

און יידישער גאס, איבער דעם קהלשן וויהאַן, איז אויך אנגעגאנגען א שטענ־
דיקע "מלחמה" איבער דעם טייך אין שטעטל. "עשום איניקלעד", פון דער
גוישער גאס, האבן געהאלטן, אז דער טייך לעשנא געהערט אינגאנצן צו זיי.
די "קינדער פון ישראל" האבן געטענהט, אז זיי האבן אויך א חלק אינם טייך.

זומער, אין די סאמע הייסע טעג, ווי נאר מען איז פטור געווארן פון
די אומעטיקע "דריי וואכן" און פון די טרויעריקע "ניין טעג", וואס פאר
תשעה־באב, ווען ס'האט זיך אזוי שטארק געגלוסט אריינצוווארפן זיך אין
טייך און כאפן א שווים, פלעגן פלוצים אויסוואקסן, ווי פון אונדער דר'ערד,
די "עמלקים" מיט זייערע בייזע הינט, און באפאלן די יידישע יינגלעך און
אנמאכן צווישן זיי א שרעקלעכע מהומה, אז גאט זאל שומר ומציל זיין!
מילא, וואס שייך די יינגלעך, איז נאך געווען צו דערליידן. ווער ס'האט נאר
געקאנט האט באלד געכאפט זיין נאסן פעקל זאכן און געמאכט פליטה. די
צרה איז אבער געווען, וואס די זעלבע ערלים פלעגן אויך באפאלן די אומ־
שולדיקע "טעכטער פון ישראל", וואס האבן זיך געבאדן אביסל ווייטער. די
פארצווייפלטע געשרייען און די גוואלדן פון די יידישע טעכטער פלעגן זיך
טראגן אזש צום הימל — און ס'איז ניט געווען קיין שופט און קיין ריכטער,
וואס זאל זיך איינשטעלן פאר זיי. אזוי איז געווען יאר־איין, יאר־אויס.

די יידישע קינדער האבן שוין ניט איינמאל געפרוווט שליסן שלום מיט
זייערע שונאים פון דער גוישער גאס; זיי געצאלט "מס", "קאנטריבוציע",
וואס איז על פי רוב באשטאנען פון שטיקער געשמאקן פרייטיקדיקן קארטאפל־
טייגעכץ, פרישע בולקעלעך, פלעצלעך מיט ציבעלעס און מיט מאן, אבי צו
פארשטאפן זיי דאס מויל און לאזן די יידישע קינדער אויך געניסן כאטש
אביסעלע עולם הזה . . . איז כל־זמן די פאסטוכער־שקצים האבן זיך געלאזט
ווילגיין מיט די יידישע מתנות, האבן דערווייל יעקב אבינום איניקלעך אריינ־
געכאפט א רויקן שווים אין טייך . . . ווי גיך אבער די גוימלעך האבן מיט
זייער וואלפישן אפעטיט פארצערט די שבתדיקע חלה מיט די געשמאקע פלעצ־
לעך מיט מאן, האבן זיי באלד פארגעסן אויפן "ברית אחים", אויפן "ברידער־
לעכן בונד", וואס זיי האבן אקארשט געהאט געשלאסן מיט "די קינדער פון
ישראל" ,און נאך מיט מער ווילדקייט און מיט נאך מער רציחה זיך ארויפ־
געווארפן אויף זיי . . . אזוי האט זיך דאס געהאט געצויגן יאר־איין, יאר־אויס.
אבער מיט דער צייט איז אויפגעשטאנען א נייער דור יידישע קינדער,
וואס האבן זיך שוין מער ניט געלאזט שפייען אין דער קאשע. זיי האבן זיך
גענומען אננעמען די קריוודע פארן יידישן כבוד, אפילו ווען מ'וועט דארפן
איינשטעלן דאס אייגענע לעבן.

דאס איז געווען צו פארדאנקען די צוויי אמתע חברה־לייט, חיים־
וועלוועלע שמדאלניק און אריה־לייבעלע מזיק, ביידע מיט שארפע גמרא־
קעפלעך, וואס זיינען געווען די פירער און די גאנצע בעלי דעה־זאגערס איבער
דער מחנה יינגלעך פון דער יידישער גאס. אז זיי האט קיינער ניט געטארט
אויפהויבן קיין האנט און סיין פוס. זיי האבן גענומען איינטענהן מיט זייערע
"אונטערגעארדנטע" בזה הלשון:

— אָ, ווי לאַנג וועלן מיר זיך לאָזן טרעטן פון די שונאים פונם יידישן פאָלק?! שוין צייט צו מאַכן א סוף צום פינצטערן יידישן גלות! קומט, ברידער, לאָמיר אויפשטיין אלע ווי איינער און באַפרייען די יידישע גאַס, וואָס ליגט, ווי א געפאַנגענע, אין די הענט פון דער גויישער גאַס! . .

לכתחילה האָבן די קינדער אָנגעשטעלט אויף זיי צעשראָקענע אויגן און ניט פאַרשטאַנען וואָס זייערע "פירערס" פאַרלאַנגען פון זיי. וואָס הייסט, זיי וועלן זיך גיין שלאָגן מיט דער גויישער גאַס, פאַר וועלכער זיי האָבן אַזוי שטאַרק געציטערט? אָבער דאָ האָט זיך באַלד גענעבן א שטעל אויף אריה־לייבעלע מזיק, מיט זיינע שקאָצעוואַטע אויגן, און אָנגעהויבן שיטן מיט ראיות און מיט פסוקים פון דער "סוואַרבע" (עשרים וארבע), אַז ס'איז ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן פאַרן שונא. א סימן, אָט האָט דאָך דער קליינינקער פאַסטוכל, דוד המלך, מיט איין שטיינדל פון זיין שטיינוואַרפער, דערהרגעט דעם גרויסן ריז גלית הפלישתי, און זיין גאַנצע מחנה, די פלישתים, וואָס זיינען געווען באַוואָפנט מיט קופּערנע פאַנצערס און שילדן, זיינען זיך צעלאָפן פונם שלאַכטפעלד ווי די מייז. און אויב דאָס איז פאַר אייך נאָך ווייניק, האָט אריה־לייבעלע מזיק ווייטער גערעדט און זיך געהיצט און געקאָכט, וועל איך אייך ברענגען נאָך א ביישפיל פון חנוכה: א קליין הייפעלע חסידים, די חשמונאים־ברידער, האָבן באַזיגט די גרויסע מחנות יוונים, די גריכן. ווי עס שטייט אין "סידור", אינם "על הנסים": "גיבורים ביד חלשים" — די שטאַרקע האָט ער איבערגעענטפערט אין די הענט פון די שוואַכע; "ורבים ביד מעטים" — און די סך אין די הענט פון די ווייניקע . . . דעריבער, חברים, האָט ער אויסגערופן מיט גרויס היץ און מיט צעצונדענע, פייערדיקע אויגן, דאַרפן מיר זיך ניט שרעקן פאַר די ערלים! לאָמיר זיך אָנגורטן מיט מוט און מיט כוח, און דער אויבערשטער וועט זיין אויף אונדזער זייט! . .

חברה, אויסהערנדיק אַזעלכע פייערדיקע רייד, האָט באַלד גענומען מיט גרויס חשק זיך גרייטן צו דער "מלחמת מצווה". די צרה איז אָבער געווען וואָס אין דער "מחנה ישראל" האָט ניט געהערשט קיין אחדות: ר' ישראל לוסקעלערס גמרא־תלמידים האָבן זיך געהאַלטן פאַר גרויסע יחסנים, ווי עס פּאַסט פאַר "באַלעבאַטישע קינדער", האָבן ניט געוואָלט זיך חברן מיט די תלמידים פון ר' שואלקע דעם מלמדס חדר, וואָס זיינען מערסטנטייל באַשטאַנען פון קבצנישע קינדער. און די ביידע "חדרים" האָבן שטאַרק פיינט געהאַט ר' יעקב־מאירס חדר פון דער מתים־גאַס, וואָס אין זייערע אויגן זיינען זיי נאָך געווען ערגער פון קבצנים . . .

חיים־וועלוועלע שמדאַלניק און אריה־לייבעלע מזיק האָבן באַלד אָנגעהויבן "ציען דראָטן", פירן פאַרהאַנדלונגען צווישן די פאַרקריגטע חדרים, געהאַלטן אין איין איינטענהן מיט זיי, אַז איצט, אינם אָנבליק פונם אַלגעמיינעם שונא, דאַרף מען פאַרגעסן אויף אַלע עוולות און קריוודעס, וואָס מען האָט איינע קעגן די אַנדערע, שליסן שלום, מאַכן יד אחת, און מיט פאַראייניקטע כוחות אַרויסגיין קעגן דעם שונא און אים פאַרטיליקן אַזוי, אַז עס זאָל פון אים ניט בלייבן קיין שריד ופליט . . .

נאָך לאַנגע, "דיפּלאָמאַטישע פּאַרהאַנדלונגען" איז ענדלעך געשלאָסן געוואָרן אַ שלום צווישן די אָנפירער פון די דריי אויבנדערמאָנטע חדרים. און כדי דער שלום זאָל זיין אַ שטאַרקער, אַ דויערנדיקער, האָט מען הימל און ערד גענומען פאַר עדות, זיך געשוואָרן "איבער אַ חומש פון גאָט" און איבערגעהאַקט איינע די אַנדערע די הענט מיט אַ הייליקער ציצה פון די "ארבע כנפותן"...

חברה האָט זיך באַלד גענומען צו שלייפן זייערע "כלי זין", וואָס איז באַשטאַנען פון סוקוואַטע שטעקנס, דובינקעס, הילצערנע שווערדלעך, שאַרפע, שפּיציקע שטיינער, פייל און בויגנס, און נאָך אַזעלכע תכסיסי מלחמה.

חיים־וועלוועלע, דער גאַנצער "מושל" איבער די חברה יאַטן, האָט מיט זיין שמדסקען קעפּעלע, זיך דערטראַכט צו גאָר אַ שפּאָגל־נייעם סאָרט געווער, וואָס זינט ס'קומען פאַר מלחמות אויף דער וועלט, האָט מען נאָך ניט געהערט און ניט געזען אַזאַ. דאָס איז די באַרימטע "אייזערנע הענטשקע", וואָס ווערט געמאַכט אויף אַזאַ שטייגער: מען נעמט אַ ברעטעלע, די גרויס פון אַ מענטשלעכע האַנט, מ'קלאַפּט דערין אריין אַ צענדליק שאַרפע נעגל — טשוועקלעך, פוןביידע זייטן ברעטעלע באַפעסטיקט מען מיט שטאַרקע רי־מענדלעך וואָס מען בינדט אַרום אויף דער רעכטער האַנט, ווערט עס אַן אמתע "אייזערנע הענטשקע". דאָס איז שוין איינמאָל אַ כלי־זינדל! ווען מען "פּאַרט" מיט דעם אַריין דעם שונא אין פּנים אַריין, וועט ער שוין קיין תחית־המתים ניט אויפשטיין...

ווי גיך מען איז פאַרטיק געוואָרן מיטן כלי־זין, האָבן די צוויי "ראשי המטות", חיים־וועלוועלע שמדאָלדיק און זיין "שני למלך", אריה־לייבעלע מזיק, צעטיילט דאָס גאַנצע "פאָלק" אויף צוויי גלייכע מחנות, אויסגע־קליבן פון זייער מיט עלטסטע איבער פּינה, עלטסטע איבער צען און עלטסטע איבער צוואַנציק, אַזוי ווי משה רבנו האָט עס געטאָן אין דער סדרה "ויתרו". זיי האָבן אויך באַלד צוגעטראַכט אַ פּאַסיק ליד מיט אַ ספּעציעל געזאַנגל, כדי צו צוגעבן דעם "חיל" זייערן מוט און קוראַזש צו גיין אין שלאַכט קעגן דעם שונא, ווי עס פירט זיך ביי אַלע פעלקער וואָס פירן גרויסע מלחמות... און געזונגען האָט זיך דאָס ליד אַזוי:

אוי, וויי — אַ בראָך צו זיי !
פה להם ולא ידברו,
אַ מויל האָט ער, און קאָן ניט ריידן,
אוי, וויי, אַ שטומען גאָט האָבן זיי !

אוי, וויי — אַ בראָך צו זיי !
עינים להם ולא יראו,
אויגן האָט ער און קאָן ניט זען
אוי, וויי, אַ בלינדן גאָט האָבן זיי ! . .

אַזוי האָט דאָס לידל געהאַט אויסגערעכנט אַלע שיינע מעלות, מ'שטיינס געזאַגט, פון זייער גוייִשן גאָט, און געמאַכט פון אים דעם אמתן

שיינעם סדר־הכל, ווי ער וואלט טאקע געווען נעבעך א וויסטע קאליקע . . .

עס איז געקומען דער באשטימטער טאג פון אנפאנגען די מלחמה. דאס איז געווען א פרייטיק בייטאג ערב שבת נחמו, ווען מ׳איז געווען פריי פון חדר און ווען מ׳האט שוין קוים געהאט דערלעבט צו מעגן זיך באדן. חיים־וועלוועלע, דער "שר צבא", דער הויפט־קאמאנדיר, האט זיך פארשטעקט מיט זיין מחנה אין די קארטשעס פונם אלשינע וועלדל. אריה־לייבעלע, זיין צווייטער קאמאנדיר, איז געלעגן באהאלטן מיט זיין מחנה הינטער מאיר שמידס קוזשניע, און צוזאמען "געלאקערט" אויפן שונא . . . די צוויי יידישע מחנות זיינען געלעגן שטיל, פארטייעט, מיט איינגעהאלטענע אטעמס און געווארט מיט גרויס אומגעדולד אויפן אפגערעדטן סיגנאל פון זייערע "מרגלים", די אויסשפירער, וואס זיי האבן ארויסגעשיקט פארויס צו באגעגנען דעם שונא, ביים ברעג טייך.

ענדלעך האט זיך דערהערט א פייף און א בילעריי פון הינט, וואס איז געווען א סימן, אז דער שונא, דער עמלק, האט זיך באוויזן. חיים־וועלוועלע שמדאלניק און אריה־לייבעלע מזיק האבן באלד געגעבן א סיגנאל צו זייערע חיילות און מיט א געשריי זיך ארויפגעווארפן אויפן שונא און אים גענומען שלאגן מכת רצח. די גוישע מחנה איז באלד געווארן צעטומלט. ווארים אויף אזא פלוצלונגדיקן, אומגעריכטן אנפאל פון די "זשידקעס", האבן זיי זיך ניט געריכט. און איידער זיי זיינען געקומען צו זיך, האט חיים־וועלוועלע מיט זיין אייזערנער הענטשקע זיך ארייננגעריסן אין זייער מיט און זיי געשלאגן אויף רעכטס און אויף לינקס און אנגעמאבט אין זייערע רייען א שרעקלעכן חורבן.

די מלחמה האט זיך צעפלאקערט אין פולן ברען. דער שונא, "עמלק" פון דער גוישער גאס, האט געשריען מיט באנומענע קולות: "בעי זשידאוו!" און די מחנה ישראל פון דער יידישער גאס, האט געשריען מיט אן איבערגעדרייטן פסוק פון דער "סווארבע": ישראל, פלישתים עליך — אנשטאט פלישתים עליך ישראל ! . . די יידן האבן זיך געשלאגן ווי די לייבן און ווי די לעמפערטן, ביז זיי האבן פארטיליקט אינגאנצן זייער בלוטיקן שונא, און זייער איבערבלייב איז אנטלאפן פון שלאכטפעלד באדעקט מיט חרפה און בושה . . .

פון דעמאלט אן האבן די קינדער פון דער יידישער גאס זיך שוין געקאנט באדן אין טייך וויפל נאר זייער הארץ האט געגלוסט. ווארים א גרויסער פחד איז באפאלן די פאסטוכער־שקצים פאר די יונגע גיבורים פון דער יידישער גאס.

די קאָלאָניעס אבראַמאָוונא און סאַרעווע

א

ניט ווייט פון שטעטעלע זאַסטאַוויע, אַ ערד פון א תחום שבת, האָבן זיך געפונען צוויי יידישע קאָלאָניעס, וואָס איינע, די גרעסערע, האָט געהייסן אבראַמאָוונא, און די צווייטע, די קלענערע, האָט געהייסן סאַרעווע. פאַרוואָס מען האָט זיי א נאָמען געגעבן מיט אַזעלכע נעמען, אבראַמאָוונא און סאַרעווע, ווייסן מיר ניט. וואָרים די יידישע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן מיטן שווייס פון זייער פּנים געאַרבעט אויף אַרויסצוקריגן דאָס אָרעמע שטיקל ברויט פון זייער מאמע־ערד, האָבן קיין צייט ניט געהאַט צו פירן א פּנקס, צו פאַרשרייבן אין אים די אַלע פּאַסירונגען אין שייכות מיט זייערע קאָלאָניעס, ווי דאָס פלעגן אַמאָל טאָן גרויסע און קליינע קהילות בישראל.

עס קאָן אפשר זיין, אַז דאָס האָבן זייערע עלטער־עלטער זיידעס, וואָס האָבן דאָ געמאַכט זייער האַרבעריק, בכיוון א נאָמען געגעבן זייערע ניי־געגרינדעטע ישובים, אבראַמאָוונא און סאַרעווע, אויפן נאָמען פון אונדזער אַלעמענס פאָטער אברהם אבינו און אויפן נאָמען פון אונדזער מוטער שרה, כדי דער גאָט, וואָס האָט אַריינגעשיקט זיין ברכה אין זייערע געצעלטן, זאָל אויך בענטשן זייערע אייניקלעך, די קאָלאָניסטן, מיט דער ברכה "מטל השמים", מיטן טוי פון הימל, "ומשמני הארץ", און מיטן די פעטקייטן פון דער ערד? דאָס לייגט זיך גרייליך אויפן שכל.

אָבער מיט איין זאַך זיינען מיר יאָ זיכער, און דאָס איז, אַז די דאָזיקע צוויי קאָלאָניעס, זיינען שוין געווען אַלטע ישובים. אויף דעם האָבן עדות געזאָגט זייערע אַלטע, באַיאָרנטע זקנים, וואָס האָבן נאָך געלעבט אין זייער מיט, און אויך די אַלטע, איינגעהויקערטע מצבות פון אירע פאַרשטאָרבענע, וואָס זיינען געלעגן אויפן אַלטן, שטאָטישן בית עלמין.

יעדער קאָלאָניע, וואָס איז געווען אָפּגערוקט איינע פון דער אנדערער אויף א מהלך פון א תחום שבת, האָט אַמאָל אין די "גוטע צייטן", פאַרמאָגט א באַפעלקערונג פון א וואַסערע פערציק־פופציק משפחות, וואָס זיינען על פּי רוב געווען צווישן זיך בלוט־פאַרוואַנדטע, גאָר נאָענטע קרובים: ברידער און שוועסטער, איידימס און שניר, שוואָגערס און שוועגערינס, פעטערס און מומעס, און גליד־גליד שוועסטערקינדער. אַזוי די "בני אבראַמאָוונא" און אַזוי אויך די "בני סאַרעווע".

דער אונטערשייד איז געווען אין זייער אויסזען: די אבראַמאָוונער

זיינען מערסטנטייל געווען בלאַנדע, מיט רויטע בערד, מיט העל־ליכטיקע אויגן; די סאַרעווער אָבער, זיינען אין זייער מערהייט געווען טונקל־הויטיקע, מיט פעך־שוואַרצע בערד און מיט נאָך שוואַרצערע אויגן. אַזוי אויך זייערע זין און טעכטער. עס איז גענוג געווען צו געבן איין קוק אויף זיי, האָט מען שוין געוווסט צי ער איז אַן אבראַמאָוונער צי אַ סאַרעווער.

אָבער "אלו ואלו", סיי די און סיי די, זיינען געווען געזונטע, קרעפּקע יידן, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט פאַרברוינטע פּנימער, צעשמיסענע פון זון און ווינט; מיט רויטע צעפאַלדעוועטע קאַרקן; מיט שווערע, צעליאַפּעטע הענט. געגאַנגען זיינען זיי מיט שטילע, געמאָסטענע טריט, אָבער מיט אַ זיכערן, פעסטן טראָט, ווי ס'איז שוין די טבע פון מענטשן, וואָס פילן, אַז זיי טרעטן אויף אייגענער ערד . . . אַזוי די בני אבראַמאָוונא און אַזוי די בני סאַרעווא.

און כאָטש זיי זיינען בטבע געווען זייער שטילע, באַשיידענע מענטשן, גרויסע שווייגער, פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך זייער שטאַרק געהאַט איבער־גענומען מיט זייער עבודת אדמה. דאָס וואָס זיי זיינען ערד־מענטשן, אמתע פּויערים פון דור־דורות, האָבן זיי באַטראַכט פאַר אַ גרויסער זכיה. זיי האָבן דערפאַר געקוקט אויף זייערע שכנים, די שטעטלשע יידן, מיט ביטול, מיט חוזק, ווי יענע וואָלטן זיך געהאַט אָנגעהערט צו אַ ווילד־פרעמדן שבט.

זיי האָבן טאַקע געהאַט מיט וואָס זיך איבערצונעמען. ווי אַ שטייגער: אַט האָט די צאַרישע רעגירונג פון פּעטערסבורג, געהאַלטן אין איין טרייבן די יידישע ישובניקעס פון די דערפער. זיי אָבער, האָט אפילו דער גרעסטער צורר היהודים, ניט געוואַגט צו רירן פון אָרט. ווייל די ערד אויף וואָס זיי זיינען געזעסן, איז געווען זייערע אויף לעולם ועד, אויף אייביק און אייביק. אַזוי איז געשטאַנען פאַרשריבן אין די "קייזערלעכע פּאַפּירן", געחתמעט מיטן קייזערלעכן הערב, מיטן צוויי־קעפּיקן אָדלער און "פּאַטשאַטעוועט" מיט רויט־טער טריוואַקס, וואָס זיי האָבן עס אַפּגעהיט אין אַן ערדענער כלי, באַהאַלטן אונטער דר'ערד . . .

אַוודאי, וואָס אמת איז אמת, האָט שוין ניט איין מלחמה־שטורעם זיך געהאַט דורכגעטראָגן איבער זייערע קעפּ; ניט איין שונא האָט געהאַט אַוועקגערויבט ביי זיי דעם לעצטן ביסן ברויט פון מויל אינייִנעם מיט דער כודאָבע. אָבער די מאַמע־ערד זייערע, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו זיי בירושה פון דור־דורות, האָט קיינער ניט געקאָנט צונעמען פון זיי.

און טאַקע ניט איינמאָל פלעגן די קאָלאָניסטן זאָגן מיט אַ באַרימערישן טאָן: מיר, ערד־מענטשן, זיינען געגליכן צו שאָף, אַט שערט מען זיי אָפּ ביז צו דער הויט און אַט וואַקסט שוין אָן אויף זיי פרישע וואָל . . .

און כאָטש ס'איז זיי אויסגעקומען צו פירן אַ שווערן, אָרעמען לעבן, מחמת די ערד אויף וואָס זיי זיינען געזעסן, איז געווען ווייט ניט קיין נאָב־געביקע, פונדעסטוועגן האָבן זיי קיינמאָל זיך ניט באַקלאָגט אויף זייער דאָליע. פאַרקערט, זיי זיינען שטענדיק געגאַנגען מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, ווי זיי וואָלטן געווען אמתע פּריצים.

וואס פאר אן אומגליק עס איז צו זיי ניט געשען, האבן זיי עס אנגענומען רויק, סטאיש, ווי דאס וואלט געווען ניט מער ווי א קאפריז פון דער נאטור. אט שיינט די זון, אלץ וואקסט, אלץ בליט און גרינט. פלוצלונג אבער, ברעכט אוים א שטורעם, רייסט אוים ביימער מיט די ווארצלען. די ערד ציטערט אזוי, אז מען קאן מיינען עס איז שוין געקומען חלילה א סוף צו דער וועלט. אבער ניט געזארגט, ניטא זיך וואס צו שרעקן. דער שטורעם וועט באלד איבערגיין, די שווארצע, געדיכטע וואלקנס וועלן באלד פארשווונדן ווערן, די זון וועט באלד ווידער נעמען שיינען ווי פריער, ווי שטענדיק. מ׳דארף נאר האבן ביטחון. אויף דעם זיינען מיר דאך עפעס יידן.

זיי האבן אבער, ניט איינמאל, צום יידישן ביטחון גענומען צו הילף זערע אייגענע ידים, וואס האבן געהאט גאר א באזונדערן שם אין דער גאנצער געגנט; פאר זייערן א פאטש, א פויסט און א טערעבעניץ, האט מען געציטערטע אימת מות. אט למשל, יאר־איין, יאר־אוים, פלעגט דאס שכנישע שטעטעלע זאסטאוויע, און אויך אפילו די גרויסע שטאט קאמעניץ, ליידן גרויסע צרות פון די "נאוואבראנצעס", די דארפישע שקצים, וואס פלעגן פארן דינען זייער "צאר באטיושקא", דעם רוסישן קייסער. איז ווי נאר זיי פלעגן אנקומען אין שטעטל, פלעגן זיי זיך צעברוקן און נעמען ברעכן יידישע פענצטער, באראבעווען יידישע קרעמלעך, שלאגן און ממיתן וועמען נאר זיי האבן אנגעטראפן אויפן וועג. א פחד, אן אימה פלעגן די דאזיקע צעיושעטע באנדעס אניאגן אויפן שטעטל.

איינמאל האט זיך זיי אויך פארגלוסט א שפיל צו טאן זיך אביסל מיט די פענצטער פון די קאלאניעס אבראמאוונא און סארעווא, באשר בכן זיי געהערן דאך אויך צו יידן . . . אבער דא האבן די צעהוליעטע גוּיימלעך געמאכט א טעות אין חשבון. די יידישע קאלאניסטן האבן באלד געכאפט דראנגעס, פלעקער, קלאדניצעס פון זייערע וועגענער, און מיט דעם דאזיקן כלי־זין ארוים זיי אנטקעגן און זיי אזוי צעשלאגן און צעהרגעט, אז זיי האבן שוין געהאט פארזאגט זייערע קינדער און קינדס־קינדער מער קײַן ניט אנצוהייבן מיט די זשידאווסקע פענצטער אין די קאלאניעס . . .

אט די דאזיקע גבורה זייערע האבן זיי געקראגן בירושה פון זייערע עלטער־עלטער זיידעס איניינעם מיט זייערע פעלדער. די יידישע קאלאניסטן האבן געהאט בקבלה, אז א מענטש איז געגליבן צו... א וואגן. ווארים פונקט ווי מען דארף א וואגן אלע ווײַלע אונטערשמירן מיט שמאראווידלע, אנישט הייבט ער אן אונטערצוסקריפען, אזוי אויך איז, להבדיל, א מענטש . . . וויל מען האבן כוח צו אקערן, זייען, בראניעווען, שניידן און דרעשן, דארף מען אזוי לאנג שניידן און פארצערן די "המוציאס" פונם קארענעם לאבן־ברויט און אזוי לאנג האלטן אין איין שעפן מיטן הילצערנעם לעפל פון דער גרויסער, ערדענער שיסל, ביז עס הייבט אן אין איר צו "טאגן". . . און ווי געטרייע יורשים, האבן זיי אפגעהיט די דאזיקע "צוואה" מיט אלע פישטשעווקעס . . .

זומער, נאך א שווערן טאג ארבעט אין פעלד, אדער ווינטער נאך א

טאָג ארבעט אין שייער ביים דרעשן די תבואה, איז ווען ס'איז געקומען די צייט פון עסן, האָט מען אונעקגעלייגט די "מלאַטקעס". יעדער קאָלאָניסט מיט זיינע געזונטע בנים איז אריין צו זיך אין שטוב, זיך געוואשן, געזאָגט "שאו ידיכם" זיך ארומגעזעצט ארום דעם גרויסן טיש. דער טאַטע אָדער זיידע, דער הויפּט פון דער משפחה, האָט מיט גרויס חשיבות גענומען אין די הענט אריין דעם גרויסן "ראַזעווען", קאַרענעם לאַבן־ברויט, אויפגעהויבן אין דער הויך, געמאַכט מיט גרויס כוונה די ברכה "המוציא לחם מן הארץ", וואָס אַלע פון קליין ביז גרויס, האָבן נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט. נאָכדעם האָט ער צעשניטן דעם לאַבן־ברויט אויף שטיקער, אויסגעטיילט יעדער איינעם א חלק. איטלעכער האָט זיין "המוציא"־ברויט איינגעטונקט אין זאַלץ, און ערשט נאָך דער "פייערלעכער צערעמאָניע" האָט מען זיך גענומען פאַר דער "סעודה".

דער אויסגעהונגערטער עולם האָט זיך צוגערוקט צו דער גרויסער "מיסקע" (שיסל) מיט באַרשטש און גענומען שעפּן פון איר מיט די גרויסע, הילצערנע לעפל. און ווי גיך מ'האָט זיך אָפּגעפּארטיקט מיטן געשמאַקן, מילכיקן באַרשטש, האָט מען זיך א נעם געטאָן פאַר דער הייסער שיסל קאַר־טאָפל, און פאַרזופּט מיטן קאַלטן זויער־מילך אָדער מאַסלינקע. באַלד נאָכדעם איז געגאַנגען א "סדרה" שאר ירקות: ברויט מיט זויערע אוגערקעס, ברויט מיט צעריבענעם רעטעך, פאַרבראַקט און פאַרשמאַלצן מיט ציבעלעס און מיט אַלעי, און פאַרטרונקען מיטן אייגענעם געמאַכטן ברויט־קוואַס. וואָס דאָס איז שוין איינמאָל געווען א מאכל! . .

און געגעסן האָט מען, קיין עין הרע ניט, מיט גרויס אַפּעטיט, מיט אַלע רמ"ח איברים. זייערע ווייסע, געזונטע ציין האָבן געמאָלן ווי די שטיינער פון א ווינט־מיל און געהאַלטן אין איין פאַרצערן איין לאַבן־ברויט נאָכן אנדערן, איין מאכל נאָכן צווייטן, מ'האָט קיינעם חלילה ניט געדאַרפט "פּיקן אונטער דער צונג" . . . זייערע פּנימער האָבן געפלאַמט. טראָפּנס שווייס האָבן ארויס־געזעצט אויף זייערע שטערנס. און דאָס אַלץ איז צוגעגאַנגען רויק, באַזאַכט, געמיטלעך, מיט א שטילן שווייגן, ווי ס'פּאַסט פאַר בכבודיקע באַלעבאַטים, יידישע ערד־מענטשן.

אזוי ווי די מענער, אזוי אויך זיינען געווען זייערע ווייבער און טעכ־טער. פּונקט ווי זיי האָבן זיך געקענט פאַרמעסטן מיט די מאַנצבילן אין דער פעלד־ארבעט, ביים אַקער און דער בראַניע, ביים שניידן מיטן סערפּ די תבואה, אָדער ווען מ'האָט געדאַרפט "איינבערעכן" א יונג ווילד פערדל אין שפּאַן, אזוי אויך ווען ס'איז געקומען צו דער "מלאכת אכילה", צום עסן, זיינען זיי חלילה ניט אָפּגעשטאַנען פון די מאַנצבילן . . .

ב

די קאָלאָניע אבראַמאָווע, וואָס האָט פאַרמאָגט א גרעסערע צאָל נפשות פון איר "שוועסטער"־קאָלאָניע סאַרעווע, האָט זיך געפירט ווי אן אמתע יידישע קהילה: האָט פאַרמאָגט אן אייגן בית מדרש, וווּ ס'איז געזעסן א "שטאַטישער" מלמד און געלערנט מיט זייערע קינדער גאָטס תורה. איינמאָל

אין יאָר, חול המועד פסח, פלעגן זיי אויסקלייבן על פי הקלפי (געהיימע וואלן) א "ראש־הקהל", וואָס האָט געדאַרפט אָנפירן מיט די אַלע אינערלעכע און אויסערלעכע ענינים פון זייער "קהילה קדושה". ער איז אויך געווען דער גבאי ראשון אין בית מדרש, דער "שופט" און אויך דער שתדלן. אַז אים האָט קיינער ניט געטאַרט אויפהויבן א האַנט אָדער א פוס; זיין וואָרט איז פאַר איטלעכן געווען א געזעץ. דאָס איז שוין געווען א דאַנק דער צאַרישער רעגי־רונג, וואָס האָט אים געקרוינט מיטן נאָמען "סטאַראַסטע", אָדער "סאָלטיס" אויפן פּוילישן לשון.

זיין אמט איז גאָרניט געווען קיין לייכטער. א חוץ וואָס ער האָט אַליין געדאַרפט אַרבעטן א גאַנצן טאָג אין פעלד אָדער אין שייער, ווי יעדער איינער אין דער קאָלאָניע, האָט ער נאָך געדאַרפט גוט אכטונג געבן, אַז אין די גרעניצן פון זיין ממשלה, זאָל תמיד הערשן צדק און יושר. צווייטנס, האָט ער געדאַרפט אויפּמאַנען ביי זיינע "אונטערטאַנען" די "פאַדאַטקעס", די מלוכה־־שטייערן סיי פון די "נכסי דניידי", באַוועגלעכע גיטער, און סיי פון "נכסי דלא ניידי", ערד נחלאות. אין צייט פון מאָביליזאַציע איז ער מחויב געווען צוצושטעלן די נויטיקע צאָל פערד און מענטשן פאַר דער אַרמיי.

אָבער די שווערסטע אַרבעט זיינע איז געווען צו זען, אַז צווישן זיינע אונטערטאַנען זאָל תמיד הערשן שלום־בית, וואָס דאָס איז שוין גאָר ניט געווען קיין גרינגע מלאכה. וואָרים, כאָטש דער גרעסטער טייל פון די קאָלאָניסטן איז באַשטאַנען פון אייגן בלוט און פלייש, פונדעסטוועגן, זאָל עס זיי ניט זיין לגנאי, האָט צווישן זיי שטענדיק געהערשט קנאה און שנאה, כעסן און ברוגזן, נאָך ערגער ווי צווישן ווילד־פרעמדע, צוליב כמה וכמה טעמים:

אָט, למשל, האָט א שכן, א קאָלאָניסט, פאַראַקערט צו זיך א פּאַס־ערד פון דער בשותפותדיקער "מעזשע", וואָס האָט געדינט פאַר א גרעניץ צווישן אייגענעם און פרעמדן שטיקל פעלד, און אַזוי אַרום האָט ער פאַרגרע־סערט זיין "נחלה" אויפן חשבון פון זיין שכנס פעלד. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, א גרויסע עוולה.

אַן אַנדערש מאָל, האָט דעם שכנס פערד אָפּגעגעסן ביי אים א שטיק "יאַרענע" (זומער־תבואה) און דערפאַר, האָט ער, דער נגזל, פאַרנומען דעם פערד, דעם מזיק, צו זיך אין שטאַל, ביז מ'וועט ניט באַצאָלן פאַרן היזק. האָט דער ראש הקהל, דער סטאַראַסטע זייערער, געדאַרפט קומען מיט עדות און אָפּשאַצן דעם שאָדן, און באַפרייען דעם פערד פון "חד גדיא", און נאָך אַזעל־כע ענלעכע פאַרברעכנס און שטראָף . . .

אָבער ניט אַלעמאָל זיינען די שולדיקע אין זייער צעשטערטן שלום־בית געווען פערד און בהמות . . . נאָר די קנאה און שנאה צוליב יענעמס דאָבריז־מזל, ווי צום ביישפּיל: אָט ליגן באַנאַנד צוויי שטיקלעך פאַרזייטע פעלדער מיט דער זעלבער תבואה, איז איינעמס פעלד שיין און געראָטן, אַז עס פאַרכאַפּט אַזש דאָס אויג, און זיינס, איז א חרפה און בושה, איז אפילו ניט אויפגעגאַנגען . . .

און אַט איז געשען נאָך אַן ערגערע זאַך, פון וואָס דאָס האַרץ קאָן אַזש צעזעצט ווערן: פלוצלונג, אומגעריכט, איז דעם ברודערס טאָכטערל פאַרקנסט געוואָרן פריער פאַר זיין טאָכטער, וואָס איז עלטער פון דער כלה מיט עטלעכע יאָר . . . באשר בכן, יענע פאַרמאָגט א שיין פנימל. נו, איז וואָס? דערפאַר איז דאָך אָבער זיין טאָכטער א פלאַמיקע בריה! זיך קאָן דאָך אפילו פאַרקנעטן די גרעסטע דייזשע־ברויט ! . .

א חוץ די דאָזיקע עוולות און פאַריבלס, זיינען די פיר ברידער, די "ארבעה בנים", ווי מ'האָט זיי גערופן אין שפּאַס, וואָס דער עלטסטער האָט געהייסן ישראל־אברהם, דער צווייטער הערשל, דער דריטער אפרים־שמעון און דער פערטער משה־יאָסל, די זיילן פון דער קאָלאָניע אבראַמאָוונא, געווען באַשאַנקען מיט זייער זעלטענע שיינע שטימען, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען צו זיי בירושה מיט זייערע פעלדער . . . איז ווי נאָר ס'איז געקומען שבת אָדער יום־טוב, האָט יעדערער פון די פיר ברידער זיך געהאַט געריסן צום "ברעטל", צו זיין דער שליח ציבור. יעדער איינער פון זיי האָט געוואָלט באַווייזן אַז זיין נוסח התפילה איז שענער און בעסער פון יענעמס. אַזוי אויך, אַז ס'איז געקומען צום אויסטיילן די "עליות", האָט איטלעכער פון זיי געוואָלט האָבן "שלישי" אָדער "ששי", און פאַרוואָס טאַקע ניט "מפטיר"? וואָרים מילא, וואָס שייך "עבודת אדמה" קאָן זיך טאַקע זיין, אַז דיין שטיקל פעלד זאָל זיין געראָטענער פון מיינעם; דיין בהמה זאָל דיר געבן מיט א קוואָרט מילך א טאָג מער פון מיינער, אָבער ווען עס קומט, להבדיל, אין בית־מדרש, צו עבודת הבורא, דאָ ברודערקע, זיינען מיר אַלע גלייכע מיוחסים! טאָ פאַרוואָס־זשע קומט דיר עפּעס די גאַנצע בכורה ? . . ניט אַזוי ? . .

פאַרשטייט זיך, אַז די ווייבער זייערע וואָס זיינען שטענדיק אַרומגע־גאַנגען אָנגעכמורעטע און אָנגעברוגזטע איינע אויף די אַנדערע, האָבן זיך אויך געהאַט אָנגענומען די קריוודע פון זייערע באַעוולטע מענער. ערשט איצט, האָבן זיי געפונען א שעת הכושר אויסצוגיסן איינע אויף דער אַנדערער זייער ביטער האַרץ. וואָרים ווי לאַנג קען מען אַרומגיין און שווייגן? זיינען זיי אַרויס מיט זייער שאַרפן, ווייבערשן "מענה לשון", מיט די אמתע כפל שמונהדיקע קללות און חרמות, זיי זאָלן נאָר פאַלן אויף וויסטע פעלדער, אַזוי אַז ס'האָט שוין ניט איינמאָל געהאַלטן אָט־אָט זיי וועלן זיך נעמען רייסן ביי די טשיפּיקעס . . .

אָבער ווי נאָר זייער סטאַראָסטע פלעגט דערהערן פונדערווייטנס זייערע געשרייען און גוואַלדן, פלעגט ער באַלד אָוועקוואַרפן די אַרבעט און קומען צו לויפן און זיך גוט אָנבייזערן אויף זיי:

— האַ, שוין ווידער א נייע חתונהקע ביי אייך? אַ, איר נאַרישע גענדז, וואָס איר זייט! איר שעלט דאָך אייערע אייגענע שוועסטערקינדער! אייערע אייגענע פעטערס און מומעס ! . . פע! א חרפּה און א בושה! שעמען מעגט איר זיך אין אייער ווייטן האַלדז אַריין!

די קאָלאָניסטיכעס, דערהערנדיק אַזעלכע שאַרפע מוסר־רייד פון זייער

סטאראָסטע, פלעגן בלייבן שטיין מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, זיך געשעמט אויפ־צוהייבן די אויגן צו קוקן איינער דער אנדערער אין פּנים אריין. מיטאמאָל פלעגן זיי זיך געבן א ריס פון אָרט און זיך צעלויפן אין די שטיבער ווי צעפּלאָשעטע הינער.

דערפאר אָבער ווען א פרעמדער, וואָס איז ניט געווען פון זייער מיט, האָט ווען ס׳איז געוואגט חלילה עמיצן פון זיי פּוגע בכבוד זיין, איז שוין יענעם גאָרניט געווען וואָס מקנא צו זיין. מען האָט באלד פארגעסן אויף די איינענע כעסן און פארדראָסן, און אלע ווי איינער, האָבן זיך ארויפגעוואָרפן אויפן פרעמדן און אים שיר ניט קורע כדג געווען. דאָס איז שוין געווען דער רוף פון אייגן בלוט און פלייש, וואָס איטלעכער האָט געפילט, אז ס׳איז זיין הייליקער חוב צו באשיצן זיין ברודער־קאָלאָניסט, אפילו ווען ס׳איז אויסגעקומען צו גיין אין פייער און אין וואסער.

ג

בדרך כלל, קאָן מען זאָגן, זיינען די קאָלאָניסטן געווען שטילע מענטשן, ווייט ניט בארעדעוודיקע. וואָרים, כידוע, לערנט די מאמע־ערד אירע קינדער צו זיין קאָרג אויפן וואָרט, ווי מ׳דאַרף זיין שפּאָרעוודיק און קאָרג מיט יעדער קערנדל וואָס זי שענקט דיר.

דערפאר אָבער, ווען ס׳איז געקומען צו א שמחהלע, — א ברודער צי א שכן האָט געפּראוועט א ברית־מצווה, א פּדיון הבן, א קנסמאָל, און נער רעדט נאָך א חתונה מיט שבע ברכות, וואָס אזעלכע שימחהלעך זיינען ביי זיי קיין נאָווינע ניט געווען, איז ווי נאָר מען האָט געמאכט "שהכל", געטרונקען דעם ערשטן און דעם צווייטן "לחיים", זיינען די שטענדיקע ערנסטע, שוויי־גנדיקע קאָלאָניסטן באלד פארוואנדלט געוואָרן, ווי דורך א כישוף, אין גאָר אנדערע מענטשן. די צעקנייטשטע, פארהארטעוועטע פּנימער האָבן זיך באלד צעשטראלט מיט שבת־יום־טובדיקער פרייד, די צינגער זייערע האָבן זיך באלד פאנאנדערגעבונדן און ס׳האָט זיך צעשאלט א הילכיק געזאנג, וואָס האָט זיך עקלונגען איבער פעלד און וואלד.

און געזונגען האָבן אלע, קליין און גרויס, מאַן און פרוי. אָ, וואָס האָבן דעמאָלט די פריילעכע און צעהוליעטע קאָלאָניסטן ניט אויסגעזונגען! עס האָבן זיך געריסן פון זיי כלערליי זמרלעך, ניגונימלעך, שטיקער תפילות פון שבת־יום־טובדיקן מחזור; איין געזאנג האָט זיך געקייטלט אין א צווייטן, איין פאָלקס ליד, געמישט מיט גוייש לשון, אין אנדערן. און געזונגען האָט מען מיט חסידישן ברען, מיט אזא התלהבות און מיט אזא מתיקותדיקייט, אזוי אז מען האָט ממש געזען ווי זייערע זינגענדיקע נשמות שוועבן אין די הויכע עולמות.

און אז מען איז שוין געוואָרן גאָר בגילופנדיק, איז דאַוואי טאנצן! אָ, ווער ס׳האָט דעמאָלסט ניט געזען די קאָלאָניסטן טאנצן א כלה־טאנץ, א שטאָק־טאנץ, א ברוגז־טאנץ, צי גאָר א פּוילישע מאזורקע, אָדער א רוסישן

קאַזאַטשאָק, דער וועט שוין קיינמאָל ניט פארשטיין די שיינקייט פון אַן אמתן טאַנץ! געטאַנצט האָבן זיי מיט אַזאַ פייער, מיט אַזאַ חדווה, אַז ממש עין לא ראתה! זיי זיינען דעמאָלט גאָר ניט פּאַכאַזשע געווען אויף ערדישע מענטשן, נאָר ווי הייליקע צדיקים, וואָס טאַנצן לכבוד דער אָנקומענדיקער שבת מלכתא. די פּנימער זייערע זיינען געווען צעפלאַמט, די אויגן צעבליצט, די קעפּ פאַרוואָרפן אויף אַהינטער, די פּיס האָבן געשוועבט ווי אין דער לופטן, אַזוי אַז אַלץ מיטאַנאַנדער האָט מיטגעטאַנצט און מיטגעזונגען. זיי האָבן קיינעם ניט געלאָזט שטיין אויף די פּיס. איטלעכער האָט געמוזט מיטטאַנצן. און אַז דער טאַנצנדיקער קאַראַהאָד איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער, אַזוי אַז זיי האָבן שיר ניט צעלייגט די ווענט פון שטוב, האָט מען אַרויסגעטאַנצט אינדרויסן, צי דאָס איז געווען זומער צי ווינטער. און ערשט דאָרטן, אונטערן פרייען הימל, האָט מען אָנגעהויבן טאַנצן פונדאַסניי, מיט נאָך אַ שטאַרקערן אימפּעט, ביז העט אין גראָען פרימאָרגן.

אָט אַזעלכע הוליאַקעס זיינען עס געווען די אַבראַמאָוונער און די סאַרעווער קאָלאָניסטן. אָ, ווער ווייס, צי אַזעלכע פייערדיקע טענצער וועלן שוין ווען עס איז זיין ביי יידן ? . .

ד

און וווּנדער איבער וווּנדער! אָט די דאָזיקע פריילעכע און לוסטיקע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן געשמט פאַר די גרעסטע טענצער אין דער וועלט, איז ווי נאָר זיי האָבן פאַרלאָזן דעם גבול פון זייער קאָלאָניע און באַטראָטן די "פרעמדע" ערד פונם שכנישן שטעטלע זאַסטאַוויע, און ווער רעדט נאָך ווען זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין דער "גרויסער" שטאָט קאַמעניץ, וואָס איז געלעגן אויף יענער זייט טייך, אין דעם טומלדיקן ראַד־קראַמען, זיינען זיי באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עפּעס אַזעלכע נעבעכלעך, אומבאַהאָלפענע מענטשעלעך, ווי זיי וואָלטן געווען שטילער פון וואַסער און נידריקער פון גראָז. זיי האָבן זיך דאָרט, צווישן די שטאָט־לייט, געפילט ווי אָרעמע מחותנים אויף אַ גבירישער חתונה.

דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל צווישן די קאָלאָניסטן און זייערע שטעטלשע שכנים איז קיינמאָל ניט געווען קיין גרויסע אחווה, קיין איבעריקע ליבשאַפט. ווי עס ווייזט אויס, איז שוין אַזוי די טבע פונם דאָרפס־מענטש, וואָס האָט ניט קיין גרויסן צוטרוי צו זיין שכן, דעם שטאָט־מאַן . . .

עס איז אָנגעגאַנגען צווישן זיי אַ קידער־ווידער. די קאָלאָניסטן האָבן געקוקט אויף זייערע שכנים, די זאַסטאַוויער, פון אויבן אַראָפּ און זיי געהאַלטן פאַר גרויסע לא יוצלחס, און טאַקע ניט איינמאָל האָבן זיי זיך געהאַט געוויצלט איבער זיי און פלעגן זאָגן מיט אַ חוזק־שמייכעלע:

— אויך מיר ערד־אַרבעטער! זיי קאָנען דאָך אפילו ניט ווי דאָס רעכט איינשפּאַנען אַ פערד אין וואָגן ! . .

פון דער צווייטער זייט האָבן די זאַסטאַוויער מיט זייערע "שאַרפע

צינגלער" שטארק אפגעלאכט און אפגעחוזקט פון די קאלאניסטן, פון זייער ארט־יידן, פון זייערע גענגעלעך, תנועהלעך און האוואיעלעך, ווי זיי וואלטן געווען אמתע ישובניקעס, פראסטאקעס, וואס וויסן ניט אפילו מאי דקאמרי רביצין.

האבן דערפאר די קאלאניסטן ניט געוואלט האבן מיט זיי קיין שום מגע ומשא, ווי מ'וואלט זיך געהאט אנגעהערט צו צוויי באזונדערע, פיינטלעכע שבטים . . . נאר בשעת הדחק, אין א נויט־פאל, ווען מען האט געדארפט קומען אין שטעטל איינקויפן די סאמע נויטיקסטע זאכן, ווי א טאפ־זאלץ, א ליאטשיק גאזע, א פעקל שוועבעלעך, וכדומה, אדער חלילה "בלע המות לנצח", ווען מ'האט געדארפט צונעמען א מת פון זייער מיט און אים ברענגען צו קבר ישראל אויפן שטאטישן בית עולם, איז ווי גיך מ'האט זיך אפגעפארטיקט מיט דעם אלעמען, האבן זיי באלד פארקירעוועט דעם דישל אויף צוריק, צו זיך אהיים אין דער קאלאניע אריין.

זיינען דאך אבער די קאלאניסטן יידן רחמנים בני רחמנים, האבן זיי ניט איינמאל געהאט אויסגעשטרעקט א ברידערלעכע האנט צו א שטאטישן יידן, וואס האט זיך שטארק געניטיקט אין זייער הילף. ווי א שטייגער: א יידישער יונגערמאן, וואס האט ניט געוואלט גיין דינען דעם רוסישן קייסער און געוואלט מאכן פליטה קיין אמעריקע, איז ער דערווייל אוועקגעלאפן אין דער קאלאניע אבראמאוונא זיך אויסבאהאלטן, ביז וואנען זיין קרוב וועט אים צושיקן די שיפסקארטע. אז אנדערש מאל האט א יידישער רעוואלוציאנער, וואס האט זיך געדארפט אויסבאהאלטן פון דער רוסישער זשאנדארמעריע, אדער שפעטער פון דער פוילישער "דעפענסיווע", דארט געפונען פאר זיך אן "עיר מקלט". אזוי ארום איז די קאלאניע געווארן דאס גרויסע הינטערלאנד פארן שטעטעלע זאסטאוויע און אויך אפילו פאר דער גרויסער שטאט קאמינעץ.

דאס טאר אבער ניט מיינען, אז די קאלאניסטן האבן אויסבאהאלטן ביי זיך "טריפהנע סחורה", חלילה! אזעלכע חשובע באלעבאטים וועלן דאך חלילה ניט גיין קעגן געזעץ פון נאטשאלסטווא! נאר אזוי ווי די גרויסע קאלאניע אבראמאוונא פארמאגט א שטיק פארלאזן פעלד, באוואקסן מיט געדיכטע, ווילדע קארטשעס (בוש), דעריבער האט יעדער איינער דאס רעכט דארט צו ליגן און צו רוען אין זייער שאטן וויפל נאר זיין הארץ גלוסט. עלעהיי עס קומען יעדער זומער אהין צו פליען פון דער פרעמד טשאטעס פייגל און בויען דארטן נעסטן . . . איי, וואס, עס קאן נאך חלילה קומען אהין פאליציי זוכן, מאכן אן "אביסקע" (אבלאווע), איז אדרבא ואדרבא! זאלן זיי קומען, מיטן גרעסטן כבוד ! . . מיר האבן דערמיט גארנישט ניט וואס צו טאן . . . מיר זיינען שטילע, בכבודיקע באלעבאטים, געזעץ־ליבנדיקע מענטשן . . .

און וואס שייך מבות "צידה לדרך", שפייז פאר די אנטרונענע און באהאלטענע, זיי קאנען נאך חלילה דארט אויסגיין פון הונגער? איז וועגן דעם זאלט איר זיך ניט זארגן; פארלאזט זיך אויף די קאלאניסטן מיט זייערע קלוגע

יידישע קעפּלעך; זיי וועלן שוין געפינען צו דעם א פּאַרטל, אַן עצה, און זיי פלעגן טאַקע געפינען:

וואָרים, כידוע, האָט א שטומע צונג, א פערד, א בהמה, תמיד א טבע צו פאַרקריכן דווקא אין די געדיכטע קאַרטשעס. פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף זיי גיין געפינען און ברענגען אהיים, אין שטאַל אַריין. איז פאַר איין וועגס, פלעגט שוין דער קאַלאָניסטישער זון, צי דעם קאַלאַניסטס טאַכטער, מיטנעמען מיט זיך א לאַבן־ברויט מיט אביסל שאר ירקות, וואָס מ'האָט מכלומרשט פאַרגעסן און עס איבערגעלאָזן דאָרט . . .

און בשעת סכנה, ווען עס האָט זיך פּלוצלונג געהאַט אַנגעיאָגט א "קנעפּל" און מ'האָט געדאַרפט לויפן אהין וואָס שנעלער אַנזאָגן די "האָזן", אַז זיי זאָלן זיך גוט פאַרשטעקן, האָט באַלד א קאַלאַניסטיכע געכאַפּט א פאַרטוך מיט קערנער, אוועקגעלאָפן אהין צום וועלדל, זיך געמאַכט מכלומרשט ווי זי זוכט די פאַרבלאָנדזשעטע הון, די קוואָקע, מיט אירע הינדעלעך און גענומען רופן אויפן קול:

— טיו־טיו־טיו! מיינע ליבע הינדעלעך! האָט ניט קיין מורא! איך וועל אייך באַשיצן פונם רויב־פויגל, וואָס לויערט אויף אייך ! . .

אוואדע, וואָס איז אמת, האָבן די יידישע קאָלאָניסטן געהאַט א סך אורזאַכן צו טראָגן א פולע האַרץ אויפן שכנישן שטעטעלע זאַסטאַוויע, און נאָך מער אויף די "פני העיר", די רעדל־פירער פון דער שטאָט קאַמעניץ, וואָס זיינען אין זייערע אויגן געווען גרויסע פאַסקודניאַקעס, און זיינען ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט זיי, אָבער בשעת א סכנה, האָבן זיי באַלד פאַרגעסן אַן אַלע זייערע קריוודעס, און זיך געזאָגט:

— אַזוי לאַנג ווי איר, שטאָט־לייט, קומט צו אונדז זוכן שוץ און רעטונג "אונטערן שאָטן פון אונדזער באַלקן", זיינען מיר מחויב אייך צו באַשיצן פון יעדער צרה און פגע רע . . .

ה.

איינמאָל, אין זייערע לעבן, זיינען די צוויי אָרעמע יידישע קאָלאָ־ניעס, אבראַמאָווקאַ און סאַרעוואָ, פּלוצלונג אויפגעריכט געוואָרן.

דאָס איז געשען אין סאַמע ברען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע. דער שונא, דער דייטש, האָט ווי א היי־שעריק זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער באַפעלקערונג און גענומען אויסזויגן דעם "קליאַק" פון אירע ביינער. ער האָט געהאַלטן אין איין רעקווירירן פון איר אַלץ וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט פאַר זיינע חיילות. דער גאַנצער האַנדל, דער שטענדיקער משא ומתן, וואָס איז אַנגעגאַנגען צווישן שטאָט און דאָרף, האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. דער הונגער האָט זיך צעלייגט און צעשפּרייט איבער אַלע שטעט און שטעטלעך פון דער אָקופּאַציע, און נאָך מיטגעבראַכט מיט זיך כּלערליי קראַנקהייטן, עפּידעמיעס און נאָך אַזעלכע צרות און שלעק.

געוועזענע רייכע יידישע תבואה־סוחרים, קרעמער און באַלמעלאָכעס האָבן זיך אַרומגעדרייט, שלינג און שלאַנג, איבער די גאַסן, געשטאַנען אַרום זייערע האַלב־ליידיקע קרעמלעך, אויסגעקוקט מיט הונגעריקע, אויסגעלאָשענע אויגן אויף אַ קונה און געחלומט פון אַ לעבל־ברויט אויף שבת... די איינציקע גליקלעכע אין דער גאַנצער געגנט, וואָס האָבן ניט געפילט דעם טעם פון הונגער, זיינען געווען די יידישע קאָלאָניסטן. וויפל דער דייטש האָט ביי זיי נישט צוגענומען, האָבן זיי נאָך אַלץ געהאַט באַהאַלטענע גריבער מיט תבואה, קאַרטאָפל און שאר ירקות. אַזוי האָט מען געשמועסט אין שטעטל...

די פאַרהונגערטע קאַמעניצער יידן האָבן זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אָן זייערע "פאַרגעסענע ברידער", די קאָלאָניסטן, און אויסגעשטרעקט צו זיי זייערע הענט. צום ערשטן האָבן זיך גענומען אַראָפּלאָזן אַהין די סאַמע אָרימסטע, וואָס זיינען שטענדיק געווען אָנגעוויזן אויף קצבה. זייער מערכה איז איצט פיל ערגער געווען ווי פאַר דער מלחמה. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, מיט אויסגעצערטע לייבער, מיט קרענקלעכע פיבערדיקע אויגן, מיט גרויסע הילצערנע שיך אויף די נאַקעטע פיס, מיט אַ זעקל אין האַנט. מיט זייערע קליינע קינדער ביי דער זייט, פלעגן זיי קומען און "נאָכגיין נאָך די שניטער" פון די "בני אבראַמאָוונא" און "בני סאַרעוואָ", בעטן ביי זיי, ביי די יידישע פויערים, ביי די אויפגעקומענע מלחמה־גבירים, אַ נדבהלע, אַ קאַרטאָפל, אַ רעטעך, אַ ציבעלע, אַ בוריקל וכדומה, אַבי מיט וואָס די נשמה צו דערהאַלטן...

נאָך די דאָזיקע אָרימעלייט, זיינען געקומען די שטאָטישע באַלעבאַטים, די יורדים, די "אַמאָליקע" רייכע סוחרים, קרעמער. די אָבער זיינען נישט געקומען אַהין חלילה בעטן אַ נדבה, נאָר איינער האָט געבראַכט אַ גאָלדענעם זייגער, וואָס ער האָט געקראָגן אַלס דרשה־געשאַנק צו דער חתונה; אַ צווייטער האָט געבראַכט זיין ווייבס קידושין־רינגל; אַ דריטער אַ פּאָר זילבערנע לייכטער וואָס זיינען איבערגעגאַנגען בירושה. מיט אָט דעם דאָזיקן רייכן "רכוש", איז מען געקומען, אין דער שטיל, צו די רייכע יידישע פויערים און עס אויסגעביטן אויף אַ פּוד קאָרן־מעל, אַ זעקל קאַרטאָפל און עס געבראַכט צו "דזשוויגען" אַ היים — אַ מתנה פאַרן הונגעריקן ווייב און קינד...

און פּונקט ווי דאָס שטיקל ברויט און די קאַרטאָפל איז אין יענער צייט געוואָרן דאָס סאַמע חשובסטע אַרטיקל אין דער וועלט, אַזוי אויך האָט מען מיט אָט דעם טייערן "שוה כסף" געשלאָסן די בעסטע שידוכים. אַנשטאָט הונדערטער רובל נדן, וואָס די כלה האָט געדאַרפט געבן דעם חתן, ווי דער שטייגער איז געווען, איז איצט אַ פערד, אַ בהמה, אַן אונטערגעהאָדוועט קעלבל, אָדער אַ גרוב קאַרטאָפל געווען דער שענסטער און דער רייכסטער נדן... עס האָט טאַקע נישט געדויערט לאַנג ווי די שטאָטישע, באַלעבאַטישע בחורים האָבן גענומען אויסכאַפּן די קאָלאָניסטישע, דאָרפישע טעכטער פאַר ווייבער. און די קאָלאָניסטישע זין האָבן געשלאָסן שידוכים מיט די שטאָטישע אינטעליגענסטע מיידלעך וועגן וועלכע זיי האָבן ביז דער מלחמה אפילו נישט געוואַגט צו חלומען.

ו

די מאַגערע ערד פון די יידישע קאָלאָניעס האָט שוין מער נישט בכוח געהאט צו שפּייזן אירע קינדער, די קאָלאָניסטן מיט זייערע פאנאדערגעוואקסענע משפּחות. צווייטנס, האָט די נייע פּוילישע מלוכה, וואָס איז אויפגעקומען באלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, געהערשט מיט א שווערער האנט, באזונדערס אויף דער יידישער באפעלקערונג. זי האָט געריסן פונם יידישן קרעמער, באַלמעלאָכע און ערד־ארבעטער שווערע צינזן. און ווער ס'האָט נישט געקענט באצאָלן האָט מען ביי אים צוגענומען אפילו דאָס לעצטע קישן פון צוקאָפּנס. די יידישע יוגנט איז ארומגעגאנגען ארבעטסלאָז, אָן קיינע שום אויסזיכטן צו קאָנען צו עפּעס וואָס זיך דערשלאָגן. די איינציקע האָפענונג איז פאר איר געבליבן צו אנטלויפן וואָס גיכער פונם נייעם, שווערן גלות פּוילן, וואָס איז אין א סך הינזיכטן געווען פיל ערגער פונם אמאָליקן גלות־רוסלאנד. און געלאָפן איז מען ווו נאָר די אויגן האָבן געטראָגן: קיין ארגענטינע, קיין מעקסיקע, קובא, בראזיליע, אנדערע קיין ארץ ישראל אלס חלוץ, ווו נאָר עס איז נאָר געבליבן אָן אָפן טירעלע פארן יידישן עלנדן עמיגראנט.

אָט די דאָזיקע פינצטערע בהלה פון אנטלויפן האָט אויך ארומגעכאפּט די יידישע יוגנט פוןביידע קאָלאָניעס, אבראמאָוונא און סארעווא. זיי האָבן זיך אויך גענומען רייסן אין דער וועלט אריין. זייערע טאטעס, די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן געהאָפט, אז זייערע טייערע ירושה־ערד וועט איבערגיין צו זייערע קינדער און קינדס־קינדער, וואָס וועלן אויך שלאָגן אין איר וואָרצלען, ווי זיי, האָבן נעבעך געמוזט אָפּשניידן שטיקער, פאסן ערד און עס פארקויפן צום גויישן שכן, כדי צו האָבן מיט וואָס אויסצוריכטן זייערע קינדער אין די ווייטע, אומבאקאנטע, פרעמדע לענדער. ס'האָט נישט געדויערט לאנג ווי די צוויי אַלטע, איינגעפונדעוועטע יידישע קאָלאָניעס, וואָס האָבן אין משך פון יאָרן געהאט איינגעזאפּט אין זיך יידיש בלוט און שוויים, האָבן אָנגעהויבן ביסלעכווייז צאנקען, אויסגיין ווי א ליכט.

צום ערשטן האָט דער ביטערער גורל געטראָפן דער קלענערער, דער שוואכערער סארעווא, וועמעס זין און טעכטער זיינען געווען די ערשטע צו אנטלויפן מעבר לים. האָבן זייערע טאטעס און מאמעס זיך דערשראָקן צו בלייבן אויף דער עלטער איינינקע אליין, און ס'האָט זיי שוין אויך מער ניט געסטייעט קיין כוחות נאָכצוגיין נאָכן אקער אין פעלד. האָבן זיי בלית ברירה געמוזט פארקויפן זייערע פעלדער צוזאמען מיט די כודאָבעס צו די גויישע שכנים, וואָס האָבן שוין לאנג געהאט אויסגעקוקט אויף דעם... אנדערע, די מער שטארקערע, האָבן איינגעקויפט אינם שכנישן שטעטעלע זאסטאוויע לײדיקע פּלעצער און איבערגעפירט אהין זייערע "בודינקעס", די הייזער, די שטאלן און די שייערן און זיך דאָרט באזעצט, כדי כאָטש אויף די עלטערע יאָרן זיין אינאיינעם מיט יידן. פרילינג־צייט, ווי נאָר דער שניי איז צעגאנגען, פלעגן זיי איינשפּאנען פערד און וואָגן און ארויספאָרן צו דער פוסטער קאָלאָניע, פאראקערן און פארזייען זייערע פעלדער, וויפל נאָר גאָט האָט געגעבן כוח.

און ערשט מיט "צאת הכוכבים", שפעט אין אוונט, פלעגן זיי זיך אומקערן צוריק אין שטעטל אריין.

אָבער די קאַלאַניע אבראמאַוונא, וואָס האָט זיך שטענדיק געהאַלטן פאַר דער מיוחסת, פאַר דער "הארנטע" צווישן אירע שכנישע קאָלאָניעס, האָט בשום אופן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן איר פינצטערן גזר. אָ, ווי זי האָט זיך דאָס נעבעך געראַנגלט און זיך געקלאַמערט מיט אַלע אירע כוחות איינצוהאַלטן איר אייגן שטיקל ירושה־ערד! יעדער שטיקל פעלד, וואָס מען איז געצוווּנגען געווען צו פאַרקויפן צום גויישן שכן, האָט מען עס ארויסבאַגלייט מיט טרערן און געוויין, ווי מ'וואָלט חלילה ארויסבאגלייט דעם נאָענטסטן און ליבסטן צו זיין אייביקער רו...

מיט יעדער יאָר, וואָס איז פאַרגאַנגען, איז די קאַלאָניע אבראמאָוונא געוואָרן קלענער, שוואַכער און איינגעשרומפּענער. צו אירע פענצטער האָבן זיך שוין געהאָט דערטראָגן דאָס הירזשען און דאָס מעקען פון די שכנישע גויישע פערד און בהמות און דאָס בילן פון גויישע הינט... די וועגעלעך און די שטעגעלעך, וואָס האָבן געהאָט געפירט צו זייער הייליקן און טייערן בית מדרשל, זיינען שוין לאַנג געווען פאַרוואַקסן מיט ווילדן גראָז. ס'איז שוין אַפילו מער נישט געווען קיין מנין מיט וועמען אָפּצוריכטן א "יאָרצייט", זאָגן א "קדיש". דאָס איינציקע ספר־תורהלע, וואָס זייערע עלטער־זיידעס האָבן געלאָזט שרייבן, האָט מען שוין לאַנג געהאַט ארויסגעטראָגן פונם פאַרוואַרלאָזטן בית מדרשל, און זיינע טירן און פענצטער פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, כדי די שכנישע גויישע פאַסטוכער זאָלן אים, חלילה, אינגאַנצן נישט פאַרשוועכן...

אָבער ווען עס איז געקומען ערב ימים נוראים, ווען אַפילו א פיש אין וואַסער טוט ציטערן פאַרן מוראדיקן יום־הדין, פלעגן די עטלעכע איבערגעבלי־בענע קאָלאָניסטן כאַפּן און איינשפּאַנען פערד און וואָגן, ארויפזעצן זייערע טאַטעס, די זקנים, זייערע ווייבער און קינדער, מיטנעמען דעם ביסל יום־טובדיקן "צידה לדרך", פאָרן אין שטעטל האַלטן מנין אינאיינעם מיט כל ישראל.

מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ, מיט געבויגענע רוקנס, פלעגן זיי זיך אריינ־שלייכן, ווי שאָטנס, אינם שטעטלשן בית מדרש, זיך פאַררוקן אין א ווינקל, צווישן קאַלטן אויוון און האַנטפאַס, באַהאַלטן זייערע פּנימער אין די מחזורים, אַז קיינער זאָל זיי נישט זען אין זייער ירידה...

די שטעטלשע יידן האָבן זיי דווקא געוואָלט ארויסווייזן פריינטשאַפט, זיי אנטקעגן געטראָגן א ברייטן "גוט יום טוב", זיי צוגעווינטשן א "גוט יאָר". אָבער די פאַרעקשנטע און די פאַרביטערטע קאָלאָניסטן פלעגן אַפילו נישט אויפהויבן דאָס פּנים צו זיי, נאָר געבן עפּעס א מורמל, א שאָקל מיטן קאָפּ, ווי פאַר יוצא וועגן, א מאַך טאָן מיט דער האַנט, זיך אויסדרייען מיטן רוקן צו זייערע שכנים, און מיט גיכע, איילנדיקע טריט ארויסלויפן פון בית־מדרש...

רב לייזער וועלוול דער מורה הוראה

געווען איז ער א קליינינקער, א דארינקער, מיט א שמאָלן, לענגלעכן קינדערשן פּנימל, וואָס איז פאַרוואַקסן געווען מיט באָרד און פאות, און מיט געדיכטע ברעמען, אַזוי אַז מ'האָט ניט אַרויסגעזען ניט קיין אויג און ניט קיין נאָז, נאָר באָרד און פאות. ניט איינמאָל האָט זיך טאַקע געדוכט, אַז דאָס דאָזיקע קליין מענטשעלע, איז גאָר ניט קיין באַוואָרנטער מאַנצביל, א טאַטע פון אויסגעגעבענע קינדער, נאָר א ייִנגל, א שטיפער, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט און זיך צוגעטשעפּעט א לאַנגע באָרד מיט געקרייזלטע פּאהלער, כדי אויס־צוקוקן ווי א גרויסער. אָט אַזא איינדרוק האָט ער אויף אייך געמאַכט.

געטראָגן האָט ער אויף זיך, סיי זומער און סיי ווינטער, א ליסטרינע־נעם קאַפּטאַן, אָן קנעפּלעך, וואָס האָט געהאַט דעם אָנבליק אויף א שלאָפראָק, פון אויבן אַרומגעבונדן מיט א זיידענעם גאַרטל, וואָס איז קיינמאָל נישט אַראָפּ פון זיינע לענדן; אונטערן קאַפּטאַן — א לאַנגן טלית קטן ביז די קנעבל; א פּאָר ברייטע טשאַרטיוויקאַזינע פּלודערן, וואָס איבער די קני האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין ווייסע זאָקן, און אויף די זאָקן א פּאָר פּאַנטאָפּל מיט בענדלעך אַזוי, אַז ער זאָל זיי חלילה נישט פאַרלירן אין מיטן גאַנג.

מיט אָט דער דאָזיקער הלבשה זיינער און מיט זיין גאַנצן אויסטער־לישן אויסזען, האָט ער אויף איטלעכן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געווען א נישט דאָיקער, נאָר ווי איינער פון די "אנשי מעשה", וואָס פלעגן אַראָפּקומען אהער, פון צייט צו צייט, אַזש פון דער עיר הקדושה ירושלים, צי פון דער שטאָט צפת, ווי ס'האַלטן זיך אויף די בעלי קבלה...

טאָג און נאַכט איז ער געזעסן על התורה ועל העבודה; תמיד פאַר־טראַכט און פאַרדביקעט אין דעם "מה למעלה", אין די הימעלשע וועלטן. וואָרום די ערדישע וועלט, מיט איר טומל און הו־האַ, מיט איר שטענדיקן געיעג נאָכן ביסעלע עולם־הזה, מ'שטיינס געזאָגט, איז אים געווען פרעמד און דער־ווידער.

געווען איז ער אַן עני מדוכא; דער דלות האָט ביי אים געפּייפט אין אַלע ווינקעלעך. אָבער דאָס האָט אים נישט געאַרט, וואָרום, צו וואָס דאַרף מען בכלל האָבן געלט? געלט, איז דאָך כידוע, דאָס כלי־זין פונם יצר הרע... און צווייטנס, פון וואַנען האָט ער געקאָנט האָבן געלט, אַז פּאָר "שאלות בשר בחלב" און פּאָר "שאלות נשים" האָט מען דאָך ניט געצאָלט. און וואָס שייך

דין תורות, בוררות, איז מען גיכער געגאנגען זיך לאדן אין "שטאט" צום קאמעניצער רב. דעם וואשילקאווער ז"ל, וואס איז געווען א קלוגער, וועלט־לעבער מענטש, איידער צו ר' לייזער־וועלוול דעם מרא־הוראה, וואס איז שטענדיק פארנומען געווען מיט מתקן זיין דעם מלכות שמים... איז וואס שייך פרנסה, איז דאס אן עניין פאר גאט; ער שפייזט דאך אפילו א ווערעמל אונטערן שטיין, וועט ער אים, און זיינע בני בית, אויך נישט פארלאזן. און ער האט אים טאקע נישט פארלאזט...

און בכלל איז ער געווען א מסתפק במועט, פאר אים איז געווען גענוג, אז ער האט געהאט א שטיקל ברויט איבער וואס צו מאכן "המוציא"; געהאט זיין שטענדיקן גלעזל ווארעמס מיטן הארטן שטיקל צוקער און זיין פעקל טיטון מיט וואס אנצושטאפן זיין גרויסע ליולקע מיטן לאנגן ציבוק, וואס ער האט זעלטן ווען ארויסגעלאזן פון מויל, איז ער געווען העכסט צופרידן...

און פונקט ווי ער האט זיך נישט אפגעגעבן מיט פשוטע, ערדישע ענינים, אזוי אויך האט ער זיך זייער ווייניק אינטערעסירט מיטן לעבן פון זיין משפחה. איז ביי אים צוגעקומען א קינד, צי אן איינִיקל, איז מהיכא תיתא, איז חלילה ביי אים אוועקגענומען א קינד, צי אן איינִיקל, האט ער אויך ניט איינגעליינגט קיין וועלטן, ווארום "ה' נתן וה' לקח", — גאט האט געגעבן און גאט האט גענומען, או זאל זיין געבענטש זיין נאמען... אזוי אויך האט ער לאנג נישט אפגעריכט קיין אבלות נאך זיין ערשטער ווייב, דער צדיקת, וואס האט אים געהאט געבארן זין און טעכטער.

איז מילא, וואס שייך אים אליין, וואלט ער זיך שוין געקאנט ווי עס איז באגיין אן א ווייב, איז ער דאך אבער א מורה הוראה בישראל, איז נישט שיין און עס פאסט נישט צו זיצן אן אן אשה... האט ער זיך באלד געלאזן ריידן א שידוך און חתונה געהאט מיט אן אלמנה, מיט דעם קאמעניצער מגידם טאכטער, וואס מיט איר גרויסער צידקות און פרומקייט האט זי געשמט איז דער גאנצער געגנט. ס'האט אים אבער אויך ניט געקימערט וואס אט די דאזיקע צווייטע ווייב, די גרויסע צנועה, פלעגט קומען צו אים בסך הכל נישט מער ווי איינמאל אין וואך, פרייטיק נאך א האלבן טאג... מחמת זי האט קיין הארץ נישט געהאט איבערצולאזן אירע אויסגעגעבענע קינדער און איינִיקלעך און גיין זיך באזעצן אויף שטענדיק אינם שכנישן שטעטלע זאסטאוויע, וואס ליגט אזש אויף יענער זייט טייך...

ערשט פרייטיק, ערב שבת, פלעגט די נייע מורה הוראהטע זיך אויס־פוצן אין אירע שענסטע בגדי שבת, אין א זיידענעם קלייד, אויפן קלייד א דריי פערטלדיקן זשאקעט, אויפן זשאקעט א לאנגע, ברייטע רעטאנדע, אויף דער רעטאנדע א זיידן טערקישן שאל, אויפן קאפ אן אויפגעטורעמטער הויב, באזעצט מיט כלערליי קאלירטע קווייטעלעך און וועקסענע באמבעלעך, וואס האבן איר צוגעגעבן א גאר באזונדערן חן... מיט אט דעם דאזיקן געשלידער, פלעגט זי זיך אראפלאזן קיין זאסטאוויע, צום מאן, דעם מורא הוראה אויף שבת...

און גיין פלעגט זי מיט געמאָסטענע ,דריבנע טריטעלעך, ווי עס פאסט פאר א גרויסער מיוחסת, א טאָכטער פונם וועלט בארימטן "קאמעניצער מגיד" און פאר א ווייב פונם זאסטאוויער מורה הוראה, דעם צדיק תמים. און בשעת מעשה האָבן אירע דינע, פרומע ליפעלעך געהאלטן אין איין שעפּטשען א הייליקע תחינה פון "שרה בת טובים", אָדער א קאפיטל "שיר השירים", וווּ עס ווערט אזוי שיין באזונגען די הייסע, צאַפּלדיקע ליבע . . . ניט חלילה צווישן שלמה מלך מיט דער שיינער פאסטושקע שולמית, נאָר די הייליקע פלאמיקע ליבע פון גאָט, ברוך הוא, צו זיין כנסת ישראל...

ווי נאָר די זאסטאוויער ווייבער פלעגן זי דערזען גיין מיט אירע דראָבנינקע טריטעלעך, פלעגן זיי ארויסלויפן פאר די טירן, זיך נעמען איבערווינקען איינע מיט דער אנדערער און דערביי צוגעבן מיט א צוויי דייטנדיקן שמייכעלע: "מזל־טוב אונדז! דעם מורה־הוראהס שבת מלכה איז שוין געקומען צו שוועבן אויף אירע זיידענע פליגל! טאָ אויב אזוי, דאַרף מען זיך שוין צואיילן אריינצוברענגען וואָס גיכער דעם שבת קודש אין שטוב"...

* * * * *

ווי נאָר עס פלעגט ארויספאלן דער ערשטער שניי, און ס'איז פאַרפראָרן געוואָרן די געדיכטע בלאָטיקע וועגן, פלעגט ר' לייזער וועלוול, דער זאסטאוויער מורה הוראה, "ארויסגיין אויפן ישוב", גיין פון איין ישובניק צום אנדערן קלייבן חנוכה־געלט פאר די אָרעמע תלמוד־תורה קינדער און ישיבה־בחורים, און אויך פאר "מתן בסתר". דערביי פלעגט ער שוין אויך מעורר זיין די ישובניקעס און זייערע ווייבער, די ישובניצעס, צו יידישקייט, אז זיי זאָלן חס ושלום, זיך נישט אָפּלערנען פון זייערע שכנים קיין גוישע מידות. און פאר איין וועגס, פלעגט ער שוין איבערקוקן זייערע מזוזות, בודק זיין די ציצית אין זייערע לייבצודעקן, און אויך פארהערן דעם ישובניקעס קינדער אין לערנען. און דאָרט, ווו ס'איז קיין מלמד נישט געווען, פלעגט ער אליין אביסל צוקנעלן מיט זיי, ביז ער האָט זיך געכאפּט, אז ס'איז שוין צייט צו גיין צו א צווייטן ישוב.

און גיין פלעגט ער, ווי זיין שטייגער איז געווען צופוס, אן אָנגעפּעלצטער פון קאָפּ ביז די פיס; אנגעטאָן אין זיין שעפּסענעם פעלצל, וואָס איז אוואדע שוין אלט געווען מתושלחס יאָרן; אויף די פיס א פּאָר גרויסע וואָליקעס ארומגעשלאָגן מיט לעדער; אויפן האלדז א גרויסע, באבלימטע פאטשיילע, וואָס האָט פארדעקט זיין גאנצן פנים, אזוי אז מען האָט ניט ארויסגעזען קיין סימן פון א מענטשלעכן געשטאלט.

פון אָט דעם דאָזיקן גיין זיינעם פון ישוב צו ישוב, האָט דער מורה הוראה געהאט אן אמתן עונג רוחני. ערשטנס, איז דאָס פאר אים געווען א מין סאָרט אָפּריכטן גלות, וואָס יראים ושלמים לעכצן נאָך דעם אזוי שטארק... צווייטנס, אונטער וועגנס איז מען פיל נעענטער צו גאָט; ס'דאווענט זיך דעמאָלט מיט מער כוונה: מ'קאָן אויך אָפּלערנען בשלווה א פרק משניות,

א בלאט גמרא אויף אויסנווייניק; ס'איז נישטא ווער ס'זאל דיר מבלבל זיין אין דיינע רעיונות...

און הגם ער איז בטבע געווען א גרויסער בעל פחדן, שטארק מורא געהאט פאר א הונט און פאר יעדער מינדסטער פיר פיסיקער באשעפעניש, אבער אונטערוועגנס, האט ער פאר קיינעם קיין מורא נישט געהאט, נישט פאר קיין חיה רעה, נישט פאר קיין גוי מיט בייזע מחשבות אין הארצן און אויך אפילו נישט פאר קיין רוחות, שדים ומזיקים, וואס האלטן זיך אויף אין די געדיכטע וועלדער און אין די זומפן, ווארים גאט, ברוך הוא, דער שומר ישראל איז איצט מיט אים און ארום אים. ער פילט עס מיט אלע זיינע חושים און מיט אלע זיינע רמ"ח אברים... און פון גרויס הרחבת דעת, און פון זיין גרויסער אמונה אינם בורא עולם, כאפט ער און דריקט שטארק צו זיין טלית און תפילין צום הארצן און גייט ווייטער ,שטיל, בניחותא, מיט לאנגזאמע טריט. די זון שיינט אים אין פנים, אירע שטראלן צינדן דעם ווייס-בלענדעדיקן שניי מיט בלערליי פארכאפנדע קאלירן פון בריליאנטן און דיאמאנטן. ער אבער שענקט אויף דעם אלעמען אפילו נישט קיין קוק ;ער וועט דאך חלילה נישט מפסיק זיין "ממשנתו", פון זיין לערנען...

ביינאכט איז אים נאך אנגענעמער צו גיין: אין דער הויך איבער זיין קאפ הענגט א צעשטערנטער הימל, א זילבערנע לבנה; ארום און ארום איז אזוי שטיל, מ'הערט אפילו קיין שארך, ווי די גאנצע נאטור, מיט אירע מעשה בראשית, וואלט איצט אפגעריכט א תפלה בלחש... א זיסע ווארעמקייט צעגייט זיך איבער זיין לייב. און פון גרויס חדווה רייסט זיך פון אים ארויס א געשמאקער קרעכצל און רופט אויס א באגייסטערטער: "אוי, גאטעניו, טאטע געטרייער!"... און אט טוקט אויף פאר אים פונדערווייטנס א פייערל פון א מענטשלעכן ישוב, פון א יידישער קרעטשמע. אט, באלד, וועט ער דערזען פרישע יידישע פנימער, וואס גארן צו הערן א יידישווארט, א יידישן קרעכץ... און ער שפאנט ווייטער מיט פרייליכע, זינגענדיקע טריט.

אבער נישט איינמאל, אין סאמע מיטן פון זיינע וואנדערדיקע נסיעות, האט אים פארכאפט א שטארקער פראסט, א גרויסע שניי-זאווערוכע, וואס האט אים שיר נישט פארוויעט און פארשאטן אזוי, אז מ'וואלט אפילו נישט געוווסט ווו זיין געביין איז אהינגעקומען. אבער שטענדיק, פונקט אין סאמע קריטישן מאמענט זיינעם, ווען ער איז שוין געשטאנען פנים אל פנים פאר א גרויסער סכנה, האט צו אים גאט, ברוך הוא, אויסגעשטרעקט זיין פאטער-לעכע האנט און אים געבראכט בשלום צו א מענטשלעכן ישוב. און כידוע, הרבה שילוחים למקום, האט אים גאט באלד צוגעשיקט א רעטער, אין געשטאלט פון א פויערל, וואס איז געפארן אין וואלד נאך האלץ, אדער אין און פון שטאט, אים געפונען אין ווענ א פארקאוועטן מיט שניי, און אים געבראכט צוריק אין דארף אריין צום ישובניק, אדער צו אים אהיים אין שטעטל.

* * * * *

איינמאל, אויף אזא נסיעה זיינער, איז מיט אים געשען א טשיקאווע

מעשה, פון וואָס דאָס שטעטעלע האָט שטאַרק געלאַכט, וואָס איז, כּלעבן, כּדאַי עס צו דערציילן:

ר׳ לייזער וועלוול, דער מורה הוראה, איז זיך אַזוי געגאַנגען אין וועג, און ווי געוויינלעך, געווען שטאַרק פאַרטיפט אין לערנען, און דערביי האָט ער, ווי זיין שטייגער איז געווען, געפּיפּקעט געמיטלעך זיין ליולקע. ערשט מיטאַמאָל האָט ער דערפילט ווי עס איז אים עפּעס שטאַרק הייס געוואָרן אין זיין רעכטן אַרבל פון זיין פוטערל, פון וואַנען עס האָט געשפּאַרט אַ רויכל... נו, דאַרף מען דאָך עפּעס טאָן דערצו. האָט ער, בלית ברירה, געמוזט נעבעך מפסיק זיין אין לערנען, האָט אַראָפּגענויגט פון "דרך המלך", זיך צוגעבויגן צום אָנגעהויבעטן באַרג שניי, מיט דער כּוונה אויסצולעשן די שריפה אין זיין אַרבל. איז ער נעבעך געשטרויכלט געוואָרן, זיך אויסגעגליטשט און איז אַריינגעפאַלן בראשו וברובו אין טיפן גראָבן שניי. אַרויסצוקריכן פון דאָרט האָט אים שוין נישט געסטייעט קיין כּוחות. איז ער זיך אַזוי געשטאַנען אַ פאַרזונקענער ביזן האַלדז אין שניי און מתפּלל געווען צו גאָט, אַז ער זאָל אים צושיקן אַ רעטער און אים מציל זיין פון דער טיפער שניי־גרוב, ווי ער האָט אַמאָל מציל געווען דניאל הנביא פונעם לייבן־גרוב...

און ווי ער איז זיך אַזוי געשטאַנען און מתפּלל געווען, האָט זיך פּלוצלונג אָנגעיאָגט אַ ברענענדיקער סוס, מיט אַ גלעקל אויפן האַלדז, איינגע־שפּאַנט אין אַ שייִנעם, פּריצישן שליטעלע, וווּ ס׳איז געזעסן ברייטלעך דער רייכער יידישער פּאָסעסאָר, לייבל וואַפּניאַרסקי, פונעם וויסקאַיער הויף. דאָס איז געווען אַ הויכער, שיינער, געזונטער חברה־מאַן, מיט אַ בלאָנדן, קיילעכיקן געשאָרענעם בערדל און מיט אַ פּאָר גוט־אויסגעכאַליעטע, פאַרשפּיצטע וואָנצעס, אָנגעטאָן אין אַ טייערן פוקסענעם פּעלץ, אויפן קאָפּ אַ הויכע באַ־ראַשקענע פוטערנע היטל, גאָר מעשה פּריץ...

ווי גיך דאָס יונגע, ביסטרע פערדל איז צוגעקומען צום פּלאַץ, און מיט זיין שאַרפן אָדלער־בליק דערזען עפּעס אַן אויסטערלישע באַשעפעניש ליגט ביי דער זייט פון זיין וועג, האָט עס זיך דערשראָקן, אָנגעשפּיצט די אויערן, אַרויסגעלאָזן אַ משונהדיקן כראַפּ, זיך צעהירזשעט אויפן קול און שיִער ניט אַרויסגעשפּרונגען פון די האָלאָבליעס. לייבל וויסקאַיער האָט זיך באַלד געכאַפּט אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק. ער האָט גלייך אַרויסגעטאַנצט פון שליטן און איז געלאָפן זען וואָס פאַר אַ מין חיה רעה קאָן עס אַרויסשטאַרצן פונעם באַרג שניי. ערשט ער טוט אַ קוק, אַז דאָס צונויפגעקנוידערטע פּעקל איז דאָך גאָר דער זאַסטאַווער מורה הוראה, ר׳ לייזער וועלוול, וואָס איז ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק געווען ביי אים צוגאַסט. האָט ער לאַנג נישט געטראַכט, אים אַ כאַפּ געטאָן מיט זיינע פּאָר געזונטע ידים, אַריינגעזעצט אים אין זיין שליטן, צוגעדעקט אים פון קאָפּ ביז די פיס מיט דער וואַרעמער, ווייכער, בערן־פּעל, אַ שמיץ געטאָן דאָס פערדל, און היידאַ!

ווען דער מורה הוראה איז געקומען צו זיך פון זיין קאַלטער שניי־באָד, האָט ער אָנגעהויבן צו קרעכצן און צו אויקען, און גענומען זיך אויסטענהן מיטן רבונו של עולם, מיט אַ גמרא־ניגון:

"יש אדם קונה עולמו בשעה אחת", — פאראן אמאל א מענטש וואס קאן זיך איינקויפן עולם הבא אין איין שעה, דורך איין מצווה. טא פרעגט זיך: במה זכה? מיט וואס האט אזא האט אזא פריץ, אזא גרויסער עולם הזהניק, וואס איז בטבע "מלא עבירות כרימון", פול מיט זינד און עבירות ווי א מילגרוים מיט קערעלער, זוכה געווען צו פארדינען דורך אים אזא גרויסע מצווה פון פיקוח נפש, ראטעווען א מענטשנס לעבן, וואס צוליב איר מעג מען אפילו מחלל שבת זיין?!

דער מורה הוראה דרייט מיט א פינגער אין דער לופטן און טענהט ווייטער, ווי ער וואלט געהאט א דין תורה מיט גאט:

"און דיינע יידעלעך, וואס גייען אין דיינע וועגן, לערנען דיין תורה הקדושה, טוען צדקה און מעשים טובים, קומט זיי נעבעך אן צו פארדינען זייער חלק לעולם הבא כקריעת ים סוף? און אזא פריץ, א בעל עבירהניק, זאל פלוצלונג, כהרף עין, זיך האבן פארדינט עולמות, צו גלייך מיט אלע גרויסע צדקים?! וואלט ניט געווען א יושר גדול, אז אזא טייערע, גרויסע מצווה, זאל בעסער געווען אריינפאלן צו א בן־ישראל?! לכל הפחות, צו אן ארעמען, ארנטלעכן פויערל?

"א, רבונו דכולא עלמא! — רופט אוים דער מורה הוראה מיט א קרעכץ — ווי פארהוילן עס זייענען דיינע וועגן!"...

ווי נאר דער רייכער פאסעסאר, לייבל וואפניארסקי, וואס האט געשמט פאר א גרויסן קאטאוועסניק, האט דערהערט ווי דער מורה הוראה רעדט וועגן אים ווי ער וואלט געווען א גוישער פריץ, צעשמייכלט ער זיך, און עס כאפט אין אן א גרוים חשק צו שפילן פאר אים די ראל טאקע פון א גוי, און זען וואס וועט דא זיין. האט ער באלד, מעשה ליץ, גענומען אומישנע ריידן צו זיין פערדל פריציש־לשון און אונטערגעפייפט א לידל, ווי עס פאסט פאר א גוי...

ביי ר' לייזער־וועלוועלען דעם מורה הוראה איז שוין איצט גאר קיין ספק נישט געווען, אז זיין רעטער איז טאקע אן אמתער ערל. פארקלעמט עס אים שטארק ביים הארצן. ווארום א גאנץ לעבן בענקט ער און גלוסט, עד כלות הנפש צו קאנען מקיים זיין די גרויסע מצווה פון פיקוח־נפש און "ולא עלתה בידו" און ס'איז אים נאך עד היום נישט באשערט געווען. און דעם "אותו האיש", אט דעם דאזיקן זינדיקן פריץ, וואס זיצט ביי זיין זייט, איז יא געלונגען און ער איז שוין בבחינת צדיק... אי, אי, אזא מזל פון א גוי!.. שמוצערט ער אזש צו זיך מיט די ליפן און איז אים שטארק מקנא די גרויסע מצווה.

לייבל וואפניארסקי, דער קאטאוועס־טרייבער, הויבט אן נאך העכער אויספייפן זיין גוייש לידל, פון וואס עס ווערט דעם מורה הוראה אזש קאלט אין די ביינער...

הייבט ער אן מיט זיינע שטארק קורצזיכטיקע אויגן צו קוקן אויפן פריץ פון דער זייט און וויל געפינען אויף זיין קלסתר פנים כאטש א סימן פון א צלם־אלוקים... אבער דא פאלט זיין בליק אויפן פריצס שטייפע, אויסגעדרייטע, בלאנדע וואנצעס מיטן צוגעשארענעם בערדל און זיין אויער

פארנעמט זיין גוייש־פייפנדיקע לידל. פון גרוים שברת הלב, וואָס אזא גרויסע, טייערע מצווה איז אריינגעפאלן אין אזעלכע גויישע הענט, צעקרעכצט ער זיך נאָך שטאַרקער, אזוי אז עס ווערט אים אזש היים אונטער דער בערענער פעל.

דערהערט לייבל וואפניארסקי ווי דער מורה־הוראה איז זיך נעבעך אזוי שטארק מצער אויף זיין מכלומרשטער גוישקייט, קריגט ער אויף אים רחמנות, ווייל ער אים שוין מער ניט ווי טאָן, הערט ער אויף צו פייפן זיינע גויישע לידלעך און הייבט אָן אומישנע, — וואָס א ייד א לץ קאָן, — פלוצלונג צו לייענען הויך אויפן קול . . . קריאת־שמע.

דער מורה־הוראה ווערט נבהל ונשתומם. ער גלויבט ניט זיינע אייגענע אויערן, וואָס ער הערט. קוקט מיט א פּאָר צעשראָקענע, אויסגעגלאָצטע אויגן אויפן געזונטן, ברייט־פּלייציקן פּריץ מיט די שטייפע וואָנצעס, און קאָן בשום אופן ניט פארשטיין ווי אזוי איז דאָס געשען? אז אזא גוייעץ, וואָס האָט אקאָרשט געהאלטן אין איין פייפן גויישע לידלעך, זאָל פלוצלונג, אין איין שמע ישראל, מגולגל ווערן אין א יידן ? . . דאָס איז דאָך ממש פלאי־פלאים ! . .

ערשט ווען דער מורה־הוראה איז געקומען צו זיך, האָט ער אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אויסגערופן מיט באַגייסטערונג:

— איך דאנק דיר רבונו של עולם, וואָס די דאָזיקע מצווה פון פיקוח נפש, איז אריינגעפאלן אין יידישע הענט . . .

און פון גרוים חדווה האָט ער באלד ארויסגעכאפט פון זיין בוזים־קעשענע זיין טאבאק־פושקעלע און מכבד געווען דעם רייכן יידישן פּאָסעסאָר מיטן ערשטן שמעק טאבעקע . . .

דער בעל־מופת

אוואדע, וואָס אמת איז אמת, שטעטעלע זאַסטאַוויע איז געווען זייער שטאָלץ מיט זייער מורה הוראה, דעם גרויסן צדיק, וואָס האָט געשמט פאר א גרויסן למדן און וואָס האָט געהאט געצויגן זיין שלשלת היוחסין פון דורות תלמידי חכמים, אנשי מעשה. אָבער פון דער צווייטער זייט, האָט שטעטעלע געקוקט אויף אים ווי אויף א ניט־דאָיִקן, וואָס איז תמיד פאַרדביקהט, פאַר־מוחט, שטענדיק פאַרטראָגן אין די הויכע עולמות, זיצט תמיד על התורה ועל העבודה, ווייס ניט און זעט ניט וואָס עס טוט זיך ארום אים, אויף דער דאָ־זיקער ערד.

און דאָ האָלט די "ממשלת זדון" אין איין אויסטראַכטן כלערליי גזירות קשות אויפן כלל־ישראל, מאַכט בילבולים אויף יידן, טרייבט יידן פון די דערפער; מען רייסט ארויס דעם ביסן ברויט פון יידישן מויל, די בידנע פרנסה קומט אָן ממש כקריעת ים־סוף — יידן האַלטן חלילה אין איין פאַרזונקען ווערן אין עצבות. און דער מורא הוראה — ווי ניט אים מיינט מען. אנשטאָט ער זאָל זאָגן א טרייסט־וואָרט, שטאַרקן דעם ביטחון ביי זיינע "צאן קדשים", איז ער גאָר פאַרנומען טאָג און נאַכט אין מתקן זיין דאָס מלכות שמים . . .

האָט מען אין דער שטיל געהאַט אויף אים תרעומות, אָבער זאָגן דאָס אים בפניו האָט קיינער ניט געהאַט דעם מוט. ער איז דאָך עפּעס פאָרט א גרויסער צדיק, א גרויסער ירא שמים, טאָ ווער וועט זיך דאָס אונטערנעמען ארויסצוקומען פאר אים מיט זייערע טענות? האָט מען געשוויגן. שטעטעלע האָט זיך געפילט ווי פאַריתומט, האָט נעבעך געקרעכצט אויפן ביטערן גלות און מיטן שווייס פונם פּנים געאַרבעט אויף דער בידנער חיונה. און דער מורה הוראה זייערער, זאָל לעבן, האָט יעדער נאַכט אָפּגעריכט חצות, געקלאָגט און געוויינט מער אויף גלות השכינה איידער אויפן גלות פונם פאָלק ישראל . . .

אָבער איינמאָל איז געשען אזוינס, וואָס האָט פּלוצלונג ווי מיט א כישוף־שפּרונג, געענדערט אינגאַנצן די באַציונג צום פאַרהימלטן מורה הוראה, ניט נאָר אין די אויגן פונם שטעטעלע זאַסטאַוויע, נאָר אויך אפילו אין די אויגן פון דער שכנישער שטאָט קאַמעניץ, וואָס האָט ביז דער דאָזיקער פּאַ־סירונג, זייער ווייניק געהאַלטן סיי פון דער קהילה קטנה זאַסטאַוויע, און סיי פון איר מרא דאתרא, ר' לייזער־וועלוול דעם מורה הוראה. מיטאַמאָל האָבן

אלע גענומען קוקן אויף אים ווי ער וואָלט געווען אן איש אלוקים, א הייליקער מענטש, א באהאַלטענער צדיק.

און מעשה שהיה כך היה:

ס'איז געווען אין סאמע מיטן זומער. אלץ האָט אזוי שיין געבליט און געוואַקסן. יידן, און להבדיל, גויים, זיינען ארומגעגאַנגען צופרידענע און גליקלעכע. איטלעכער איז געווען זיכער, אז ס'וועט היי־יאָר אם ירצה השם זיין א גרויסע גערעטעניש, מזל און ברכה.

אָבער מיטאמאָל איז אנשטאָטנען אן אויסערגעוויינלעכע טריקעניש, וואָס אזא האָט שטעטל, זינט זי לעבט, נאָך ניט געהאַט. די תבואה־פעלדער זיינען פארגעלט געוואָרן פאר דער צייט. די גרינע פאַשע־לאָנקעס זיינען געלעגן פארשרפעטע פון היץ; די פרוכט־ביימער זיינען געשטאַנען פארחלשטע, און קיין כוח ניט געהאַט א ריר צו טאָן אפילו מיט א בלעטל; טייכלעך, ריטשקעלעך און ברונימער זיינען אויסגעטריקנט געוואָרן; שאָף און רינדער זיינען ארומגעגאַנגען פארשמאַכטע, מיט ארויסגעשטרעקטע צינגער, געזוכט א גרעזל מיט וואָס צו שטילן זייער הונגער און ניט געקענט געפינען. זיי האָבן נעבעך געשריען, גערעוועט אויפן קול, אז ס'איז ממש געווען א צער בעלי חיים. יידן און גויים זיינען ארומגעגאַנגען מיט פאַרזאָרגטע פנימער, האָבן געקוקט מיט בעטנדיקע אויגן צום הימל, אָבער דער הימל איז געווען האַרט ווי קופער, אָן קיין שום סימן פון א וואָלקנדל.

עס זיינען שוין געהאַט אוועקגעגאַנגען טעג און וואָכן. און די זון האָט נאָך אלץ געהאַלטן אין איין שרפענען, אזוי אז ס'האָט זיך געדוכט, אז אָט־אָט וועט חלילה אויסברעכן א שריפה און אלץ מיטאנאַנדער וועט פארצערט ווערן.

דער הויכער, געזונטער, רוסישער פּאָפּ און דער לאַנגער, דאַרער, פוילישער גלח, האָבן שוין ניט איינמאָל געהייסן קלינגען אין די קלויסטערס, גערופן זייערע גלויביקע צו קומען אָפּריכטן ספּעציעלע "מאָליטוועס" צו זייער גאָט, אז ער זאָל זיך דערבאַרימען אויף זיי און אויף זייערע "סקאָטינעס" (בהמות) און שיקן א רעגן וואָס זאָל אָפּראַטעווען זייער שווערע מי און פּראַצע פונם דאָזיקן העלישן פייער — אָבער "אין קול ואין עונה" — דער הימל האָט ניט געענטפערט. זיי זיינען שוין ניט איין זונטיק ארויסגעגאַנגען מיט זייערע "איקאָנעס", צלמים און מיט זייער "סוויענטא מאריא" אין א הייליקער פּראָצעסיע איבער גאַסן און איבער שכנישע פעלדער; דאָס גאַנצע פאָלק איז געפאַלן אויף די קני, זיך פרום געצלמט און געפּרעפּלט לאַנגע תפילות, און די קלויסטער־גלאָקן האָבן הילכיק צוגעקלונגען — אָבער דער הימל האָט אלץ ניט געענטפערט.

* * * * *

ר' לייזער וועלוול, דער מורה הוראה, איז די גאַנצע צייט זיך געזעסן אין בית־מדרש, אין זיין שטענדיקן ווינקעלע ביים אָרון־קודש, און געלערנט "זוהר", ווי שטענדיק — ווי דער גאַנצער ענין "גשם" (רעגן) און "טל מן

השמים" (טוי פון הימל), וואלט מיט אים ניט געהאט קיין שייכות. אבער מיטאמאל האט ער זיך געגעבן א כאפ אויף ווי פון א לאנגן שלאף, צוגערופן דעם שמש און אים געהייסן גלייך גיין און רופן אין שול אריין. הפנים דער צער און דאס געשריי פון מענטש און בהמה איז שוין געהאט דערגאנגען אויך צו אים.

ס'איז באלד געווארן א סומאטאכע אין שטעטל. איטלעכער האט אוועקגעלייגט זיין ארבעט. דאס בית־מדרש איז באלד געווארן פול איבער זיינע ברעגן מיט אן עולם מאנצבילן, ווייבער און קינדער, אזוי אז קיין קינד איז ניט געבליבן אין וויג.

דער מורה הוראה, אין קיטל און טלית, האט זיך אוועקגעשטעלט פארן עמוד, אויפגעעפנט דעם ארון־קודש און אנגעהויבן זאגן סליחות ווי אין די עשרת ימי תשובה. און געזאגט האט ער מיט אזא געבראכן, וויינענדיק קול, וואס איז געווען שלא כדרכו, אזוי אז א שטיין האט געקאנט צעגיין. אויף אים קרנדיק האט דער גאנצער עולם מיטגעוויינט און מיטגעקלאגט ווי ס'וואלט גארניט געווען אין א פשוטן, וואכעדיקן טאג, נאר ווי יום־כיפור צו נעילה.

און וונדער איבער וונדער! ווי נאר דער מורה הוראה האט פארענדיקט זאגן די סליחות און גלייך גענומען דאווענען מנחה, האט דער הימל זיך אנגעהויבן צו וואלקענען, און ווי גיך ער האט אנגעהויבן זאגן די "הויכע שמונה־עשרה" און אויסגעשריען מיטן גאנצן כוח, מיט א געוויין און מיט א קלאג, די ברכה "ברוך עלינו את השנה הזאת ואת כל מיני תבואתה לטובה" — בענטש אונדז גאטעניו, דאס דאזיקע יאר מיט אלע אירע מינים תבואות צום גוטן! האט באלד גענומען דונערן און בליצן און רעגענען, און נאך וואס פאר א רעגן! עס האבן זיך ממש געהאט אויפגעעפנט אלע פענצטער פון הימל און ס'האט אנגעהויבן צו גיסן ווי מיט צעבערס, און מיט אזא כוח, און מיט אזא שטורעם, וואס אפילו די זקנים אין שטעטל האבן ניט געדענקט, אז אזא איז ווען ס'איז געווען.

דער גאנצער עולם אין בית־מדרש איז געבליבן נבהל ונשתומם. עפעס א גרויסע ציטערניש איז אלעמען באפאלן. ווארים זיי האבן ממש זייערע אייגענע אויגן ניט געגלויבט, אז דאס אלץ קומט פאר מיט זיי אין דער ווירקלעכקייט. ווארים באמת, ווער האט זיך דאס געקאנט פארשטעלן, אז זייער שטילינקער, שוואכינקער מורה הוראהלע זאל פארמאגן אין זיך אזא כוח, אזא גייסטיקע גבורה?! ניט אנדערש, און מען זעט עס דאך טאקע באשיינפערלעך, אז זייער אלטינקער דיין איז דאך גארניט קיין געווינלעכער מענטש, נאר טאקע אן אמתער, פארבארגענער צדיק, מיט א גרויסן זכות אין הימל . . .

פון דעמאלט אן, האט שטעטלע זאסטאוויע מיט איר גאנצער ארומיקער סביבה, גענומען קוקן אויף זייער מורה הוראה מיט גרויס יראה און מיט גרויס דרך־ארץ, ווי ער וואלט געווען איינער פון די למד־וואווניקעס אין וועמעס זכות עס האלט זיך די וועלט . . .

אפילו, להבדיל, די מעשטשאנעס פון דער גוישער גאס, האבן אויך צוגעגעבן, אז דער קלייניקער און דארינקער "זשידאווסקי ראבין" איז א געטלעכער מאן . . .

דעם מורה הוראהס טאָכטער

מלכה, דעם מורה הוראהס טאָכטער, איז געווען געבענטשט מיט אַלע מעלות: ערשטנס, איז זי געווען זייער א פרומע, א גאָטספאָרכטיקע; צווייטנס, איז זי געווען א גרויסע למדנטע, ווי עס פּאַסט פאר א בת תלמיד־חכם, וואָס האָט געצויגן זיין יחוס פון דורות רבנים און דיינים; דריטנס, איז זי געווען א גרויסע בריה און א חכמה, אזוי אז מען האָט געמעגט זאָגן אויף איר: ״הלוואי כן ירבו בישראל״, הלוואי עס זאָלן זיין א סך אזעלכע יידישע טעכטער ביי יידן.

אָבער מיט איין זאך האָט איר דער רבונו של עולם ניט מזכה געווען, און דאָס איז — מיטן ביסעלע פרויען־חן. ד״ה, זי איז נעבעך געווען זייער ווייט פון א קראסאַוויצע . . . און אָט איז איר פּאָרטרעט: א הויכע, א שטשופּלע, א דאַרע, מיט שטאַרק פארזשמורעטע, שיקלדיקע אויגן, וואָס ווען זיי פלעגן זיך צעפּינטלען, פלעגן זיי אָנוואַרפן ממש א שרעק אויף קליינע קינדער אין די וויגן . . . שטעטלשע לצים, וואָס האָבן שטענדיק געהאַט א טבע אָפּצולאַכן און אָפּצוחוזקן פון אַלעמען, פלעגן זאָגן אויף איר אין שפּאַס, אז דאָס האַלט זי אין איין ווינקען מיט אירע שיינע ״גלאָזקעס״ (אייגעלעך) צו פרעמדע מאַנצבילן . . .

פאַרשטייט זיך, אז דאָס איז געווען א שקר מוחלט און א גרויסע זינד אזוינס צו זאָגן אויף אזא פרומער, כשרער, יידישער טאָכטער.

מלכה דעם מורה הוראהס האָט נעבעך געוווּסט, אז זי איז טאַקע ניט קיין גרויסע יפת־תואר, אָבער זי האָט זיך חלילה ניט אָפּגעגעסן דאָס האַרץ פון דעם. פאַרקערט, זי האָט עס מקבל באהבה געווען. זי פלעגט טאַקע ניט איינמאָל זאָגן אויף זיך מיט א שמייכעלע און מיט א פּסוק, ווי איר שטייגער איז געווען: ״שקר החן והבל היופי״ — פאַלש איז דער פרויען־חן און נישטיק און נאַריש איז איר שיינקייט . . . ווייל דער עיקר דאַרף א מענטש זען, אז זיין נשמה זאָל זיין שיין און גוט. און זי איז טאַקע געווען א גוטע נשמה, א צוגעלאָזענע, אזוי אז יענעמס צער איז געווען איר צער, און יענעמס פרייד איז געווען איר פרייד. האָט מען זי דערפאַר טאַקע זייער ליב געהאַט אין שטעטל, ווי מען האָט ליב א נאָענטן מענטשן אין דער משפּחה.

און כאָטש זי איז געווען די מיזינקע צווישן דעם מורה הוראהס זין און

טעכטער, פונדעסטוועגן איז זי געווען די איינציקע אין דער משפחה, וואָס האָט געטראָגן אויף אירע שמאָלע פּלייצקעס דעם גאַנצן יאָך פון דער שווע־רער פּרנסה. זי האָט געהאָרעוועט טאָג און נאַכט, געלאַטעט און געצירעוועט, געזען אַז אין טאָפּ זאָל שטענדיק זיין אַביסל אָפּגעקאָכטע גרויפּן, אויפן טיש אַ שטיקל ברויט, אַ וואַרעמע קאַרטאָפל מיט וואָס די נשמה צו דערהאַלטן. זי האָט רק געזוכט כלערליי עצות ותחבולות ווי אַזוי איבערצוקליגן און איבערצוכיטרעווען דעם דלות וואָס האָט שטענדיק געפּייפט אין אַלע ווינ־קעלעך ביי איר טאַטן, דעם מורה הוראה, אין שטיבעלע. אַליין איז זי גע־גאַנגען קרועה ובלואה, מיט אַ פאַרלאַטעטן קליידל אויפן לייב און מיט אַ פּאָר אַלטע, אויסגעדרייטע שיך אויף די פיס. אָבער דאָס האָט איר ניט געאַרט. זי איז שטענדיק אָפּגעקומען מיט שהי־פּהי. אַבי קיינער אין דער משפחה זאָל חלילה ניט ליידן קיין הונגער — אָט אַזאַ גרויסע צדקנית איז זי געווען.

ווען דער מורה־הוראה, זאָל לעבן, איז געבליבן, ניט פאַר קיין יידן געדאַכט, אַן אַלמן, איז מלכה, זיין מיזינקע, געוואָרן די גאַנצע עקרת־הבית. זי האָט ממש איינגעלייגט וועלטן, אַז אירע ברידער און שוועסטער, די יתומים, זאָלן חלילה ניט דאַרפן הונגערן און זאָלן האָבן אַ גאַנצן בגד אויפן לייב, און אירע ברידער זאָלן קאָנען זיצן און לערנען בשלווה; ווען זיי זיינען עלטער גע־וואָרן, האָט זי געאַרבעט מעשים, אַז זיי זאָלן חתונה האָבן אין צייט און נעמען לייטישע זיווגים, ווי עס פּאַסט פאַר בני תלמידי־חכמים. זי האָט איטלעכן פון זיי באַזאָרגט מיט אַ שיינעם אויסשטייער, אפילו מיט קישנס און מיט פּערענעס, ווי אַ געטרייע מאַמע.

דער עיקר אָבער איז געווען ביי איר דער טאַטע, ווער ווען זי האָט אוועקגעשענקט איר גאַנצע ליבשאַפט. זי האָט פון אים ממש ניט אָפּגעטאָן דאָס אויג. זי האָט אים באַזאָרגט מיט אַלע זיינע הצטרכותן, ווי אַ שטייגער: יעדער פרימאָרגן זאָל ער האָבן זיין "גלעזל וואַרעמס" מיטן האַרטן שטיקל צוקער, וואָס אָן דעם האָט ער זיך ניט געקענט באַגיין; צוויי מאָל אין טאָג זאָל ער האָבן זיין שטיקל ברויט מיטן וואַרעמען טעפּעלע געקעכטס; זיין פּעקל טאַבעק פאַר זיין ליולקע מיטן לאַנגן ציבעק, וואָס ער האָט קיינמאָל פון מויל ניט אַרויסגעלאָזט, און אויך מיט גיין לייען אַ גמילות־חסד אויף שבת . . . און נאָך אַזעלכע נויטיקע זאַכן. זי האָט אים אויך געהאָלפן פירן די דיינות. זי איז שטענדיק געשטאַנען ביי זיין רעכטער האַנט. אַבי איר טאַטע, דער צדיק תמים, זאָל קאָנען זיצן בשלווה על התורה ועל העבודה. אָט אַזאַ גרויסע צדיקת איז זי געווען, וואָס אַזאַ איז אפילו אין יענע צייטן גאָר ניט געווען בנמצא. זי, די גאַטספאַרכטיקע יידישע טאָכטער, האָט ווירקלעך מקיים געווען די גרויסע מצווה פון "כיבוד אב" מיט אַלע פּרטים און דיקדוקים, ווי עס פּאַסט פאַר אַ בת תלמיד־חכם.

* * * * *

מלכה, דעם מורה הוראהס טאָכטער, ווי מהאָט זי גערופן אין שטעטל, האָט אויך געהאַט אָנגעפירט מיט איר טאַטנס זאַלץ־מסחר, פון וואַנען ער האָט

געזאָלט ציען זיין הויפּט־חיונה. דאָס איז געווען די חזקה אויף זאַלץ, וואָס די קהילה קדושה דזאַסטאַוויע האָט אים געגעבן איינעם מיט זיין כתב הדיינות, ווו ס'איז געווען פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס און געחתמעט פון אַלע באַלע־באַטים לאמור, אזוי צו זאָגן:

"יעדער בן ישראל און יעדע בת ישראל איז מחויב, באלה ובשבועה, צו קויפן זאַלץ פאַרן שטוביקן געברויך נאָר פונם מורה הוראה, ר' אליעזר זאב הנקרא ר' אלעזיר־וועלוול, כבוד שמו תפארתו. נאָר די איינציקע אין שטעטל אויף וועמען ס'איז ניט חל די תקנה, הגם זיי געפינען זיך אין דעם שטעטלשן תחום, זיינען די מעשטשאַנעס פון דער גוישער גאַס. ווארים ערלים, וואָס גייען ניט אריין בבריתו של אברהם אבינו, זיינען ניט מחויב אויסצוהאַלטן דעם יידישן מורה־הוראה מיט חיונה"...

די דאָזיקע זאַלץ־מחיה, איז באַשטאַנען בסך־הכל פון צוויי גרויסע זעק, וואָס זיינען געשטאַנען אויף קלעצלעך האָלץ, אָנפּעשפּאַרט אינם גרויסן באַק־אויוון. איין זאַק, מיט גראָבער, טונקעלער זאַלץ, איז געווען באַשטימט פאַר די אָרעמע באַלעבאַסטעס, און דער צווייטער זאַק, מיטן דינעם זאַלץ, איז געווען פאַר די רייכע, יוסטע, באַלעבאַסטעס. צו יעדער איינעם פון די זעק איז געווען צוגעבונדן א בלעכענע, פאַרזשאַווערטע קענדל אויף צו מעסטן די גאַנצע און די האַלבע פונטלעך זאַלץ.

און היות מלכה איז תמיד געווען פאַרהאַוועט און פאַרשמייעט איבערן קאָפּ, האָט זי קיין צייט ניט געהאַט צו פאַרשרייבן, פירן א "קאָנטע" פון אירע קונהטעס, וואָס האָבן על פּי רוב געקויפט ביי איר די זאַלץ אויף באָרג, פלעגט זי דערוויילע פאַרשרייבן די חובות מיט א שטיקל שוואַרצער קויל אויף דער וואַנט פונם ווייס־אָפּגעקאַלכטן באַק־אויוון. און געפירט האָט זי די דאָ־זיקע בוכהאַלטעריע מיט עפּעס אַזעלכע משונהדיקע צייכנס, מיט האַלבע און גאַנצע רינגעלעך, מיט לאַנגע און קורצע פּאַסיקלעך, וואָס האָבן געהאַט דעם אָנבליק אויף די הערא‏גליפן — דאָס געהיימע שריפט פון די חרטומים פון מצרים . . .

זי פלעגט אזוי לאַנג שעפּן און מעסטן מיט די בלעכענע, פאַרזשאַווערטע קענדלעך פון די זעק זאַלץ, און אזוי לאַנג פאַרשרייבן די חובות אויפן באַק־אויוון, ביז די צוויי זעק זאַלץ פלעגן בלייבן אינגאַנצן אויסגעשעפּטע. דעמאָלט פלעגט מלכה דעם מורה הוראהס טאָכטער, די גרויסע זאַלץ־סוחרטע, ארויפ־וואַרפן אויף זיך איר מאַמעס ירושה־פּאַטשיילע, און אוועקלויפן מיט אירע גיכע טריטעלעך איבערן שטעטל, געלאָפן פון איין רייכן באַלעבאָס צום צווייטן, ביז ס'איז איר געלונגען צו כאַפּן א פרישן גמילות חסד צו האָבן מיט וואָס איינצוקויפן א פרישן זעקל זאַלץ . . .

פאַרשטייט זיך, אז ווען דער מורה־הוראה מיט זיינע בני־בית וואָלטן געווען אָנגעוויזן מיט זייער ביסעלע חיונה בלויז אויפן זעקל זאַלץ און אויף די חובות אויף דער וואַנט, וואָלטן זיי שוין לאַנג געווען, חלילה, אויסגעגאַנגען פון הונגער. צו זייער גליק אָבער, האָט נאָך אין יענער צייט זיך געהאַט גע־

פונען א צאל יידישע קאלאניסטן, ישובניקעס, וואס האבן ניט געהאט אפּגעטאן זייער אויג פון זייער מורה־הוראה. איטלעכער דארפס־ייד, א ישובניק צי א קאלאניסט, וואס איז געפארן אין שטאט אריין, האט געהאלטן פאר זיין הייליקן חוב און אויך פאר א סגולה צו געזונט און פרנסה, עפּעס וואס מיטצונעמען פארן מורה הוראה א מתנה, וואס איז באשטאנען אמאל פון א זעקל קארטאפל, אמאל א פוד קארן־מעל, אדער א טאפּ ארבעס, א טרוקן קעזל צי גאר א לאדישקע מיט פוץ־סמעטאנקע און נאך אזעלכע תרומות ומעשרות.

* * * * *

ווען דער מורה הוראה, ר׳ לייזער וועלוול, איז געווען אונטערוועגנס, אדער ער האט זיך פארלערנט אין בית־מדרש און ס׳האט זיך געמאכט א שאלה פון "בשר וחלב", ווי צום ביישפּיל: מען האט געגעסן דעם פליישיקן קרופּניק מיט א מילכיקן לעפל, אדער נאך א הארבערע שאלה, א יידענע האט על פּי טעות אויסגעוואשן א מילכיק טעפּל מיט א פליישיקן וויעכעטש . . . איז מלכה געווארן זיין "ממלא מקומו" און געפּסקנט די שאלה. ווארים אפילו דער מורה הוראה אליין, וואס האט בדרך כלל זייער ווייניק געהאלטן פונם ווייבערשן מין, האט אויף איר עדות געזאגט, אז זיין מיזינקע, מלכה, זאל לעבן, איז אזוי קלאר אין "שולחן ערוך" און אין דער "יורה דעה", ווי א פרומער ייד אין "אשרי".

האט אמאל א קצב געבראכט צו טראגן א "ריאה", א לונג און לעבער מיט א סירכא, און ער איז נעבעך געווען שטארק צעטראגן, מחמת זיין גאנצע פרנסה איז איצט געווען אנגעהאנגען אויף דעם דאזיקן לונג און לעבער . . . איז איידער דער מורה־הוראה איז געקומען פון דאווענען, פלעגט די גוטהארציקע מלכה כאפּן דערווייל א קוק אויף דער "ריאה", און נעמען טרייסטן דעם צעשראקענעם קצב, געבן אים אנצוהערענישן, אז זי האפט און זי גלויבט, אז עס וועט אם ירצה השם זיין כשר. און כאטש זי האט שוין באצייטנס געוווסט אז ס׳איז כשר אפילו למהדרין מן המהדרין, האט זי אבער ניט געטארט זאגן, אוים דרך ארץ צו איר גרויסן טאטן.

איז דאך אבער, כידוע, ר׳ לייזער וועלוול, דער מורה הוראה, זכותו יגן עלינו, געווען א גרויסער מחמיר אפילו ביי דער מינדסטער שאלה פון "בשר בחלב", און ווער רעדט ווען עס האט זיך געהאנדלט ביי א "משהו" חמץ בפּסח, האט ער תמיד געמאכט טריף וחזיר און אסור בהנאה, און ניט איינמאל אפילו געהייסן צעברעכן די כלים, אזוי אז ס׳איז ממש געווען סכנות נפשות. אבער ווען ס׳איז געקומען צו א בהמה גסה, וואס איז געווען פארבונדן מיט א גרויסן "חיסרון כיס", מיט א גרויסן היזק, דעמאלט פלעגט די גוטע נשמה, מלכה דעם מורה הוראס טאכטער, זיך נעמען איינשטעלן פארן קצב. און דערביי געגעבן אים אנצוהערעניש איר שטרענגן טאטן, אז ער טאר ניט פארגעסן, אז דא האנדלט זיך וועגן א "הפסד מרובה", דער קצב איז נעבעך אן עני ואביון, א מטופל מיט קינדער; און א "שטאט" מיט יידן קאנען נאך

חלילה בלייבן אַן פלייש אויף שבת . . . לכן, דעריבער, איז איידער ער גיט ארויס זיין פסק־דין, זאָל ער פריער גוט־גוט איבערטראכטן און נאָכדענקען וואָס עס זאָגט דער פוסק ראשון און וואָס עס זאָגט דער פוסק אחרון, און ער זאָל גיין לפנים משורת הדין.

לכתחילה פלעגט דער שטרענגער מורה הוראה זיך גוט אָנבייזערן אויף איר, למאי זי, א יידענע, וואָס איז נאָך דערצו א "פנויה" (ניט קיין פארהייראטע), מישט זיך אריין אין אזעלכע הויכע ענינים ווי א לונג און לעבער . . . ער פלעגט זיך אָבער באלד בארויִקן, נעמען די סירכא נאָכאמאָל אין די הענט אריין, צוטראָגן זי צו די אויגן, נאָכאמאָל אָנגעבלאָזן דעם לונג און לעבער און ווידעראמאָל אים באטאפּט פון אלע זייטן, און בשעת מעשה געקנייטשט דעם שטערן, געקרעכצט און אונטערגעאויקעט, אזוי לאַנג און אזוי ברייט ביז ער האָט זיך אָנגעטאָן א כוח און ענדלעך ארויסגעזאָגט, מיט ציטערדיקע ליפּן, דאָס איין און איינציקע וואָרט: כ ש ר ! . .

נו, איז עפּעס א וואונדער וואָס שטעטלע זאסטאוויע איז געווען אזוי משוגע פארליבט אין זייער מלכה דער דיינטע, איידער אין איר שטרענגען טאטן דעם דיין. אוודאי וואָס שייך לומדות, דבקות און פרומקייט, איז קיינער צו אים קיין גלייכן ניט געווען. אָבער איטלעכער האָט מורא געהאט פאר אים, מחמת ער איז געווען א גרויסער קפדן. אבי עפּעס פלעגט ער ווערן אַן אָנגעצונדענער, אז גאָט זאָל שומר ומציל זיין! אין בית מדרש, ביים דאווענען, און וועד רעדט נאָך בשעת קריאת התורה, האָט מען ניט געטאָרט אפילו א פּיפּס טאָן. קליינע קינדער האָבן געציטערט פאר זיין קוק. האָט אמאָל א בעל־תפילה, צי א בעל־היאָרצייט, געמאכט א טעות אין דער "שמונה עשרה", פארגעסן זאָגן "משיב הרוח" אָדער "יעלה ויבוא", פלעגט ער נעמען שרייען, פילדערן, קלאַפּן מיט די פויסטן אויפן שטענדער, ווי די וועלט וואָלט חלילה צוליב דעם אונטערגעגאנגען.

אָבער זיין טאָכטער, מלכה, האָבן אלע אין שטעטל, פון קליין ביז גרויס, שטארק ליב געהאט, ווי מ'האָט ליב אַן אייגענע, געטרייע שוועסטער. ווו א צרה און ווו אַן אומגליק איז מען געלאָפן צו איר זיך שואל עצה זיין. ניט איינמאָל איז איר געלונגען שלום צו מאכן צווישן איין שכן און א צווייטן; ניט איינמאָל פארריכט א צעשטערטן שלום בית ביי א יונג פּאָר פאָלק. וואָרים, ווי שוין געזאָגט, איז מלכה דעם מורה הוראהס טאָכטער געווען, ניט נאָר א גרויסע למדנטע, נאָר אויך א גרויסע חכמה. הלוואי עס זאָל זיין א סך אזעלכע יידישע טעכטער ביי יידן ! . .

די רבנישע חתונה

געווען איז מלכה דעם מורה הוראהס טאָכטער שוין אַ היבשע בוגרת. ד"ה, אַז זי האָט שוין לאַנג געמעגט הערן קלעזמער שפּילן . . . אַזוי האָט מען געזאָגט אויף איר אין שטעטל. אָבער אונדזער מלכה האָט גאָר ניט געוואָלט הערן און געדענקען וועגן חתונה האָבן, מחמת, ווי אַ געטרייע, איבערגעגעבענע טאָכטער, האָט זי מורא געהאַט טאָמער חלילה וועט זי דאַרפן חתונה האָבן פאַר אַ פרעמדן . . . וואָס קאָן זי נאָך אוועקפירן אין אַ ווייטן מקום, צו זיין "גע־בורטסלאַנד", טאָ ווער וועט דעמאָלט אכטונג געבן אויף איר "גרויסן" טאַטן, וואָס קאָן זיך אָן איר קיין עצה ניט געבן ?. .

אָבער די ווייבער פון שטעטל, די נשים צדקניות, האָבן זי ניט געלאָזט רוען. זיי זיינען שוין ניט איינמאָל געהאַט צוגעשטאַנען צו איר מיט טענות און מיט מוסר־רייד:

— סטייטש, מלכהניו, האַרצעניו, קרוינעניו, זאָג, וואָס וועט זיין דער תכלית אַזוי צו זיצן?! פאַרגעסט ניט, אַז די צייט שטייט ניט . . . די יאָרעלעך לויפן . . . טאָ וואָס־זשע שווייגסטו ? . . אדרבא, זאָג, שעם זיך ניט . . . אויב דו קאָנסט ניט, וועלן מיר זען עפּעס טאָן דעריין . . .

אויף די אַלע ווייבערשע טענות און מענות, פלעגט די שטילע, גאָטס־פאָרכטיקע מלכה גאָרנישט ניט ענטפערן, זיך נעמען רויטלען ווי אַ יונג, אכצן־יאָריק מיידל און אָנהייבן נאָך מער צו פינטלען מיט אירע פאַרזשמור־רעטע, שיקלדיקע אויגן. אָבער אַז די ווייבער האָבן זי פאָרט ניט אָפּגעלאָזן און זי האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט אַרויסדרייען פון זייערע הענט, פלעגט זי זיך צעשמייכלען מיט אַ כשרן, צניעותדיקן שמייכעלע, און באַלד געפינען פאַר זיי אַ שפּאָגל־נייעם תירוץ און זאָגן, ווי איר שטייגער איז געווען, מיט אַ נייעם קלוגן תורה־ווערטל:

— טייערע שכנהס מיינע, מען טאָר ניט דוחק זיין דעם קץ . . . מען דאַרף האָבן אמונה אין דעם וואָס לעבט אייביק . . .

צווייטנס, האָט זי, ווי אַ כשרע יידישע טאָכטער, וואָס איז נאָך דערצו געווען אַ גרויסע מלומדת, געהאַלטן פונם מאמר חז"ל, וואָס זאָגט: "דרכו של איש להחזיר על האשה" — ס'איז דער שטייגער פון מאַן צו גיין זוכן זיין באַ־שערטע און ניט פאַרקערט . . . און אויב ער איז נאָך ניט געקומען, וועט ער,

אם ירצה השם, קומען מארגן, איבערמארגן — מען דארף נאר האבן ביטחון. אויף דעם זיינען מיר דאך עפעס יידן . . .

פארשטייט זיך, אויף אזעלכע קלוגע רייד פון א בת תלמיד חכם, האבן די פרומע ווייבער שוין ניט געהאט וואס איינצוווענדן. זיי האבן בלויז פרום צוגעשאקלט מיט די קעפ, און מיט צונויפגעשנירלטע ליפן שטיל צוגעמורמלט: הלוואי, מלכהניו, פון דיין מויל אין גאטס אויערן.

עס זיינען אוועקגעגאנגען חדשים און יארן, און מלכה איז נאך אלץ געזעסן און געווארט אויף איר באשערטן. אבער די פרומע ווייבער אין שטעטל האבן שוין מער קיין געדולד ניט געהאט צו ווארטן . . . זיי האבן אנגעהויבן ממש איינצוליגן וועלטן. ווארים עס איז דאך עפעס ניט קיין קלייניקייט! מען טאר ניט דערלאזן, אז אזא טייערע נשמה, דעם מורה הוראהס מיזינקע, און דערצו נאך א יתומה, זאל חלילה פארזעסן ביזן גראען צאפ! — האבן די ווייבער ניט אויפגעהערט צו טענהן, אזוי אז מלכה האט שוין ניט געהאט קיין אנדער ברירה און געמוזט נאכגעבן זייער פארלאנג . . .

אין א שיינעם, זומערדיקן פרימארגן האט מלכה אויסגעריכט איר טאטן, דעם מורה הוראה אין וועג אריין, אז ער זאל גיין איבער די ישיבות צו געפינען פאר איר דעם אמתן בן זוג.

ר' לייזער־וועלוול, דער מורה הוראה, איז געגאנגען מעיר לעיר, פון שטאט צו שטאט, מכפר לכפר, פון שטעטל צו שטעטל, ביז ער איז אנגעקומען אין דער גרויסער שטאט בריסק ,וואס האט געשמט פאר אן עיר ואם בישראל. ער איז אריין אינם גרויסן "משמר" בית מדרש, ווו עס זיינען געזעסן א פאר הונדערט יונגעלייט, בחורים און פרושים, און געלערנט מיט גרויס התמדה.

ער איז באלד צוגעגאנגען צום ראש־ישיבה און געזאגט אזוי און אזוי, באשר בכן ער האט א טאכטער, א בת זקונים, וואס "כבר הגיעה זמנה לפרקה", ס'איז שוין געקומען די צייט זי אויסצוגעבן פאר א מאן, לכן וויל ער, אז דער ראש מתיבתא זאל אויסקלייבן פאר אים אן איידעם, א "פרי עץ הדר", וואס זאל זיין אן ערלעכער, כשרער יונגערמאן, און דער עיקר אזעלכער, וואס "נפשו חשקה בתורה", אזוי אז לאחר מאה ועשרים שנה, זאל ער ראוי זיין צו ווערן זיין ממלא מקומו. דערפאר וועט ער אים אריינגעבן אין נדן זיין גאנצע באלעבאטישקייט, דאס שטיבל מיטן ביסל מטלטלין, אייביקע קעסט און מיט א צוגאב די חזקה אויף זאלץ.

דער ראש־ישיבה האט טאקע באלד געפונען צווישן זיינע תלמידים אזוינס ווי אזעלכן, פונקט וואס דער זאסטאוויער מרא דאתרא האט געוואלט. דאס איז שוין געווען איינמאל א חתן־בחור! ממש א זיווג מן השמים, וואס איז מיט אלע פישטשעווקעס געווען געראטן אין דעם אבי־הכלה, אין זיין צוקונפטיקן שווער, דעם מורה הוראה, זאל לעבן . . . ער איז געווען אזא קליי־ נינקער און אזא דארימקער ווי ער און אזא גרויסער ירא שמים ווי ער. דער אונטערשייד איז נאר געווען אין זייערע בערד און פאות. דעם מורה הוראהס

באַרד איז געווען אַ לאַנגע, אַ צונויפגעקנוידערטע און אַ שוואַרץ־גרויליכע, אַזוי אויך זיינע לאַנגע הבדלותדיקע פּאות; דעם חתנס באַרד אָבער איז נאָך געווען אַ קליינע, אַ שיטערע און אַ געלבלעכע, און מיט בלאָנדע, געקרייזלטע פּאהלעך, וואָס האָבן זיך ערשט געהאַלטן אין צעוואַקסן.

ווען דער מורה הוראה איז אַראָפּגעקומען מיטן חתן, וואָס איז געקומען אָנקוקן צום ערשטן מאָל זיין כלה, איז גאַנץ שטעטל געגאַנגען כּאַדאַאַם. קליין און גרויס איז געקומען צולויפן כאַפּן אַ קוק אויף מלכהס באַשערטן און אויף זייער צוקונפטיקן מורה הוראהלע.

און כלעבן, ס'איז טאַקע געווען וואָס צו זען: די כלה, ווי מיר האָבן זי שוין פריער פאַרגעשטעלט פאַר אייך, איז געווען אַ הויכע, אַ דאַרע, מיט פאַרזשמורעטע, פינטלדיקע אויגן. און דער חתן דנן איז געווען אַ קליינינקער, אַ שטשופּלינקער, מיט אַ שיטער, געל בערדל, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע ביז די קנעכל, אויפן קליינעם, שפּיציקן קעפּעלע אַ רבנישן, ברייטן קאַפּעליוש, וואָס איז אים אַראָפּגעפאַלן איבער די אויערן, אַזוי אַז ער האָט אויסגעזען ווי אַ יינגל, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ רבֿ. און דערצו נאָך האָט ער נאָך געדאַרפט רופן זיך מיט אַ מאָדנעם נאָמען, מיירעם, וואָס פּאַסט זיך גיכער פאַר אַ נקבה, איידער פאַר אַ מאַנצביל, אַ תלמיד חכם.

נאָך אינם זעלבן שבת צו נאַכט האָט מען ביים מורה הוראה אין שטי־בעלע געפּראַוועט אַ מלווה מלכה מיט אַ תנאים אייניינעם, מען האָט געבראַכן טעלער, געטרונקען לחיים. עס איז געוואָרן ממש ליהודים אין שטעטל! איינע די אַנדערע האָבן זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב. ענדלעך האָט שטעטעלע דערלעבט דעם גרויסן נחת צו זען ווי זייער באַליבטע און געשעצטע מלכה דעם מורה הוראהס טאָכטער, איז מיט מזל אַ כלה געוואָרן!

* * * * *

באַלד אויף מאָרגן נאָך די תנאים, האָבן די שטעטלשע גבאיטעס זיך אויסגעפּוצט אין בגדי שבת און מיט גיכע, אײַלנדיקע טריט, זיך אוועקגעלאָזן אין דער שכנישער שטאָט קאָמעניץ, וואָס איז געלעגן אויף יענער זייט טייך, און גענומען גיין איבערן ריאַד־קראָמען צונויפצונעמען אַ גאַרדעראָבע, וואָס זאָל זיין די שענסטע און די בעסטע, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ חשובער כלה, דעם מורה הוראהס טאָכטער.

די גבאיטעס זיינען געגאַנגען מיט פריידיקע פּנימער, מיט פאַררינענע, שטאָלצע קעפּ, פון איין שניט־קראָמער צום צווייטן, ווי זיי וואָלטן געווען די גרעסטע גבירנטעס, און וואָס זיי האָבן אויסגעקליבן און וואָס זיי האָבן געהייסן אָפּשניידן, האָט דער שניט־קראָמער, צי די שניט־קראָמערקע, צוגעשניטן. אַלע האָבן געגעבן בתשואת חן; קיינער האָט זיך חלילה ניט אָפּגעזאָגט פון דער גרויסער מצווה "הכנסת כלה", בפרט נאָך אַ כלה פון אַזאַ פאַרנעם, אַ גרויסע מיוחסת, וואָס שטאַמט אַרויס מגזע רבנים און דיינים, און נאָך אַ יתומה דערצו.

די שניידערקעס, די מאָדיסטקעס אין שטעטל, וואָס האָבן גענייט

חתונה־קליידער פאַר פּריצישע און גבירישע כלות, האָבן זיך אָנגעבאָטן אויפ־צונייען דעם גאַנצן אויסשטייער, פונם חופּה־קלייד ביז צו דער פלושענער רעטאָנדע, איגגאַנצן בחינם, אָן א גראָשן געלט, און גענייט האָבן זיי עס מיט האַרץ, מיט ליבשאַפט און מיט גרויס פרייד. אין יעדער שטאָך מיט דער נאָדל אין דעם איידעלן, זיידענעם און אַטלאַסענעם שטאָף, האָבן די שניידערקעס אַריינגענייט אַן א שיר ברכות און האַרציקע ווינטשעוואַניעס, אַז די כלה, מלכה, זאָל עס טראָגן אין עושר און אין כבוד, און גאָט זאָל געבן, אַז פון אָט דעם מזלדיקן זיווג זאָלן אַרויסקומען דורות תלמידי חכמים, וואָס זאָלן זיין א צירונג פאַר גאָט און לייט.

אויך די באַלעבאַטים פון שטעטל, האָבן באַלד גענומען אָפּשלאָגן דעם מורה הוראהס שוועלן. יעדער איינער איז געקומען און האָט אוועקגעלייגט אויפן טיש ווער א קערבל, ווער א צווייערל און ווער א דרייערל. איטלעכער האָט געגעבן לויט זיין שטאַנד און לויט זיינע מעגלעכקייטן, ווי אין פּסוק שטייט: "העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט" — דער רייכער האָט געגעבן מער און דער אָרימער איז אויך ניט אָפּגעשטאַנען.

א חוץ מזומנים, האָט מען אויך געבראַכט "מנות יפות" אין שווה כסף. איין מילנער האָט זיך געפּעדערט פאַרן צווייטן און אַריינגעשיקט א זעקל געבייטלטע ווייצן־מעל; איין סאַדאָווניק איז געלאָפן פאַרן אַנדערן און געבראַכט צו טראָגן פון זיין סאַד א פולן קאַרב מיט די ערשטע, צייטיקע פּרוכט; אפילו דער גויישער פישער, פון דער גוישער גאַס, איז אויך חלילה ניט אָפּגעשטאַנען און געבראַכט צו טראָגן א מתנה — א בונט צאַפּלדיקע פיש. דער גביר, ר' אשר גוטערמאַן, דער אייגנטימער פון דער גרויסער פּיוואָוואַרניע, האָט געהייסן צושטעלן פלעשער ביר, וויפל מען וועט דאַרפן.

און איצט יעמוד קאָלאָניסטן, ישובניקעס פון די יידישע קאָלאָניעס אַבראַמאָווקא און סאַרעוואָ! זיי האָבן ממש פאַרוואַליעט דעם מורה הוראהס שטוב מיט זעק קאַרטאָפל, מערן, בוריקעס און נאָך אַזעלכע שאר ירקותן. זייערע ווייבער, די קאָלאָניסטיכעס און די ישובניצעס, האָבן ניט געוואָלט יוצא זיין מיט די מתנות פון זייערע מענער, און האָבן געבראַכט פון די בעסטע און פון זייערע שענסטע הינער, הענער, גענדז און קאַטשקעס, וואָס האָבן מיט זייער גאַרגאַטשעריי און קרייען אָנגעמאַכט אַזא געפּילדער אין שטעטל, ווי עס וואָלט געווען ערב יום־כּיפּור צו כפּרות שלאָגן.

אין קורצן — איטלעכער אין און פון אַרום שטעטל, האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו זען, אַז מלכה דעם מורה הוראהס חתונה זאָל זיין כּיד הגביר, און וואָס איז טאַקע אַזוי געווען.

אין די סאַמע לעצטע טעג פאַר דער חתונה, איז אַראָפּגעקומען חוה לאה, די באַרימטע חתונה־קעכין, מיט איר גאַנצן קלאַפּערגעציַיג, מיט אירע גרויסע, קופּערנע טעפּ, פאַנען און מעדניצעס, און זיך געשטעלט באַקן און קאָכן. א פאַררויטלטע, א פאַרשוויצטע, איז זי געשטאַנען ביים הייסן באַק־

אויזוין און געהאלטן אין איין קאמאנדירן מיט די ווייבער, אירע ארויסהעלפערינס. די ווייבער האבן איר געזאגט, אז זינט חוה־לאה איז א חתונה קעכין, האט זי נאך אזעלכע שיינע, געראטענע, געפלאכטענע חלות און קוילעטשן, טארטן און לעקעכער ניט געבאקן, און אזעלכע טייערע, געשמאקע פאנען־פיש און "גאלדענע יויכן" ניט געקאכט. דאס איז א סימן, אז דער כלהס מזל וועט אם ירצה השם אזוי שיינען, ווי עס שיינען די אלע חתונה־געבעקסן און די כלערליי חתונה־מאכלים.

ענדלעד איז געקומען דער מזלדיקער און געבענטשטער יום־החופה, אויף וואס שטעטעלע האט שוין אזוי לאנג געהאט ארויסגעקוקט. נאך מיטן ערשטן שפראץ אויפן טאג, האבן זיך אנגעהויבן ציען צום שטעטל מחנות ארעמעלייט, מדינה־גייערס, וויסטע קאליקעס, וואס זיינען געקומען כאפן א זאטן, געשמאקן מאלצייט און טאנצן א מצווה־טענצל לכבוד חתן־כלה.

באלד האבן זיך אנגעיאגט, איינע נאך די אנדערע, פון די ארומיקע שטעט און שטעטלעך, באלעגאלעס מיט פולע, אנגעפאקטע פורן מיט חשובע געסט: רבנים, דיינים, ראשי ישיבות מיט זייערע תלמידים, אלע אויסגעפוצט אין לאנגע זשופיצעס, אין רבנישע אטלאסענע קאפאטעס, מיט זיידענע גארטלען, מיט כלערליי קאפעליושן און שטריימלעך אויף די קעפ. און היינט מחותנים און מחותנתטעס מיט זייערע משפחות, אנגעטאן אין שענסטן און אין בעסטן, די ווייבער באהאנגען מיט שנירלעך פערל, מיט גאלדענע קייטעלעך, מיט ארמבענדער און בריליאנטענע, דימענטענע אוירינגלעך, וואס האבן מיט זייער שיינקייט און שימער פארכאפט ממש דאס אויג.

און את האט זיך דערטראגן פון דער ווייטנס א פריילעכער געזאנג, מיט א ליארעם און א געפילדער. דאס זיינען געקומען צו לויפן די שכנישע קאלאניסטן, מיט א גאנצן אבאז פערד און וועגענער, באזעצט מיט ווייבער, מיט זין און טעכטער, די בארימטע אמתע הוליאקעס, די בארימטע טענצער אויף יידישע חתונות. נאך זיי זיינען געקומען ישובניקעס, פאכטערס פון די ארומיקע דערפער און פריצישע הויפן, מיט טומל און רעש.

די שערשעווער קאפעליע קלעזמער, מיט דעם בארימטן קאמעניצער קאפעלמייסטער, יארע פויקער, מיט זיין קעסל־פויק בראש, זיינען געשטאנען אינדרויסן פון ר' לייבע אהרן משהס קרעטשמע, און אפגעשפילט לכבוד די אנקומענדיקע פורן מיט געסט, א פריילעכן מארש. דער לוסטיקער אבא וועלוול בדחן האט מיט א לידל און מיט א גראם אויסגערופן איטלעכן גאסט ביי זיין נאמען.

די שטעטלשע באלעבאטים, אלע אנגעטאן אין בגדי יום־טוב, ווי זיי וואלטן געווען די הויפט־מחותנים אויף דער חתונה, האבן אויפגענומען די אנגעפארענע חתונה אורחים בסבר פנים יפות, און זיי אריינגענומען צו זיך אין די הייזער און זיי אפגעטראטן זייערע געלעגערס.

פונם גרויסן אנגעפארענעם און אנגעלאפענעם המון רב, האט שטע־

טעלע געקראָגן דעם אָנבליק ווי זי וואָלט מיטאמאָל אויסגעוואקסן אין אן עיר ואם בישראל.

* * * * *

פארנאכט. דער הימל איז געווען באזעצט מיט גרויסע, בלישטשענדיקע שטערן, ווי ער וואָלט זיך אויך געפרייט מיט מלכה דעם מורה הוראהס חתונה . . . מען האָט גענומען פירן די חתן־כלה צו דער חופּה. מחותנים און מחותנתטעס האָבן געטראָגן אין די הענט אָנגעצונדענע ליכט און הבדלות. די קלעזמער האָבן געשפּילט אויף אלע כלים. יארע פּויקער האָט געבראבאנעוועט מיט אלע כוחות אין זיין גרויסער פּויק און יאָסקע דער פידלער האָט שיר ניט צעריסן די סטרונעס פון זיין באס. חברה קליינוווארג האָט געוואָרפן אין דער הויך פייערווערק. די ישיבה בחורים האָבן געטראָגן ברענענדיקע שטורקאצן, וואָס האָבן באלויכטן דעם גאנצן ארום, אזוי אז עס איז באמת געווען א זעלטן־שיין, פארכאפּנדיק בילד.

אלץ איז געגאנגען כשורה, די הקפות ארום דעם חתן און דאָס מסדר קידושין זיין. אָבער ווען מען האָט גענומען פירן די חתן־כלה פון דער חופּה, איז אנטשטאנען אזא געדרענגעניש, אזא שטופּעניש, אז מען האָט שיר ניט צעטראָטן די חתן־כלה מיט די אונטערפירערס און מיט די מחותנים אינייגעם. איטלעכער איז געלאָפן פאָרויס, געוואָלט כאפּן א קוק אויפן אויסטערלישן פּאָרל. אפילו די מעשטשאנעס פון דער גויישער גאס, מיט זייערע ווייבער און קינדער, זיינען אויך געקומען צו לויפן אָנצוקוקן די רבנישע חתונה.

און כ'לעבן, ס'איז טאקע געווען וואָס צו זען. די כלה, א הויכע, א דארע, מיט פארזשמורעטע, שיקלדיקע אויגן, איז געווען פארשלייערט פון קאָפּ ביז די פיס. ביי איר זייט האָט זיך געפלאָנטערט מיט זיינע קורצינקע פיסעלעך דאָס חתנדל, א קליינינקער, א דארינקער, מיט א לאנגן קיטל פון אונטער זיין לאנגער קאפּאָטע, מיט א שיטער, געל בערדל און מיט לאנגע, דינינקע, געקרייזלטע פאהלעד; אויף זיין שפּיציק קעפּל האָט זיך געבאָמבלט א גרויסער, רבנישער קאפּעליוש. ער האָט געהאלטן אין איין ציטערן אויפן גאנצן לייב. ארום און ארום — א ים מיט שטריימלעך, קאפּעליושן, הויכע סאמעטענע היטלען, מיט שווארצע, זיידענע און ליסטרינענע קאפּאָטעס, זשופּיצעס און בעקעשעס, מיט ווייבערשע זיידענע, אטלאסענע קרינאָלינעס, זשאקעטן, רעטאָנדעס, פּארוקן און אויפגעטורעמטע "הויבן". און פון דעם אלעמען האָבן שעמערירט בריליאנטענע אוירינגלעך, שנירלעך פּערל און נאָך אזעלכע אבנים טובות ומרגליות ,וואָס זיינען איבערגעגאנגען בירושה פון דורות עלטערבאָבעס צו זייערע טעכטער און אייניקלעך.

ערשט נאָך דער סעודת מצווה מיט דער "גאָלדענער יויך" און נאָכן חתנס לאנגער דרשה, און נאָכן שטראָם דרשה־געשאנקען, האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע הילולא וחינגא. ר' לייבע אהרן משהס גרויסע קרעטשמע איז געווען געפּאקט מיט מענטשן. די קלעזמער האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן א פריילעכס.

דער עולם האָט זיך אוועקגעלאָזן טאַנצן, פאַרשטייט זיך, די מאַנצבילן באַזונדער און די ווייבער באַזונדער. באַלד האָבן זיך אַריינגעריסן די קאַלאָניסטן, די אמתע, פֿייערדיקע טענצער, און גענומען באַווייזן וואָס זיי קאָנען. זיי האָבן געטאַנצט מיט אַזאַ ברען און מיט אַזאַ התלהבות, אַז זיי האָבן שיר ניט צעלייגט די קרעטשמע. דער גרויסער עולם וואָס איז געשטאַנען צונויפֿגעדריקט בײַ די ווענט, אויף די טישן און בענק, און אינדרויסן פֿאַר די אָפֿענע פֿענצטער, האָבן אַזש געגאַפֿט. ס'האָט זיך געדוכט, אַז דאָס טאַנצן גאָרניט קיין מענטשן־קינדער, נאָר הייליקע צדיקים לכבוד דער תורה. דער גרויסער, אָנגעלאָפֿענער עולם, וואָס האָט שוין ניט געקאָנט אַריין אינעווייניק, און איז געשטאַנען אינדרויסן בײַ די פֿענצטער, איז געוואָרן אַזוי פֿאַרכאַפּט פֿון דער פֿריילעכער מוזיק און פֿון די קאָלאָניסטן מיט זייערע פֿייערדיקע טענץ, אַז ער האָט זיך אויך אוועקגעלאָזט אין אַ גרויסן טאַנץ, אונטערן פֿרייען הימל.

אַזוי האָט מען אָפּגעהוליעט און אָפּגעטאַנצט אַ גאַנצע וואָך „שבע ברכות”. מען האָט געטאַנצט אין און אַרום בית־מדרש, פֿאַרן דאַווענען און נאָכן דאַווענען, אין די שכנישע הייזער און אין די גאַסן, אַלץ מיטן זעלבן ברען און מיט דער זעלבער התלהבות.

און דער שענסטער, און דער הייליקסטער טאַנץ פֿון אַלע טענץ, איז געווען דעם מורה הוראהס מיט זיין טאָכטער, דער כלה. ער האָט איר דערלאַנגט אַ ברעג פֿון זיין באַבלימטער פֿאַטשיילקע און דעם צווייטן ברעג זיך גענומען. און מיט שטילע, געמאָסטענע טריטעלעך גענומען טאַנצן אַ מצווה־טענצל. די קלעזמער האָבן שטיל געשפּילט. דער עולם האָט צוגעפֿליעסקעט מיט די הענט, און אַ פֿריידיק געזאַנג האָט זיך צעשאַלט איבערן שטעטל און איבער די שכנישע פֿעלדער און לאָנקעס: — די מיזינקע אויסגעגעבן! די מיזינקע אויסגעגעבן!

יאָ, דאָס איז שוין איינמאָל געווען אַ חתונה! זינט שטעטל איז אַ שטעטל, האָט זי נאָך אַזאַ פֿריילעכע, רבנישע חתונה ניט געזען.

ר׳ ניאָכקע דער שוחט

ער איז געווען א הויכער, געשטאַלטנער ייד, מיט א ברייטער, לאַנגער, שוואַרצער באָרד אין וועלכער ס׳האָט זיך שוין געהאַט דורכגעוואָרפן זילבערנע האָר־פעדימלעך; מיט לאַנגע, געקרייזלטע פאות, ווי די הבדלות; מיט געדיכטע, שוואַרצע, בושיקע ברעמען פון וואַנען ס׳האָבן אַפּירגעקוקט א פּאָר שוואַרצע, גוטע, מילדע אויגן, וואָס האָבן מיט זייערע בליקן איטלעכן געגלעט און גע־לאַשטשעט. פון זיין שיינעם, ליכטיקן הדרת־פּנים און פון זיין גאַנצן אויסזען, האָט געוויייעט עפּעס מיט אזא גוטסקייט און מיט אזא וואַרעמקייט, אז ס׳איז ממש געווען א מחיה זיך צו געפינען אין זיין סביבה.

און גוט איז ער טאַקע געווען ווי א מלאך. מיט איטלעכן האָט ער זיך געחברט, פאַר אים איז קיין אונטערשייד ניט געווען א רייכער צי אן אָרימער, א למדן צי א בעל מלאכה — אַלע זיינען פאַר אים געווען גלייך, אַבי א ייד, וואָס איז מזרע אברהם יצחק ויעקב, ווייל צו זיין אהבת ישראל איז גאָר קיין שיעור ניט געווען.

אָבער א ווייב האָט ער געהאַט, זאָל זי מיר מוחל זיין, אן אמתע ארורה, וואָס אויף אזעלכער האָט שוין לאַנג געזאָגט דער פּסוק: „אשה רעה מר ממות" — ד״ה, א שלעכטע, בייזע פרוי איז ערגער ווי דער טויט, און זי האָט אים טאַקע שיעור ניט דעם טויט געמאַכט. שטענדיק איז זי אַרומגעגאַנ־גען מיט א פאַרזויערט פּנים, א פאַרכמורעטע, א דערצאָרנטע: תמיד געהאַלטן אין איין וואָרטשען; שטענדיק געזוכט אויף אים חסרונות. וואָס ער האָט געטאָן איז איר ניט געפעלן געוואָרן. פאַר אַלעמען אין די אויגן פלעגט זי אים זידלען, שעלטן, מאַכן אים מיט דער בלאָטע צוגלייך. ער אָבער, האָט געשוויגן, זיך געמאַכט ווי ער הערט ניט. דאָס פלעגט זי נאָך מער דערצערענען. „סטייטש, — פלעגט זי שרייען, מאַכן גוואַלדן, — מען רעדט, מען קאָן צעזעצט ווערן, און ער שווייגט, ווי ניט אים מיינט מען!" ערשט ווען זי איז צוגעשפּרונגען צו אים מיט צונויפגעבייַלטע פויסטן, און מיט אזעלכע ווילדע, גזלנישע אויגן, ממש גרייט געווען אים דורם צו זיין, פלעגט ער, ניט טויט, ניט לעבע־דיק, א כאַפּ טאָן דאָס היטל אויף דער יאַרמעלקע און אַנטלויפן ווי פון א פייער, אין בית־מדרש, וואָס איז פאַר אים געווען ניט נאָר א מקום־קדוש, נאָר אויך אן עיר מקלט, אן אַנטרינונג־אָרט פון זיין ווייב דער מרשעת.

ווי איר זעט, האָט ער קיין סך נחת פון זיין לעבן ניט געהאַט. זיין

איינציקע פרייד אָבער איז געווען צו זיצן טאָג און נאכט אין בית־מדרש און לערנען ,אליין אָדער בחברותא מיט נאָך עמיצן, מיט נאָך יידן. און געלערנט האָט ער אָן א סדר, וואָס ס'איז אים נאָר אונטערגעקומען צו דער האנט: א בלאַט גמרא, א פּרק משניות, א פּרק "עין יעקב", אָדער גאָר א שטיקל "חיי אָדם" — אבי געלערנט.

און אז ער האָט זיך שוין גוט, גוט אָנגעלערנט, האָט ער ליב געהאַט "אונטערצוזוּכן דאָס הארץ" מיט דערציילן אן אגדתא פון דער גמרא, פון מדרש, אָדער גאָר מיט אביסל "שיחת חולין של תלמידי חכמים". ער איז געווען געגליכן צו איינעם וואָס וואַנדערט אין א מדבר, די זון ברענט אים איבערן קאָפּ, דער גומעז איז אים פאַרטריקנט פון דאַרשט — פּלוצלונג דערזעט ער א קוואַל וואַסער באַהאַלטן צווישן טייערע פּרוכטביימער. פאַלט ער צו צום קוואַל, טרינקט זיך גוט אָן מיט זיינע מים חיים און דערקוויקט זיך מיט די טייערע געשמאַקע פּרוכט. אזוי האָט ער זיך געקוויקט מיט די אגדתאס, מיט די פאַרכאַפּנדיקע "סיפּורי נפלאות" וועגן גרויסע יידן, גרויסע צדיקים און גאוני ישראל. און אזעלכע מעשהס האָט ער געהאַט א סך, אין די הונדערטער. און דערפאַר טאַקע האָט מען אים שטענדיק געזען ארומגערינגלט מיט קינדער, וואָס האָבן זיך געקלעפּט צו אים; פאַר זיין גוטסקייט און פאַר זיינע וווּנ־דערלעכע מעשות האָבן זיי אים ממש פאַרגעטערט.

האָט ער דערזען א יידן, אפילו א יינגל, וואָס נפשו חשקה בתורה, וואָס גלוסט צו קענען די תורה הקדושה, פלעגט ער זיך שוין צוטוליען צו אים, זיך אוועקזעצן מיט אים לערנען שעהן לאַנג, ביז שפּעט אין דער נאכט, גאָר ניט געטראַכט אויפצוהערן. ערשט, ווען מ'האָט אים אָנגעזאָגט, אז זיין ווייב שטייט שוין ביי דער טיר און וואַרט אויף אים, פלעגט ער מיט א זיפץ און מיט א קרעכץ צומאַכן דעם ספר און זיך לאָזן אהיים. און געגאַנגען איז ער הינטער איר מיט לאַנגזאַמע טריט, מיט שלאַבעריקע פּיס, ווי זי וואָלט אים איצט געפירט גאָט ווייס וווהין...

האָט ווען ס'איז געטראָפן א צרה, אן אומגליק אין שטעטל, איז ער באַלד געווען דער ערשטער אויפן אָרט. דאָ איז ער געקומען מבקר חולה זיין א קראַנקן; דאָ זיצן א "לינה" צו פאַרגרינגערן דעם קראַנקן זיינע יסורים, אריינגעבן אים מוט און ביטחון, אָדער "בלע המות לנצח", "אָפּהייבן" א מת און קומען מנחם אָבל זיין. יענעמס צער איז געווען זיין צער. אפילו דעם צער פון א בעל חי האָט ער ניט געקאָנט פאַרטראָגן. האָט ער עמיצן געזען שלאָגן א פערד, א בהמה, א קאַץ אָדער אפילו א הונט, פלעגט ער באַלד צולויפן צום שלעגער און נעמען אים זאָגן ווייכן מוסר:

— ניט שיין אזוי, מ'טאָר ניט שלאָגן. א שטומע־צונג נעבעך, ס'איז א צער בעלי חיים.

האָט אים אָבער דער גורל דווקא, ווי אויף צו להכעיס, אָפּגעטאָן א שפּיצל, אז ער, דער מזג טוב, דער רך לבב, וואָס האָט אין זיין לעבן אפילו קיין

פליג ניט אָנגערירט אויף דער וואנט, זאָלן ווערן א שוחט און גיין מיטן חלף שעכטן שטומע־צינג . . .

יעדער מאָל ווען ס׳איז געקומען יאנקל ידידיהם, אָדער נפתלי דער קצב, אים רופן צו גיין קוילענען א בהמה דקה: א קעלבל, א שעפּס, און ווער רעדט נאָך א בהמה גסה, פלעגט ביי ר׳ ניאָכקען טיאָכקען אָנהייבן דאָס הארץ, אזש הענט און פיס האָבן אים געציטערט. א שווערער קרעכץ פלעגט זיך ארויס־רייסן פון אים, אז ס׳איז געווען ממש א רחמנות צו קוקן אויף אים. ער פלעגט פּרובירן זיך אָפּבעטן ביים קצב, אז ער קאָן איצט ניט, אפשר שפּעטער אביסל, ער זאָל צוווארטן, מחמת ער האלט איצט אין סאמע מיטן פון א שווערן ענין אין דער גמרא; אפשר נאָכן דאַווענען, וואָס איז דאָס געאייל? . . אָבער דער קצב, ניט געדאכט זאָל ער ווערן, טרעט ניט אָפּ, ער שלעפּט אים ביים ארבל און טענהט:

— ר׳ ניאָכקע, גאָט איז מיט אייך! וואָס רעדט איר? פארגעסט ניט, אז ס׳איז שוין היינט דאָנערשטיק; א "שטאָט" מיט יידן קאָנען נאָך חלילה בלייבן אָן פלייש אויף שבת! קומט שוין! גיכער! עס ווערט שפּעט! דאָס קעלבל ליגט א געבונדנס, רייסט איין די שטאָל; עס איז א צער בעלי חיים ! . .

דעמאָלט דערפילט ר׳ ניאָכקע, אז ער מוז שוין גיין. ער האָט ניט קיין ברירה. פארפאלן! ער פארמאכט ניט ווילנדיק די גמרא, נאָר אנשטאָט באלד צו גיין מיטן קצב, טוט ער זיך א שטעל אוועק מיטן פּנים צו דער וואנט און בלייבט שטיין א ווײַלע א שווייגנדיקער, א פארזונקענער אין שווערע, פינצ־טערע מחשבות.א. ווער ס׳האָט דעמאָלט ניט געהערט זיינע הארצרייסנדיקע זיפצן און קרעכצן, דער וועט שוין קיינמאָל ניט פארשטיין דעם צער און פּיין פון א צעבראָכענער, איידעלער, יידישער נשמה . . . און ווען ער האָט זיך שוין גוט אויסגעזיפצט און אויסגעקרעכצט, פלעגט ער, א רעזיגנירטער, זיך לאָזן גיין נאָכן קצב, ווי דער קצב וואָלט אים, ניט דאָס קעלבל, געפירט צו דער שחיטה.

און גיין פלעגט ער דעמאָלט מיט שלאָבעריקע פיס, א געבויגענער אין דריען, מיט אן אראָפּגעזונקענעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געשעמט צו קוקן דער וועלט אין פּנים אריין. . . . די אויגן זיינען ביי אים געווען צעצונדן, דאָס פּנים בלייך, ווי ביי א מת. און אלע ווײַלע האָט זיך ארויסגעריסן פון אים א שווערער קרעכץ ,א בּארשטיקטער זיפץ, און מיט זיינע ציטערדיקע, בלאסע ליפּן געשעפּטשעט עפּעס א תפילה.

אָבער מיטאמאָל האָט ער זיך געטאָן א גלייך אויס, ווי א סטרונע, פארריסן דעם קאָפּ אין דער הויך, צום הימל, און גענומען שפּרייזן מיט גיכע, האסטיקע טריט, באָרד און פּיאות צעוויכערט פון ווינט, די פּאָלעס פון זיין לאנגן קאפּטן צעבראסטשעט. ער גייט דאָך איצט טאָן א הייליקע שליחות! אזוי איז גאָטס ווילן! ער מוז ! . . אזוי איז זיין גורל ! . . אזוי איז אויף אים נגזר געוואָרן מן השמים ! . .

אַט דעם דאָזיקן שטילן, ערלעכן יידן, דעם אמתן צדיק תמים, האָט דער רבונו של עולם דווקא אויסגעקליבן, ווי זיין שטייגער איז שוין, צו שטעלן אים פאר שווערע נסיונות. אָבער ער איז זיי אלע ביינעשטאנען און קיינמאָל חלילה ניט נכשל געוואָרן, ווי צום ביישפיל:

דאָס איז געשען אין א הייסן, זומערדיקן פרייטיק ביינאַג. זיין עלצטער זון פון א יאָר 15-16, וואָס האָט געהאַט געשמט אין דער גאנצער געגנט מיט זיין גוטן, עלוישן קאָפּ, איז פארשלאפט געוואָרן אויף א שווערער קרענק, און ווען קיינער איז אין א געוויסן מאָמענט ניט געווען אין שטוב, האָט ער, אין אַן אָנפאל פון א שטארקן פיבער, א כאַפּ געטאָן זיין טאטנס חלף און זיך איבערגעשניטן דעם האלדז. גאנץ שטעטל זאסטאוויע און אויך די שכנישע שטאָט קאמעניץ, האָט מיטגעטרויערט מיט ר׳ ניאָכקען אויף זיין גרויסן אומגליק, וואָס איז צו אים פלוצלונג געשען.

אָבער ווי נאָר די זון האָט גענומען פארגיין, און ס׳איז געקומען די צייט צו בענטשן ליכט, האָט דער אומגליקלעכער טאטע, ר׳ ניאָכקע, זיך ארומגעוואשן, זיך איבערגעטאָן אין א ריינעם, ווייסן העמד, אָנגעטאָן זיין שבתדיקן סורדוט מיט סאמעטענעם היטל אויף דער יארמעלקע, און איז אוועק אין בית־מדרש ווי אלעמאָל, ווי קיין זאך וואָלט ניט געשען. דעם גאנצן טאָג שבת, האָט ער נאָך מער געדאוונט און נאָך מער געלערנט. מען האָט אויף אים ניט אָנגעזען קיין סימן פון אבלות.

אויף מאָרגן, צו דער לוויה, איז אין שטעטל געווען חורבן בית המקדש. אלע, פון קליין ביז גרויס, האָבן געוויינט און געקלאָגט אויפן גרויסן בראָד. די אומגליקלעכע מאמע האָט מיט אירע געוויין און געיאָמער שיר ניט די הימלען צעליינגט. דער איינציקער, וואָס האָט ניט געוויינט און ניט געקלאָגט, איז געווען דער שווער־געפּרוווטער טאטע, ר׳ ניאָכקע, דער צדיק תמים. ער האָט מצדיק געווען אויף זיך דעם פינצטערן גזר־דין מן השמים. ער האָט עס אָנגענומען ווי א קרבן חטאת פאר זיינע זינד, וואָס ער האָט יאָרן־לאנג געשניטן העלדזער ביי שטומע־צינג . . .

ר׳ משהלע דער מתמיד

איז דאָך אָבער, כידוע, דער רבונו של עולם אַן אל רחום וחנון, א דערבארימדיקער און א לייטזעליקער גאָט, וואָס מיט איין האנט שטראָפט ער און מיט דער צווייטער האנט בענטשט ער. האָט ער ר׳ ניאָכקען, דעם בעל־הנסיון, געשאָנקען אביסעלע נחת און פרייד, כאָטש אויף א שטיקעלע צייט. ער האָט אים צוגעשיקט א זיווג פאר זיין איין און אייציקער טאָכטער, פריידע, וואָס איז געווען כולו זייד, אַן אמתער ״פרי עץ הדר״, מיט א כשרער, איידעלער נשמה און א גרויסער תלמיד חכם, א מופלג בתורה, מיטן נאָמען ר׳ משה. און היות ער איז געווען שיין ווי די זון, גוט און צארט ווי א מלאך, האָבן זיינע טאטע־מאמע, זיינע שוועער און שוויגער, זיין יונג ווייבל און גאנץ שטעטעלע זאסטאוויע אים גערופן ניט אנדערש ווי ר׳ משהלע זאָל לעבן.

געשטאמט האָט ער פון א בארימטער למדנישער משפחה, וואָס האָט געצויגן איר יחוס פון דורות תלמידי חכמים, אנשי מעשה, אין דער גרויסער שטאָט בריסק דליטא, וואָס איז געווען אַן עיר ואם בישראל. געגאנגען איז ער געקליידעט ווי אלע ווילגעלערנטע, חסידישע יונגעלייט פון יענער צייט, אין א לאנגן, שווארצן סורדוט מיט א קליינינקן חסידישן קאשקעטל אויפן קאָפּ, ווי די דאָזיקע אויסדערוויילטע מלבושים וואָלטן געווען א שמירה, א מחיצה קעגן דער דרויסנדיקער, פרעמדער, פרייער וועלט . . .

ר׳ משהלע האָט פארמאָגט א זעלטן־שיין געשטאלט, מיט א ליכטיקן הדרת־פנים, וואָס איז געווען איינגעפאסט אין א ראַם פון א בלאָנדן, קיילעכדיקן בערדל, וואָס האָט זיך ערשט געהאלטן אין פאנאנדערוואקסן. געווען איז ער אויך פון דער נאטור א גרויסער אסתנים, א זעלטענער מפונק: זיינע מלבושים, סיי די וואָס ער האָט געטראָגן אין שטוב און סיי די וואָס ער האָט געטראָגן אין גאס, וואָכעדיקע און שבת יום־טובדיקע, זיינען שטענדיק געווען אויסערגעוויינלעך ריין, ציכטיק, זויבערדיק, אזוי אז קיין שפּרענקעלע האָט זיך אויף זיי ניט אָנגעזען; אזוי ריין, ציכטיק און אויסגעגלעט זיינען געווען זיין בלאָנד בערדל און פאהלעד — יעדער הערעלע א גאָלדן־פלאטערדיק פעדימל, נאָר צום איבערציילן; זיינע שטיוועלעטן, שטענדיק אָפּגעפוצט מיט אַן עניוותדיקן גלאנץ.

ווען נאָר ער פלעגט זיך באווייזן אין גאס, מיט זיין זעלטן־שיינעם, ליכטיקן פנים, פלעגן זיך אלע אָפּשטעלן קוקן, בלייבן פארגאפט. מיט גרויס

ליבשאפט און יראת הכבוד האט אים איטלעכער אנטקעגן געטראגן דעם "גוט־מארגן" און דעם "גאט־העלף". גאטספארכטיקע ווייבער פלעגן באלד אנהייבן שעפטשען צווישן זיך און זאגן: זעט, קוקט, די שכינה הקדושה רוט דאך אויף זיין פנים, הלוואי אויף מיינע קינדער און קינדס־קינדער אזוי געזאגט געווארן. טראגנדיקע יונגע מאמעס האבן געזוכט כלערליי עצות ווי צו פארקוקן זיך אויף אים, כדי זייערע צוקונפטיקע, געבארענע קינדער זאלן זיין אין אים געראטן.

און ווי שיין, מלכותדיק ער איז געווען, אזוי גוט און איידל איז ער געווען. גערעדט האט ער צו איטלעכן שטיל, בנעימותדיק; יעדערווארט גע־ציילט, באטאנט, אזוי אז ס'האט אריינגעדרונגען טיף אין הארצן אריין. האט ער דערזען א קינד איז געפאלן, זיך צעקלאפט און איז זיך פארגאנגען אין א געוויין, פלעגט ער ווערן בלייך ווי די וואנט, אזוי אז יעדער טראפן בלוט פון זיין פנים פלעגט פארשווינדן. האט ער דערהערט אן עלטערן מענטשן קרעכצן, האט זיך ביי אים דאס הארץ צונויפגעקארטשעט פון שרעק און רחמנות.

נאך מער האט אים ווײ געטאן, ווען ער האט געזען עמיצן לײדן נויט און דחקות. ווארים לשיטתו, האט ער געהאלטן, אז כל־זמן דער מענטש, דער "בחיר היצירה", גייט ארום מיט דאגות און זארג, איז א סימן, אז די וועלט איז נאך פול מיט פגימות . . . איז כדי מתקן צו זיין "במלכות שדי", דארף איטלעכער זען צו פארטרייבן פון זיך און פון אנדערע דעם אומעט, די עצבות. איז ווי נאר ער האט באמערקט עמיצן זיצן א פארדאגהטן, פלעגט ער אים אנטקעגן טראגן זיין הארציקן, ליבלעכן שמייכל. ארויפלייגן אויף יענעם זיין איידעלע, ווייסע האנט, נעמען אים טרייסטן, אויסריידן דאס הארץ, ביז ס'איז אים געלונגען צו פארטרייבן פון יענעם דעם אומעט.

נו, איז א חידוש וואס איטלעכער אין שטעטל האט געטראגן צו אים א ליבשאפט און א ברכה אויף זיינע ליפן און אים גערופן ניט אנדערש ווי "ר' משהלע זאל לעבן", "אונדזער ר' משהלע, זאל זיין געזונט און שטארק", און נאך אזעלכע הארציקע אויסדרוקן.

ער אליין אבער האט אויך געטראגן אין הארצן א גרויסע זארג, וואס ער דארף זיין אנגעוויזן מיט חיונה אויף עמיצן, בפרט נאך אויף זיין שווער, ר' ניאכקע, וואס איז געווען אן עני מדוכא. האט ער, נאך איידער ס'האט זיך אויסגעלאזן דער זמן פון זיין עסן קעסט, צונויפגעשטעלט פאר זיך א "מעמד", א קנעלונג, פון עטלעכע באלעבאטישע קינדער, און מיט זיי געלערנט א גאנצן טאג חומש מיט רש"י, גמרא מיט תוספות, אבי חלילה ניט פאלן קיינעם צו לאסט.

און כאטש ער איז נאך געווען אזוי יונג, ערשט אין די אנהייב דרייַ־סיקער, איז ער שוין געווען א גרויסער למדן, א בקי אין ש"ס און פוסקים, און דערצו נאך א גרויסער מתמיד. צו זיין התמדה איז גאר קיין שיר ניט געווען. ווי נאר ער פלעגט זיך אפפארטיקן מיט זיינע תלמידים, פלעגט ער באלד

אוועקלויפן אין בית־מדרש, זיך אוועקזעצן אין זיין שטענדיקן ווינקל, ביי א שטענדער און גמרא, און אנהייבן לערנען פאר זיך. און געלערנט האט ער דווקא שטיל ,אין זיך, מער מיטן אויג, מיט די ליפן, ווי אויפן קול, געהאלטן נאר אין איין שאקלען זיך גיך, מיטן גאנצן גוף, אזוי אז ס'איז קאנטיק געווען, אז ער לערנט מיט אלע זיינע רמ"ח אברים. אזוי פלעגט ער אפזיצן ביז א שטיק אין דער נאכט. דאס איז אבער פאר אים נאך ניט געווען גענוג. ער פלעגט נאך אויפשטיין פארטאג, מיט הנץ החמה, און געלערנט ביז ס'איז געקומען זמן קריאת שמע של שחרית.

ער איז אבער ניט געווען צופרידן וואס ער אליין לערנט. ער האט געוואלט זיין ניט נאר "הלומד" נאר אויך "המלמד", דער וואס לערנט מיט אנדערע, כדי אנדערע זאלן אויך קאנען געניסן פונם אייביקן, זיסן, יידישן קוואל. פלעגט ער יעדער ביין מנחה למעריב צונויפנעמען פשוטע יידן, ערד־ארבעטער, באלמעלאכעס, דארפס־גייער, וואס זיי אליין איז נעבעך שווער געווען דורכצוקריכן די שווארצע פינטעלעך, און געלערנט מיט זיי א פרשה חומש מיט רש"י, א פרק "עין יעקב". נאך מעריב האט ער פאר יחידי סגולה געלערנט א בלאט גמרא. שבת און יום־טוב — אוואדע און אוואדע געלערנט.

ווען ער האט דערזען ,אז ער קאן זיך שוין מער ניט "ספראוועון" מיט אזויפיל דערוואקסענע תלמידים, קיין ע"ה ניט, וואס האלטן אין איין צוקומען, האט ער גענומען צו הילף זיין שווער, ר' ניאכקע דעם שוחט, ר' ישראל לוס־קעלער דעם גמרא מלמד, און נאך אזעלכע יודעי ספר, צונויפגעשטעלט פאר זיי נייע "טישן", מיט נייע "תלמידים", און מען האט געלערנט און טאקע מיט גרויס חשק. ביז ער האט מיט זיין פייערדיקער התמדה צום לערנען אנגעצונדן כמעט דאס גאנצע שטעטל. ס'האבן אנגעהויבן צו לערנען יונג און אלט, באלמעלאכע און קרעמער, ערד־ארבעטער און שענקער, בחורים און באלע־באטים, אזוי אז ווען ס'איז געקומען שבת און יום־טוב, איז דער זאסטאווער בית־מדרש געווען געפאקט מיט לערנער און דער קול התורה האט אפגע־קלונגען אזש ביז צום באלקן.

אפילו די עטלעכע שטעטלשע לצים, די שטענדיקע ליידיקגייער, די פוסטע־פאסניקעס, וואס האבן געהאט א טבע צו זיצן ביין מנחה למעריב, ווינטער ביים וואר מען אויוון, זומער אינדרויסן אויפן בית־מדרש בריקל, געטריבן ליצנות און געדעט לשון הרע; דערציילט רכילות, אפגעחוזק פון אלץ און פון אלעמען, און אן איידעלן יידן פיינט געהאט בתכלית השנאה, ווי ס'איז דער שטייגער פון עם הארצים, האבן ביסלעכווייז אנגעהויבן איינער נאכן אנ־דערן פארלאזן דעם בריקל, אריין אין בית־מדרש, זיך צוגעשארט צו א ברעג טיש און אויך צוגענויגט אן אויער, הערן א יידיש ווארט.

צו ר' משהלעס פרייד איז גאר קיין שיר ניט געווען. ער איז ארומגע־גאנגען פון טיש צו טיש מיט א קינדיש גליקלעכן שמייכל אויף זיין, ליכטיקן ווייסן פנים. דא און דארט אריינגעשטעלט א ווארט, א חכמהלע; אויף איינעם ארויפגעלייגט א ווארעמע האנט אויפן אקסל, א צווייטן א גלעט געטאן איבער

דער פליצע, און פון גרוים חדווה צוגעקנאקט מיט א פאר פינגער, צוגעפליעס־קעט האנט אין האנט, כדי צו געבן איטלעכן מער מוט און מער חשק צום לערנען.

אין די עטלעכע, געציילטע יאר, וואס אים איז באשערט געווען צו לעבן, האט שטעטלע זאסטאוויע באקומען גאר אן אנדער פנים. ווי מיט א כישוף־שפרוד זיינען פארשווונדן געווארן די אפטע קריגערייען און מחלוקתן צווישן איין שכן און דעם אנדערן, צווישן איין צד און דעם צווייטן, ווי ס'איז שוין דער שטייגער אין א קליין שטעטל, אין א יידישער קהילה . . . ס'האט זיך מער קיינער ניט געקריגט מיט קיינעם, ווייל איטלעכער האט זיך עפעס געשעמט און מורא געהאט ווי צו טאן דעם יונגן למדן, ר' משהלען, וואס מיט זיין גוטסקייט און צדקות האט ער ביי איטלעכן אין הארצן אנגעצונדן א ליבשאפט צו זיך; איטלעכער, סיי יונג און סיי אלט, האט זיך געפלייסט נושא־חן צו זיין אין זיינע גוטע, ווייכע, סאמעטענע אויגן; איטלעכער האט זיך באמיט מיט אלע כוחות צו זען, אז זיין זיסער, ליבער שמייכל אויף זיין הייליקן קלסתר פנים זאל קיינמאל ניט פארשווינדן. און טאקע א דאנק זיין השפעה, האט זיך איבערן שטעטל פארשפרייט עפעס אזא גייסטיקע איידלקייט, אזא שבת יום־טובדיקייט, וואס ס'איז שווער אויסצודריקן אין ווערטער, נאר יעדער איינער האט עס געפילט אין הארצן.

די מעשטשאנעס פון דער גוישער גאס האבן אויך באלד דערשפירט, אז ער איז עפעס ניט קיין געוויינלעכער ייד. ווען נאר זיי פלעגן אים דערזען, פלעגן זיי אויף גיך אראפכאפן דאס היטל, זיך בוקן פאר אים, ווי פאר א הייליקן. ניט איינער פון זיי פלעגט אינסטינקטיוו כאפן זיך צלמען, ווי זיי וואלטן פלוצלונג דערזען פאר זיך, להבדיל, זייער ישו הנוצרי . . . ווייל ר' משהלעס פנים מיט זיין רונדן, בלאנדן בערדל און מיט זיינע טיף־בלויע אויגן, האט טאקע געהאט א שטארקע ענלעכקייט צו א יעזוס־פנים, לויט די פאטרעטן פון די קלאסישע מאלערס, ווי א רעמבראנדט, א מיכל אנדזשעלא און אנדערע. און טאקע אין זיין זכות האט אין יענער צייט די גוישע גאס געטראגן א געוויסן דרך־ארץ פאר דער יידישער גאס.

די שכנישע שטאט קאמעניץ, וואס איז געלעגן אויף יענער זייט טייך לעשנא, האט ניט פארגונען דעם קלייניקן שטעטלע זאסטאוויע, אזא גליק און אזא כבוד צו האבן ביי זיך אזא למדן, אזא תלמיד־חכם, וואס מען איז זיכער געווען, אז זיין נאמען וועט באלד נעמען קלינגען איבער נאענטע און ווייטע יידישע קהילות. האט זי אנגעהויבן זוכן כלערליי עצות ווי אזוי אים ארויסצוקריגן פון דארטן. זי האט שוין ניט איינמאל געשיקט צו אים שליחים, וואס האבן אים פארגעשלאגן צו קומען זיך באזעצן אין זייער מיט, ווערן דער "ארי שבחבורה", צווישן אירע תלמידי־חכמים, און ער זאל אויך פאר־נעמען די שטול פון ראש הישיבה. אבער ר' משהלע, וואס איז בטבע געווען א גרויסער עניו און א שונא בצע, האט זיך אפגעזאגט אי פונם כבוד און אי פון די גוטע אויסזיכטן אויף א בעסערער און גרינגערער פרנסה. ערשטנס, איז ער שוין געווען אזוי גייסטיק צונויפגעבונדן מיטן שטעטלע זאסטאוויע

און מיט אירע איינוווינער, אזוי אז "נפשו קשורה בנפשם"; צווייטנס, נאָך וואָס האָט ער געדאַרפט גיין זיך באַזעצן אין קאַמעניץ און ווערן דאָרט אַ ראש־ישיבה איבער אַ צאָל ישיבה־בחורים, בעת ער האָט דאָ פאַרוואַנדלט אַ גאַנץ שטעטל אין אַ ישיבה.

אָבער ווי עס ווייזט אויס איז דעם קליינינקן זאַסטאַוויע ניט באַשערט געווען לאַנג צו טראָגן אויף זיך די "קרוין פון דער תורה". זיין יונגער, גייסטיקער מנהיג, דער צדיק ר' משהלע, איז פּלוצלונג שטאַרק פאַרשלאָפט געוואָרן און אין משך פון עטלעכע טעג האָט ער אויסגעהויבט זיין גרויסע, איידעלע, ליכטיקע נשמה. דער גאָלדענער פאָדים, וואָס ער האָט דאָ געשפּונען פון תורה ועבודה, איז אין סאַמע מיטן איבערגעריסן געוואָרן.

אָ, ווי שטעטעלע האָט עס געקעמפט און זיך געראַנגלט מיט אַלע כוחות צו פאַרטרייבן פון אים דעם מלאך־המות! אָבער "ולא עלתה בידו", עס איז אים ניט געלונגען. קליין און גרויס, מאַן און פרוי, האָבן טאָג און נאַכט תהילים געזאָגט; ווייבער האָבן קברים איינגעריסן, דעם אָרון־קודש איינגעלייגט, תעניתים אָפּגעריכט; איטלעכער האָט אים פון זיך יאָרן געשאָנקען — ס'האָט אָבער גאָרנישט ניט געהאָלפן. דער פינצטערער גזר דין איז שוין לאַנג געווען אַ פאַרחתמעטער. דער "הייליקער אָרון איז צוגענומען געוואָרן!" און צוזאַמען מיט אים איז צוגענומען געוואָרן די פרייד און דער שטאָלץ פונם שטעטל.

צו זיין לוויה איז אפילו אַ קינד ניט געבליבן אין וויג. די גאַנצע שכנישע שטאָט קאַמעניץ, בראש מיט איר מרא דאתרא, ר' ראובן בורשטיין, און די דיינים, זיינען געקומען אַזש קיין זאַסטאַוויע, צוצוטיילן אים דעם לעצטן כבוד. אינדרויסן פאַרן בית־מדרש, אונטערן פרייען, זוניקן הימל, האָט מען אָפּגעריכט ניט איין הספד. דער רב בכבודו ובעצמו, מיט די שענסטע פני העיר, תלמידי חכמים, האָבן געטראָגן זיין "מיטה" ביז צום הייליקן אָרט.

און ווען שטעטעלע זאַסטאַוויע האָט דערזען, ווי מען נעמט אים שוין אַוועק אינגאַנצן פון זיי, האָט אויסגעבראָכן אַזאַ יללה און אַזאַ געוויין, וואָס האָט שיר ניט די הימלען צעריסן. ניט איין שוואַכע פרוי איז אַוועקגעפאַלן אין חלשות און אפילו דער שטאַרק־האַרציקער צווישן די מענער האָט געוויינט און געכליפּעט ווי אַ פאַריתומט קינד.

דער איינציקער וואָס האָט ניט געוויינט, איז געווען זיין שווער, ר' ניאָכקע דער שוחט, דער שווער־געפּרווטער צדיק־תמים. ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך זיין איידעמס לוויה מיט אַ וויים־בלייכן פּנים, מיט ציטערדיקע ליפּן און עקשנותדיק געשוויגן.

און ערשט ווען ס'איז געקומען צו סתימת הגולל, ווען די ערשטע לאָפּעטעס ערד האָבן גענומען פאַלן אין קבר אויף זיין יונג־בליענדיקן איידעם, האָט ר' ניאָכקע דער שוחט שוין מער ניט געקענט שווייגן. ער האָט פאַרריסן

דעם קאָפּ אין דער הויך, אויסגעשטרעקט די הענט צום הימל און אויסגע־שריען ווי ניט מיט זיין קול:

— רבונו של עולם! אלה הצאן מה חטאו?! אויב איך, דיין קנעכט, האָב געזינדיקט, טאָ וואָס זיינען נעבעך שולדיק די שעפעלעך?!

ער האָט זיך אָבער באַלד דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע רייד . . . האָט ער אויף גיך א כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט זיין לאַנגע צעפּלאָשעטע באָרד און זי אריינגעכאַפּט אין מויל און אָנגעהויבן זי קייען מיט פאַרשטשע־מעוועטע ציין.

ווי איוב איז זיין צייט, האָט דער שטאַרקער, גייסטיקער ייד, ר׳ ניאָכקע אויך דאָס מאָל אויסגעהאַלטן דעם שווערן נסיון.

אבא־וועלוול דער חזן

גערופן האָט מען אים חזן בלשון סגי נהור, ד״ה, אין שפּאַס, ווייל אין דער אמתן איז ער גאָר קיין חזן ניט געווען: ערשטנס, האָט ער געהאַט אַ קליינינקע, דינינקע שטימעלע, וואָס האָט זיך לגמרי ניט האַרמאָנירט מיט זיין פּיזישן אויסזען, מיט זיין גידול, מיט זיינע ברייט־צעוואַקסענע פּלייצעס; צווייטנס, האָט ער אַפילו ניט געקאָנט קיין צורת־אות פון דער מוזיק שפּראַך, ד״ה, די חכמת הנאָטן, און דריטנס, וואָס דאָס איז דאָך דער עיקר — ער איז נעבעך אויך געווען אַביסל שטומפּיק אויף דער עברי.

נו, טאָ זאָגט אַליין, ווי האָט אַזעלכער געקאָנט זיין אַ חזן ביי יידן?

ער אָבער האָט זיך דווקא געריסן צום עמוד און געוואָלט פּראָווען חזנות אויף זיין שטייגער. די באַלעבאַטים אין בית מדרש האָבן אָבער בשום אופן ניט געוואָלט הערן און געניסן פון זיין געזאַנג, און נאָך געמאַכט חוכא וטלולא פון אים און פון זיין נגינה.

אָבער צוריק שמועסנדיק, האָט אבא־וועלוול דער ״חזן״ ניט פאַרדינט, אַז אַ גאַנצע עדה יידן זאָל זיך אַזוי שטאַרק איזדיעקעווען איבער אים, פאַרשאַפן אים אַזויפיל צער און אַזוי שטאַרק מזלזל זיין אין זיין נגינה.

וואָרים ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, אַז אַ חזן דאַרף האָבן אַ שטאַרקע שטימע, קאָנען לייענען נאָטן און פאַרשטיין פּירוש המילות, ווען מען זינגט בלויז פון גאָרגל אַרויס. אָבער ביי אונדזער אבא־וועלוולען האָט עס אַרויסגעזונגען פון אינעווייניק, ווי אין פּסוק שטייט: ממעקים, פון די סאַמע טיפענישן פון זיין נשמה האָט זיך געריסן ביי אים דאָס געזאַנג, אַפילו אָן זיין אייגענעם ווילן, אָט ווי עס זינגט זיך דעם פויגל אויפן בוים, ווי עס וואָרקעט און עס ברומט די טויב פון איר נעסט און ווי עס זשומעט די בין אין פעלד.

טאָ, צו וואָס האָט אַזאַ גרויסער בעל מנגן ווי אבא־וועלוול, געדאַרפט האָבן די אַלע ״חזנישע כלים״, אַ שטאַרקע קאָלאַראַטור, נאָטן, אַ ״געזונטע עברי״ וכדומה? דאָס איז אַן ענין בלויז פאַר פּראָפעסיאָנעלע, אויסגעשולטע חזנים. ער אָבער, האָט געקאָנט זינגען אָן דעם אַלעמען. און ער האָט טאַקע געזונגען! און נאָך אַ מין זינגען! מיט אַזויפיל חדווה און פרייד, ווי עפּעס אַן אומזעבאַרער כוח וואָלט אים באַפעלן: ״זינג, אבא־וועלוול, זינג!״ און ער

האָט געזונגען בייטאָג און ביינאַכט, ביים ליגן זיך און ביים אויפשטיין, אזוי אז דאָס געזאַנג האָט אים באַגלייט אויף טריט און שריט.

אָבער פונקט ווי דער בוים, דער צומח, האָט הנאה ווען מען קומט צו אים גענים פון זיינע צייטיקע, געשמאַקע, פירות, אזוי אויך האָט ער זיך אבא־וועלוולען שטארק געגלוסט, ממש עד כלות הנפש, צו האָבן פאר וועמען אויסצוגיסן זיינע זיסע, הארציקע ניגונימלעך, וואָס ער האָט אליין פארפאַסט.

אָבער ווי אויף צו להכעיס, האָט דאָס "בית מדרש" געזאָגט: "לא מיט אן אלף!" אָ, וויפל ער האָט זיך דאָס ביי זיי ניט צעבעטן, אז זיי זאָלן אים כאָטש איינמאָל, שבת, צולאָזן צום "ברעטל", מחמת ער האָט היינט יאָרצייט נאָך זיין טאַטן עליו השלום, נאָך זיין מאַמען עליה השלום און נאָך זיינע שווער און שוויגער, זאָלן האָבן א ליכטיקן גן־עדן — האָט עס ניט געהאָלפן, כאָטש שריי חי וקים! זיי מאַכן נאָך חוזק פון אים און פון זיינע יאָרצייטן.

באשר בכן עס געפעלט זיי ניט זיין דינינקע פאַלצעטא שטימעלע, וואָס קלינגט, זאָגן זיי, ווי דאָס קול פון א פרויענצימער . . . און האַלטן רק אין איין זוכן חסרונות אויף זיין עברי. און דער גרעסטער חסרון זיינער איז, זאָגן זיי, וואָס ער פראַוועט בדחנות אויף חתונות, זינגט דאָרט עפּעס אַזעלכע נארישע לידלעך, טאַנצט און האָפּקעט, מאַכט כלערליי תנועות און האַוואַיעס, גאָר מעשה ליץ.

— נו, אדרבא, זאָגט אליין, — פלעגט אבא־וועלוול טענהן מיט א רחמנות־פּנים, — וואָס איז דאָ די עוולה צו זינגען געגראַמטע לידלעך און טאַנצן אויף חתונות? פאַרקערט, ס'איז דאָך גאָר א מצווה משמח צו זיין חתן־כלה? אָבער גיי, האָב טענות צו די פרומאַקעס, די "שיינע" באַלעבאַטים פון מזרח־וואַנט! זיי זאָגן אז דאָס וואָס פּאַסט זיך פאר די ווייבער אויף חתונות, פּאַסט זיך ניט פאר די מאַנצבילן אין בית־מדרש.

אָבער פונקט ווי איר קאָנט ניט אָפּשטעלן א שטראָמיקן טייך אין זיין אימפּעטיקן גאַנג, אזוי אויך האָט מען ניט געקענט אָפּשטעלן ביי אבא־וועלוולען דאָס געזאַנג, וואָס האָט זיך געריסן פון אים ווי מיט א סטיכישער קראַפט.

ניט איינמאָל, שבת אָדער יום־טוב, אין מיטן דאַווענען, פלעגט ער זיך פּלוצים צעזינגען הויך אויפן קול, ווי ער וואָלט געווען דער חזן. דער עולם, וואָס איז געשטאַנען "שמונה עשרה" מיטן פּנים צום מזרח, פלעגט נעמען קלאַפּן מיט די פויסטן אין וואַנט און שרייען אויף שטום־לשון:

— אי, נאָ! אי, נאָ! — ד"ה, ער זאָל פאַרשטומט ווערן! ער איז מבלבל זייערע כוונות.

ערשט דעמאָלט פלעגט אבא־וועלוול זיך כאַפּן, וווּ ער איז אין דער וועלט, און אז ער איז נעבעך ניט מער ווי איינער צווישן די פשוטע מתפּללים.

און ווען דער בעל תפילה פלעגט נעמען זאָגן הויך אויפן קול די "הויכע" שמונה עשרה, פלעגט ער אים זייער שטארק מקנא זיין, ווי ס'איז מקנא א הונגעריקער אָרעמאַן א רייכן גביר בעת ער זעט אים זיצן איבער א פולן שיסל געבראָטנס.

דערפאר אָבער, איינמאָל אין יאָר, שמחת תורה, ווען גאַנץ שטעטל, פון גרויס ביז קליין, האָט זיך געטאָן משמח זיין מיט דער תורה, איז כדי די שמחה זאָל זיין נאָך גרעסער, האָט מען אים דערלויבט צו גיין דאַוונען מוסף.

אבא־וועלוול פלעגט זיך דעמאָלט געבן א כאַפּ צו צום עמוד מיט אזא פרייד, ווי להבדיל. א פארליבטער חתן, וואָס לויפט מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס אנטקעגן זיין כלה. דעמאָלט האָבן אלע זיינע בענקענישן און אלע זיינע גלוסטענישן צו דער הייליקער נגינה, געקראָגן ביי אים זייער תיקון. ער האָט געדאַוונט מיט אזא התלהבות און מיט אזא השתפכות הנפש, אז מען האָט געזען ממש בעשיינפערלעך ווי זיין זינגענדיקע נשמה פליט איצט אין די הויכע עולמות.

אָבער דער שמחת־תורהדיקער עולם, וואָס האָט שוין געגאַרט צו מאַכן "לחיים", נעמען צו ביסעלעך משקה, כאַפּן א ריקודל, א טענצל לכבוד דער תורה, האָט ניט געשענקט קיין מינדסטן אכט אויף זיין שיינעם, חזנישן, יום־טובדיקן דאַוונען. ס'האָט זיי נאָך שטארק פארדראָסן וואָס ער ציקלט זיך אזוי ביים עמוד, ציט ארויס ביי זיי די עצמות. חברה שקצים, פון הינטערן אויוון, האָבן אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענט איבער די טישן און גענומען שרייען אויפן קול:

— וואָס האָט ער זיך דאָרט אזוי צעיאַכמערט? וואָס מיינט ער זיך, עס איז היינט יום־כיפור? א סוף זאָל עס נעמען! גענוג! גענוג! . .

געזען אז עס העלפט ניט, האָבן די גרויסע יונגאַטשעס, וואָס זיינען שוין געווען היבשלעך בגילופינדיק, גענומען אים באַוואַרפן מיט "פּעלצלעך", מיט צונויפגעוויקלטע, נאַסע האַנטיכער, אזוי אז דאָס בית־מדרש איז גע־גאַנגען ממש כאַדאָראַם, ווי עס פּאַסט פאַר שמחת־תורה.

אבא־וועלוול אָבער האָט זיך געמאַכט כלא ידע, ווי ניט אים מיינט מען. ער האָט נאָך מער אריבערגעצויגן דעם טלית איבערן קאָפּ און ווייטער געדאַוונט מיט דער זעלבער דביקות ביזן סוף.

ערשט, ווען ער האָט זיך שוין געהאַט גוט "אָנגעזעטיקט" מיט די תפילות און מיט זיינע זיסע, האַרציקע ניגונימלעך, האָט ער זיך אומגעדרייט מיט א צעשטראַלטן פּנים צום עולם און מיט א גליקלעכן שמייכעלע א זאָג געטאָן:

— נו, וואָס זאָגט איר עפּעס אויף מיין היינטיקן מוסף, האַ? און ווי געפעלט אייך עפּעס מיין נײַ ניגונדל צו דער "קדושה"? אַ, דאָס איז שוין איינ־מאָל געווען א "זאַגעכץ" ! . .

נאָר אַנשטאָט צו הערן פון זיי אַ גוט וואָרט אויף זיין דאַווגען, פלעגן לצים אומישנע אים אַנטקעגן טראָגן אויסגעשטרעקטע הענט, גוט־ברודעריש קלאַפּן אים אויף דער פּלייצע און זאָגן מכלומרשט מיט אַן ערנסטער מינע:

— אַ גרויסער יישר כוח דיר, אבא־וועלוול, פאַר דעם גרויסן עונג יום־טוב, וואָס דו האָסט אונדז היינט פאַרשאַפט . . . נאָר דו זאָלסט למען השם ניט פאַרגעסן, אַז דעם קומענדיקן שמחת־תורה זאָלסטו עס מאַכן אַביסל קירצער.

דאָס איז געווען פאַר אים אַ קאַפּוליער אַנצוהערעניש, אַז ער איז פאַר זיי ניט מער ווי אַ שמחת־תורהדיקער חזן, וואָס מיט זיין חזנות פראַווען מאַכט ער פריילעך אין בית־מדרש.

אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט פון אַזאַ "יישר כוח", פון אַזאַ "קאָמפּלימענט" געהאַט גרויס צער, אָבער ניט אונדזער אבא־וועלוול. ער האָט עס אַנגענומען מיט אַ גוטמוטיקן שמייכעלע. ווייל, ווי שוין געזאָגט, איז ער געווען אַ פריילעכע נשמה: כעס און פאַרדראָס איז ניט געווען אין זיין נאַטור.

און כאָטש ער איז געווען אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, דאָך האָט ער זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף זיין שווערער דאָליע. ער האָט דעם דלות זיינעם, וואָס האָט ביי אים געפּייפט אין אַלע ווינקעלעך, פאַרזונגען און פאַרקלונגען מיט זיינע פריילעכע, לוסטיקע זמרגלעך און ניגונימלעך.

האָט ער עמיצן דערזען זיצן אַ פאַרדאַגהטן, אַ פאַרזאָרגטן, פלעגט ער זיך באַלד צורוקן צו יענעם, פאַרציען אַ לידל, אַ ניגונדל, און דערביי מאַכן מיטן פּנים, מיט די אויגן, עפּעס אַזעלכע משונהדיקע תנועהלעך, פריילעכע האַוואַיעלעך, ביז דער פאַרמרה־שחורהטער האָט זיך געמוזט צעשמייכלען.

עס איז אים שוין ניט איינמאָל געהאַט אויסגעקומען פרייטיק צו נאַכט צו מאַכן קידוש איבער אַ שוואַרצן לאַבן־ברויט, האָט ער, ווי אויף צו להכעיס דעם דלות זיינעם, געזונגען די שבתדיקע זמירות נאָך מיט מער ברען און מיט נאָך מער חדווה, ווי זיין שבתדיקער טיש וואָלט איצט געווען באַדעקט מיט מעדני מלך. ווען ער פלעגט דערזען ווי זיין ווייב זיצט אַ פאַרצאָגטע, אַ פאַר־טרויערטע, וואָס איר שבתדיקער טיש שטייט נעבעך אַ פאַרשעמטער, פלעגט ער אויפשפּרינגען פון אָרט, אַ כאַפּ טאָן זי מיט זיינע שטאַרקע, געזונטע ידים און זיך אַוועקלאָזן מיט איר אין אַ טענצל. אָט אַזאַ הוליע קבצן איז ער געווען.

שטעטל אָבער האָט אים ניט פאַרשטאַנען, האָט געקוקט אויף אים ווי אויף עפּעס אַ טשודאַק, אַ ווילדע בריאה. ניט איינער פלעגט זאָגן, אַז עס פעלט אים נעבעך אַ "קליעפּקע אין מוח". אַ צווייטער פלעגט אָנווייזן מיט אַ פינגער אויף זיך און זאָגן, אַז ביי אבא־וועלוולען איז דאָרט "קאַליע אַ שרייפעלע", און נאָך אַזעלכע "שבחים", מ'שטיינס געזאָגט.

* * * * *

פונקט ווי אונדזער אבא־וועלוול האָט נעבעך ניט געהאַט קיין מזל צו חזנות, אַזוי אויך האָט ער נעבעך ניט געהאַט קיין מזל און קיין הצלחה צו

פרנסה. ער האָט שוין געהאט איבערגעטאָן כל המלאכות שבעולם און ס'איז אים אַלץ געגאַנגען, ווי מען זאָגט, מיט דער פוטער אראָפּ.

דאָס איז ניט געווען חלילה מחמת ער איז געווען א שלימזל, א פויליאַק. פאַרקערט, ער איז גראָד געווען א סאַטאַראַטעלנער מענטש. נאָר אַלע צרות האָבן זיך גענומען ביי אים צוליב זיין מסוכנדיקער גלוסטעניש צום זינגען, וואָס איז געזעסן אין אים, ווי א קליפּה, רחמנא לצלן, און אים פאַרשאַפט אומזיסטע ליידן.

דאַכט זיך וואָס קאָן שוין זיין א בעסערע און א שענערע פרנסה ווי צו זיין א פאַסטוך ביי יידן? . . דאָך האָט די דאָזיקע בכבודיקע מלאכה, מ'שטיינס געזאָגט, ניט געהאט ביי אים קיין אריכת ימים, אַלץ צוליב זיין משונהדיקער תאווה צו נגינה.

אבא־וועלוולען איז די דאָזיקע פרנסה גראָד געווען שטאַרק צום הארצן. יעדער באַגינען, כלחוד השור, ווען גאַנץ שטעטל איז נאָך געשלאָפן, פלעגט ער קומען מיט זיין גרויסן פאַסטוך־שטעקן אין האַנט, זיך אוועקשטעלן אין מיטן גאַס און אָנהייבן צו קרייען ווי אַן אמתער, גאַלאַגאַנסקער האָן. אויף זיין שטאַרקן קריי, האָבן באַלד געענטפערט מיט א קרייעריי און מיט א גאַרגאַטשעריי אַלע הינער און הענער פון שטעטל.

דאָס איז געווען א סיגנאַל, אז עס איז שוין צייט אַרויסצולאָזן די יידישע טשערעדע אויף דער "ראָסע", אויף דער פרימאָרגנדיקער פאַשע. מיט געזאַנג פלעגט ער זיי פירן אויפן וויהאָן און מיט געזאַנג פלעגט ער זיי ברענגען אהיים. די יידישע בהמהלעך האָבן גאָר אָנגעקוואָלן פון אים. ער האָט אויף זיי קיינמאָל קיין בייטש ניט אויפגעהויבן, אפילו קיין הויכן געשריי ניט געטאָן. יעטווידער בהמהלע האָט ער אָנגערופן מיט א לאַסקאַוון, צערטלעכן נאָמען, ווי זיי וואָלטן געווען זיינע אייגענע. זיי זיינען אים דערפאַר געווען זייער "פּאָסלושנע" (געהאָרכזאַם).

האָט דאָך געדאַרפט זיין גוט און ווויל. ווי זאָגט איר, ניט אַזוי? אָבער די באַלעבאַטים איז ניט געפעלן געוואָרן זיין דרך ביים פאַשען זייערע בהמות. באשר בכן זיי האָבן געטענהט, זיי האָבן אים אָנגעשטעלט פאַר א פאַסטוך און ניט פאַר א חזן פאַר זייערע "סקאָטינעס". . . וואָרים אָנשטאָט ער זאָל אכטונג געבן אויף זייערע בהמות, אז זיי זאָלן זיך ניט אַריינכאַפּן אין א שכנישן גאָרטן, ניט פאַרקריכן ערגעץ אין א טיפן זומפּ, זיצט ער זיך גאָר, מעשה פריץ, ביים ברעג טייך, קוקט ווי קאַטשקעס שווימען, ווי פייגעלעד פליען און האַלט אין איין זינגען זיינע חזנישע שטיקלעך . . .

ביז איינמאָל, אין א שיינעם פרימאָרגן, ווען אבא־וועלוול איז געקומען פאַרנעמען די בהמות אויף דער פאַשע, האָט ער, צו זיין גרויסער פאַרוווּנדערונג, געטראָפן אָפענע, ליידיקע שטאַלן. דער נייער, גוייִשער פאַסטוך האָט זיי שוין געהאט פריער פאַרנומען אויפן וויהאָן, און ער איז נעבעך געבליבן מיטן הוילן בייטשל.

אבא־וועלוול, דער גרויסער סטאראַטעלנער מענטש, האָט באַלד געפֿונען פֿאַר זיך אַ שפּאָגל־נייע פּרנסה. ער איז געוואָרן אַ טראַטש, ד״ה, ער איז געשטאַנען, פֿון פֿרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט, אין דער הייד, אויף צוויי פֿיר־פּיסיקע קאָזלעס איבער וועלכע עס איז געלעגן אויסגעצויגן אַ לאַנגער קלאָץ, און געהאַלטן אין איין ציען אַ לאַנגע, שאַרפֿע זעג אַרויף און אַראָפּ, ביז די קלאָץ איז צעשניטן געוואָרן אויף ברעטער, דיליעס און אַפּאָלקעס.

אבא־וועלוול האָט זיך גאָר מחיה געווען מיט זיין נייער מלאכה. ער איז געווען לעילא ולעילא. ער שטייט אין דער הייד, מיטן קאָפּ צום בלויען הימל, צו דער ליכטיקער זון; ער זעט די וועלט, און די וועלט זעט אים. פֿון גרויס חדווה האָט ער זיך אַזש צעזונגען.

אָבער זיינע צוויי באַלעבאַטים, די צוויי טראַטשעס, וואָס זיינען געשטאַנען מיט די פֿיס אויף דר׳ערד, איז ניט געווען צום האַרצן זיין געזאַנג. זיי האָבן געהאַלטן, אַז חזנות מיט טראַטשעריי איז ניט קיין פּאָר . . . אַנשטאָט צו האַלטן אָנגעשטעלט זיינע צוויי ״קוקערס״ אויפֿן קלאָץ, אויף דער אָנגעצייכנטער ליניע מיטן שוואַרצן קויל, פֿאַררייסט ער אַלע ווייַלע זיין קאָפּ צום הימל מיט אַ געזאַנגל און פֿאַרקריכט מיטן זעג קיין בויבעריק . . . זיי האָבן שוין ניט איינמאָל אויסגעלאָזן כל חמתו צו זיין קאָפּ, און ניט איינמאָל אים מכבד געווען מיט אַ דריי־גאָרנדיקן ״מי שברך״, ווי טראַטשעס קאָנען . . . ס׳האָט אָבער גאָר נישט ניט געהאָלפֿן. האָבן זיי געכאַפּט אַ שטעקן און אים אַראָפּ געיאָגט פֿון די הויכע קאָזלעס און אים געשיקט צו אַל־די שוואַרצע יאָר, און דאָרט זאָל ער זינגען . . . אַזוי אַרום איז ער געוואָרן אויס טראַטש און פֿאַרלאָרן אַזאַ טייערע, גאָלדענע פּרנסה.

איז דאָך אָבער דער רבונו של עולם אַן אל רחום וחנון, אַ דערבאַרימדיקער, האַרציקער גאָט, וואָס שפּייזט אַפֿילו אַ ווערימל אונטער אַ שטיין, האָט ער אבא־וועלוולען באַלד צוגעשיקט אַ נייע פּרנסה — ער איז געוואָרן מיט מזל אַ מילנער. ער האָט אָנגעהויבן דרייען ביי מנשהקע דעם קאַשע־מאַכער די זשאָרנע, וואָס האָט צעמאָלן האָבער אויף גריץ, גערשטן אויף פּערלגריץ, רעטשקע אויף קאַשע און נאָך אַזעלכע מיני מזונות.

אבא־וועלוול האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער זשאָרנע און צום קאַשע־מילכל מיט אַזאַ ברען, ווי ס׳וואָלט להבדיל געווען דער עמוד איז בית־מדרש.

ער איז דעמאָלט געווען דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט. דער ווייסער כאַלאַט, וואָס מנשהקע דער קאַשע־מאַכער האָט אים צוגעוואָרפֿן אויף אָנצוטאָן ביי דער אַרבעט, האָט אויסגעקוקט אין זיינע אויגן ווי ס׳וואָלט געווען אַן אמתער קיטל, און די ווייסע קעפּקע אויפֿן קאָפּ, ווי ס׳וואָלט געווען אַ ימים־נוראָימדיקע, חזנישע יאַרמעלקע.

ער האָט געאַרבעט זייער פֿלייסיק. מיט איין האַנט האָט ער געדרייט דאָס רעדל פֿונם קאַשע־מילכל און מיט דער צווייטער דעם הויכן שטעקן פֿון דער זשאָרנע. און בשעת מעשה האָט ער, ווי זיין שטייגער איז געווען, אונ־

טערגעברומט פאר זיך א שיינעם ניגונדל, א פריילעכן זמרל, וואָרים אז מען זינגט אונטער, ארבעט זיך נאָך געשמאקער.

איז אָבער, צו זיין שלימזל, זיין נייער ברויטגעבער, מנשהקע דער קאשע־מאעכר, געווען א שלעכטער מענטש, א מוראדיקער קמצן, האָט ער זיין שכר יומניק, אבא־וועלוולען, ניט פארגונען דאָס ביסעלע פרייד פון געזאַנג. באשר בכן, ער האָט געטענהט, ער האָט אים געדונגען בלויז פאר א "ראבוטניק" פאר דער זשאָרנע, און ניט פאר קיין חזן. און אויב ער וויל פראווען חזנות, זאָל ער מוחל זיין גיין אין בית־מדרש.

אָט אזוי, ווי איר זעט, האָט אבא־וועלוול געהאלטן אין איין פארלירן איין פרנסה נאָך דער אנדערער, און אלץ צוליב זיין חולשא צו געזאַנג, וואָס האָט זיך געריסן פון אים, ווי פון א קוואַל.

אַן אנדערער אויף זיין אָרט, וואָלט נאָך אזעלכע שווערע קלעפּ, וואָס ער האָט געקראָגן פון אלע זייטן, געווען ארייגעפאלן אין יאוש, אין עצבות, אָבער ניט אבא־וועלוול. ער, דער שטענדיק פריילעכער און לוסטיקער, האָט עס אָנגענומען גוטמוטיק, ווי א שפּאַס. ער האָט אויף קיינעם ניט געטראָגן קיין ביטער הארץ. ער האָט נאָר באדויערט וואָס מענטשן זיינען אזוי מזלזל אין זיין הייליקן געזאַנג.

— אָ, — פלעגט ער זאָגן מיט א קרעכץ, — ווען זיי וואָלטן נאָר פארשטאַנען, ווי איך, דעם זיסן טעם וואָס ליגט אין א שיינעם ניגונדל און אין א געשמאקן, פריילעכן זמרל, וואָלט דעמאָלט געווען א מחיה צו לעבן אויף דער וועלט . . .

אָבער אויך דאָס מאָל איז אבא־וועלוול לאַנג ניט געבליבן זיצן א יושב בטל. ער האָט זיך באלד גענומען צו א שפּאָגל־נייער פרנסה, צו וועלכער ער האָט שוין געהאט מער מזל. ער איז געוואָרן א קאלכער.

גלייך אויף מאָרגן נאָך פּורים, ווען זיין ווייב, חוה־לאה, וואָס איז געווען זיין שטענדיקע ברויט־געבערין, האָט זיך געשטעלט קנעטן די "מיירעס" אין מצה־פּאָדראַד, האָט ער אָנגעהויבן קאלכן די רייכע, באלעבאטישע הייזער לכבוד פּסח.

פון דער דאָזיקער מלאכה זיינער, האָט אבא־וועלוול שטארק אָנגעקוואָלן. ערשטנס, איז ער דאָ געווען א באלעבאָס איבער זיך אליין — קיינער האָט אים ניט געטריבן אין קארק אריין; צווייטנס, וואָס דאָס איז ביי אים געווען דער עיקר, ער האָט אויך געקאָנט זינגען וויפל נאָר זיין הארץ האָט געגלוסט . . . ער איז מיט דער צייט טאקע געוואָרן אויף דעם געביט א גרויסער אומן יד, דער בעסטער קאלכער און שטעטל. וואָרים ווער נאָך ווי ער, האָט געקענט, מיט זיין גרויסן ראַגאָזשע פּענזל אין האנט, פארוואנדלען שווארצע, פארקאָפּטשעטע ווענט און סטעליעס, אין אמתע, כשרע, פּסחדיקע, און אלע מיט אזא שיינעם וויים־גרינלעכן קאָליר, אז ס'איז ממש געווען א חיות צו קוקן אויף זיי ? . .

אין דעם חודש, צווישן פורים און פסח, האָבן די רייכע, יוסטע באַלעבאַסטעס אין שטעטל זיך געהאַלטן אין איין רייסן איבער אים. יעדע איינע פון זיי האָט געוואָלט, אז ער זאָל קומען צו איר צום ערשטן קאַלכן. אָבער אבא־וועלוול האָט זיך ניט געאיילט. ער איז זיך געשטאַנען א רויִקער, א געלאַסענער אויפן הויכן לייטער, געפירט מיטן גרויסן פענזל אויף און אָפּ, און בשעת מעשה אויסגעפּרוווט א נייעם ניגון צום פּסחדיקן "חד גדיא" און צום יום־טובדיקן "מוסף", אזוי אז די אַלע ווייבער זיינען אים דעמאָלט ניט געלעגן אפילו אין דער לינקער פּאה.

און פון גרויס חדווה, פלעגט ער, ניט איינמאָל, ווי זיין טבע איז געווען, אַפּטאָן ביים קאַלכן כלעריי שקאַצערייען און קאָטאָוועסלעך. ווען קיינער האָט ניט געזען, פלעגט ער שטילינקערהייט, הינטן ארום, זיך צוגנבענען צו דער באַלעבאָסטע פון דער שטוב און מיטן נאַסן פּינזל אָפּשמירן איר דאָס קאָפּטיכל, אָדער אוועקלייגן מיטן פּינזל א "פּאַטשאַט" דעם באַלעבאָס אין סאַמע מיטן פּלייצע פון דער קאַפּאָטע. ער פלעגט אויך אָפּשמירן דער קאַץ און דער בהמה די ווידלען, אזוי אז גאַנץ שטעטל האָט שוין געוווסט באַצייטנס ביי וועמען עס קאַלכט היינט אבא־וועלוול.

האָט ער דערזען דורכן אָפענעם פענצטער א שיינעם, אויסגעפּוצטן יידן גיין אין "שטאָט" אריין, פלעגט ער אים ארויסלויפן אנטקעגן, פאַרשטעלן אים דעם וועג, און אים אָפּשטעקן אויף גיך מיט זיין נאַסער, פאַרקאַלכטער האַנט א ברייטן "שלום עליכם", אזוי אז יענער האָט נעבעך געמוזט באַלד פאַרקירעווען דעם דישל צוריק אהיים.

אָט אַזעלכע און ענלעכע שטיפערייען פלעגט ער אָפּטאָן אין זיין סעזאָן פון קאַלכן.

און איינמאָל טאַקע, א דאַנק זיין מלאכת הקאַלכעריי, איז ער פּלוצלונג עולה לגדולה געוואָרן, וואָס איז כ'לעבן כדאי עס צו באַשרייבן:

נאָך לאַנגע אסיפות, האָבן די "פּני העיר" פון שטעטל, באַשלאָסן פּה אחד, אז ס'איז שוין אויך געקומען די צייט מ'זאָל אויסקאַלכן דעם בית־מדרש. מען האָט באַלד געשיקט רופן אבא־וועלוולען און אים געפרעגט: מה יקר? וויפל א שטייגער וועט ער זיך הייסן באַצאָלן פאַר זיין טירחה?

אבא־וועלוול, דערהערנדיק וואָס מען פאַרלאַנגט פון אים, האָט ער אנגעהויבן קנייטשן מיטן שטערן, פאַרשמורעט אן אויג, זיך געקראַצט א ווייַלע אין דער פּאַטילניצע, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר א שווערער דילעמע, געגעבן איינמאָל א הוסטל און א צווייטן מאָל א הוסטל און ענדלעך האָט ער זיך אנגענומען מיט מוט און א זאָג געטאָן קורץ און שאַרף:

— די מוספים . . .

דאָס הייסט, וואָס שייך דעם "בדק הבית", איז ער וויליק צו טאָן איינגאַנצן בחינם, אָן א גראָשן געלט, נאָר בתנאי "קהל" זאָל אים דערפאַר געבן רשות צו דאַווענען פאַרן עמוד די פּסחדיקע מוספים.

ווען די באַלעבאַטים האָבן דאָס דערהערט, זיינען זיי געוואָרן נבהל ונשתומם. זיי האָבן ניט געגלויבט זייערע אייגענע אויערן, אַז אבא־וועלוול זאָל גאָר וואַגן צו האָבן די העזה צו פאַרלאַנגען פון זיי אַזאַ הויכן, געשוואָלע־נעם פּרייז . . . זיי זיינען שוין געווען גרייט אויסצובטלען אַלע ביזע, וויסטע חלומות צו זיין קאָפּ. אָבער זעענדיק ווי אבא־וועלוול שטייט זיך אַ רויִקער, אַ קאַלטבלוטיקער, ווי דער גאַנצער ענין וואָלט ניט געהאַט קיין שייכות מיט אים, האָבן זיי, נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת, איינגעגאַנגען אויפן דאָזיקן "משא ומתן". . .

אבא־וועלוול האָט באַלד איבערגעלאָזן אַלע זיינע רייכע, יוסטע באַלע־באַטישע אויף גאָטס באַראַט, און מיט גרויס פּלייס זיך אַ נעם געטאָן פאַרן בית־מדרש. ער האָט עס געטאָן מיט אַזאַ פרייד, ווי ער וואָלט להבדיל איצט געקאַלכט זיין אייגן שטיבעלע. אויף יעדער בעליק און אויף יעדער אָפּגע־קאַלכן ברעט, האָט ער געקוקט מיט אַזעלכע נחתדיקע אויגן, ווי עס קוקט אַ גרויסער מאָלער אויף זיין קונסט־ווערק.

נאָכן אָפּדאַווענען דעם ערשטן פּסחדיקן "מוסף", האָט אבא־וועלוול זיך דערפילט ווי אויפן זיבעטן הימל. ער האָט געקוקט מיט דאַנקבאַרע, גליק־זעליקע אויגן אויפן אָפּגעקאַלכטן פּאַלאַב פון בית מדרש, אין וועמעס זכות ער איז זוכה געווען צו ווערן היינט דער שליח ציבור ביי יידן.

אָבער חברה לצים, האָבן אויך דאָס מאָל אים ניט געהאַט פאַרגונען זיין גרויסן תענוג, און געזאָגט צו אים מיט אַ חוזק־שמייכעלע:

— אוואדע, וואָס שייך אַ קאַלכער, ביסטו, אבא־וועלוול, ניט קיין שלעכטער. ווען דו וואָלסט נאָך געווען אויך אַזאַ גוטער בעל־מנגן, וואָלסטו שוין געווען גאָר אַ לייט . . .

אבא־וועלוול אָבער האָט זיך ניט גענומען צום הארצן פון זייערע שטעכווערטלעך. פאַרקערט, ער איז געווען ביי זיך זייער שטאָלץ, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן, כאָטש איינמאָל אין זיין לעבן איבערצוקליגן אַזעלכע קלוגע באַלעבאַטים און איינגעהאַנדלט ביי זיי, ממש פאַר אַ שיבוש, אַזאַ ווילדע מציאה: צו דאַווענען אַ גאַנץ פּסח די מוספים און מיט נאָך אַ צוגאָב — "בענטשן טל". . .

חוה־לאה די חתונה קעכין

חוה־לאה איז גאַרניט "פּאַכאַזשע" געווען אויף איר מאַן, אבא־וועל־וולען. פּונקט ווי ער איז געווען א פריילעכער, א לוסטיקער, אן אמתער הוליע־קבצן, אזוי איז זי געווען אן אומעטיקע, א פארצאַגטע, ווי דער הימל וואָלט געלעגן ביי איר אויף דר'ערד.

מען קאָן זי אָבער דערפאר ניט באשולדיקן. וואָרים, זאָגט אליין, ווי קאָן מען זיין אין א גוטע "לוינע", אז מ'האָט א מאַן, וואָס איז הויך און געזונט ווי א דעמב, און אָנשטאָט צו געבן איר חיונה, ווי עס טוען אלע מענער צו זייערע ווייבער, האלט ער זי טאָג און נאכט אין איין קאָרמענען מיט געזאנג און מיט זיינע געגראַמטע בדחנישע לידלעך, און וויל נאָך, ניט אנדערש, אז זי זאָל אים אויסהערן און זאָגן מבינות אויף זיי.

זי האָט שוין ניט איינמאָל געפּרוווט, מיט גוטן און מיט בייזן, ארויס־טרייבן פון אים דאָס דאַזיקע משוגעת זיינע, וואָס זיצט אין אים, ווי א ניט־גוטער, רחמנא ליצלן, און ס'האָט ניט געהאָלפן.

זי איז שוין ניט איינמאָל צוגעפאלן צו אים, מיט געביילטע פויסטן, און געשריען מיט באַנומענע קולות:

— שלימזל מיינער, זאָג, וואָס וועט פון דיר זיין דער תכלית?! אין שטוב איז קאַלט און חושך! דער באַלעבאָס מאָנט דירה־געלט! די קינדער גייען נאַקעט און באָרוועס — און דו, פּוילִיאַק איינער, זינגסט! אן איינזינ־קעניש זאָל קומען אויף דיר! א מכה זאָל זיך דיר זעצן אין דיין גרגרת! רבונו של עולם, טאַטע זיסער!

אָט אזוי פלעגט זי אים מאַכן "שוואַרץ שבת", אויסגיסן אויף אים די גאַנצע תוכחה, שעלטן אים מיט טויטע קללות און רופן אים מיט בלערליי צונעמענישן — און ס'האָט ניט געהאָלפן. אויף אלע אירע געשרייען פלעגט אבא־וועלוול ניט ענטפערן, און אָנהויבן זינגען נאָך העכער, ווי ער וואָלט איצט דערהערט פון זיין דערצאָרנטער ווייב די פריילעכסטע בשורה.

חוה־לאה פלעגט אזש שפּרינגען פון דער הויט, טופּען מיט די פיס, קריצן מיט די ציין, אז ער זאָל שוין פארשטומט ווערן, און ער, ווי ניט אים מיינט מען: ער ציט דעם טאָן ביז צו דער העכסטער אָקטאַווע.

זי פילט אז זי וועט פּלאַצן; זי קאָן עס שוין מער ניט איבערטראָגן. זי טוט א כאַפּ צו אים די אייזערנע קאַטשערע און איז גרייט אים, מיט זיינע געזאַנגען, צו דערהרגענען.

ערשט דאַמאָלסט כאַפּט זיך אבא־וועלוול, אז זיין פּלוניתטע, חוה־לאה זאָל לעבן, מיינט עס גאָר ניט אויף קאַטאָוועס. דערשרעקט ער זיך פאר איר כעס טוט א כאַפּ די קאַפּאָטע און לויפט ארויס פון שטוב, ווי אן אונטערגע־שאָסענער. ער כאַפּט זיך אריין אין בית־מדרש, פאררוקט זיך אין א ווינקל, און הייבט אָן אונטערצוברומען פאר זיך, שוין ניט קיין פריילעכן ניגונדל, נאָר אן אומעטיקן.

חברה קליינוואַרג, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס באפרייט פון די ״חדרים״, רוקט זיך באַלד צו צו אים, און נעמען אים בעטן:

— ר׳ אבא־וועלוול, זינגט עפּעס פאר אונדז פון אייערע שיינע געזאַנגען!

אבא־וועלוול לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן. ער הוסט זיך גוט אויס שטעלט אָן דעם האַלדז און הייבט אָן אויסזינגען פאר זיי זיין גאַנצן רעפּער־טואַר. פריער זיינע אייגענע געגראַמטע לידלעך, און אז ״ס׳גייט אים שוין אויס דאָס פאָדים״, הייבט ער אָן זינגען כלערליי פאָלקס־לידלעך, אליקום צונזערס בדחנישע לידער. די חברה יאַטן האַלטן אָנגעשטעלט מויל און אויערן, כאַפּן באַלד אויף דעם ניגון און הייבן אָן מיטצוזינגען מיט אים אין כאָר.

אבא־וועלוול, וואָס איז בטבע אליין געווען א גרויס קינד, האָט דעמאָלסט פארגעסן, אז דאָס איז ער איצט געקומען צו לויפן אין בית־מדרש זוכן אן ״עיר מקלט״ פון זיין ווייבס צאָרן. די קינדערשע פרייד גיסט זיך איבער אין אים. עס דוכט זיך אים, ווי ער וואָלט איצט געשטאַנען און געזונגען פאר א גרויסן עולם און די קינדער, וואָס רינגלען אים איצט ארום, זיינען זיינע משוררים.

* * * * *

חוה־לאה, זעענדיק, אז פון איר מאַן, דעם שלימזל, וועט זי קיין ״ברויט מיטן לעפל״ ניט קאָנען עסן, איז זי געוואָרן די גאַנצע פּרנסה־געבעריןָ. זי איז געגאַנגען ארבעטן אויפן טאָג, ״געפּלעליעט״ פרעמדע גאָרטנס, געקנאָטן דייזשעס ברויט, געוואַשן גרעט אין די רייכע הייזער און נאָך אזעלכע ארבעטן — אבי ניט דארפן חלילה אָנקומען צו קצבה.

און היות זי איז געווען א וווּנדערלעכע בריה, איז זי מיט דער צייט אויך געוואָרן א קעכין און א בעקערין אויף גבירישע חתונות. אירע טאָרטן און אירע לעקעכער, האָבן געהאַט א שם אין דער גאַנצער געגנט; אירע געפילטע פיש און אירע ״גאָלדענע יויכן״ האָט אפילו דער קייסער אליין געמעגט עסן.

פון זיין ווייבס אָפּטע חתונות האָט אבא־וועלוול שטאַרק אָנגעקוואָלן. פארשטייט זיך, אז אים איז ניט אזוי געגאַנגען אין זיין ווייבס פאַרדינסטן, נאָר

דער עיקר, וואָס ער וועט אויף די דאָזיקע חתונות האָבן די געלעגנהייט צו קאָנען אויסזינגען אַלע זײַנע לידלעך, אַלע זײַנע בדחנישע שטיקלעך, און אויסטאַנצן אַלע זײַנע פֿײַערדיקע טענץ, אַזוי אַז עס וועט שוין אײנמאָל זײַן פֿרײלעך!

ער פּלעגט דעמאָלט קריכן זײַן חוה־לאַהן ממש אונטער די נעג׳ל. ער פּלעגט איר העלפֿן צוגרײטן אירע חתונה־כּלים: אויסשײַערן די גרויסע, טשור־הונענע טעפּ, די בלעכן, די קופּערנע פֿאַנען; צערײַבן פֿאַר איר דעם מאָן; צעשטויסן דעם צימרינג און נאָך אַזעלכע מלאכות.

אינם טאָג פֿון דער חופּה, איז ער אַרומגעלאָפֿן אַ צעהיצטער, אַ פֿאַר־שמײַעטער, ווי ער וואָלט געווען דער הויפּט־מחותּן אויף דער חתונה. אויף זײַן ווונק האָבן די קלעזמער אָפּגעשפּילט אַ "פֿרײלעכן מאַרש" לכּבֿוד די מחותּנים פֿון חתנס צד און לכּבֿוד די מחותּנים פֿון דער כּלהס צד. ער האָט אויסגעזעצט די אַלע געסט, יעדער אײנעם לויט זײַן ווערט און לויט זײַן שטאַנד. ער האָט ניט גערוט אויף קײן אײן מינוט, ווי דאָס וואָלט געווען זײַן אײגענע חתונה.

זײַן שענסטער און גרעסטער מאָמענט איז געווען ווען ס׳איז געקומען די צײַט פֿון "באַזעצן" די כּלה. דאָ האָט ער ערשט גענומען אַרויסווײַזן וואָס ער קאָן. ער פּלעגט זיך אַרויפֿוואַרפֿן מיט זײַן גאַנצן פֿײַערדיקן, בדחנישן טאַלאַנט, אויף דער כּלה און זי נעמען באַווײנען און באַקלאָגן, אַז אַ שטײן האָט געקאָנט צעגײן. און אַלץ מיט אַזעלכע געגראַמטע לידלעך:

אוי כּלהניו, כּלהניו, ווײַן־זשע ווײַן!
פֿון דײַן מוטערס לײַב ביסטו אַרויס מיט געווײן,
און אַצינדערט־אָ, דאַרפֿסטו שוין צו דער חופּה גײן . . .
דײַן טאַטע־מאַמע וועסטו דאַרפֿן באַלד פֿאַרלאָזן
דײַנע שווער און שוויגער וועלן איבער דיר זיך בלאָזן . . .
און דאָס איז נאָך ניט גאָר —
אַ ברית אַלע יאָר . . .
טאָ כּלהניו, כּלהניו, ווײַן־זשע ווײַן ! . .
צו דער חופּה דאַרפֿסטו שוין גײן ! . .

און וואָס מער אַבאַ־וועלוול האָט געזאָגט מיט זײַן אומעטיקן ניגונדל, אַלץ מער האָבן די ווײַבער, די מחותּנתטעס, געוויינט און געכליפּעט, געשנײַצט די נעז, ווי חלילה צו אַ לוויה . . . און וואָס מער די ווײַבער האָבן געיאָמערט, אַלץ מער האָט אַבאַ־וועלוול זיך צעוואַרעמט און גאָר ניט בדעה געהאַט אויפֿ־צוהערן, ביז די "אומגליקלעכע" כּלה איז שיִער ניט אַוועקגעפֿאַלן אין חלשות.

נאָך דער "גאָלדענער יויך" און נאָך אַלע דרשה־געשאַנקען, האָט דער פֿרײלעכער, לוסטיקער אַבאַ־וועלוול ערשט גענומען משמח זײַן די חתן־כּלה כּדבעי!

ער האָט באַלד אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך זײַן שבתדיקן סורדוט, פֿאַר־

קאשערט די ארבל, געגעבן א קאמאנדע ארויסצוטראגן די טישן מיט די בענק; אין מיטן שטוב אוועקגעשטעלט א לאנגע באנק, גענומען א שטעקן אין האנט, איינגעשפאנט הינטער זיך א צענדליק מאנצבילן און זיך אוועק־געלאזט מיט זיי טאנצן א שטאק־טאנץ. די קלעזמער האבן צוגעשפילט און ער, ווי א קאפעל־מייסטער, האט צוגעקלאפט מיטן שטעקן צום טאקט פון דער מוזיק. ער האט אזוי לאנג געטאנצט אין א קאראהאד, ארום דער ליידיקער באנק, ביז אלע טאנצנדיקע מאנצבילן האבן געדארפט אויף גיך זיך אוועק־זעצן אויף דער באנק. און ווער עס האט ניט באוויזן צו פארכאפן א פלאץ, האט געדארפט באצאלן קנס, וויפל אבא־וועלוול האט אויף אים ארויפגעלייגט.

אבער דאס איז נאך ניט געווען אלץ. די הויפט־אטראקציע איז ערשט געקומען, ווען ער האט זיך אוועקגעלאזן טאנצן א "קאזאטשאק". א, ווער ס'האט ניט געזען אבא־וועלוולען טאנצן אויף א יידישער חתונה, דער וועט שוין קיינמאל ניט פארשטיין דעם חן און דעם זיסן טעם פון א יידישן טאנץ! ער האט געטאנצט מיט אזויפיל ברען און מיט אזויפיל חסידישער התלהבות, אז אלץ מיטאנאנדער האט מיטגעטאנצט.

ווען ער האט שוין געהאט גוט איינגעמאטערט דעם עולם מאנצבילן מיט זיינע טענץ, האט ער זיך א נעם געטאן צו די ווייבער. דא האט ער ערשט פאנאנדערגעפירט זיינע הענט און געוויזן וואס ער קאן. דא האט ער פון זיי צונויפגעשטעלט א שערעלע־טאנץ, דארט א קאדריל, דא א וואלץ, און דארט א פאלקע־מאזורקע — און אלץ מיט אזא ברען, ווי ער וואלט נאך געווען גאר א יונגערמאנטשיקל.

שפעט אין נאכט, ווען ביי אלעמען האבן די פיס שוין מער ניט געדינט צום טאנצן, האט אבא־וועלוול זיך ארויפגעשטעלט אויף א בענקל און גענומען "אפפארטרעטלען", נאכמאכן מיט אלע פישטשעווקעס זיינע שכנים פון שטעטל, מיט אלע זייערע גענגעלעך, תנועהלעך און האוואיעלעך, פון וואס דער עולם האט זיך געהאלטן ביים בויך פון געלעכטער.

צום אלעם ערשטן האט ער גענומען מנשהקע דעם קאשע־מאכער, מיטן שווארצן ציגענעם בערדל און מיט זיינע קליינינקע גנבישע אייגעלעך, ווי ער שטייט אויפן מארק און האנדלט איין ביי א גויע א צענדליק אייער. ער ציילט זיי אזוי לאנג, ביז ער לאזט אראפ אן איי צו זיך אין קעשענע . . . די גויע דערזעט עס, פאלט זי אריין אין כעס און הייבט אים אן צופן ביים בערדל, ביז מנשהקע מוז נעבעך במחילה אומקערן דאס איי צוריק צו דער גויע אין קאשיק אריין.

אפגעפארטיקט זיך מיט מנשהקען, טוט ער זיך באלד א נעם פאר א צווייטן "פארשוין", יודל שינדלמאכער, ווי אזוי ער רעדט און ווי אזוי ער זופט מיט זיינע גראבע, מגושמדיקע ליפן, לאקשן מיט יויך.

און אט שטעלט ער פאר דעם קליינינקן, פיטישנקן שייעלע פאנפע מיטן בלינדן אייגל, ווי ער פאלט אריין אין כעס און הייבט אן, מיט זיין

צוגעפּלאַטשטער נאָז, נאָך שטאַרקער צו פּאַנפּען, אַזוי אַז די נשמה פּליט אים שיר ניט אַרויס.

אָט אַזוי פלעגט ער האַלטן אין איין "אָפּמענטשלען" איין שכן נאָכן אַנדערן, מיט אַלע פּאָסטאָמקעס, וואָס אויף דעם איז ער געווען גאָר אַ גרויסער מאַדים. ביז דער עולם האָט שוין מער קיין כּוח ניט געהאַט צו לאַכן.

דעמאָלט, האָט אפילו חוה־לאה, די חתונה קעכין, וואָס האָט שטענדיק געהאַט געטראָגן אַ בייז הארץ אויף איר מאַן דעם שלימזל, זיך אויך פאַרגונען צו געבן אַ שמייכל. דאָס איז פאַר אבא־וועלוועלען געווען דער גרעסטער ניצחון . . .

* * * * *

יאָרן זיינען געלאָפן. חוה־לאה האָט אַזוי לאַנג געהאַט געבאַקן און געקאָכט אויף פרעמדע חתונות, און אבא־וועלוול האָט אַזוי לאַנג געהאַט "באַזעצט" פרעמדע כּלות, ביז עס איז שוין געהאַט געקומען די רעכטע צייט חתונה צו מאַכן זייער אייגן קינד, זייער עלצטע טאָכטער,ביילע־רחל, וואָס האָט שוין לאַנג געמעגט הערן קלעזמער שפּילן.

חוה־לאה איז אַרומגעגאַנגען ווי אונטער דר'ערד. זי האָט געהאַלטן אין איין זיפצן און קרעכצן אויף איר טאָכטערס פינצטערן מזל. און בשעתן באַקן אירע טאָרטן און לעקעכער פאַר פרעמדע חתונות, האָט זי שטילינקערהייט פאַרגאָסן הייסע טרערן וואָס אַלע יידישע טעכטער אין שטעטל האָבן חתונה און איר טאָכטער זיצט נעבעך נאָך אַלץ אַ מויד.

יעדער אָוונט, ווען זי פלעגט קומען אהיים נאָך אַ שווערן טאָג־אַרבעט, פלעגט זי נעמען שרייען מיט איר שאַרפן מענה־לשון אויף אבא־וועלוועלען:

— דאַרמאָיעדניק מיינער (אומזיסטער עסער), וואָס וועט זיין דער תּכלית? אַלע אירע "רעוועסטניצעס" (מיידלעך פון איר עלטער) האָבן שוין לאַנג חתונה געהאַט, האָבן שוין קינדער, און דו גייסט אַרום און זינגסט! אַז זינגען זאָל דיר אין בויך און אין די קישקעס! טאַטע זיסער! געדענק, צוליב דיינע נאַרישע לידלעך און דיינע וויסטע געזאַנגעלעך, וועט די טאָכטער, חלילה, נאָך פאַרזעסן ווערן ביזן גראָען צאָפּ! טאָ וואָס־זשע שווייגסטו? וואָס וועט זיין מיטן נדן, מיט אויסשטייער, מיט חתונה הוצאות?! און דיר, שלימזל, אַרט עס גאָרניט! דו זינגסט און טאַנצסט, אַרויסטאַנצן זאָל פון דיר די נשמה!

אָט אַזוי פלעגט זי אים, נאַכט־איין, נאַכט־אויס, אָפּשפּילן ניט איין חתונהקע. אבא־וועלוול האָט געשוויגן. וואָרים וואָס דען האָט ער נעבעך געקאָנט טאָן? אָבער חוה־לאה האָט שוין גאָר ניט געשוויגן. זי האָט אים געהאַלטן אין איין יאָדען און גריזשען. ניט פאַרגומען אים דעם ביסן ברויט אין מויל, געטריבן אים פון שטוב, אָנגערייצט אויף אים די טאָכטער, אַזוי אַז אבא־וועלוול האָט שוין אפילו מורא געהאַט אויפצוהייבן זיין קויל און אַ זינג טאָן.

ער האָט געזען, אַז די שפּיל איז פאַרן טייוול! און אויב ער וועט זיך ניט ראַטעווען באַצייטנס פון זיין ווייבס גיהנום, וועט זיין אַ סוף צו אים און צו זיינע געזאַנגען . . .

ביז איינמאָל אין אַ באַגינען, ווען גאָט איז נאָך געשלאָפן, האָט ער געכאַפּט דעם טלית און תפילין־זאַק, מיט זיין שבתדיקן ראָק, און אָן אַ "זייַ געזונט", זיך אַרויסגעשליכט פון שטוב, און איז אַוועק וווהין די אויגן וועלן אים טראָגן.

עס זיינען אַוועק וואָכן און חדשים, שוין באַלד אַ יאָר, און עס איז שוין געגאַנגען דאָס צווייטע יאָר, און פון אבא־וועלוועלען איז געווען ניט אוקאַז און ניט פּריקאַז" — ווי ער וואָלט אין וואַסער אַריין.

נאָר געשמועסט האָט מען אין שטעטל, אַז אבא־וועלוועל גייט אַרום ערגעץ איבער דער מדינה וואָלין און פּאָדאָליע, פאַראַוועט חזנות, בדחנות אויף חתונות און קלייבט געלט אויף "הכנסת כלה".

די ווייבער האָבן שוין געקוקט אויף חוה־לאהן ווי אויף אַ ווייסטער עגונה און באַדויערט נעבעך איר פינצטערע דאָליע. חוה־לאה אָבער, וואָס האָט געקאָנט איר שלימזל, אבא־וועלוועלען, בעסער פון אַלע ווייבער אין שטעטל, האָט זיך גאָר ניט גענומען צום האַרצן. זי איז געווען ביי זיך מער ווי זיכער, אַז פריער צי שפּעטער, וועט דער "שאָדן" אירער זיך אָפּזוכן. און ער האָט זיך טאַקע אָפּגעזוכט, ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט.

עס איז געווען פרייטיק, ערב שבת הגדול, צו ליכט־בענטשן. פּלוצלונג האָט זיך אָנגעיאָגט מיט אַ רעש, מיט אַ טומל און מיט אַ גלאָק־קלינגעריי דער קאַמעניצער "ראַזנאָסטשיק", מיט אַ פולן אָנגעזעצטן וואָגן מיט "פּאַר־שוינען".

באַלד איז זיך צונויפגעלאָפן גאַנץ שטעטל זען ווער די פּסחדיקע געסט זיינען. ערשט, מען טוט אַ קוק, סקאָצל קומט! אבא־וועלוועל "חזן" קריכט אויך פון וואָגן!

ס'איז געוואָרן אַ גדולה, אַ שמחה! איין "שליח" איז געלאָפן פאַרן צווייטן צו פאַרדינען די גרויסע מצווה — אָנצוזאָגן חוה־לאהן, דער עגונה, די פריילעכע בשורה.

דער אָנגעלאָפענער עולם האָט זיך באַלד אַ לאָז געטאָן צו אבא־וועלוועלען גענומען אים "שטעקן" שלום עליכמס פון אַלע זייטן; איטלעכער האָט אים באַקוקט און באַטאַפּט פון קאָפּ ביז די פיס. מען האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָפּוווּנדערן פון זיין רייכער, גרויסשטאָטישער הלבשה, וואָס ער האָט געטראָגן, פון זיין האַרטן קאַפּעליוש, פון זיין טייערן ראָק, און נאָך מער פון זיין גרויסן, שווערן, אָנגעפּאַקטן טשעמאָדאַן.

אבא־וועלוועל אַ פריילעכער, גליקלעכער, האָט, ווי זיין שטייגער איז

געווען, צו איטלעכן געשמייכלט מיט זיינע גוטע, קינדערשע אויגן. און אזוי שמייכלענדיק, האָט אים שטעטל, פון קליין ביז גרויס, באַגלייט מיט גרויס פּאַראַד ביז צו דער טיר פון זיין שטיבל, וווּ ס'האָט שוין אויף אים געוואַרט זיין פּלוניתטע, חוה־לאה שתחי'.

ס'האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט אַ קלאַנג איבערן שטעטל, אַז אַבאַ־וועלוול דער חזן איז געקומען פון דער ווייטער מדינה מיט אַ היבשער אַפּותיקא, פון אוואַדע דריי הונדערט קערבלעך (רובלס), און אפשר נאָך מער, ווער ווייס?

שבת אינדערפרי, ווען אַבאַ־וועלוול איז אַריינגעקומען אין בית־מדרש, האָבן אַלע באַלעבאַטים פון מזרח־וואַנט אים אַנטקעגן געטראָגן אַ ברייטן "שלום־עליכם", ווי אַבאַ־וועלוול וואָלט פּלוצונג האָבן געוווּנען דאָס גרויסע געווינס . . .

אין ווייבערשער שול, האָבן די שענסטע, יוסטע באַלעבאַסטעס גענומען "אַרומפּאַדיען" אַרום חוה־לאהן, און ניט געוווּסט ווי זי אָוועקצוזעצן, ווי זי וואָלט געווען די גרעסטע נגידיתטע.

אַבאַ־וועלוול און זיין ווייב חוה־לאה, האָבן ניט געגלייבט זייערע אייגענע אויגן, אַז דאָס אַלץ קומט פאַר מיט זיי אין דערווירקלעכקייט, נאָר ווי ס'וואָלט געווען ניט מער ווי אַ שיינער, זיסער חלום.

זייער גרעסטע איבערראַשונג איז געווען, ווען דער גבאי אליין, בכבודו ובעצמו, איז צוגעקומען צו אים און אים מכבד געווען צו גיין שטעלן זיך דאַווענען פאַרן עמוד.

אַבאַ־וועלוול האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ צו צום עמוד מיט אַזאַ פרייד ווי נאָך קיינמאָל ניט. ער האָט געדאַווענט פון "שוכן עד" ביז צום סוף "מוסף", מיט אַזויפיל האַרץ און מיט אַזויפיל דביקות; ער האָט "אָוועקגעלייגט" אַ "געזונטע" עברי מיט אַזאַ "זאַגעכץ", אַז זינט ער איז אַבאַ־וועלוול, האָט מען פון אים נאָך אַזעלכעס ניט געזען און ניט געהערט; ער האָט זיך צעטרעלט אויף אַלע זיינע אויבערשטע און אונטערשטע טענער און מיט אַזאַ שטאַרקער קאָלאָראַטור, ווי ער וואָלט טאַקע געווען אַן אמתער חזן.

דאָס בית מדרש האָט זיך ממש געוויגט. איטלעכער האָט געגאַפט. איטלעכער האָט געהויבן מיט די פּלייצעס. איינער האָט זיך איבערגעוווּנקען מיטן צווייטן: "זעט נאָר וואָס אַ 'מדינה' האָט געקענט מאַכן פון אַ מענטשן"!..

די שווער־פאַרהאָרעוועטע חוה־לאה איז געווען ווי אויפן זיבעטן הימל פון איר גליק. וואָרים זינט זי איז די ווייב פון אַבאַ־וועלוולען, האָט זי נאָך ניט געהאַט פון אים אַזאַ נחת און אַזאַ כבוד . . . זי איז געשטאַנען פאַר די טירלעך, וואָס האָבן געפירט פון דער ווייבערשער שול צו די מאַנצבילן, זיך געווישט די טרערן פון די אויגן און געשעפּטשעט מיט ציטערדיקע ליפּן אַ תפילה, אַז קיין בייז אויג זאָל איר חלילה ניט שאַדן . . .

נאך אינם זעלבן חול המועד פסח, האבן די שטעטלשע שדכנים גענומען אפשלאגן ביי חוה־לאהן און אבא־וועלוולען די שוועלן. ס'האט זיך אנגעהייבן א "סדרה" "זעענישן" צווישן די פארגעשלאגענע חתנים מיט דער כלה, ביילע־רחל שתחי'.

וואס שייך אבא־וועלוולען, וואס איז געווען א גוטע נשמה, א מזג טוב, זיינען אים באלד אלע חתנים שטארק געפעלן געווארן. ער איז מיט איטלעכן פון זיי באלד געווארן "נאש־בראט"; פאר איטלעכן פון זיי דערציילט וואס ער האט זיך אנגעזען און אנגעהערט אויף זיינע לאנגע נסיעות איבער דער מדינה. אבער זיין ווייב, חוה־לאה, וואס איז געווען א שווער־געפרוווטע יידענע, האט געהאלטן אין איין קלייבן איר טאכטערס חתנים, ווי מען קלייבט ווערימדיקן ארבעס . . . ביז זי האט ענדלעך אויסגעקליבן דעם פאסיקן זיווג פאר דער טאכטער, וואס איז באשאנקען געווען מיט אלע מעלות.

אוודאי, וואס אמת איז אמת. דער דאזיקער חתן הנקרא משה־געצל, איז קיין גרויסער קענער אין די שווארצע פינטעלעך ניט געווען, דערפאר אבער איז ער געווען א גרויסער פארדינער, א גוטער באלמעלאכע, געווען יארן לאנג א "טשעלאדניק" ביי לייזער דעם שמיד, און האט פארמאגט א פאר געזונטע ידים, אזוי אז ווען ער האט געגעבן א זעץ מיטן שווערן האמער איבער דער קאוואדלע, האבן די ווענט פון דער קוזשניע אזש א ציטער געטאן . . . און זיין גרעסטע מעלה, וואס האט אזוי שטארק אויסגענומען ביי חוה־לאהן, איז געווען וואס ער איז געווען א שטיל מענטשל, ניט געטשעפעט אפילו א פליג אויף דער וואנט. ווייל זי האט געהאלטן, אז ס'איז בעסער פאר א ווייב צו האבן א מאן א שווייגער, איידער א מאן א זינגער און א טענצער . . .

ווי גיך מען האט זיך דערוווסט, אז ביילע־רחל, אבא־וועלוולס טאכטער, איז א כלה געווארן, איז געווארן ששון ושמחה אין שטעטל. פון אלע זייטן איז מען געקומען זיי אפגעבן מזל טוב. איטלעכער אין שטעטל האט זיך גענומען גרייטן צו דער דאזיקער חתונה. יעדער איינער האט זיך באטראכט ווי ער וואלט געווען א גאר נאענטער מחותן. ווארים ס'איז דאך עפעס ניט קיין קלייניקייט! זייער חוה־לאה, זאל לעבן, וואס האט יארן לאנג געבאקן און געקאכט פאר פרעמדע חתונות, און זייער אבא־וועלוול, וואס האט יארן נאכאנאנד משמח געווען פרעמדע חתן־כלה, און איצט, אז גאט ברוך־הוא האט זיי באגליקט מיט א נחת ביי זייער אייגן קינד, טא ווי זאל מען זיך ניט מיטפרייען?

ווי נאר ס'האט זיך אנגערוקט דער זמן החתונה און חוה־לאה די קעכין האט זיך געשטעלט באקן פאר איר טאכטערס חתונה, זיינען באלד געקומען צו לויפן אירע געטרייע שכנהס, האבן פארקאשערט די ארבל און איר גענומען ארויסהעלפן מיט וואס נאר זיי האבן געקאנט. איינע האט אפגעשאבן די בינטלעך פיש, א צווייטע האט געהאקט די פיש, א דריטע האט צעשטויסן די צימרינג און א פערטע האט "געכשרט" דאס פלייש — אלע האבן צוגעלייגט א האנט.

חוה־לאה, א פאררויטלטע, א פארשוויצטע, איז געשטאנען ביים באק־

אויזון און געהאלטן אין איין שיבן, אין איין אריינזעצן און ארויסנעמען פון אויזון איין טאָפּ נאָכן אנדערן, אייך בלעך געבעקס נאָך דער צווייטער. זי האָט געקוקט מיט נחתדיקע אויגן אויף די שיינע, געראָטענע בולקעס. קוילעטשן טאָרטן, האָניק־לעקעכער און קומיש־ברויטן, און בשעת מעשה האָבן אירע ליפּן געשעפּטשעט א תפילה צו גאָט, אז פּונקט ווי עס שיינען און עס לייכטן אירע חתונה־געבעקסן און חתונה־מאכלים, אזוי אויך זאָל שיינען און לייכטן איר טאָכטערס מזל . . .

די ווייבער, אירע געטרייע ארויסהעלפערינס, האָבן איר אויך אין דעם צוגעהאָלפן מיט ברכות און ווינטשעוואניעס, אז דער זיווג זאָל עולה־יפה זיין.

דער פריילעכער און לוסטיקער אבא־וועלוול, דער מחותן, איז אין דעם טאָג פון זיין טאָכטערס חתונה געווען ממש פארשיכורט פון נחת און גליק. ער האָט איינגעלייגט וועלטן, אז די חתונה זאָל זיין כיד הגביר. ער האָט זיך ניט געוואָלט פארלאָזן אויפן שמש מיט גיין פארבעטן זיינע געסט, די שכנים. נאָר ער איז אליין געגאנגען א טענצלדיקער, מיט א ניגונדל און מיט א פריילעכן זמרל, פון שטוב צו שטוב, און איטלעכן פארבעטן אויף זיין חתונה, און מיט איטלעכן געטרונקען לחיים, און דערביי געזונגען דאָס באַקאַנטע פאָלקס־לידל: "אוי דאָס גלעזעלע משקה". ער האָט אנדערש ניט געוואָלט, ווי נאָר גאנץ שטעטל זאָל קומען און זיך משמח זיין אויף זיין גרויסער שמחה.

אין קורצן — זינט אבא־וועלוול איז געווען א בדחן, א זינגער און א טענצער אויף פרעמדע חתונות, האָט ער נאָך אזוי שיין ניט געבדחנט, אזוי שיין ניט געזונגען און אזוי שיין ניט געטאנצט, ווי ביי זיין אייגענער טאָכטערס חתונה.

וויפל חוה־לאה, די מחותנתטע, האָט זיך ביי אים ניט געבעטן, אז ער זאָל זיך "האלטן אין דער מעלה", ווי עס פּאסט פאר א בכבודיקן מחותן, האָט עס ניט געהאָלפן. ער האָט ניט גערוט, ער האָט געשטורעמט. ער האָט קיינעם ניט געלאָזט שטיין אויף די פיס. ער האָט איטלעכן אריינגעשלעפּט אין טאנץ, אין קאראהאָד, אזוי אז אלט און יונג, מאן און פרוי, האָבן געמוזט ביי אים טאנצן. דער עולם האָט זיך געוואונדערט און געשטוינט: ווי דערנעמט זיך עס צו יידן אזא כוח, אזא גבורה און אזא פייער?

ערשט נאָך האלבער נאכט, ווען אלע געסט זיינען שוין אוועקגעפאלן פארמאַטערטע פון אזויפיל הוליען און טאנצן, האָט דער פריילעכער, לוסטיקער מחותן, אבא־וועלוול, זיך צוגענבעט שטילינקערהייט צו זיין מחותנתטע, חוה־לאהן, א כאַפּ געטאָן זי אין זיינע שטארקע אָרעמס און זיך אוועקגעלאָזן מיט איר טאנצן א ברוגז־טענצל.

אַ, דאָס איז שוין געווען איינמאָל א טאנץ! ממש עין לא ראתה! דער גאנצער עולם איז געשטאנען אויף די קעפּ, געקוקט און געגאַפט ווי שיין, ווי וואונדערלעך עס טאנצט אבא־וועלוול, דער מחותן, מיט זיין שטענדיק ברוגזער חוה־לאה.

מילא, וואָס שייך אבא־וועלוולען, איז ניט געווען קיין גרויסער חידוש. ווייל ער האָט עס ניט געזען דעם גרויסן טענצער טאנצן א ברוגז־טאנץ? נאָר דער וווּנדער איז געווען די מחותנתטע, חוה־לאה: זי, די שטענדיק פארהאָ־רעוועטע און פארצאָגטע יידענע, זאָל קאָנען אזוי שיין טאנצן ? . . און נאָך וואָס פאר א טאנצן ! . . מיט אזא ברען און כיט אזא פייער, ווי זי וואָלט נאָך געווען א יונג מיידל ! . .

און כ׳לעבן, ס׳איז טאקע געווען וואָס צו זען. אלע אירע שווערע, ביטערע יאָרן פון נויט און דלות, וואָס זי האָט זיך געהאט אָנגעליטן ביי איר אבא־וועלוולען, דעם שלימזל, האָבן איצט ארויסגעטאנצט פון איר . . . אָט האָט זי געקוקט אויף אים פון דער זייט, מיט בייזע, צאָרנדיקע אויגן, און אָט האָט זי אים געלאשטשעט מיט איר ווארעמען בליק; אָט האָט זי זיך פון אים אוועקגעריסן, געוואָלט דאכט זיך פון אים אנטלויפן, און אָט איז זי געלאָפן צו אים מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווי עס לויפט א פארליבט כלה־מיידל אנטקעגן איר געליבטן חתן.

דער עולם האָט געפּליעסקעט מיט די הענט, געשריען פון פרייד און זייערע אויגן ניט געקאָנט אָפּרייסן פון אָט דעם ווונדערלעכן, פארכאַפּנדיקן ברוגז־טענצל.

וואָכן לאנג האָט מען געהאלטן אין שטעטל אין איין ריידן פון צ־ָט דער פריילעכער חתונה, וואָס אזא האָט נאָך שטעטל ניט געהאט געזען. און נאָך מער האָט מען ניט געקאָנט פארגעסן דעם אומגעריכטן, אויסטערלישן ברוגז־טאנץ צווישן חוה־לאהן, דער מחותנתטע, און דעם מחותן, אבא־וועלוול.

ר׳ משה דער שמש

אין זיינע יונגע יאָרן האָט מען אים גערופן פּראָסט און פּשוט: משה סטאַראָשעווער, אויפן נאָמען פון זיין דאָרף סטאַראָשעווע, ווו ער האָט גע־האַלטן אין אַרענדע אַ ווינט־מיל. נאָר היות ווי דער רוסישער קייסער האָט אים, ווי אַ סך אַנדערע יידישע ישובניקעס, געהאַט אַרויסגעטריבן פון דאָרף, האָט ער זיך באַזעצט אינם שכנישן שטעטעלע זאַסטאַוויע, און איז געוואָרן אַ שמש אין בית מדרש, האָט מען אים פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן רופן ר׳ משה דער שמש.

דער אַמאָליקער ישובניק, משה סטאַראָשעווער, און דער שפּעטער־דיקער ר׳ משה דער שמש, איז טיף אין האַרצן געווען זייער דאַנקבאַר דעם רוסישן קייסער, וואָס האָט אים אַרויסגעטריבן מיט זיין ווייב און קינדער פון דאָרף . . . וואָרים ווען ניט דער קייסער, דער גרויסער צורר ישראל, וואָס איז געזעסן אין פּעטערסבורג, וואָלט ער קיינמאָל ניט געווען דערגרייכט צו אַזאַ הויכער מדרגה — צו ווערן אַ שמש אין זאַסטאַוויער בית־מדרש, וואָס אין זיינע אויגן, פון אַ פּראָסטן ישובניק, האָט עס אויסגעזען ווי ס׳וואָלט געווען דאָס בית־המקדש אַליין . . .

און נאָך מער איז ער געווען דאַנקבאַר, להבדיל אלף אלפי הבדלות, דעם רבונו של עולם, וואָס האָט געטאָן צו אים אַזאַ גרויסן חסד און גנאָד, און אים, דעם איינציקן, אויסדערוויילט צו ווערן דער שומר, דער היטער פון זיין מקום קדוש.

און דערפאַר טאַקע האָט ער אים געדינט געטריי, בלב ונפש. יעדער באַגינען איז ער געלאָפן אין מקווה זיך טובלען; געדאַוונט מיט גרוים כוונה; טאָג און נאַכט געזאָגט תהלים און מעמדות; קיינמאָל ניט אָפּגעטאָן זיין אויג פון גאָטס הויז, אַזוי אַז קיין שטויבעלע זאָל חלילה אויף אים ניט פאַלן.

געווען איז ער אַ גבר אלים, הויך ווי אַ ריז און שטאַרק ווי אַ דעמב. צו דעם האָט ער נאָך פאַרמאָגט אַ זעלטן שיינעם הדרת־פּנים, וואָס איז געווען איינגעפאַסט אין אַ גרויער, זילבערנער באָרד, מיט לאַנגע, אויסגעדרייטע פּאות, וואָס האָבן ביי אים דערגרייכט שיר ניט ביז גאַרטל. זיין הויכער שטערן איז געווען ווייס, ווי אַקאָרשט געפאַלענער שניי; די באַקן רויט, ווי רייפע, צייטיקע עפּל; זיין גאַנצער אויסזען, מיט זיין גלייכער, געשטאַלטנער

פיגור, האָט פאַרמאָגט עפּעס אויסטערלישעס אין זיך, גאָרניט פון א געוויינ־לעכן, פּשוטן בשר־ודם, נאָר ווי ער וואָלט געווען פון אונדזערע הייליקע אָבות, אברהם יצחק ויעקב, ווי מיר, חדר־יינגלעך, פלעגן זיי אויסמאָלן אין אונדזער פאַנטאַזיע.

ווי אַלט ער איז געווען, האָט קיינער אין שטעטל באַשטימט ניט געוווסט. וויפל מען האָט אים ניט געפרעגט, האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט אויסזאָגן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר א ״גוט־אויג״. . .

געשאַצט האָט מען אים אין די שפּעטע זיבעציקער, אַנדערע אין די אַכציקער. און וועדליק זקנים האָבן געהאַט אויסגערעכנט, איז ער שוין העט־ווייט ״אַריינגעפאָרן״ אין די נײַנציקער, וואָרים זיי געדענקען, אַז ווען זיי זיינען נאָך געווען בר־מצווה יינגלעך, איז ער שוין געווען א בעל מטופל מיט קינדער.

האָט עמיצער פון די יונגעלייט אין בית־מדרש, געפּרוווט אמאָל, אויף טשיקאַוועס, פאַרפירן מיט אים א שמועס, מיט דער כוונה צו דערגיין ביי אים דעם סוד פון זיינע יאָרן, פלעגט ער שטענדיק זיך אויסדרייען פון געבן א תשובה.

און אַז דער ״פרעגער״ איז שוין גאָר שטאַרק צוגעשטאַנען צו אים און דווקא געוואָלט אַרויסקריגן פון אים אַן ענטפער, פלעגט ער מיט א ביטערן שמייכעלע ״אַריינגאַרן״ יענעמס האַנט אין זיינער און מיטן גאַנצן כוח זי געבן א קוועטש, אַז יענער פלעגט אַזש נעמען צאַפּלען זיך פון גרויס ווייטיק, ווי זיין האַנט וואָלט פלוצים אַריינגעכאַפּט געוואָרן צווישן צוויי מילשטיינער. דעמאָלט פלעגט ר׳ משה דער שמש אויפמאַכן זיין פאַרשלאָסענע האַנט, זיך צעשמייכלען מיט א מויל ווייסע, פּערלדיקע ציין, און זאָגן מיט א ניצחון־שמייכעלע:

— נו, שייגעץ און יונגאַטש איינער, דו ווייסט שוין נאָכאַמאָל האָבן די העזה צו פרעגן ווי אַלט איך בין ? . .

וועגן זיין משונהדיקער גבורה זיינען אין שטעטל אַרומגעגאַנגען פאַר־שיידענע מעשות, איינע פאַנטאַסטישער פון דער אַנדערער. אָבער דער שפּאַס איז געווען, וואָס אָט דער גרויסן גברן, אויף וועלכן מ׳האָט געהאַט געזאָגט, אַז ער קאָן מיט די הוילע הענט צערייבן אפילו א שטיין, און מיט די ציין צעקייען א קופּערנעם זעקסער (א מטבע), האָט געציטערט, ווי א בלאַט אין ווינט, פאַר שדים, רוחות און מזיקים. ווי נאָר ס׳איז געוואָרן נאַכט, האָט ער מורא געהאַט אַרויסצושטעקן די נאָז אינדרויסן. סיידן ער האָט זיך פריער גוט באַוואָפנט מיט זיין גרויסן סוקעוואַטן שטעקן אין דער רעכטער האַנט, און מיט דער אָנגעצונדענער לאַמטערנע אין דער לינקער האַנט, און מיטן ״שמע ישראל״ אויף די ליפּן. אַנדערש האָט ער ניט געוואָלט גיין אין א שליחות.

* * * * *

ר׳ משה דער שמש איז ביי זיך געווען זייער שטאָלץ, וואָס גאָט ברוך

הוא, האָט אים באַשאָנקען מיט אַזעלכע טייערע מתנות: אַ מיט אַ שיינעם הדרת פּנים און אַ מיט אַזאַ גבורה, און נאָך מער מיט אַזאַ מלאכת הקודש ווי שמשעריי. אָט די דאָזיקע פרייד זיינע, האָט אַרויסגעזונגען פון אַלע זיינע רמ"ח אברים.

און באמת, ס'איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף אים עפּעס אַזאַ אויסער־לעכע, גייסטיקע שיינקייט, וואָס האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג. למשל, יעדער פרייטיק, ערב שבת און ערב יום־טוב, ווען ער האָט זיך גוט אויסגעבאָדן און זיך אויסגעטובלט, און זיך אויסגעפּוצט אין זיין לאַנגער, שוואַרצער, אָט־לאַסענער קאַפּאָטע, מיטן שניי־ווייסן העמד, מיטן אַריבערגעלייגטן, ווייכן קאָלנער, און אויפן קאָפּ דאָס הויכע, גרינלעכע סאַמעטענע היטל, האָט זיין קלסתר פּנים געשיינט מיט אַזאַ לויטערקייט, מיט אַזאַ נשמה יתירהדיקייט, אַז מען האָט ממש געקאָנט זען ווי די שכינה הקדושה רוט אויף אים.

דעמאָלט האָט מען געהאַט פאַרגעסן, אַז דאָס איז משה דער שמש, דער בייזער ייד, דער שווייגער און דער ניט־איבעריקער חכם, נאָר ווי עס וואָלט פאַר אייך פּלוצלונג זיך האָבן באַוויזן איינער פון יענע "אנשי מעשה", די בעלי מקובלים, וואָס איז געקומען אַהער, מיט קפיצת הדרך, אַזש פון דער עיר הקדושה ירושלים . . .

און ס'האָט טאַקע ניט געדויערט לאַנג ווי ר' משה דער שמש האָט גענומען קוקן אויף זיך ווי ער וואָלט געווען אַן אָדם העליון, אַ מענטש פון גאָר אַ הויכער מדרגה, און ער האָט געגלייבט אין דעם מיט זיין גאַנצער קינדישער נאַיִוויטעט. ערשטנס, איז ער געווען "משכמו ומעלה גבוה מכל עם", פונם אַקסל אָן און ווייטער איז ער געווען העכער און גרעסער פון יעדער איינעם אין שטעטל; צווייטנס, ווער נאָך ווי ער האָט פאַרמאָגט אַזאַ בכבודיקע, לאַנגע, זילבערנע באָרד און מיט אַזעלכע לאַנגע, הבדלותדיקע פאות, וואָס דערגרייכן ביי אים שיר ניט ביזן גאַרטל; און דריטנס, ווער נאָך פאַרמאָגט אַזאַ זיס קול נגינה ווי ער?

און ווירקלעך, ווער ס'האָט ניט געהערט ר' משה דעם שמש דאַווענען פאַרן עמוד, דער ווייסט שוין קיינמאָל ניט פאַרשטיין דעם זיסן טעם וואָס ליגט אין אַ יידישער תפילה!

ווען ס'איז געקומען ימים־נוראים און ער האָט אָנגעטאָן אויף זיך זיין לאַנגן, ווייסן קיטל, אויפן קיטל דעם טלית מיט דער גרויסער, זילבערנער עטרה איבער דעם קאָפּ און אויסגעדונערט מיט זיין געזונטער, לייבן־שטימע, פון באַלעמער אַראָפּ: ה מ ל ך י ו ש ב ע ל כ ס א ר ם ו נ ש א ! איז אַלעמען באַפאַלן אַן אימה. די ווענט פון בית־מדרש האָבן אַזש אַ ציטער געטאָן. עפּעס אַ קליינִיקייט, איר שפּילט זיך מיט ר' משה שמשם דאַווענען; אַזוינס האָט מען, דאַכט זיך, ביי יידן ניט געזען און ניט געהערט! דעמאָלט האָט ער טאַקע אויסגעזען ווי דער כהן גדול, בעת ער איז אַריינגעגאַנגען יום־כיפּור אין קדשי קדשים אָפּצוריכטן די הייליקע עבודה . . .

ער האָט טאַקע דערפאַר אָנגעהויבן שטאַרק מקפיד צו זיין, אַז איט־

לעבער זאל אים אפגעבן דעם געהעריקן כבוד, וואס אים קומט. ער האט זיך ניט געבויגן, ניט פארן למדן און ניט אפילו פארן גרעסטן תקיף אין שטעטל. ער האט געפירט זיין "כהונה גדולה", די שמשעריי, ביד חזקה, מיט א שטארקער האנט, ווי עס פאסט פאר אן אויסדערוויילטן "עבד אלוקים", פאר א גאטס־דינער.

ער האט זיך דערפאר שטענדיק געהאלטן אין איין פוצן, ווי א חתן־בחור. אפילו זיינע וואכעדיקע מלבושים, וואס ער האט געטראגן אויף זיך, האבן תמיד געפינקלט מיט שבת־יום־טובדיקייט. זיין לאנגע, פאטריארכאלישע בארד און פאות, זיינען שטענדיק געווען אויסגעקעמט און אויסגעגלעט. יעדער הערעלע אין זיי איז געווען ווי א זילבערן פעדימל — נאר צום איבערציילן.

דאס בית מדרש האט ער געהאלטן אויסערגעוויינלעך ריין און ציכטיק, ווי עס פאסט פאר גאטס הויז. ער האט שטארק אכטונג געגעבן, אז דער "נר תמיד" זאל חלילה קיינמאל ניט אויסגעלאשן ווערן. ערב שבת און ערב יום־טוב האט ער אויפגעהאנגען דעם נייעם פרוכת אויפן ארון קודש און איבערגעביטן די "מענטעלעך" אויף די ספרי תורות. אבער וואס שייך די פשוטע מלאכות, ווי אפשייערן די מעשענע הענגלייכטער, די גרויסע חנוכה־מנורה, און אנפילן דעם קופערנעם האנטפאס מיט וואסער, דאס האט ער שוין איבערגעלאזן פאר די "פרחי כהונה" — צו די עטלעכע ארימע חדר־יינגלעך, וואס ער האט ספּעציעל מחנך געווען פאר דעם צוועק. צו אט דער דאזיקער "מלאכת־הקודש", האבן ביי אים נאר יחידי סגולה, אויסדערוויילטע, געהאט די זכיה צוגעלאזן צו ווערן . . .

* * * * *

עס האט אים אבער איין זאך שטארק געערגערט, וואס ער, א געוועזענער ישובניק און איצט א שמש פון א מקום־קדוש, איז נעבעך אזוי ווייניק באהאוונט אין די "שווארצע פינטעלעך".

האט ער זיך אנגעגורט מיט כוח און גענומען לערנען גאטס תורה, וואס עס איז אים נעבעך אנגעקומען זייער שווער. ער איז געזעסן יום ולילה אין בית מדרש און געהאלטן אין איין "זוברעווען", א פסוק נאך א פסוק, חומש מיט רש"י, נאכדעם האט ער זיך גענומען פארן משניות. ער האט אזוי לאנג געהארעוועט און זיך געמאטערט, ביז ס'איז אים געלונגען צו ווערן א נאענטער מחותן מיט די הייליקע אותיות פון דער תורה הקדושה, אזוי אז אין משך פון די יארן האט ער שוין געהאט באוויזן צו קאנען ניט נאר חמשה חומשי תורה, נאר אויך אפילו די ששה סדרים פון משניות בעל פה, אויף אויסנווייניק. ער האט זיך שוין אפילו געהאט אונטערגענומען צו לערנען יעדער טאג בין מנחה למעריב, מיט א מנין יידן א פרק משניות.

און כאטש די "שיינע יידן", די למדנים פון מזרח־וואנט, האבן ניט איינמאל חוזק געמאכט פון זיין למדנות און אויף זיין "פראווען טיש"; ניט איינער פון זיי פלעגט זאגן מיט הלצה, אז דער דאזיקער "רבי" פארשטייט

אזוי וואָס עס טוט זיך אינם משניות מיטן "ברטנורה", ווי א האָן אין "בני אָדם" — דאַך איז אים געלונגען, מיטן כוח פון זיין שיינעם, זיסן ניגונדל, צו צוציען א "טיש מיט יידן", וואָס האָבן זיך מיט אים איינעם אוועקגעלאָזט שפּרייזן איבער די שווערע, האַרטע הרודעס פון דער משנה.

און ווי אויף צו להכעיס די שיינע יידן, די למדנים, האָט ער ניט איינ־מאָל מיט זיינע "תלמידים" געפּראוועט א סיום אויף א "סדר" משניות, גע־זאָגט א שיינעם, קלינגענדיקן "הדרן עלך", גענומען צו ביסעלעך משקה, אויף וואָס ער איז געווען גאָר א גרויסער בעלן. . .

* * * * *

געהאַפּט האָט ר' משה דער שמש, אז ער וועט קאָנען פירן זיין "כהונה גדולה", די שמשעריי, אין מנוחה און אין שלווה. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס אים ניט באַשערט געווען. ס'זיינען מיטאַמאָל אויפגעשטאַנען קעגן אים שדים, רוחות ומזיקים, אין געשטאַלט פון די שטעטלשע ווייסע־חברה־ניקעס, די אמתע, גרויסע שטיפערס, וואָס האָבן מיט זייערע שקאָצערייען אים שיר ניט מקצר ימים געווען. וואָרים זיי האָבן געטענהט, אז זיי האָבן אויך א חלק אין "גאָטס נחלה", אינם בית מדרש, פּונקט ווי ער, דער גרויסער "משה רבנו", ווי זיי האָבן אים גערופן אין שפּאָס.

אָבער ר' משה דער שמש האָט בשום אופן ניט געוואָלט אנערקענען זייערע טענות. ער האָט זיי געטריבן פון גאָטס הויז מיט אזא רציחה, ווי זיי וואָלטן געווען טמאים, אומריינע, וואָס מ'דאַרף האַלטן מחוץ למחנה. וואָרים ער האָט שטאַרק מורא געהאַט, אז זיי זאָלן אים חלילה ניט פאַרשוועכן זיין מקום קדוש, וואָס ער האָט אָפּגעהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון זיין אויג.

אָבער וואָס מער ער האָט זיי געטריבן פון זיין גבול, אַלץ מער האָבן זיי זיך געריסן צום בית מדרש. זיינען דערפאַר אָנגעגאַנגען צווישן אים דעם היטער פון גאָטס הויז, און די ווייסע־חברהניקעס, שווערע, האַרטנעקיקע מלחמות, אז גאָט זאָל שומר ומציל זיין!

מילא, וואָס שייך זומער־לעבן האָבן אים די יונגאַטשעס מוחל געווען דאָס בית־מדרש. וואָרים ווייניק פּלאַץ איז דעמאָלט פאַראַן אויף גאָטס וועלט? אָבער ווינטער, ווען מען קומט אהיים פון חדר, און ווער רעדט שבת בייטאָג, נאָכן אָפּעסן דעם טשאָלנט, און שבת צו נאַכט, נאָך דער הבדלה, ווען מ'איז פריי פונם בייזן רבין מיטן קאַנטשיק, איז דעמאָלט א מחיה אריינצוכאַפּן זיך אין בית מדרש, כאַפּן א שטיף, א "קאָמאַנדעווע". אויף דעם איז מען דאָך עפּעס יינגלעך! ווי זאָגט איר, ניט אזוי? איז לאָזט ער ניט, אָט דער גרויסער "משה רבנו"! ער שלאָגט, ער הרגעט, ער קאַטעוועט — גאָר אָן רחמנות!

איז טאָ וואָס זאָל מען פאַרט טאָן ווען עס גלוסט זיך אביסל צו שטיפן? אין שטוב קאָן מען דאָך ניט, מ'קאָן נאָך חלילה אויפוועקן דעם טאַטן פון שלאָף און כאַפּן פון אים א ווייסטן פּסק. שטיפט מען אינדרויסן, מ'וואַרפט זיך מיט שניי־קוילן מען מאַכט שניי־מענטשן, אָדער מען לאָזט זיך אוועק אויף

די אייגענע געמאכטע "קאנקעס" גליטשן אויפן פארפרארענעם טייך. דאס איז שוין איינמאל א פארגעניגן! אמתע עולם הזה! .. גליטשט מען זיך אזוי לאנג, ביז דער פראסט הייבט אן צו סמאליען די נאז און די באקן. כאפט מען זיך אריין אין בית־מדרש אנווארימען זיך, און פאר איין וועגס בראט מען שוין אפ עטלעכע קארטאפל אין אויוון, וואס מען האט צוגעלקחנט ביי דער מאמען אין שטוב. נאכדעם, ווען מען האט שוין אביסל אונטערגעלענט דאס הארץ, הייבט מען אן שטיפן כדבעי! מען שפילט אין באהעלטעניש, אין "קלמן, קלמן קלמנטשיכע", אין דריידל, אין דאמינא, און אויך טאקע אין קארטן, אין א "זעקס־און־זעכציק", אין אין "איין און צוואנציק", אדער גאר אין אן "אקע"! וויינעק שפילערייען זיינען פאראן אויף דער וועלט?

שבת בייטאג אבער טאר מען דאך ניט שפילן אין קארטן און אוואדע און אוואדע ניט בראטן קארטאפל, איז דעמאלט די פאסיקסטע צייט צו פארפירן א מלחמה צווישן דער "מחנה ישראל" מיט אירע אייביקע שונאים, די פלישתים, ווו דער קליינער דוד המלך האט מיט איין איינציקן שטיין פון זיין שטיינווארפער געטראפן דעם גרויסן, שטארקן ריז גלית הפלישתי אין שטערן און אים אוועקגעלייגט א טויטן גלייך אויפן ארט.

פארשטייט זיך, ווי אין יעדער מלחמה, דארף מען האבן כלי־זין, גע־ווער. איז אויף דעם אויך דא אן עצה: מען ברעכט אויף דעם שלאס פון דער גרויסער שאפע, ווו ר' משה דער שמש האלט פארשלאסן זיין גרויס פארמעגן, די האנטיכער, די טישטוכער, די קיטלען, און מען מאכט פון זיי "פעלצלעך", וואס זען אויס ווי אמתע באמבעס. נאכדעם נעמט מען די שטענדערס, די טישן און מען קערט זיי איבער מיטן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף, מען פאר־וואנדלט זיי אין פעסטונגען, געמויערטע ווענט און אמתע פארטיפיקאציעס, און נאך אזעלכע תכסיסי־מלחמה, און עס פאנגט זיך אן די אמתע שלאכט, אז עס גייט אזש א רויך!

אבער פונקט אין סאמע מיטן פון דער צעפלאקערטער מלחמה, ווען ס'האט שוין געהאלטן אט־אט די "מחנה ישראל" זאל פארניכטן און פאר־טיליקן די "מחנה פלישתים", אזוי אז ס'זאל פון איר קיין שריט ופליט ניט בלייבן, טוט זיך פלוצלונג א רייס אריין דער הויכער "משה רבנו", דער שמש, און הויבט אן מיט זיין לעדערנעם פאס פון זיינע הויזן, צו שלאגן און קאטע־ווען אויף רעכטס און אויף לינקס, אן אונטערשייד צי מען געהערט צו דער "מחנה ישראל" אדער צו דער "מחנה פלישתים", דעם בלוטיקן שונא . . .

עס ברעכט באלד אויס א שרעקלעכע מהומה, א צעמישעניש צווישן די קריגערישע מחנות. די חברה קונדסים, וואס האבן אקארשט געשפילט די ראל פון גרויסע העלדן, גיבורים, הייבן אן שפרינגען ווי צעשראקענע, ווילדע ציגן, איבער די איבערגעקערטע טישן און שטענדערס, און צעלויפן זיך ווו דער שווארצער פעפער וואקסט.

דעמאלט האט דער בייזער, צארנדיקער משה דער שמש שוין גארניט

אויסגעזען אין זייערע אויגן ווי משה רבנו, ווי זיי האָבן אים געדופן מיט חוזק, נאָר ווי ער וואָלט געווען דער אשמדאי אַליין.

פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזעלכע עובדאס זיינע, האָבן די ווייסע־חברה־ניקעס געטראָגן אויף אים אַ ביטער האַרץ. זיי האָבן אים אָפּגעטאָן כלערליי שפּיצלעך און צו להכעיס, אַבי אים צו דערצערענען, אויסעסן אים דאָס האַרץ, אַזוי אַז ער האָט נעבעך געהאַט אויסצושטיין פון זיי געברענטע ליידן.

און איינמאָל האָבן זיי אים אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל, פון וואָס ער איז פאַר שרעק שיר פון דער וועלט ניט געגאַנגען:

עס איז געווען אין אַ ווינטערדיקן שבת צו נאַכט. שטעטעלע זאַסטאַ־וויע איז שוין געהאַט געשלאָפן דעם שלאָף פון גערעכטע. האָט חברה זיך אַריינגעגנבעט אין בית מדרש, אַרויפגעדרייט דעם "נר תמיד", מיט אַלע יאָר־צייט לאָמפּן, אָנגעצונדן תפילה־ליכט ביים עמוד, אומגעדרייט די שטענדערס מיטן פּנים צו דער מזרח־וואַנט, אַרויפגעלייגט אויף זיי שטויסן ספרים, פון אונטן גרעסערע און פון אויבן קלענערע, אויף די ספרים צונויפגעוויקלטע האַנ־טוכער, טישטוכער, פּסולע טלתים, אין דער פאָרמע פון מענטשלעכע קעפּ, אַזוי אַז פונדערווייטנס האָבן די הויכע שטענדערס מיט די איינגעוויקלטע טליתים איבער זייערע קעפּ, געהאַט אויסגעזען ווי אמתע מתים, וואָס האָבן, כידוע, אַ מאָדנע טבע, פונקט נאָך האַלבער נאַכט אַרויסצוקריכן פון זייערע קברים און קומען אין בית־מדרש אָפּריכטן אַ תפילה בציבור...

ווי גיך חברה האָט זיך געהאַט אָפּגעפאַרטיקט מיט די מתים אין בית־מדרש, איז מען באַלד אוועקגעלאָפן צו ר' משה דעם שמשם שטיבל, אָנגעקלאַפּט אין זיין פענצטער, און מיט אַ פאַרשטיקט קול, ווי פון קבר אַרויס, גענומען רופן:

— משה, משה, קום! שטיי אויף פון דיין געלעגער! נעם די שליסלען אין דיינע הענט און עפן אויף פאַר אונדז די טויערן פון גאָטס הויז! וואָרים מיר, די שוכני עפר, ווילן אָפּריכטן "חצות"!...

אַז ר' משה דער שמש האָט דערהערט וואָס די מתים פאַרלאַנגען פון אים, איז ער פאַר שרעק שיר ניט אוועקגעפאַלן אין חלשות. עס האָט אים גענומען טרייסלען און וואַרפן אין היץ און אין קעלט, ס'האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. ער האָט גענומען לייענען קריאת שמע, געזוכט רעטונג ביי די ציצית פון זיין טלית־קטן. ער האָט שוין אַ גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג ניט געקענט צומאַכן. ער איז געלעגן אין טויט־אַנגסטן און געציטערט אימת־מות. וואָרים ס'איז עפּעס אַ שפּילעכל, האָבן צו טאָן מיט מתים! זיי קאָנען נאָך דיך חלילה פאַרשלעפּן אין בית מדרש און אויפרופן דיך צו דער תורה! און כידוע, ווי ס'איז באַוווסט, קאָן מען נאָך חלילה פון אַזאַ "אויפרופעניש" אַליין אויך ווערן אַ מת...

משה דער שמש האָט קוים דערלעבט ס'זאָל שוין נעמען שאַריען אויף טאָג. ער האָט מיט ציטערדיקע, טרייסלענדיקע הענט זיך אָנגעטאָן, אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, גענומען זיין גרויסן שטעקן אין דער רעכטער האַנט, די גרויסע

הילצערנע לאמטערנע אין דער לינקער האנט, און מיט שלאבעריקע טריט זיך אוועקגעלאזט אין בית מדרש אריין איינצוהייצן דעם אויוון, ווי זיין שטייגער איז געווען.

אבער ווי נאר ער איז צוגעקומען צום בית מדרש און דערזען, אז ס'איז דארט אזוי ליכטיק; די יארצייט־לאמפן ברענען אזוי שטארק: און אן דארטן, ביים עמוד, שטייט עפעס אזא הויכע געשטאלט מיט א טלית איבערן קאפ; און ארום איס שטייען נאך אזעלכע מתפללים, שיר ניט א גאנצע עדה — איז אים באפאלן א טויט־שרעק, ער האט אנגעהויבן ציטערן אויפן גאנצן לייב. ניט אנדערש, איז אים דורכגעפלויגן א געדאנק אין מוח, אז דאס מוזן טאקע זיין די זעלבע מתים, וואס זיינען געקומען צו אים נאך די שליסלען ! . . ער איז געבליבן שטיין א פארשטארטער און פון ארט זיך ניט געקאנט רירן, ווי מ'וואלט אים פלוצלונג איבערגעהאקט די פיס מיט א האק. ער האט אנגעהויבן שרייען מיט באנומענע קולות:

— ישובו רשעים לשאלה! רשעים אין גיהנום אריין! גייט אין אייער רו אריין ! . .

די שכנים, דערהערנדיק אין מיטן דער נאכט אזעלכע ווילדע געשרייען און גוואלדן, האבן זיך אויפגעכאפט ניט טויט, ניט לעבעדיק, און גענומען לויפן זען וואס ס'איז געשען. ערשט, זיי טוען א קוק, משה דער שמש ליגט אן אויסגעצויגענער אויף דר'ערד, אויפן שניי, זיין שטעקן ביי דער זייט, און האלט די ציצית פון זיין טלית קטן אין די הענט, און מיט זיינע טויט־בלאסע, ציטערדיקע ליפן מורמלט ער עפעס אומפארשטענדלעכע ווערטער, אזוי אז קוים די נשמה האלט זיך אין אים.

קוים א לעבעדיקן האט מען אים אריינגעטראגן אין בית מדרש. און ערשט דא האט מען זיך דערוווסט וואס ס'איז די סיבה פון זיין פלוצלונגדיקער שרעק און ווער די מתים זיינען . . . שטעטל האט זיך ממש געהאלטן ביי די בייכער פון געלעכטער. אבער דער אלטער ר'משה דער שמש, דער שטענדיקער היטער פון גאטס־הויז, האט שוין גארניט געלאכט: ער איז געווען ביי זיך מער ווי זיכער, אז ער האט ווירקלעך אליין געזען מיט זיינע אויגן אמתע מתים.

אבער ווי עס זאל ניט זיין, צי דאס זיינען געווען פאלשע צי אמתע מתים, האבן די שטעטלשע קונדסים פארט אפגעהאלטן א גרויסן ניצחון איבער זייער שטענדיקן שונא, דעם בייזן ר' משה שמש. פון דעמאלט אן, האט ער שוין מער ניט געפירט מיט זיי קיין מלחמות. ער האט געשלאסן מיט זיי א דויערהאפטן שלום און זיי נאך געצאלט "קאנטריבוציע", וואס איז באשטא־נען פון חלבנע ליכטלעך און די "שיריים" פון די יום־כיפורדיקע ליכט. אבי זיי זאלן זיצן וואס לענגער אין זיין בית־מדרש; זאלן זיי שטיפן, שפילן אין קארטן און בראטן קארטאפליעס, וויפל נאר זייער הארץ גלוסט . . .

ענדלעך איז דער ניט־איבערגעשפיצטער משה דער שמש געקומען צום שכל , אז עס לוינט זיך פאר אים בעסער האבן צו טאן מיט די לעבעדיקע, שטיפערישע שקצים, די עכברשים ,איידער האבן צו טאן מיט די מתים נאך האלבער נאכט . . .

פייגע־לאה די שמשטע

ר' משה דער שמש, וואָס האָט נעבעך געהאַט צו זינגען און צו זאָגן פון די שטעטלשע קונדסים, די ווייסע־חברהניקעס, האָט אויך נעבעך זייער ווייניק נחת געהאַט פון זיינע ווייבער. עפּעס האָבן זיי ביי אים קיין אריכת ימים ניט געהאַט, ניט פאַר קיין יידן געדאַכט . . . וואָרים ווערדליק מ'האָט געשמועסט אין שטעטל, האָט ער, דער זקן ורגיל, דער שיינער בעל־תפילה, שוין געהאַט באַוויזן צו האָבן אַ האַלב צענדליק ווייבער. אַנדערע זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער און האָבן אויסגערעכנט, אַז זיין ערשט ניט לאַנג פאַרשטאָרבענע ווייב, כאַנטשע די שמשטע, איז שוין ביי אים געווען די זעקסטע. אָט אַזאַ גרויסער "טאַרעס" אויף ווייבער איז ער געווען, ניט פאַר קיין מענטשן געדאַכט.

און ווערדליק מ'האָט אויך געהאַט געשמועסט אין שטעטל, האָבן זיי אַלע ביי אים קיין האָניק ניט געלעקט. הפּנים, אַז ס'איז גאָרניט אַזוי גרינג צו זיין אַ ווייב פון אַ מאַן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין דער מדרגה, אַז נאָר אים האָט דער רבש"ע אויסדערוויילט צו זיין זיין "שומר החומה", דער היטער פון גאָטס הויז, ווי ס'האָט געקוקט אויף זיך ר' משה דער שמש.

און ווען ער איז שוין געוואָרן אַן אַלמן צום פינפטן מאָל, צי צום זעקסטן מאָל, איז אים שוין אָנגעקומען זייער שווער צו שליסן באַלד אַ נייעם שידוך, מחמת די שטעטלשע אַלמנות און גרושות האָבן מורא געהאַט אַז זיי זאָלן חלילה ניט האָבן דעם זעלבן סוף, ווי ס'האָבן געהאַט ביי אים זיינע פריערדיקע ווייבער, זאָלן האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן.

אַן אַנדערער אויף זיין אָרט און אין זיינע יאָרן, וואָלט זיכער שוין מער ניט געוואָלט האָבן דעם גאַנצן טאַראַראַם פון גיין נאָכאַמאָל זיך שטעלן מיט אַ יידענע אונטער דער חופּה . . . איז דאָך אָבער ר' משה דער שמש געווען אַן עבד אלוקים, האָט ניט געפּאַסט און ס'איז ניט געווען שיין פאַר גאָט און פאַר לייט צו זיצן אָן אַ ווייב . . .

איז בלית ברירה האָט ער באַלד אויף מאָרגן נאָך שבועות זיך אויסגעפּוצט אין זיינע בגדי־שבת, גענומען זיין "מקלו ותרמולו", דעם טלית און תפילין־זאַק אונטערן אָרעם, דעם שטעקן אין האַנט, און זיך אוועקגעלאָזט איבער די שכנישע שטעטלעך זוכן זיין באַשערטע . . .

ער איז געגאַנגען פון איין קרעטשמע אין דער אַנדערער, פון איין

שטעטל צו דער צווייטער, ביז דער רבש"ע האָט אים צוגעשיקט זיין אמתן זיווג, ערגעץ אין א שטעטל, וואָס איז געלעגן אויף יענער זייט טייך בוג, אין דער מדינת פוילן.

דאָס איז געווען א יידענע באשאָנקען מיט אלע מעלות: מיט א ברייטן פאַרנעם און מיט א געשטעל, א ווױלגעלערנטע, פון גרויס יחוס און שטאַנד, און א גרויסע אשת חיל, געפירט מסחרים מיט פריצים, מיט פוילישע אדלליט. זי האָט אויך פאַרמאָגט א היבשן "קניפל", מיט פולע אָנגעפּראַפּטע קופערטן מיט ווייס-צייג, מיט זילבערוואַרג, און פון וואָס נאָר א מויל קאָן אַרויסריידן, ווי עס פּאַסט פאַר א נגידיתטע. דאָס אלץ האָט זי אים אריינגע-געבן אין נדן.

דעם ערשטן שבת אינדערפרי, ווען ר' משה האָט געפירט זיי נייע ווייב, מרת פייגע-לאה שתחי', אין שול אריין, איז גאַנץ שטעטל, פון קליין ביז גרויס, געקומען צו לויפן צו כאַפּן דעם ערשטן קוק אויף זייער נייער שמשטע.

און כ'לעבן, ס'איז טאַקע געווען וואָס צו זען: זי איז געווען א הויכע, א געשטאַלטענע, אָנגעטאָן אין אַטלאַס און אין זייד, באַהאַנגען מיט שנירלעך פּערל און מיט לאַנגע בריליאַנטענע אוירינגלעך, וואָס האָבן שעמערירט ווי די שטערן אין הימל. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן א הויכע, אויפגעטורעמטע הויב, באַפּוצט מיט בלעריי בלימעלעך און קוויטעלעך, ווי להבדיל, אן אמתע פּריצטע.

די יוסטע באַלעבאָסטעס פון שטעטל, האָבן זי מיט גרויס פּאַראַד, אַריינגעפירט אין דער ווייבערשער שול, אוועקגעזעצט זי לעבן זיך, סאַמע אויבנאָן, ווי זי וואָלט גאָר ניט געווען קיין שמשטע, נאָר א רייכע, גרויס-שטאָטישע מחותנתטע.

די נייע שמשטע איז געווען, פאַרשטייט זיך, זייער שטאַרק גערירט פון אזא שיינעם, וואַרעמען קבלת-פּנים. זי האָט צו איטלעכן געשמייכלט, איטלעכן אנטקעגן געטראָגן א ברייטן "גוט שבת". זי האָט שוין געוווסט אָנ-צורופן יעדער שכנה ביים נאָמען, ווי זי וואָלט שוין דאָ געווען א תושבטע.

דאָס ווייבערשע פאָלק האָט זיך באַלד גענומען קלעפּן צו איר, ווי בינען צו האָניק. אָרעמע, דערשלאָגענע יידענעס האָבן אָנגעהויבן קומען צו איר נאָך עצות; ניט איינמאָל זיך אַראָפּגעריעדט פאַר איר פון האַרצן, אזוי אז די פרעמדע, אַראָפּגעקומענע פייגע-לאה, האָט אָנגעהויבן באַלד קוקן אויף זיך ווי זי וואָלט דאָ געווען ניט קיין שמשטע, נאָר א גאַנצע רביצין.

און היות זי איז אויך געווען א ווױלקענעוודיקע אין אלע ווייבערשע ספּרימלעך, איז זי באַלד געוואָרן פאַר זיי א "זאָגערין", א שליח ציבורטע: געדאַוונט פאַר זיי, פאַרגעלייענט פאַר זיי די הייליקע ש"ס תחינות, און די תחינות און תפילות פון "שרה בת טובים". און זיי, די "שטומע נשמות", די ווייבער וואָס האָבן נעבעך אַליין ניט געקאָנט זיך צונויפריידן מיט גאָט

מיט דער הילף פון זיינע קליינינקע אותיות־לעך, האבן, ווי דורשטיקע, גע־שלונגען אירע פערלדיקע ווערטער, אזוי אז ס'האט ניט געדויערט לאנג ווי זי איז געווארן די הויפט־זאגערין, און די שטענדיקע זאגערינס אין דער ווייבערשער שול, ווי דינה אייזיקס און פריידע־מיכלע די גראבע, זיינען צוליב איר נעבעך געבליבן, ווי מען זאגט, "כצאן בלי רועה", ביי ליידיקע טישן, אן ווייבער, אן צוהערערינס, וואס דאס האט זיי נעבעך שטארק געערגערט.

* * * * *

פייגע־לאה, די נייע שמשטע, וואס האט געהאט פרעטענזיעס אויף גרויס־שטאטישקייט, איז מיט דעם אליין נאך ניט געווען צופרידן. זי האט זיך אונטערגענומען "אויסצומענטשלען" דאס שטעטעלע זאסטאוויע און איינפירן נייע מנהגים, אויף וואס די פרומע, גאטספארכטיקע ווייבער האבן געקוקט מיט קרומע אויגן.

— נו, זאגט אליין, — האבן די נשים צדקניות געטענהט מיט צו־נויפגעצויגענע, פרומע ליפעלעך, — ווי איז דאס געהערט געווארן, אז א יידענע אין די יארן, און נאך א שמשטע דערצו, זאל איינפירן אין א יידיש שטעטל גוייש זיטן?! זי האט דאך פארפלאנצט ארום איר שטיבעלע א גארטן, ניט מיט שאר ירקות, ווי דאס טוען אלע אין שטעטל, נאר מיט כלערליי בלי־מעלעך־שמימעלעך! פאדיעט ארום איבער זיי, ווי א הון א קוואקע איבער אירע הינדעלעך; רופט אן איטלעכן פון זיי מיט עפעס אזעלכע גויישע נעמען, ווי דאס טוען די מעשטשאנקעס פון דער גויישער גאס! . . נו, איז דאס שיין אזוי?

— אבער דאס איז נאך ניט אלץ, — האבן די ווייבער ווייטער גע־טענהט און געפונען אויף איר נאך חטאים, — יעדער שבת בייטאג, נאכן אפעסן דעם טשאלנט, קלייבן זיך צונויף צו איר אין שטיבל א כאליאסטרע ווייבלעך און זי לייענט פאר פאר זיי, ניט דעם טייטש־חומש, נאר להבדיל עפעס אזעלכע מעשה־ביכלעך, פון וואס די ווייבלעך פאסמאקעווען זיך אזוי שטארק. דאס פאסט זיך גארניט פאר קיין שמשטע! . .

אבער פייגע־לאה די שמשטע, וואס איז געווען א יידענע א גרויסע עקשנטע, האט זיך גארניט געקימערט וואס די פרומע, גאטספארכטיקע יידענעס גייען ארום איבערן שטעטל, דערציילן פליאטקעס, טראגן "פאטשטן",ריידן רכילות אויף איר. זי האט זיך געטאן אירס, ווי ניט איר מיינט מען.

זי האט אפילו געוואגט צו גיין נאך ווייטער: זי האט גענומען לערנען איר מאן, דעם גאטספארכטיקן ר' משה דעם שמש, הלכות דרך־ארץ, שיינע, איידעלע מאניערן. ווארים ניט קוקנדיק אויף זיין שיינער "אסאבע", אויף זיין ליכטיקן הדרת פנים און אויף זיין שיינעם קול נגינה, מיט וועלכן ער האט ביי איר אזוי שטארק אויסגענומען, פירט ער זיך גארניט אויף ווי עס פאסט פאר אן איידעלן יידן, א למדן . . .

ערשטנס, איז ער א מוראדיקער קמצן, טיילט איר אוים אויף דער הוצאה, מאנט דין וחשבון פון יעדער גראשן וואס זי גיט אוים, ווי זי וואלט

געוועזן זיינע א דינסט. עס קומט אין אָוונט, ווען עס ווילט זיך איר זיצן נאָך אביסל אָון לייענען אירע שיינע, אינטערעסאנטע מעשה־ביכלעך, לאָזט ער ניט. באשר בכן ס'איז אים א שאָד דאָס ביסל נאַפט אין לעמפּל. און אויפשטיין הייסט ער איר גלייך מיטן ערשטן קריי פֿון האָן, כדי אָנצושטעלן פֿאר אים דעם גרויסן, בייכיקן סאמאָוואר, ווי דאָס האָבן געטאָן פֿאר אים זיינע ערשטע ווייבער, וואָס האָבן אים קאָנטיק שטארק צעבאלעוועט . . .

צווייטנס, וואָס דאָס איז נאָך ערגער, ער איז געוועזן א מוראדיקער אכלן, א פֿרעסער, אז גאָט זאָל גאָר שומר ומציל זיין! ער האָט געקענט אויפֿעסן ממש א שור הבר! וויפֿל מ'זאָל אים ניט געוועזן אָנקאָרמענען, האָלט ער רק אין איין טענהן, אז ער איז טויט־הונגעריק, עס חלשט אים דאָס הארץ, ווי א "מיט־עסער" וואָלט אין אים געזעסן, רחמנא לצלן!

בקיצור, פֿייגע־לאה, די גרויסשטאָטישע יידענע, וואָס האָט געהאנדלט מיט פּוילישע אדללייט, פּריצים און שררות, האָט באלד איינגעזען, אז זי איז דאָ באגאנגען א "מקח טעות". אן אנדערע אויף איר אָרט, וואָלט מסתמא באלד פֿארקירעוועט דעם דישל אויף צוריק און געזאָגט: מוחל במחילה גמורה אויפֿן גאנצן "משא ומתן" און פּטור אן עסק! איז דאָך אָבער פֿייגע־לאה געווען א יידענע א קאָזאק, האָט זי זיך ניט געלאָזט שפּייען אין דער קאשע. זי האָט ארייננגענומען איר צוויטן "געמאל" אין די הענט אריין און געוואָלט מאכן פֿון אים א לייטישן מענטשן.

ר' משה דער שמש, וואָס איז שוין געפּרוווט געוואָרן מיט א האלבן צענדליק ווייבער, וואָס זיינען אלע געשטאנען פֿאר אים ווי פֿארן קייסער, האָט בשום אופֿן ניט געוואָלט גיין אויף דער עלטער, צו זיין נייער ווייב אין חדר אריין זיך לערנען ביי איר נייע דרכים, נײַן פּירונגען מיט נייע פֿאָראַנדקעס. ער וועט איר שוין ווייזן ווער עלטער עס איז ! . .

פֿייגע־לאה אָבער האָט זיך ניט דערשראָקן פֿאר זיינע סטראשונקעס. ביז איינמאָל, אין א שיינעם פֿרימאָרגן, האָט זי געמאכט א "זאבאסטאָווקע", וואָס אויף אונדזער היינטיקן לשון ווערט עס אָנגערופֿן א "זיץ־סטרייק". . . זי האָט אויפגעהערט צו קאָכן פֿאר אים, צו ראמען און צו וואשן, און נאָך אזעלכע ווייבערשע מלאכות, ביז זי וועט אים אויסלערנען צו וויסן ווי צו "פּאָשאנעווען" א ווייב . . .

ר' משה דער שמש, אָדער "משה רבנו", ווי די קונדסים האָבן אים גערופֿן, איז נעבעך ארומגעגאנגען א דערשלאָגענער, א הונגעריקער. אויף אזא צרה, א יידענע, האָט ער זיך גאָרניט געריכט. כאָטש גיי אויף דער עלטער "עסן טעג" אין די הייזער . . . ער האָט שוין געפּרוווט מיט גוטן און מיט בייזן; ער האָט איר אפילו געסטראשעט, אז פֿאר ווידערשפּעניקן א מאן קומט גיהנום, מ'קאָן נאָך חלילה פֿארלירן דעם חלק לעולם הבא, ס'האָט אָבער גאָרנישט ניט געהאָלפֿן. פֿייגע־לאה די עקשנטע, האָט זיך געהאלטן ביי אירס, סיידן ער זאָל איר לאָזן זיין די גאנצע עקרת הבית, און אויב ניט, וועט זי וויטער "שטרייקן", און זי האָט טאקע געשטרייקט!

שטעטל איז געגאנגען כאַדאַראַם. די גאַטספאַרכטיקע יידענעס האָבן ממש איינגעלייגט וועלטן, וואָרים ס'איז דאָך עפּעס ניט קיין שפּילעכל! אזא זאך האָט מען נאָך ניט געהערט אין קיין יידישן גבול, אז א באַיאָרנטע יידענע, און נאָך א שמשטע דערצו, זאָל פאַרפירן א "מלחמה" קעגן איר אייגענעם מאַן, וואָס איז נאָך דערצו א כלי־קודש, א שמש פון גאָטס הויז?! עס איז דאָך א חרפה און א בושה פאַר לייטן; די דאָזיקע "פּריצטעלקע" מיט אירע מעשים תעתועים, קאָן נאָך חלילה ארויפברענגען אלע ווייבער אויפן פייער! מ'טאָר אזעלכעס ניט פאַרשווייגן! מ'דאַרף די שמשטע נעמען צום רב! מ'דאַרף זי קנסן פאַר אזא זאך! — האָבן די פרומע ווייבער זיך געקאָכט און געהיצט, און געהאַט טענות צו די באַלעבאָסטעס פאַרוואָס זיי שווייגן און טוען גאָרנישט ניט צו דעם.

חברה לצים האָבן זיך באַלד אָנגעכאַפּט אָן דער אויסטערלישער מעשה, ווי אָן אן אבן טוב, האָבן עס "צעלייגט אויף טעלערלעך", "צוגעלייגט א קנייטל" און נאָך צוגעגעבן אייגענע "פּירושים", אזוי אז ס'איז שיין געווען איינמאָל פריילעך אין שטעטל ! . .

אָבער פּלוצלונג איז געשען א מעשה נורא, וואָס צוליב איר האָט פייגע־לאה, די נייע שמשטע, שיר ניט אָנגעצונדן א פייער פון מחלוקת אין שטעטל, אז גאָט זאָל שומר ומציל זיין!

דאָס איז געשען אין סאַמע מיטן ווינטער, אין א דאָנערשטיק ביינאַכט, ערב "קורץ פרייטיק", פאַר וועלכן אלע ווייבער אין שטעטל האָבן שטאַרק געציטערט, מחמת מ'קאָן נאָך חלילה פאַרשפּעטיקן און אריינפאָרן אין שבת אריין . . . אינדרויסן האָט געבושעוועט א שרעקלעכע זאַווערוכע, אזוי אז ס'איז געווען ממש א צער בעלי חיים ארויסצולאָזן אפילו א הונט אינדרויסן.

אָבער צוליב דער שרעק פאַרן מאָרגנדיקן "קורץ־פרייטיק", האָבן די ווייבער אין שטעטל ממש איינגעשטעלט זייער לעבן, געבראָדזשעט ביז די קני אין שניי, קוים מיט די לעצטע כוחות זיך געהאַט דערשלאָגן צו דער קהלשער באָד, וווּ ס'האָט זיך געפונען די ווייבערשע מקווה.

די קהלשע באָד אָבער איז שוין געווען זייער אַן אלטע, א זקנה, האָט זיך געהאלטן אויף משקולות, אזוי אז ווען מען איז אריין און ארויס פון איר בשלום, האָט מען געדאַרפט גומל בענטשן.

פּלוצלונג, אין סאַמע מיטן פון דער טבילה, ווען רוחמה די "טיקערין" האָט זיך געפּאָרעט ארום די ווייבער אין מקווה, האָט פון דער הויך, פון פּאָלאָב, גענומען פאַלן שטיקלעך האָלץ, ליים פון "טאָק", גלייך אויף די ווייבער.

די ווייבער זיינען אריינגעפאַלן אין א היסטעריקע, האָבן אָנגעהויבן שרייען און קוויטשען מיט באַנומענע קולות. אנדערע זיינען אוועקגעפאַלן אין חלשות. אויף זייערע געשרייען און גוואַלדן איז באַלד געקומען צו לויפן גאַנץ שטעטל און ארויסגעראַטעוועט די ווייבער פון דער "מפּולת". ס'איז געשען א גרויסער נס מן השמים, וואָס מען איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק

און מיט צעקלאפּטע נעז און קעפּ, ווי דאָס האָט שוין ניט איינמאָל געטראָפן אין שטעטל . . .

די ווייבער זיינען באַלד געקומען צו זיך. ווי גיך ס'האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, האָט איטלעכע פון זיי זיך גענומען פאַר דער ראַשטשינע, צו פאַרקנעטן די חלה און דאָס ברויט. וויִיל, ווי שוין געזאָגט, איז דאָס דאָך געווען "קורץ־פריייטיק", ווען מ'דאַרף זיך איילן, וואָס גיכער, אַריינצובריינגען דעם שבת קודש אין שטוב . . . אַזוי, אַז שטעטל האָט באַלד אָנגענומען איר געוויינלעכן גאַנג, און אינגאַנצן פאַרגעסן אויף דער ביינאַכטיקער פּאַסירונג, ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען.

אָבער אויף דער גרויס־שטאָטישער פייגע־לאהן האָט די שרעקלעכע פּאַסירונג מיט די ווייבער אין דער מקווה, געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, אַזוי אַז זי האָט שוין געהאַט פאַרגעסן אויף אַלע אירע קריוודעס וואָס זי האָט געהאַט צו איר "געמאַל" ר' משה דעם שמש, און זי האָט זיך גענומען אָננעמען די קריוודע פון די ווייבער.

נאָך דעם זעלבן שבת אינדערפרי, ביים דאַוונען, ווען ביי די מאַנצ־בילן אין בית־מדרש האָט מען שוין געהאַלטן ביים "לייענען", האָט פייגע־לאַה, די "זאָגערין", אָנשטאָט פאַרצולייענען פאַר אירע ווייבער די שבתדיקע תחינות, זיך געגעבן אַ שטעל אויף, אַ פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט איבער איר גרויסן "קרבן מנחה"־סידור און גענומען האַלטן פאַרן ווייבערשן עולם אַ פלאַם־פייערדיקע דרשה, בזה הלשון:

— טייערע ווייבעלעך מיינע! איך פרעג אייך, ווי לאַנג איז דער שיר זיך צו לאָזן טרעטן מיט די פיס?! ווער ווערט פאַרשוואַרצט טאָג און נאַכט? — איר! איר! ווער האָרעוועט און ווער ניאַנטשעט זיך מיט די קינדער? — איר! איר! און צום סוף באַהאַנדלט מען אונדז ווי מיר וואָלטן געווען דינסט־מוידן, וואָס דאַרפן אויספּאָלגן יעדער באַפעל פון זייער האַר ! . .

— געדענקט, טייערע שכנהס מיינע, — האָט זי אָנגעהויבן ריידן נאָך העכער און מיט אַ שאַרפן חיתוך הדיבור, — די אַמאָליקע צייט, ווען אונדזערע מאַמעס און באָבעס, זאָלן רוען אין ליכטיקן גן־עדן, פלעגן דאַרפן גיין צום טייך מיט העק און אויסהאַקן "פּאָלאָנקעס" צו קאָנען זיך טובלען, איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען! איך באַשווער אייך מיט כל השבועות שבעולם, אַז איר זאָלט מער ניט אַריבערטרעטן די שוועל פון דער באָד, דער חורבה, כל־זמן "קהל" וועט ניט אויפבויען פאַר אייך אַ נייע מקווה, אַ מאָדערנע מקווה, מיט ווייסע קאַכליעס — ווי ביי לייטן ! . .

אין דער ווייבערשער שול איז אַנטשטאַנען אַ טויט־שטילקייט. אַלע ווייבער זיינען געזעסן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, געקוקט מיט צעשראָקענע, אויסגעשטאַרטשטע אויגן אויף דער בעל דרשנטע, פייגע־לאַה דער שמשטע, וואָס האָט נאָך אַלץ געדעדט און געשריען אויפן קול:

— טייערינקע מיינע! גאָט איז מיין עדות, אַז איך קום זיך דאָ ניט

אַנצונעמען מיין קריוודע, נאָר אייער קריוודע און די קריוודע פון אייערע טעכטער, וואָס וועלן אם ירצה השם אינגיכן אויך דאַרפן ווערן ווייבער! טאָ העלפט מיר, טייערינקע מיינע, אויסצוקעמפן פאַר אייך גערעכטיקייט, צדק און יושר! דעריבער פון היינט אָן און ווייטער זאָל קיינער פון אייך ניט גיין אין וואַסער אריין, ביז מיר וועלן מיט גאָטס הילף האָבן אַ נייע באָד, מיט אַ נייער, שיינער מקווה.

— און איך האָף, — האָט פייגע־לאה די שמשטע, אויסגעלאָזן איר דרשה מיט אַ טאָן פון אַ תחינה, — אַז דער רבונו של עולם וואָס איז אַן אל רחום וחנון, אַ דערבאַרעמדיקער און לייטזעליקער גאָט, וועט אונדז ביי־שטיין און אונדז העלפן געווינען אונדזער גערעכטן משפט, אָמן ואָמן! . .

די ווייבער, וואָס זיינען די גאַנצע צייט געזעסן מיט אויסגעבויגענע העלדזער, ווי די גענדז, זיינען געבליבן ווי געפּלעפטע. אויף אַזעלכע רייד פון אַ שמשטע, אַ "זאָגערין", האָבן זיי זיך ניט געריכט. אַ ציטער איז זיי אַזש אַריבער איבערן לייב.

מיטאַמאָל האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף דינה אייזיקס, זייער אַ גאָטספאַרכטיקע יידענע און זייער אַן אָנגעזעענע באַלעבאָסטע אין שטעטל, און אָנגעהויבן שרייען מיט כעס:

— ווי שעמט זיך דאָס ניט אַ יידענע אין טיפן עלטער, זאָל זיך אוועקשטעלן ריידן אין אַ מקום־קדוש אַזעלכע דיבורים?! פע! אַ חרפּה און אַ שאַנדע! שעמען מעגט איר זיך אין אייער ווייטן האַלדז אַריין!

אויף איר קוקנדיק איז באַלד אויפגעשפּרונגען פריידע־מיכלע די גראַבע, איינע פון די הויפּט־זאָגערינס אין דער ווייבערשער שול, וואָס האָט שוין לאַנג געהאַט געטראָגן אַ ביטער האַרץ אויף פייגע־לאהן פאַרן אוועקנעמען פון איר אַלע אירע ווייבער, אירע שטענדיקע צוהערערינס, און מיט אַ גרויסן ירגזון גענומען שרייען און ליאַרעמען אויף איר קאָנקורענטין, דער נייער שמשטע:

— אַ גאַנצע גבאיטע דאָ געוואָרן! געקומען אהער איינפירן נייע פאַר־ראַנדקעס! אַ חוצפּה פון אַ פּוילישער דריפּקע! עס "געשוועלט" איר ניט ווי מיר פירן זיך דאָ אויף! אַרויסטרייבן דאַרף מען זי פון דאַנען!

פריידע־מיכלע, וואָס האָט געשמט אין שטעטל מיט איר שאַרפן "מענה לשון", האָט זיך אַזוי צעקאָכט און אַזוי שטאַרק געשריען, אַזש אַ שוים האָט אַרויסגעזעצט פון איר מויל. זי האָט געגעבן אַ לויף צו מיט האַסטיקע טריט צו דער שמשטע, אַ כאַפּ געטאָן זי ביים אַרבל און זי גענומען שלעפּן מיט אַלע כוחות, און געשריען מיט באַנומענע קולות:

— אַרויס פון דאַנען דו חצופה! אַזאַ מרשעת, וואָס רעדט אָן יידישע טעכטער צו זינד, טאָר זיך ניט געפינען אין אַ מקום קדוש! אַרויס! איר "דוד" זאָל דאָ מער ניט זיין!

ביידע ווייבער, די הויכע פייגע־לאה און די גראָבע פריידע־מיכלע, האָבן זיך גענומען ראַנגלען. ס'האָט שוין געהאַלטן, אַז אָט־אָט וועלן זיי זיך איינע די אַנדערע די אויגן אויסדראַפּען.

ס'איז געוואָרן א גרויסער טומל, א געשריי. און ווי ביי יעדער מחלוקת, האָבן זיך אויך דאָ באַלד געשאַפן צוויי צדדים: איין צד, די יינגערע און אויך די אָרימע צווישן די ווייבער, האָבן זיך איינגעשטעלט מיט ליב און לעבן פאַר זייער "רביצין", פייגע־לאהן. די עלטערע, די יוסטע, בכבודיקע באַלעבאַסטעס, האָבן געהאַלטן שטאַל און אייזן מיט פריידע־מיכלע דער גראָבער.

די געשרייען און די גוואַלדן זיינען שוין געהאַט דערגאַנגען צו די מאַנצבילן אין בית מדרש.

די "שיינע" באַלעבאַטים פון מזרח־וואַנט האָבן געקלאַפּט מיט די פויסטן אויף די טישן און אויף די חומשים און געשריען, אַז די ווייבער זאָלן שוין דאָרט אַנטשטומט ווערן! וואָרים מען קאָן ניט הערן א וואָרט פון בעל קורא! ר' משה דער שמש האָט שוין אויך ניט איינמאָל געקלאַפּט אויפן "שלחן" פון באַלעמער. אָבער די צעקאָכטע ווייבער האָבן איצט אַלעמען גע־הערט ווי המן דעם גראַגער. זיי האָבן געשריען און געליאַרעמט וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער, ווי ס'וואָלט חלילה פּלוצלונג דאָרט אויסגעבראָכן א שריפה.

עטלעכע מאַנצבילן, וואָס זיינען געזעסן ביים אויוון, נאָענט צו די טירלעך פון דער ווייבערשער שול, האָבן מיט די טליתים אויף די אַקסלען, זיך אריינ־געריסן צו די ווייבער, כדי צו זען מאַכן דאָרט א שטיקל טאָלק, אַז מען זאָל קאָנען אָנגיין ווייטער מיטן דאַווענען, אָבער זייער גאַנצע מי איז געווען אַרויס־געוואָרפן. די צוויי קריגערישע מחנות ווייבער, זיינען געשטאַנען איינע קעגן דער אַנדערער, ווי די הענער, האָבן אַזוי געשריען, געפּילדערט און געקוויטשעט, אַז מ'האָט אַזש געקאָנט טויב ווערן.

מיטאַמאָל האָט פריידע־מיכלע די גראָבע, זיך געגעבן א ריס צו פייגע־לאהן דער שמשטע, און זי גענומען שלעפּן צו די מאַנצבילן אין בית־מדרש אריין. דער גאַנצער עולם ווייבער האָט זיך א לאָז געטאָן נאָך איר מיט געשרייען און מיט גוואַלדן, ביז צו דער מזרח־וואַנט, וווּ עס זיינען געזעסן די שענסטע באַלעבאַטים.

פריידע־מיכלע איז באַלד ווידער אַרויס מיט איר שאַרפן מענה־לשון און מיט א פינגער געטייטלט צו דער שמשטע אין פּנים אריין און געשריען, אַזוי אַז איר שווער־לייביקער גוף האָט זיך אַזש געטרייסלט:

— יידן, וואָס שווייגט איר! די נייע שמשטע איז געקומען צעשטערן ביי אונדז דעם שלום־בית! זי האַלט דרשות! זי בונטעוועט די ווייבער, אַז זיי זאָלן מער ניט גיין אין וואַסער אריין! וואָס זאָגט איר אויף אַזא מכשפה? אויף אַזא חוצפּה?! אַזא מרשעת! מען דאַרף דער דאַזיקער הולטייקע אַרויסיאָגן פון דאַנען! איר פוס טאָר זיך דאָ מער ניט געפינען!

— גערעכט! גערעכט! — האָבן די עלטערע יידענעס פּאַטאַקעוועט.

— ניין, עס איז ניט אמת! עס איז א ליגן! — האָבן געשריען די יינגערע ווייבער, — מיר ווילן א נייע מקווה, ווילן מיר ! . .

די מאנצבילן, דערהערנדיק וועגן וואָס דאָ האנדלט זיך, זיינען געבליבן ווי פּריטשמעליעט. זיי האָבן ניט געגלויבט זייערע אייגענע אויערן. דאָס איז דאָך עפּעס ניט קיין שפּילעכל . . . עס שמעקט דאָך שוין באלד מיט א ווייבערשער רעוואָלוציע, רחמנא ליצלן ! . . די נייע שמשטע, פייגע־לאה, האָט דאָך אויפגעהויבן א האנט קעגן אלע מאנצבילן אין שטעטל ! . . ווארים אזוי לאַנג ווי זי האָט געהאַט אָנגעפירט א ״מלחמה״ קעגן דעם אלטן ר׳ משה דעם שמש, איז דאָס געווען, ווי מען זאָגט ,א פּריוואַטע זאַך, קיינעמס דאַגה. אָבער דאָ, איז דאָך שוין אן ענין וואָס איז נוגע א גאנצע עדה יידן . . .

עס איז געוואָרן א סומאטאָכע אין בית־מדרש. אנדערע האָבן געלאַכט, זיך געוויצלט איבער דער ווייבערשער קאָמעדיע. די פרומע, גאָטספאָרכטיקע, באלעבאַטים האָבן געשריען, אז די ווייבער זאָלן גלייך, די מינוט, פארלאָזן דאָס בית־מדרש. ס׳איז א חילול השם! מ׳דאַרף זיך שטעלן דאַוונען מוסף!

די חברה לצים אָבער, האָבן זיך גאָרניט געוואָלט צעשיידן מיטן אויסערגעוויינלעכן, אומגעריכטן, שיינעם ספּעקטאַקל. האָבן זיי מכלומרשט זיך גענומען איינשטעלן פאַר דער שמשטע, דער רעוואָלוציאָנערקע, און געטענהט, אז מ׳דאַרף און עס איז א יושר גדול מען זאָל פריער אויסהערן פייגע־לאהן.

— גערעכט! גערעכט! — האָט חברה אונטערגעכאַפּט דעם רוף.

— זאָל זיין שטיל! לאָמיר הערן וואָס זי האָט צו זאָגן! — האָבן אלע געשריען אין איין קול.

פייגע־לאה וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט א בלייכע, מיט צעטערדיקע ליפּן, אָבער נאָך אלץ פול מיט עקשנות אין איר גערעכטן קאַמף פאַר איר אונטערדריקטן ווייבערשן פאָלק, איז שוין גרייט געווען צו נעמען ריידן, אויפקלערן פארן עולם מאנצבילן דעם גאנצן ענין. אָבער ווי נאָר זי האָט געעפנט דאָס מויל, האָט דער גרויסער לץ, עליע ידידיהס, גענומען אויסזינגען הויך אויפן קול מיטן באקאנטן ניגון פון ״מגילת אסתר״:

— ותמאן המלכה ושתי לבוא כדבר המלך! — און די מלכה ושתי האָט ניט געוואָלט קומען פארן קעניג אחשורש, דעם טפש ! . .

דער עולם האָט אויסגעבראָכן אין א הילכיקן געלעכטער. חברה קונדסים האָבן באלד אויפגעכאַפּט דעם מגילה־ניגון און גענומען מיטזינגען אין א כאָר. פייגע־לאה, א טויט־בלאַסע, א צעשראָקענע, האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט און מיט האסטיקע טריט גענומען לויפן צו דער טיר. די קונדסים, ווי ווייסע־חברהניקעס, האָבן זיך א לאָז געטאָן נאָך איר מיט א קאַצניאַמער, מיט געשרייען און מיט זלזולים:

— הור־ראַ! הורראַ! לאָמיר פירן די שמשטע, ושתי המלכה, צו משה דעם שמש, דעם מלך אחשורוש! הור־ראַ ! . .

פייגע־לאה, א פארסאָפּעטע, מיט אן אָפּגעדעקטן קאָפּ, אין איין האנט איר גרויסן "קרבן מנחה סידור" און אין דער צווייטער האנט איר שבתדיקע הויב פון קאָפּ, איז געלאָפן ווי דורך א "סטראַי", די יונגאַטשעס נאָך איר, ווי זי וואָלט געווען א משומדתטע. קוים א לעבעדיקע איז איר געלונגען זיך אריינצוכאַפּן צו א שכנה אין שטוב אריין.

א גאנצן שבת האָט זיך גערעשט און געטומלט אין שטעטל מיט פייגע־לאהן און מיט איר מכלומרשטער ווייבערשער רעוואָלוציע, פון וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט א טייך. אלע האבן געלאַכט און זיך געוויצלט, אזוי אז ס'איז שוין איינמאָל געווען פריילעך אין שטעטל!

די איינציקע אין שטעטל וואָס האָט שוין גאָרניט געלאכט, איז געווען אונדזער העלדין, פייגע־לאה, די שמשטע, די ערשטע קעמפּערין אין שטעטל פאר פרויען־רעכט. זי איז געזעסן א גאנצן טאָג א פארשפּארטע אין שטוב און מורא געהאט ארויסצושטעקן די נאָז אינדרויסן.

און גלייך אויף מאָרגן, נאָך דעם "שווארצן שבת", וואָס די שטע־טלשע ווייסע־חברהניקעס האָבן פאר איר אָפּגעשפּילט, האָט זי געכאַפּט און פארפּאַקט אירע זאכן אין אירע גרויסע קופערטן, געדונגען א באַלעגאָלע און אנטלאָפן פון שטעטל — אָן א זייַ־געזונט . . .

— —

איר וועט דאָך אוודע וועלן וויסן, וואָס איז נאָכדעם געשען מיט אונדזער אלטן ר' משה שמש, וואָס איז אויף דער עלטער נעבעך געבליבן איינער אליין, א וויסטער עגון?

וועלן מיר אייך טאקע באלד דערציילן:

פון די אלע צרות, חרפּות און בושות, וואָס ער האָט זיך געהאט אויס־געשטאַנען פון די שטעטלשע ווייסע־חברהניקעס און נאָך מער פון זיין לעצטער ווייב, פייגע־לאה, האָט זיך אויף אים, דעם נייַנציק־יאָריקן יידן, פּלוצלונג אָנגערוקט די זקנה . . . זיין הויכע, קרעפטיקע פיגור איז געוואָרן געבויגן אין דרייען. דאָס פּנים געל, צעקנייטשט ווי א שטיקל פּאַרמעט, די באַקן איינגע־פאַלן. אין קורצן — ער איז נעבעך געוואָרן א שברי כלי. מיט יעדער טאָג איז ביי אים דער דעת און זיכרון געוואָרן אלץ שוואַכער און מטושטשער, אזוי אז ער האָט שוין ניט געוווּסט וווּ ער איז אין דער וועלט.

און איינמאָל אין א פארנאכט, בין מנחה למעריב, האָט ער אָנגעצונדן א יאָרצייט־לאָמפּ און פארגעסן אראָפּצודרייען דעם קנויט. ס'האָט זיך באלד אָנגעכאַפּט דער "שולחן" מיטן קאסטן "שמות" פון אונטערן באַלעמער. ס'איז געוואָרן א געשריי, א גוואַלד. דער עולם האָט זיך ארויפגעוואָרפן מיט עמער וואסער און מיט נאסע האנטיכער און טישטוכער איינצולעשן די שריפה.

ר' משה דער שמש, דערזעענדיק ווי זיין בעלעמער פון וועלכן ער האָט א משך פון א האלבן יאָרהונדערט געהאט אָנגעפירט זיין ממשלה, איז איינגע־

הילט אין פלאמען, איז ער באלד געקומען צו זיך, געוואָרן שטארק אויפגע־בראכט, ארויס פון די כלים, געכאַפּט זיין גרויסן שטעקן און גענומען שלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס, איבער די "גאלקעס" און איבער די "זיילן" פונם באלעמער, און דערביי געשריען און געקלאָגט מיט א טאָן פון "קינות", מיט באנומענע קולות:

— אלהים, באו גויים בנחלתך, טמאו את הכל קדשך! — גאָט, גויים זיינען געקומען אין דיין נחלה, האָבן פארברענט (פאראומריייניקט) דיין הייליקן טעמפל.

אין זיין קראנקהאפטער, צעהיצטער פאנטאזיע, האָט ער זיך איצט דערזען איינער אליין אין דעם פלאמיקן בית המקדש, וואָס דער שונא האָט אונטערגעצונדן. און ער, דער שטענדיקער שומר פון גאָטס הויז, וועט ניט דערלאָזן, אז די פייערן זאָלן עס צעשטערן, אפילו ווען ער וועט דארפן אומקומען על קידוש השם, ווי דאָס האָבן געטאָן די אמאָליקע כוהנים.

ער האָט אזוי לאנג געשלאָגן און זיך געראנגלט, ביז ער איז אינגאנצן צוזאמענגעבראָכן און איז אוועקגעפאלן ווי אן אונטערגעזעגטער בוים. א שווער פאראליזירטן האָט מען אים אוועקגעטראָגן אהיים, ארייגעלייגט אין בעט, פון וועלכן ער איז שוין מער ניט אויפגעשטאנען.

ר׳ ישראל דער גמרא־מלמד

אָט דער דאָזיקער ייד, ר׳ ישראל דער גמרא־מלמד, אָדער ווי מ׳האָט אים אויך געהאט גערופן "ר׳ ישראל לוסקעלער", איז ווירקלעך געווען א זעלטענער טיפּ מענטש, וואָס אפילו אין יענע צייטן, איז צו אים קיין גלייכן ניט געווען.

ערשטנס, איז ער געווען א גבר אלים, שטארק ווי א דעמב. ער האָט געקענט, אָן א גוזמא, זיך פארמעסטן אין גבורה אפילו מיטן שטארקסטן גוי, וואָס מיט דעם אליין איז ער שוין געווען אנדערש פון אלע מלמדים אין זיין צייט.

צווייטנס, איז ער געווען אזוי פארקאָכט אין דער פויערשער עבודת־אדמה, וואָס איז שלא כדרך הטבע פאר א יידן א למדן, און בפרט א גמרא־מלמד.

טאָ פרעגט זיך: היתכן? ווי קומט עס טאקע צו אזא איידעלן יידן זאָל האָבן אזא גלוסטעניש צו ערד ארבעט, וואָס ניט זיינע אָבות אבותיו האָבן צו איר ניט געהאט קיין שייכות און אויך ניט צוליב פּרנסה, ווייל, ווי שוין געזאָגט, האָט ער זיין בידנע חיונה געהאט געצויגן פון מלמדעריי?

נאָר וועדליק מיר האָבן אים גוט געקאָנט... איז אין זיין איידעלער נשמה געהאט פאַרגעקומען א געראַנגל, א שטענדיקער "ויתרוצצו", וואָס האָט אים פון איין זייט געצויגן צו די "אהלי שם ועבר" און פון דער צווייטער זייט צו דער אזויגערופענער "יפיפותו של יפת": א גאנצן ווינטער, פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט, איז דער דאָזיקער ר׳ ישראל, ווי יעדער מלמד, זיך געזעסן איז זיין ענגען שטיבעלע, ביי זיין גרויסן חדר־טיש, ארומגערינגלט מיט א צענדליק תלמידים און געלערנט מיט זיי גמרא פון "שנים אוחזין בטלית", אָדער דעם "שור שנגח את הפרה" — ווי אַן אָקס האָט געשטויסן א קו. אָבער ווי נאָר ס׳איז געקומען דער ליבער, וואַרעמער פרילינג, דער זומער, האָט זיין בענ־קענדיקע, צאַרטע נשמה אָנגעהויבן ארומבלאָנקען איבער ווייטע, רחבותדיקע תבואה־פעלדער און גרינע לאָנקעס.

דאָס איז געווען ביי אים, אזוי צו זאָגן "אהבה שאינה תלויה בדבר" — א ליבשאַפט צו א זאַך אָן קיין שום נוצן פאר זיך, אָט ווי א מאַמע האָט ליב איר קינד. אזוי אויך האָט עס אים געצויגן, ממש עד כלות הנפש, צו דער פויערשער ערד־ארבעט, ניט וויסנדיק אליין פארוואָס.

אָבער צו וואָס דאַרף מען דאָס חקרנען זיך? אמער לאָמיר בעסער זיך באַקענען מיט זיין לעבנס־געשיכטע. דאָס וועט אונדז געבן אַ שליסל צו זיין אָריגינעלן, אײדעלן כאַראַקטער, וואָס ווי שוין געזאָגט, איז נאָך אַזעלכער אין שטעטל גאָר ניט געווען בנמצא.

* * * * *

געבאָרן געוואָרן איז ער אין אַ קליין שטעטל מיטן נאָמען טשעכאַנאָ־וויטש, וואָס איז געלעגן אויף יענער זייט טייך בוג, אין דער מדינת פּוילן. צו אכט־ניין יאָר איז ער נעבעך געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום, געווען עלנט, אָן אַ גואל און אָן אַ פריינד; ווו ער האָט געטאָגט, האָט ער ניט גענעכטיקט, געליטן הונגער און קעלט. ער האָט אָנגעהויבן וואַנדערן פון שטעטל צו שטעטל, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו דער גרויסער שטאָט בריסק דליטא, וואָס איז געווען אַן עיר ואם בישראל.

ער האָט געלערנט אין דער ישיבה, "גענעסן טעג", געהונגערט טעג, און געלעבט אויפן חסד פון די נשים צדקניות, וואָס האָבן זיך דערבאַרעמט אויף אים און פון צייט צו צייט אים אונטערגערוקט אַ שטיקל ברויט, אַן אַלטן בגד, אַ פּאָר פּאַרלאַטעטע שטיוועלעך. דאָס בית־מדרש, אָדער דאָס חסידים־שטיבל, איז געווען זיין היים: די האַרטע באַנק זיין געלעגער; אַ שטרוי־זאַק — זיין קישן צוקאָפּנס.

און געצאָלט האָט ער פאַר דער דאָזיקער "דירה" מיט אַרבעט — מיט אַרויסהעלפן דעם שמש אין זיין "מלאכת הקודש"; געטראָגן וואַסער פאַרן האַנט־פאַס, געהאַקט האָלץ, געהייצט דעם אויוון, געשייערט די מעשענע לייכ־טער מיט דער גרויסער מנורה, געקערט און גערייניקט גאָטס הויז, און אויך באַדינט די תלמידי־חכמים, די "פרושים", וואָס זיינען געזעסן יומם ולילה על התורה ועל העבודה. ער האָט אָבער אויך פון זיי זייער פיל געננאָסן: ער האָט אַזוי לאַנג "געוואַלגערט זיך אינם שטויב פון זייערע פיס און געטרונקען מיט דאָרשט זייערע רייד" — געלערנט פון זיי תורה און מידות טובות, ביז ער איז אַליין געוואָרן אַ בן־תורה, און אַ "בן שמונה עשרה לחופה".

אָבער דער דאָזיקער יונגער ישיבה־בחור, ישראל, האָט גאָרניט גע־טראַכט פון אַ תכלית, פון "בויען אַ הויז בישראל", ווייל "נפשו חשקה בתורה" — זיין חשק צו לערנען גאָטס תורה איז געווען אין לשער. איז וועלן מיר אים דערווייל לאָזן זיך זיצן און לערנען, און איבערגיין צו אַ צווייטן קאַפּיטל.

* * * * *

אין אַ דאָרף מיטן נאָמען לוסקעלע, וואָס איז געלעגן אין שכנות פונם שטעטעלע זאַסטאַוויע, האָט געוווינט דער גאָטספאַרכטיקער ר' ירמיה, מיט זיין ווייב און קינדער, זין און טעכטער. ער האָט געהאַלטן אַ קרעטשמע און איז אויך געווען אַן עובד אדמה. אָבער זיין הויפּט־פּרנסה האָט ער געצויגן פון שמידעריי: פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט, איז ער געשטאַנען אין קוזשניע, געשמידט פערד און וועגענער, פלוגעס און באָראַנעס, העק און סערפּן פאַר די אַרומיקע פויערים און פּריצים. ער איז אָבער ניט געווען קיין פּשוטער

קאוואל. ר' ירמיה איז אויך געווען א יודע ספר, א גרויסער ירא שמים און א פארברענטער קאצקער חסיד.

זיין ווייב, רחל שתחי', איז אויך ניט געווען קיין פשוטע ישובניצע. זי איז געווען א אשה צנועה וחשובה, א מלומדת אין אלע ווייבערשע ספרימלעך, און א גרויסע אשת חיל, האט אנגעפירט מיט דער קרעטשמע און מיטן קרעמל.

געשמט האט ר' ירמיה און זיין זוגתו רחל, אין דער גאנצער געגנט מיט זייער גוטסקייט און מעשים טובים. זייער קרעטשמע, וואס איז געשטאנען "על אם הדרך", ביים ברייטן שליאך, איז שטענדיק געווען ברייט־אויפגעעפנט פאר אורחים און פארבייפארער; אן ארעמער מדינה־גייער האט דארט געפונען א דאך איבערן קאפ; א הונגעריקער, א זאטן מאלצייט און א שיינע נדבה; א מידער, א ווארימען, ווייכן געלעגער. אזוי אויך זיינען געווען זייערע קינדער, זין און טעכטער, אלע שיינע און געראטענע; אלע מיט וואר־רעמע, יידישע הערצער, ווי עס פאסט פאר אזעלכע גאטספארכטיקע טאטע־מאמע, ווי עס זאגט זיך: דאס עפּעלע פאלט ניט ווייט פונם ביימעלע . . .

ווען זייער עלצטע טאכטער, אסתר־יהודית, איז געווארן א בוגרת פון א יאר 15־16, אזוי אז עס איז שוין געקומען די צייט אויסצוגעבן זי פאר א מאן, האט דער פרומער, גאטספארכטיקער ר' ירמיה, באלד נאך שבועות, איינגעשפאנט זיין פערד־און־וואגן, ארייגעלייגט אין אים א פאר צענדליק העק, האק־מעסערס, העמערלעך, סערפּן און נאך אזעלכע "נכסי ברזל", וואס ער האט געהאט אויסגעקאוועט ביי זיך אין קוזשניע; זיין ווייב, רחל, האט מיטגענומען אביסל מילכיקס, עטלעכע טרוקענע קעזלעך, א פאר פונטלעך פוטער, א קאשעק אייער און אביסל שאר ירקות, און מיט דעם אלעמען זיך אוועקגעלאזן אין דער ווייטער שטאט בריסק דליטא, צום גרויסן יאר־מארק, און פאר איין וועגס, שוין אויך זען, הערן, א שמועס טאן מכוח א שידוך פאר זייער עלצטער טאכטער, אסתר־יהודית.

אנגעקומען קיין בריסק, האט ר' ירמיה באלד איבערגעלאזן זיין ביסל סחורה, די העק, די מעסערס און די סערפּן, אויף זיין ווייב, און אליין איז ער אוועק אין דער ישיבה, אפשר וועט אים גאט ברוך הוא, העלפן דארטן געפינען דעם אמתן זיווג פאר זיין טאכטער.

נאך א לאנגן ישוב הדעת, צווישן אים און דעם ראש־ישיבה, איז געבליבן בהסכם כלם, אז קיין שענערער און קיין גרעסערער למדן ווי דער טשעכאנאווער בחורל, הנקרא ישראל בר' אליעזר־יהודה, איז ניטא אין דער גאנצער ישיבה, צווישן די פאר הונדערט ישיבה־בחורים.

און היות דאס בחורל, ישראל, איז נעבעך א יתום מאביו ומאמו, האט דער ראש הישיבה זיך איינגעשטעלט פאר זיין תלמיד מובהק, ווי ער וואלט געווען דער אבי החתן, דער מחותן, און "במעמד שלשתן", האט דער ראש־ישיבה געהייסן ארייננשרייבן אין די "תנאים" די פאלגנדיקע פונקטן: ראשית, דארף דער מחותן, דער אבי הכלה, זיך מתחייב זיין צו געבן דעם חתן כך

וכד נדן; והשנית, דארף מען אים געבן כמה וכמה שנים "קעסט" — עסן. כדי דער יונגער איידעם זאָל קאָנען זיצן און לערנען בשלווה, ביז ער וועט, אם ירצה השם, קריגן סמיכה אויף רבנות; והשלישית, וואָס דאָס איז דער עיקר, דאַרף דער אבי־הכלה זען מיט אַלע זיינע כוחות ארויסנעמען דעם חתן־דנן פון די "גוישע הענט", ד"ה, ער זאָל חלילה ניט דאַרפן גיין דינען דעם קייסער . . .

אויף די אַלע פּונקטן אין די תנאים, האָט דער ישובניק, דער שמיד און דער קרעטשמער, ר' ירמיה, מקבל קנין געווען און זיך געחתמעט, אַז עס וועט אם ירצה השם זיין הכל שריר וקים . . .

ר' ירמיה האָט באַלד געשטעלט משקה מיט דער ברייטער האַנט, און אַזוי איז מיט מזל געשלאָסן געוואָרן דער שידוך.

* * * * *

צווישן דעם יונגן איידעם, ישראל, און זיינע שווער און שוויגער זיינען פאָרגעקומען אַפּטע סכסוכים: ר' ירמיה, דער שווער, האָט געטענהט, אַז לויטן מדובר, דאַרף דער איידעם, מיטן שאַרפן קאָפּ, זיצן טאָג און נאַכט און לערנען תורה. אָבער דער יונגער איידעם וואָס האָט זיין גאַנצע יוגנט פאַרבראַכט אין די ענגע "אהלי שם ועבר", האָט שוין גאָר קיין חשק ניט געהאַט צו זיצן און קוועטשן די באַנק. ער איז איצט גאָר פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער שיינער, רייכער, דאָרפישער נאַטור; פון די רחבותדיקע תבואה־פעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף מיילן ווייט, און פון די ברייטע, ווייטע, גרין־סאַמעטענע לאָנקעס, וווּ ס'האָבן זיך געפיטערט שאָף און רינדער, אַז דאָס אויג זיינס האָט זיך גאָר ניט געקאָנט אָנזעטיקן מיט אָט דער גרויסער נאַטור־שפע, וואָס האָט זיך פּלוצלונג געהאַט אַנטפּלעקט פאַר אים.

דער יונגער בית־מדרשניק האָט מיטאַמאָל דערשפּירט אין זיך עפּעס אַזעלכע פרישע כוחות, וואָס ער אַליין האָט פון זיי פריער גאַרניט געוווסט. פון איין זייט האָט עס אים שטאַרק געריצט און געצויגן, ווי מיט אַ כישוף, דאָס קלאַפּן מיטן האַמער אין קוזשניע, וווּ פון אַ שטיק אָנגעגליטן אייזן ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ האַק, אין אַ מעסער, אין אַ סערפּ און אין שלאָס. און פון דער צווייטער זייט, האָט אים אויך געצויגן אין פעלד, צום אַקער, צו די שניטער: ס'האָט זיך אים אויך שטאַרק געוואָלט אַליין, מיט די אייגענע הענט, אַקערן און זייען, שניידן און דרעשן; און טאַקע אַליין אויך פאַרזוכן דעם זיסן טעם פון ארויפכאַפּן זיך אויף אַ יונג פערדל, אָנהאַלטנדיק זיך ביי זיין גזשיווע און אָוועקלאָזן זיך מיט אַ גאַלאָפּ, העט־ווייט, איבער די רחבותדיקע לאָנקעס, און זאָלן גויים זען, אַז אַ ייד קאָן אויך די דאָזיקע מלאכה ! . .

האָט עס דעם אַלטן ר' ירמיה, דעם קאָצקער חסיד, שטאַרק ווי געטאָן, וואָס זיין ערשטער איידעם איז מבטל די תורה הקדושה; אַנשטאָט ער זאָל זיצן ביי דער גמרא, ביי דער "יורה דעה" און ביים "חושן משפט" — און מיט דער צייט טאַקע ווערן אַ מורה הוראה בישראל — ליגט ער גאָר איבער

גאנצע טעג אין פעלד, אקערט, שניידט און גראבט, אדער ער שטייט אין קוזשניע, ווו ער האלט אין איין דרייען שרויפן, מאטערקעס, שארפן העק, מע־סערס און סערפן, מאכט עפעס אייגענע אויסגעטראכטע פורעמס — שפילט זיך גאר מעשה יינגל . . .

האבן שווער און שוויגער געשריען, פראטעסטירט, געטענהט און אים געמוסרט, מיט גוטן און מיט בייזן, געסטראשעט אז מ׳וועט צונעמען ביי אים זיין יונג ווייבל — ס׳האט אבער גארנישט ניט געהאלפן. עפעס נאר ווי א ״ניט־גוטער״, רחמנא לצלן, האט זיך אין אים ארייננעכאפט און לאזט אים ניט אפ . . .

ווער ווייס מיט וואס די דאזיקע מחלוקתן צווישן איידעם און שווער און שוויגער וואלטן זיך געוועז געענדיקט, ווען ניט דער זאסטאוויער מורה הוראה, ר׳ לייזער־וועלוול, נרו יאיר, וואס פלעגט ארומגיין פון דארף צו דארף, פון ישובניק צו ישובניק, קלייבן געלט פאר ארעמע, נויטבאדערפטיקטע און פאר די צאן קדשים און די ישיבה־בחורים, וואס לערנען גאטס תורה. האט ער אויסגעהערט ביידע צדדים, און נאך א לאנגן ישוב הדעת, האט ער געמאכט א פשרה: יעדער באגינען, כלחוד השור, זאל דער איידעם, ישראל, זיך אוועק־זעצן לערנען, און ערשט נאכדעם ווי ער וועט אפלערנען זיין ״דף יומי״, וועט ער שוין מעגן זיך פארנעמען מיט דער ״מלאכה בזויה״ אין קוזשניע, אדער מיט דער פויערשער עבודת אדמה. און ס׳איז געווארן צווישן שווער און איידעם שלום ושלווה. ס׳האט טאקע ניט געדויערט לאנג ווי דער פריערדיקער ישיבה־בחור איז שוין געשטאנען מיטן האמער אין קוזשניע און געהאלפן דעם שווער זיינעם ארבעטן אדער ער איז נאכגעגאנגען דעם אקער אין פעלד.

יעדער זומער, ערב שניט־צייט, פלעגן הונדערטער פויערים פון די ארומיקע, שכנישע דערפער קומען צו ר׳ ירמיהן דעם שמיד איינקויפן נייע סערפן און אנשארפן די אלטע, ווייל ר׳ ירמיה האט געשמט אין דער גאנצער געגנט אלס דער גרעסטער אומן יד. ס׳האט אבער לאנג ניט געדויערט ווי די פויערים האבן פלוצלונג, אין א שיינעם פרימארגן, זיך גענומען רייסן, אז דווקא דער יונגער ״ראבין סרול״, ווי זיי האבן אים גערופן, זאל נעמען שארפן זייערע שניידמעסערס. באשר בכן, זיי האבן אויסגעפונען, אז ער האט אמתע, געבענטשטע הענט; עפעס ליגט אין זיי גאר א באזונדער מזל־ברכה; פון דעם סערפ און פון דער קאסע, וואס ער שטאלט אן, גייט אויף עפעס אזא מין געזאנג, וואס צעטראגט זיך איבער פעלד און לאנקע . . .

הגם פון איין זייט האט דעם שווער זיינעם, ר׳ ירמיה, דעם פארברענטן קאצקער חסיד, נאך אלץ שטארק געערגערט אויף זיין איידעמס ביטול תורה, דערפאר אבער, פון דער צווייטער זייט, האט עס אים הנאה געטאן, וואס זיין ארבעט, די מלאכת השמידעריי, האט צוגעקראגן א נייעם יורש . . .

* * * * *

ווען דער יונגער איידעם, ישראל, איז אראפ פון קעסט, האט ער פארן

נדן, וואָס זיין שווער האָט אים געסילוקט, אָפּגעדונגען ביי א שכנישן פּריץ א פאָלווארק, א "הויף", און איז אליין געוואָרן אן ארענדאר, א פּאַכטער. דאָ האָט ער ערשט געקראָגן די מעגלעכקייט אליין פאנאדערצופירן די הענט; צו שטיין אליין מיט אייגענע פיס אויף דר'ערד. ער האָט אליין געבויט שטאַלן פאר זיינע שאָף און רינדער, פּאָדראשעקעס פאר זיינע עופות, געפלאנצט ביי־מער, געזייט גערטנער, פון צוויינ און וואָרצל געפלאָכטן צוימען, פּלויטן פאר "זיינע" פעלדער. ער האָט געארבעט טאָג און נאכט מיט חדווה און מיט שמחה, ווי דאָס אלץ וואָלט טאקע געווען זיין אייגנטום.

גאָר אינגיכן האָט ער באקומען א שם אלס דער פעיקסטער ארענדאר אויפן גאנצן געגנט. דער פּוילישער פּריץ האָט פון אים גאָר אָנגעקוואָלן. ער האָט זיך אויך גיך אויסגעלערנט ריידן גוייש — ווייסרוסיש און פּויליש — פּריציש לשון. ווינטער, אין די לאנגע אָוונטן, האָט ער ליב געהאט צו פאר־ברענגען מיט די שכנישע פּויערים, מיט פּריצים און גלחים, פירן מיט זיי לאנגע שמועסן, וויכוחים איבער דער אייביקער פראגע פון "נאש באָד" און "וואש באָד", פון אונדזער גאָט און אייער גאָט. און פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך ליב האָבן אריינצוקוקן און כאפּן א קליינינקן "נאש", אין די ספרים חיצונים, אין דער השכלה ליטעראטור, וואָס ער פלעגט בשתיקה קריגן צו לייען ביי די שכנישע קאָמעניצער משכילים, זיינע "פארבאָרגענע" גוטע־פריינט.

אָבער צום באדויערן, ווי עס ווייזט אויס, איז דעם יונגן ארענדאר, דעם געוועזענעם ישיבה־בחור, ניט באשערט געווען צו זיצן לאנג "אל המנוחה ואל הנחלה". די צארישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן טרייבן די יידן פון אירע "הייליקע" דערפער. באזונדערס האָט די דאָזיקע גזירה געטראָפן שווער די נייע, אָנגעקומענע, וואָס האָבן זיך ערשט דאָ ניט לאנג געהאט באזעצט. זיין כוואטסקע, יונג ווייבל, אסתר־יהודית, וואָס איז געווען א גרויסע אשת חיל, איז געלאָפן צום פּריץ, געפאלן דעם רוסישן גלח צו די פיס, אז זיי זאָלן זיך איינשטעלן פאר איר און פאר אירע קליינע קינדער, און דער פאָטער אירער, ר' ירמיה, להבדיל, איז אוועקגעלאָפן אזש קיין קאָצק צום רבין. מ'האָט איינ־געלייגט וועלטן, ס'האָט אָבער גאָרנישט ניט געהאָלפן, וואָרים די גזירה איז שוין געווען פארחתמעט. ס'האָט ניט לאנג געדויערט ווי פונם יונגן ארענ־דארס "אימעניע" מיט זיין גאנצן אָנגעפּראצעוועטן האָב און גוטס, איז גע־וואָרן א תל.

אָ, ווי שווער ס'איז אים נעבעך געווען זיך צו צעשיידן מיט "זיין הויף", מיט זיין דאָרף און מיט זיינע ארענדירטע פעלדער און לאָנקעס, און גיין ערגעץ אין דער וועלט אריין! אָבער ס'איז קיין ברירה ניט געווען. ער האָט איינגעשפּאנט פערד און וואָגן, ארויפגעזעצט אויף אים זיין ווייב מיט די קינ־דער, מיט די בעבעכעס, מיט דעם ביסל "נאזשיוועטן" כלי־בית, צוגעבונדן דאָס אייגענע, אויסגעהאָדעוועטע בהמהלע צו דער דראבינע פון וואָגן, און אזוי איז מען אריינגעפאָרן אין דעם נאָענטסטן שטעטעלע זאסטאוויע, וואָס איז געלעגן בסך־הכל זעקס־זיבן וויאָרסט פונם דאָרף לוסקעלע.

אזוי איז דער יונגער ר' ישראל, דער למדן, געוואָרן אויס ישובניק,

אוים ארענדאר. אלץ איז פארשוואונדן געווארן ווי א שיינער חלום. געבליבן איז אים פון דער דאזיקער קורצער, גליקלעכער צייט ניט מער ווי דער נאמען: ר' ישראל לוסקעלער, אויפן נאמען פונם דארף לוסקעלע.

* * * * *

די ערשטע צייט איז ר'ישראל לוסקעלער ארומגעגאנגען אין שטעטל א צעבראכענער, א צעטומלטער און א פארלארענער. ער האט ניט געהאט צו וואס זיך צו נעמען. ער האט שטארק חשק געהאט זיך אוועקצושטעלן ארבעטן אלס פועל ביי איינעם פון די שטעטלשע קאוואלעס. אט דער פארלאנג זיינער איז געווען ניט אזוי צוליב באזארגן זיין ווייב מיט די קינדער מיט חיונה, נאר דער עיקר האט ער דא אין זינען געהאט, אז א דאנק דער ארבעט ארום דעם אקער און סערפ, וועט ער נאך אלץ זיין פארבונדן מיט דארף, מיט ערד...

אבער דאס ווייב זיינס, וואס איז געווען א פרומע, כשרע, יידישע טאכ־טער, האט אנדערש ניט געוואלט, אז אירע קינדער זאלן אויסוואקסן אויך אזעלכע גרויסע תלמידי חכמים, ווי איר מאן איז און ווי איר טאטע איז, האט אנגעהויבן וויינען, טענהן, בעטן זיך רחמים ביי אים, אז ער זאל זי ניט פארשעמען פאר איר משפחה און פאר לייטן, און ניט מאכן אירע קינדער פאר פראסטע שטאטישע קאוואלעס . . . זי האט אים פארזיכערט, אז זי איז גרייט צו עסן איינמאל אין טאג א שטיקל ברויט, אבי אירע קינדער זאלן קאנען זיצן און לערנען. זי האט אזוי לאנג געטענהט און נאך צו הילף גענומען די שטעטלשע למדנים, דעם מורה הוראה ר' לייזער־וועלוול, ר' ניאכקע דעם שוחט און נאך אנדערע תלמידי חכמים, ביז מ'האט קוים געפועלט ביי ר' ישראל לוסקעלער, אז אין "שטאט" מוז ער ציען זיין חיונה פון דער תורה הקדושה — איז ער בעל כרחו געווארן דער "באלעבאטישער" גמרא מלמד.

די ערשטע צייט איז אים דאס קנעלן אנגעקומען זייער שווער. ער האט געפילט ווי אן ארעסטאנט וואס מ'האט צוגעשמידט צו א טאטשקע און פאר־שפארט אין אן ענגער, פינצטערער תפיסה. ער האט ניט איינמאל שוין געהאט געכאפט דעם טלית און תפילין און געוואלט אנטלויפן וווהין נאר די אויגן וועלן אים טראגן. אבער דאס געוויין פון זיין ווייב און קינדער פלעגט אים צוריקהאלטן פון אויספילן זיין באשלוס. ס'האט אים רק געצויגן, ווי דעם פויגל, אין פעלד אריין.

זיין קליינינקן, אפגעזונדערט שטיבעלע, האט ער ארומגערינגלט מיט כלערליי בלומען און פלאנצונגען, אזוי אז ווער נאר ס'איז פארבייגעגאנגען, פלעגט זיך אפשטעלן קוקן מיט פארוואונדערונג. ער פלעגט ניט איינמאל איבער־רייסן דאס לערנען, ארייננכאפן זיך אין קליינינקן גערטל, וואס איז געלעגן הינטערן שטיבל, זיך ארויפווארפן, ווי א הונגעריקער, אויף דער ערד־ארבעט. ער האט אויף גיך גענומען "ארוממאטיקען" די קארטאפל, ארומגעבונדן די פאסאליעס ארום די הויכע "טיטשקעס" (שטעקנס); דא האט ער ארויסגעריסן א ווילד־גרעזל און דארט א ברענענדיקע קראפיווע. ער פלעגט זיך גאר מחיה זיין; דער ריח פון ערד פלעגט אים ממש פארשיכורן — ביז דאס ווייב זיינע,

די מלמדקע, פלעגט קומען צו לויפן מיט א געשריי: "ישראלקע, ישראלקע, די תלמידים דיינע צעטראַגן מיר די שטוב ! . ." דעמאָלט פלעגט ער אויסלאָזן כל חמתו אויף זיינע תלמידים, די שטיפער, וואָס האָבן אים צעשטערט אזא נחת־רוח.

און אפילו בשעתן לערנען, ס'האָט געמעגט זיין די שווערסטע סוגיא פון "תגרי לוד", האָבן זיינע הענט קיינמאָל ניט גערוט. ער האָט שטענדיק געהאַלטן אין איין מייסטערן. מיט זיין שארפן, טייערן, באליבטן פען־מעסערל, האָט ער פון ביין אויסגעשניצט אן אויער־לעפעלע, פון האָלץ — א שיין טאבעק פושקעלע — א מתנה פאר זיינעם א גוטן־פריינד; דאָ האָט ער געמאכט א שיין שקאטולקעלע — א קעסטעלע מיט זאוויעסעלעד און מיט א שלעסעלע צו פארשליסן; און דאָ האָט ער גאָר אויסגעפלאָכטן פון הושענא־ריטלעך א שטייגעלע מיט פענצטערלעך און מיט טירעלעך. דאָס שטייגעלע אויפגעהאנגען אונטערן שטרויענעם דעכל, זאָל זיין א נעסט פאר די פייגל, פאר די טויבן . . . דעמאָלט איז צו זיין פרייד גאָר קיין שיר ניט געווען. דעמאָלט האָט זיך אים נאָך געשמאקער געלערנט מיט די קינדער.

יעדער פרייטיק, נאָכן אָפּלערנען מיט זיינע תלמידים, און ווער רעדט נאָך אין זיינע פרייע "בין הזמנים", פלעגט ער באלד אָפּשליסן זיין קעסטל מיטן געצייג, וואָס איז אים געווען אזוי טייער, ווי ס'וואָלט דאָרט געלעגן זיין טייערסטער אוצר, ארויסנעמען פון דאָרטן דאָס שארפע העקל, דאָס העמערל, דאָס האנט־זעגעלע, די קאָלבע מיט דער דלאָטע און זיך נעמען פאר דער ארבעט. דאָ האָט ער געמאכט א טישל, א בענקל, דאָ א שאפקעלע פאר ספרים, דאָ א סטופּע אויף צו שטויסן מצה אויף פסח, דאָ א קאטשעלקע, א וועלגערהאָלץ צו וועלגערן גרעט, דאָ א חנוכה מנורהלע אָדער גאָר א גראגער איינעם מיט א המן־קלאפּער, צי גאָר א וועגעלע מיט פיר רעדלעך פאר די קינדער.

זיין ווייב, אסתר־יהודית, די צדיקת, פלעגט ניט איינמאָל טענהן צו אים און אים מוסרן, אז ער פארזינדיקט זיינע טעג און יאָרן, וואָרים אַנשטאָט "צו שפּילן זיך מיט קינדערשע צאצקעלעך", האָט ער בעסער געדארפט נעמען א ספר אין האנט אריין און לערנען מיט אייגענעם קינד, וואָס צוליב זיינע תלמידים, פארנאכלעסיקט ער אזוי שטארק . . . ס'האָט אָבער גאָרנישט ניט געהאָלפן, וואָרים ער האָט געהאלטן פונם מאמר חז"ל, וואָס זאָגט: "חייב אָדם ללמוד את בנו אומנות", אז פונקט ווי א ייד איז מחויב צו לערנען זיין זון תורה, אזוי אויך דארף ער אים לערנען צו האלטן א האק, א זעג אין דער האנט.

ערב סוכות פלעגט מען שוין צו אים ברענגען די לולבים פון שטעטל, ער זאָל אויספלעכטן פאר זיי די רינגעלעך, די "כפות", די לעפל, אויף אריינשטעלן אין זיי די הושענות מיט די הדסים. ער האָט שוין אויך געהאט א חזקה צו גיין צו זיינע חברים און גוטע־פריינט, צום מורה הוראה, צום שוחט, אויפצושטעלן פאר זיי די סוכות. און זיין אייגענע סוכה איז טאקע געווען די שענסטע אין שטעטל, אזוי אז מ'פלעגט טאקע גיין זי אָנקוקן אויף הידושים.

און פונקט ווי ער האָט פאַרמאָגט א פּאָר גאָלדענע הענט פון א באַ־גאַבטן באַלמעלאָכע, א קינסטלער, אזוי אויך האָט ער פאַרמאָגט א גאָלדן האַרץ. איז חלילה עמיצער אין שטעטל ״איינגעפאַלן״ אויף א ״שווערער שלאָפקייט״, אָדער אויף דער ״שווערער קרענק״ וואָס איז געווען א גרויסע סכנה פון זיך אָננעמען, איז ער שוין ניט אָפּגעטראָטן פונם קראַנקנס בעט; געריבן אים מיט ספּירט; ניט איין נאַכט געזעסן אויף א ״לינה״. האָט מען דעם מסוכנדיקן חולה געדאַרפט לייגן קאַלטע קאָמפּרעסן צום קאָפּ, איז ער באַלד אוועקגעלאָפן, אפילו אין א זאַווערוכע און אין מיטן א פאַרגאָסענער נאַכט, אין דער שכנישער פּיוואָווארניע און געבראַכט צוטראָגן פון דאָרטן א שווערן זאַק מיט אייז. האָט מען דעם קראַנקן געדאַרפט וויקלען אין ״נאַסע ליילעכער״, האָט ער געוויקלט. ער האָט גאָר קיין מורא ניט געהאַט ער זאָל זיך ״אָננעמען״, ווייל ער אַליין האָט קיינמאָל ניט געוווסט פון קיין שום קרענק; ער איז שטענדיק געווען געזונט און שטאַרק ווי א דעמבענער בוים.

ער פלעגט טאַקע ניט איינמאָל ליב האָבן צו פאַרמעסטן זיך אין כוחות מיטן שטאַרקסטן שכנישן גוי, ווער ווועמען ס׳וועט אַוועקלייגן; ווער וועמען ס׳וועט גובר זיין. ניט איינמאָל פלעגט ער ליב האָבן צו באַווייזן זיינע גבורהשע קונצן אין אויסבייגן א טשוואָק מיט די הוילע הענט, אָדער אויפהויבן מיט איין האַנט די שווערסטע מישא, און נאָך אזעלכע ענלעכע קונצן און שטיפע־רייען, וואָס האָבן זיך גאָרניט געפּאַסט פאַר א יידן א תלמיד־חכם.

* * * * *

זומער, אין די שבתדיקע בין השמשותן, בין מנחה למעריב, פלעגט ער נעמען זיינע קינדער און זיך אַוועקלאָזן מיט זיי אויף א שפּאַציר אויסערן שטעטל, זען, באַקוקן די גויישע תבואה־פעלדער, ווי ווייט זיי זיינען שוין אויס־געוואַקסן, צי וועט היי־יאָר זיין א גוטע גערעטעניש . . . און שטייענדיק אזוי פּנים אל פּנים פאַר די הויכע קאָרן, גערשטן און ווייץ־פעלדער, פלעגן זיך אים דעמאָלט אָנצינדן די אויגן מיט אזא מאָדנעם בלישטשענדיקן פייערל און ער פלעגט קוקן לאַנג־לאַנג ערגעץ ווייט . . . ביז פון דער הויך, פונם האַלב־טונקעלן בלויען הימל פלעגט נעמען אַראָפּקוקן, ווי מיט אן אויגל, א קליין שטערנדל, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אז דער ליבער שבת קודש איז שוין אַוועק און די גרויע וואָך קומט שוין ווידער אָן . . . פלעגט ער זיך אַוועקשטעלן אינמיטן פעלד, מיטן פּנים צום מזרח און נעמען דאַווענען מעריב. דעמאָלט האָט ער געדאַוונט מיט גרויס כוונה מיט האַרץ און מיט אזא אומעטיקן, בענקענדיקן ניגון, וואָס איז גאָר ניט געווען שלא כדרכו, ניט ווי זיין שטייגער איז . . . דאָס האָט פון אים, ווייזט אויס, אַרויסגעוויינט און אַרויסגעקלאָגט זיין שטענדיקע בענקשאַפט צו ערד, צו תבואה און פעלד . . .

און ווען ס׳פלעגט זיך אָניאָגן די צייט פון שניט, האָט ער שוין גאָר ניט געקענט איינזיצן אין שטוב. ער פלעגט איבערלאָזן דעם ״חדר״ זיינעם אויף גאָטס באַראָט, און אַוועקלויפן צו א שכן, צו זיינעם א גוטן פריינד אין פעלד, העלפן בינדן די סנאָפּעס, צונויפשטעלן די ״סקירדעס״, ביז ער פלעגט

זיך גוט, גוט אָנזעטיקן מיטן ריח פון פעלד און זאנגען . . . דעמאָלט פלעגט ער זיך אומקערן אהיים א צופרידענער און א גליקלעכער . .

* * * * *

און כאָטש ר' ישראל, דער גמרא־מלמד, איז געווען א פרומער, עכט־רעליגיעזער מענטש, דאָך האָט ער קיין מורא ניט געהאַט ארויסצוזאָגן בפומבי, פאר אלעמען אין די אויגן, זיינע ספקות אין באצוג צו געוויסע איינגעשטעלטע יידישע מנהגים, וואָס אין יענער צייט, האָט מען פאר דעם אליין געקענט שיר ניט פארערעכנט ווערן פאר אן אפיקורס, רחמנא ליצלן . . . ווי צום ביישפיל: פרייטיק צו נאכט, ווען מ'קומט פון שול, האָט ער קיינמאָל ניט געוואָלט זאָגן "שלום עליכם" לכבוד די מלאכי השרת, וואָס באגלייטן די שבתדיקע יידן אהיים. ער האָט אויך ניט געהאלטן פון גיין אויף "קבר אָבות" בעטן פאר א חולה מסוכן אָדער צוליב אן אנדער צרה. ער פלעגט אויך שטארק אָפּלאכן פון גיין צו "תשליך" און נאָך מער פון שלאָגן ערב יום־כיפּור כפרות. אָט די אלע מנהגים האָט ער באטראכט פאר זאבאָבאָנעס, נארישקייטן, וואָס פּאַסן זיך גיכער פאר ווייבער.

ער האָט אויך שטארק ליב געהאַט צו לייענען ביכער פון רייזע־באַ־שרייבונגען, קלמן שולמאנס "דברי ימי עולם" און סתם וואונדערלעכע מעשות, וואָס פארכאפּן דאָס הארץ און די פאנטאזיע. פרייטיק צו נאכט, נאָכן עסן, פלעגט ער פארלייענען פאר זיינע קינדער קאפּיטלעך פון "מסתרי פאריז", "דרייפוס פּראָצעס", "אהבת ציון" פון אברהם מאפּו, און נאָך אזעלכע יידישע און העברעישע מעשה ביכער.

ס'איז כדאי צו דערציילן נאָך א זעלטענעם שטריך פון זיין אָריגינעלן כאראקטער: פונקט ווי ער האָט ארויסגעוויזן א גרויסע ליידנשאַפט צו מלאכה און באזונדערס צו דער עבודת אדמה, ערד־ארבעט, אזוי אויך האָט ער, להבדיל, שטארק ליב געהאַט צו גריבלען זיך אין תנ"ך מיט אלע זיינע מפרשים, אין דעם מלבי"ם, רד"ק, אין דעם "אבן עזרא" און נאָך מער אין דיקדוק שד"ל. שבת אָדער יום־טוב אין בית־מדרש, ווען ער האָט דערהערט דעם בעל־קורא מאכן א גרייז אין דער נגינה, אָנשטאָט "מלעיל" האָט ער די הברה ארויס־גערעדט "מלרע", ד"ה, אָנשטאָט צו אקצענטירן די ערשטע זילבע פונם וואָרט האָט ער על פּי טעות אקצענטירט די לעצטע, פלעגט ער ווערן אזש אויפגעקאָכט. און טאקע באלד, אויפן אָרט, נאָך קריאת התורה, אים אָנגעוויזן אויף דעם שרעקלעכן טעות.

און כאָטש ער איז געווען אזוי באהאוונט אין תנ"ך און אין דיקדוק, אָבער אז ס'איז אים אויסגעקומען אָנצושרייבן א לשון־קודשדיקן בריוו, פלעגט ער שרייבן "נח מיט זיבן גרייזן". . . נאָך די ערשטע פּאָר שורות פלעגט ער נעבעך בלייבן שטיין א פארלאָרענער, ווי איינער וואָס וואנדערט אין א היסן מדבר און לעכצט נאָך א טרונק וואסער, אזוי אויך פלעגט ער שטיין א הילפלאָזער און בשום אופן ניט געקאָנט כאַפּן דאָס ווייטערדיקע לשון־קודשדיקע וואָרט . . .

דערפֿאַר אָבער, ווען ס'איז געקומען צו א שווערן עניז, אין שייכות מיט דיקדוק, האָט ער שוין ארויסגעוויזן גאָר גרויסע בקיאות. ער האָט זיך געקענט פאַרמעסטן אפילו מיט די גרעסטע משכילים, די העברעער פֿון דער שכנישער שטאָט קאַמעניץ, וואָס האָבן געשמט אלס גרויסע בעלי דיקדוק. פֿון אזעלכע אָפטע "געווענטן" פֿלעגט ער שטענדיק ארויסקומען דער זיגער . . .

אָט די אַלע אייגנשאַפֿטן זיינע, זיינען ביי אים געווען ניט מער ווי א טפֿל, א ביי־זאַך, ווי א מיטל צו דערשטיקן אין זיך זיין שרייענדיקע בענקשאַפֿט, וואָס ער האָט געטראָגן ביי זיך טיף אין הארצן צו דער מאַמע־ערד . . . דאָס איז, ווירקלעך, פֿאַר אזא יידן אין אזא טיף־רעליגיעזער סביבה, געווען א זעלטענע דערשיינונג. דערפֿאַר אליין, האָט ער פֿאַרדינט, אז מיר זאָלן אים ווידמענען אָט דעם קאַפּיטל — שטעלן אים כאָטש א פּשוטע מצבה, ווי אויף איינעם פֿון "די לעצטע פֿון א דור". . .

דער רעוויזאָר און יודל קאָטיק דער שתדלן

יעדער זומער, ווי גיך די בלאָטיקע וועגן וואָס האָבן געפירט צום שטעטעלע זאַסטאַוויע, זיינען אויסגעטריקנט געוואָרן, און די גאַנצע נאַטור האָט זיך צעבליט און צעוואַקסן, האָבן די זאַסטאַוויער אָנגעהויבן שטאַרק ציטערן פאַרן רוסישן קייסער . . . ווי נאָר מ'האָט דערהערט פונדערווייטנס עפּעס אַ קלינגען מיט אַ גלעקל, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז דאָס פאָרט אַ "נאַטשאַלניק", פלעגן די זאַסטאַוויער יידן ווערן בלייך ווי קאַלך, אַזש הענט און פיס פלעגן ביי זיי זיך נעמען טרייסלען.

דאָס האָט מען זיך אַזוי געשראָקן פאַרן רעוויזאָר, וואָס פלעגט יאָר־איין, יאָר־אויס, אָראָפּקומען פון דער גובערניע אָדער "אַזש פון פּעטערסבורג" צו קאָנטראָלירן די פּאַטענטן און אויך אויפצופּאַסן ביי די יידן "די דריי הונדערט" רובל שטראָף, פאַרוואָס זייערע זין זיינען אַנטלאָפן פונם פּריזיוו (מיליטער־דינסט), אַזש קיין אַמעריקע. געווען שוין אויך אין שטעטל אַזעלכע טאַטעס פון צוויי און דריי זין, וואָס האָבן אויך אָנגעפייפט דעם רוסישן קייסער און אויך געמאַכט ויברח צו קאָלאָמבוסעס מדינה, אַזוי אַז זייער חוב צו "קאַזנאַ" איז געשטיגן ביז צו זעקס הונדערט און צו ניין הונדערט רובל.

איז נאָר ווי ס'איז געקומען דער ליבער זומער, האָט מען זיך געקענט ריכטן, אַז אַ ליאַדע טאָג זאָל פּלוצלונג אַראָפּקומען דער אַסעסאָר, צי דער רעוויזאָר, און אָפּשרייבן דאָס גאַנצע ביסל באַלעבאַטישקייט, מיט די בעבעכעס, מיט די קופּערנע ירושה־פאַנעס, מיט דעם סאַמאָוואַר, מיט די מעשענע לייכטער, מיט הכל, בכל מכל... מילא, וואָס שייך די נכסי דלא ניידי, די אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס, ווי די הייזקעס און שטיבלעך, פעלדער און גערטנער, איז פאַר זיי ניט געווען וואָס מורא צו האָבן — זיי זיינען שוין לאַנג געווען איבערגעשריבן אויף פרעמדע נעמען . . . אָבער די שרעק איז געווען פאַרן ביסל מטלטלין און פאַרן ביסל סחורה אין די קרעמלעך און אין די שענקען.

איז ווי נאָר מ'האָט דערהערט, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ "קנעפּל" פון דער גרויסער שטאָט, האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַ שרעק.

ערשט, ווען גאָט האָט געהאָלפן, דער ליבער, טייערער זומער איז פאַרשווונדן געוואָרן, און דער קאַלטער, נאַסער האַרבסט האָט זיך ווידער אָנגערוקט מיט זיינע רעגנס און פאַרגאָסן אַלע וועגן און שטעגן מיט אַ גע־

דיכטער, קלעפיקער בלאָטע, דעמאָלט האָבן די זאַסטאַוויער יידן פרייער אָפגעאָטעמט. דעמאָלט האָבן אויך זייערע קינדער שוין געקענט רויִק שלאָפן אויף זייערע מאַכּעם קישעלעך צוקאָפּנס . . .

אָבער ניט נאָר אין דעם זכות פון דער טיפער, קלעפיקער בלאָטע איז זייער שווער־פאַרהאָרעוועט ביסל פאַרמעגן ניצול געוואָרן פון אריינפאַלן אין גוישע הענט, נאָר דער עיקר האָבן זיי דאָס געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם שטאָטיקן יידישן "טשלען" (מיטגליד) פון דער "מעשטשאַנסקער אופּראַווע", יודל קאָטיקן, וועלכער האָט געהערט צו דער באַרימטער קאַמעניצער קאָטיק משפחה, וואָס האָט אין משך פון דורות געפירט די גאַנצע שטאָט ביד חזקה. ביי זיי אין די הענט איז שטענדיק געלעגן די "קאָראָבקע", די טאַקסע און אַנדערע שטאָטישע הכנסות. פאַר זייערס א וואָרט האָט איטלעכער געציטערט, און טאַקע דערפאַר האָט מען זיי גערופן, אין קאַמעניץ און אין זאַסטאַוויע, "די קייזערלעכע גוואַרדיע" (זע, יחזקאל קאָטיקס, "מיינע זיכרונות").

יודל קאָטיק איז אויך געווען, ווי זיין זיידע און עלטער־זיידע די "נאַבאָרשטשיקעס", די "פרנסים", אויסגעבונדן מיט דער רוסישער נאַטשאַלסטוואָ, מיט איטלעכן געווען א "פּאַני־בראַט". יעדער נאַטשאַלניק, יעדער גרויסער מענטש, וואָס איז געקומען פונם אויעזד, אָדער פון דער גובערניע, צוליב רעגירונגס עסקים, האָט אָפּגעשטאַט דעם ערשטן וויזיט ביי יודל קאָטיק אין שטוב, וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע צענטער פון מאַרק.

אָט די דאָזיקע שטוב האָט טאַקע געטראָגן דעם כאַראַקטער פון א רוסישן סאַלאָן. אהין פלעגן זיך אָפט צונויפקומען די שטאָטישע פּני, די רוסישע אינטעליגענץ, ווי דער רוסישער גלח, דער יידישער דאָקטאָר, דער פוילישער אַפטייקער, דער פּריסטאַוו (פּאָליציי־באַאַמטער), דער פּאָטשט־מייסטער, דער סודיא (ריכטער) און אַנדערע. מען האָט געשפּילט אין קאָרטן, אין שאַך, געטרונקען בראַנפן, וויין און טיי פונם גרויסן סאַמאָוואַר, און פאַרביסן מיט די געשמאַקע, יידישע פּאָטראַוועס, וואָס זיין ווייב. מאַטקע, די באַרימטע אשת חיל, פלעגט שוין באַצייטנס צוגרייטן פאַר זיי . . .

יודל קאָטיקס קינדער זיינען אויך געווען די ערשטע אין שטאָט, וואָס האָבן שוין געלערנט אין דער בריסקער גימנאַזיע, געטראָגן מונדירן מיט זילבערנע קנעפּ, גערעדט רוסיש און אונטערגעפייפט א רוסיש לידל.

איז ווי א קהלשע צרה, ווו אן אומגליק און ווו א גזירה, איז מען שוין געלאָפן צו קאָטיקן, דעם שתדלן, ער זאָל שרייבן "א פּראָשעניע צום קייסער". האָט מען געמאַכט א יידן אן "אקט", א "פּראָטאָקאָל" — איז מען ווידער געלאָפן צו קאָטיקן. ער פלעגט איטלעכן אויסהערן מיט ווירדע, מיט חשיבות, ווי ער וואָלט טאַקע געווען דער גובערנאַטאָר אליין . . .

אָט דער יודל קאָטיק האָט, ווי א רייכער גביר, וואָס האַלט אויס מיט זיין פילאַנטראָפּיע א געוויסע קהלשע אינסטיטוציע, גענומען אויף זיך צו באַשירעמען דאָס ביסל אָרעמקייט פון זיינע קאַמעניצער און זאַסטאַוויער יידן, עס זאָל חלילה ניט אריינפאַלן צום קייסער אין די הענט אריין. ווי

גיך ער האָט דערשמעקט, אז ס'איז אראָפּגעקומען אין שטאָט א רעוויזאָר צו מאַנען ביי יידן די "דריי הונדערט רובל", אָדער צו קאָנטראָלירן צי אַלע קרעמער און שענקער האָבן די ריכטיקע פּאטענטן, פלעגט ער באלד צו וויסן געבן זיינע קאמעניצער "מקורבים" און אויך שיקן א שליח מיוחד קיין זאס־טאוויע, אז מען זאָל וואָס גיכער "אויסראמען דעם חמץ"...

באלד פלעגט ווערן אין שטעטל א סומאטאָכע, אן איבערקערעניש. שכנים, גוטע־פריינט פלעגן באלד קומען צו לויפן צום "דריי הונדערט רובלדיקן יידן" נעמען כאפּן דער א פּערענע, דער א קישן, דער א מעשענעם שטייסל און דער א קופּערנעם טשייניק און עס אוועקטאסקען צו זיך אהיים. איבערגעלאָזט האָט מען בלויז א הילצערנעם הינקענדיקן בעט, וואָס איין פוס זיינער איז געווען אָנגעשפּארט אויף א קלעצל האָלץ, א שלאָף־באנק, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי. נאָך אזא גרינדלעכן "בדיקת חמץ", האָט דעמאָלט ניט איין יידיש שטיבעלע אויסגעזען ווי אקאָרשט נאָך א פּאָגראָם...

דער רעוויזאָר, אין באגלייטונג פון יודל קאָטיקן, מיטן דיקן פּאָרטפעל אונטערן אָרעם, וואָס איז געווען אזוי זיכער, אז אָט־אָט באלד וועט ער שוין בארייכערן דעם רוסישן מלוכה־אוצר, איז ווי נאָר ער האָט דערזען דאָס פּנים פונם קליינשטעטלדיקן יידישן דלות, וואָס איז איצט געלעגן א נאקעטער, פלעגט בלייבן שטיין ביים שוועל און מורא געהאט מאכן א טריט ווייטער... און כדי יוצא צו זיין פאר זיין קייסער, פלעגט ער א פרעג טאָן איינעם פון זיינע "קייזערלעכע בעלי חובות":

— פון וואנען לעבסטו מיט דיין "סעמעיסטוואָ" (הויז־געזינד)?

— פון שטעטלשער קצבה, — פלעגט דער ייד ענטפערן, ניט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ.

— ווו זיינען דיינע זין?

— ווער ווייס? צעלאָפן זיך ערגעץ אין דער וועלט אריין, זוכן ברויט, — פלעגט דער דאָזיקער "דריי הונדערט רובלדיקער" טאטע ענטפערן מיט א קרעכץ.

יודל קאָטיק, וואָס איז בטבע געווען א גרויסער וויצלער, א קאטאָוועס־טרייבער, דערצו נאָך איז ער געווען העכסט צופרידן, וואָס זיין שפּיל מיטן רוסישן רעוויזאָר האָט זיך אים אזוי איינגעגעבן, פלעגט פון זיין זייט נאָך צוווארפן א ווערטל, זאָגנדיק:

— ווענדליק אזא אָרנטלעכער "יעווריי" (ייד), ווי דער איז, וואָלט געווען א יושר גדול, אז דער "צאר באטיושקא", דער קייסער ירום הודו, זאָל אים נאָך אריינשיקן א פּאָר רובל מיט וואָס שבת צו מאכן...

דער רעוויזאָר פלעגט זיך צוזעצן אויף א האלבן בענקל, הייסן א פּאָר אָנגעזעענע באלעבאטים זאָלן זיך אונטערחתמ־ענען שווארץ אויף וויס,

אז ביי דעם און דעם "יעוורעי" האָט ער צום באַדויערן גאָרנישט ניט געפונען, ווייל ער איז נעבעך א גרויסער קבצן אין זיבן פּאָלעס, און דעריבער איז ער געצוווּנגען אוועקצופאָרן מיט ליידיקע הענט . . .

אזוי האָט זיך געפירט יאָר־איין, יאָר־אויס.

* * * * *

איינמאָל איז געשען אזא מעשה, וואָס יאָרן־לאַנג האָט מען וועגן איר גערעדט אין "שטאָט" קאמעניץ און אין שטעטעלע זאסטאַוויע, און דערביי ניט אויפגעהערט צו רימען און צו לויבן דעם קלוגן, שאַרפן קאָפּ פון יודל קאַטיק, דעם יידישן שתדלן.

די מעשה איז געווען אזא:

פּלוצלונג, אין א שיינעם זומער־טאָג, איז אַראָפּגעקומען קיין קאמעניץ א רעוויזאָר, וואָס איז אינגאַנצן אנדערש געווען פון אלע רעוויזאָרן. דאָס איז געווען נאָך גאָר א יונגער שנעק, מיט א פּאָר דינינקע, בלאָנדע וואָנצעלעך, א זון פון א רייכן, דאָרפישן בעל־גוף, וואָס האָט דורכגעמאַכט א רוסישע שקאָלע און האָט זיך גיך דערדינט צו ווערן א "טשינאָווניק", און וואָס איז נאָך דערצו געווען א שונא ישראל. האָט ער, פון גרויס דאַנקבאַרקייט צו זיין "צאַר באַטיושקאַ", וואָס ער האָט געטאָן מיט אים אזא חסד און גנאָד, זיך פאַרנומען צו דינען אים בלב ונפש, אפילו ער וועט דאַרפן פאַר אים גיין אין פייער און וואַסער. האָט ער שוין, ביי זיין ערשטער שליחות, געוואָלט באַווייזן, אז ניט געקוקט וואָס אלע פריערדיקע רעוויזאָרן, וואָס זיינען געווען פאַר אים, האָבן געהאַט צוגעשטעלט ראַפּאָרטן, אז די זאַסטאַוויער און די קאמעניצער יידן זיינען, לא עלינו, אמתע "בעדניאַקעס" ,וואָס פאַרמאָגן אפילו ניט קיין אייגענעם צעבראָכענעם שערבל, וועט ער דווקא באַווייזן אויפצומאָנען ביי זיי מיט איין קנאַק די "דריי הונדערט רובלדיקע" שטראָף פאַר זייערע אַנטלאָפענע זין פונם פּריזיוו.

מיט דעם באַשלוס איז ער דאָס געקומען אין שטעטל. ער האָט אָבער קיינעם דערפון ניט געוואָלט דערציילן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אז די ביטערע שטעטלשע "זשידעס" זאָלן אים דאָ עפּעס ניט אָפּטאָן א שפּיצל, ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט.

ער איז פאַרפאָרן אין אַן אכסניא. ארומגעגאַנגען אַן אָנגעכמורעטער, א בייזער. מיט קיינעם קיין וואָרט ניט גערעדט. פון צייט צו צייט געכאַפּט א שפּאַציר איבער די גאַסן, איבערן מאַרק, צווישן דעם ריאַד־קראָמען; געקוקט, געזוכט ,געפאָרשט מיט זיינע ביטערע, בייזע אויגן, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן א שרעק אויף אלעמען.

אויף וויפל דער קלוגער יודל קאַטיק האָט זיך ניט באַמיט מיט כל המצאות שבעולם ארויסצוקריגן פון אים דעם סוד פון זיין קומען אהער, איז אים ניט געלונגען .ער האָט אים שוין ניט איינמאָל געפּרוּווט געבן אָנצו־

הערעניש, אז אדרבא, זאָל נאָר דער "פריץ לעבן" זאָגן וואָס ער וויל, וואָס ער פאַרלאַנגט און וואָס איז ער דאָ אויסן מיט זיין אין שטעטל, ווער ער, אלס דער "טשלען" פון דער "מעשטשאַנסקער אופּראַווע", אים אנטקעגן קומען, אים ארויסהעלפן מיט אלעם נויטיקן, ווי ער איז זיך נוהג מיט אלע רעוויזאָרן, וואָס זיינען געקומען פאַר אים . . . עס האָט אָבער גאָרנישט ניט געהאָלפן. דער גוי איז אלץ געבליבן איינגעשפּאַרט ווי א יונג פערד, וואָס מען האָט אים צום ערשטן מאָל איינגעשפּאַנט אין א וואָגן.

יודל קאָטיק, דער שטאָלצער יידישער שתדלן, איז געווען אויסער זיך פון פאַרדראָס. אים איז איצט ניט געגאַנגען אזוי אין דעם וואָס דער רעוויזאָר וועט דאָ אומגליקלעך מאַכן ניט איין אָרעמען יידן, נאָר דער עיקר האָט אים געאַרט, וואָס זיין גאַנצע רעפּוטאַציע אלס דער באַשיצער פון פון זיינע יידעלעך שטייט איצט אינגאַנצן אין קאָן . . . ס'האָט זיך אָנגעהויבן א שטילע, פאַרביטערטע "מלחמה" צווישן דעם כיטרען, קלוגן יידן, יודל קאָטיקן, און דעם בייזן גוי, דעם רעוויזאָר, ווער וועמען ס'וועט דאָ בייקומען . . .

אין שטעטל איז דערווייל געוואָרן א בהלה: ווער ווייס וואָס פאַר א צרות אָט דער ערל, ימח שמו, וועט נאָך דאָ אָפּטאָן? — האָבן יידישע קרעמער, שענקער און "די דריי הונדערט רובלדיקע יידן", די "קייזערלעכע בעל חובות", זיך געשושקעט איינער מיטן אנדערן.

באלד האָט איטלעכער אָנגעהויבן באַשטאַטן זיין "טריפענע סחורה": איינער די פעקלעך טיטון אָן די באַנדעראָלן, א צווייטער די פלעשלעך קוואַס, די "מאָנאָפּאָלקעס" בראָנפן, א דריטער די פעקלעך שוועבעלעך און נאָך אזעלכע מינים סחורות פון וואָס שטעטלשע יידן האָבן געצויגן זייער בידנע חיונה. מלמדים, וואָס לויטן געזעץ האָבן זיי אויך געדאַרפט האָבן פּאַטענטן, האָבן פאַנאַנדערגעלאָזן די חדרים. יידן זיינען ארומגעגאַנגען ווי אָן קעפּ. מען האָט זיך געשראָקן פאַר יעדער שאָרך, פאַרן אייגענעם שאָטן. אומעטום זיינען געשטאַנען קופּקעלעך מענטשן און האָבן זיך געסודעט; איטלעכער האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן צו הערן וואָס מען רעדט; יעדער איינער האָט געגעבן אַן אנדער עצה, ווי אזוי איבערצוקומען אָט דעם נייעם רעוויזאָר, דעם מלך חדש . . . שטעטל האָט זיך געוויגט. מען האָט זיך ארומגעדרייט פאַר דער אכסניא, וווּ ער איז איינגעשטאַנען. מען האָט געשנאַפּט, געפּאָרשט — אפשר וועט מען פון דאָרטן עפּעס דערגיין . . . וואָרים ניט אומזיסט זיצט שוין דאָ דער פריץ דעם דריטן טאָג, און שטאָט ווייס נאָך אלץ ניט וואָס ער איז און וואָס ער וויל . . . און די שעהן, און די טעג האָבן זיך געצויגן אזוי לאַנג ווי דער יידישער גלות.

יודל קאָטיק האָט אויך ניט גערוט. אין דער שטיל, אז קיין בן־אָדם זאָל ניט וויסן, האָט ער פאַררופן צו זיך די "פּני" פון שטאָט, און זיך מיט זיי לאַנג מתיעץ געווען. ער האָט אויך ארויסגעשיקט "מרגלים", שטאַפעטן, וואָס זיינען אלע ווילע געקומען צו לויפן און אים אָפּגעגעבן ראַפּאָרטן. אָבער די אלע עצות ותחבולות זיינע, האָבן גאָרנישט ניט געהאָלפן. דער רעוויזאָר האָט

נאָך אַלץ געבלאָזן פון זיך, אַרומגעגאַנגען אַ ברוגזער, אַן אָנגעבמורעטער אײַ־בערן שטעטל, געקוקט מיט ביסטרע אויגן, ווי ער וואָלט געלויערט וועמען דעם ערשטן פון די זשידעס אָנצוכאַפּן ביים גאַרגל.

יודל קאַטיק איז אוועק צום רב, זיך פאַרשפּאַרט מיט אים אין אַ חדר־מיוחד איף היבשע עטלעכע שעה. וואָס זיי האָבן דאָרט גערעדט און באַשלאָסן האָט קיין ילוד אשה ניט געטאָרט וויסן. שטעטל אָבער האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס וואָס וועט אַרויסקומען פון אָט דער דאָזיקער געהיימער אסיפה.

און טאַקע באותו היום, נאָך אינם זעלבן טאָג, האָט שטעטל פּלוצלונג דערהערט ווי אַלטערקע דער אונטער־שמשל רופט אויף זיין קוויטשיקן קול "אין שול אַריין", ווי ס'וואָלט איצט גאָר ניט געווען אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, נאָר פרייטיק, ערב שבת, צו ליכט בענטשן. עס איז באַלד געוואָרן אַ טרעוואָגע. מ'האָט אָנגעהויבן לויפן פון די הייזער, פון די קראָמען און געוואָלט דערגיין פון אַלטערקען דעם שמשל די סיבה פון זיין פּלוצלונגדיקן רופן אין שול אַריין, אָבער מ'האָט פון אים גאָרנישט ניט געקאָנט אַרויסקריגן. אויף אַלע זייערע פראַגן, האָט ער געהאַט בלויז איין ענטפער:

— דער רב האָט געהייסן רופן, רוף איך!

— אין שול אַריין! אין שול אַריין! . .

און ער האָט באַלד אוועקגעהאָפּסלט אויף זיין הינקענדיקן פוס, ווייטער איבערן שטעטל און זיך נאָך העכער צעשריען:

— אין שול אַריין! אין שול אַריין! . .

קרעמער האָבן אויף גיך געגומען פאַרהאַקן זייערע קרעמלעך. באַל־מעלאָכעס האָבן אוועקגעלייגט שער און אייזן, און אַלע, ווי איינער, האָבן זיך אוועקגעלאָזט צום גרויסן "מויער" בית־מדרש, וואָס איז כהרף עין פול געוואָרן מיט מאַנצבילן, ווייבער און קינדער. אַלע זיינען געווען געשפּאַנט. אַלע האָבן שוין געגאַרט צו הערן וואָס דער רב זייערער האָט צו זאָגן.

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן דער רב מיט יודל קאַטיקן ביי זיין זייט. דער געפּאַקטער עולם האָט געמאַכט פאַר זיי אַ וואַרע. באַלד זיינען ביידע, דער רב און קאַטיק, אַרויף מיט גיכע טריט אויפן באַלעמער. דער אַלטער אויבער־שמש, ר' יודל, האָט געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ אין "שלחן". ס'איז אָנשטאַנען אַן אויסערגעוויינלעכער שטילקייט. דער גאַנצער עולם האָט געוואַרט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, געקוקט מיט נייגעריקע אויגן דאָ אויפן רב און דאָ אויף יודל קאַטיקן, זייער "פּרנס העיר".

דער רב האָט אָנגעשטעלט זיין שאַרפן בליק אויפן פאַרזאַמלטן עולם און אַרויסגעלאָזן אַ שווערן קרעכץ, אָפּגעצויגן דעם אָטעם, ווי ס'וואָלט אים פאַרפעלט לופט, אַרויסגעצויגן פון זיין הינטערשטער קעשענע זיין באַבלימטן טיכל, אָפּגעווישט מיט אים דעם שוויים פון זיין וויים־בלייכן שטערן, אָפּגעהוסט און גענומען ריידן שטיל, געלאַסן, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך צוהערן צו זיינע אייגענע רייד.

— מורי ורבותי, ווי איר ווייסט אלע, איז איצט אן ״עת צרה ליעקב״. אונדזער קהילה קדושה שטייט איצט בין המצרים . . . עס דראָעט א געפאַר, אז ניט איין ייד זאָל חלילה פארלירן זיין חיונה. מיר האָבן שוין אויסגעפּרווט אלע מיטלען, פּונקט ווי אונדזער פּאָטער יעקב, בעת ער האָט געדארפט גיין זיך באַגעגענען מיט זיין ברודער עשו הרשע, אָבער דער היינטיקער עשו הרשע איז נאָך אלץ געבליבן איינגעעקשנט . . . — האָט דער רב גערעדט בלשון רמיזה . . . אָבער אלע האָבן פארשטאַנען וווהין ער צילט מיט זיינע ווערטער . . .

— דעריבער, מורי ורבותי, דארפן מיר מפשפש במעשים זיין, תשובה טאָן, תפילה טאָן, אז רבש״ע זאָל זיך מרחם זיין אויף אונדז און צעשטערן די בייזע מחשבות פון אונדזערע שונאים.

— לכן, דעריבער, בין איך אלס מרא דאתרא, דער רב פון שטאָט, גוזר באלה ובשבועה, אז פון איצט אָן און ווייטער, זאָל קיינער ניט ארויסגיין און ניט ארויספאָרן פון שטאָטישן גבול. דער סוחר זאָל ניט פירן קיין משא ומתן; דער קרעמער זאָל ניט עפענען זיין קראָם; דער באַלמעלאָכע זאָל זיך ניט דער־נעענטערן צו זיין ווארשטאַט; און דער בעל עגלה זאָל ניט איינשפּאַנען זיין פערד און וואָגן, אזוי ווי ס׳וואָלט געווען שבת שבתון. יעדער ייד, פון דרייצן יאָר אָן און ווייטער, זאָל זיך געפינען אין בית־מדרש און זיך אָפּגעבן מיט תורה און מיט תפילה.

— און ווער ס׳וועט חלילה עובר זיין אויף מיין געבאָט, — האָט דער רב אויסגערופן שוין הויך מיט א ציטערדיקער שטימע, — וועט באַטראַכט ווערן ווי א פּורץ־גדר, ווי א מחלל־שבת בפרהסיא. ביז דער רבש״ע וועט זיך דערבארעמען איבער אונדז און אויסלייזן אונדזער שטאָט פון גלות, בתוך כלל ישראל . . . און ודי לחכימא ברמיזה. איך האָף, האָט דער רב אויסגעפירט, אז איר וועט אלע אויספילן מיין געבאָט על צד היותר טוב . . .

א ציטער איז אריבער דער עדה יידן איבערן לייב. וואָרים אזוינס האָט מען נאָך ניט געהערט אין קיין שום יידישן גבול, אז מ׳זאָל נעמען אין סאמע מיטן דער וואָך און פארוואנדלען אין שבת. וואָס הייסט מ׳וועט ניט ארבעטן? ניט האנדלען? ווי וועט שטאָט קאָנען דורכלאָזן דאָנערשטיקן מארק־טאָג? אָבער, אז דער רב, זאָל לעבן, מיט זייער ״טשלען״ יידל קאָטיק האָבן אזוי באַשלאָסן, איז מסתמא ווייסן זיי וואָס זיי טוען, איז דאָך ניט שייך צו פרעגן קיין קשיות.

און טאקע נאָך אין דעם זעלבן טאָג האָט שטעטל מיטאמאָל באַקו־מען א שבתדיקן אויסזען. אלע קרעמלעך זיינען באלד געשלאָסן געוואָרן; אלע מארק־געשטעלן זיינען פארמאכט געוואָרן. די מייסטערס האָבן אוועק־געשיקט אהיים זיינע פּועלים, די מלמדים האָבן פאנאנדערגעלאָזן זייערע חדרים, ווי איטלעכער וואָלט מורא געהאַט, אז ער זאָל חלילה ניט מחלל־שבת זיין. און כדי דער ״יום מנוחה״ זאָל אויסקוקן ווי אן אמתער טאָג שבת, האָט איטלעכער, פון קליין ביז גרויס, זיך אויסגעפּוצט אין זיינע שבת־יום־טובדיקע קליידער. אין די הייזער אויף די טישן האָט מען פארשפּרייט ווייסע טישטוכער. ס׳האָט נאָר געפעלט אז מ׳זאָל אָנצינדן די שבתדיקע בענטש־ליכט.

דאַנערשטיק אינדערפרי, זיינען די פויערים פון די ארומיקע דערפער געקומען צו פאָרן קויפן אויפן שטעטלשן מארק, ווי אין יעדער דאַנערשטיק פון דער וואָך און צו פארקויפן זייערע דאָרפישע פראָדוקטן: הינער, הענער, אייער, תבואה, חזיר־האָר וכדומה. אָבער צו זייער גרויסער דערשטוינונג האָבן זיי געטראָפן א שבת־יום־טובדיקע שטאָט: די קראָמען געשלאָסן, די שענקען פארמאכט. זיינען זיי געבליבן שטיין צעטומלטע און ניט געוווסט וואָס איז דאָ געשען. ווער וויס, אפשר האָבן זיי געמאכט א טעות אין חשבון פון די טעג פון דער וואָך?

די פויערים האָבן זיך איבערגעקוקט איינע מיט די אנדערע מיט שרעק און גענומען ציילן אויף די פינגער די טעג: זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך — דאכט זיך עס שטימט ריכטיק — היינט איז פאָרט דאַנערשטיק און ניט סובאָטא — שבת?! טאָ ווו זיינען אהינגעקומען אלע זשידקעס פון שטאָט? . .

מיטאמאָל האָבן די יידן, אויסגעפוצטע אין זייערע שבתדיקע קליי־דער, זיך ארויסגעלאָזן פון די בתי־מדרשים, געגאנגען איבערן מארק מיט שטילע, געמאָסטענע, שבתדיקע טריט, צו זיך אהיים עסן "ווארעמעס", און האָבן אפילו ניט געשענקט קיין מינדסטן בליק צו די גויים, וואָס זיינען געשטאנען ביי זייערע וועגענער.

די גויים זיינען געבליבן שוין גאָר צעמישט. זיי האָבן זייערע אייגענע אויגן ניט געגלויבט וואָס זיי זעען. עפּעס א שרעק איז זיי באפאלן פאר די שבתדיקע יידן . . . ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיי געזאָגט איינער צום אנדערן, איז טאקע היינט שבת ביי די זשידעס, טאָ ווי איז פאָרט אהינגעקומען דער טאָג דאַנערשטיק און דער טאָג פרייטיק? עס שטימט דאָך גאָר ניט מיטן חשבון? ניט אנדערש, אז זיי האָבן, מיט זייערע גראָבע, פויערשע קעפּ, געמאכט א טעות, א פּלאָנטער? זיי האָבן זיך געקראצט אין די פּאטיליניצעס, געוויקלט פּאפּיראָסן מאכאָרקע, געראויכערט און געשפּיגן און געשאָלטן . . .

עס איז אוועק א שעה, צוויי און דריי שעה. די זון איז שוין געשטא־נען העט־ווייט אין מיטן הימל. און די גאנצע צייט איז אפילו קיין זשידעק און קיין איין זשידאָווקע ניט צוגעקומען צו זייערם א וואָגן, א שמעק טאָן, א טאפּ טאָן און זיך א דינג טאָן. אָנשטאָט דעם זיצן זיך איצט די זשידקעס אויף זייערע גאניקעס און בריקלעך, אנדערע שפּאצירן ארום איבער די גאסן, ווי עס וואָלט היינט געווען ביי זיי דער גרעסטער "פּראזדניק" (יום־טוב). איז זיי באפאלן א טויט־שרעק. זיי האָבן ניט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. דער טאָג וועט באלד "אויסרינען" און זיי וועלן דארפן אוועקפאָרן צוריק אין דאָרף אריין מיט זייערע פּראָדוקטן און וועלן ניט האָבן מיט וואָס איינצו־קויפן שטאָטישע סחורות.

פון גרויס פארצווייפלונג, האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן, ווי די פארסמטע מייז, איבערן מארק, געקלאפּט אין די טירן פון זייערע גוט־באקאנטע קרעמער און שענקער, מיט וועלכע זיי האָבן יאָרן־לאנג געהאנדלט, און זיך גענומען

בעטן ביי זיי, אז מען זאָל זיך דערבאַרעמען אויף זיי און זיי באַרגן כאָטש א פּאָר פונט זאַלץ, א פעקל שוועבעלעך, א ליאַטשיקל גאַזע, א פעקל טיטון אויף צו רויכערן און נאָך אַזעלכע נויטיקע זאַכן.

די קרעמער האָבן אויף זיי מכלומרשט געשריען און געהאַט צו זיי טענות, למאי זיינען זיי גאָר געקומען אויפן מאַרק אין אַזא יום־טובדיקן טאָג . . . פונדעסטוועגן האָבן די יידן, ווי רחמנים בני רחמנים, אריינגענומען די גויים דורך דער הינטער טיר און זיי געגעבן די סאַמע נויטיקסטע זאַכן אויף באָרג, ווייל, כידוע, איז פּיקוח נפש דוחה שבת . . .

די גויים האָבן געכאַפּט פון די יידישע קרעמער די אַרטיקלען מיט ציטערדיקע הענט, זיי שטאַרק באַדאַנקט און אָנגעוואונטשן זיי א פולן קאָפּ מיט ברכות און זיי פאַרזיכערט, אז נאָך אַמאָל וועלן זיי שוין זיין קליגער און פאָרזיכטיקער און ניט אריינפאָרן אום שבת אין שטעטל . . .

יודל קאַטיק, אַן אויסגעפּוצטער אין זיין שבת־יום־טובדיקן גאַרניטור, מיטן האַרטן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ, און זיין ווייב מאַטקע, די שיינע אַריס־טאָקראַטישע פרוי, אויך אָן אויסגעפּוצטע אין אירע שענסטע קליידער, מיט די גאָלדענע פּענסנע אויף דער נאָז, האָבן, ווי יעדער שבת ביי טאָג, זיך אַרויסגעלאָזן אויף א שפּאַציר איבער די גאַסן און איבער דעם ליידיקן מאַרק.

יודל קאַטיק, דער גרויסער תקיף, דער שטאָט־באַלעבאָס, איז זיך געגאַנ־גען מיט א שמייכעלע און ס'האָט אים הנאה געטאָן, וואָס ער מיט זיין שאַרפן קעפּעלע, האָט מיט איין "שמע ישראל" געקאָנט פאַרוואַנדלען א גאַנצע שטאָט מיט יידן אין שבת־יום־טובדיקע, און אַלץ גייט לויט זיין פּלאַן. ער איז געוועזן ביי זיך זיכער, אז פון דער שטילער "מלחמה" צווישן אים און דעם בייזן, משוגענעם רעוויזאָר, וועט ער אַרויסקומען דער זיגער.

אויף אים קוקנדיק איז באַלד גאַנץ שטאָט, מאַנצבילן, ווייבער און קינדער, און די גאַנצע יוגנט, אויך אַרויס שפּאַצירן איבער די גאַסן, פריילעך געקנאַקט דיניע־קערלעך, ווי ס'וואָלט טאַקע געווען שבת אויף דער גאַנצער וועלט . . .

דער נייער, יונגער, שטרענגער רעוויזאָר איז געווען צעמישט. אויף אַזא אומגליק האָט ער זיך גאָר ניט גערעכנט. זינט ער איז געקומען אין שטעטל האַלטן די זשידעס עפּעס אין איין "פּראַזדניעווען"? ער איז שוין געלאָפן צום סוויאַשטשעניק, צום רוסישן גלח און צום רוסישן שטעטלשן "סודיאַ" (ריכטער), פרעגן אפשר ווייסן זיי וואָס איז דאָס פאַר א זשידאָוו־סקע יום־טוב און ווי לאַנג וועט ער זיך אַזוי ציען? אָבער אויף אַלע זיינע פּראַגעס, האָבן זיי געהויבן מיט די פּלייצעס, זיך געמאַכט כלא ידע. זיי האָבן נאָך פון אַזא יום־טוב ניט געהערט, און ווייסן אפילו ניט וואָס זיין נאָמען איז . . .

דער רעוויזאָר איז געווען ממש פאַרצווייפלט. ער האָט זיך גאָר קיין עצה ניט געקענט געבן. ער האָט קיין צייט ניט. עס ברענט אויף אים די הויט,

וואָרים לויט זיין פּלאַן, האָט ער שוין לאַנג געדאַרפט זיין אין א צווייטן שטעטל. ער איז דאָך ניט געקומען אהער צו פּראַווען אינאיינעם מיט די פאַרשאָלטענע זשידעס זייער „פּראַזדניק״! ער האָט שוין אפילו בדעה געהאַט זיך אָנצו־פרעגן אין „אויעזד״, ביי זיין העכערער נאַטשאַלסטוואָ, וואָס צו טאָן. איז אָבער די צרה, וואָס דער ראָזנאָסטשיק, וואָס פירט די פּאָטשט, איז אויך א זשיד און וויל ניט פאָרן אום שבת . . .

ער האָט אייגנטלעך געדאַרפט קלאַפּן א טעלעגראַמע, האָט ער אָבער מורא, אז ער קאָן נאָך חלילה דערצערענען זיין העכערן נאַטשאַלניק, וואָס ער דרייט אים א קאָפּ. פאַר כעס קאָן ער נאָך אים אראָפּזעצן פון זיין „מלוכה־שטעלע״. . .

אָבער דאָס ערגסטע איז פאַר אים, וואָס ער האָט ניט וואָס צו עסן און וואָס צו רויכערן. זיין יידישער בעל אכסניה, וואָס איז די ערשטע פּאָר טעג געשטאַנען פאַר אים ווי פאַר א פּריץ — אריינגעטראָגן צו אים אין צימער צוויי מאָל א טאָג א הייסן סאַמאָוואַר מיט א געשמאַקן מאָלצייט, האָט זיך פּלוצלונג אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן און וויל אים מער ניט באַדינען, ס'איז, — זאָגט ער, קעגן זיין „זאַקאָן״ (געזעץ) ס'איז ביי אים יום־טוב . . .

דער רעוויזאָר האָט געקריצט מיט די ציין, געשאָלטן אלע „זשידעס״ מיט אלע זייערע יום־טובים. ס'האָט אים אָבער גאָרניט געהאָלפן. דער זשי־דאָווסקי פּראַזדניק האָט אים געהאַלטן ווי א געפאַנגענעם, איז אים געשטאַ־נען ווי א ביין אין האַלדז, אזוי אז ער האָט זיך גאָר קיין ריר ניט געקאָנט טאָן. ער איז געווען ממש א פאַרצווייפלטער.

ענדלעך פון גרויס דערשלאָגנקייט, האָט דער רעוויזאָר געשיקט רופן צו זיך אויף דער אכסניא יודל קאָטיק, דעם טשלען פון דער מעשטשאַנסקער אופּראַווע, אז ער וויל זיך מיט אים דורכריידן אויג אויף אויג. און אגב זיך פון אים דערוויסן ווי לאַנג עס וועט נאָך געדויערן די יידישע „חגא״. . .

יודל קאָטיק, ווי א דורכגעטריבענער דיפּלאָמאַט, האָט באַלד דערשפּירט ווי זיין קעגנער איז שוין א דערשלאָגענער. און כדי דער ניצחון זאָל אים זיין נאָך זיסער, האָט ער, דער תקיף, באַשלאָסן צו שפּילן זיין ראָל ביזן סוף, ביזן סאַמע קלימאַקס, און אָנרייבן דעם יונגן, נאַרישן רעוויזאָר אזוי די מאָרדע, אז ער זאָל שוין האָבן צו געדענקען! האָט ער זיין שליח געענטפערט, מכלומרשט קאָלטבלוטיק, בזה הלשון:

— גיי, זאָג דיין אדון הגדול, אז היינט איז ביי מיר יום־טוב, א גרויסער יום־טוב ! . . דעריבער וויל ער ניט און טאָר זיך ניט פאַרנעמען מיט זיינע אמטלעכע פליכטן אלס דער פאָרשטייער פון דער „יעווריעיסקאַי אָב־שטשינע״ (קהילה). נאָר אויב דעם נאַטשאַלניק איז ווילגעפעלן, און ער וויל זיך מטריח זיין און אריבערקומען צו אים אין הויז, זיך דורכשמועסן אביסל, איז פּאָזשאַלויסטאַ, מהיכא תיתי, פאַרוואָס ניט ? . .

דער רעוויזאָר האָט בלית ברירה געמוזט נעבעך פאַרבויגן זיין כבוד, און איז דעם זעלבן אָוונט אַריבערגעטראָטן דעם שוועל פון יודל קאַטיקס הויז, ווו ער האָט געטראָפן אַ גרויסן באַדעקטן טיש מיט כל־ערליי יום־טובדיקע מאכלים, וויין און בראַנפן כיד המלך, וואָס די קלוגע און די גרויסע אשת חיל, מאַדאַם מאַטקאַ קאַטיק, האָט צוגעגרייט . . .

די באַלעבאַטים האָבן דעם "גאַסט" באַלד פאַרבעטן צום טיש. דער רעוויזאָר האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן. ער, אַ שטאַרק אויסגעהונגערטער, האָט זיך באַלד אַרויפגעוואָרפן ווי אַ הונגעריקער וואָלף אויף די געשמאַקע יידישע מאכלים און זיי פאַרצערט ביזן סוף. יודל קאַטיק האָט אים אַלע ווײַלע אָנגעגאָסן איין גלעזל בראַנפן נאָכן אַנדערן. דער רעוויזאָר האָט אַזש געשוויצט, געריבן אויף ביידע באַקן און אַלע ווײַלע אַריינגעגאָסן אין זיך איין גלעזל משקה נאָכן צווייטן, אַזוי אַז ער האָט זיך אַזש פאַסמאַקעוועט און שטאַרק געלויבט פרוי קאַטיקס געשמאַקע, ווונדערלעכע מאכלים . . .

און ערשט "כטוב לב המלך ביין", ווען דער ערל איז שוין געווען היבשלעך פאַרשניאַשקעט, האָט יודל קאַטיק אים אונטערגערוקט דעם גאַנצן פּאַק פאַטענטן פון די שטעטלשע קרעמער און שענקער צום אונטערשרייבן.

דער אָדון הגדול, דער רעוויזאָר, האָט ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און האָט אויף איטלעכן יידישן פאַטענט אָוועקגעלייגט זיין "כשרע" חתימה, ד"ה, אַז נאָך אַ לאַנגער חקירה ודרישה, האָט ער אויסגעפונען, אַז אַלץ איז דאָ שריר וקים, פיין און אָרנטלעך . . . און דערפאַר האָט יודל קאַטיק, דער יידישער שתדלן, פון זיין זייט, אים באַלד אויסגעריכט בכבוד גדול אין וועג אַריין, און אים נאָך געגעבן צושטייער אַ פּאָר רובל אויף הוצאות הדרך . . .

עס איז באַלד געוואָרן ששון ושמחה אין שטעטל. מ'האָט זיך אָפּגעגעבן איינער דעם אַנדערן מזל־טוב. גאַנץ שטאָט, פון קליין ביז גרויס, האָט זיך באַלד אַ לאָז געטאָן צו יודל קאַטיקס הויז, מען האָט יודל קאַטיקן אַ נעם געטאָן אונטער די אָרעמס און אים געפירט מיט גרויס פּאַראַד צום רב אָנצוזאָגן אים די גרויסע בשורה.

דער רב, אַ צופרידענער, אַ גליקלעכער, האָט פון גרויס פרייד זיך געריבן די הענט און געזאָגט מיט אַ הלצהלע:

— אויב אַזוי, דאַרף מען טאַקע מאַכן "הבדלה", נעמען צו ביסלעך משקה.

און טאַקע באַלד איז אויסגעוואַקסן ביים רב אויפן טיש דאָס ביסעלע גוטע משקה, מיטן אמתן, זיסן, שטאַרקן ווישניאַק. מען האָט געטרונקען לחיים און זיך געוווּנטשן צו דערלעבן ישועות ונחמות אויף יידן . . .

און ווען ס'איז שוין געהאַט אַריבער די ערשטע התלהבותדיקע פרייד, האָט דער רב אַ גלעט געטאָן, מיט זיין איידעלער, ווייסער האַנט, איבער זיין שוואַרצער באָרד, און מיט אַ שטילן, געמיטלעכן קול גענומען זאָגן פאַרן עולם אַ קורצע דרשה מיט אַ מוסר־השכל:

— אָ, ווען אַלע יידן וואָלטן אזוי אָפּגעהיט דעם אמתן שבת־קודש, ווי מיינע קאמעניצער און זאסטאווויער יידן האָבן אָפּגעהיט דעם "יום מנוחה" צוליב דעם רשע מרושע, דעם רעוויזאָר, וואָלט שוין טאקע לאנג געווען גע־קומען די אמתע גאולה שלמה אויפן כלל ישראל . . . — האָט דער רב פאר־ענדיקט מיט א קרעכץ . . .

און אויפן פארלאנג פונם רב, דעם מרא־דאתרא, האָט מען די דאָזיקע אויסטערלישע פאסירונג, ווי אזוי דער קלוגער יודל קאָטיק האָט געפירט דעם רוסישן רעוויזאָר אין באָד אריין, באלד פארשריבן אינם שטעטלשן פנקס, כדי צו צוקונפטיקע דורות זאָלן וויסן וואָס פאר א כוח עס ליגט אינם יידישן שבת . . . און אינם אייביקן יידישן ביטחון . . .

דער מזכיר, דער פנקס־שרייבער, וואָס איז געווען א גרויסער בעל־מליצה, האָט דעם שלעכטן, בייזן רעוויזאָר אָנגערופן מיטן נאָמען — המן הרשע, יודל קאָטיקן דעם שתדלן — מרדכי הצדיק, און זיין ווייב, די קלוגע אשה צנועה וחשובה מרת מאָטקע קאָטיק — מיטן נאָמען אסתר המלכה, ווייל א דאנק איר גוטער געשמאקער סעודה, איז שטעטל פטור געוואָרן פונם צורר היהודים — דעם רוסישן רעוויזאָר . . .

שאול־נחום דער קארגער גביר

א

געווען איז שואל־נחום דער גביר א ייד א בעל מגושם, א הויכער, מיט א שווערן, לייביקן גוף, מיט א גרויסן, אומגעלומפערטן קאָפּ; דאָס פּנים באוואקסן מיט א ווילדער באָרד; אויגן קליינע, פאַרזשמורעטע; די נאָז — א היבשע, א פליישיקע, אויף וועלכער ס'האָט שטענדיק געריטן א פּאָר טונקעלע, שווארצע ברילן, כדי צו באשיצן זיינע אויגן פון דער זון; ליפּן גראָבע, ווי ביי אן אפריקאנער זולו; הענט — לאנגע, שווערע, מיט אָנגע־בלאָזענע פינגער, ווי פעטע פּאמפּושקעס; פיס — גרויסע, שווערע, קלעצל־דיקע, וואָס האָבן זיך אזש געבויגן אונטער דער שווערער מַשא פון זיין מאסיוון גוף, וואָס זיי האָבן נעבעך געדארפט טראָגן אויף זיך.

פארשטייט זיך, ווען אזא ייד, מיט אזא שווערער ״מעכאנינע״ וואָלט געדארפט ציען זיין חיונה, ווי יעדער איינער אין שטעטל, פון שווערער מי און פּראצע, וואָלט ער געווען אן אָרימאַן אין זיבן פּאָלעס. עס וואָלט אים שוין אויך ניט געלעגן אין זינען צו פּראווען זיינע ווילדע שטיק, כלערליי משוגעתן און קאפּריזן, וועגן וועלכע מיר וועלן שפּעטער דערציילן.

איז ער דאָך אָבער געווען א גביר, און כידוע, איז א גביר שטענדיק א בר־מזל, אניט וואָלט ער דאָך קיין גביר ניט געווען . . . האָט אים גאָט, ברוך הוא, צוגעשיקט זייער א גרינגע פּרנסה — וווכעריי, ד״ה, ער פלעגט אנט־לייען געלט אויף פּראָצענט צו גויים, צו סוחרים, וואָס האָבן געפירט גרויסע מסחרים, און אויך צו פּריצים, וואָס האָבן פארמאָגט גרויסע מאַיאָנטקעס.

אָבער ניט אזוי גרינג איז אָנגעקומען צו קריגן ביי אים א נויטיקע הלוואה. ווייל בטבע איז שאול־נחום, דער גביר, געווען זייער א פּינקטלעכער און א פּאָרזיכטיקער מענטש; אלץ וואָס ער האָט געטאָן, האָט געמוזט זיין מיט א סדר, מיט א טאָלק און מיט א פּלאַן. האָט ער זיך געהייסן פריער צושטעלן שוה־כסף, ווערטפולע משכנות, ווי שנירעלעך פּערל, דימענטענע אויירינגלעך, גאָלדנע בראסלעטן, קייטעלעך און רינגעלעך, זיי אָפּגעשאצט און אָפּגעוווויגן אז זיי זאָלן זיין ווערט ״עובר לסוחר״. און ווער ס'האָט ניט פארמאָגט אזעלכע טייערע שמוק־זאכן, איז אויך געווען גוט ״אייזערנע״ דאָקומענטן: שטר־מכירהס, ״קופּטשעס״ אויף הייזער און ברייזער, אויף פעלדער, גערטנער און נאָך אזעלכע ״נכסי דלא ניידי״. ערשט דעמאָלט האָט ער אויפגעשלאָסן זיין אייזערנעם קופערט און אויסגעצאָלט די מזומנים . . .

געווען איז ער אויך א יודע ספר, א גרויסער קענער אין חשבון, אין דער חכמת המאטעמאטיקע; געקענט אָנשרייבן א לשון־קודשדיקן בריוו מיט אלע פּליטערלעך: גערעדט רוסיש, ווי א רוסאק; פּויליש — ווי דער גרעסטער שׂרה; און ווען מען האָט געדאַרפט, האָט ער אפילו אויך געקאָנט ריידן א גוטן לשון אשכנז — דייטש, כאָטש ער איז קיינמאָל ניט געווען אין דעם לאַנד פון דייטש. דאָס האָט ער זיך שוין געהאט אויסגעלערנט אליין, מיט דער הילף פון "משה מענדלסאָנס תנ"ך" מיט דער דייטשישער איבער־זעצונג . . .

אן אנדער שטעטל וואָלט זיכער געווען שטאָלץ מיט אזא גביר, וואָס איז א מושלם בכל המעלות, אָבער שטעטעלע זאסטאווע האָט ניט נאָר ניט געהאט פאר אים קיין דרך־ארץ, נאָר זי האָט אים אויך פיינט געהאט בתכלית השׂנאה, ווי א פרומער ייד האָט פיינט חזיר. דאָס איז שוין געווען זיין אייגענע שולד, מחמת ער איז געווען, ניט פאר קיין יידן געדאַכט, א ווילדע בריאה, א גרויסער טשודאק און א מוראדיקער קמצן, וואָס נאָך אזעלכן איז שווער געווען צו געפינען, אפילו ווען איר וואָלט אויסגעפאָרן א גאַנצע מדינה.

וואָרים זאָגט אליין, פלעגן די זאסטאווער ווייבער טענהן מיט כעס, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אז א גביר, וואָס פאַרמאָגט קורחס אוצרות, זאָל ניט וועלן אריבערלאָזן אן אָרעמאַן איבערן שוועל?! קומט מען צו אים אמאָל בעטן אביסעלע יויך, צי איינגעמאכץ צו דערקוויקן א חולה מסוכן אָדער אן אָרעמע קימפעטאָרין, טרייבט ער פון שטוב ארויס! און אליין זיצט עס איבערן שיסל געבראָטנס און פאַשעט דעם אייגענעם טרעלבויך! זאָל עס אים נאָר אויספאַלן באָקאָם, רבונו של עולם! ווערים זאָלן אים עסן לעבעדי־קערהייט! איבער די הייזער זאָל ער נאָך גיין! אין הקדש זאָל ער ליגן און פוילן! אין פרעמדע תכריכים זאָל מען אים באַגראָבן!

אָט מיט אזעלכע "טויטע" קללות פלעגן די שטעטלשע פרומע יידענעס, זיינע שכנהס, אים שעלטן, אויסגיסן אויף אים די גאַנצע תוכחה. אָבער ס'האָט אים גאָרניט געשאַדט, ווי ניט אים מיינט מען. און ס'האָט אים כלל גאָרניט געקימערט וואָס שטעטל טראַכט וועגן אים. פאַרקערט, ער האָט זיך נאָך באמת צו זיין וואָס ווייטער פון זיינע שכנים, וואָס האָבן געקוקט אויף אים ווי ער וואָלט געווען א פרעמדער אין זייער מיטן. אויסער שבת און יום־טוב, איז ער אפילו ניט געקומען אין בית־מדרש צום מנין דאַווענען. און ווען ער איז שוין יאָ געקומען, פלעגט ער זיך אוועקשטעלן אויף זיין מזרח־שטאָט, לעבן אָרון־קודש, מיטן פנים צו דער וואַנט און מיטן רוקן צום עולם און מיט קיינעם קיין וואָרט ניט גערעדט.

אָבער וויפל ער האָט זיך ניט געסטאַרעט זיך אָפּצוזונדערן און זיך אָפּצושליסן פון דער דרויסנדיקער וועלט, האָט די "גרויסע וועלט" — שטע־טעלע זאסטאווע, זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, און דווקא געוואָלט וויסן וואָס עס קאָכט זיך ביי אים אין טעפּל . . . ס'האָבן זיך אפילו געפונען טשיקאַווע מענטשן, וואָס האָבן אויסגערעכנט און אויסגעחשבונט וויפל אָן ערד הינער, גענדז און קאַטשקעס ער עסט אויף אין משך פון יאָר . . .

און וויפל א שטייגער בארעס־געלט און וואסערע טייערע משכנות עס ליגן ביי אים פארשלאסן אין זיינע אייזערנע קופערטן, וואס שטייען ביי אים אין זיין "ספאלניע", אין זיין שלאפצימער . . .

אבער עס וועט ניט זיין קיין גוזמא, ווען מיר וועלן זאגן, אז אט דער גביר, שאול־נחום, איז מיט זיין גאנצער עשירות געווען אפשר דער אומגליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט, אזוי אז עס איז אים גארניט געווען וואס מקנא צו זיין, ווי מיר וועלן עס אייך באלד דערציילן.

ווי א גביר, וואס האט געלעבט פון פראצענט אויף פראצענט, האט ער זיך ארייגענומען א מאנקאליע אין קאפ אריין, א משוגעת אזא, אז ער איז ארומגערינגלט מיט שונאים, וואס לויערן אויף זיין גרויסן פארמעגן, ווילן אים רק באגנבענען, בארויבן און אונטערצינדן, ווי דאס האט שוין געטראפן אין דער געשיכטע ניט מיט איין יידישן מלווה, א פראצענטניק . . .

איז כדי זיך צו באשיצן פון זיינע בלוטיקע שונאים, וואס ווילן אים דערפירן, ניט אנדערש, ווי צו בעטל־ברויט, האט ער זיין גרויסן הויף מיט דער כודאבע, מיט אלע זיינע בנינים, הייזער, שפּייכלערס, שטאלן און שייערן, וואס האבן זיך געהאט געפונען אין סאמע מיטן שטעטל, ארומגעצוימט מיט הויכע פלויטן און פארקאנעס פון שווערע צאליקע ברעטער און אפּאלקעס, וואס זיינען געווען העכער פון א מאן די הויך, זיי באשלאגן מיט "באנדארקע", מיט דיקן בלעד און שטארקן דראט, אז קיין פרעמד אויג זאל אהין ניט קאנען ארייגקוקן. די טירן און לאדן פון זיין הויז, האט ער, פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק, פארקאוועט מיט שווערע פרענטעס, מיט אייזערנע גראטעס, פארריגלט און פארשלאסן אויף זיבן שלעסער.

און כדי זיך צו באווארענען קעגן זיינע אונטערצינדער, קעגן שריפות, האט ער לעבן יעדער וואנט פון זיינע "בודינקעס" אוועקגעשטעלט גרויסע באטשקעס און עמערס מיט וואסער, נאסע "פאמעלעס", אייזערנע בארסיקעס, אזוי אז טאמער חלילה וחס עס ברעכט אויס א פייער זאל ער האבן מיט וואס צו לעשן . . .

א חוץ דעם פלעגט ער צוויי־דריי מאל דורך דער נאכט זיך אראפּכאפּן פון זיין געלעגער, אנצינדן די לאמטערנע, נעמען דעם שווערן בונטשליסלען און זיך ארויסלאזן איבער זיין גרויסן הויף, אויפשליסן די שפּייכלערס, די שטאלן, איבערציילן די בהמות, די קעלבלעך, די הינער, די קאטשקעס און די גענדז, וואס ער אליין האט "געזעצט" און אויך די וואס ער פלעגט קריגן במתנה פון די פריצים, זיינע בעלי חובות.

זיינע שכנים פלעגן זיך וויצלען איבער אים און זאגן, אז ער פוילט זיך אפילו ניט יעדער פרימארגן איבערצוציילן די צאל עפל, בארנעס און פלוימען אויף די ביימער פון זיין גרויסן סאד. ווארים א קשיא אויף א גביר, א טשודאק און נאך א קמצן דערצו ? . .

און ערשט ווען ער האט זיך געהאט גוט איבערצייגט, אז אלץ איז אין

אָרדענונג; קיין זאך איז חלילה ביי אים ניט געמינערט געוואָרן, פלעגט ער זיך צוריק אומקערן אויף זיין געלעגער. אָבער ווי גיך ער האָט מיט זיינע שאַרפע, אָנגעשפּיצטע אויערן, אויפגעכאַפּט עפּעס א פרישן שאָרך פון דרויסן, איז ער שוין ווידער געווען אויף זיינע פיס . . .

אזוי נאכט־איין, נאכט־אויס. ווען שטעטל איז געווען פארזונקען אין שלאָף פון גערעכטע, פלעגט ער ארומגיין ווי א נאכט־וואנדלער, זוכן מיט א ליכט זיינע גנבים, זיינע רויבער, זיינע אונטערצינדער, אזוי אז ער האָט נעבעך מיט קיין אויג ניט געקענט צומאכן.

שטעטעלע זאסטאוויע האָט געלאכט און חוזק געמאכט פון זייער צעדרייטן גביר, וואָס האָט זיך איינגערעדט "א לונג און לעבער אויף דער נאָז", א קרענק אזא, טראָגט זיך כסדר ארום מיט א וויסטער שרעק, אזוי אז ער קאָן נעבעך קיין הנאה ניט האָבן פון זיין עשירות . . . איז גוט אזוי! א מצווה אויף אים! זאָל ער ניט זיין קיין קארגער הונט! הלוואי אויף אלע גבירים־קמצנים געזאָגט געוואָרן אזא וויסטע שטראָף!

און כ׳לעבן, ס׳איז טאקע געווען פון וואָס צו לאכן. וואָרים אזא שטראָף אויף א גביר, א קמצן, וואָס האָט נעבעך ניט געקענט נהנה זיין פון זיין אייגענעם פארמעגן, האָט נאָר דער שטן געקאָנט צוטראכטן . . .

ב

ווי עס ווייזט אויס, אז דאָס וואָס אונדזערע חז"ל האָבן געהאט גע־זאָגט, אז "הרבה שלוחים למקום" איז טאקע אמת. וואָרים אז דער רבונו של עולם שיקט אָן דעם שטן אויף א מענטשן זיך א שפּיל צו טאָן מיט אים, וועט אים דער שטן המשחית שוין אזוי גיך פון זיינע הענט ניט ארויסלאָזן. האָט ער אָנגעשיקט אויף אונדזער שאול־נחומען, דעם קארגן גביר, נאָך א גרעסערע צרה, און דאָס איז דעם "שונא פון דער מענטשהייט". . . וואָס איז פאר אים געווען נאָך טויזנט מאָל ערגער ווי זיין פינצטערע שרעק פאר גנבים, רויבער און אונטערצינדער.

וואָרים קעגן גנבים קאָן מען נאָך ווי עס איז געפינען אן עצה: מען הענגט אויף נאָך א שלאָס אויף דער טיר, מען קלאפּט צו נאָך א פרענטע, נאָך אן אזערנע גראַטע צום פענצטער, צום לאָדן. אָבער פון די קליינינקע ברואים־לעך, די מזיקים קטנים, מיט די שארפע ציינדלעך וואָס זיינען בבחינת "רואה ואינו נראה" איז דאָך גאָר קיין אנטרינונג ניטאָ! זיי קריכן אריין אין דיר, אין דיין איינגעווייד, אין דיינע געדערים, אין דיין שפּייז און אויף דיין געלעגער. אָט פונקט ווי די מכה "כנים", די אומפליי, מיט וועלכע גאָט האָט געשלאָגן דעם רשע, פּרעה מלך מצרים, וואָס אויפן היינטיקן מעדיצינישן לשון ווערן זיי אָנגערופן מיטן נאָמען באצילן, מיקראָבן און נאָך אזעלכע נעמען ! . . איר שפּילט זיך עפּעס מיטן שונא פון דער מענטשהייט ? . .

אזוי שטייט דאָך פארשריבן אין די גרויסע מעדיצינישע ביכער, וואָס שאול־נחום דער גביר, דער משכיל, דער וווילגעלערנטער, האָט געהאט ספּע־

ציעל אויסגעשריבן פון די גרויסע שטעט, כדי צו פארהיטן דאָס געזונט, ניט פון זיינע שטעטלשע שכנים, וואָס זיינען אים אפילו ניט געלעגן אין דער לינקער פאה, נאָר פון זיין אייגענעם גוף און דאָס געזונט פון זיינע בני־בית, ווייב און קינדער.

— וואָס, איר גלויבט אפשר ניט דעריין?! — פלעגט שאול־נחום טענהן צו זיין איינציקן גוטן־פריינט, ר׳ ישראל לוסקעלער, דעם גמרא מלמד, וואָס איז שוין אויך געווען אביסעלע אָנגעשטעקט מיט די אידייען פון דער "בת השמים", דער השכלה . . . — טאָ, נאָט און לייענט וואָס עס שרייבן די רופאים מומחים, די גרעסטע וועלט־בארימטע דאָקטוירים, די בעלי מחב־רים פון די דאָזיקע מעדיצינישע ביכער! קוקט אויף די "קארטינקעס", אויף די אויסגעמאָלטע בילדער, זעט די צעגעסענע און די צעגריזשעטע מענטש־לעכע סקעלעטן, שטיקער אברים, קעפ, הענט, פיס, לונגען, בייכער מיט צו־נויפגעדרייטע קישקעס, מיט אלע זייערע נקבים־נקבים, חלולים־חלולים, וועט איר זען וואָס פאר א חורבן עס האָט אָנגעמאכט אין זיי "דער שונא פון דער מענטשהייט" — די פארשאָלטענע מילבעלעך, די מחבלים קטנים, די מיקראָבן, ימח שמם וזכרם! וואָס האָבן נאָך א טבע זיך צו פרוכפערן און זיך צו מערן אין דעם מענטשלעכן קערפער! מ׳דארף דאָך האָבן צו זיי ממש טויזנט אויגן צו קאָנען זיך אויסהיטן פון זייער טויטלעכן גיפט ! . . ווען מען טוט נאָר א טראכט וועגן זיי, כאפט דאָך אָן אימה, א שרעק! אזש דער מוח שפּאַלט זיך דיר! מען טאָר דעריבער ניט זיצן מיט ציגויפגעלייגטע הענט! מ׳דארף עפּעס טאָן! עפּעס א קלייניקייט — איר האָט דאָך עפּעס צו טאָן מיט א מוראדיקן שונא ! . .

שאול־נחום האָט זיך טאקע באלד גענומען פאר דער ארבעט. ער, דער גרויסער עקשן, האָט זיך א נעם געטאָן מיט זיין גאנצער ענערגיע צו פאר־טיליקן דעם "שונא פון דער מענטשהייט" פון זיין גבול . . .

לויט די עצות און די אָנווייזונגען פון די דאָקטוירים מומחים, אין זיינע מעדיצינישע ביכער, האָט ער געהאלטן אין איין צונויפשטעלן כלערליי רפואות, שמירעכצן, אזעלכע "מאשטשעס", וואסערלעך און זאלבן, וואָס ער האָט אָנגעפילט אין צענדליקער טעפּעלעך, פלעשער, פלעשלעך, סלאָיעס, צעשטעלט אויף אלע טישן, אויף ספּעציעלע צוגעגרייטע פּאָליצעס און שאַ־פעס, ווי אינם גרעסטן אפּטייק. און פון דעם אלעמען האָט זיך געטראָגן א שארפער ריח פון טראַן, דזשעגעכץ, קאראבאָל, יאָד, נאפטאלין, וואָס האָבן געקיצלט אין די נאָזלעכער ביז צום ניסן און געקרעקט אין האלדז ביז צום פארהוסטן זיך.

ער האָט אויך באלד אָנגענומען זייער שטרענגע פארהיטונגס מיטלען: ער האָט פארזאָגט זיינע בני־בית מיטען הארבן וואָרט, אז פון היינט אָן און וויטער זאָל קיינער פון זיי ניט וואגן צו טרינקען דאָס וואסער פונם ברונים, סיידן מ׳זאָל עס פריער גוט איבערקאָכן און עס האלטן אין ספּעציעלע פאר־קאָרקעוועטע פלעשער.

צווייטנס, דארפן זיי ווי ווייט מעגלעך, זיך דערווייטערן פון פרעמדע מענטשן, ומהאי טעמא, האָט ער מורא געהאט אריבערצולאָזן אן אָרעמאן איבער זיין שוועל, ווייל ווער נאָך ווי אָרעמעלייט, זיינען אזויפיל באלאָדן מיט מיקראָבן און באצילן, און קאָנען נאָך חלילה מיט זיי פארפעסטן זיין הויז ? . .

און דריטנס, און דאָס איז ביי אים געווען דער עיקר, האָט ער, נאכט־איין, נאכט־אויס פארן שלאָפן גיין, גענומען יעדער איינעם פון זיינע בני־בית בודק זיין די . . . צונג. ווי נאָר די מראה פון עמיצנס א צונג האָט געהאט ארויסגערופן ביי אים א שטיקל חשד, האָט ער גלייך געכאפט א פולן לעפל פון זיינע שארפע רפואות און עס אריינגעגאָסן אויף גיך גלייך צו יענעם אין מויל אריין . . .

פארשטייט זיך, אז ביים איינגעמען די דאָזיקע מיתה־משונהדיקע רפואות, האָבן זיינע קינדער זיך אזש געקאָרטשעט אין דרייען, געבראָכן מיט דער גרינער גאָל. ס'האָט זיי אָבער גאָר ניט געהאָלפן; זיי האָבן ניט געטאָרט מזלזל זיין אין זייער טאטנס רפואות און געמוזט נעבעך אראָפּ־שלינגען.

ערשט ווען זיי זיינען אונטערגעוואקסן, זיינען אלע ווי איינער זיך צעלאָפן פון אים און פון זיינע ווילדע משוגעתן, ווו דער שווארצער פעפער וואקסט. זיי זיינען אים מוחל געווען במחילה גמורה זיין "שמירת הגוף", זיין געטרַיישאפט און אויך אפילו זיין רייכע ירושה, וואָס ער האָט זיי געזאָלט איבערלאָזן לאחר מאה ועשרים שנה, אבי ניט דארפן זיין געצוווּנגען יעדער נאכט, פארן שלאָפן גיין, איינצונעמען זיינע ביטערע סם־המותדיקע רפואות.

און זיך אליין, האָט שאול־נחום אויך ניט פארזען. ער האָט ניט אָפּ־געטאָן זיין אויג פון זיין אייגענעם גוף אפילו אויף קיין איין מינוט ניט. ער האָט אלע ווײַלע געטאפט ביי זיך דעם דופק, געמאָסטן מיט א "גראַדוסניק" זיין טעמפעראטור. און ווי נאָר ער האָט באמערקט א מינדסטן צייכן, א קראַץ אויף זיין הויט וואָס איז אים מסתמא געקומען פון א ביס פון א פליג, צי פון א קאָמאר אָדער גאָר פון א פלוי, האָט ער באלד געכאפט און אָנגעשמירט דאָס אָרט מיט א זאלב, מיט א שמירעכץ און מיט אזא מאשטש, אזוי אז ס'האָט פון אים שטענדיק זיך געהאט געטראָגן א שארפער גערוך, ווי פון א גייענדיקער אפטייק . . .

ביי יעדער ענדערונג פון דער "פּאָגאָדע", פונם וועטער, האָט ער גלייך אָנגענומען געהעריקע מיטלען; זומער, אפילו אין די גרעסטע היצן, האָט ער ניט ארויסגעשטעקט די נאָז אינדרויסן, סיידן ער האָט פריער זיך גוט אָנגעפּעלצט, זיך ארומגעבונדן מיט ווארעמע פאטשיילעס און מיט וואָלענע שאלן, כדי ער זאָל חלילה ניט כאפן קיין פארקילונג . . . ווינטער אָבער, פלעגט ער אויפשטיין אינדערפרי, נעמען א האק, אוועקגיין צום טייך, אויס־האקן א "פּאָלאָנקע" און זיך אָפּטובלען אינם אייז־קאלטן וואסער. דאָס האָט ער געהאלטן איז איינע פון די גרעסטע סגולות קעגן דעם "שונא פון דער מענטשהייט" — די מזיקים קטנים, די מיקראָבן, ימח שמם וזכרם . . .

איז אזוי ווי איר זעט, האָט שאול־נחום דער גביר, מיט זיין שווערן, מאסיוון גוף, געהאלטן אין איין פירן א שווערע, האַרטנעקיקע מלחמה קעגן די אומזעבאַרע מחבלים קטנים, די מיקראָבן. אָ, וואָס האָט ער שוין ניט איבערגעטאָן איבער זיך!

פונקט ווי די "אנשי מעשה", די שטרענגע בעלי מקובלים, וואָס האָבן געהאלטן אין איין פייניקן זייערע גופים, אָפּגעריכט סיגופים, געפּראַוועט תעניתים, זיך געקייקלט אין שניי, כדי צו רייניקן זייערע נשמות פון זינד, אזוי אויך האָט שאול־נחום דער גביר געהאלטן אין איין פייניקן זיין גוף, געגאָסן זיך אין האלדז אריין ביטערע, סם המותדיקע רפואות, זיך געטובלט אינם פאַרפּראָרענעם טייך, אַלץ צוליב די נארישע, איינגערעדטע מחבלים קטנים, די קליינינקע מילבעלעך, די רואה ואינו נראהדיקע ברואימלעך, וואָס זיינען ניט געשטויגן און ניט געפלויגן . . .

אָט די דאָזיקע איינגערעדטע קרענק, די שטענדיקע שרעק זיינע, האָט אים פאַרוואַנדלט אין א פּאַטעטישער פיגור, אין א טראַגי־קאָמישער פּערזאָן, אזוי אז שטעטלע זאסטאַוויע האָט שוין ניט געוווּסט צי זיי זאָלן ווייטער לאַכן און חוזק מאַכן פון זייער גביר מיט זיינע ווילדע משוגעתן, אָדער מ'דאַרף גאָר אויף אים רחמנות האָבן? . .

און ווירקלעך, עס איז טאַקע געווען אויף אים א ביטערער רחמנות. וואָרים שטעלט זיך פאָר, א גביר וואָס האָט געקענט לעבן אין ווויל־טאָג, אין ראַסקאָש, אין נחת און אין פרייד, האָט געציטערט ווי א בלעטל אין ווינט, זיך געשראָקן פאַרן אייגענעם שאָטן, דאָ פאַר גנבים, רויבער און אונטערצינדער, און דאָ גאָר פאַר נישטיקע ברואימלעך, וואָס מיטן אויג ניט צו זען, אזוי אז מיט יעדער ביסן וואָס ער האָט אראָפּגעשלונגען, האָט זיך אים רק געדוכט, אַז ער שלינגט אראָפּ א שונא צו זיך אין די געדערים אריין . . .

די זאסטאַוויער יידן, וואָס האָבן געשמט מיט זייערע שאַרפע, קלוגע, ווערטלעך פלעגן שאָקלען מיט די קעפּ און זאָגן:

— ניט אנדערש, אז ביי שאול־נחומען אין מוח איז קאַליע געוואָרן א שרייפעלע . . .

— א קלעפּקע איז ארויסגעפאלן, — האָט באַמערקט א צווייטער.

א דריטער האָט געגעבן א שפּיי און געזאָגט:

— פוי! איידער אזא גביר צו זיין, איז שוין פיל בעסער צו זיין אן אָרעמאַן און גיין איבער די הייזער.

ג

אָבער נאָך ערגער פון אַלע זיינע שטענדיקע שונאים, גנבים, גזלנים און די ברענער און די קליינינקע באַשעפענישן, די מיקראָבן, האָט שאול־נחום, דער איינציקער גביר אין שטעטל, געליטן פון די שטעטלשע קונדסים, די יונגאַטשעס, די עכברשים, גרויסע שטיפער, די אמתע ווייסע־חברהניקעס,

וואָס האָבן אים אָנגעטאָן כל ענויים קשים. וויפל דער קלוגער און געלערנטער שאול־נחום האָט זיך ניט געקליגט זיי בייצוקומען, איז אים ניט געלונגען. זיי פלעגן אים אָפּטאָן כלערליי צו להכעיסן און שפּיצלעך פון וואָס ער איז שיר ניט פון זינען געקומען.

טאָ פרעגט זיך: מיט וואָס האָט זיך שאול־נחום דער גביר אַזוי פאַר־זינדיקט קעגן די שטעטלשע ווייסע־חברהניקעס?

איז דער ענטפער: זיי האָבן אים פיינט געהאַט, ווייל עס איז ניט געווען וועמען ליב צו האָבן. און צווייטנס, ווי איר ווייסט שוין, האָט אים גאַנץ שטעטל, מיט אַלע טאַטעס און מאַמעס, פיינט געהאַט. טאָ, פאַרוואָס זאָלן זיי אים ליב האָבן?

אָבער די אמתע סיבה, פאַרוואָס זיי האָבן שטענדיק געטראָגן אויף אים א ביטער האַרץ, איז געווען צוליב זיין גרויסן סאָד, וווּ עס זיינען געוואַקסן די שענסטע עפּל, באַרנעס, ווענגערקעס, פלוימען, וואָס האָבן געשמט אין דער גאַנצער געגנט מיט זייער געשמאַקן, זיסן טעם.

שאול־נחום, וואָס האָט טאָג און נאַכט געהאַלטן אין איין אָפּהיטן דאָס געזונט פון זיין גוף און פון זיינע בני־בית, האָט אויך נאָך מיט מער עקשנות און ליידנשאַפט געהאַלטן אין איין אָפּהיטן דאָס געזונט פון זיין סאָד. יעדער צווייגעלע איז אים געווען טייער ווי דאָס אויג פון קאָפּ.

וואָרים שאול־נחום, דער משכיל, דער גרויסער קענער פון תנ״ך, האָט געהאַלטן פונם פּסוק "כי האדם עץ השדה" — דער בוים, דער צומח, איז געגליכן צו א מענטש. פּונקט ווי אויפן מענטשן האַלטן אין איין לויערן כלערליי שונאים, די מיקראָבן און באַצילן, וואָס ווילן רק צעשטערן זיין געזונט און לעבן, אַזוי אויך לויערן אויף יעדער בוים, אויף יעדער פלאַנץ און געוויקסל כלערליי משחיתים, זשוקעלעך, ווערימלעך און פליגעלעך, וואָס זייער איינציקע עובדא איז נאָר אומצוברענגען און צו פאַרטיליקן די צמחים פונם פּנים פון דער ערד, ווי דאָס ווערט באַשריבן אין זיינע רוסישע און דייטשישע אַגריקולטורעלע ביכער, וואָס ער האָט אויך געהאַט ספּעציעל אויס־געשריבן פון די גרויסע שטעט, כדי צו באַשיצן זיינע טייערע פרוכטביימער פון זייערע שונאים.

איז ווי גיך ס'איז געקומען דער וואַרעמער פרילינג, פלעגט שאול־נחום אַרויסקריכן פון זיין גרויסער שטוב, ווי דער בער פון דער נאָרע, און זיך אַריבערגעקליבן אין זיין זומער־וווינונג, אין זיין "ליעטאַנקע", וואָס איז גע־שטאַנען אין סאַמע מיטן פון זיין גרויסן סאָד. ער האָט דאָרט אָפּגעהיניעט א גאַנצן זומער, דאָרטן געגעסן און געשלאָפן, ביז העט אין שפּעטן האַרבסט, ביז ער האָט שוין געהאַט אַראָפּגענומען דעם גאַנצן "לקט" — דאָס לעצטע עפּעלע פון בוים.

אין די דאָזיקע פרילינג־טעג פלעגט שאול־נחום דער גביר "כורת ברית זיין", ווערן "פּאַני־בראַט" מיט זיינע שכנישע קינדער. ער פלעגט זיי געבן אין די הענט אַריין גרויסע עמערס מיט קאַלך און מיט וואַפּנע, בערשט און פּענזלען, אָפּצוקאַלכן יעדער בוים פון אונטן ביז צו די צווייגן.

אביסל שפעטער, ווען זיין גרויסער סאַד האָט זיך צעבליט, פלעגט ער ווידער צונויפנעמען א מחנה יינגלעך און ארויסגיין מיט זיי אין א מלחמה קעגן די שונאים פון זיינעביימער. און כ'לעבן, עס איז טאקע געווען וואָס צו זען: פאָרויס איז געגאַנגען דער שווער־לייביקער גביר, ווי א קאָמאַנדיר, אָנגעטאָן אין א ווייסן כאַלאַט. הינטער אים די מחנה יינגלעך, באַלאָדן מיט גרויסע קאַנען, מיט פולע עמערס מיט אזא פליסיקן סם, וואָס ער האָט נאָך אין ווינטער געהאַט צוגעגרייט, און מיט אזעלכע ספּעציעלע שפּריצערס צו באַשפּריצן די "שרצים ורמשים", די ווערים, די פליגעלעך און די זשוקעלעך וואָס הייבן ערשט אָן ארויסצוקריכן פון זייערע אייעלעך.

פאר דער דאָזיקער ארבעט, פלעגט ער צאָלן זיינע יונגע פועלים מיט פּאַראַיאַריקע, צוגעלעגענע עפּעלעך, אָדער מיט בינטלעך גרינע "טאַטערקעס" די פעדערן פון די אויסגעוואַקסענע ציבעלעס . . .

אין די הייסער זומער־טעג, פלעגט ער אויך ארויסשיקן קינדער "מרגלים" זיי זאָלן גיין צונויפקלייבן פאר אים אַלע פגירות פון שטעטל, גע־פּגרטע הינער, געפּגרטע הינט און קעץ, פאר וועלכע ער האָט געצאָלט איינ־געשטעלטע פּרייזן: פאר א געפּגרטע הון — א גראָשן, און פאר א געפּגרטע קאַץ אָדער א הונט — א קאָפּיקע. די דאָזיקע נבילות און פגירות פלעגט ער זיי הייסן באַגראָבן אונטער זיינע ביימער, מחמת דאָס גיט זיי צו א סך חיות און געזונט, ווי עס שטייט געשריבן אין זיינע מעדיצינישע ביכער איבער פלאַנצן און געוויקסן.

פאַרשטייט זיך, אז זיינע יונגע אָרעמע פועלים־ארבעטער, וועלכע ער האָט געצאָלט אזעלכע מיזערנע שכירות, האָבן געטראָגן אויף זייער "ברויט־געבער", דעם קאַרגן גביר, א ביטער הארץ, בפרט נאָך ווען ער האָט זיי געהיט אויף יעדער שריט און טריט, ווי זיי וואָלטן חלילה געווען די גרעסטע גנבים . . . איז ווען נאָר זיי האָבן געקענט, האָבן זיי זיך איזדיעקעוועט איבער אים, אָנגעטאָן אים כלערליי צולהכעיסן, ביטערע שפּיצלעך, פון וואָס דער גביר, דער קמצן, האָט נעבעך געהאַט פון זיי צו זינגען און צו זאָגן.

למשל, פורים ביינאַכט, נאָכן אָפּלייענען די מגילה, איז שוין ביי דער חברה קונדסים געווען איינגעפירט א מנהג צו קומען צו לויפן מיט זייער גאַנצן פורימדיקן קלאַפּערגעצייג צום גביר הינטער די פענצטער און נעמען גראַגערן, פויקן און טראַסקען מיט די המן־גראַגערס און מיט די המן־קלאַפּערס און קאַלאַקאַטקעס, געקלאַפּט מיט שטעקנס איבער זיינע שטאַכעטן וואָס פאר זיין שטוב, געוואָרפן שטיינער אויף זיין דאַך, אזוי אז אויב דער גביר, שאול־נחום איז פון אָט דער דאָזיקער פורימדיקער קאַקאָפאָניע ניט פון זינען אראָפּ, האָט ער געדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזן.

תשעה־באָב איז דאָך בידוע, א מנהג ביי יידן, פון קדמונים אָן, זיך צו וואַרפן מיט ווילדע, שטעכיקע בערעלעך, וואָס ווען זיי טרעפן אין א יידי־שער באָרד, איז אפילו ווען איר וועט זיין מיט צען קעפּ, וועט איר עס שוין פון דאָרט ניט קאָנען ארויסנעמען. איז אַנשטאָט זיך צו וואַרפן מיט בערעלעך,

פלעגן די ווייסע־חברהניקעס זיך ווארפן מיט שאול־נחומס עפל און בארנעס.

און כאָטש ס'איז פיל גרינגער געווען דורכצופירן אן עלעפאנט דורך א לעכל פון א נאָדל, איידער אריינצובאקומען זיך צום גביר אין סאָד, וואָס איז געווען ארומגעצוימט מיט א הויכן פארקאן, ווי א מויער די גרויס, דאָך האָבן די שטעטלשע קונדסים שוין געפונען א פאָרטל דווקא צו גנבענען ביי אים עפל, וויפל נאָר זייער הארץ האָט געגלוסט.

איז ווי נאָר ר' שואלקע דער מלמד האָט גענומען לייענען מיט אן אומעטיקן ניגון די "מגילת איכה" און זאָגן די קינות, האָט חברה גענומען באווארפן שואל־נחומען מיט זיינע אייגענע עפל. שאול־נחום, וואָס איז געזעסן אויף דר'ערד, אויף זיין איבערגעקערטן שטענדער, לעבן אָרון־קודש, האָט פון די קלעפ זיך אזש געקאָרטשעט אין דרייען. יעדער עפעלע, וואָס איז געפאלן אויף אים, האָט אים געטראָפן ווי מיט א קויל אין קאָפ. ס'האָט אים שטארק וויי געטאָן וואָס מען ווארפט זיך מיט פרוכט, מיטן גאָטס־גאָב . . . האָט ער אלע ווילע זיך געבויגן צו דר'ערד זיי אויפצוקלייבן. ערשט, ער טוט א קוק, ס'איז אים אזש פינצטער געוואָרן אין די אויגן! דאָס זיינען דאָך זיינע עפל! זיינע בארנעס! זיינע ווענגערקערס ! . . ער האָט זיך אזש גע־צאפלט. ער האָט געקריצט מיט די ציין. זיך געטרייסלט ווי אין א קדחת. ער האָט שוין דעמאָלט געהאט דעם אמתן תשעה באָב . . .

ער פלעגט אויפשפרינגען פון אָרט, אָנהייבן שרייען, מאכן גוואלדן אויף זיינע שכנים, וואָס דערלאָזן אז אזעלכע ווילדע יונגאטשעס זאָלן זיך ווארפן מיט זיינע עפל, מיט זיין שווערער מי און פראצע . . . אָבער די באלע־באטים, די טאטעס פון די דאָזיקע קונדסים, האָבן זיך געמאכט כלא ידע און נאָך אונטערגעשמייכלט אין באָרד אריין . . .

נאָכן אָפזאָגן די קינות, פלעגט דער גביר זיך א נעם טאָן צום קליינוואַרג, מאכן א "סליעדסטוואָ", א חקירה ודרישה, אפשר וועט ער פון זיי קאָנען דערגיין ווער עס זיינען די גנבים פון זיינע עפל. אָבער ס'איז געווען אומזיסט זיין טירחה. די קינדער האָבן ניט געוואָלט "אויסזאָגן פון חדר", ווייל פתח שין, מאכט — שא ! . .

אָבער אָך און ווי איז נעבעך געווען צו דעם גנב וואָס ער האָט געכאַפט ביי דער האנט. מיט קיין גאנצעביינער איז ער שוין פון זיינע הענט ניט ארויס. קודם־כל האָט ער ביים יינגל, דעם גנב, צוגענומען דאָס היטל, וואָס דאָס אליין איז שוין געווען די גרעסטע שטראָף . . . אָבער פארן בייזן גביר, דעם קמצן, איז דאָס נאָך געווען ווייניק. האָט ער זיין "קרבן" נאָך געצוווּנגען במחילה אראָפצולאָזן די הייזלעך און מיט א בונט ברענענדיקע קראָפּיווע אים גוט אריינגעצימבלט אויפן נאקעטן, ווייכן גע־זעסל, אזוי אז ער זאָל שוין פארזאָגן א צענטן מער ניט צו גנבענען קיין עפל ביי אים אין סאָד.

ד

און טאקע איינמאָל, נאָך אזא שרעקלעכער עקזעקוציע, וואָס דער גביר האָט דורכגעפירט איבער א יינגל א יתום, האָט חברה באשלאָסן צו נעמען פון דעם קארגן גביר, דעם אכזר, די אמתע נקמה.

דאָס איז געווען אין שפּעטן זומער, אין סאַמע סעזאָן פון פּרעגלען אייגעמאַכטס, מאַכן פּאָווידלע, טריקענען בארנעס. איז ווי נאָר חיה־זלאַטע שאול־נחומס ווייב, האָט איינגעהייצט דעם גרויסן באַק־אויוון, איז די גאַנצע שטוב איינגעהילט געוואָרן אין א געדיכטן וואָלקן רויך. סאיז געוואָרן א טומל, א געשריי, ווי ס'וואָלט אויסגעבראַכן א פּאַזשאַר, א שריפה.

שאול־נחום האָט באַלד געשיקט רופן דעם מוליער, אז ער זאָל גלייך קומען זען וואָס איז פּלוצלונג געוואָרן דער מער מיט זיין אויוון.

מאיר־מתית, דער מוליער, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַרן גרעסטן מעכאַניקער פון אויוונס, האָט, ווי א רופא מומחה, גענומען באַטראַכטן דעם קראַנקן אויוון פון אַלע זייטן. געכאַפּט א קוק אין די יושקעס, אריינגערוקט דעם קאָפּ טיף אין קוימען, אפשר, ווער ווייס, א קשיא אויף א מעשה, צי האָבן דאַרט ניט אַמאָל די קראָען פאַרלייגט א נעסט און מיט דעם פאַרשטאָפּט די לאָך פונם קוימען? אָבער מ'זעט דאַרט אפילו ניט קיין סימן פון קיין קראָ, והא ראיה, אין לאָך פון קוימען קוקט אריין א קלאָרער, בלויער הימל, ווי אין אַלע קוימענס אין שטעטל . . .

טאָ וואָס־זשע איז פּאַרט דער מער מיטן אויוון וואָס איז פּלוצלונג, פון דער העלער הויט משוגע געוואָרן?

האָט מאיר־מתית געטראַכט, געקנייטשט מיטן שטערן, זיך געקראַצט אין דער פּאַטילניצע, און ענדלעך ארויסגעזאָגט זיין פּסק דין:

— ס'איז ניטאָ קיין אַנדער ברירה ווי צעוואַרפן דעם אויוון און אויפשטעלן אויף זיין אָרט א שפּאָגל־נייעם.

ווי שאול־נחום, דער קאַרגער גביר, האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן אזוי אין כעס, אז גאָט זאָל שומר ומציל זיין. ער האָט אָנגעהויבן לויפן איבערן שטוב, ווי א ווילדער, צערייצטער אָקס, געשליידערט מיט זיינע לאַנגע הענט און זיך צעשריען, אז א שוים האָט אים געזעצט פון מויל:

— וואָס הייסט ער וועט נעמען א פרישן, געזונטן אויוון און אים צעוואַרפן?! ניין און ניין! קיינמאָל אין לעבן ניט ! . .

ער האָט אויסגעלאָזן כל חמתו אויפן אומשולדיקן מוליער און אים געשיקט צו אַל־די שוואַרצע יאָר.

אָבער דער אויוון האָט אַלץ ניט אויפגעהערט צו רויכערן. שאול־נחום איז געווען אויסער זיך. ער איז ארומגעגאַנגען ווי אונטער דר'ערד. עס איז אים געווען א חרפה און א בושה אזוינס זאָל גאָר טרעפן ביי אים. דאָס הארץ האָט אים אפילו יאָ געזאָגט, אז ניט אַנדערש, ווי דאָ שטעקט עפּעס א שפּיצל פון זיינע שונאים, אָבער וואָס פאַר א שפּיצל, האָט ער ניט געוווסט. וויפל ער האָט זיך ניט געפּאָרעט ביים אויוון, האָט ער בשום אופן ניט געקענט אויסגעפינען ווו עס ליגט אין אים די צרה. ער איז ארומגעגאַנגען א פאַרקאַפּטשעטער און א פאַררויכערטער, מיט רויטע פאַרשוואָלענע אויגן, אזוי אויך זיין הויזגעזינד; זיי האָבן געהוסט, געשפּיגן און געבראַקעט מיט רויך, אזוי אז ס'איז געווען אויף זיי ממש א צער בעלי חיים.

די נייעס וועגן שאול־נחומס קראנקן אויוון האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט איבערן שטעטל. יעדער איינער איז געקומען צו לויפן אָנקוקן אָט דעם בייזן וואונדער. איטלעכער האָט ארויסגעזאָגט אן אנדער השערה, יעדער איינער האָט געגעבן אן אנדער עצה. אָבער אַלע זייערע עצות האָבן געהאָלפן ווי א טויטן באַנקעס. דער אויוון האָט זיך געטאָן דאָס זייניקע — געוואַליעט מיט רויך גלייך אין שטוב אריין.

פרומע, גאָטספאַרכטיקע ווייבער האָבן צווישן זיך געשושקעט, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַטיק; זיי קאָנען שווערן ביי אַלץ וואָס ס׳איז הייליק, אַז דאָס איז די ארבעט פון יענער חברה, די ״ניט־גוטע״ רחמנא לצלן, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויפן קאַרגן גביר און ווילן אים ניט אנדערש, ווי נאָר אויסרויכערן פון דאַנען . . .

ערשט, אַז ס׳איז שוין געהאַט אריבער א וואָך און באַלד די צווייטע, און דער אויוון האָט נאָך אַלץ געשפּיגן מיט רויך, האָט שאול־נחום, שוין א רעזיגנירטער, געשיקט נאָכאַמאָל רופן מאיר־מתית דעם מוליער און אים געגעבן רשות צו טאָן וואָס ער פאַרשטייט . . .

אָבער דאָ איז פּלוצלונג געשעען אזוינס, אויף וואָס קיינער האָט בשום אופן ניט געקאָנט איינפאַלן: ווען מאיר מתית דער מוליער, מיט דער קעלניע אין האַנט, איז ארויפגעקראָכן אויפן דאַך און איז שוין געווען גרייט פאַנאַנדערצענעמען דאָס קעפּל פון קוימען, האָט ער, צו זיין גרויסער דערשטוינונג, דערזען ליגן א שויב פון א פענצטער אויפן מויל פונם קוימען.

פאַרשטייט זיך, ווי גיך מאיר־מתית האָט אראָפּגענומען פון אים די שטיק גלאָז, איז דער קראַנקער, רויכערנדיקער אויוון באַלד געזונט געוואָרן.

שטעטלס זאַסטאַוויע האָט פון איין זייט שטאַרק אָנגעקוואָלן פון זייערע קונדסים, די גרויסע שטיפער מיט זייערע קלוגע קעפּעלער, וואָס האָבן אויף אזא קלוגן אופן נקמה גענומען פונם גביר, דעם קמצן, פאַרן שמייסן א יינגל א יתום, מיט קראָפּעווע. אָבער פון דער צווייטער זייט האָט זיי שטאַרק פאַרדראָסן וואָס דעם גבירס אויוון איז ניצול געוואָרן פון צעוואָרפן ווערן . . . אָט א מזל פון א גביר ! . .

אָבער ניט אַלעמאָל האָט עס אים אזוי אָפּגעגליקט. אוואַדע, וואָס אמת איז אמת, אין זיינע שטענדיקע מלחמות קעגן גנבים, קעגן די מחבלים קטנים, די מיקראָבן, און קעגן די שרצים ורמשים, די ווערימלעך און זשוקעלעך, די שונאים פון זיינע פּרוכטביימער, איז דער גביר שטענדיק ארויס דער זיגער. אָבער אין זיינע אַפּטע מלחמות, וואָס אים איז אויסגעקומען צו פירן קעגן די שטעטלשע קונדסים, די ווייסע־חברהניקעס, האָט שאול־נחום דער גביר, אַליין געמוזט מודה זיין, אַז ער האָט שטענדיק געליטן איין מפּלה נאָך דער אנדערער . . .

יודל שינדלמאכער און שייעלע שינדלקלאפּער

ביידע האָבן געצויגן זייער בידנע חיונה פון שינדלען. דער ערשטער האָט זיי "פאַבריצירט" און דער צווייטער האָט מיט זיי באַשלאָגן די דעכער פון די רייכע, באַלעבאַטישע הייזער. ווארים אין יענער צייט, האָט נאָר א רייכער, יוסטער באַלעבאָס זיך געקאָנט פאַרגינען צו זיצן אונטערן שאָטן פון א שינדל־דאַך. אָרעמעלייט אָבער, זיינען נאָך אַלץ געהאַט געזעסן אונ־טער שטרויענע דעכלעך . . .

האָט דאָך געדאַרפט זיין סיי על פּי שכל און סיי על פּי לאָגיקע, אז די צוויי באַלמעלאָכעס האָבן געדאַרפט לעבן צווישן זיך בשלום, ווייל ווען ניט יודל שינדלמאכער וואָלט שייעלע ניט געקענט זיין קיין שינדלקלאַפּער, און אזוי אויך פאַרקערט: ווען ניט שייעלע שינדלקלאַפּער, וואָלט יודל שינדל־מאַכער ניט געהאַט פאַר וועמען צו "סטרוגעווען" זיינע טייערע שינדעלער. וואָס האָבן געהאַט א שם אין דער גאַנצער געגנט. ווי זאָגט איר, ניט אזוי? דאָך האָט צווישן זיי שטענדיק געהערשט קידער־ווידער, כעסן און ברוגזן.

און שולדיק אין דעם איז געווען ניט קיין אנדערער ווי נאָר שייעלע שינדלקלאַפּער, אָדער ווי מ'האָט אים גערופן שייעלע פּאַנפּע, וואָס איז געווען, זאָל ער מיר מוחל זיין, א בייז ווערעמדיק יידל, אז גאָט זאָל שומר ומציל זיין.

און טאַקע מהאי טעמא, ווען מיר אָנהויבן דאָס קאַפּיטל פון אים דעם ערשטן, ווייל, ווער ווייס, ער קאָן נאָך חלילה דאָרט אריינפאַלן אין כעס און רופן דעם שרייבער צום בית־דין של מעלה . . .

שייעלע איז געווען א קליין, פּיטשינק יידעלע, מיט קורצינקע פיסע־לעך, מיט א קליין שיטערן בערדעלע, מיט קליינינקע איינגעגראָבענע אייגע־לעך, וואָס איינס, דאָס רעכטע, איז געווען פאַרצויגן מיט א בעלמע, און דאָס צווייטע, דאָס לינקע, א שאַרפס, א שניידנדיקס, ווי ס'וואָלט געווען פון גלאָז. און אין סאַמע מיטן פון זיין קליינינקן, באַבערדלטן פּנימל איז געלעגן אויס־געשפּרייט א היבשע, ברייטע, צוגעפּלאַטשעטע נאָז, וואָס האָט נעבעך, ניט פאַר קיין יידן געדאַכט, שטאַרק אונטערגעפּאַנפּעט.

די דאָזיקע צוגעפּלאַטשעטע נאָז זיינע, האָט ער טאַקע געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין מלאכת השינדלקלאַפּעריי. ווארים נאָך מיט יאָרן צוריק, ווען ער איז נאָך געווען א יונגערמאַנטשיקל, איז ער זיך געהאַט געזעסן אויף

א הויכן דאך און געקלאפט שינדלען. האט ער זיך, מעשה שטן, געהאט אויס־געגליטשט, פארלארן זיין גלייכגעוויכט און איז, פאר קיין מענטשן געדאכט, אראפגעפאלן צו דר׳ערד, ווי אן אונטערגעשאסענער פויגל. פון דעמאלט אן האט ער נעבעך געקראגן א שטארק צוגעפלאטשעטע נאז, וואס האט נעבעך שטארק געפאנפעט. און פון דעמאלט אן האט מען אים שוין אויפ־געהערט צו רופן שייעלע שינדלקלאפער, נאר שייעלע פאנפע.

אט דעם צונאמען "פאנפע" האט ער שוין געטראגן זיין גאנצן לעבן, ביז אין קבר אריין, און אים נאך איבערגעגעבן בירושה צו זיינע קינדער און קינדס־קינדער, וואס זיינען כמעט אלע געווען אזוי קליין און אזוי קורצפיסיק ווי ער. און ווען שטעטל האט עמיצן געוואלט אפסדרענען, "אפמענטשלען" ווי הויך יענער איז, אדער ווי קליין יענער איז, פלעגט מען שוין זאגן: "ער איז דאך אזוי קליין ווי יאנקעווקע שייעלע פאנפעס זונדל", אדער "זי איז אזוי קורץ ווי שפרינצעלע שייעלע פאנפעס טאכטערל". . .

זינט פון שייעלע שינדלקלאפער איז געווארן "שייעלע פאנפע", איז ער נאך געווארן בייזער און צארנדיקער ווי פריער. פאר א ליאדער קלייניקייט פלעגט ער זיך אנצינדן מיט א ירגזון, גרייט געווען יענעם די אויגן אויסצור־דראפען. ווארים סהאט זיך אים רק אויסגעדוכט, אז אומעטום, אין בית־מדרש און אין גאס, האלטן אלע אין איין קוקן אויף זיין צעפלאטשעטער נאז און אויף זיין רעכטן אויגל מיט דער געל־ווייסלעכער בעלמע . . .

באזונדערס האט ער געטראגן א בייז הארץ אויף די קונדסים, די ווייסע־חברהניקעס אין בית־מדרש, וואס האבן זיך געריסן צו זיצן פונקט אנטקעגן אים, נאר אנשטאט אריינצוקוקן אין די סידורים, צי אין די מחזורים און זאגן א יידיש ווארט, האלטן זיי גאר אין איין קוקן מיט זייערע שטיפע־רישע אייגעלעך אויף אים. האט ער זיי דערפאר געטריבן און געיאגט פון זיך מיט אזא כעס, מיט אזא רציחה, ממש גרייט געווען זיי דורס צו זיין.

אבער וואס מער ער האט זיך געכעסט, אלץ מער האט זיין בלינד אויגל מיט דער בעלמע אנגעהויבן זיך דרייען און שפרינגען ארויף און אראפ מיט אזא שנעלקייט,, ווי א שטייף־אנגעצויגן שפרוזשינקעלע וואלט געפלאצט. דעמאלט פלעגט אויך זיין צוגעפלאטשעטע נאז ווערן אזוי משוגע ווילד, האט אנגעהויבן צו פאנפען מיט אזא ירגזון און ארויסגעגעבן פון זיך עפעס אזעל־כע משונהדיקע קלאנגען, אזוי אז מ׳האט דעמאלט טאקע געדארפט זיין שטארקער פון אייזן ניט ארויסצושיסן אין א געלעכטער.

ביי זיך אין שטוב, איז דער קליינינקער שייעלע געווען גאר א גזלן. זיין גאנצע ביטערניש אויף זיין פארשעמט לעבן, וואס ער האט זיך געהאט אנגענומען שבת און יום־טוב אין בית־מדרש ביים דאווענען, פלעגט ער אויס־לאזן אויף זיין ווייב און קינדער, וואס זיינען געשטאנען פאר אים ווי פארן קייסער. פאר א ליאדער קלייניקייט פלעגט ער ארייגפאלן אין כעס, שרייען, צערענען, געבן פעטש. שבת ביי טאג, נאכן אפעסן דעם טשאלנט, ווען ער האט זיך צוגעלייגט צו כאפן א דרעמל, איז שוין דעמאלט געווען חיות ניט זיכער!

זיינע בני־בית האָבן מורא געהאַט אַפּילו אַרויסצולאָזן אַ פּיפּס פון מויל. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען אין די זאָקן, אויף די שפּיץ פינגער, גערעדט צווישן זיך אויף שטום־לשון, חלילה אים ניט אויפצוועקן.

* * * * *

דער אומגליקלעכער שייעלע פאַנפע האָט אָבער געהאַט גרויס נחת און פאַרגעניגן פון זיין אײדעלער מלאכה — שינדלקלאַפּעריי, אויף וואָס ער איז ווירקלעך געווען אַ גרויסער אומן־יד, אַן אמתער קינסטלער.

און כ׳לעבן, ס׳איז טאַקע געווען זייער טשיקאַווע צו זען ווי דאָס קליינינקע, זשוואַווע יידעלע קלעטערט אַרויף, איינס און צוויי, אויפן העכ־סטן דאַך, שפּרינגט פון איין קראַקווע צו דער אַנדערער, ווי אַ פלינק וועווריקל. איז ווער ס׳איז פאַרבייגעגאַנגען האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן קוקן; האָט פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הויך און איז געבליבן פאַרגאַפט; מ׳האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָפּוואונדערן ווי אַזאַ קליין פּיטשינק מענטשעלע, וואָס פון דער הויך האָט עס אויסגעקוקט נאָך קלענער, האַלט אין איין שווינגען מיט זיין שאַרפן העקל איבער די ווייסינקע שינדלען, טרייבט אין זיי די נעגל־טשוועקלעך מיט אַזאַ פלינקייט, ווי אַ רוח, אַ שד וואָלט געזעסן אין זיינע הענט, אַזוי אַז מ׳האָט געזען ממש באַשיינפּערלעך ווי דער באַשינדלטער דאַך וואַקסט אויס פון אונטער זיינע ספּריטנע הענטלעך.

זעענדיק ווי מענטשן שטייען אונטן אויף דר׳ערד און קוקן אַרויף צו אים אין דער הויך, פלעגט דער קליינינקער שייעלע פון גרויס הרחבת דעת, ווערן ממש ברייטער ווי לענגער. ער האָט דעמאָלט געקראָגן די אילוזיע ווי ער וואָלט פּלוצלונג אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן העכער און גרעסער פון אַלעמען . . .

יאָר־איין, יאָר־אויס, ווי נאָר ס׳איז אַוועק דער קאַלטער ווינטער מיט זיינע ברענענדיקע פרעסט און שניי־זאַווערוכעס, און ס׳האָט זיך געשטעלט דער ליבער, וואַרעמער פרילינג, האָט מען אָנגעהויבן אין שטעטל זיך רייסן איבער דעם קליינינקן שייעלע. איטלעכער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל קומען צו אים דעם ערשטן צו באַשינדלען זיין דאַך. אָבער שייעלע פאַנפע, וואָס איז געווען אַ קלוג, דורכגעטריבן יידעלע, האָט זיך ניט געאיילט, זיך געלאָזט לאַנג בעטן, געהייסן זיך גוט באַצאָלן פאַר זיין טירחה. און ווער ס׳האָט אים אָנגעבאָטן אַ קאָפּיקע מער אויפן ״שאָק״ שינדלען צו דעם איז ער געגאַנגען.

אָבער ניט נאָר פּשוטע מענטשן האָבן זיך געריסן איבער אים, נאָר אויך אַפילו ר׳ אשר גוטערמאַן פון דער פּיוואָווארניע און פריצים פון די אַרומיקע הויפן. ווי נאָר ס׳האָט זיך אויפגעגעפנט דער סעזאָן פון זיין שינדל־קלאַפּן, האָט מען טאַקע ניט איינמאָל געזען פאָרפאָרן פאַר זיין שטיבעלע אַ פּריצישע פורנאַלע, געשפּאַנט מיט אַ פּאָר ברענענדיקע סוסים. דאָס איז מען געקומען נעמען שייעלען אין אַ ״הויף״ אריין.

צו אַזאַ וואַזשנער נסיעה האָט שייעלע שטענדיק אָנגעהויבן מאַכן גרויסע הכנות. ער האָט זיך אויסגעפּוצט אין זיין שבת־יום־טובדיקן ראָק,

וואָס ער האָט געטראָגן פון זינט זיין חתונה אָן, אויפן קאָפּ אָנגעטאָן דעם גרינלעכן, סאמעטענעם היטל מיט דער הויכער דענקע, צעקעמט דאָס שיטערע בערדל, גענומען אין איין האנט דעם טלית־זאק, אין דער צווייטער, להבדיל, דאָס זעקל געצייג, און מיט שטאָלצע, דריבנינקע טריטעלעך זיך געלאָזן צו דער פּריצישער פּורנאַלע.

דעם פּריצס קוטשער טוט אים באלד א כאַפּ מיט זיינע שטארקע, געזונטע ידים, זעצט אים ארויף אויף דעם הויכן וואָגן, סאמע אויבנאָן אויף דער "סידעניע", וואָס איז באדעקט מיט א שיינעם, רויטן, פּריצישן דיוואן. שייעלע פילט זיך דעמאָלט שטארק דערהויבן, ווי ער וואָלט איצט געפאָרן צו דער גרעסטער גבירישער חתונה, וווּ ער איז דער הויפּט־מחותן . . . ער קוקט אראָפּ מיט זיין איין און איינציק געזונטן אויגל מיט חשיבות, מיט גרויס ווירדע, דרייט מיטן קעפּל אויף אַלע זייטן. ס'טוט אים שטארק הנאה וואָס די אָנגעלאָפענע שכנים זען אים אין זיין גדולה און ווערן אזש צעפּוקעט פאר קנאה . . .

* * * * *

דער קליינינקער שייעלע איז ניט נאָר געווען שטאָלץ ביי זיך מיט זיין מלאכת השינדל־קלאַפּן, נאָר נאָך מער פון זיין ביסל למדנות, וואָס ער האָט זיך געהאט דערוואָרבן מיט אזויפיל מי און מאטערניש אויף די עלטערע יאָרן.

דאָס האָט ער ערשטנס, געהאט צו פארדאנקען זיין גרויסע אמביציע און זיין שארפן, פלינקן קאָפּ; און צווייטנס, די לאנגע, קאלטע ווינטערס, ווען מ'האָט ניט געקאָנט זיצן אויף די דעכער און קלאַפּן שינדלען. איז ער זיך געזעסן יום־ולילה אין בית־מדרש, ביים ווארעמען אויוון און געלערנט מיט גרויס התמדה. ער האָט אזוי לאנג געהאָרעוועט איבער די "שווארצע פּינטעלעך", פריער איבער א פּרשה חומש מיט רש"י, נאָכדעם א פּרק משניות, "עין יעקב" און נאָך אזעלכע זאכן, ביז ער האָט זיך איינגעביסן אין זיי, אזוי אז מ'האָט אים שוין אין שטעטל געהאט פאררעכנט צום "קלאַס" פון די "יודעי ספר". . .

פארשטייט זיך, אז מיט זיין שווערן האָרעווען אויפן לערנען, האָט ער ניט אזוי אויסן געווען מקיים צו זיין די מצווה פון לערנען "תורה לשמה", נאָר דער עיקר כוונה זיינע איז געווען צוליב ניצחון, "פּאָקאזאַט" — צו באווייזן די אַלע שיינע יידן, די למדנים פון מזרח־וואנט, אז כאָטש זיי קוקן אויף אים ווי אויף א פּשוטן באַלמעלאָכע, דאָך אָבער, ווען ס'קומט צו די "שווארצע פּינטעלעך", קאָן ער זיך פארמעסטן אפילו מיטן גרעסטן למדן . . .

צווייטנס, האָט ער אויך מיט זיין ביסל למדנות געוואָלט קריגן כאָטש וועלכע ס'איז קאָמפּענסאציע, א מין נקמה אָן זיין ביטערן גורל, וואָס איז געווען צו אים אזוי גרויזאם און אים איינגעטיילט אזעלכע שוידערלעכע מומים (דעפעקטן); א קליינינקייט! אי בלינדקייט אויף אן אויג און דערצו נאָך א צוגעפּלאטשעטע נאָז מיט א פּאָנפע . . .

ווען נאָר ער האָט דערזען ווי צוויי שיינע יידן, למדנים אין מזרח־וואַנט, אמפּערן זיך איבער אַ טייטש־וואָרט אין אַ פּסוק, צי איבער אַ שטיקל פּשט אין רש״י, פלעגט ער באַלד צולויפן צו זיי מיט זיינע גיכע טריטעלעך, צווויגן זיין קליין קעפּעלע צום חומש, צום תנ״ך, צונויגן אַן אויער, און מיט זיין איין און איינציקן געזונטן אויגל נעמען לויפן גיך־גיך איבער די שורהלעך, און ווי גיך ער האָט געכאַפּט אין וואָס דאָ גייט, פלעגט ער געבן אַ פּאַטש מיט זיין קליינינקן הענטל איבערן טיש און אויסשרייען מיט אַ זיגערישן טאָן:

— כ־כ־כ כ׳איך כ־כ־כ כ׳האָב עס! כ־כ־כ כ׳דער פּ־פּ־פּ פּשט פון ר־ר־ר רש״י איז כ־כ־כ אַזוי! . .

ס׳איז אים ממש געגאַנגען אין לעבן צו באַווייזן זיי, אַז ער איז גערעכט און זיין פּשט איז גערעכט. אָבער דאָ איז אים נעבעך געשטאַנען אין וועג זיין שוואַכער חיתוך־הדיבור, זיין צוגעפּלאַטשעטע נאָז מיט דער פּאָנפּע. איז כדי צו קאָנען מסביר זיין דעם ענין, האָט ער אָנגעהויבן צו וואַרפן און צו שליידערן מיט די הענט, אונטערגעשפּרונגען אויף זיינע קורצינקע פיסעלעך, אַזוי אַז זיין גאַנצער גופל האָט זיך געטרייסלט ווי אַ לולבל, אַזש דער אָטעם האָט אים פאַרכאַפּט. און וואָס מער ער האָט זיך געהיצט און געקאָכט, אַלץ מער האָט ער אָנגעהויבן צו פּאָנפּען און צו כאָרכלען, ווי עמיצער וואָלט אים געשטיקט ביים גאָרגל, אַזוי אַז ס׳האָט זיך געדוכט, אָט־אָט וועט ביי אים אַרויספליען די נשמה דורך דער נאָז . . .

זיינע ״בר־פּלוגתאס״, די למדנים פון מזרח־וואַנט, פלעגן זיך אַזש דערשרעקן פאַר זיין משונהדיקן אויסזען, פאַר זיין אָנגעצונדענעם בלינדן אויגל מיט דער בעלמע, וואָס האָלט אין לויפן הין און צוריק, ווי אַ צעשראָקן מייזעלע . . . זיי זיינען שוין גרייט געווען אָנצוטאָן אים דעם גרויסן נחת־רוח, צוגעבנדיק אַז ער איז גערעכט און זיין טייטש איז גערעכט, אַבי ער זאָל זיך שוין אָפּטשעפּען פון זיי און אַ סוף זאָל שוין נעמען צו זיין פּאָנפּען ! . . אָבער דער איינגעשפּאַרטער, איינגעגעסענער שייעלע האָט גאָר ניט בדעה געהאַט אויפצוהערן. פאַרקערט, ער וועט זיי ערשט באַווייזן, ער מוז זיי די אויגן אויסשטעכן פאַר אַלעמען אין די אויגן, אַז דער פּשט פון רש״י און פון דעם פּסוק איז נאָר ווי ער זאָגט! און זיי, די מכלומרשטע למדנים, הייבן אפילו ניט אָן צו וויסן מאי דקאמרי רביצין ! . .

ער פלעגט אַזוי לאַנג זיך אַמפּערן און קריגן מיט זיי און אַזוי לאַנג פּאָנפּען און כאָרכלען מיט זיין צוגעפּלאַטשעטער נאָז, ביז ער פלעגט זיך כאַפּן, אַז דאָס קריגט ער זיך שוין מיט זיך אַליין. די שיינע יידן זיינען פאַר שרעק זיך צעלאָפן פונם בית־מדרש . . .

* * * * *

יודל שינדלמאַכער איז געווען פּונקט דער היפּוך פון זיין שכן שייעלע שינדלקלאַפּער. ערשטנס, אין פאַרגלייך מיטן קליינינקן שייעלען, האָט ער אויסגעזען ווי אַ ריז, אַ גדול — אַן אמתער גוג ומגוג. ער איז געווען אַ ברייט־

פלייציקער, מיט א פּאָר לאַנגע, געזונטע ידים; שווערע, גרויסע פּיס; א ברייט פּנים, באוואקסן מיט א געדיכטן, שווארצן בערדל; גראָבע, דיקע ליפּן און מיט א שווערער טשיפּעליאטער צונג, וואָס האָט זיך קוים געהאט "פּאַמעש־משעט" ביי אים אין מויל.

צווייטנס, איז ער געווען א שטילער מענטש, א מוראדיקער שווייגער. האָט אים א שכן געזאָגט "גוט־מאָרגן", האָט ער געענטפערט "גוט־יאָר". ער זאָל זיין דער ערשטער צו זאָגן, האָט ער קיין מוט ניט געהאט.

אין בית־מדרש איז ער תמיד געזעסן ביי דער טיר, לעבן האנטפּאַס, די אויגן פארגראָבן אין זיין גרויסן "כל־בו" סידור, מיט דעם תהלים און מעמדות און געהאלטן אין איין שעפּטשען מיט זיינע גראָבע, דיקע ליפּן. האָט אים דער שמש, אמאָל אין א יובל, מכבד געווען מיט אן "עליה", איז ער געווען צופרידן, אלא ניט, האָט ער אויך צו קיינעם קיין טענות ניט געהאט. ס'האָט אפילו געמעגט פּאַרקומען אין בית־מדרש די גרעסטע מחלוקת, וואָס האָט ניט איינמאָל זיך געהאט פאַרענדיקט מיט פייערדיקע פּעטש, ווי דער שטייגער איז געווען . . . האָט עס אויף אים אויך ניט געמאכט קיין שום רושם. ער איז זיך געבליבן זיצן א רוּקער, א שטילער אויף זיין אָרט און ניט אויפֿגעהערט זיך צו שאָקלען איבער זיין גרויסן "כל־בו" סידור, ווי שטענדיק, ווי קיין זאך וואָלט ניט געשען.

ערשט, ווען ער האָט זיך שוין געהאט גוט אָנגעדאַוונט און אָפּגעזאָגט זיין "יום תהלים" מיט אלע נויטיקע "שטיקלעך", וואָס א פרומער ייד דאַרף זאָגן, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט מיט א קרעכץ, צוגעגאנגען מיט שטילע, הכנעהדיקע טריט צום אָרון־קודש, א פיר געטאָן מיטן פרוכת איבערן פּנים, א קוש געטאָן אים מיט די ליפּן און הינטערוויילעכס צוריקגעגאנגען צו דער טיר, געגעבן א קוש די מזוזה און מיט א פרישן קרעכץ פאַרלאָזן דעם בית־מדרש. אזוי האָט ער זיך נוהג געווען טאָג־איין, טאָג־אויס.

געווען איז ער א ווייסטער אלמן, אָן א ווייב, אָן א קינד. זיין איינציקער זון איז שוין לאַנג געווען ערגעץ אין דער ווייטער אמעריקע, פאַרפאלן געוואָרן ווי אין וואסער אריין. איז כדי ניט צו זיצן אליין, האָט ער זיין קליינינקן שטי־בעלע מיטן שטרויענעם דעכל, פארדונגען צו ר' ישראל לוסקעלער, דעם גמרא מלמד, פאַר איין רובל א חודש.

יודל שינדלמאכער, כאָטש ער איז בטבע געווען זייער א קאַרגער, אָבער דאָ האָט ער זיך ניט אזוי "געלאָקאָמעט" אויפן דירה־געלט, ווי אויפן ביסל תורה: היות ווי ער איז נעבעך געווען שטומפּיקלעך אויף די הייליקע אותיותלעך, האָט ער כאָטש געוואָלט, אז די ווענט פון זיין שטיבעלע זאָלן איינזאַפּן אין זיך דעם קול התורה, פון זיין "קאַמערניק" דעם מלמד מיט זיינע תלמידים . . .

צווייטנס, ביים אָפּשליסן דעם "משא ומתן" צווישן אים און זיין שכן דעם מלמד האָט ער אויסגענומען א תנאי, אז זיין ווייב, די מלמדקע, אסתר־יהודית, וואָס האָט געהאט געשמט פאַר א גרויסער צדיקת, זאָל אים אָפּקאָכן

צוויי מאָל אין טאָג א "לעפל געקעכץ", א טעפּעלע קרופּניק, א טעפּעלע באָרשטש וכדומה, און אויך אויסוואַשן פאר אים א העמד לכבוד שבת. דערפאר האָט ער זיך מתחייב געווען אָפּצוצאָלן איר פאר דער דאָזיקער טירחה מיט די שפּענער און סטרוזשקעס — די "אָפּפאַדקעס" פון זיינע שינדלען. אזוי אז עס האָט זיך געלוינט פאר ביידע צדדים . . .

יעדער אינדערפרי, ווען ער איז געקומען פון בית־מדרש, האָט שוין אויף אים געוואַרט זיין טעפּעלע קרופּניק. האָט ער זיך געוואַשן, געזאָגט "שאו ידיכם", געמאַכט "המוציא" און אָנגעבראָקט א פולן שיסל מיט האַרטע שטיקלעך ברויט, עס באַגאָסן מיטן הייסן, שיטערן קרופּניק און זיך גענומען פאַר דער געשמאַקער סעודה. געגעסן האָט ער פּאַוואָליע, שטיל, באַזאַכט. פון גרויס הנאה ווען, פאַרזשמורעט די אויגן, דאָס פּנים פאַררויטלט, אזש טראָפּנס שווייס האָבן אַרויסגעזעצט אויף זיין שטערן.

אַזעלכע לאַנגע "סעודות" פלעגט ער אָפּריכטן דריי מאָל א טאָג, פּינקטלעך, ווי א זייגער.

פאר ר' ישראל לוסקעלערס גמרא־תלמידים זיינען יודל שינדלמאַכערס מאָלצייטן געווען אמתע ספּעקטאַקלען. און כ'לעבן ס'איז טאַקע געווען וואָס צו זען: עס זיצט פאַר אייך א צעוואַקסענער, מגושמדיקער ייד, מיט ברייטע פּלייצעס, אַריבערגעבויגן איבער א גרויסער, ערדענער שיסל, פון וואַנען עס שלאָגט א הייסע פּאַרע, און האַלט אין איין שעפּן פון דאָרט מיטן הילצערנעם לעפל צו זיך אין מויל אַריין. ער אַרבעט אויף אַלע כלים, בלאָזט מיטן מויל, פּאַטשט מיט גראָבע ליפּן, אָטעמט שווער, ווי ער וואָלט געשווומען אונטערן וואַסער. פון זיין גאַנצן גוף זעצט א פּאַרע, ער שוויצט, ער ווישט אַלע ווײַלע אָפּ מיטן מויל די ריטשקעלעך שווייס פון פּנים. און פון גרויס תענוג, לאָזט ער אַלע ווײַלע אַרויס א געשמאַקן קרעכצל און שלינגט ווייטער די שטיק־לעך צעווייקטע ברויט מיטן קרופּניק.

די חברה קונדסים נעמען די גאַנצע צייט ניט אַראָפּ די אויגן פון אים, פּאָלגן נאָך יעדער ריר און קער זיינעם. און ווען דער רבי זייערער זעט ניט מאַכן זיי נאָך הינטער זיינע פּלייצעס אַלע באַוועגונגען וואָס ער מאַכט מיטן לעפל און מיט די גראָבע ליפּן און שטיקן זיך פאַר געלעכטער. אָבער יודל שינדלמאַכער זעט איצט קיינעם ניט. ער איז מיט אַלע זיינע חושים פאַרטאָן אין דער אכילה, אזוי לאַנג ביז עס הייבט אָן "טאָגן" אין שיסל.

ענדלעך גיסט ער אָפּ די נעגל מיט "מים אחרונים" וואַסער און הייבט אָן בענטשן מיט גרויס כוונה. אָבער דער הייסער קרופּניק מיטן האַלבן לאַבן ברויט, וואָס ער האָט נאָך־וואָס געהאַט פאַרצערט, און די שטיקנדיקע לופט פונם ענגן, דושנעם חדר־שטיבל, גיסן אָן זיין מאַסיוון קערפּער מיט אזא זיסער, אַנגענעמער וואַרעמקייט. עס באַפאַלט אים א מידקייט: דער קאָפּ ווערט אים עפּעס אזוי שווערלעך, ווי מיט בליי אָנגעגאָסן, די אויגן קלעפּן זיך אים צו, ער הייבט זיך אָן צו שאָקלען, ביז דער קאָפּ זינקט אַראָפּ צום טיש און באַלד צעטראָגט זיך איבערן ענגן שטיבעלע א משונהדיקער כראָפּען, מיט א פּייפעריי און א סוויסטשעריי אינײנעם.

ר׳ ישראל, דער גמרא־מלמד שפרינגט אזש פון דער הויט. דאָס משונהדיקע, גרילצנדיקע כראָפּען פון זיין באַלעבאָס פאַלט אויף זיינע אויערן זייער שווער. ער קאָן עס שוין מער ניט פאַרטראָגן. הייבט ער אָן לערנען מיט זיינע תּלמידים הויך אויפן קול די גמרא פון „המניח את הכּד ברשות הרבים" — אַז איינער וואָס ליגט אַוועק אַ קרוג אין רשות הרבים. אָבער עס העלפט ניט — יודל שינדלמאַכערס כראָפּען אין שטאַרקער פון דעם „המניח את הכּד"... טאָ וואָס־זשע טוט מען פאָרט? ווי אַזוי ווערט מען פּטור פונם כראָפּענדיקן באַלעבאָס ר׳ יודל שינדלמאַכער, וואָס ליגט מיט אַ האַלבן גוף איבער זיין חדר־טיש און האָט גאָר ניט בדעה אויפצושטיין? עס איז דאָך עפּעס ביטול תּורה?!

כּעסט זיך דער מלמד, ביז ער פאַלט אויף אַ קלוגער המצאה: ער כאַפּט אַרויס אויף גיך אַ שטרוי פון דער שלאָף־באַנק און הייבט מיט אים אָן צו קיצלען זיין שלאָפנדיקן באַלעבאָס אין דער פּאַטילניצע און אין דער נאָז.

יודל שינדלמאַכער הייבט אָן דרייען מיטן קאָפּ, וואַרפן מיט די הענט אויף אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך די זלידנע פליגן, די איינגעגעסענע קאָמאַרן, וואָס בייסן אים און פאַרגינען אים ניט צו כאַפּן אַ זיסן, געשמאַקן דרעמל.

די חדר־יינגלעך שפּרינגען אַזש פאַר פרייד פון די ערטער. די סצענע ווי אַזוי זייער „רבי" שפּילט „קאַץ און מויז" מיטן שטרויעלע איבער דער נאָז פונם שלאָפנדיקן יודל שינדלמאַכער, איז פאַר זיי דער שענסטער ספּעקטאַקל וואָס זיי האָבן ווען עס איז געזען. דאָס אַמוזירט זיי זייער שטאַרק, אַזוי אַז זיי קאָנען זיך שוין מער ניט איינהאַלטן און שיסן אויס אין אַ הילכיקן געלעכטער.

יודל שינדלמאַכער כאַפּט זיך אויף ניט טויט, ניט לעבעדיק, קוקט זיך אַרום מיט צעטומלטע אויגן ווו ער איז דאָ אין דער וועלט. ער הויבט זיך אָן צו טשוכען און צו קראַצן, גענעצט זיך אויס, גיט אַ קרעכץ און שאַרט זיך אַרויס אויף זיינע שווערע, קלעצלדיקע פיס אינדרויסן אַרויס, ווו ס׳געפינט זיך זיין גרויסער שינדל־וואַרשטאַט, און נעמט זיך פאַר דער אַרבעט.

* * * * *

געאַרבעט האָט ער שטענדיק אינדרויסן, אַפילו ווינטער אין די גרעסטע פרעסט. ער פלעגט זיך גוט אָנפּעלצן פון קאָפּ ביז די פיס. אויף זיין וואַרעמער וואַטוווקע, וואָס ער האָט קיינמאָל פון לייב ניט אויסגעטאָן, האָט ער אָנגעטאָן אַ שעפּסענעם פּעלצל, זיך אַרומגעגאַרטלט מיט אַ לעדערנעם פּאַס; די פיס איינגעוויקלט אין אַ פּאַק „אָנוטשעס", אויף די אָנוטשעס אַ פּאָר גרויסע וואָלענקעס, וואָס זיינען געווען אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי: אויף די וואָלעקעס אַ פּאָר קרייקעס; אויפן קאָפּ אַ פוטערנעם היטל, אויפן היטל אַ באַשליק, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ הויכן שפּיץ. מיט דעם דאָזיקן

הילוך האָט ער אויסגעזען ווי, להבדיל, גאַנצע קאָזאַק, מיט וועלכן מ׳פלעגט אַמאָל שרעקן קליינע קינדער אין די וויגן . . .

מיט אָט דעם שווערן, אָנגעפּאַקטן אָנטועכץ זיינעם, פלעגט ער זיך קוים אַרויפדראַפּען אויף זיין הויכן ״סטאַנאָק״, דעם שינדל־וואַרשטאַט, וואָס האָט אויך געהייסן ״די הילצערנע באָבע״. גענומען איןביידע הענט דעם שאַרפן, שטאָלענעם סטרוג און אָנגעהויבן אויף גיך צו סטרוגעווען אַיין שינדל נאָכן אַנדערן.

פאַר די שכנישע קינדער און פאַר דעם מלמדס חדר־יינגלעך, האָט דער גרויסער אָנגעפּעלצטער יודל שינדלמאַכער, וואָס איז געזעסן אין דער הויך אויף זיין ״הילצערנער באָבע״, ווי אַ קעניג אויף זיין טראָן, געמאַכט דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן איצט דערזען פאַר זיך עפּעס אַ פאַנטאַסטישע פיגור, וואָס האַלט אין זיינע ביידע הענט אַ בלאַנקן מעסער און שינדט פאַסן פון די אומשולדיקע, ווייסינקע שינדעלעך . . . ער האָט זיי עפּעס געשראָקן און אין דער זעלבער צייט האָט עס זיי געצויגן צו אים. יודל שינדלמאַכער האָט שטאַרק הנאה געהאַט וואָס חברה קליינוואַרג שטייען אַרום אים, קוקן און גאַפן ווי ער אַרבעט פלינק מיט זיין סטרוג, ווי אַ קלעזמער מיטן סמיטשיק אויף זיין פידל.

ווען יודל שינדלמאַכער איז אַוועק דאַווענען אין בית־מדרש, אָדער ער איז געזעסן ביי זיך אין שטיבעלע איבערן שיסל און געפּראַוועט זיינע לאַנגע סעודות, פלעגט חברה זיך באַלד אַרויפכאַפּן אויף זיין גרויסער, הילצערנער ״באָבע״ און מאַכן מיט איר לאַנגע, ווייטע ״נסיעות״ אַזש קיין פּדן־אַרם אָדער צום לאַנד גושן, וווּ די בני ישראל זיינען געזעסן. און די קלענערע, וואָס האָבן ניט געקאָנט אַרויפקריכן אויפן הויכן שינדל־סטאַנאָק, פלעגן זיך ״אַריינוואַליען״ אין דעם אָנגעהויפּטן באַרג סטרוזשקעס, פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגן אַ פרישער, געשמאַקער ריח פון זשיוויצע און קאַליפאָניע, וואָס האָבן דערמאָנט אָן גרינעם וואַלד . . .

ווינטער, ווען די טעג זיינען אַזעלכע קורצע, פלעגט ער אַרבעטן ביז אַ שטיק אין דער נאַכט פאַרן שיין פון דער לבנה אָדער פאַרן ליכט פון זיין גרויסער לאַמטערנע. דאָס איז געווען פאַר אים די בעסטע צייט פון זיין לאַנגן אַרבעט־טאָג. קיינער האָט זיך אים דעמאָלט ניט געפּלאָנטערט פאַר די פיס; דעמאָלט איז ער געווען אַליין מיט זיין הילצערנער באָבע; אַליין מיט זיין סטרוג און מיט דער ״פוגע״; אַליין מיט זיין ״שלייע״ און אַליין מיט זיינע ווייסינקע, גלאַטינקע שינדעלעך, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט . . .

אַזוי פלעגט יודל שינדלמאַכער אָפּאַרבעטן אַ גאַנצן ווינטער, ביז ער האָט שוין געהאַט פאַרברויכט זיין גאַנצן צוגעגרייטן האָלץ־זאַפּאַס. דעמאָלט פלעגט ער נעמען אויססאָרטירן זיינע שינדלען, איינטיילן זיי אין קאַטעגאָריעס, און זיי אויסציילן, וויפל ״שאָק״ (60 שטיק) ער פאַרמאָגט, און וויפל פון זיי געהערן צו ״פּערווי״ סאָרט און וויפל פון זיי עס געהערן צום צווייטן און צום דריטן סאָרט. און כדי ער זאָל חלילה ניט פאַרגעסן די צאָל פון זיינע שאָקן

שינדלען פֿלעגט ער פֿארשרייבן מיט א שטיקל שווארצן קויל אויף די ווענט פֿון זיין שטיבעלע און פֿון שטעלכל, מיט עפּעס אזעלכע מאָדנע פּאסיקלעך, האלבע און גאנצע רעדעלעך, וואָס נאָר ער אליין האָט געוווסט דעם מיין פֿון זיי.

נאָכן איבערציילן זיי, פֿלעגט ער זיי צונויפֿליגן אין אזעלכע פּיר קאנטיקע "סטויגן", און איבער יעדער סטויג ארויפֿגעלייגט אין דער הויך שווערע משאות, גרויסע שטיינער, קלעצלעך האָלץ. ווארים שינדלען האָבן שוין אזא טבע, — פֿלעגט ער זאָגן מיט א שמייכעלע, — וואָס לענגער זיי ליגן אונטער א שווערער פּרעס, אלץ בעסערע און גלאטער קומען זיי ארויס . . .

ער האָט געקוקט מיט נחתדיקע, פֿארליבטע אויגן אויף זיינע אויסגעשטעלטע שורות "קאסטנס" שינדלען, ווי עס קוקט א טאטע אויף זיינע אונטערגעוואקסענע, געראָטענע קינדער.

נאָך פּסח, ווען ס'האָט זיך געשטעלט דערווארעמער פֿרילינג, פֿלעגט יודל שינדלמאכערס הויף פֿארוואנדלט ווערן אין א יאריד. פֿון נאָענט און פֿון ווייט איז מען געקומען צו אים איינקויפֿן שינדלען, מחמת זיינע שינדלען האָבן געשמט אין דער גאנצער געגנט פֿאר די בעסטע און די שענסטע, אזוי אז ס'האָט ניט גערדויערט לאנג ווי מ'האָט זיי צעכאפּט ווי מצה־וואסער.

די ערשטע פּאָר טעג איז יודל שינדל־מאכער ארומגעגאנגען א צופֿרידענער, א גליקלעכער, ווי נאָך א חתונה, ווי א טאטע וואָס האָט נאָר־וואָס געהאט "אויסגעגעבן" זיין מיזינקע. ער האָט אלע ווײַלע ארויסגענומען פֿון זיין בוזים־קעשענע דעם לעדערנעם טייסטער מיטן אָפּגעלייזטן געלט און עס געהאלטן אין איין איבערציילן און איבערחשבונען, אזוי איינמאָל און נאָכאמאָל, אזש טראָפּנס שוויס פֿלעגט אים ארויסזעצן אויפֿן שטערן.

ערשט ווען ער האָט זיך שוין געהאט גוט אָנגעזעטיקט מיטן קלאנג פֿון זיינע קופּערנע און זילבערנע מטבעות, איז אים באפֿאלן עפּעס אזא אומעט, אזא נאָגעניש ביים הארצן, אזוי אז ער האָט זיך גאָר קיין אָרט ניט געקאָנט געפֿינען. דער ליידיקער הויף האָט אים עפּעס ווי געשראָקן. זיינע צוויי גרויסע, שטארקע הענט, וואָס זיינען געוויינט געווען צו שווערער ארבעט, זיינען איצט אויף אים געהאנגען ווי צוויי שווערע קלעצער, אזוי אז ער האָט ניט געוווסט וווּ זיי אהינצוטאָן.

יעדער אינדערפֿרי, ווען ער האָט זיך געלאָזן מיט זיין גרויסן טלית־זאק אין בית־מדרש אריין צום דאַוונען, פֿלעגט ער זיך אוועקשטעלן אין מיטן הויף, וווּ ס'האָט זיך געפֿונען זיין שינדל־מאסטערסקאיע, קוקן מיט טרויעריקע אויגן צו דר'ערד, וווּ ערשט ניט לאנג צוריק זיינען געשטאנען זיינע סטויגן שינדלען, און איצט איז פֿון זיי געבליבן ניט מער ווי הוילע, נאקעטע פֿלעקן אויף דר'ערד . . . עס ווערט אים עפּעס אזוי טרוקן אין שלונג, אז ער קאָן אזש מיט דער צונג ניט איבערדרייען. ער הייבט זיך אָן קראצן אין דער פּאָטילינצע, שעפּטשעט מיט די ליפּן, און מיט זיינע באהאָרטע נאָזלעכער הייבט ער

אַן צו שנאַפּן די לופט, ווי ער וואָלט געזוכט צו כאַפּן דעם פרישן, טערפּקען ריח פון זיינע פאַרשווונדענע סטויגן שינדלען . . .

* * * * *

ווי שוין געזאָגט האָט צווישן די צוויי גרויסע שינדל־מייסטערס יודל שינדלמאַכער און שייעלע שינדלקלאַפּער, קיין שלום בית ניט געהערשט. שולדיק אין דעם איז געווען ניט קיין אנדערער ווי שייעלע אליין.

ערשטנס, איז דעם קליינינקן, בייזן שייעלע פּאַנפּע, וואָס האָט זיך געהאַלטן מעשה גדול, ניט אַנגעשטאַנען וואָס מיט זיין איידעלער מלאכת שינדלעריי, פאַרנעמט זיך אויך אַזאַ פּראָסטער, מגושמדיקער ייד, ווי יודל שינדלמאַכער. וואָרים ס׳האָט זיך אים רק אויסגעדוכט, אז ווען ניט אָט דער מגושם, וואָלט שטעטל געהאַט צו אים, דעם בן־תורה און אויך צו זיין מלאכה, שינדל־קלאַפּן, מער דרך ארץ.

צווייטנס, ווי דאָס איז שוין די טבע פון יעדער בעל מום, א קאַליקע, האָט דער קליינינקער שייעלע, וואָס איז נעבעך געווען געשטראָפט אי מיט א בלינדן אויגל און אי מיט א צונעפּלאַטשעטער נאָז — א פּאַנפּע, שטאַרק מקנא געווען יודל שינדלמאַכערס דאָברי־מזל: זיין גידול, זיין הויך, זיינע ברייטע פּלייצעס און נאָך מער זיינע צוויי געזונטע „קוקערס". . .

איז די דאָזיקע קנאה צו אים אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א שטאַרקער שנאה, אַזוי אַז ביי יעדער געלעגנהייט, האָט שייעלע געהאַלטן אין איין באַליידיקן דעם שטילן, גאָטספאַרכטיקן יודל שינדלמאַכער. אָנגערופן אים, בפני כל עם ועדה, מיט די ערגסטע צונאָמענס, ווי עם הארץ, גראָבער יונג, פּראָסטאַק, גולם, בעל מגושם און נאָך אַזעלכע מיאוסע זילזולים, אבי אים צו דערצערענען, אויסעסן אים דאָס האַרץ.

יודל שינדלמאַכער, וואָס איז בטבע געווען א גרויסער שווייגער, א שטילער מענטש, ניט געטשעפּעט אפילו א פליג אויף דער וואַנט, פלעגט ניט ענטפערן אויף אַלע זיינע באַליידיקונגען, זיך געמאַכט טויב און שטום, ווי ניט אים מיינט מען. בלויז שטיל אונטערגעקרעכצט.

דאָס פלעגט דעם בייזן, שלעכטן שייעלען נאָך מער פאַרדריסן, וואָס ער איגנאָרירט אים. סטייטש, אַזאַ גראָבער יונג, מען זידלט אים, מען מאַכט אים צו דער בלאָטע גלייך און ער, דער שוטה שווייגט!?

הייבט שייעלע שוין אָן אומישנע חוזק צו מאַכן פון יודל שינדלמאַ־כערס „מעשה ידיו" — פון זיינע שינדלען, אַז זיי זיינען קרומע, לאָמע, טויגן אויף תשעה נייניציק כפּרות, די פוגעס זיינען קיין פוגעס ניט, אַזוי אַז מען טאָר זיי אין האַנט אריין ניט נעמען.

דאָס דאָזיקע לשון הרע ריידן אויף זיינע טייערע שינדעלעך, וואָס האָבן אַזאַ גוטן שם „אויף דער גאַנצער וועלט", טרעפט יודל שינדלמאַכער ווי מיט א שפּיז אין האַרצן. ער קאָן עס שוין מער ניט אריבערטראָגן. ער הייבט זיך אַזש אָן צו טרייסלען פאַר ווייטיק, ווי א שלאַנג זאָל אים א ביס טאָן. ער

הייבט אָן קלאַפּן מיט זיינע גראָבע ליפּן, קענטיק ער וויל געפינען עפּעס א שאַרף וואָרט, אריינצוזאָגן אָט דעם שלעכטן, בייזן שייעלען, אז עס זאָל אים פארגיין אזש אין דער זיבעטער ריפּ, אָבער ווי אויף צו להכעיס, דינט אים ניט די צונג. דאָס וואָרט בלייבט אים שטעקן אין דער גרגרת און ער קען עס בשום אופן ניט ארויסברענגען. ער גיט א בייזן קוק אויף זיין שונא און לאָזט באַלד צוריק אראָפּ דעם קאָפּ צום סידור און זיפצט שווער אָפּ . . .

דעם עולם אין בית־מדרש איז אָבער א שאָד דורכצולאָזן אזא שיינעם ספּעקטאַקל, ווי דער קליינינקער שייעלע פאָנפע קריגט זיך שוין ווידער מיטן שוויגנדיקן יודל שינדלמאכער, הייבט מען אָן פון איין זייט אונטערצוהעצען שייעלען, און פון דער צווייטער זייט גיבן זיי צו יודל שינדלמאכער מוט און קוראַזש, אז ער טאָר ניט פארשוויגן. ער מוז זיך אָננעמען די קריוודע פון זיינע באַליידיקטע שינדעלעך, און ער זאָל איינמאָל פאר אַלעמאָל ״דערלאַנגען״ שייעלען ווי ער האָט פארדינט . . .

יודל שינדלמאכער, זעענדיק ווי דער גאַנצער עולם אין בית־מדרש האַלט מיט אים, קאָן ער שוין ניט ביישטיין דעם נסיון, נעמט ער זיך אָן מיט כוח, הייבט זיך אויף פון אָרט און טוט א זאָג אין איין אָטעם מיט זיין טשעפּעלאַטער, שווערלעכער צונג:

— ש־ש־ש־שייעלע פּ־פּ־פּ־פאָנפע, ד־ד־ד־דו ב־ב־ב־ביסט א ר־ר־ר־רשע מרושע, ביסטו! אַן מ־מ־מ־מיינע ש־ש־ש־שינדלען וואָלסטו ג־ג־ג־געדאַרפט גיין איבער די הייזער ! . .

ער טוט באַלד א כאַפּ דעם טלית־זאַק מיט זיין גרויסן ״כל־בו״ סידור, גיט א שטאַרקן שפּיי אין שייעלע פאָנפעס זייט, און לויפט ארויס פון בית־מדרש, ווי אַן אונטערגעשאָסענער . . .

דער עולם ברעכט אויס אין א געלעכטער.

דער קליינינקער שייעלע שינדלקלאַפּער בלייבט שטיין ווי אַן אָפּגעשמיסענער. אויף אזא שאַרפן ענטפער פונם שוויינגדיקן יודל שינדלמאכער האָט ער זיך גאָרניט געריכט.

אָט אזוי איז אָנגעגאַנגען צווישן די צוויי שכנים באַלמעלאָכעס, יודל שינדלמאכער און שייעלע שינדלקלאַפּער, א שטענדיקער רוגז, א קידערווידער, ניט וויסנדיק אַליין פארוואָס. און אפשר איז דאָ געווען שולדיק דער רבונו של עולם אַליין, וואָס איינעם גיט ער מיט דער פולער האַנט און דעם צווייטן שטראָפט ער. יודל שינדלמאכער האָט ער געבענטשט מיט אַלע מעלות, און דעם אומגליקלעכן שייעלע שינדלקלאַפּער האָט ער געשטראָפט אי מיט קליינקייט, אי מיט א בעלמע אויפן אויג און דערצו נאָך מיט א נאָז — א פאָנפע . . .

די וואַרטע

יאָרן זיינע געלאָפן. דער קליינינקער שייעלע שינדלקלאַפּער האָט שוין מער קיין כוח ניט געהאַט צו קריכן און צו קלעטערן אויף די דעכער, און צו שפּרינגען פון איין קראָקווע צו דער צווייטער און שלאָגן מיט זיין שאַרפן העקל די נעגל־טשוועקלעך אין די שינדלען. זיינע זינדלעך, וואָס האָבן אים געהאַט אַרויסגעהאָלפן אין דער מלאכה, זיינען זיך שוין געהאַט צעלאָפן אַזש קיין אַמעריקע. איז ער צו דער עלטער געבליבן, ווי מען זאָגט: "דיעד דאַ באַבאַ", ער מיט זיין אַלטיטשקע ווייב, שייעכע, ווי מ'האָט זי גערופן אין שטעטל אויף זיין נאָמען.

יודל שינדלמאַכער, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געסטרוגעוועט שינדלען פאַר דער גאַנצער געגנט, איז שוין אויך געוואָרן אויס שינדלמאַכער, מחמת פון אַלטקייט וועגן האָבן זיינע הענט זיך שטאַרק געטרייסלט. האָט ער בלית ברירה געמוזט אַוועקלייגן די שווערע "שלייע" מיט דער שאַרפער האַק, מיט וועלכע ער האָט געשפּאָלטן די "יאַלענע" קלעצלעך האָלץ אויף שינדלען.

ווען דער שוויגנדיקער יודל שינדלמאַכער פלעגט פאַרבייגיין און דערזען ווי זיין "הילצערנע באַבע" שטייט נעבעך אַן עלנטע, אַ פאַרלאָזטע אונטערן "פּאָדאַשעק", פלעגט אים פאַרקלעמען דאָס האַרץ, געבן אַ שווערן קרעכץ און מיטן אַרבל פון זיין וואַטאָווקע, אָפּווישן אַ טרער פון אויג . . .

זיינען ביידע אַלטיטשקע מייסטערס, יודל שינדלמאַכער און שייעלע שינדלקלאַפּער, זיך געזעסן אַ גאַנצן טאָג אינם ליידיקן בית־מדרש און האָבן זיך געהאַט פאַרנומען מיט תורה און עבודה. שייעלע, דער למדן, האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר, און יודל שינדלמאַכער, וואָס איז נעבעך ניט געווען "שוה בשוה" מיט די "שוואַרצע פינטעלעך", האָט געהאַלטן אין איין זאָגן תהלים און "מעמדות".

ערשט דעמאָלט האָט דער קליינינקער, בייזער שייעלע, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן זיך אַזוי שטאַרק איזדיעקעוועט איבער דעם שטילן, תמימותדיקן יודל שינדלמאַכער, גענומען זיך צוצוטוליען צו אים, פלעגט ניט איינמאָל אַרויסנעמען פון זיין קעשענע אַ קיכל, אַ שטיקל האָניק־לעקעך, וואָס זיין פלוניתטע, שייעכע, פלעגט ספּעציעל אָפּבאַקן פאַר אים, אַז ער זאָל האָבן מיט וואָס אונטערצולענען דאָס האַרץ, און מכבד זיין מיט דעם זיין שכן יודל שינדלמאַכער, דעם עלנטן, וויסטן אַלמן.

דער אלטער ר׳ יודל דערפילט זיך זייער געהויבן פון שייעלעס פריינד־שאפט צו אים. ס׳איז דען עפּעס א קלייניקייט, שייעלע דער למדן, וואָס האָט אים שטענדיק מדחה געווען, אַנגערופן עם הארץ, איז איצט צו אים אזוי גוט, ווי ער וואָלט געווען זיינס גלייכן. טוט עס אים שטארק הנאה.

ער נעמט אָן שייעלעס אויסגעשטרעקטע האנט מיט דער מתנה, מאכט מיט גרויס כוונה א ברכה אויפן געשענקטן קיכל, ״צו וואָס מ׳דארף זיך ניט וואשן״. שייעלע פּאַנפּע ענטפערט אויף זיין ברכה ״מזונות״ אָמן, און יודל שינדלמאכער ענטפערט אויך אויף זיין ברכה ״אָמן״. אזוי זיצן זיך ביידע אלטיטשקע, עסן געמיטלעך און שווייגן. נאָר אלע ווײַלע גיט דער א קרעכץ און דער א זיפץ, און פארשטייען זיך איינע די אנדערע . . .

נאָכן צוביים און נאָכן אָפּזאָגן דעם ״על המחיה״, הייבט אָן שייעלע ריידן און דערציילן פאר יודל שינדלמאכער וועגן די אמאָליקע גוטע צייטן, ווי אזוי רייכע פּריצים האָבן זיך געריסן איבער אים און ווי אזוי ס׳איז געקומען צו אים אמאָל א גלח פון א שטעטל, אז ער זאָל גיין באשלאָגן א דאך פון א קלויסטער. אָבער שייעלע האָט זיך אָפּגעזאָגט אי פונם כבוד און אי פונם פארדינסט.

— ער האָט ניט געוואָלט גיין אַנטאָן א קלויסטער א היטל אויפן קאָפּ, — פארענדיקט שייעלע מיט א דריבנינקן געלעכטערל.

ער וואָלט נאָך און נאָך געוואָלט דערציילן פון זיינע ״אמאָליקע גוטע צייטן״, אָבער דאָ גיט אים א שפּאר דער הוסט און ער מוז איבעררייסן.

יודל דער שינדלמאכער, וואָס איז שוין אביסל טויבלעך אויף אן אויער, איז שווער אויפצוכאַפּן וואָס שייעלע פּאַנפּעט ארויס פון אונטער זיין צוגעפּלאטשעטער נאָז. קוקט ער אים אין מויל אריין, שאָקלט צו אויף יעדער וואָרט זיינעם מיטן קאָפּ. ער וואָלט אויך חשק געהאט עפּעס צו דער־ציילן פון זיינע אמאָליקע גוטע יאָרן, ווען ער האָט מיט זיין גרויסער שארפער האק און מיט זיין שווערער ״שלייע״ געקענט צעשפּאַלטן אין איין טאָג ניט איין וואָגן קלעצער אויף שינדלען, אָבער ער, דער שטענדיקער שוויַיגער, ווייס ניט ווי אזוי צו באנוצן זיך מיטן גערעדטן וואָרט. שוויַיגט ער ווי זיין שטײ־גער איז, לאָזט ארויס א קרעכץ און שוויַיגט וויַיטער . . .

אָט אזוי פארברענגען זיי געמיטלעך זייערע אלטע טעג אינם ווארע־מען בית־מדרש. ניט איינמאָל ווערט שייעלע א ״רבי״, פּרוווט מסביר זיין פאר אים א פּרשה חומש און דער גרויסער יודל שינדלמאכער ווערט זיין ״תלמיד״, נויגט צו אן אויער, וויל אויפכאַפּן וואָס שייעלע לערנט פאר אים, ביז דער שלאָף איבערוועלטיקט אים און ער ווערט פארזונקען אין א דרעמל . . .

* * * * *

אָט דער דאָזיקער ״שלום־בית״, וואָס האָט געגומען הערשן צווישן די צוויי הארעפּאשנע יידן אויף דער עלטער, האָט אויך געהאט געשפּילט א

גרויסע ראָל די אַזוי גערופענע "וואַרטע", וואָס איז כדאי עס צו באַשרייבן.

וואָרים בימים ההם, אין יענער צייט, איז אין אַלע יידישע שטעטלעך געווען איינגעפירט אַ מנהג, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטרענגען געזעץ, דאָס איז די וואַרטע, וואָס האָט געאַרבעט אויף אַזאַ שטייגער:

נאַכט־איין, נאַכט־אויס, האָבן צוויי שכנים, באַלעבאַטים, געדאַרפט, לויט אַ ריי, אַרויסגיין זאַלבענאַנד אויף שמירה. ד"ה, אָפּהיטן די גרעניצן פון שטעטל; זען, אַכטונג געבן, אַז קיין גנבים זאָלן ניט אַרויספירן יענעמס פערד, צי יענעמס בהמה פון שטאַל; זען אַז קיין שריפה זאָל חלילה ניט אויסברעכן אין מיטן נאַכט, און נאָך אַזעלכע זאַכן, מאַלע וואָס עס קאָן נאָך חלילה טרעפן ביינאַכט אין אַ יידישן שטעטל ? . .

און לויט די "פאַרשריפטן" פון דער דאָזיקער "וואַרטע", האָבן די "וואַרטאַוואָניקעס", די צוויי שומרים, געדאַרפט אַרויסגיין באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, מיט "קאָלטן" כלי־זיין, מיט גראָבע שטעקנס, מיט שווערע דובי־נעס אין די הענט. און יעדער שעה אויסשרייען אויף רוסיש לשון בקול רם, אַז אַלע זאָלן הערן:

— אַסטאָראָזשנאַ ! . . אַסטאָראָזשנאַ ! . .

דאָס האָט געזאָלט זיין, ערשטנס, אַ וואָרענונג פאַר אַלע גנבים און גזלנים, אַז זיי זאָלן זיך היטן די ביינער, וואָרים דער "שומר מה מליל", האַלט אויף זיי אַ וואַכזאַם אויג, און דערפאַר מעג דאָס פאָלק שלאָפן רויק אויפן גאַנצן קאָפּ . . .

צווייטנס, און דאָס איז געווען דער עיקר, מיט דעם געשריי "אַסטאָ־ראָזשנאַ" האָבן וואַרטאַוואָניקעס געדאַרפט געבן אַ סיגנאַל דעם "סטראַזשניק" (פּאָליציסט), וואָס אים פלעגט זיך אַמאָל פאַרגלוסטן צו קומען צו לויפן אַזש פון דער שכנישער שטאָט קאַמעניץ, קאָנטראָלירן די צוויי נאַכט־שומרים צי זיי היטן דאָס געזעץ פון דער מלוכה . . .

פון אָט דער דאָזיקער וואַרטע האָט דער קליינער שייעלע געהאַט נעבעך אויסצושטיין געברענטע צרות, מחמת זיינע שכנים, מיט וועלכע ער איז געווען ווי אויף שטעכמעסער, האָבן געמאַכט צווישן זיך יד אחת און בשום אופן ניט געוואָלט גיין מיט אים אויף "וואַרטעס" אפילו ווען ס'וועט זיי אויסקומען צו גיין זיצן אין "חד גדיא" (אַסטראָג).

פאַרשטייט זיך, אַז מ'האָט זיי דערפאַר ניט געקענט באַשולדיקן, וואָרים זאָגט אַליין, ס'איז עפּעס אַנגענעם אַרומצוגיין אַ גאַנצע נאַכט און היטן אַ "שטאָט" מיט אַזאַ קליינינקן, פּיטשינקען יידעלע, וואָס הוסט און קייכט, פּאָנפּעט און וואָרטשעט ווי אַ בייזע שווינגער ? . .

איז ווי נאָר דער "סטאַראָסטע" פון דער גוישער גאָס פלעגט אוועק־שטעלן דאָס וואַרטע־ברעטל ביי שייעלעס טיר, ווי אַ דערמאַנונג, אַז ער זאָל חלילה ניט פאַרגעסן צו גיין היינט ביינאַכט טאָן זיין בירגערלעכן חוב, פלעגט

דעם קלײנינקן שײעלע פּאָנפּע אָנהײבן טרײסלען הענט און פיס פאר שרעק. װוּ נעמט מען א שותּף, װאָס זאָל װעלן גײן מיט אים אָפּריכטן די װאַרטע?

סײדן ער זאָל גײן מיט זײן אײגענעם װײַב? אָבער דאָס פעלט אים מער ניט: זײנע שכנים, די בײזע צינגער, װעלן דאָך פון אים לאכן אין די פױסטן, װאָרים װי קומט א יידענע צו א װאַרטע ? . .

בלית ברירה האָט דער שטאָלצער שײעלע געמוזט פארבױגן זײן כבוד, געקומען צו יודל שינדלמאכער, װעמען ער האָט א גאנץ לעבן דערגאנגען די יאָרן און אים אָנגערופן מיט די ערגסטע זילזולים, און זיך גענומען בעטן בײ אים מיט תּחנונים, אז ער זאָל זיך דערבארעמען אױף אים און גײן מיט אים אױף דער "װאַרטע".

לכתּחילה האָט דער שטילער, תּמימותדיקער יודל שינדלמאכער, װאָס האָט זיך געהאלטן נידעריקער פון גראָז און שטילער פון װאסער, זײנע אײגענע אױערן ניט געגלױבט װאָס ער הערט. אָט דער שטאָלצער שײעלע, װאָס האָט אים שטענדיק פארשאפט אזױפיל צער און עגמת־נפש, ניט אײנמאָל אים מבזה געװען פאר לײטן, זאָל קומען איצט בעטן זיך בײ אים צו גײן מיט אים אױף שמירה?

האָט ער אױסגעגלאָצט א פּאָר אױגן, געקנײטשט דעם שטערן און זיך שטארק געקװענקלט, װי ער װאָלט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל ער גײן צי נײן, װי ער װאָלט מורא געהאט צו בלײבן מיטן קלײניקן, בײזן שײעלען אױג אױף אױג, א גאנצע נאכט.

ערשט װען שײעלע איז ניט אָפּגעטראָטן פון אים, זיך "געקליאנעט" פאר אים, אײנמאָל און נאָכאמאָל, האָט שױן יודל שינדלמאכער קײן הארץ ניט געהאט אים אָפּצוזאָגן און אָנגענומען זײן בקשה.

אָבער אין דער דאָזיקער נאכט, האָט שטעטל זיך שױן סײ װי סײ ניט גענױטיקט אין קײן שמירה. װײל װי נאָר די װײסע־חברהניקעס, די גרױסע יונגאטשעס פון שטעטל, האָבן זיך דערװוּסט, אז יודל שינדלמאכער, דער — "שבת הגדול" — קלײבט זיך ארױסצוגײן מיט שײעלע פּאָנפּע דעם "קורץ פרײטיק" אױף דער װאַרטע, האָט מען אױף זײ "געטשאטעװעט", ניט אָפּגעלאָזן זײ פונם אױג און געהאלטן איבער זײ א "װאַרטע". . .

װי נאָר ס'איז געװאָרן נאכט און דאָס דאָזיקע פּאָרל, "די שומרי החומה", האָבן זיך באװיזן אין גאס, האָט חברה זײ אױפגענומען מיט א הילכיקן קאצניאָמער, װאָס האָט אָפּגעקלונגען פון אײן ברעג שטעטל צום צװײטן.

און כ'לעבן, ס'איז טאקע געװען װאָס צו זען: דער הױכער, ברײטפלײציקער יודל שינדלמאכער איז געװען אָנגעפּעלצט פון קאָפּ ביז די פיס, כאָטש אינדרױסן איז געװען א װארעמע זומער־נאכט. אין אײן האנט האָט ער געהאלטן א שװערע דובינע און אין דער צװײטער האנט א לאמטערנע.

הינטער אים האָט אונטערגעהאָפּסלט אױף זײנע קורצינקע פיסעלעך דער קלײנינקער שײעלע, װאָס איז געװען פארשלײערט א קאפּאָטע אױף א

קאפאטע, איינגעוויקלט אין שאלן און איז פאטשיילעס, אזוי אז ער האט גאר ניט אויסגעזען ווי א מענטשלעכע באשעפעניש, נאר ווי עפעס אן אויסטער־ליש פארזעניש.

דאס שענסטע איז געווען ווען ס׳איז געקומען די צייט אויסצושרייען דעם רוסישן ״אסטאראזשנא״. יודל שינדלמאכער, וואס איז געווען, ווי מיר קענען אים, א גרויסער שווייגער, שטענדיק מורא געהאט אויפצוהייבן זיין קול אין דער הויך, האט געגומען מאכן לאנגע הכנות, ווי להבדיל, דער חזן ביים עמוד, האט פארריסן אלע ווײלע דעם קאפ צום הימל און געוואלט אויסשרייען, אבער ס׳איז אים ניט געלונגען. דער לאנגער, רוסישער ״אסטא־ראזשנא״ האט זיך אים פארטשעפעט ביי זיין טשעפעלאטער צונג און געבליבן שטעקן אין האלדז, אזוי אז פונם רוסישן ״אסטאראזשנא״ איז געווארן א צ־צ־צ־צרה־סטראזשנא ! . .

דער קליינינקער, אמביציעזער שייעלע פאנפע, וואס האט שטענדיק געהאט א מיאוסע טבע צו וועלן באווייזן, אז ער קאן בעסער פון יעדער איי־נעם, האט אויך דא, ביים שרייען ״אסטאראזשנא״, געוואלט איבערשרייען זיין שותף. ער האט פארווארפן דאס קעפעלע אויף א הינטער, ארייננגענומען זיין ארויסגעשטארצטן, שפיציקן בייכל און ביידע הענט און מיט אלע כוחות גענומען שרייען. אבער דא האט אים די נאכטיקע, קילע לופט א שלאג געטאן צום קעל, אז ער האט זיך אזש פארכליניעט, זיך אנגעהויבן צו שטיקן, צו כארכלען, צו פאנפען און צו הוסטן, אזוי אז דער רוסישער ״אסטאראזשנא״ האט אים שיר ניט דערדישעט.

אזוי לאנג ווי שטעטלע האט נאך ארויסגעגעבן פון זיך סימנים פון לעבן: פון דא און דארט האט זיך נאך אנגעזען א שיין פון א נאפט־לעמפל; פון דא און פון דארט האט זיך נאך געהאט דערטראגן א געוויין פון א קינד, א סקריפען פון א טיר, איז דער קליינינקער שייעלע געווען ביי זיך רויק און זיכער, אז זיין ״שליחות״ וועט דורכגיין על צד היותר טוב, בפרט ביי זיין זייט איז געגאנגען דער הויכער, שוואר־לייביקער יודל שינדלמאכער מיט א דובינע און לאמטערנע אין די הענט, האט אים נאך ארומגענומען א געפיל פון שטאלץ, וואס אויף אים איז איצט אנגעטרויט געווארן דאס לעבן און פארמעגן פון א גאנץ ״שטאט״. . .

אבער ווי נאר ס׳איז געקומען נאך א האלבער נאכט, ווען גאנץ שטעטל איז שוין געווען איינגעהילט אין א געדיכטער פינצטערניש; ארום און ארום האט זיך צעשפרייט א טויטע שטילקייט, ווי אויף א בית־עולם, איז דעם קליינינקן שייעלען געווארן שטארק קאלעמוטנע אויפן הארצן. די שוואר־צע נאכט מיט אירע פינצטערע שאטנס, האט אנגעיאגט אויף אים א מורא. האט ער זיך גענומען צוטוליען צו זיין שכן, ווי ער וואלט געזוכט אין אים שוץ און זיכערקייט.

יודל שינדלמאכער, דערזעענדיק ווי דער קליינינקער שייעלע, וואס האט אויסגעקוקט אין זיינע אויגן ווי ער וואלט געווען מי יודע וואס פאר

א גרויסער למדן, טוליעט זיך צו אים ווי א קינד, ווערט אים זייער גוט אויפן הארצן, אזש א ליבע ווארעמקייט צעגייט זיך אים איבערן לייב. פון גרויס דאנקבארקייט, בויגט ער זיך צו צו אים, נעמט אים אונטערן אָרעם, און אזוי צוגעטוליעט און צוגעניורעט איינער צום אנדערן גייען זיי גאס־איין, גאס־אויס, פון איין עק שטעטל צום צווייטן עק שטעטל.

מיטאמאָל האָט געגומען בלאָזן א ווינטל. א שווארצע קראָ האָט זיך דורכגעטראָגן איבער זייערע קעפּ און זיך צעקראַקעט. אין דער שכנישער, גויישער גאס האָט זיך א הונט צעבולן.ביידע נאכט־שומרים בלייבן שטיין ווי פארגליווערטע פון שרעק און פון פּחד.

נאָך מער האָט זיך געצאפּלט דער קליינינקער שייעלע. ער, דער וויל־געלערנטער, האָט געוווסט וואָס עס שטייט אין דער גמרא, אז "כלבים צועקים — מלאך המות בעיר" — ווען הינט וואָיען איז א סימן, אז דער מלאך המות איז אין שטאָט . . . און דאָס וואָס עס פאָכען פליגל איבער זיין קאָפּ און עס קראקען שווארצע קראָען, זיינען דאָס ניט קיין סתם פייגל, נאָר שדים, רוחות און מזיקים, וואָס קריכן ארויס נאָך א האלבער נאכט, פון זייערע באהעלטענישן און נעמען איבער די ממשלה איבער דער שטאָק־פינצטערער נאכט . . .

פון גרויס שרעק הייבן ביידע נאכט־שומרים אָן צו לייענען קריאת־שמע, זאָגן תהלים, כאפּן זיך פאר די ציצית, אז די "ניט־גוטע", רחמנא ליצלן, זאָלן חלילה ניט האָבן איבער זיי קיין שליטה . . .

אזוי זיינען ביידע "ווארטאָווניקעס" געגאנגען און מתפלל געווען, ביז גאָט, ברוך הוא, האָט דערהערט זייער געבעט און זיי באוויזן, אז ער שטייט מיט זיי אויך אויף דער וואך, זיי צו באשיצן און צו באשירעמען פון יעדער צרה און פגע רע — א סימן, אויפן מזרח־האָריזאָנט האָט זיך שוין באוויזן דער ערשטער שפּראָץ אויפן פרימאָרגן . . .

א דאנק אָט דער דאָזיקער "ווארטע", איז ענדלעד געשלאָסן געוואָרן א "ברית־אחים", א ברידערלעכער בונד, צווישן די צוויי פארקריגטע שכנים באַלמעלאָכעס — יודל שינדלמאכער און שייעלע שינדלקלאפּער, וואָס האָט שוין אָנגעהאלטן ביזן סוף פון זייערע טעג . . .

דער גובערנאַטאָר אין שטעטל

א

עס איז געווען אַ שיינער, אַ וואַרעמער זומער־טאָג, ווען די זון האָט זיך שוין געהאַט פאַרנומען אויף מערב־זייט, האָט זיך פלוצלונג אָנגעיאָגט „פון יענער זייט בריקן", פון דער שכנישער שטאָט קאַמעניץ, דער הויכער, ברייט־פּלייציקער אוראַדניק, גאַספּאַדין איוואַן איוואַנאָוויטש, מיט זיינע לאַנגע, בלאָנדע וואָנצעס, מיט אַ לעדערנעם פּאַרטפעל אונטערן אָרעם; ביי זיין זייט דער קליין־געוויקסיקער, יודל קאָטיק, דער פרנס העיר, וואָס איז געווען אַ גאַנצער ר' שמעלקע אין די „הויכע פענצטער" פון דער שטאָטישער רוסישער נאַטשאַלסטוואָ.

די צוויי וואַזשנע, הויכע לייט, זיינען, מיט גיכע, האַסטיקע טריט, אַריין צו ר' מאיר שמיד אין דער קוזשניע, פּונקט ווען ער איז געשטאַנען מיטן האַמער ביי דער קאָוואַדלע און צו אים אַ זאָג געטאָן, לאמור אַזוי צו זאָגן: די מינוט זאָל ער גלייך צונויפרופן די גאַנצע „הראַמאַדע" פונם שטעטעלע זאַמאָסטי אין דער „באָזשניצע" (שול), וואָרים עס האַנדלט זיך מכוח זייער אַ וויכטיקן ענין.

ר' מאיר שמיד, וואָס איז געווען אַן אָנגעזעענער באַלעבאָס און אויך דער גבאי ראשון פון בית־מדרש, האָט ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און ניט געפרעגט קיין קשיות, וואָרים אַז נאַטשאַלסטוואָ הייסט, דאַרף מען פאָלגן. האָט ער באַלד אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם לעדערנעם פאַרטוך, איבערגעלאָזן די קוזשניע אויף זיינע טשעלאַדניקעס (אַרבעטער), אָנגעטאָן אויף גיך דעם שבתדיקן סורדוט, מיט דער הויכער, סאַמעטענער היטל, און זיך אַוועקגעלאָזן מיט די צוויי הויכע שררות אין בית־מדרש אַריין צו הייסן דעם אונטער־שמשל, איציקלען, גיין רופן אין שול אַריין.

ווען דער קלייניקער איציקל שמשל, וואָס האָט געהאַט אַ טבע צו כאַפּן בייטאָג אַ דרעמל אין דער ווייבער־שול, מחמת ער איז געווען, ניט פאַר קיין יידן געדאַכט, אַן אַלמן, האָט דערזען שטיין פאַר זיך אַזעלכע צוויי הויכע שררות, דעם אוראַדניק איוואַן איוואַנאָוויטש, מיט די צוויי לאַנגע, שאַרפע, געלע וואָנצעס און מיט זיין שווערד ביי זיין זייט, און יודל קאָטיק מיטן בלאָנדן קמץ־בערדל, איז ער פאַר שרעק געבליבן אָן לשון, אָנגעהויבן ציטערן מיט זיין גאַנצן גופל, אַזוי אַז יעדער הערעלע אין זיין שוואַרצן,

ציגן בערדל, האָט זיך אַזש געטרייסלט. ער איז געשטאַנען מיט אַ פּאָר אויס־געגלאָצטע אויגן און בשום אופן ניט געקענט כאַפּן וואָס עס ווילן פון אים האָבן אָט די דאָזיקע צוויי מלוכה־לייט . . .

יודל קאַטיק, וואָס איז געווען באַקאַנט אין שטעטל פאַר אַ גרויסן קאַטאָווועסניק, דערזעענדיק ווי דאָס דאָזיקע קליינינקע מענטשעלע צאַפּלט זיך פאַר שרעק, ווי אַ פישל אויף דער ווענטקע, האָט זיך אים פאַרגלוסט אַ שפּיל צו טאָן מיט אים אַביסל, כדי אים נאָך מער איבערצושרעקן. האָט ער זיך אויף אים שטאַרק צעהוקעט און זיך צעשריען אויף רוסיש און אויף יידיש:

— אַך, טי דוראַק! טשטאָ טי סטאָיש קאַק באַלוואַן?! אידי סקאָרעי! די מינוט זאַלסטו מיר צונויפברענגען אַהער אַלע יידן! אויב ניט וועל איך הייסן דעם גאָספּאָדין אוראַדניק אַריינזעצן דיך אין ״חד גדיא״ אַריין! פּאָניאַל?! סטופּיי! מאַרש! דו גלאָמפּ איינער ! . .

איציקל שמשל האָט זיך באַלד אויסגעטשוכעט פון זיין שלאָף, האָט אַ כאַפּ געטאָן אויף גיך זיין קאַפּאָטקע מיטן שטעקן, און איז אַרויסגעלאָפן, ווי אַן אונטערגעשאָסענער, פון בית־מדרש. ער האָט זיך גלייך אַוועקגע־שטעלט אין מיטן גאַס, פאַרוואָרפן אויף אַ הינטער זיין קליין קעפּעלע, אַרויס־געשטאַרצט דאָס שפּיציקע בייכל, אויסגעצויגן זיין דינינקן העלדזל, פאַר־זשמורעט די אייגעלעך און מיטן גאַנצן כוח זיך צעשריען אויף זיין קווי־טשענדיקן קולכל:

— אין כ־שיל אַריין ! . . אין כ־שיל אַריין ! . .

די זאַסטאַוויער יידן, דערהערנדיק ווי זייער שמשל רופט פּלוצלונג, אין מיטן אַ העלן, וואָכעדיקן טאָג, אין שול אַריין, זיינען זיי נבהל ונשתומם גע־וואָרן. מ׳האָט באַלד אָנגעהויבן אַרויסלויפן פון די הייזער, פון הינטער די גערטנער און פון די סעדער; מאַנצבילן, ווייבער און קינדער, ווי ס׳וואָלט חלילה פּלוצלונג אויסגעבראָכן אַ שריפה. מ׳איז באַפאַלן איציקלען פון אַלע זייטן, מ׳האָט געוואָלט ביי אים דערגיין ״מה זה ועל זה?״ וואָס איז די סיבה פון זיין פּלוצלונגדיקער רופעניש? אָבער ס׳איז שווער געווען צו דערגיין פון אים אַ טאָלק. אויף אַלע זייערע פראַגעס, האָט ער געענטפערט מיט אַ הויב פון זיינע שמאָלע אַקסלען, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צום בית־מדרש, ווי פון דאָרט וואָלט געקומען דאָס אומגליק . . . און מיט זיינע קורצינקע, איילנדיקע פיסעלעך זיך אַוועקגעיאָגט ווייטער איבערן שטעטל, און זיך ווידער צעשריען:

— אין כ־שיל אַריין ! . . אין כ־שיל אַריין ! . .

באַלד איז דאָס בית־מדרש פול געוואָרן איבער די ברעגעס מיט אַן עולם מאַנצבילן, ווייבער און קינדער. ר׳ מאיר שמיד, דער גבאי, איוואַן איוואַנאָוויטש, דער אוראַדניק, און דער קורצינקער יודל קאַטיק, דער טשלען פון דער מעשטשאַנסקער אופּראַווע, זיינען אַלע דריי מיטאַמאָל אַרויף אויפן באַלעמער.

ר׳ מאיר שמיד האָט געגעבן אַ שטאַרקן זעץ מיט זיין קאַוואַלסקער האַנט איבערן ״שולחן״, אַז דער טיש האָט אַזש אַ קרעכץ געטאָן. ס׳איז אַנטשטאַנען אַן אויסערגעוויינלעכע שטילקייט, אַז מ׳האָט געקאָנט הערן אַפילו דאָס זשומען פון אַ פליג. דער גאַנצער עולם איז געוואָרן איין שטיק געהער. אַלעמענס אויגן זיינען געווען אָנגעהאַנגען אויף די דריי, וואָס אויפן באַלעמער, און מיט גרויס אומגעדולד און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געוואָלט שוין הערן וואָס זיי האָבן צו זאָגן.

איוואַן איוואַנאָוויטש, דער אוריאַדניק, האָט באַלד אַרויסגעכאַפּט פון זיין לעדערנעם פּאָרטפעל אַ צונויפגעלייגטן גרבאָוון פּאַפּיר, וואָס ער האָט עס געהאַלטן מיט אַזאַ יראת הכבוד, ווי ס׳וואָלט געווען להבדיל, אַ הייליקע מגילה. ער האָט געגעבן אַ בכבודיקן הוסטל, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ גרויסן נאַטשאַלניק, אַ וויש געטאָן מיט דער לינקער האַנט דאָ די רעכטע וואַנצע און דאָ די לינקע וואַנצע, און ווידער געגעבן אַ הוסטל, און ענדלעך אָנגעהויבן צו לייענען הויך אויפן קול, וואָס מיר זעצן עס טאַקע דאָ גלייך איבער פאַר אייך אויף פּראָסט מאַמע־לשון:

״אין דעם און דעם טאָג, פון דעם און דעם חודש, און אין דעם און דעם יאָר, וועט יעוואָ סיאַטעלסטוואָ, זיין דורכלויכט, סוויאַטאָפּאָלסק־מירסקי, דער גובערנאַטאָר פון גראָדנער גובערניע, באַוויליקן דורכצופאָרן דורך דער שטאָט קאַמעניץ־ליטאָווסק און אויך דורכן שטעטעלע זאַמאָסטיע, וואָס ליגט אויפן וועג צום ביאַלאָוועזשער וואַלד, וווּ ס׳טוט זיך איצט דאָרט געפינען ״יעוואָ וויסאָטשעסטוואָ״, דער באַטיושקאַ, צאַר ניקאָליי וטאָראָי, אין זיין זומער־פּאַלאַץ. דעריבער דאַרף מיסטעטשקאָ זאַמאָסטיע (שטעטעלע זאַסטאַ־וויע), פּונקט ווי אַלע אַנדערע שטעטלעך וואָס ליגן אויף זיין וועג, זען וואָס גיכער ברענגען זייערע הייזער און זייערע גאַסן אין גוטער אָרדענונג, כדי זיי זאָלן מאַכן אויף זיין סיאַטעלסטוואָ, סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי, דעם גובער־נאַטאָר פון גראָדנער גובערניע, אַ גוטן איינדרוק״.

הגם דער בלאַהאָראָדני איוואַן איוואַנאָוויטש האָט אַליין געקענט אי־בערזעצן דעם דאָזיקן רוסישן פּריקאַז אויף יידיש, מחמת ער האָט געקענט ריידן יידיש ווי אַ וואַסער, ווייל זינט ער איז אוראַדניק אין שטאָט, האָט ער זיך רק געשפּייזט אויף יידישע מאכלים, אויף געפילטע פיש און שבתדיקע קוגלען . . . אָבער ווען ס׳איז געקומען אַזאַ וויכטיקן פּריקאַז, פון הויכער נאַ־טשאַלסטוואָ, האָט ער מורא געהאַט אים חלילה ניט צו פאַרשוועכן מיט זיין גוייש־יידיש לשון . . . האָט ער עס איבערגעגעבן זיין יידישן באַגלייטער, דעם יודקאָ קאָטיק, דעם טשלען פון דער מעשטשאַנסקער אופּראַווע, אַז ער זאָל עס ״פּערעוואָדיען״ (איבערזעצן) און ״ראַזסקלאַדעוועז״ (פאַנאַנדערלייגן) פאַר דער גאַנצער ״הראַמאַדע״ פון ״סטאַראַ־זאַקאַני״ אויף זייער אייגע־נעם ״יאַזיק״ (שפּראַך), אַזוי אַז זיי זאָלן גוט פאַרשטיין און גוט ״צעקייען״ דעם גאַנצן ענין.

יודל קאָטיק, דער טשלען פון דער מעשטשאַנסקער אופּראַווע, האָט

מיט גרויס ווירדע און מיט גרויס יראת הכבוד גענומען דעם פריקאז אין האנט אריין, האט אנגעזאטלט זיינע גאלדענע פענסנע אויף זיין שארפן אדלערנאז, א טאפ געטאן זיין קמיץ־בערדל, ווי ער וואלט געוואלט זיך איבערצייגן צי עס ליגט אויף זיין ריכטיקן ארט, און מיט א הויכן קול גענומען פארלייענען אויף יידיש וואָרט ביי וואָרט מיט אזא קלארער דיקציע, אז אפילו א קינד אין וויג האט געקאנט פארשטיין.

ב

ס'איז שווער איבערצוגעבן אין פשוטע ווערטער, וואס פאר א רושם די נייעס האט געמאכט אויפן גאנצן שטעטלשן עולם. וואָרים עפעס א קליינקייט, דער גובערנאטאר אליין, בכבודו ובעצמו, קומט מיט א וויזיט צו זיי אין שטעטל! דאס דארף דאך באשריבן ווערן אין "פנקס"! דאס איז דאך א סימן מובהק, אז אין די "הויכע פענצטער" פון מלכות, ווערט שטעטעלע זאסטאוויע פאררעכנט פאר א שטאט מיט לייטן גלייך! . . דאס וועט דאך זיין א פאטש אין פנים זייערע שכנים; די קאמעניצער יידן, מיט די פארריסענע נעז, וואס האלטן זיך פאר די אייבערשטע פון שטייסל, און קוקן אויף זיי, אויף די זאסטאוויער, ווי אויף אמתע ישובניקעס, דארפסלייט.

שטעטל איז געגאנגען ממש כאדראם. ווו מ'איז געגאנגען און ווו ס'איז געשטאנען, האט מען רק געהאלטן אין איין ריידן וועגן דער דאזיקער גרויסער געשעעניש. ס'האט זיך קיינעם ניט געלייגט די הענט צו קיין ארבעט; קיינער האט מיט קיין אויג ניט געקענט צומאכן; איטלעכער איז געווען צערודערט, געשפאנט, ווי ס'וואלט געדארפט אראפקומען להבדיל אלף אלפי הבדלות, משיח אליין . . .

אין בית־מדרש האט זיך געטאן אויף טיש און אויף בענק. אלטע, באיארנטע יידן האבן געהאלטן אין איין זיך אנדערציילן כלערליי מעשות וועגן דעם גובערנאטאר און זיין אפשטאם; און ווערליק זיי האבן אויסגערעכנט זיין גאנצן סדר הדורות, ציט ער זיין שלשלת היוחסין אזש מגזע המלוכה . . . און דער עיקר וואס ער איז א גרויסער אוהב ישראל, והא ראיה: רייכע יידן אין גראדנע פירן אן מיט זיינע גרויסע אימעניעס; אן זייער עצה טוט ער זיך גאר ניט קיין ריר; זיין לייב־דאקטאר איז א פרומער, גאטספארכטיקער ייד, און נאך אזעלכע שבחים, וואס איז שווער זיי דא אויסצודערציילן . . .

סוחרים, קרעמער און שענקער, האבן געטענהט מיט זיכערקייט, אז א דאנק זיין קומען אין שטעטל, וועט שטעטל אויפגעריכט ווערן: ס'וועט זיך אויפעפענען א נייער קוואל פון פרנסה; מ'וועט זיך באלד שטעלן בויען א שאסיי, און פארוואס טאקע ניט קיין אייזנבאן? . . וואָרים דאס פארט ער דאך טאקע איצט אויסצוקוקן און מאכן די נויטיקע פלענער . . .

פארשטייט זיך, אז מער פון אלעמען האבן זיך געפרייט מיטן גובערנאטאר, די חדר־יינגלעך. זיי זיינען ממש געשפרונגען פון דער הויט פאר

שמחה. זיי האָבן שוין באַציימנס געציילט די טעג און די נעכט ווען די מלמדים זייערע וועלן זיין געצוווּנגען פאַנאַנדערצולאָזן די חדרים, און עס וועט זיין חי געלעבט ! . .

בקיצור, ס׳האָט זיך גערעשט און געקאָכט אין שטעטל, אַזוי אַז מ׳האָט זיך געלייגט מיטן גובערנאַטאָר און מען איז אויפגעשטאַנען מיטן גובערנאַטאָר . . .

און כאָטש לויטן פּריקאַז פון נאַטשאַלסטוואַ, האָט דער גובערנאַטאָר ערשט געדאַרפט קומען מיט שיינע עטלעכע וואָכן שפּעטער, דאָך האָבן די שטעטלשע באַלעבאַטים גלייך אויף מאָרגן, אינדערפרי, באַלד נאָכן דאַווענען, געכאַפּט עמערס מיט קאַלך און גענומען קריכן אויף די דעכער . . . אָפּצוקאַלכן די פאַררויכערטע און פאַרסאַזשעטע ״קעפּלעך״ פון זייערע קוימענס, וואָס האָבן געהאַט דעם אָנבליק פון שוואַרצע ״סטראַשילדעס״ מיט וועלכע מען שרעקט די פייגל אין די פעלדער . . . און איצט, נאָכן אָפּקאַלכן זיי, האָבן זיי געקראָגן דעם אויסזען ווי מען וואָלט זיי אָנגעטאָן אין נייע, ווייסע העמדלעך . . .

און ווי גיך מ׳האָט זיך געהאַט אָפּגעפּאַרטיקט מיט די ״קעפּלעך״ פון די קוימענס, האָבן די זאַסטאַוויער יידן זיך אַ נעם געטאָן פאַר די סמעטניקעס, וואָס זיינען געלעגן פאַר זייערע הייזער . . . מ׳האָט זיי אויף גיך אָנגעלאָדן אויף פורן און זיי אַרויסגעפירט אויסערן שטאָט.

נאָכדעם האָבן יידן, איינענעם מיט מעשטשאַנעס פון דער גוישער גאַס, געבראַכט צו פירן פולע, אָנגעלאָדענע פורן מיט צוויגן, שטיינער און זאַמד, און פאַרשאָטן מיט דעם די אַלע שטעטלשע זומפּן און בלאָטעס, ווו ס׳האָבן זיך אין זיי אַ גאַנץ זומער געטאָן פּרוכפּערן און מערן כלערליי זשאַבעס, שרצים ורמשים, וואָס האָבן טאָג און נאַכט געהאַלטן אין איין קוואַקען.

חברה קליינוואַרג האָט אויך צוגעלייגט אַ האַנט ביים אויספּוצן דאָס שטעטל: זיי האָבן געכאַפּט רידלען און קאָפּעטשקעס, זעק און קאַשיקעס, און זיינען אַוועק מיט דעם צו די ״גאָלד־גריבער״ און געבראַכט פון דאָרט צו טראָגן אָן אַ שיר געלן זאַמד און עס צעשאָטן אויף די הויפן, און אויף די פּריזבעס, וואָס פאַר די הייזער, אַזוי אַז גאַנץ שטעטלע זאַסטאַוויע האָט מיטאַמאָל באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען, ווי ס׳וואָלט עפּעס יינגער געוואָרן.

ג

די שיינע, איידעלע יידן, די ״פּני העיר״, די סאַמע פּער פון שטעטל, האָבן נעבעך אויך שווער געאַרבעט און געשוויצט ביים אויסאַרבעטן אַלע נויטיקע פּלענער, אַזוי אַז דער ״קבלת־פּנים״ פאַרן גובערנאַטאָר זאָל דורכגיין על צד היותר טוב. וואָרים, אַז גאָט, ברוך הוא, וועט העלפן און אַלץ וועט דורכגיין כשורה און דער קבלת־פּנים וועט, אם ירצה השם, נושא חן זיין אין די אויגן פון ״מלכות״, קען נאָך פון דעם אַרויסקומען אַ גרויסע ישועה פאַרן כלל ישראל . . . מ׳האָט שוין געהאַט אָפּגעהאַלטן ניט איין אסיפה, וואָס האָבן, ווי געוויינלעך, זיך געהאַט פאַרצויגן ביזן גרויען פרימאָרגן.

ראשית כל, האָט מען געדאַרפט באשליסן "מי ומי ההולכים?" ווער זאָל האָבן די גרויסע זכיה צו זיין פון די ערשטע "רואי פני המלך", וואָס וועלן דאַרפן אַרויסגיין אַנטקעגן דעם גובערנאַטאָר מיט אַ ספר־תורה, און להבדיל, מיט ברויט און זאַלץ, ווי ס'איז דער מנהג ביי יידן פון קדמונים אָן, מקבל־פנים צו זיין מיט דעם הויכע שררות און בני מלכים.

והשנית, דאַרף מען באַשטימען ווער ס'זאָל האָבן דעם גרויסן כבוד צו זיין דער ראש המדבר, דער פירשפּרעכער פאַר דער גאַנצער עדה יידן. פאַרשטייט זיך, אַז מכוח דעם, זיינען אַלע געווען איינשטימיק, אַז דאָס מוז זיין איינער וואָס איז גוט באַהאַוונט אינם רוסישן לשון. און דאָס איז ניט קיין אַנדערער ווי דער איינציקער שטעטלשער משכיל און דער גביר, ר' שאול נחום, אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער ייד, מיט אַ גראָבן בויך און מיט אַ היבשער נאָז, וואָס קען אפילו אָנשרייבן אַ "פּראָשעניע" אַ (ביטע) צום קייסער אַליין, איז אָבער די צרה, וואָס מיט אַלע זיינע מעלות, איז ער ניט געווען מרוצה לקהל — שטעטל האָט אים פיינט געהאַט בתכלית השנאה, וואָרים לאַ די, וואָס ער איז אַ טשודאַק, פאַרמאָגט עפּעס אַזעלכע ווילדע, משונהדיקע שטיק, איז ער נאָך דערצו אַ מוראַדיקער קמצן, לאָזט קיינמאָל ניט אַריבער אַן אָרעמאַן איבער דער שוועל! טאָ זאָגט אַליין, ווי קאָן מען אַזאַ בר־נש צוטיילן אַזאַ כבוד? ס'איז דאָך אַ חרפּה און אַ בושה, אַז אַזעלכער זאָל גאָר שטיין אין די דלד אמות פונם גובערנאַטאָר ? . .

צוליב אָט דעם קאַרגן גביר האָט מען ניט איין נאַכט זיך געקריגט און געאַמפּערט, ביז ס'איז געבליבן בהסכם כולם, און ווי ס'זאָגט דאָס קלוגע יידישע שפּריכוואָרטל, אַז מ'דאַרף דעם גנב, שניידט מען אים אָפּ פונם שטריקל . . . בלית ברירה, זאָל איוואַן בלאָזן שופר ! . .

ערשט נאָך לאַנגע אסיפות און נאָך לאַנגע דינגענישן איז געלונגען ווי ס'איז אויסצוקלייבן די "שבעה טובי העיר" מיט זייער "ראש המדבר", שאול־נחום, דעם גביר, האָט זיך געהאַט געשטעלט פאַר זיי אַ צווייטע און נאָך אַ שווערערע פראַגע: וואָס אַ שטייגער, למשל, זאָל זייער "פירשפּרעכער" פאַרלאַנגען פונם גאַסט, דעם גובערנאַטאָר? וואָרים ס'וואָלט דאָך געווען ממש אַ פאַרברעך פאַרן כלל־ישראל דורכצולאָזן אַזאַ שעת הכושר, אַזאַ גאָלדענע געלעגנהייט, וואָס קען נאָר טרעפן איין מאָל אין אַ יובל ! . .

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע שקלא וטריא. איטלעכער האָט פאַר־געשלאָגן עפּעס אַנדערש. און וואָס איינער האָט געזאָגט, האָט דער צווייטער געזאָגט פונקט דאָס פאַרקערטע. וואָרים "צרכי עמך מרובים" — ווייניק זאַכן זיינען פאַראַן, וואָס מ'דאַרף בעטן ביים גובערנאַטאָר ? . .

האָט מען ווידער פאַררופן ניט איין אסיפה, אָבער צו קיין טאָלק איז מען ניט געקומען. מ'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו אַמפּערן און זיך צו קריגן. איטלעכער האָט זיך געהיצט און געקאָכט. יעדער איינער איז באַ־שטאַנען אויף דאָס זייניקע, אַז נאָר זיין עצה איז די ריכטיקסטע, און מ'טאָר

אויף איר חלילה ניט מבטל זיין, ווארים עס גייט דאך דא אין פיקוח נפש . . .
אויגן האבן זיך געצונדן, פנימער האבן געפלאמט, בערד האבן זיך געטרייסלט,
קולות און געשרייען האבן זיך געטראגן איבערן בית־מדרש, אזוי אז ווען דער
גובערנאטאר זאל וועלן אויסהערן אלע בקשות און חסדים, וואס די זאסטא־
וויער יידן האבן בדעה געהאט צו פארלאנגען פון אים, וואלט ער געדארפט
האלטן שבת אין שטעטל . . .

גבריאל יקיר משהס, א הויכער, ביינערדיקער ייד, א גרויסער יאבעד־
ניק, וואס האט א גאנץ לעבן געפירט שווערע, הארטנעקיקע "מלחמות" קעגן
די קאמעניצער "שטאט־טאטעס" און קעגן אירע גבאים פון דער "חברה
קדישא", האט געקלאפט מיט זיין גרויסן שטעקן איבערן טיש און געשריען
אויף זיין הייזעריק קול, אז ניט אנדערש ווי נאר מ'זאל דערלאנגען דעם
גובערנאטאר א "פריגאוואר" מיט חתימות פון אלע שטעטלשע באלעבאטים,
אז ער זאל געבן שטעטל זאסטאוויע א "ראזרעשעניע" (דערלויבעניש) צו
מעגן אפהאלטן כאטש צוויי מאל אין יאר א יאריד, ווי אלע אנדערע שכנישע
יידישע שטעטלעך. אויב ניט, האט ער געשריען אויף אלע קולות, וועלן מיר
אלע דארפן גיין מיט דער טארבע איבער די הייזער! ווארים די שכנישע שטאט
קאמעניץ, ניט געדאכט זאל זי ווערן, רייסט דאך ארויס פון אונדז דעם לעצטן
ביסן ברויט פון מויל! זי נעמט אוועק פון אונדז אלע אונדזערע גויים פון
די דערפער, איינינעם מיט זייערע תבואות, בהמות, חזיר־האר, הינער און
אייער ! . .

פארשטייט זיך, אז אויף דעם זיינען אלע געווען מסכים. אבער אין
סאמע מיטן פון זיינע רייד איז פלוצלונג אויפגעשפרונגען דער קליינינקער,
דארינקער ר' שואלקע דער מלמד, און זיך צעשריען אויף זיין ווייבעריש,
קוויטשענדיקן קולכל, אז ער וויל ניט אנדערש נאר מ'זאל פארלאנגען פונם
גובערנאטאר, סוויאטאפאלסק־מירסקי, וואס שמט פאר א גרויסן אוהב־ישראל,
אז ער זאל גלייך אפשאפן די גזירה אויף יידן, וואס דארפן צאלן דריי הונדערט
רובל שטראף פאר יעדער אנטלאפענעם זון פונם פריזיוו.

פארשטייט זיך, אז ער איז מיט דעם ניט אויסן געווען טובת הכלל,
נאר זיין אייגענע טובה. ווארים דער קלייניקער ר' שאולקע דער מלמד איז
שוין געווען א גרויסער "קייזערלעכער בעל חוב" אויף גאנצע ניין הונדערט
רובל פאר זיינע דריי אנטלאפענע זין קיין אמעריקע. און האט צוליב דעם
נעבעך כסדר געלעבט אין איין ציטערניש, אז א ליאדע טאג זאל פלוצלונג
ניט ארייינפאלן צו אים דער רעוויזאר און אפשרייבן ביי אים זיין שטיבל
מיטן שטרויענעם דעכל און מיטן שטיקל גארטן, איינינעם מיט די ביסל
בעבעכעס . . .

ר' משה סטאווסקי, א ייד א קבצן אין זיבן פאלעס, און א בעל־
מטופל מיט קליינע קינדער, אבער בטבע א גרויסער לץ, א קאטאוועס טרייי־
בער איינער ביי גאט, האט איינגאנצן חוזק געמאכט פונם גרויסן טאראראם
וואס מען מאכט איבער דעם גובערנאטאר, דעם מכלומרשטן אוהב ישראל,
און פון אלע זייערע בקשות און טובות וואס מען קלייבט זיך צו בעטן ביי

אים. ערשט ווען דער צעהיצטער עולם איז שוין געווען גוט הייזעריק פון שרייען, האָט אים איינער פון די שכנים א פרעג געטאָן, מיט א שטורכע פון זיין עלנבויגן אין דער זייט:

— נו, ר׳ משה סטאַווסקי, זאָגט, וואָס איז אייער חוות דעת?

דער עולם האָט באַלד אָנגעשטעלט אויף אים זיינע בליקן. וואָרים מ׳האָט שוין געוווּסט פון דערפאַרונג, אז באַלד וועט מען דערהערן פון אים עפּעס א חכמהלע, א שיינע הלצהלע.

ר׳ משה סטאַווסקי האָט אריינגענומען אין זיינע הענט זיין לאַנגע בלאָנדע באָרד, פאַרזשמורעט אן אויג, און גענומען זאָגן מיט א גמרא־ניגון, מכלומרשט מיט זייער אן ערנסטן טאָן:

— תפסת מרובה לא תפסת, — און עס באַלד פאַרטייטשט אויף זיין שטייגער, — אז מ׳וויל א סך קריגט מען א פייג... דעריבער ווען מ׳זאָל אים נאָר פאָלגן, וואָלט מען געדאַרפט בעטן ביים גובערנאַטאָר איין און איינציקע טובה, וואָס איז נוגע דעם גאַנצן כלל־ישראל, און דאָס איז די: היות ווי אַלע ווייסן, איז די קהלשע באָד מיט דער מקווה שוין לאַנג א מפּולת, האַלט זיך ווי אויף הינערשע פּיסלעך, אזוי אז יעדער יידענע וואָס גייט אין איר צו טבילה און קומט פון דאָרט ארויס בשלום, דאַרף זי בענטשן גומל, לכן, שלאָגט ער פאָר, מ׳זאָל בעטן דעם גובערנאַטאָר, אז ער זאָל אונדז שענקען א פּאָר הונדערט רובל צו פאַרריכטן די קהלשע באָד, און איידער וואָס ווען, ביז וואַנען מ׳וועט זיך נעמען פאַר דער ארבעט, וואָלט מען דערווייל געקאָנט פונם קהלשן געלט לייען א גמילות חסד אויף שבת...

דער עולם האָט אויסגעשאָסן אין א געלעכטער. וואָרים אויף אזא עצה־טובה, האָט נאָר געקענט איינפאַלן דער קלוגעטשקער משה סטאַווסקי. אָבער דאָ איז באַלד אויפגעשפּרונגען, ווי א טיגער, דער אַלטער ר׳ נחמיה אייזיקס, א יאַדישלעווער ייד און א גרויסער כעסן דערצו, געגעבן א שטאַרקן קלאַפּ אַן טיש און איז ארויס מיט א ירגזון:

— תמיד האָט דער לץ סטאַווסקי א טבע, ווען מ׳האַלט אין סאַמע מיטן פון אן ערנסטן ענין, וואָס איז נוגע א גאַנצער עדה יידן, קומט ער שטענדיק צו גיין מיט זיינע נאַרישע חכמהלעך! שעמען מעגסטו זיך אין דיין ווייטן האַלדז אריין! קנסענען האָט אים געדאַרפט דערפאַר! — האָט ר׳ נחמיה אייזיקס זיך אזש געטרייסלט פאַר כעס.

אָבער ר׳ משה סטאַווסקי, דער גרויסער קאַטאָוועסניק, איז גאָר ניט נתפּעל געוואָרן פון זיין שכנס כעס, און אים געענטפערט מיט א שפּאָגל נייעם חכמהלע, ווי זיין שטייגער איז געווען:

— ר נחמיה אייזיקס, מה רעש? זייט ניט אזוי אין כעס! איך האָב דאָ גאָרניט געזאָגט קיין קרומע זאַך. וואָרים איר אַליין וועט מודה זיין, אז אייער שנור, זאָל לעבן, וואָס איז אייך מכבד, יאָר־איין, יאָר־אויס, מיט סנדקע ביי אייערן אן אייניקל אויף א ברית־מצווה, נוציקט זיך אזוי שטאַרק איז דער מקווה, אפשר נאָך מער פון וועלכער ס׳איז יידענע אין שטעטל...

דאָ האָט דער עולם ערשט אָנגעהויבן צו לאַכן, און נאָך א מין לאַכן, אַזוי אַז מ'האָט שיר ניט געהאַט פאַרגעסן אויפן גובערנאַטאָר.

ענדלעך, נאָך לאַנגע אסיפות און נאָך לאַנגע, היציקע וויכוחים, איז באַשלאָסן געוואָרן, פה אחד, אַנצונעמען גבריאל יקיר משהם פלאַן, צו דערלאַנגען דעם גובערנאַטאָר א "פריגאָוואָר", אויף וועלכן אַלע איינוווינער פון שטעטל זאָלן זיך אונטערשרייבן, און בעטן א ראַזרעשעניע, אַז מיעס־טעטשקאַ זאַמאַסטי, זאָל אויך מעגן אָפּהאַלטן א יאַריד פאַר אירע אייגענע גויים . . . און וואָס שייך מכוח די איבעריקע בקשות, זאָל מען זיך שוין פאַר־לאָזן אויף זייער "מתורגמן", ר' שאול־נחומען, דעם גביר. און וואָס גאָט, ברוך הוא, וועט אַריינטאָן אין זיין מויל, דאָס זאָל ער בעטן . . .

ד

ס'איז געקומען דער לאַנג־דערוואַרטעטער טאָג. פון באַגינען אָן, איז גאַנץ שטעטל שוין געווען אויף די פיס. מ'האָט אָפּגעדאַוונט מיטן ערשטן שפּראַץ אויף טאָג, און אָפּגעגעסן אויף גיך, ווי ס'וואָלט געווען ערב פסח, ווען מ'דאַרף זיך איילן אָפּצוגעזעגענען זיך מיטן חמץ . . . גאַנץ שטעטל האָט זיך אויסגעפּוצט אין שענסטן און אין בעסטן און איז אַרויס אינדרויסן צו באַגעגענען דעם חשובן גאַסט, דעם גובערנאַטאָר, וואָס האָט א ליאַדע מינוט געדאַרפט אָנקומען.

אינדרויסן, פאַרן בית מדרש, איז געשטאַנען די יידישע דעפּוטאַציע, מיט זייער "פירשפּרעכער", שאול־נחומען בראש, אַלע אַזעלכע הויכע, גע־שטאַלטנע, מיט שוואַרצע און מיט בלאָנדע לאַנגע בערד און פּאות, אָנגעטאָן אין שבת־יום־טובדיקע סורדוטן, מיט הויכע, שוואַרצע, סאַמעטענע היטלען אויף די קעפּ. לעבן זיי, אונטער א שפּאָגל־נייער חופה, איז געשטאַנען ר' משה דער שמש, מיט זיין לאַנגער, ווייס־זילבערנער באָרד, מיט א גרויסער ספר תורה צוגעטוליעט צום האַרצן, וואָס מ'האָט לכבוד דעם גובערנאַטאָר אויסגעפּוצט אין א נייעם, ווייסן, זיידענעם מענטעלע. אויפן טיש א זילבערנע טאַץ, אויף וואָס ס'איז געלעגן א פריש אויסגעבאַקענער קאָרענער לאַבן־ברויט, און א טעצל מיט זאַלץ.

אביסל ווייטער פון דער "יידישער גאַס" איז געשטאַנען די "גויישע גאַס", אַלע אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, ווי צו זייער גרעסטער חגא. פאַר א גרויסן באַדעקטן טיש איז געשטאַנען דער פּראַוואָסלאַוונער גלח, אָנגעטאָן אין א לאַנגער, שוואַרצער טענדע־ווערענדע, אויפן קאָפּ א הויכע, ווייסע יאַרמעלקע, מיט א גרויסן גאָלדענעם צלם אויפן האַרצן, אַרומגערינגלט פון ביידע זייטן מיט א כאָר פון יונגע שקצים און שיקסלעך. לעבן זיי זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין א שורה באַיאַרנטע, בכבודיקע "בעלי־גופים", אין די הענט הויכע שטעקנס מיט כלערליי איקאָנעס און מיט אָנגע־צונדענע, גרויסע, צערקאָווגע ליכט.

די יידן, דערזעענדיק דעם גרויסן, צוגעגרייטן פּאַראַד פון דער

גוויישער גאס, מיט זייער גלח בראש, און מיט זייערע פלאַטערדיקע איקאָנעס, און מיט די בילדער פון דער "הייליקער מאַריע" מיט איר געקרייציקטן זון אויפן צלם, און דערהערנדיק דעם הילכיקן געקלאַנג פון די קלויסטער־גלאָקן, וואָס האָבן זיך דערטראָגן אהער פון דער שכנישער שטאָט קאַמעניץ, איז זיי באַפאַלן א שרעק. זיי האָבן זיך דערפילט ווי אָרעמע מחותנים אויף א פרעמ־דער, גבירישער חתונה . . .

ה

פלוצלונג האָט זיך אָנגעיאָגט ווי א שטורעם, א מחנה קאָזאַקן אויף זייערע ביסטרע פערדלעך, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס. א ציטער איז אַלעמען אריבער איבערן לייב. יידישע מאַמעס האָבן באַלד געכאַפּט זייערע קליינע קינדער און זיי שטאַרק צוגעטוליעט צום האַרצן . . .

מיטאַמאָל האָט זיך פון ערגעץ צעשאַלט א מיליטערישער טראָמפּייט. עס האָט זיך באַלד באַוויזן א לאַנגער עשאַלאָן מיט פאַרמאַכ־טע און אָפענע קאַרעטעס, אויף הויכע רעסאָרן, געשפאַנט אין הויכע, שיינע, פערד, וואָס זיינען געווען באַהאַנגען מיט גאָלדענע קנעפּ, גאָלדענע גלעקלעך, לאַנגע פרענדז און נאָך אזעלכע שיינע, וואונדערלעכע באַצירונגען, וואָס האָבן ממש פאַרכאַפּט דאָס אויג מיט זייער פראַכט און גלאַנץ.

פלוצלונג האָט זיך דער לאַנגער מיליטערישער צוג אָפּגעשטעלט. פון איינער פון די שענסטע און גרעסטע קאַרעטעס, האָט ארויסגעשטייגט, מיט לאַנגזאַמע טריט, א הויכער מאַן, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט א רויטן קאַרק, מיט א פולן, קיילעכיקן פּנים, מיט גרויסע באַקן־בערד, מיט א שיינעם מונדיר, באַהאַנגען מיט גאָלדענע פּאַגאָנעס, מיט כלערליי בענדלעך, און אויפן האַרצן א ברעטעלע מיט גאָלדענע מעדאַלן און צלמימלעך, אין האַנט א שיין שטעק־קעלע מיט א גאָלדענעם קעפּל, א מין שרביט הזהב — א צעפּטער . . . הינ־טער אים זיינען נאָכגעגאַנגען א כאַליאַסטרע שררות, הויכע נאַטשאַלסטוואָ, גרויסע אדעלליים, אַלע אזעלכע הויכע, שיינע מיט ביסטרע אויגן און ערנסטע פּנימער, אָנגעטאָן אין שיינע, רויטע און בלויע מונדירן, מיט זילבערנע און גאָלדענע עפּאָלעטן און מיט כלערליי מעדאַלן.

— דער גובערנאַטאָר! דער גובערנאַטאָר! — האָט זיך דורכגעטראָגן א געמורמל צווישן עולם.

— הור־ר־ראַ ! . . הור־ר־ראַ ! . . . — האָט דאָס גויישע פאָלק זיך צע־שריען אויפן קול און זיך באַלד אראָפּגעלאָזט אויף די קני און זיך גענומען צלמען. דער פּראַוואָסלאַוונער גלח האָט באַלד גענומען אָפּריכטן א "מאָליט־ווע" (תפילה). דער גובערנאַטאָר, מיט זיין סוויטע, איז געבליבן שטיין און זיך אויך איבערגעצלמט. נאָכדעם האָט דער גלח צוגעטראָגן צו אים דעם גאָלדענעם צלם א קוש צו טאָן, באַשפּריצט מיטן "הייליקן" וואַסער די הויכע נאַטשאַלסטוואָ און דעם גאַנצן רוסישן "נאַראָד" (פאָלק).

ווי גיך דער גובערנאַטאָר האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט זיינע גויים,

איז ער מיט פּאמעלעכע, געמאָסטענע טריט צוגעגאַנגען צום יידישן פאָלק, זיך אָפּגעשטעלט פאר דער יידישער דעפּוטאציע, וואָס איז געשטאַנען מיט בלייכע פּנימער, מיט צעשראָקענע אויגן און מיט צאַפּלדיקע הערצער . . . די יידן האָבן זיך פארנויגט איבער די גאַרטלען. באַלד האָט דער אַלטער ר' משה דער שמש, מיט זיין געזונטער, הילכיקער שטימע, אָנגעהויבן אויסזינגען אויפן קול דעם "הנותן תשועה למלכים" — די ספּעציעלע תפילה, וואָס יידן זאָגן שבת און יום־טוב פארן געזונט און וואוילזיין פון זייער קייסער און זיין משפחה. ווי נאָר דער גובערנאַטאָר האָט דערהערט דעם נאָמען ניקאָליי אַלעקסאַנדראָוויטש, וואָס איז ארויס פון ר' משה דעם שמשס מויל, האָט ער, לכבוד זיין "צאַר באַטיושקאַ", זיך אויסגעצויגן גלייך ווי אַ סטרונע. אויף אים קוקנדיק, האָבן זיינע באַגלייטער געטאָן דאָס זעלבע. די שטעטלשע יידן האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. דאָס איז פאר זיי געווען אַ גוטער סימן, אַז אַלץ וועט אם ירצה השם דורכגיין בשלום . . .

נאָכן אָפּריכטן די תפילה האָט דער גובערנאַטאָר געגעבן אַ לייכטן גלעט מיט דער האַנט איבערן מענטעלע פון דער ספר תורה, צוגעגאַנגט צום טיש, אָפּגעשניטן אַ פּעניצל ברויט, עס איינגעטונקט אינם טעצעלע זאַלץ, געגעבן אַ ביס און אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכעלע:

— כאָראָשאָ! ספּאַסיבאָ ! . . ד"ה, ס'איז גוט און אַ דאַנק . . .

ער האָט באַלד גענומען פאַרפירן אַ געשפּרעך מיט דער יידישער דעפּוטאציע. אויף זיין פראַגע: "ווי לעבט זיך אייך עפּעס דאָ "סטאַרי זאַקאָני", און מיט וואָס טוט איר זיך דאָ באַשעפטיקן?" האָט שאול־נחום דער גביר, דער ראש המדבר, זייער אונטערטעניק זיך פאַרנייגט פאר אים ביז דר'ערד און גענומען ענטפערן אויף זיין רוסישן לשון, וואָס מיר זעצן דאָ גלייך איבער, וואָרט אין וואָרט, אויף פּראָסט יידיש:

— וואשע סיאטעלסטוואָ, אייער הויכלויכט, — האָט שאול־נחום אָנגעהויבן, — אונדז לעבט זיך דאָ גאָר ניט שלעכט . . . יעדער איינער פון אונדז דערנערט זיך פון זיין אייגן שטיקל פעלד און גאָרטן, און פון מלאכה . . . מיר, יידן, דאַנקען און לויבן דעם צאַר באַטיושקאַ פאר אַלע זיינע חסדים און גענאָדן, וואָס ער טוט צו אונדז, זיינע געטרייע אונטערטאַנען . . .

שאול־נחום האָט זיך אַזש צעוואָרעמט און ערשט בדעה געהאַט צו פאַרפירן מיטן גובערנאַטאָר אַ לאַנגן שמועס, און אָגב אים טאַקע ווייזן ווי אַ ייד קאָן אויך ריידן אַזאַ שיינעם, גראַמאַטיקאַלישן רוסיש, און דערביי אים איבערגעבן די אַלע בקשות, וואָס זיינע שכנים, די יידן, האָבן אים אָנפאַרטרויט. אָבער ער האָט נאָך ניט געהאַט באַוויזן אָפּצוכאַפּן ווי דאָס רעכט דעם אָטעם זיינעם, האָט דער גובערנאַטאָר פּלוצלונג זיך געגעבן אַ דריי אויס צו אים מיטן רוקן און מיט גיכע טריט אוועקגעשפּרייזט צו זיין קאַרעטע . . .

ו

ווי גיך דער גובערנאַטאָר איז אָפּגעפאָרן, האָט גאַנץ שטעטל זיך ארויסגעוואָרפן אויף זייער "פירשפּרעכער" שאול־נחומען און איר שיר ניט

צעריסן אויף שטיקער. מ'האט אויסגעבטלט אלע בייזע חלומות צו זיין קאפ. מ'האט אים געשאלטן מיט טויטע קללות.

— סטייטש, ווי זאגט עס א ייד, אז אונדז לעבט זיך דא אזוי גוט?! באשר בכן אים, דעם גביר, דעם קמצן, איז גוט! ער זיצט איבערן טאפ פלייש און פרעסט, אז פרעסן זאלן אים ווערים! ער איז אנגעשטאפט מיט קורחס אוצרות, אז אויסקרענקען זאל ער דאס נאר, רבונו של עולם! . .

שבת אינדערפרי, ביים דאווענען, האט דער עולם זיך ערשט פון דאס ניי א נעם געטאן אים אויפן צימבל און גענומען מיט אים לערנען די סדרה בלק, ווי ס'געהער צו זיין. דער הויכער גבריאל יקיר משהס, וואס האט גע־שמט פאר א מוראדיקן כעסן, איז דער ערשטער צוגעלאפן צו אים מיט געביילטע פויסטן, געקריצט מיט די ציין און געשריען מיט צארן אויף זיין הייזעריקן קול:

— יידן, — האט ער מיט א ציטערדיקן, ביינערדיקן פינגער געטייטלט שאול־נחומען אין פנים אריין, — אט דער גביר מיטן גראבן טרעלבויך, האט אונדז געקוילעט אן א מעסער! . . ער האט דאך ניט איבערגעגעבן דעם גובערנאטאר דעם פריגאוואר וועגן א יאריד אין שטעטל! . .

דער קליינינקער, דארינקער ר' שאולקע דער מלמד, האט פאר כעס זיך אזש געטרייסלט ווי א לולב און געשריען אויף זיין קווינטשנדיקן קולכל:

— למאי האט ער פארגעסן צו בעטן ביים גובערנאטאר, אז דער קייסער זאל מער ניט מאנען ביי אונדז די דריי הונדערט רובל שטראף פאר אונדזערע אנטלאפענע זין פון פריזיווו?!

משה סטאווסקי, דער לץ, האט אויך געשריען מכלומרשט מיט כעס:

— און וואס איז מכוח דער באד, דער מקווה, וואס האלט ביים איינ־פאלן?! ס'איז דאך גוואלד־געשריען ממש סכנת־נפשות צו לאזן די ווייבער גיין אהין צו טבילה?!

אזוי האט מען פון אלע זייטן געהאלטן אין איין שרייען און ליארעמען אויפן גביר און אים שיר ניט קורע בדג געווען. נאר גיי שריי חי וקים, אז דער גובערנאטאר איז שוין געווען העט־ווייט, און גיי האב טענות צו א גביר, א חזיר, וואס האט נאר זיך אין זינען . . .

שטעטעלע זאסטאוויע האט אזוי לאנג זיך געהאט איזדיעקעוועט איבער שאול־נחומען דעם גביר, און אויסגערעכנט פאר אים אלע זיינע עוולות און זינד, וואס ער איז באגאנגען, אזוי אז ער האט עס שוין מער ניט געקאנט אויסהאלטן. ביז איינמאל, שבת, אין מיטן דאווענען, האט ער אראפגעריסן פון זיך דעם טלית און מיט האסטיקע טריט אנטלאפן פונם בית־מדרש.

אזוי האט שטעטעלע זאסטאוויע, כמעט אין איין און דער זעלבער צייט, פארלארן א' דעם גובערנאטארס ישועות ונחמות און אי זייער איינ־ציקן גביר, וואס האט, פון דעמאלט אן, שוין מער ניט געהאט אריבערגע־טראטן דעם שוועל פון זייער בית־מדרש . . .

די פיוואָווארניע

א

ווי עס ווייזט אויס, אַז דאָס וואָס אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט הכל תלוי במזל — אַלץ איז געווענדט אָן מזל, זיינען זיי געווען גערעכט. אָט נעמט א שטייגער דאָס שטעטעלע זאַסטאַוויע, ווער האָט זיך דאָס געקאָנט ריכטן, אַז אַזא קליינינקע פּיטשינקע שטעטעלע, וואָס איז געלעגן אַזש אויף יענער זייט טייך לעשנא, ווייט פון א באַן און ווייט פון א גרויסער שטאָט, זאָל פלוצלונג, ווי איבער נאַכט, ווערן וועלט־באַרימט, ווי ס׳וואָלט געווען מי יודע וואָס פאַר א כרך גדול! איז א סימן, אַז אַלץ איז אָפּהענגיק אָן מזל.

און מעשה שהיה כה היה:

איינמאָל אין א שיינעם פרילינג־טאָג, איז פלוצלונג אַראָפּגעקומען פון א גרויסער שטאָט א ייד, א גביר, מיט א שטעקן אין האַנט, מיט א גראָבן ציגאַר אין מויל מיטן נאָמען ר׳ אָשר גוטערמאַן, און האָט אָפּגעקויפט ביים סטאַראָשעווער פּריץ א שטיק פעלד, וואָס האָט זיך געהאַט געגרעניצט מיטן שטעטעלע זאַסטאַוויע.

און ווי גיך עס איז געשלאָסן געוואָרן די קניה, איז באַלד אָנגעקומען אין שטעטל א גרויסער "אָבאָז" מיט פערד און וועגענער, מיט א כאַליאַסטרע הויכע, געזונטע, קאַצאַפּעס, באַוואָפנט מיט בלעכליי געצייג, מיט העק און זעג, מיט רידלען און מיט לאָמען, און זיך גענומען צו דער אַרבעט. און נאָך איידער דער זומער איז פאַרשוווּנדן, זיינען פון אונטער זייערע הענט, אויס־געוואַקסן א גרויסע פּיוואָווארניע, מיט א הויכן, געמויערטן קוימען, מיט הייזער און ברייזער, שפּייכלערס און שטאַלן, "ליעדאָווניעס" (אייז־קעלערס), אַרטיזיאַנען־ברונימער, מיט א צענדליק מאַסטערסקאַיעס; א באָנדאַרניע אויף צו מאַכן אַלערליי ביר־פעסער, א טאָקאַרניע פאַר שפּונדן און קאָרקעס, א שלאָסאַרניע און נאָך אַזעלכע וואַרשטאַטן און מאַסטערסקאַיעס.

דאָס אַלץ האָט פאַרנומען א גרויסן שטח, וואָס איז געווען אַרומגע־צוימט מיט א הויכן פּאַרקאַן און מיט שווערע, מאַסיווע טויערן, וואָס מען פלעגט ביינאַכט פאַרשליסן און פאַררינגלען אויף זיבן שלעסער.

אין מיטן הויף איז געשטאַנען א גרויס הויז, מיט צוויי פליגלען פון ביידע זייטן און מיט א הויכן גאַניק. דאָרט האָט געוווינט דער גביר, ר׳ אָשר

גוטערמאַן, מיט זיין ווייב, דער גבירנטע סאָניע, א קליינינקע, דארימקע יידנקע, וואָס האָט געשמט פאר זייער א קלוגער און פאר א גרויסער אשת־חיל, מיט זייערע זין און טעכטער, איידעמס און שניר, און אייניקלעך, ארום וועלכע ס'האָבן ארומגעפּאדיעט ניאַניעס און דינסטן, ווי ארום פּריצישע קינדער.

א דאנק ר' אָשר גוטערמאַנס פּיוואָווארניע, איז דאָס שטעטעלע זאַסטאַוויע פּלוצלונג אויפגעריכט געוואָרן און באַקומען גאָר אן אנדער פּנים. ס'האָט זיך מיטאמאָל אויפגעעפנט פאר איר א קוואַל פון פּרנסה. תבואה־סוחרים האָבן אהין צוגעשטעלט וואַגאָנעס גערשטן און האָפּן; וואַלד־סוחרים — הונדערטער קלאַפטער האָלץ; קרעמער, זעקלעך שפּייז; קצבים, זייטלעך פליייש; שוסטערס, שניידערס און שניידערקעס האָבן גענייט שיך און קליי־דער; קאָוואַלעס האָבן טאָג און נאכט געהאַלטן אין איין שמידן פערד און וועגענער. קיינער האָט חלילה ניט דערלייגט צו דער פּיוואָווארניע.

אָבער מער פון אַלעמען האָט פון דער פּיוואָווארניע גענאָסן די שטעטלשע יוגנט. זי האָט זיך באלד גענומען מיט גרויס התמדה צו לערנען די רוסישע שפּראַך, וואָס האָט אזוי שיין געקלונגען אין מויל פון ר' אָשר גוטער־מאַנס "אריסטאָקראַטישע" זין און טעכטער. באַלעבאַטישע זין, חתן־בחורים און רייכע כלה־מיידלעך, האָבן זיך געליבט אויפן שטייגער פון ר' אָשר גוטערמאַנס גרויסשטאָטישע קינדער, און זיך געפּוצט לויט זייער פּאַריזער מאָדע, אזוי אז כמעט דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע לעבן אין שטעטל האָט זיך רק געדרייט ארום דעם גרויסן ביר־זאַוואָד, ווי דער גביר, ר' אָשר גוטערמאַן, וואָלט מיט אים אויסגעהאַקט פארן שטעטעלע א פענצטער צו דער גרויסער וועלט . . .

ר' אָשר גוטערמאַנס גרויסער ביר־זאַוואָד האָט אויך געדינט פארן שטעטעלע ווי ס' וואָלט געווען זיין שטאָט־זייגער, אָדער להבדיל, א מין "לוח הקודש". יעדער באַגינען ,ווי נאָר זיין הויכער, אויפגעטורעמטער קוימען האָט זיך צעטרובעט, האָט מען שוין געוווסט, אז ס'איז שוין צייט אויפצו־שטיין לעבודת הבורא — גיין דאַוונען. פריייטיק פארנאכט, ווען דער דאָזיקער קוימען האָט זיך נאָך שטאַרקער צעטרובעט, האָבן אַלע ווייבער אין שטעטל שוין געוווסט, אז ס'איז שוין צייט צו בענטשן ליכט. די זאַסטאַוויער פלעגן טאַקע ניט איינמאָל זאָגן מיט א געלעכטערל: "מען לייגט זיך ביי אונדז מיט דער פּיוואָווארניע, און מען שטייט אויף מיט דער פּיוואָווארניע". . .

די דאָזיקע ביר־ברויערײַ, וואָס איז געלעגן ביים סאַמע ראַנד פון שטעטעלע, האָט זיך געפירט ווי א באַזונדערע מלוכה. האָט פאַרמאָגט א גאַנצן שטאַב אָנגעשטעלטע, אויפזעער, "שרייבער", משרתים און יוצר משרתים און מיט צענדליקער ארבעטער, באַלמעלאָכעס און באַלעגאָלעס, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין ארויספירן פון דאָרט פולע, אָנגעלאָדענע פורנאַלעס מיט פעסער און מיט פלעשער ביר, און עס צעפירט איבער נאָענטע און ווייטע שטעט און שטעטלעך.

וואָרים ר' אָשר גוטערמאַנס ביר משקה האָט געהאַט א

שם אין דער גאַנצער געגנט, און האָט אָנגעשפּאַרט אַזש אין די "הויכע פענצטער" פון רוסישע שררות און פריצים. וואָס דאַרפט איר מער, אפילו דער קייסער אַליין, ירום הודו, וואָס פלעגט יעדער זומער אַראָפּקומען מיט זיין משפּחה אויף דאַטשע, אין דעם באַרימטן שכנישן ביאַלאָוועזשער וואַלד, האָט אויך שטאַרק געהאַלטן פון ר' אָשר גוטערמאַנס געשמאַקן פלעשל ביר . . . און אים טאַקע דערפאַר באַשאָנקען מיטן העכסטן טיטול: "פּאָטשאַטני גראַזשדאַנין", וואָס דאָס האָט געמיינט ערשט קלאַסיקער, אָנגעזעענער בירגער, און מיט נאָך א גאָלדענעם מעדאַל דערצו . . .

אין דעם זכות פון אָט דעם געשמאַקן פלעשל ביר און נאָך מער אינם זכות פונם קייזערלעכן גאָלדענעם מעדאַל מיטן צוויי־קעפּיקן רוסישן אָדלער, איז דאָס קליינינקע, שטילינקע שטעטלע זאַסטאַוויע געוואָרן באַרימט אין דער גרויסער וועלט . . . הלוואי אויף א סך אַנדערע יידישע שטעטלעך אַזוי געזאָגט געוואָרן . . .

ב

ר' אָשר גוטערמאַן, א הויכער, ברייט־פּלייציקער ייד, מיט געדיכטע, בושיקע ברעמען און מיט שטרענגע, בייזע אויגן, האָט געפירט זיין מלוכה, די פּיוואָוואַרניע, ביד חזקה. זיין וואָרט איז פאַר אַלעמען געווען א געזעץ. איטלעכער האָט געציטערט פאַר זיין קוק. ווען נאָר ער האָט זיך באַוויזן אויפן הויף, פלעגט אַלעמען באַפאַלן א שרעק, אַן אימה. איין אַרבעטער פלעגט באַלד איבערגעבן מיט א שטילן סיגנאַל צום שכן־אַרבעטער, אַז דער "אַלטער" גייט! דער "אַלטער" גייט ! . .

האָט דער "אַלטער" זיך אָנגעשטויסן אויף א צעבראָכענער פלאַש, אָדער אויף א קלעפּקע פון א צעפאַלענער ביר־פאַס, פלעגט ער אַריינפאַלן אין א גרימצאָרן, אָנהייבן שרייען, מאַכן גוואַלדן, ווי מען וואָלט צעשטערט זיין גרויס פאַרמעגן . . .

אָבער אין דער אמתן איז ר' אָשר גוטערמאַן גאָר ניט געווען אַזא שלעכטער מענטש. פאַרקערט, ער איז גראָד געווען א גאַנץ ווילער ייד, ווי ס'זאָגן עדות זיינע מעשים: האָט אַמאָל געטראָפן אַן אומגליק מיט זיינעם אַן אַרבעטער, וואָס איז פּלוצלונג אַוועקגעפאַלן און האָט אויסגעהויכט זיין נשמה, האָט ער באַלד געהייסן אָנשטעלן אויף זיין אָרט איינעם פונם פאַרשטאָרבענעמס קינדער . . . איז געקומען צו אים א באַלמעלאָכע, צי א באַלעגאָלע מיט א בשורה טובה, אַז זיין ווייב שתחי' האָט אים מיט מזל געבראַכט נאָך א קינד אויף דער וועלט, האָט ער באַלד געהייסן זיין געטרייען "נאמן" מוסיף זיין דעם בעל־שמחה נאָך א גילדן, אָדער נאָך א פערציקער (20 קאָפּיקעס) אויף זיינע וועכנטלעכע שכירות.

פון דער צווייטער זייט אָבער, ווען ס'האָט געטראָפן אַן אומגליק: א פערד איז אין מיטן וועג געשטרויכלט געוואָרן, געפאַלן און איבערגעקערט א וואָגן ביר, דעמאָלט איז שוין געווען א חיות ניט זיכער! דער גביר,

ר׳ אשר, האט געקריצט מיט די ציין, געטופעט מיט די פיס און נאך געהייסן אראפרעכענען פון זיינע בידנע שכירות אזוי לאנג, ביז ס׳וועט דעקן דעם היזק . . .

פארשטייט זיך אז דאס האט ער געטאן ניט חלילה מחמת שלעכטס־קייט אדער קארגשאפט, נאר כדי ס׳זאל זיין א ווארנונג פאר אלע זיינע ארבעטער און אנגעשטעלטע, אז יענעמס פארמעגן דארף מען אזוי שטארק אפהיטן און פאשאנעווען פונקט ווי דאס וואלט געווען דיין אייגן האב און גוטס . . .

און איינמאל איז געשען אזא מעשה: ס׳איז געווען ווינטער. א כאפטע גויים מיט העק און לאמען זיינען געשטאנען אויפן פארפרוירענעם טייך און געהאקט און געשניטן דעם אייז, כדי צו באזארגן ר׳ אשר גוטער־מאנס גרויסע ליאדאוונעס מיט אייז פארן גאנצן יאר. פלוצלונג האט זיך איינגעבראכן דער אייז און דער פורמאן מיט די פערד און שליטן זיינען אריינגעפאלן אין וואסער. ס׳איז געווארן א געשריי, א גוואלד. גאנץ שטעטל איז זיך צונויפגעלאפן. קוים מיט צרות איז געלונגען ארויסצורא־טעווען דעם יידישן פורמאן פון טייך. אבער די פערד מיטן שליטן זיינען דערטרונקען געווארן. ווען ר׳ אשר גוטערמאן האט דאס דערהערט, איז ער געווארן א פארציטערטער. ער האט אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל און אויסגערופן מיט א וויינענדיקן קול: ״בעסער זאלן אלע מיינע פערד אומקומען, איידער ס׳זאל חלילה געמינערט ווערן א האר אויפן קאפ פון מיינעם אן ארבעטער!״

* * * * *

מיט די שכנים פונם שטעטעלע זאכטאוויע, האט ר׳ אשר גוטערמאן זיך געהאלטן פונדערווייטנס. ער האט זיך קיינמאל ניט געמישט אין זייערע קהלשע ענינים. דאס איז געווען ניט מחמת ער האט זיך געהאלטן גרויס ביי זיך, ווי ס׳פאסט פאר א ייד א גביר, נאר ער האט פשוט קיין צייט ניט געהאט. זיין גאנצע ענערגיע האט ער אפגעגעבן זיין מעשה ידיו, דער פיוואווארניע, וואס איז אים געווען טייער ווי דאס שווארצאפל פון זיין אויג. האט מען אבער געדארפט אנקומען צו אים נאך א טובה, אן עצה, איז געווען אדרבא ואדרבא, ער האט איטלעכן אויפגענומען בסבר פנים יפות. פארשטייט זיך, אז דאס איז געווען געוועגדט אין וואס פאר א לוינע ער האט זיך געפונען. ווארים, חלילה וחס, ווען מ׳האט אים געטראפן ניט אין אזא מצב־רוח, ווי ס׳טרעפט ביי א יידן, א גביר, דעמאלט האט ער קיינעם אויף די אויגן ניט געלאזן . . . אבער דאס האט געטראפן זייער זעלטן.

ער האט טאקע זייער זעלטן פארלאזט זיין מלכות הפיוואווארניע. ער האט געהאט זיין אייגן שולכל, מיט אן אייגנעם ספר־תורהלע, וואס ער האט ספעציעל געלאזן שרייבן פאר זיך. אלע זיינע באלמעלאכעס, באלע־

גאַלעס און אַנגעשטעלטע האָבן, אויף זיין באַפעל, געדאַרפט קומען צו אים דאַוונען.

אין די דאָזיקע שבת־יום־טובדיקע טעג איז פונם שטרענגען באַלעבאָס קיין שפּור ניט געבליבן; דעמאָלט איז ר׳ אָשר גוטערמאַן געוואָרן גאָר אַן אַנדערער, א צוגעלאָזענער און אַזאַ פּאַרטרווילעכער. ער האָט מיט א ברייטער האַנט אויסגעטיילט די "עליות", די "שחריתים" און די "מוספים" צו זיינע פּועלים און אַנגעשטעלטע. ער איז מיט איטלעכן געוואָרן "פּאַני־בראַט". און ווער רעדט נאָך, אז ער האָט געפּראַוועט א שמחה, א ברית־מצווה, א זון, אַן אייניקל איז געבאָרן געוואָרן, אָדער גאָר א קנס־מאָל, א תנאים, האָט ער, באַלד נאָכן דאַוונען, געהייסן זיין געטרייען משרת אַרויפשטעלן אויפן טיש א פלאַש משקה, מיט האָניק־לעקעך און אייער־קיכלעך, ער האָט גע־מאַכט קידוש און געטרונקען מיט איטלעכן לחיים. אַלע האָבן אים גע־וווּנטשן מזל־טוב, נחת פון קינדער, אריכת ימים און ער, אינײנעם מיט דער גבירטע, מרת סאָניע שתחי׳, זאָלן זיך עלטערן אין עושר און אין כבוד.

האָט ער שוין יאָ ווען ס׳איז זיך באַוויזן אין שטעטל, מיט זיין שיינער בריטשקע (קאַרעטע), געשפּאַנט אין זיין שענסטן פערד, איז גע־וואָרן א גאַנצע סומאַטאָכע אין שטעטל, ווי מען וואָלט פּלוצלונג דערזען אַנקומען משיחן. יונג און אַלט, קליין און גרויס, פלעגן אַרויסלויפן פאַר די טירן און אים באַגלייטן מיט וואַרעמע בליקן און מיט א ברכה אויף זייערע ליפּן.

שטעטעלע זאַסטאַוויע איז געווען שטאָלץ און גליקלעך מיט "זייער" פּיוואָווארניע. ווער נאָר ס׳האָט געהאַט די זכיה דאָרט צו אַרבעטן, האָט זיך געפילט גליקלעך, און מען איז אים מקנא געווען. ער האָט זיך שוין געהאַט באַטראַכט פאַר א יחסן, ווי ער וואָלט שוין אַליין אויך געווען א טייל פון דער פּיוואָווארניע־משפּחה. אפילו די שענסטע, באַלעבאַטישע טעכטער האָבן זיך געהאַט געריסן אַהין צו גיין אַרבעטן, זיצן אין די "פּלאַשאַרניעס" איבער גרויסע, הילצערנע באַליעס און וואַשן ר׳ אָשר גוטער־מאַנס ביר־פלעשער. דאָס איז געווען ניט אַזוי צוליב די פאַר גילדן א וואָך שכירות, וואָס מען האָט געקראָגן, נאָר דער עיקר צו קאָנען אָטעמען מיט דער לופט פונם "פּיוואָווארניער הויף", וואָס האָט געהאַט געשמעקט מיט גרויס־שטאָט, מיט סאַלאָן און פּריצישקייט. און דערביי וועט מען דאָרט אויך קאָנען אַלע ווײַלע כאַפּן א פאַרליבטן קוק אויף די שיינע, אויסגע־חלומטע "פּרינצן" און "פּרינצעסינס", אין געשטאַלט פון ר׳ אָשר גוטער־מאַנס הויכע, שלאַנקע זין און טעכטער, איידעמס און שניר, אַרום וועלכע ס׳האָבן זיך שוין געהאַט אַרומגעטראָגן אין שטעטל כלערליי מעשות און לעגענדעס וועגן "ראָמאַנסן" און "לינקע" ליבעס . . .

ג

א גאָר באַזונדער חיבה יתירה האָט שטעטעלע זאַסטאַוויע געטראָגן

אין הארצן צו דער גבירנטע, סאניע, זאָל לעבן, וואָס איז געווען א גרויסע מיוחסת, אן אשת חיל און א בעלת צדקה. און ווערליק מ'האָט געשמועסט אין שטעטל, האָט דער הויכער, ברייט־פּלייציקער גביר, ר' אשר גוטערמאַן, געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין פּיוואָווארניע און מיט זיין גאַנצער עשירות, זיין קליינינקען ווייבעלע מיט איר גרויסן נדן, וואָס זי האָט אים געהאַט געגעבן צו דער חתונה און אויך איר קלוגן, שארפן, מאַנצבילישן קאָפּ. פאַר דער וועלט איז טאַקע דער גביר ,ר' אשר גוטערמאַן, געווען דער גרויסער חכם, דער תקיף און דער גאַנצער מושל איבער דער "מלכות הפּיוואָווארניע". אָבער אין דער שטיל, ווען קיינער האָט ניט געזען און ניט געהערט, איז זי געווען די גאַנצע פירערין און די גאַנצע טאָן־געבערין. אַז איר האָט ער זיך גאָר קיין ריר ניט געטאָן. ער האָט געמעגט זיין ווי צעשטורעמט און צעקאָכט, איז ווי נאָר ער האָט דערשפּירט אויף זיך איר שארפן בליק, האָט ער באַלד פאַרלאָרן זיין כעס און איז געוואָרן שטיל ווי א קאָטינקע . . . אַזוי האָט מען געשמועסט אין שטעטל.

דעריבער, ווו נאָר א צרה, אן אומגליק, איז מען באַלד געלאָפן צו איר. האָט מען א חולה מסוכן, צי אן אָרעמער קינפּעטאָרין, געדאַרפט דערקוויקן מיט א יאיכל, מיט א שטיקעלע עוף אָדער מיט אביסעלע איינגע־מאַכטס, האָט זי שטענדיק געגעבן מיט א ברייטער האַנט. האָבן די גבאיטעס פון דער חברה "הכנסת כלה" געדאַרפט חתונה מאַכן אן אָרעמע יתומה, א וויסטע קאַליקע, זיינען זיי צום אַלעם ערשטן געלאָפן צו דער גוטער, באַרמהערציקער גבירנטע. זי האָט באַלד אויפגעשלאָסן איר גרויסן קופערט מיט די אייזערנע רייפן, פון וואַנען ס'האָט זיך געטראָגן א שטאַרקער ריח פון אתרוג און נאַפטאַלין, אַרויסגענומען פון דאָרט עטלעכע העמדער, לייַלעכער און ציכלעך, און מיט גרויס הרחבה עס דערלאַנגט צו די פרומע, גאַטספאַרכטיקע שטעטלשע ווייבער און מיט נאָך א שיינער נדבה דערצו.

פורים, ווען ס'איז מנהג ביי יידן צו טיילן "מתנות לאביונים", ווי ס'שטייט געשריבן אין דער הייליקער "מגילת אסתר", איז שוין ביי איר געווען א חזקה אליין, מיט די אייגענע הענט, טיילן נדבות. דעמאָלט פלעגט דער גרויסער פּיוואָווארניע־הויף פאַרוואַנדלט ווערן אין אן אמתן קבצנישן יאַריד. נאָך מיט וואָכן פריער, פלעגן זיך שוין נעמען ציען אין שטעטל אריין מחנות אָרעמעלייט, קבצנים און מדינה־גייערס, וואָס פלעגן זיך אויפהאַלטן אין בית־מדרש. ווי נאָר ס'איז געקומען דער לאַנג דערוואַרטעטער יום־טוב פורים, זיך א לאָז טאָן, ווי א היישעריק, אויף דער פּיוואָווארניע. זיי האָבן שוין געוווּסט, אַז איצט וועלן זיי דאָרטן קריגן די אמתע, שיינע, "פעטע" נדבה.

און דאָס טיילן די נדבות, איז דאָרטן צוגעגאַנגען מיט גרויס פּאַראַד, מיט פאַרנעם. אינם גרויסן קאַנטאָר, ווו ס'האָט שטענדיק זיך געקעשט און געטומלט מיט סוחרים, מעקלער, "שרייבער" און בוכהאַלטערס, איז איצט סאַמע אויבנאָן, ביים גרויסן טיש, געזעסן דער גביר, ר' אשר גוטערמאַן, אָנגעטאָן אין זיין שבתדיקן סורדוט, אויפן קאָפּ א שוואַרצע, זיידענע יאַר־

מעלקע, מיט א גרויסן ציגאַר אין מויל. ביי זיין רעכטער זייט איז געזעסן די גבירנטע, אָן אויסגעפּוצטע אין עסיק און האָניק, מיט שנירלעך פּערל אויפן האַלדז און מיט אראָפּגעהאנגענע בריליאַנטענע אוירינגלעך. אנט־קעגן זיי, אויפן באַדעקטן טיש, זיינען געווען אויסגעשטעלט שורות מיט כלערליי מטבעות, אין דער פאָרמע פון הויכע, גלייכע סלופּיקלעך. פריער זיינען געגאַנגען שורות קופּערוואַרג: גראַשנס, קאָפּיקעס, דרייערס, פירערס, זעקסערס און צענערס. נאָכדעם שורות מיט זילבערוואַרג: צענערלעך, גילדנס, פערציקערס, האַלבע און גאַנצע רובלס. די זילבערנע מטבעות זיינען געווען צוגעגרייט פאַר די היימישע אָרעמעלייט, ווייל "עניי ערך קודמין", אייגענע זיינען בילכער . . .

די גבירנטע האָט איטלעכן פון די אָרעמעלייט אויפגענומען מיט א שמייכל. און מיט אירע קליינינקע, ווייסינקע הענטעלעך געהאַלטן אין איין טיילן די פּורים־נדבות. זי האָט איטלעכן געגעבן לפי כבודו, איטלעכן לויט זיין הילוך און לויט זיין קלסתר־פּנים. קיינער איז פון איר חלילה ניט אוועקגעגאַנגען מיט ליידיקע הענט. אַזוי האָט זי זיך געפירט יאָר־איין, יאָר־אויס.

אָט די דאָזיקע מתנות אָרעמעלייט, וואָס זיינען זיך אהער צונויפ־געלאָפן "מארבע פינות העולם", האָבן צעטראָגן דעם נאָמען פונם גביר, ר׳ אשר גוטערמאַן, און נאָך מער דעם נאָמען פון דער גוטהאַרציקער נגידית־טע, סאָניע שתחי׳, ווייט און ברייט איבער דער מדינה, אַזוי אַז גאָט און לייט האָבן זיך מיט זיי געבענטשט.

אָבער ניט נאָר מענטש אליין האָט גענאָסן פון דער גרויסער שפע גוטסקייט, וואָס האָט, ווי א טייך, געשטראָמט פון דער פּיוואָווארניע צום שטעטל און צו דעם גאַנצן ארום, נאָר אויך אפילו בהמה און חיה האָבן אָפּגע־לעקט א ביינדל פון דער באַרימטער פּיוואָוואַרניע, ווי צום ביישפּיל:

די שטעטלשע יידישע בהמהלעך פלעגן נעבעך ארומגיין א גאַנצן טאָג אויפן וויהאָן, זוכן א גרעזעלע מיט וואָס צו שטילן זייער הונגער און ניט געקאָנט געפינען, מחמת די חזירים פון דער "גויישער גאַס" פלעגן מיט זייערע געזונטע חזירשע שנוקעס אים אַזוי צעראַיען און מאַכן אים מיט דער ערד צוגלייך. איז ווער ווייס וואָס פון זיי וואָלט געוואָרן, ווען ניט ר׳ אשר גוטערמאַן מיט זיינע געשמאַקע סלאָזשענעס, דעם פּסולת פונם איבערגעקאָכטן גערשטן־מאַלץ פון זיין ביר.

זומער, פאַרנאַכט, ווי נאָר דער פּאַסטוך האָט געבראַכט צו פירן די יידישע בהמות, מיט זייערע איינגעפאַלענע בייכער, פלעגט באַלד אריינ־פאָרן שלמה־זעליק, ר׳ אשר גוטערמאַנס פורמאַן, מיט א פולן אָנגעלאָדענעם וואָגן מיט סלאָזשענעס און אויסשרייען אויף זיין פאַרהיקעוועטן קול:

— וו־־וו־ווייבער, פּ־פּ־פּרישע ס־ס־סלאָזשענעס! יידן, א ק־ק־קאָפּעקע א פּ־פּ־פּערטל ס־ס־סלאָזשענעס ! . .

באלד פלעגט ווערן א טומל, א געלויף. מ'האָט געכאפּט ווער אַן עמער, ווער א קאָשיק, ווער א זעקל און ווער א באליע און געלאָפן מיט דעם צו שלמה־זעליקן, איינצוהאנדלען ביי אים אָט דעם טייערן, געשמאקן, בהמהשן מאכל.

די דאָזיקע סלאָזשענעס, פון וועלכע ס'האָט זיך געטראָגן א זיס־זויערלעכער ריח פון ביר, איז פאר די שטעטלשע הונגעריקע יידישע בהמות געווען ווי, להבדיל, דער מן, מיט וואָס גאָט האָט געשפּייזט די יידן פערציק יאָר אין דער מדבר . . . זיי פלעגן מיט אזא זשעדנעקייט שלינגען אָט דעם טייערן מאכל, פונקט ווי די גויים פלעגן, נאָך א יאריד, אין שענק, האלטן אין איין זשליאָקען אין זיך ר' אָשר גוטערמאנס געשמאקע פלעשער ביר . . .

נו, איז עפּעס א חידוש וואָס שטעטעלע זאסטאוויע איז געווען אזוי משוגע פארליבט אין דעם גביר ר' אָשר גוטערמאן און אין זיין גרויסער, בארימטער פּיוואָווארניע?

ד

אָט דער גרויסער ביר־זאוואָד איז פארן שטעטעלע זאסטאוויע און אויך פאר דער שכנישער שטאָט קאמעניץ דליטאָ, געווען א מין "קאזנאטשעיסטוואָ" — א רוסישע מלוכה־באנק, וואָס אין איר ראיעלקייט און זיכערקייט האָט קיינער ניט געקאָנט האָבן דעם מינדסטן צווייפל. ווער נאָר ס'האָט פארמאָגט א "קניפל", אביסל אָפּגעשפּאָרטע מזומנים, ירושה־געלטער, ווערטפולע חפצים, צירונג, שנירלעך פערל, אָדער אָרעמע טאטע־מאמע, וואָס האָבן יאָרן־לאנג געקליבן גראָשן צו גראָשן אויף נדן פאר זייערע טעכטער, איז פאר זיי קיין בעסערער און זיכערער פלאַץ ניט געווען ווו עס צו באהאלטן, נאָר ביי ר' אָשר גוטערמאנען אין זיין פייער־קאסע, וואָס איז שטענדיק געווען אָפן פאר זיי . . . זיין געטרייער נאמן, ר' פיניע פריד־בערג, א גרויסער למדן און א גרויסער ירא שמים, פלעגט צונעמען די אלע "פּיקדונות", פארשרייבן אין א בוך, ארויסגעבן א "קוויטל" מיט א "היתר עסקא", אזוי אז דער "בעל פּיקדון" האָט שוין נאָכדעם געקאָנט שלאָפן רויק אויפן גאנצן קאָפּ . . .

א חוץ דעם איז דער גביר ר' אָשר גוטערמאן, געווען דער גאנצער "אָפּעקון", דער אפּיטרופּוס, איבער כמעט אלע שטעטלשע "נכסי דלא ניידי", — איבער זייערע אומבאוועגלעכע גיטער, הייזער, גערטנער און פעלדער. ווארים ווי נאָר ס'איז געקומען דער ליבער זומער, ווען די בלאָטיקע וועגן, וואָס האָבן געפירט צום שטעטעלע זאסטאוויע, זיינען אויסגעטריקנט געוואָרן, פלעגן זאסטאוויער יידן אָנהייבן ציטערן אויפן גאנצן לייב . . . ווייל דעמאָלט איז געווען א סכנה, אז א ליאדע מינוט זאָל פלוצלונג זיך אָניאָגן דער רוסישער רעוויזאָר און אָפּשרייבן זייערע שטיבלעך איינעם מיט זייערע בעבעכעס פארן חוב פון די "דריי הונדערט רובל שטראָף", וואָס זייערע זין זיינען אנטלאָפן פון פּריזיוו אזש קיין אמעריקע.

אַט אַזעלכע "קייזערלעכע בעלי חובות" איז שטעטל זיינען געווען א היבשע צאָל. זיינען זיי געלאָפן צו ר' אָשר גוטערמאַנען נאָך אַן עצה, אַז ער זאָל זען ראַטעווען זייערע פאַרמעגנס זאָלן חלילה ניט אריינפאַלן אין גוישע הענט.

ר' אָשר האָט באַלד געהייסן זיין "נאמן" איבערצושרייבן אַלע זייערע שטיבלעך מיט זייערע מטלטלין אויף זיין נאָמען. דאָס האָט געזאָלט הייסן אַזוי, אַז מהיום והלאה, פון היינט אָן און ווייטער, איז פלוני בן פלוני שוין ניט מער דער "כאַזיאַין", דער אייגנטימער פון דער און דער "כאַזיאַי־סטוואָ", נאָר דער אמתער באַלעבאָס זייערער איז דער "פּאַטשאַטני גראַזש־דאַנין" גוטערמאַן. נאָר יענער איז ביי אים ניט מער ווי זיין בידנער קאַמאָר־ניק, א שכן הייסט עס, וואָס האָט נעבעך אפילו ניט מיט וואָס צו צאָלן אים דירה־געלט, איז צאָלט ער אים מיט שמירה, ווי א שומר־חינם . . .

אַזוי אַרום איז שטעטעלע געוואָרן אַלץ מער פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט דער פּיוואָווארניע, ווי יעדער איינער וואָלט געהאַט אין איר א חלק. און פאַרשטייט זיך, אַז פאַר די אַלע חסדים און טובות, וואָס ער האָט געטאָן צו זיינע שכנים, איז אים שטעטעלע געווען זייער דאַנקבאַר, און אים טאָג און נאַכט, געבענטשט און געלויבט, ווי ער וואָלט געווען זייער מלך און זייער באַשיצער . . .

ה

יאָרן זיינען געלאָפן. ר' אָשר גוטערמאַן, דער בויער און דער גרינדער פון זיין לעבנס־ווערק, דער פּיוואָווארניע, איז געוואָרן אַלט און שוואַך. ער האָט שוין מער קיין כוח ניט געהאַט צו טראָגן אויף זיינע אַלטע פּלייצעס אַזאַ שווערע משא. דערצו נאָך האָט זיך זיין קליינינקע, דאַרינקע ווייבעלע, די "האַרנטע" סאָניע, אָנגעהויבן שטאַרק אונטערצוקרענקען. פון טאָג צו טאָג איז זי געוואָרן קלענער, איינגעשרומפּענער. ער האָט געמוזט מיט איר אָפּט פאָרן קיין אויסלאַנד, אין די "וואַרעמע בעדער" און צו די גרעסטע מומחים־דאָקטוירים. בלית ברירה האָט ער געמוזט איבערגעבן זיין גאַנצע ממשלה איבער דער פּיוואָווארניע צו זיינע קינדער.

אָבער זיינע קינדער, די צוקונפטיקע יורשים זיינע, זיינען גאָר ניט געראָטן געווען אין זייער טאַטן. ווי רייכע זין און טעכטער, האָט זיי רק געצויגן צום גרויס־שטאָטישן לעבן מיט אַלע זיינע צוגעזאָגטע עולם־הזה'ס און פאַרגעניגנס. ס'האָט זיי אויך שטאַרק פאַרדראָסן וואָס זיי דאַרפן נעבעך א גאַנץ לעבן "אָפּהיניען" אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם העק, וואָס איז ווייט פון א באַן, ווייט פון ציוויליזאַציע און קולטור . . . און דאָס ערגסטע איז פאַר זיי געווען, וואָס זיי דאַרפן נעבעך שטענדיק לעבן אונטער דער שטרענגער השגחה פון זייער קאַרגן טאַטן, וואָס מאָנט פון זיי פאַר יעדער אויסגעגע־בענעם גראָשן דין וחשבון . . .

איז ווי גיך מ׳האָט ארויסגעפּראוועט די אַלטע טאטע־מאמע אין די ״ווארעמע בעדער״, האָבן די רייכע זינדלעך און טעכטערלעך און די גרויס־שטאָטישע איידעמס און שניר גאָר אָפּגעלעבט.

נאכט־איין, נאכט־אויס, האָבן זיי, אין זייערע ״אריסטאָקראטישע סאַלאָנען״, געפּראוועט אינײנעם מיט דער רוסיש־יידישער אינטעליגענציע פון דער שכנישער שטאָט קאמעניץ, הוליאנקעס און בעלער, גאָר אויפן גרויס־שטאָטישן שטייגער, מיט עכטער, רוסישער ״וואָדקא״ (בראנפן), פארביסן מיטן געשמאקן, רוסישן קאוויאר, מיט געבראָטענע גענדזלעך און נאָך אזעלכע טייערע מאכלים.

קאניקול־צייט, אין די ווינטערדיקע חגאות, פלעגן ספּעציעל אראָפּ־קומען צו זיי פון די שכנישע שטעט יידישע גימנאזיסטן און גימנאזיסטקעס, סטודענטן און קורסיסטקעס. דעמאָלט איז שוין דאָרט געווען חי געלעבט! מ׳האָט געגעסן און געטרונקען כיד המלך, און אויסגעזונגען כלערליי רוסישע ״פּעסניעס״ און אויסגעטאנצט כלערליי טענץ, פון א ווינער־וואלץ ביזן סאמע לעצטן פּאריזער טאנגאָ־טאנץ. און אז מען איז שוין געוואָרן גאָר בגילופנדיק, האָט מען פארגעסן אויף אלע מאָראלישע געזעצן און פארוואנדלט די רייכע, שיינע, אויסגעשטאטעטע סאלאָנען אין אמתע ליבע־נעסטן, אין ווילדע אָר־גיעס, גאָר אויפן גרויס־שטאָטישן אופן און ווי עס פּאסט פאר דער סאמע ווישע־אינטעליגענציא . . . אזוי נאכט־איין, נאכט אויס.

פארשטייט זיך, אז די אלע הוליאנקעס און די אלע סעודות און קערמעשלעך זיינען געגאנגען על חשבון הגביר . . . די אָנגעשטעלטע, די משרתים און די יוצר משרתים פון דער פּיוואָווארניע, זעענדיק ווי זייערע יונגע באלעבאטים לאָזן זיך אזוי ווילגיין, האלטן אין איין פארטאכלעווען זייער טאטנס שווערע מי און פּראצע, האָבן אויך באקומען א חשק ״אָפּצור־לעקן א ביינדל״. . . איז ווען ס׳זיינען אָנגעגאנגען די ווילדע ביינאכטיקע הוליאנקעס אין די ״הויכע פענצטער״, האָבן זיי ניט איינמאָל ארויסגעשמוגלט א וואָגן ביר, אָדער א פורנאלע תבואה און נאָך אזעלכע קלענערע און גרע־סערע גנבהלעך . . .

אין דער זעלבער צייט, האָבן זיך אָנגעהויבן אינטריגעס און קריי־געריייען צווישן דעם גבירס טעכטער און איידעמס פון איין זייט, און די גרויס־שטאָטישע שניר מיט זייערע מענער פון דער צווייטער זייט, ווי צום ביישפּיל: די אריסטאָקראטישע שנור, העלענא, פון גראָדנע, וואָס האָט געוואָלט פירן די גאנצע גרענדע, האָט ניט פארגונען דער שוועגערין, אנא פון בריסק, וואָס האָט מער ״אוכאזשאָרן״ (פארערער) פון איר. איז כדי צו נעמען נקמה פון איר קאָנקורענטין, איז זי אוועק און ״געמאכט שבת פאר זיך״; האָט אויפגעעפנט ביי זיך נאָך א שענערן סאלאָן מיט נאָך א גרעסערן פארנעם און מיט נאָך רייכערע הוליאנקעס, אזוי אז איר בלוטיקע שונאטע זאָל אזש

צעפוקעט ווערן פאר קנאה . . . און כידוע, איז אפטמאל די שנאה צווישן איינענע פיל שטארקער ווי צווישן פרעמדע.

און דער שטן פון מחלוקת, האט זיך אוועקגעלאזן טאנצן איבער די "געצעלטן" פון ר׳ אשר גוטערמאנס פיוואווארניע, זיין טייוולאנישן טאנץ . . .

ו

ווען דער אלטער ר׳ אשר גוטערמאן איז געקומען אהיים מיט זיין קראנקן ווייב פון אויסלאנד, פון די ווארימע בעדער, און האט דערזען וואס עס קומט פאר אין זיין מלכות הפיוואווארניע, איז אים באפאלן א טויט־שרעק. ער האט זיך צעברילט ווי א לייב. ער האט געשטורעמט, געקריצט מיט די ציין, געטופעט מיט די פיס, געפאטשט זיינע יורשים אויף רעכטס און אויף לינקס, אזוי אז ס׳האט אזש אפגעקלונגען אין שטעטל . . .

ער האט באלד צוריק אריינגענומען אין זיינע הענט די גאנצע ממשלה איבער דער פיוואווארניע. ער האט גענומען איינפירן נייע פאראנד־קעס. ער האט געסטראשעט, אז ער וועט אלעמען מעביר־נחלה זיין. דעם עלצטן זון, ישראל, מיט זיין שנור, העלענא, האט ער באלד פארטריבן פון זיין גבול. אנגעשטעלטע האט ער פון די שטעלעס געשליידערט. ער האט איינגעפירט א שטרענגען קאנטראל איבער זיינע דינסטן און קעכינס און איבער אלע שפייזארניעס, און נאך אזעלכע נייע רעפארמען.

ער האט געגלויבט, אז מיט דעם וועט אים געלינגען אפצוראטעווען זיין פיוואווארניע, זיין גרוים לעבנס־ווערק, אזוי אז זי זאל נאך צוריק באקו־מען איר אמאליקן גלאנץ. אבער, עס איז שוין געווען צו שפעט. דער גורל אירער איז שוין געווען א פארזיגלטער . . .

יעדער באגינען האט ער זיך ארויסגעלאזן איבערן הויף, זען, צי איז ניט חלילה איבער נאכט וואס ניט איז געמינערט געווארן. ער איז געלאפן מיט האסטיקע טריט פון איין געביידע צו דער צווייטער, פון איין שפייכלער צום אנדערן, קאנטראלירט די שלעסער אויף די טירן. און ווען ס׳איז אים עפעס ניט געפעלן געווארן, האט ער זיך צעשריען, געמאכט גוואלדן וואס מען האלט אין איין צעשטערן זיין האב און גוטס. אבער ער וועט עס ניט דערלאזן! ער וועט אלעמען צעטרייבן און צעיאגן פון דאנען! זייער "דור" זאל זיך דא מער ניט געפינען!

ניט איינמאל נאך אזעלכע היסטערישע אויסברוכן, פלעגט ער צוזא־מענברעכן און אוועקפאלן מיטן בונט שליסלען אין די הענט, ווי אן אונטער־געזעגטער בוים . . .

ז

די גבירנטע, סאניע, זאל לעבן, איז מיט יעדער טאג און מיט יעדער שעה געווארן אלץ שוואכער און שוואכער. די שווערע קראנקהייט אירע האט געהאלטן אין איין פארצערן איר קליינינקן, דארינקן גופל.

שטעטל האט ממש איינגעלייגט וועלטן צו דערהאלטן זי ביים לעבן, אבער ס'האט ניט געהאלפן. "תלמוד תורה" יינגלעך מיט זייערע מלמדים האבן שוין ניט איינמאל תהלים געזאגט. ווייבער האבן שוין ניט איינמאל "קברים געריסן", "פעלד געמאסטן", אין ארון-קודש "ארייגעפאלן", צוגע־לייגט איר א נאמען, געשאנקען איר יארן — אבער ס'האט גארנישט ניט גע־האלפן. דער גזר־דין אירער איז שוין געווען א פארחתמעטער. אין א קאל־טער, טריבער, ווינטער־נאכט, האט זי אויסגעהויכט איר איידעלע, כשרע נשמה.

די טרויעריקע נייעס האט געטראפן דעם שטעטעלע זאסטאוויע ווי א דונער אין מיטן העלן טאג. קליין און גרויס האבן געוויינט און געקלאגט אויפן גרויסן בראך. און מער פאר אלעמען האבן געטרויערט די אייגנטימער פון די אפגעשפארטע "קניפלעך", די "בעלי פיקדונות", וואס האבן געהאט באהאלטן אין דער פּיוואווארניע זייערע אנגעקליבענע ביסל מזומנים, די נדנס פאר זייערע טעכטער. זיי זיינען ארומגעגאנגען דערשלאגענע און צבראכענע, ווי זיי וואלטן געווען די אמתע אבלים.

דער אלטער, שטאלצער גביר, ר' אשר גוטערמאן, פאר וועלכן אלע האבן אזוי געציטערט, איז מיטן טויט פון זיין געטרייען ווייב, פלוצלונג פארוואנדלט געווארן אין א שברי־כלי. דאס פנים איז אים געווארן געל, די אויגן אויסגעלאשן, די באקן איינגעפאלן, דער רוקן געבויגן. ער האט ניט געגעסן און ניט געטרונקען. טאג און נאכט איז ער ארומגעגאנגען אין אן אלטן, צעבראשטשעטן שלאפראק, אויף די פיס א פאר פאנטאפל און מיט שלאבעריקע טריט געהאלטן אין איין שפּרייזן פון איין צימער אין אנדערן, ווי א ניט־דאזיקער, פארזונקען אין שווערע, פינצטערע מחשבות. זיינע בני־בית, קינדער און אייניקלעך, האט ער געיאגט פון זיך, ווי זלידנע פליגן. זיין שטענדיקע, באליבטע אינסטיטוציע, דעם "מנין", האט ער צעטריבן נאך איידער ס'זיינען אריבער די "שלושים". מ'האט געזען באשיינפערלעך, אז דער אמאליקער שטארקער ייד, דער גברן, גייט איין ממש ווי פּוטער אויף דער זון.

שטעטל איז געווען שטארק צערודערט. דעם אלטנס צושטאנד האט איטלעכן געשראקן און אוועקגערויבט פון יעדער איינעם דעם שלאף פון די אויגן. אומעטום, אין בית־מדרש און אין גאס, זיינען געשטאנען רעדלעך מענטשן און געהאלטן אין ריידן וועגן ר' אשר גוטערמאנען און זיין פּיוואַ־ווארניע, וואס האט געהאט געגעבן דעם שטעטל פרנסה, כבוד און רום, איז איצט געגליכן געווארן צו א זינקענדיקער שיף, אין א צעשטורעמטן ים . . .

ח

איינמאל, פארנאכט, בין מנחה ומעריב. דער אלטער גוטערמאן איז געזעסן אין זיין גרויסן, האלב־טונקעלן פּארלאר־צימער, פארזונקען אין

זיין ווייכן, טיפן פּאָטעל־שטול, די הענט פאַררוקט אין די ברייטע אַרבל פון זיין שלאָפראָק און געדרעמלט.

שטיל און הכנעהדיק האָבן זיך אַריינגערוקט עטלעכע שטעטלשע יידן, וואָס זיינען געקומען מכּלומרשט מיטן אויסרייד מנחם־אָבל צו זיין דעם "אַלטן" און פאַר איין וועגס "א טאָפּ טאָן אין וואָגן" ווי האַלט עס דאָרט מיט זייער ביסל מזומנים . . .

זיי זיינען געשטאַנען צונויפגערוקט איינער צום צווייטן און געקוקט מיט צעשראָקענע בליקן אויפן דרעמלענדיקן גביר און מורא געהאַט אַרויס־צולאָזן א פּיפּס פון מויל. ס'האָט גע‌דויערט אזוי א ווײַלע, וואָס האָט זיך געצויגן פאַר זיי ווי א גאַנצע אייביקייט.

ענדלעך האָט דער אַלטער אויפגעהויבן זיין גרויסן לייבן־קאָפּ, אָנ־געשטעלט אויף זיי א פּאָר ביסטע אויגן, וואָס האָבן אַפּירגעקוקט פון אונ־טער גראָע, געדיכטע, בושיקע ברעמען. זיין שאַרפער, דורכדרינגלעכער בליק האָט אָנגעוואָרפן אויף די שטעטלשע יידן אַן אימה. זיי האָבן זיך גענומען רוקן הינטערווײַלעכס צו דער טיר . . .

מיטאַמאָל האָט דער אַלטער גביר זיך געגעבן א ריס פון אָרט און אָנגעהויבן שפּאַנען מיט האַסטיקע טריט הין און צוריק איבערן גרויסן צימער. ער האָט געקנייטשט דעם שטערן און געטרייסלט מיטן שווערן קאָפּ. ס'איז קענטיק געווען, אז דער אָנבליק פון די שטעטלשע יידן האָט אים שטאַרק צערודערט. ער האָט באַלד דערשפּירט מיט אַלע זיינע חושים, אז דאָס זיינען זיינע שכנים ניט געקומען צו אים מנחם־אָבל זיין, נאָר דאָס זיינען זיי איצט געקומען צו אים מאָנען זייערע חובות, און באַלד וועלן זיך נעמען יאָגן אַהער נאָך אַזעלכע צענדליקער און הונדערטער, און אַלע וועלן שרייען: געלט! געלט ! . . ווי ס'ווייזט אויס האָט שוין מער קיינער צו אים ניט קיין צוטרוי. אָ, דאָס איז שרעקלעך! זאָל דאָס שוין זיין דער אָנהויב פונם סוף, פאַר וועלכן ער האַלט זיך אזוי אין איין שרעקן? אז אַלץ וואָס ער האָט א לעבן־לאַנג גע־בויט, זאָל צעפאַלן ווערן אין שטויב?!

אָט דער שוואַרצער, פינצטערער געדאַנק האָט אים ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט זיך אַזש געקאָרטשעט אין דרייען, ווי ער וואָלט שוין דערהערט דאָס פאַלן און דאָס קראַכן פון זיין שווערן, מאַסיוון בנין איבער זיין קאָפּ. ער האָט זיך א כאַפּ געטאָן ביים האַרצן און א שווערן קרעכץ געטאָן.

מיטאַמאָל האָט ער זיך געגעבן א גלייך אויס, א שפּאַן געטאָן צו זיינע קרעדיטאָרן און מיט זיין לאַנגן, ביינערדיקן פינגער גענומען טייטלען זיי אין פּנים אַריין און אָנגעהויבן שרייען ווי ניט מיט זיין קול:

— וואָס איז אויף אייך פּלוצלונג אָנגעפאַלן אַזאַ פינצטערע בהלה?! איך בין נאָך ניט געשטאָרבן! איך בין נאָך ניט קיין יורד! איר הערט?! אַשר גוטערמאַן, דער פּאָטשאָטער גראַזשדאַנין, איז נאָך ניט קיין יורד ! . .

זיין גאנצער גוף האָט געפּיבערט און זיך געטרייסלט ווי אין א קדחת. מיט א פויסט האָט ער זיך געקלאַפּט אויפן הארצן און זיך נאָך העכער צע־שריען מיט ווילדע, היסטערישע קולות, אזש א שוים האָט אים ארויסגע־זעצט פון מויל:

— איידער איך וועל שטארבן, וועל איך אַלעמען באצאָלן! אַלעמען באצאָלן ! ! ! דאָס האָלץ און די ציגל פון מיינע בנינים זיינען נאָך אַלץ מער ווערט פון אייערע לייזיקע קניפּלעך ! . . גייט פון דאַנען ! ! !

צעשראָקענע און צעטומלטע האָבן די שטעטלשע יידן זיך ארויסגע־שארט פונם גבירס הויז . . .

ט

דאָס גרויסע אומגליק, פאַר וועלכן שטעטעלע זאסטאַוויע האָט זיך לעצטנס געהאַט געשראָקן, איז געשען. דאָס איז געווען אין א ווינטערדיקן פרימאָרגן, ווען מ׳האָט געהאַלטן אין מיטן דאַווענען דעם ערשטן ״מנין״, האָט זיך פלוצלונג געגעבן א פּראַל אויף די גרויסע בית־מדרש טיר און א באַליאַסטרע ווייבער האָבן זיך אריינגעריסן מיט א יאָמער און מיט א גוואַלד:

— יידן, ווי און ווינד איז אונדז! דער אַלטער איז אוועקגעפאַלן אין מיטן הויף און האָט אויסגעהויכט זיין נשמה! אוי אַז אומגליק! אוי א בראָך! וואָס וועלן מיר איצט טאָן?! מיר זיינען אַלע פאַרלאָרן! — האָבן די ווייבער געכליפּעט אויפן קול און געבראָכן די הענט, ווי דער בר־מנן וואָלט געלעגן פאַר זייערע אויגן.

די מתפללים האָבן באַלד אויף דער גיך אויסגעטאָן פון זיך די תפילין מיט די טליתים און מיט גרוים איילעניש ארויסגעלאָפן פונם בית־מדרש. די נייעס פונם פלוצלונגדיקן טויט פונם גביר האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט ווי א וואַלד־פייער איבערן גאַנצן שטעטעלע זאסטאַוויע און אויך איבער דער שכנישער שטאָט קאַמעניץ, וואָס איז געלעגן אויף יענער זייט טייך. ס׳האָט אַלעמען ארומגעכאַפּט א פינצטערע בהלה. קרעמער האָבן באַלד פאַרהאַקט זייערע קרעמלעך; באַלמעלאָכעס האָבן געוואָרפן שער און אייזן; מלמדים האָבן פאַנאַנדערגעלאָזן די ״חדרים״, און אַלע, יונג און אַלט, האָבן זיך אוועקגעלאָזט צו דער פּיוואָוואַרניע ווו דער גאַנצער הויף און דער ארום איז שוין שוואַרץ געוואָרן מיט מענטשן.

דער אַנגעלאָפענער עולם האָט געטומלט און געשריען, אזוי אַז איינער האָט ניט געהערט וואָס דער צווייטער זאָגט. מער פון אַלעמען האָבן געשריען די ״קרעדיטאָרן״, וואָס האָבן זיך געציילט אין די הונדערטער. זיי זיינען ארומגעלאָפן ווי פאַרסמטע מייז, מיט ווילד־צעשראָקענע אויגן און מיט צע־פּלאָשעטע בערד און פאות, מיט פּעק ״קוויטלעך״ און ״היתר עסקאס״ אין זייערע פאַרקלעמטע פויסטן. זיי האָבן געשריען און געליאַרעמט און גע־סטראַשעט, אַז אויב מ׳וועט זיי גלייך ניט אויסצאָלן זייערע חובות, וועלן זיי

ניט לאָזן דורכפירן די קבורה. זיי צו הילף זיינען געקומען זייערע ווייבער מיט זייערע טעכטער, כלה־מיידלעך. זיי זיינען ארומגעלאָפן ווי משוגעים, זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, געביילט פויסטן צו די גבירישע פענצטער און אלע איניינעם האָבן געשריען מיט באַנומענע קולות:

— גיט מיר אָפּ מיינע בלוטיקע געלטער! מיין טאָכטערס נדן !..

— מיין בלוט האָבן זיי פון מיר אויסגעזויגן !..

— זיי האָבן געפּראַוועט הוליאַנקעס אויף אונדזער חשבון !..

— מיינע קינדער דאַרפן ברויט ניט פאַרגונען און זיי האָבן דאָ געפרעסן און געזויפט מיין בלוטיקע פּראַצע !..

— יידן, וואָס שווייגט איר? דערבאַרעמט אייך, שטעלט זיך איין פאַר אונדז און פאַר אונדזערע אָרעמע, אומגליקלעכע יתומים! — האָבן געקלאָגט און געיאָמערט די אלמנות, וואָס האָבן דאָ געהאַט איינגעלייגט זייערע ירושה־געלטער.

אָבער מער פון אלעמען האָבן געגוואַלדעוועט די ניי־אַנטדעקטע "גבירים", וואָס זיינען פאַררעכנט געווען איז שטעטל פאַר גרויסע אָרעמע־לייט, אמתע קבצנים, פאַר וועלכע די שטעטלשע פרומע גבאיטעס האָבן ניט איינמאָל צונויפגעקליבן פאַר זיי בולקעס אויף שבת. און איצט, מיטן גבירס טויט, האָבן זיי נעבעך געמוזט אליין ארויסגעבן פון זיך דעם סוד, אז זיי דאַבן אויך דאָ, אויף דער פּיוואָווארניע, שטעקן אָפּגעשפּאָרטע "קניפּלעך"... זיי האָבן זיך צעליינט און צעשפּרייט אויף די טרעפּ און אין די קאָרידאָרן, וואָס האָבן געפירט צום גבירס "סאַליעס", און געהאַלטן איז איין שרייען און סטראַשען, אז ניט אנדערש ווי נאָר איבער זייערע טויטע לייבער וועט מען קאָנען ארויסטראָגן דעם טויטן גביר...

דער גרויסער פּיוואָווארניע־הויף איז ארומגעכאַפּט געוואָרן פון אלע זייטן מיט היסטעריע, מיט האַס און צאָרן. ר' אָשר גוטערמאַנס יורשים, זיינע זין און טעכטער, איידעמס און שניר, האָבן פאַר שרעק פאַר דער צעווילדעוועטער מאַסע, זיך באַהאַלטן הינטער פאַרריגלטע טירן און לאָדנס.

דער איינציקער, וואָס האָט שוין ניט מורא געהאַט פאַר קיינעם, איז געווען דער טויטער גביר, ר' אָשר גוטערמאַן. ער איז געלעגן אין זיין גרויסן סאַלאָן־צימער אויף דר'ערד, איבערגעדעקט מיט א שוואַרצער טוך, ארומגעשטעלט פון קאָפּ ביז די פיס מיט ברענענדיקע ליכט. אלטע־לייט, שמשים, תלמוד־תורה מלמדים מיט זייערע תלמידים זיינען געשטאַנען ארום אים און האָבן מיט א וויינענדיקן קול תהלים געזאָגט. ווייבער, וועמעס מענער האָבן געאַרבעט אויף דער פּיוואָווארניע, זיינען געזעסן אויף דר'ערד און מיט א האַרצרייסנדיקן, תחינהדיקן ניגון, באַוויינט זייער "האַר" און שפּייזער... זייערע קולות האָבן זיך געטראָגן דורך די אָפענע, צעפּראַלטע טירן אין דרויסן ארויס און זיך צונויפגעגאָסן מיט די געשרייען און גוואַלדן פונם אַנגעלאָפענעם המון.

ווער ווייס ווי לאנג ס׳וואלט נאך געווען אנגעגאנגען דער טומל און דער ליארעם ארום דעם טויטן גביר, ווען ניט דער קאמעניצער רב, רבי ראובן בורשטיין, פאר וועמען אלע האבן געהאט גרויס דרך־ארץ.

פלוצלונג, אין סאמע מיטן טומל, האט דער גרויסער עולם, צו זייער גרויסער דערשטוינונג, דערזען זייער רב, זאל לעבן, שטיין אין דער הויך, אויף אן איבערגעקערטער, ליידיקער ביר־פאס, מיט א בלאסן פנים, מיט צעווינטיקטע באָרד און פאות, אין איין האנט א שטעקן און מיט דער צווייטער אויסגעשטרעקט צום עולם, אלס א צייכן, אז ער וויל עפעס זאגן. ס׳איז מיטאמאל אנטשטאנען אן אויסערגעוויינלעכע שטילקייט. יעדער איינער האט אנגעשטעלט מויל און אויערן, געוואלט הערן, וואס אזוינס קאן איצט ועלן זאגן זייער שטילער, באשיידענער מרא דאתרא. מיט א שטיל געבראָכענעם קול האט דער רב אנגעהויבן ריידן בזה הלשון:

— מורי ורבותי, דער בר־מינן, ר׳ אשר גוטערמאן, וואס ליגט פאר אונדזערע אויגן שוין דעם דריטן טאג, קאן שוין מער ניט צאלן זיינע חובות אויף דער דאזיקער זינדיקער ערד . . . ער געהערט שוין איצט צום משפט פונם בית־דין של מעלה, פאר וועלכן מיר אלע, ווער פריער און ווער שפעטער, וועלן אויך דארפן שטיין . . . געדענקט, יידן, יעדער שעה, וואס גייט אוועק און מיר לאזן אים ניט קומען צו קבר ישראל, באגייען מיר א גרויסע זינד! די גאנצע שטאט וועט נאך חלילה דארפן אפגעבן פאר דעם דין וחשבון! ווארים ס׳איז נאך ניט געהערט געווארן אזוינס, אין קיין שום יידישן גבול, אז אן עדה יידן זאל זיך אזוי איזדיעקעווען איבער א טויטן יידן! דאס איז א שרעקלעכער ביזיון המת!

דער רב איז געבליבן שטיל. מיט זיינע שארפע, דורכדרינגלעכע אויגן האט ער געקוקט אויפן גרויסן עולם. ס׳איז קענטיק געווען, אז זיינע רייד האבן אנגעיאגט אויף איטלעכן א טויט־שרעק. איטלעכער האט דערפילט ווי איבער זיין קאפ וואלט זיך דורכגעטראגן א געררויש פון טויטע פליגל . . . דער עולם האט זיך נאך ענגער צונויפגערוקט. אלע זיינען געשטאנען מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער, געקוקט מיט צעשראקענע אויגן צום רב. פון דא און דארט האט זיך דערהערט א פארשטיקט געוויין, א כליפען פון ווייבער, א העשען פון א קינד.

דער רב האט טיף אפגעקרעכצט און ווייטער גענומען ריידן שוין מיט א העכערן קול:

— שמעו נא, רבותי, הערט זיך צו, יידן, צו מיינע רייד. מיין עצה איז, צו לאזן די יורשים ווייטער אנצופירן מיט דער פיוואווארניע, ווי פריער. און אם ירצה השם, אז די פיוואווארניע וועט ווייטער אנגיין, איז דא א האָפענונג, אז מיט דער צייט, וועט איטלעכער פון אייך קריגן אויסגעצאלט זיין חוב ביז צו דער לעצטער פרוטה. איך זאג אייך צו, בהן שלי, אז איך וועל זיך באמיען מיט אלע מיינע כוחות אכטונג צו געבן, אז אלץ זאל דא צוגיין

על צד היותר טוב. לכן, דעריבער, פאָדער איך אייך אויף גלייך, די מינוט, צוצוטרעטן מקיים צו זיין די גרויסע מצווה פון הלווית המת! פארגעסט ניט, יידן, אז מיר זיינען אין גלות! . . אויב מיר וועלן ווייטער אזוי צעגערן, קאָן נאָך חלילה קומען צו א גרויסן חילול־השם! . .

דעם רבס לעצטע ווערטער האָבן אויף אלעמען געמאכט א שטארקן רושם. אין דעם מאָמענט האָט איטלעכער ווי פארגעסן אויף אלע זיינע טענות און קריוודעס און אויף אלע זיינע חובות וואָס אים איז געקומען פונם לעבעדיקן גביר . . .

דער רב, וואָס איז נאָך אלץ געשטאנען אויפן איבערגעקערטן, ליידיקן ביר־פאַס, האָט מיט א פעסטן קול אויסגעשריען:

— חברה קדישא, טוט אייער הייליקע שליחות! . .

דער עולם האָט זיך באלד פאנאנדערגערוקט אויף די זייטן, געמאכט א ווארע פאר דער חברה קדישא מיט דער טהרה־ברעט, וואָס איז געגאנגען מיט גיכע, איילנדיקע טריט טאָן דעם מת זיין רעכט . . .

די "ביבליאָטעקא"

ס'איז געווען אין א זומערדיקן פרייטיק פארנאכט, נאָך ליכט־בענטשן. זאסטאוויער באלעבאטים, אלע אויסגעצוואַגענע, אויסגעטובלטע און אויס־געפּוצטע אין בגדי־שבת, זיינען מיט איילנדיקע טריט געקומען אין בית־מדרש אריין מקבל־שבת זיין. ערשט זיי טוען א קוק, צווישן האנט־פאס און "לוח הקודש" הענגט אָנגעקלעפּט א לאנגע מודעה, געשריבן מיט א שיינער גע־כתיבהטער האנטשריפט, מיט געציקלטע, גרויסע "קידוש לבנה" אותיות, יואָס האָט זיך געלייענט אומגעפער אזוי:

שמעו נאָ רבותי! הערט ברידער און שוועסטער! עס איז שוין לאנג געקומען די צייט, אז איבער דעם הימל פון אונדזער קהילה קדישא, קאמעניץ דליטא און איר "טאָכטער"־שטעטעלע זאסטאוויע, זאָל שוין אויך נעמען שיינען די "בת השמים", די ליכטיקע זון, ווי ביי לייטן ! . .

"דעריבער, אחינו בני ישראל, הוי כל צמא לכו למים! ווער סאיז דורש־טיק און לעכצט צו טרינקען פונם קוואל פון חכמה און וויסן, זאָל קומען צו אונדזער "אוצר הספרים", הנקרא בלע"ז "ביבליאָטעקא", וואָס מיר האָבן אויפגעעפנט פאר אייך ביי דער אלמנה מרת ציפּע־דוואָשע, היושבת, וואָס זיצט, תחת ההר, אונטערן בארג, אויף דער קאָברינער גאס.

"מיר האָבן דאָרט אָנגעזאמלט פאר אייך א שפּייכלער מיט גייסטיקע שפּייז: ספרים און ביכער אויף אלערליי לשונות, אויף "זשארגאָן", אויף לשון קודש און אויך אויף רוסיש.

"טאָ קומט אלע, יונג און אלט, מאן און פרוי, טרינקען פון קוואל די מים חיים. וכל הקודם זכה ! . ."

אזוי אומגעפער איז געגאנגען דער נוסח פונם "קול קורא", נאָר אָנשטאָט חתימות, אונטערשריפטן, ווי ס'פירט זיך ביי אלע גרויסע, וויכ־טיקע קול קוראס, איז געווען אונטערגעשריבן בלויז א קורצינקע שורהלע:

"די פארשפּרייטער פון ליכט און וויסן צווישן פאָלק". . .

ארום דער גרויסער מודעה האָט זיך באלד צונויפגעקליבן א געזעמל מיט יידן. אלע זיינען געשטאנען מיט פאררוסענע קעפּ, אריבערגעקוקט איינער איבערן אנדערן און געלייענט און נאָכאמאָל געלייענט, האָבן געוואָלט

דערגיין א טאַלק אין אַט דעם מאָדנעם קול קורא, מיט זיין טערקישער עברי, און בשום אופן ניט געקענט אויפכאַפּן דעם געדאַנק, דעם אמתן "מיין", וואָס עס שטעקט אין די דאָזיקע ווערטער.

וואָרים, למשל כדומה, וואָס פאַר א שייכות קאָנען האָבן יידישע יגיע כפּימניקעס, ערד־אַרבעטער, סאַדאָווניקעס, באַלמעלאָכעס, שוסטערס, שניי־דערס און קאַוואַלעס מיט דער "בת־השמים", דער הימלישער טאָכטער ? . .

צווייטנס, וואָס איז דאָס פאַר א לשון: "קומט טרינקען פון אונדזער קוואַל מים חיים?!" וואָס זיינען מיר עפּעס, בהמות, וואָס מ'דאַרף פירן אָנ־טרינקען צו דער קאָרעטע ? ! . . .

האָט מען געטענהט, זיך געהיצט און געקאָכט, ביז מען איז געקומען צו דער החלטה, אז דאָס איז ניט אַנדערש ווי עפּעס א שפּיצל פון א לץ, א קונדס.

נאָר דער פאַרדראָס איז געווען, וואָס דער דאָזיקער "שייגעץ" און יוננאַטש האָט געהאַט די העזה אויפצוהענגען אזא לעקישעוואַטע "מגילה" אין א מקום קדוש. האָט מען פאַר כעס אויסגעבטלט אַלע בייזע, וויסטע חלומות צו דעם אומבאַקאַנטן "מחבר" פון אַט דעם נאַרעשעוואַטן "קול קורא", מ'שטיינס געזאָגט . . .

מ'האָט אזוי לאַנג גערעדט, געטומלט, ביז ס'איז געוואָרן שפּעט. דער שמש האָט געגעבן א פּאַטש אויפן "שולחן" פון באַלעמער און גענומען זאָגן "לכו נרננה". דער עולם איז זיך צעגאַנגען אויף די ערטער און זיך געשטעלט דאַווענען.

אָבער די "שיינע" יידן, די באַלעבאַטים פון מזרח־וואַנט, די יודעי־ספר, האָבן באַלד דערשנאַפּט, אז דער דאָזיקער "קול קורא", וואָס מ'האָט אויפגעהאַנגען לעבן האַנטפאַס אין בית־מדרש, איז די אַרבעט פון יענער כנופיא, פון די שטאָטישע משכילים, וואָס האַלטן שוין לאַנג אין איין פאַר־שפּרייטן שטילערהייט זייערע "טריף פּסולען", די ביכלעך, צווישן זייערע זינדלעך און טעכטערלעך. און איצט, ווי ס'ווייזט אויס, האָבן זיי שוין גע־קראָגן די חוצפה אַרויסצוגיין מיט זייערע שמד־שטיק בפרהסיא? טאָר מען דאָך דאָס ניט פאַרשווייגן! ס'איז דאָך א סכנה גדולה! זיי קאָנען נאָך חלילה אַראָפּפירן זייערע קינדער פון דרך־הישר!

איז געוואָרן א טומל, א געשריי, ביז ס'איז געקומען קאַלענטי, דער "שבת־גוי" און גענומען אויסלעשן די ליכט און די לאָמפּן, איז מען זיך צעגאַנ־גען אהיים, מאַכן קידוש, עסן די ערשטע שבתדיקע צוגעגרייטע סעודה.

* * * * *

אויף מאָרגן אינדערפרי, אין בית־מדרש, ביים דאַווענען, האָבן די פּרומע, גאַטספאַרכטיקע באַלעבאַטים, אויפגעהויבן א גרויסן ויצעקו, א גע־

שריי, אז מען מוז, איינמאל פאר אלעמאל, זען עוקר מן השורש זיין אט דעם טריפענעם קלייזל, וואס האלט אין איין פארשפרייטן זיינע אפיקורסישע געדאנקען! זיי קאנען נאך חלילה ברענגען זייערע קינדער צו שמד!

מער פון אלעמען האט געשריען און געליארעמט גבריאל יקיר משהם, א הויכער ייד, מיט א געלן בערדל, מיט א בייזן פנים און מיט ביסטרע אויגן, וואס איז געווען דער גרעסטער יאבעדניק אין שטעטל.

ווי נאר ס'איז געקומען צום "אויסנעמען", צו קריאת־התורה, האט ער זיך געגעבן א שטעל אוועק פארן ארון קודש און געשריען, אז ער וועט ניט לאזן "לייענען", ביז קהל וועט ניט אננעמען גלייך אויפן ארט די געהעריקע מיטלען קעגן די "שטאטישע" און זאסטאוויער אפיקורסים, וואס שלעפן זיך ארום גאנצענע נעמט מיט מוידן און זינגען רוסישע לידלעך ! . .

ס'איז געווארן א טומל, א געשריי עד לב השמים. אלטע־לייט האבן זיך געבעסט, אז ס'איז א חילול השם, וואס מ'איז "מעכב הקריאה", ווארים וואס איז דא נעבעך שולדיק די תורה הקדושה ? . .

אנדערע האבן געשריען, אז "לאו עכברא גנב אלא חורא גנב" — ד"ה, שולדיק איז נאר די אלמנה ציפע־דוואשע, וואס האט אריינגעלאזן צו זיך אין שטיבל די דאזיקע חברה! מ'דארף זי דערפאר נעמען צום רב און קנסענען ! . .

איין טאטע האט געווארפן די שולד אויפן צווייטן טאטן, אז נאר זיינע קינדער זיינען די שולדיקע! בקיצור דאס בית־המדרש איז געגאנגען כאדאראם.

ענדלעך, נאך לאנגע געשרייען און גוואלדן, איז געבליבן בהסכם כולם, אז ווי גיך מ'וועט אפדאווענען "מנחה" און אפעסן "שלוש סעודות", זאל מען אוועקגיין אין "שטאט" צום גרויסן "מויער" בית־מדרש, ווו עס דאווענט דער רב, די דיינים און אלע שענסטע באלעבאטים און ווי גיך מ'וועט אפדאווענען מעריב, זאל מען גלייך אויפן ארט אפהאלטן אן אסיפה, און איינמאל פאר אלעמאל זען מאכן א סוף צו דער חברה אפיקורסים, מיט זייער ביבליאטעקא, ווי זיי רופן עס, און אזוי ארום וועט מען שוין אפראטעווען באצייטנס די נשמהלעך פון זייערע יונגע קינדער ! . .

און כך הוה. די זאסטאוויער יידן, וואס האבן געשמט פאר גרויסע יאבעדניקעס, האבן מיט זייערע געשרייען און גוואלדן דארט, שיר ניט צעטראגן דעם גרויסן "מויער" בית־מדרש, מיט אלע יחסנישע באלעבאטים אינייגעם. זיי האבן אפילו געוואגט ארויסצוקומען מיט טענות קעגן דעם רב, דעם מרא דאתרא, וואס אזעלכע שרעקלעכע, הימל־שרייענדיקע זאכן קומען פאר אין שטאט און ער שווייגט.

אבער אלע געשרייען און פראטעסטן פון די זאסטאוויער האבן ניט געהאלפן. ווארים, ווי זאגט דארט דער פסוק: "מהרסיך ומחריביך ממך יצאו",

ד״ה, ״דיינע צעשטערער און דיינע פארוויסטער וועלן ארויסקומען פון דיר אליין״. . . ווארים, ווי ס׳האט זיך באלד ארויסגעוויזן, זיינען די הויפט־מאכערס פון אט דער דאזיקער ״ביבליאָטעקא״ געווען די סאמע פני העיר, די רעדל־פירער פון שטאָט, ווי לייבקע דער אפטייקער, ר׳ יוסף וויגוטאוו דער פייערדיקער ציוני, ר׳ אשר גוטערמאנס אריסטאָקראטישע שנור העלענא פון גראָדנע, מיט יודל קאַטיקן בראש, וואָס איז א גאנצער ״ר׳ שמעלקע״ אין די ״הויכע פענצטער״ פון דער שטאָטישער רוסישער נאטשאלסטווא.

טא ווער וועט זיך איינשטעלן און האָבן דעם מוט צו פארפירן א מלחמה קעגן אזעלכע ״שישקעס״? מוז מען שווייגן — א ברירה האָט מען ? . .

* * * * *

יעדער פארנאכט, בין השמשות, ווען פרומע, גאָטספארטיקע יידן פלעגן זיך לאָזן גיין אין בית־מדרש דאווענען מנחה־מעריב, לערנען א בלאט־גמרא, א פרק משניות, אָדער זאָגן א קאפיטל תהלים, פלעגט די יוגנט פון שטעטל, אויסגעפוצטע אין זייערע שבת־יום־טובדיקע מלבושים, נעמען שטראָ־מען צו זייער טייערן, ״אוצר הספרים״, צו דער ביבליאָטעקא, וואָס האָט זיך געהאט געפונען, ווי ס׳איז געמאָלדן געווען אינם אויבנדערמאָנטן ״קול קורא״, ביי דער אלמנה ציפע־דוואָשע, וואס איז געזעסן הינטערן שטאָטישן בארג.

אוודאי האָט ניט איין טאטע־מאמע זיך געהאט ארומגעקריגט מיט זייער זון אָדער טאָכטער, געפרווט מיט גוטן און מיט בייזן פועלן, אז זיי זאָלן ניט גיין אהין, צו די אפיקורסים. אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפן. עפּעס א כישוף, א מאגישע קראפט איז געלעגן אין אָט דעם וואָרט ״ביבליאָטעקא״, וואָס האָט געצויגן אהין, אזוי אז קיין כוח אין דער וועלט האָט זיי ניט גע־קאָנט אָפּהאלטן.

דער ״אוצר הספרים״, די ביבליאָטעקא, איז באשטאנען ניט מער ווי פון איין קליינינקן, ענגן צימערל, וווּ ס׳האָט זיך געהאט געפונען בסך־הכל א פאָר הונדערט ביכער. אָבער אין די אויגן פון דער יוגנט האָט עס אויסגע־קוקט ווי ס׳וואָלט געווען דער שענסטער און גרעסטער אריסטאָקראטישער סאלאָן, מחמת איז דער שפּיץ פון אָט דער ניי־געגרינדעטער קולטור־אינסטי־טוציע איז געשטאנען די סאמע ״ווישע־אינטעליגענציא״ פון שטאָט, פאר וועלכער אלע האָבן געהאט גרויס דרך־ארץ.

יעדער בחורל און יעדער מיידל, וואָס האָט געהאט די זכיה אריבערצו־טרעטן דעם שוועל פון דער ״ביבליאָטעקא״, האָט זיך שוין אויך געהאט באטראכט ווי אן אָנגעהעריקער צו דער דאָזיקער אינטעליגענציע . . .

און וואָס איז אמת איז אמת, די יוגנט האָט זיך ארויפגעוואָרפן מיט ליב און לעבן אויף די ביכער און זיי געשלונגען ממש ווי די האלעשקעס. יעדער בוך איז געאנגען פון האנט צו האנט. מ׳האָט געלייענט מיט גרויס

התמדה, אליין, ביחידות און אויך בחברותא, און נאך מער פארלעכוויז, בחור און מיידל, ווארים דער דראנג זיך אנצוטרינקען פון קוואל פון חכמה און וויסן איז ביי אלעמען געווען זייער שטארק . . .

און היות ווי דאס ענגע ביבליאטעקא־צימערל האט שוין מער ניט גע־קאנט ארייננעמען אין זיך אזא גרויס "פאלק", וואס האט געהאלטן אין איין שטראמען אהין פון אלע זייטן, איז דאס גאנצע ארומיקע געסל, וואס איז גע־לעגן צופוסנס פונם שטאטישן בארג, פארוואנדלט געווארן אין א גרויסער ביבליאטעק . . .

אינדרויסן פאר דער ביבליאטעק, פאר די אויגן פון דער לבנה, האט די יוגנט געשלאסן צווישן זיך באקאנטשאפט, אפגעהאלטן "סווידאניעס", ראנדעוויועז. אזוי נאכט־איין, נאכט־אויס, ביז האנט האט זיך געקייטלט אין האנט, אויג האט געצונדן אויג, יונג הארץ האט גערעדט צו הארץ . . . פריידיק יוגנטלעכער געלעכטער האט זיך צעטראגן ווייט ארום, אזוי אז ס'האט ניט געדויערט לאנג ווי אין שכנות פונם הייליקן "אוצר הספרים", דער ביבליאטעק, האט מען זיך געשווארן איינע די אנדערע אייביקע ליבע . . .

און געליבט האט מען זיך לויט דער נייער צייט, אויפן שטייגער פון זייערע באליבטע העלדן, ווי זיי ווערן באשריבן אין די שפאנענדע רוסישע און יידישע ראמאנען, וואס מ'האט שוין ניט איינמאל געהאט באוויזן איבער־צולייענען און מ'איז געווארן מיט זיי אייגן, אינטים, ממש נפש אחת . . . אט פונקט ווי אמתע, גאט־געבענטשטע אקטיארן, וואס לעבן זיך אזוי אריין אין די ראלן פון זייערע באליבטע העלדן און קריגן די אילוזיע, אז דאס שפילן זיי פארן פובליקום זייער אייגענעם לעבן. אזוי אויך האט די שטעטלשע יוגנט אנגעהויבן ריידן די שפראך פון בוך, די רייד פון זייערע באליבטע העלדן און נאכגעמאכט מיט אלע פישטשעווקעס זייערע איידעלע, אינטעלי־גענטע ליבעס־דערקלערונגען . . .

און טאקע ניט איין מאמע פלעגט זיך באקלאגן פאר אירע שכנהס, אז זינט איר טאכטער האט גענומען שלינגען די ביכלעך, האט זי אנגעהויבן ריידן אויף עפעס אזא מין טערקישער שפראך, וואס איז גאר ניט פאכאזשע אויף א מענטשלעכן לשון. ניט אנדערש, — פלעגט די מאמע אויסלאזן מיט א קרעכץ, — עפעס "א ניט־גוטער", ווי א דיבוק, רחמנא ליצלן, וואלט זיך אין איר ארייננגעכאפט און רעדט פון איר ארויס אזעלכע משוגענע רייד . . .

* * * * *

א גאר באזונדערע אטראקציע איז געווען פאר דער יוגנט די אזוי גערופענע "ליטערארישע אקאדעמיעס", אדער בעסער געזאגט, די ליטערא־רישע "משפטים", וואס זי פלעגט דורכפירן פון צייט צו צייט איבער א געוויסן "העלד" אדער "העלדין" פון א ליטעראַרישן ווערק.

דאס איז געווען א משפט מיט אלע פליטערלעך, מיט דער גאנצער

פראַצעדורע ווי פון אַן אמתן געריכט־הויז, מיט געשוואָרענע ריכטער, מיט אַ „פּרעדסעדאטעל" (פאָרזיצער), מיט אַ פּראָקוראָר און מיט עדות, וואָס האָבן געדאַרפט באַווייזן מיט אותות ומופתים, אַז דער „העלד" אָדער די „העלדינע" איז ווירקלעך באַגאַנגען אַ פאַרברעך קעגן די אָנגענומענע געזעצן פון דער הייליקער ליבע...

פון דער צווייטער זייט איז געשטאַנען אַ „געשוואָרענער אדוואָקאַט", אַ מליץ־יושר, מיט זיינע עדות, וואָס האָט אַנגעווענדעט כלערליי קונצשטיק און אַלערליי חכמהלעך צו מאַכן תל און אש פונם פּראָקוראָרס באַשולדיקונגס אַקט.

אָבער ניט אַזוי גרינג איז אָט דער דאָזיקער „ליטעראַרישער משפט" צושטאַנד געקומען. וואָכן־לאַנג האָט מען זיך געגרייט צו דעם. די פירער פון דער ביבליאָטעק האָבן געמוזט אָפּהאַלטן פריער לאַנגע אסיפות, פאַרזאַמלונגען צו באַשטימען ווער ס'זאָל האָבן די זכיה געמשפּט צו ווערן, ווייל יעדער איינער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל אָפּגעבן כבוד און משפּטן נאָר זיין באַליבטן העלד.

אָבער די שווערסטע זאַך איז געווען ביים אויסקלייבן דעם פּאַסיקן אַנסאַמבל פאַרן גרויסן פּראָצעס. איטלעכער האָט שטאַרק חשק געהאַט צו זיין איינער פון די געשוואָרענע ריכטער, לכל הפחות כאָטש אַן עדות, אָבי צו קאָנען אַנטייל נעמען אין דער גרויסער ליטעראַרישער פאָרשטעלונג...

נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה מיט שווערע רעפּעטיציעס, ווו מ'האָט געשוויצט גאַנצענע נעכט.

די דאָזיקע עפנטלעכע ליטעראַרישע משפטים פלעגן מערסטנטייל פאָרקומען אין די זומערדיקע שבת בייטאָגן, אונטערן פרייען הימל, הינטער דער שטאָט, אין שכנות פון די קאַטוילישע מאָגילקעס (בית־הקברות), אָדער ביי די ליים־גריבער פון דער ציגעלניע. דעמאָלט האָט מען שוין פאַר איין וועגס געקענט כאַפּן אַ פּלירט, אַ שטיף און אויסזינגען אַ רעוואָלוציאָנערן לידל. און דער עיקר, וואָס מ'האָט דאָרט געקענט אַריינכאַפּן און געניסן פונם גע־שמאַקן, זיסן ביסעלע עולם הזה — פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָסל... וואָס דאָס איז פאַר די אינטעליגענטע בחורימלעך געווען דער גרעסטער פאַרגעניגן, אַן אמתער עונג שבת...

די יוגנט האָט מיט גרויס אומגעדולד זיך קוים געהאַט דערוואַרט אויפן באַשטימטן טאָג פונם פייערלעכן אַקט. דער יוגנטלעכער עולם האָט זיך באַלד צעטיילט אויף צוויי פיינטלעכע לאַגערן. פאַרשטייט זיך, אַז דער אַזוי נערופענער „שענערער מין" האָט זיך גלייך געשטעלט אויפן צד פון זייער באַליבטער „העלדין", וואָס איז ביי זיי פאַררעכנט געווען ווי אַן אייגע־נע שוועסטער. זיי האָבן ממש איינגעלייגט וועלטן, אָנגעווענדעט כלערליי מיטלען, געקומען צו הילף זייערע שיינע חן־גריבעלעך, זייערע זיסע, קאָקע־

טישע פרויען־שמייכעלעך, כדי צו באאיינפלוסן מיט דעם די געשווארענע ריכטער. און ווען דאס האט ניט געהאלפן, האבן זיי זיך אנגעהויבן כעסן, געטופעט מיט זייערע שיינע, געטאקטע פיסעלעך, געמאכט אבסטרוקציעס, געשריען, געליארעמט, אז די אומגליקלעכע, טראגישע "העלדין" איז ריין פון אלע זינד ווי אן אומשולדיק לעמעלע . . .

דער צווייטער צד, וואס איז באשטאנען פון יונגע בחורימלעך, בא־לעבאטישע זינדלעך, צו וועלכע די שענסטע, אינטעליגענטסטע מיידלעך האבן זיך געטאן שדכנען, האבן אויף צו להכעיס די מיידלעך, געארבעט מעשים, אז מ׳זאל דער באשולדיקטער פאראורטיילן, כדי דאס זאל זיין א ווארנונג פאר די שטאטישע אינטעליגענטע "בארישניעס" ניט צו פארראטן זייערע גע־ליבטע . . .

זיינען ביידע צדדים, די מענער פון איין זייט און די פרויען פון דער צווייטער זייט, געשטאנען איינס אנטקעגן דאס אנדערע, ווי צוויי פיינטלעכע מחנות. פנימער האבן געפלאמט, אויגן האבן געברענט מיט האס, מיט פייער. מ׳האט זיך געהיצט און געקאכט, אזוי אז ס׳האט זיך געדוכט אט־אט וועלן זיי זיך איינע די אנדערע ארייניפארן מיט די נעגל אין די פנימער אריין.

דער פרעדסעדאטעל, דער געריכט־פארזיצער, האט נעבעך געהאט א שווער שטיקל ארבעט איינצוצאמען די הייסע געמיטער פונם יונגן פובליקום, וואס האט זיך גריסן צום ווארט, ווי דא וואלט זיך גאר ניט געהאנדלט וועגן עפעס אן אויסגעטראכטן העלד פון דעם אדער יענעם שרייבער, נאר ווי ס׳וואלט איצט פארגעקומען פאר זייערע אויגן אן אמתער קרימינעלער פרא־צעס פון דיני נפשות איבער זייערן א גאר נאענטן מענטשן . . .

א, ווער ס׳האט ניט געזען די ערנסטקייט פון אט די דאזיקע "ליטע־ראַרישע משפטים", מיט דער גאנצער פראצעדורע ווי פון אן אמתן משפט, דער וועט שוין קיינמאל ניט פארשטיין וואס עס מיינט יוגנטלעכע פרייד, יוגנטלעכער גלויבן, וואס קאן פארוואנדלען אילוזיע, פאנטאזיע אין א ווירקלעכקייט ! . .

יא, פאר דער שטעטלשער יוגנט, וואס האט זיך דערצויגן אויפן יידישן בוד און אויף דער רוסישער ליטעראטור, זיינען די דאזיקע "ליטעראַרישע משפטים" ניט געווען סתם א טעאטער־פארשטעלונג, א פארוויילונג, נאר א רעאלע ווירקלעכקייט, וואס אן דעם וואלט זייער לעבן אינם פארווארפענעם, קליינינקן שטעטעלע געווען גרוי און וואכעדיק.

דאס ענגע ביבליאטעק צימערל איז פאר זי געווען זייער איינציקער קולטור־צענטער, זייער ערשטע שול, וואס האט אויפגעעפנט פאר זיי א פענצ־טערל צו דער גרויסער וועלט פון פראגרעס און ציוויליזאציע . . .

דערפאר איז גאר קיין חידוש ניט וואס די שטעטלשע יוגנט איז געווען אזוי פארקאכט אין זייער ביבליאטעקל, פאר וועלכן זיי זיינען גרייט געווען צו גיין אפילו אין פייער און אין וואסער. און ווי א באוויז ווי אזוי די דא־

זיקע יוגנט איז געווען משוגע פארליבט אין זייער "אוצר הספרים", דער "ביבליאָטעקא", איז כדאי צו דערציילן אָט דעם עפּיזאָד:

עס איז געווען אין אַ הייסן זומער־טאָג. פלוצלונג איז אויסגעבראָכן אַ שריפה אין שטאָט. דער גאַנצער מאַרק מיט די אַרומיקע קרעמלעך, האָט געברענט ווי איין גרויסע יום־כיפור־ליכט. ס'איז געוואָרן אַ שרעקלעכע מהומה. קולות, געשרייען האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן. די יוגנט אָבער, אַנשטאָט צו לויפן העלפן אַרויסראַטעווען די בעבעכעס, דאָס ביסל האָב און גוטס פון זייערע ברענענדיקע הייזלעך און קרעמלעך, איז צום אַלעם ערשטן געלאָפן אַרויסראַטעווען די "הייליקע" ביכער פון זייער ביב־ליאָטעק.

פון די רייען פון אָט דער דאָזיקער נאַיוו־גלויביקער יוגנט, זיינען שפּעטער אַרויסגעקומען גרויסע אידעאַליסטן, סאָציאַלע קעמפער, וואָס האָבן ניט נאָר געוואָלט איבערבויען דאָס יידישע לעבן אויף געזונטע יסודות, נאָר אויך די גאַנצע וועלט . . .

אָט דעם דאָזיקן גלויבן האָבן זיי געשעפּט פונם ענגן ביבליאָטעק־צימערל, מיט דער הילף פונם אמת־קינסטלערישן וואָרט . . .

די פאַזשארנע קאָמאנדע

ווען די ניי־געגרינדעטע פאַזשארנע קאָמאנדע איז ארויס צום ערשטן מאָל אויף א פייער־מאַנעווורע, מיט איר גאנצן ביסל קלאַפּערגעציייג, וואָס איז באשטאנען בס״ה פון א פּאָר פעסלעך וואסער, עטלעכע ליידיקע עמערס, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט אויף די דראבינעס פון לייבקע דעם וואסער־פירערס וואָגן, האָט שטעטל קאמעניץ זיי אויפגענומען מיט גרויס פּאראד, מיט א פריילעכן הורא און מיט א קאצניאַמער, ווי מ׳וואָלט דערזען אמתע קאָמעדיאנטשטיקעס, פּורים־שפּילער.

יידן, באַלעבאטים, סוחרים, קרעמער זיינען געשטאנען אויף זייערע גאניקעס און פאר זייערע אָפענע קרעמלעך, האָבן אויסגעבטלט אלע בייזע חלומות צו זייערע נארישע קעפּ, געמאכט פון זיי חוכא וטלולא, געטייטלט אויף זיי מיט די פינגער און געלאכט:

— אָט די דאָזיקע האָלעדריגעס, די שוסטערוקעס און די שניידערוקעס, לייזער באָטשאן, זרח סמארק, יאָסל יאָץ, אייזיק קישקע, נחמן דראָנג און נאָך אזעלכע פארשוינען, וועלן דאָס אונדז באשיצן פון די זומערדיקע שריפות ? . . כא־כא־כא ! . ! כ׳לעבן, ניטאָ ווער ס׳זאָל לאכן ! . .

ערשט, ווען די סאמע פּני פון שטאָט קאמעניץ, יודל קאָטיק, דער טשלען פון דער מעשטשאנסקער אופּראווע, הארי מיטראָוויטשער מיט דער לאנגער באָרד, ר׳ יאָסל וויגוטאָוו, דער משכיל, און להבדיל, דער רוסישער גלח, דער פּוילישער אַפּטייקער, דער פּריסטאוו, דער נאטשאלניק פון פּאָטשט און נאָך אזעלכע אָנגעזעענע שטאָטישע פירער און נאטשאלווסטוואָ, האָבן ארונטערגענומען די פּאָר צענדליק פאָזשארניקעס אונטער זייער שוץ, האָט שטעטל שוין מער ניט געלאכט פון זיי און ווער רעדט נאָך, ווען די מעשטשאנסקע אופּראווע (מאגיסטראט) האָט מיט איר געלט איטלעכן פון דער פאָזשארנע קאָמאנדע ״אויסגעסטראָיעט״ מיט א שפּאָגל־נייעם בלויען מונדיר, מיט מעשענע גלאנציקע קנעפּ, מיט א מעשענער קאסקע אויפן קאָפּ און מיט א לאנגער האַק, צוגעבונדן צום לעדערנעם גארטל פונם מונדיר, האָט שטעטל שוין גענומען קוקן אויף זייערע פייערלעשער מיט גרויס דרך־ארץ . . .

פון דעמאָלט אָן, ווען דער ״דעזשורני״ פון דער פייער־בריגאדע,

האָט אָנגעהויבן בלאָזן אויף זיין גרויסער פייערלעשער טרובע, איז באַלד געוואָרן א טרעוואָגע אין שטעטל. קינד און קייט איז געקומען צו לויפן. קרעמער האָבן באַלד פארהאַקט זייערע קרעמלעך. באַלמעלאָכעס האָבן געוואָרפן שער און אייזן, מלמדים האָבן פאַנאַנדערגעלאָזן די "חדרים" און אַלע, ווי איינער, זיינען געלאָפן אַנקוקן דעם גרויסן פייערלעשער פאַראַד.

און כ'לעבן, ס'איז טאַקע געווען וואָס צו זען. פאָרויס אויף א הויכן פערד האָט געריטן דער פייער־קאַפּיטאַן, נחמן דער קאַוואַל, מיט די לאַנגע פיס, אָנגעטאָן אין זיינע אַמטלעכע קליידער, אין בלויען מונדיר מיט די גאָלדענע קנעפּ, מיט דער מעשענער גלאַנציקער קאַסקעטע אויפן קאָפּ, מיט די צוויי אַראָפּגעהאַנגענע דאַשעקעס פון ביידע זייטן. ער האָט געריטן מיט פאַמעלעכע טריט, מיט אַזא ווירדע און מיט אַזא חשיבות, ווי ער וואָלט געווען אַן אמתער, גרויסער פעלד־מאַרשאַל.

הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען זיין אַרמיי, די פּאָר צענדליק פאַזשאַרניקעס, אויך אָנגעטאָן אין מונדירן מיט מעשענע קנעפּ, מיט לעדערנע גאַרטלען, פון וואַנען סהאָבן אַראָפּגעהאַנגען שפּאַגל־נייע העק מיט הילצערנע "טאָפּאָריסקעס" (הענטלעך), און מיט לאַנגע, אייזערנע באַרסיקעס אויף די אַקסלען, אַלע מיט אַזעלכע ערנסטע פּנימער, ווי סאָלדאַטן, וואָס מאַרשירן אויף מלחמה. דאָס זיינען שוין געווען אמתע, אויסגעשולטע פייערלעשער, וואָס האָבן שוין אויסגעהאַלטן די פייער־פּראָבע . . .

הינטער זיי איז געגאַנגען א "מחנה רעקרוטן", וואָס זיינען ערשט ניט לאַנג געהאַט אַריינגעטראָטן אין "דינסט" צו לערנען זיך די סטראַטעגיק ווי צו באַקעמפן דעם פייער־שונא . . . זיי האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין די האַלאַבליעס פון די וועגענער, וווּ ס'זיינען געלעגן די עטלעכע באָטשקעס וואַסער, די נייע מאַשינעס אויף צו פּאָמפּעווען וואַסער פון די ברונימער, און זיי געשלעפּט מיט אַלע כוחות.

און גאָר צום סוף פון דער מחנה, איז נאָכגעגאַנגען המון רב, אַנשים, נשים וטף, מאַנצבילן, ווייבער און קינדער, וואָס האָבן זיי אַרויסבאַגלייט מיט גרויס פּאַראַד ביז הינטער שטאָט, וווּ ס'האָבן זיך ערשט געדאַרפט אָנהויבן די גרויסע פייער־מאַנעווערס.

די פייערלעשער האָבן אויף גיך צונויפגעקלאַפּט פון ברעטלעך און פון ליידיקע קעסטלעך אַן אימפּראָוויזירט שטעטל. דער פייער־קאַפּיטאַן, נחמן דער לאַנגער, האָט מכבד געווען יודל קאַטיקן, דעם שטאָט־באַלעבאָס און דעם "אַפּעקון" איבער דער שטאָטישער פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע, צו גיין עם אונטערצינדן.

מיט אַן אונטערגעצונדענעם שטורקאַץ אין די הענט, און מיט לאַנגזאַמע טריט, איז יודל קאַטיק צוגעגאַנגען, און פאַר די אויגן פון פאָלק, אָנגעצונדן די גרויסע "הדלקה". דאָס שטעטלכל האָט באַלד אָנגעהויבן ברענען ווי א חנוכה־ליכטל. דאָס "פאָלק" איז אַריין אין גרויס עקסטאַז.

דער פייער־קאפּיטאַן האָט מיט זיין גרויסער טרובע באַלד געגעבן א סיגנאַל צו זיינע פּאָזשאַרניקעס, אז זיי זאָלן זיך נעמען פאר די כלים.

און כהרף־עין, האָבן די פייערלעשער מיט זייער גאנצן קלאַפּערגעצייג זיך ארויפגעוואָרפן מיט א פייערדיקן אימפּעט אויפן ברענענדיקן שטעלכל, וואָס האָט איצט אויסגעקוקט אין זייערע אויגן ווי ס'וואָלט געווען דער גרעס־טער און שטארקסטער הימל־קראַצער אין דער וועלט . . . זיי האָבן אָנגע־שטעלט אויף אים זייערע לאַנגע, גומענע קישקעס און אים באַשאָסן פון אַלע זייטן מיט שטראָמען וואסער. און מיט די לאַנגע, אייזערנע באַרסיקעס געריסן פון אים שטיקערווייז אזוי, אז ס'האָט ניט געדויערט לאַנג ווי פונם ברע־נענדיקן "בנין" איז ניט געבליבן אפילו קיין זכר.

אזוי זיינען וואָד־איין, וואָד־אויס, אַנגעגאַנגען די פייער־פּראָבעס, מיט זייער גאנצן טאראראם, וואָס זיינען פארן שטעטל קאַמעניץ געווען די שענסטע "פייערלעכסטע" ספּעקטאַקלען . . .

אָבער פונקט ווי מען לערנט די ערשטע צייט די רעקרוטן אין דער ארמיי צו שיסן מיט פוסטע קוילן און צו שטעכן מיט באַיאָנעטן אין "טשור־טשעלעס", איז אזעלכע אָנגעשטאָפּטע זעק מיט שטרוי, אזוי לאַנג ביז זיי לערנען זיך אויס צו שיסן און צו שטעכן אמתע, לעבעדיקע מענטשן . . . אזוי אויך האָבן די קאמניצער אויסגעשולטע פייערלעשער אָנגעהויבן צו בענקען און צו לעכצן נאָך אן אמתער שריפה, זאָל זיין כאָטש א קליינינקע שריפהלע, אבי מ'זאָל שוין קאָנען פאנאנדערפירן די הענט, און זאָלן גאָט און לייט זען וואָס אמתע, העלדישע פּאָזשאַרניקעס קאָנען אויפטאָן . . .

ס'האָט טאקע ניט געדויערט לאַנג, ווי דער רבונו של עולם האָט פאר־נומען זייער געבעט און האָט אראָפּגעשיקט א פייער פון הימל אויפן שטעטל.

דאָס איז געשען אין א שיינעם, זומערדיקן שבת בייטאָג, נאָכן אָפּעסן דעם געשמאַקן טשאָלנט, ווען גאנץ שטעטל האָט געכאַפּט א זיסן, עונג שבת־דיקן דרעמל, ווי דאָס איז שוין אן אַלטער מנהג ביי יידן אין דעם הייליקן יום־מנוחה. די יוגנט, ווי איר שטייגער איז געווען אין די זומערדיקע שבתים, האָט זיך געהאט ארויסגעלאָזן אויף זייערע אויסער שטאָטישע שפּאצירן, אזוי אז כמעט גאַנץ שטאָט איז געבליבן אויסגעליידיקט פון מענטשן.

איז פּלוצלונג, ווי פון אונטער דר'ערד, אויסגעבראָכן א שריפה אין דער קאָברינער גאַס. ס'איז געוואָרן א שרעקלעכע מהומה. פון אַלע זייטן האָט מען געשריען: פּאָזשאַר! פּאָזשאַר! . . די געוויינען און די גוואַלדן פון מאַמעס און קינדער האָבן זיך געטראָגן אַזש צום הימל.

און איידער די פייערלעשער האָבן באוויזן צו ברענגען אין אָרדענונג זייערע פייער־כלים, איז שוין דער גאנצער "טשאָנג"־הייזער געלעגן אין חורבות . . .

* * * * *

די שטאָטישע אינטעליגענציע, וואָס האָט זיך געהאט אונטערגענומען צו פארשפּרייטן אין פאָלק ליכט און וויסן, קולטור און ציוויליזאציע, איז

נעבעך ארומגעגאַנגען דערשלאָגן און צעבראָכן, ווי די זון וואָלט פאַר זיי פּלוצלונג אין מיטן העלן טאָג אונטערגעגאַנגען. וואָרים די ביבליאָטעק, וואָס זיי האָבן אויפגעבויט מיט אַזויפיל שווערער מי און פּראַצע, איז איצט געלעגן, ווי אירע ארומיקע שכנישע הייזער, אין אש און אין שטויב. שטיקער בלעטער פון פאַרברענטע ביכער האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן. די יוגנט האָט מער באַקלאָגט און באַוויינט זייער פאַרברענטע, חרובע ביבליאָטעק, איידער זייער טאַטע־מאַמעס פאַרברענטן ביסל האָב און גוטס.

אָבער ביים אָנבליק פון די "גווילין נשרפין", האָט די יוגנט זיך א שבועה געגעבן, אַז זי וועט ניט רוען ביז זי וועט ניט אויפבויען, אויף די חורבות פון דער אָפּגעברענטער ביבליאָטעק, א נייע און נאָך א גרעסערע און נאָך א שענערע ביבליאָטעק.

נאַכט־איין, נאַכט־אויס, האָט די יוגנט אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען. געזוכט כלערליי עצות און פּלענער ווי אַזוי און וואָס גיכער אויפצושטעלן א נייעם "אוצר הספרים" — די ביבליאָטעק.

א סך פון דער יוגנט זיינען אַליין געווען קרבנות פון דער שריפה, האָבן אַליין ניט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ. אָבער דאָס איז ביי זיי ניט געווען קיין אָפּהאַלט, ווייל פריער פון אַלץ איז ביי זיי געווען די ביבליאָטעק.

ענדלעך, נאָך לאַנגע אסיפות און פאַרזאַמלונגען, וואָס האָבן ווי גע־וויינלעך, זיך געהאַט פאַרצויגן ביז אין די פריע פרימאָרגנס, איז מען געפאַלן אויף א גלענצנדן פּלאַן: מ'זאָל איינינעם מיט דער "חברה אנשי פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע" דורכפירן א טעאַטער־שפּיל און די הכנסה, וואָס די פאָרשטעלונג וועט אריינברענגען, זאָל זיין מחצה על מחצה, האַלב פאַר דער ביבליאָטעק און האַלב אין דער קאַסע פון דער פייערלעשער בריגאַדע.

דער פייער־קאַפּיטאַן, נחמן דער קאָוואַל, אָדער ווי מ'האָט אים געהאַט גערופן אין שטעטל "נחמן מיט די לאַנגע פּיס", האָט זייער גערן זיך אָנגע־כאַפּט אָן דעם דאָזיקן פּלאַן, מחמת ער האָט זיך שוין פון לאַנג געהאַלטן פאַר דעם גרעסטן טעאַטער ליובּיטעל אין שטאָט.

ער האָט באַלד צונויפגערופן זיין גאַנצע פייער־בריגאַדע אויף א "גענעראַלנע" פאַרזאַמלונג, הערן וואָס זיי האָבן צו זאָגן. נאָך לאַנגע, היציקע ויכוחים און פייערדיקע דיסקוסיעס, איז באַשלאָסן געוואָרן, פה אחד, אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג פון דער שטאָטישער אינטעליגענציע, די פירער פון דער אָפּגעברענטער ביבליאָטעק.

אָבער ס'איז ניט אַזוי לייכט ווי עס רעדט זיך. דער בשותפות־דיקער פּלאַן האָט זיך באַלד געהאַט אָנגעשטויסן אויף גרויסע מכשולים.

ערשטנס, וועו נעמט מען א פּאַסיקע דראַמע, א קאָמעדיע צי גאָר אַן אָפּערעטע?

צווייטנס, וווּ קריגט מען א גרויסן לאָקאַל, א טעאַטער זאַל, מיט א בינע, וואָס זאָל קאָנען אריינעמען גאַנץ שטאָט?

און דריטנס, און דאָס איז געווען די הויפּט־צרה, וואָס אלע פּאַזשאַרניקעס און אלע בחורים און מיידלעך פון דער אינטעליגענציע, האָבן זיך געריסן און געוואָלט זיין אקטיאָרן און אקטריסעס . . . ס'האָבן זיך באלד אָנגעהויבן כעסן, ברוגזן און קריגערייען, אזוי אז ס'האָט שיר ניט געהאלטן דערביי עס זאָל ווערן אוים מיט דער גאנצער טעאטער־פאָרשטעלונג.

ערשט נאָך לאנגע דיפּלאָמאטישע פארהאנדלונגען, האָבן אלע איינשטימיק באשלאָסן צו שפּילן די בארימטע "צוויי קוני לעמלס", פון אברהם גאָלדפאדען. און וואָס שייך צו די אקטיאָרן און אקטריסעס, האָט מען אויך געפונען אן עצה: מ'האָט "געוואָרפן גאָלקעס" (געהיימע וואלן), "געצויגן קניפּלעך", און ווער ס'האָט זכה בגורל געווען און ארויסגעצויגן דעם גליקלעכן קוויטל, איז דער געוואָרן א ליוביטעל און זי א ליוביטעלניצע . . . אזוי ארום איז ענדלעך מיט מזל צונויפגעשטעלט געוואָרן דער גאנצער אנסאמבל פאר "די צוויי קוני לעמלס".

אויך די פראגע מכוח א טעאטער זאָל איז באלד געלייזט געוואָרן. מ'האָט באשלאָסן צו נעמען מאָטיע קלעפּיטשירערס גרויסן "סאראי", דעם ליידיקן שאלאש, ווו ס'האָט זיך געפונען די הויפּט־קוואַרטיר פון דער פּאַזשארנע קאָמאנדע מיט אלע אירע פייער־געצייג. און אזוי איז טאקע געווען.

חברה האָט זיך באלד א נעם געטאָן פאר דער ארבעט. די אקטיאָרן און די אקטריסעס האָבן גאנצע נעכט געהאלטן אין איין דורכפירן די רעפּעטיציעס, מיט די פּראָבעס, אזוי לאנג ביז יעדער איינער פון די שוישפּילער האָט שוין געקאָנט אויף אויסנווייניק זיין ראָל, זיין ביסל פּראָזע, מיט אלע לידער און געזאנגען.

אין דער זעלבער צייט, האָבן די חברה אנשי פּאַזשארנע געארבעט מיטן שוויים פון זייער פּנים צו פארוואנדלען מאָטיע קלעפּיטשירערס גרויסן סאראי אין א טעאטער זאַל.

קודם־כל האָט מען ארויסגעטאַסקעט פון אים די שווערע באָטשקעס מיט וואסער, די לאנגע גומענע קישקעס, די וואסער־פּאָמפּעס, די עמערס, די באָרסיקעס מיטן גאנצן קלאַפּערגעצייג און עס אוועקגעשטעלט אינדרויסן, פארן ארייננגאנג אין טעאטער.

באלד זיינען געקומען א כאליאסטרע יונגע באַלמעלאָכעס, מיט האַמער און זעג, און האָבן צונויפגעקלאַפּט פון ברעטער לאנגע בענק, זיץ־פּלעצער פארן פּובליקום, א בינע פאר די אקטיאָרן מיט אלע נויטיקע טירן און פענצטער און אן אונטערערדישע בודקע פארן סופליאָר.

מיידלעך און יונגע ווייבלעך האָבן פון אלטע פּאטשיילעס, קאָלדרעס און לייַלעכער אויפגענייט א גרויסן פּאָרהאנג פאר דער בינע. שניידערקעס, מיט זייערע לערן־מיידלעך האָבן טעג און נעכט געהאלטן אין נייען די קאָסטיומען, די גארדעראָבעס.

חברה קליינוואַרג האָבן מיט וועגעלעך געבראַכט צו פירן פון הינטער דער שטאָט הונדערטער קאָשיקעס און קעסטלעך מיט געלן זאמד, און עס צעשאָטן און אויסגעשפּרייט איבער דער שווארצער ערד פונם גרויסן שייער.

איטלעכער האָט צוגעלייגט א האנט; איטלעכער האָט זיך באמיט, וואָס נאָר ער האָט געקאָנט, אויסצופּוצן און פארשענערן דעם גרויסן סאראי, ביז ס'איז געלונגען צו פארוואנדלען אים אין א שיינעם, גרויסארטיקן טעאַ־טער זאַל.

ענדלעך איז געקומען דער לאַנג־דערוואַרטעטער טאָג, ערב דער גרויסער פאָרשטעלונג, פון "די צוויי קוני לעמלס".

נחמן דער לאַנגער, דער קאפיטאן פון דער פאָזשארנע קאָמאנדע, האָט זיך אויסגעפּוצט אין זיינע אַמטלעכע, פאראדנע קליידער, אין זיין בלויען מונדיר מיט די גאָלדענע קנעפּ, מיטן מעשענעם היטל מיט די צוויי אראָפּגע־האנגענע, גלאנציקע דאשיקעס. מיט אָט דעם דאָזיקן געשלידער האָט ער זיך ארויפגעזעצט אויף יאנקל באַלעגאָלעס הויכן פערד, מיט די ארויסגע־שטארצטע קלובעס, און זיך אָוועקגעלאָזן רייטנדיק איבער דער שטאָט, איבערן מארק, צווישן ראַד־קראָמען, און אלע ווילע זיך צעשאַלט אויף זיין גרויסער פייערלעשער טרובע, אנזאָגנדיק אלעמען די פריילעכע בשורה, אז היינט ביינאכט וועלן "די צוויי קוני לעמלס" א שפּיל טאָן, א זינג טאָן און א טאַנץ טאָן, אז ס'וועט אזש גיין א רויך!

הינטער דעם רייטנדיקן פייערלעשער־קאפיטאן זיינען נאָכגעלאָפן א באַליאַסטרע קינדער, מיט פייקלעך, מיט פייפעלעך, געקלאפּט און בארא־באַ־נעוועט מיט שטעקנס און מיט וואַלגערהעלצער אין בלעכענע קענדלעך, האָבן געשריען, געקוויטשעט און געליארעמט אויף וואָס די וועלט שטייט, אזוי אז דאָס אליין איז געווען דער שענסטער ספּעקטאַקל . . .

און בלילה ההוא, אין דער דאָזיקער נאכט, נאָך איידער ס'האָט זיך באוויזן דער ערשטער שטערן אין הימל, האָט גאַנץ שטעטל קאַמעניץ און איר "טאָכטער"־שטעטל זאַסטאַוויע, אנגעהויבן מאסנווייז צו שטראָמען צום טעאַטער, כדי וואָס גיכער צו פארכאַפּן דאָרט די שענסטע און די בעסטע פּלעצער.

אָבער די שענסטע און די בעסטע זיץ־פּלעצער אין טעאַטער זיינען שוין פון פריער געווען פארנומען פון די טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער מיט אלע זייערע משפחות און אויך די ווייבער און קינדער פון די אקטיאָרן און פון די פאָזשארניקעס, וואָס זיינען געווען אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, ווי זיי וואָלטן געווען די הויפּט־מחותנים אויף דער דאָזיקער חתונה.

חברה קליינוואַרג האָט זיך ארויפגעדראַפּעט, ווי די קעץ, אויפן בוידעם פונם גרויסן סאראי, זיך ארויפגעזעצט רייטנדיק אויף די לאַנגע באַלקנס, זיך אָנגעהאנגען אָן די קראָקוועס, אזוי אז דער גאַנצער טעאַטער־זאַל איז פון אויבן ביז אראָפּ געווען געפּאַקט. קולות, געשרייען און געלעכטערן האָבן זיך געטראָגן פון אויבן אראָפּ און פון אונטן ארויף, אז מ'האָט געקאָנט טויב ווערן.

אָבער ניט קוקנדיק וואָס דער טעאַטער איז שוין געווען געפּאַקט, אַזוי אַז ס'איז שוין אַפילו ניט געווען ווו א שפּילקע־קעפּל אַריינצוּוואַרפן, האָט דאָס פאָלק נאָך אַלץ ניט געהאַט אויפגעהערט צו שטראָמען צום טעאַטער. איטלעכער האָט זיך געריסן מיט אַלע כּוחות זיך אַריינצוכאַפּן אינעווייניק. ס'איז געוואָרן א שרעקלעכער געדראַנג, א שטופּעניש, א שטויסעניש. געשרייען און פּראָטעסטן האָבן זיך געטראָגן פון אַלע זייטן.

— עפנט דעם טויער!

— מיר ווען צעברעכן די ווענט!

— ס'וועט זיין א רוח אין זייער טאַטנס טאַטן אַריין!

— וואָס, מיין געלט איז קיין געלט ניט?!

— איך בין אַזאַ יחסן פּונקט ווי ער!

— איך האָב אויך געקויפט בילעטן!

— מיין ברודער שפּילט דאָך קוני לעמל!

— לאָזט מיך אַריין!

האָט מען געשריען און געקלאַפּט מיט די פויסטן אין די טויערן און אין די ווענט פונעם שייער. וויפל דער אוריאַדניק, איוואַן איוואַנאָוויטש, מיט זיינע צוויי געהילפן, די סטראַזשניקעס, האָבן זיי ניט געטריבן און געיאָגט, האָט מען זיי ניט געקענט פּאַרטרייבן. און וויפל די פּאַזשאַרניקעס האָבן זיך ביי זיי ניט געהאַט געבעטן, אַז דער עולם זאָל זיך צעגיין, וואָרים מ'וועט מאָרגן, אם ירצה השם, שפּילן נאָכאַמאָל, און אויב מ'וועט דאַרפן, וועט מען שפּילן א דריטן מאָל און א פערטן מאָל, אָבי געזונט, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. קיינער האָט ניט געוואָלט וואַרטן אויף מאָרגן. וואָס הייסט, וואַרטן?! אַז אָט־באַלד, אויף יענער זייט וואַנט, וועלן די יאַטן און די יאַטיכעס, זייערע אַקטיאָרן און באַליבטע אַקטריסעס, א שפּיל טאָן, א זינג טאָן און א טאַנץ טאָן, און צום סוף הייסט מען זיי גיין אַהיים און וואַרטן אויף מאָרגן?! ניין, ניט ביי מאַטיען! ניט דערלעבן זאָלן מיינע שונאים!

פון מינוט צו מינוט זיינען די קולות, די געשרייען און די גוואַלדן פונעם אַנגעלאָפענעם עולם געוואָרן אַלץ שטאַרקער, אַזוי אַז די אַקטיאָרן און די אַקטריסעס פון "די צוויי קוני לעמלס" האָבן נעבעך געהאַט א שווער שטיקל אַרבעט איבערצושרייען דעם דרויסנדיקן פּובליקום . . .

ווער ווייס וואָס ס'וואָלט געשען מיט "די צוויי קוני לעמלס", ווען ניט דער קלוגער איינפאַל פונם אוריאַדניק, איוואַן איוואַנאָוויטש, מיט זיינע צוויי סטראַזשניקעס. זיי האָבן באַלד א כאַפּ געטאָן די וואַסער־קישקעס פון דער פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע, און אָנגעהויבן מיט זיי באַגיסן מיט א שטראָם קאַלטן וואַסער דעם צעהיצטן עולם. דער צעשטורעמטער עולם איז זיך באַלד צעלאָפן, ווי צעשראָקענע, צעפּלאָשעטע הינער. אַזוי איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן "די צוויי קוני לעמלס". . .

"די צוויי קוני לעמלס" זיינען טאַקע "געגאַנגען" א גאַנצע וואָך.

מ׳האָט געשפּילט פאַר פּוילע טעאַטערס. די אַקטיאָרן, די טעאַטער־אַמאַטאָרן, זיינען געווען ווי אויפן זיבעטן הימל פון זייער גליק. אַ קלייניקייט, אַזאַ סוקצעס! אַזאַ דערפאָלג!

אַ גאַנצע וואָך איז אין שטעטל געווען ששון ושמחה. ווו מ׳איז גע־גאַנגען און ווו מ׳איז געשטאַנען, האָט מען רק געהאַלטן אין אייןריידן און באַוווּנדערן די ליוביטעלעס, ווי שיין זיי האָבן געשפּילט, ווי שיין מ׳האָט געזונגען. באַזונדערס האָט מען שטאַרק געלויבט זעלדען, שלמה סאַפּיר־שטיינס יונג ווייבל, די פּרימאַדאָנאַ, וואָס האָט מיט איר שיינעם דראַמאַ־טישן שפּילן שיר ניט צעלייגט די בינע.

וואָכן־לאַנג האָבן אַרבעטער און געזעלן ביי די וואַרשטאַטן, שניי־דערקעס אין די מאַסטערסקאַיאַס געהאַט געזונגען די שיינע, זיסע מעלאָדיעס פון "די צוויי קוני לעמלס".

— —

נאָך אין דער זעלבער וואָך, האָט די שטעטלשע אינטעליגענציע אויס־געקליבן פון זייער מיט צוויי אָנגעזעענע שליחים און זיי אויסגעריכט אין וועג אַריין, אַזש קיין וואַרשע, איינצוקויפן פאַרן געלט, וואָס "די צוויי קוני לעמלס" האָבן אַריינגעבראַכט, אַ גרויסן אויסוואַל פון נייע יידישע, העב־רעישע און רוסישע ביכער פאַר דער נייער שטאָטישער ביבליאָטעק.

אין דער זעלבער צייט איז אויך צוגעקומען צו דער שטאָטישער פאַ־זשאַרנע קאָמאַנדע נאָך אַ שפּאָגל־נייע וואַסער־פּאָמפּע, וואָס האָט געהאַט בכוח איינצולעשן אַפילו דעם גרעסטן פּאַזשאַר . . .

דאָס אַלץ האָט מען געהאַט צו פאַרדאַנקען די צוויי טייערע קוני לעמלס . . .

פנחס דער רעוואָלוציאָנערער פירער

בדרך כלל, קאָן מען זאָגן, אַז צווישן שטעטעלע זאַסטאַוויע און דעם רוסישן קייסער, צאַר ניקאָליי השני, וואָס איז געזעסן על כסא המלוכה אין פּעטערסבורג, האָט געהערשט "שלום בית". . .

אוואדע, וואָס אמת איז אמת, האָט שטעטעלע זאַסטאַוויע געהאַט היבשע טענות צום קייסער, ווי למשל: דער יקרות איז גרויס; פּרנסה איז שטאַרק געשלאָגן; מען רייסט שווערע "פּאָדאַטקעס" (שטייערן); מען מאָנט ביי יידן די דריי הונדערט רובל שטראָף פאַר זייערע אַנטלאָפענע זין פון פּריזיוו; מען טרייבט יידן פון די דערפער און נאָך אַזעלכע צרות און גזירות. דאָס וואָלט נאָך געווען ווי ס'איז צו דערליידן . . . די צרה איז נאָר, וואָס, ווערליק די "גאַזעטן" שרייבן, מאַכט מען דאָרט, אין די גרויסע שטעט, פּאָגראָמען אויף יידן, אַזוי אַזש ס'ציטערט ממש די הויט אויפן לייב. וואָרים, ווער ווייס, עס קאָן נאָך חלילה אויך אָנציען אַהער . . .

אָבער וואָס זאָל מען טאָן? אויף דעם איז מען דאָך עפּעס אין גלות. און ווי זאָגט דאָס קלוגע יידישע שפּריכוואָרט: "אויף אַ שלעכטן פּריץ טאָר מען ניט בעטן קיין מפּלה", ווייל דער נייער מושל קאָן נאָך חלילה זיין ערגער פונם ערשטן . . .

אָבער גייט טענהט מיט די זאַסטאַוויער "צעצעליסטלעך", די "בונדיסטלעך", די אפּיקורסים, וואָס רויכערן פּאַפּיראָסן אום שבת, שלעפּן זיך ארום גאַנצענע נעכט מיט מוידן, זינגען רעוואָלוציאָנערע לידלעך און טראָגן לאַנגע העמדלעך מיט קוטאַסן איבער די הויזן . . .

וואָרים, לשיטתם, קומט אויס, אַז אין אַלע צרות און אין אַלע פּורעניותן איז שולדיק נאָר דער קייסער אַליין . . . דעריבער דאַרף מען, זאָגן זיי, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, דורכפירן די רעוואָלוציע, אַראָפּוואַרפן דעם צאַר ניקאָליי פון טראָן, איינפירן די "סוואָבאָדאַ" און פּטור אַז עסק! דעמאָלט וועט קומען די גאולה שלמה פאַרן רוסישן פאָלק, פאַר די רוסישע פּויערים און פאַרן רוסישן אַרבעטער־קלאַס און ממילא שוין אויך פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט...

אַ, וויפל זייערע טאַטעס און מאַמעס האָבן זיך ניט צעבעטן ביי זיי, מיט גוטן און מיט בייזן: וואָס אַרט אייך, אַז אין פּעטערסבורג וועט זיצן אַ קייסער? און וואָס איז די נפקא מינא צי ס'וועט זיין דער מלך אָדער אַן

אנדער מלך? זאָלן די גוים זיך פאַרדרייען זייערע קעפּ מיט זייערע מלכים און קעניגן! .. האָט עס ניט געהאָלפן, ווי גערעדט צו דער וואַנט! זיי האָבן זיך איינגעשפּאַרט — ניין און ניין! זיי ווילן ניט קיין קייסער! ניט אַנדערש ווי נאָר אַ "ניט־גוטער", רחמנא ליצלן, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיי און האַלט אין איין אַרויסשרייען פון זיי: "דאָלאָי צאַר ניקאָליי" אויס מיטן צאַר ניקאָליי!"

נו, האָט איר שוין געהערט אַזוינס? די יונגע שנעקעס ווילן זאָגן אַ דעה ווער ס'זאָל זיין קייסער אין רוסלאַנד! .. כ'לעבן, ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן!

און איינמאָל שבת, אין מיטן דאַוונען, פּונקט צו קריאת־התורה, האָבן די דאָזיקע צעצעליסטלעך געהאַט די חוצפּה זיך אַריינצורייסן אין בית־מדרש, האָבן פאַרכאַפּט דעם בעלעמער און געצוווּנגען דעם גאַנצן עולם אויסצוהערן אַ רעוואָלוציאָנערע דרשה פון זייערס אַ מענטשל, מיט אַ לאַנגער טשופּרינע, מיט אַ קאַפּעליושל אויף אַ זייט און מיט אַ שוואַרצער פּעלערינע אויף די אַקסלען.

דער גאַנצער עולם אין בית־מדרש איז געזעסן אין איין ציטערניש. וואָרים דאָס דאָזיקע "קאַפּעליושל" האָט גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. מילא, וואָס שייך צדק און יושר, אַז מ'זאָל זען זיך אָננעמען די קריוודע פון די אָרעמעלייט און נאָך אַזעלכע זאַכן, איז נאָך געווען צו דערליידן. וואָרים ווער וויל דאָס ניט, אַז אויף דער וועלט זאָל הערשן גערעכטיקייט? אָבער ווי נאָר דאָס "קאַפּעליושל" האָט אָנגעהויבן שיטן פּעך און שוועבל אויף "מלכות", דאָ האָט עס שוין גערעדט, איך בעט אייך איבער דעם כבוד, ווי אַ יונגער שנעק, אַ צוציק . . . מ'האָט שוין קוים דערלעבט, אַז ער זאָל שוין פאַרענדיקן זיין רעוואָלוציאָנערע דרשה. מ'האָט געדאַנקט גאָט, וואָס קיין "קנעפּל" האָט זיך ניט אָנגעיאָגט און אַלץ איז אַריבער בשלום . . .

נו, וואָס זאָגט איר עפּעס אויף אַזעלכע חברהלייט? . .

* * * * *

דער גלאַוונער פירער איבער די שטעטלשע "צעצעליסטן" איז געווען פּנחס, לייבעלע קאַלבס זון.

וועט איך דאָך אַוואַדע פרעגן: סטייטש, ווי קומט עס, אַז אַזאַ רעוואָלוציאָנער־פירער, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אַראָפּצוּוואַרפן דעם קייסער פון טראָן, זאָל מען רופן מיט אַזאַ ניט שיינעם נאָמען ווי "לייבעלע קאַלבס זון"?

איז דער תירוץ אַזאַ: אָט דעם צונאָמען האָט מען אים געגעבן צוליב זיין טאַטן, לייבעלע קאַלב, וואָס איז געווען, זאָל ער מיר מוחל זיין, אַ גרויסער טיפּש, אַ שוטה גמור, אַן אמתער קאַלב, אַזוי אַז ווען איר זאָלט אפילו געווען אויסגעפאָרן אַ גאַנצע מדינה, וואָלט איר ניט געקאָנט געפינען נאָך אַזאַ וואָס זאָל זיין פּאַכאָזשע אויף לייבעלע קאַלב.

ומהאי טעמא, וועלן מיר איבערלאָזן אויף אַ ווײַלע דעם זון מיט דער רעוואָלוציע, און פאָרשטעלן פאַר אייך פריער זיין טאַטן, לייבעלע קאַלב.

געווען איז עס אַ קליין, פּיטשינק ייִדעלע, מיט אַ קליין קעפּעלע, מיט אַ שיטערן, שוואַרצן ציגן־בערדל, מיט קלײנינקע פאַרזשמורעטע אייגעלעך, מיט אַן אַרויסגעשטאַרצטן שפּיציקן בייכל, קורצינקע פיסעלעך, וואָס איינס איז געווען קירצער פאַרן אַנדערן, אַזוי אַז ווען ער איז געגאַנגען, האָט ער שטאַרק אונטערגעהאָפּסלט.

אַ חוץ די אַלע אויסגערעכנטע "שיינע מעלות" זיינע, מ׳שטיינס געזאָגט, איז ער נאָך געווען, ניט פאַר קיין ייִדן געדאַכט, אַ מוראַדיקער נאַשער, אַ פרעסער, אַן אמתער זולל וסובאַניק, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין! טאָג און נאַכט האָט ער געגעסן, געמעלה־גירהט, טאַקע נאָר ווי אַן אמתער קאַלב.
אָט די דאָזיקע חולשא זיינע צום נאַשן, איז ניט געווען חלילה מחמת אָרעמקייט. פאַרקערט, זיין שטוב איז גראָד פאַררעכנט געווען פאַר דער רייכסטער און פאַר דער באַלעבאַטישסטער אין שטעטל.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָס זיין שטוב איז געווען אָפּגעפּראָפּט מיט אַל־דאָס גוטס, איז דאָס ניט געווען אין זיין זכות. וואָרים לייבעלע קאַלב, דער ראש־המשפּחה, איז אויך געווען אַ גרויסער לא יוצלח, אַ טויגעניכטס, אַ שלימזל, ניט געקענט אפילו אַ קאָץ אַ ווײדל פאַרבינדן. נאָר דאָס האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין צווייטע ווייב, חוה שתחי׳, וואָס האָט אים געבאָרן זין און טעכטער, און האָט געשמט פאַר אַ גרויסער אשת חיל. זי איז געווען די גאַנצע פּרנסה געבערין: האָט געהאַלטן ביי זיך אין שטוב אַ באַקאַלייקרעמל, צוגעהאַנדלט אויפן מאַרק, זומער פלעגט זי אָפּדינגען ביי די מעשטשאַנעס פון דער גויישער גאַס גערטנער און סעדער, וואָס פון דעם אַליין האָט מען געקאָנט עסן ברויט מיטן לעפל . . .

טאָ פרעגט זיך: אויב אַזוי, צו וואָס האָט לייבעלע קאַלב געדאַרפט ביי זיך אין שטוב זיין אַזאַ מוראַדיקער נאַשער, כאַפּן מיט די הוילע הענט די געפילטע פיש פון דער הייסער פאַן, די געגנדזענע גריוון פון צעלאָזענעם טעפל שמאַלץ, אַזוי אַז מ׳זאָל דאַרפן צוליב אים האַלטן פאַרשלאָסן אַלע שפּייזאַרניעס אין שטוב? איז בלייבט אַ קשיא. וואָרים ווער איז דאָס אימשטאַנד צו קאָנען זיך דערגרונטעווען וואָס עס טוט זיך אין אַ מענטשלעכער נשמה?

און כאָטש ער איז געווען, ווי שוין געזאָגט, אַ גרויסער שוטה, אַ טיפּש גדול, דאָך אָבער ווען ס׳איז געקומען צו כאַפּן אַ נאַש ביי זיין אייגענעם ווייב, צי ביי אַ שכנה איבער דער גאַס, האָט ער שטענדיק אַרויסגעוויזן ממש געניאַלע פעיקייטן, זעלטענע איינפאַלן, אַזוי אַז מ׳האָט געדאַרפט האָבן צו אים טויזנט אויגן זיך אויסצוהיטן פון אים. איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער, ווי אַ שלויער קאָטער, שוין באַוויזן עפּעס וואָס צו צולקחענען פון אונטער די הענט און גלייך עס אַריינגעכאַפּט צו זיך אין מויל אַריין.

און טאַקע ניט איינמאָל פלעגט מען זען ווי זיין ווייב, חוה, יאָגט זיך נאָך אים מיט אַ גרויסן הילצערנעם קאָכלעפל, שרייט און שילט, באשר בכן ער האָט איר איבערגעקערט אַ לאַדישקע מיט פרישינקער סמעטענע, צעבראָכן

א סלאַי מיט איינגעמאַכטס און נאָך אַזעלכע שאַדנס, און אַלץ צוליב זיין טריפּענעם האַלדז, צוליב זיין תאווה צום נאַשן . . .

אין אַזעלכע טעג ווי פּרייטיק ערב שבת אָדער ערב יום־טוב, ווען אין אַלע יידישע הייזער באַקט מען כלערליי געבעקסן און כלערליי געשמאַקע פּאַטראַוועס, וואָס צעגייען זיך אין מויל, פּלעגט זיך פאַר לייבעלע קאַלב אויפעפענען א שפע פון קאָנען כאַפּן א נאַש. דעמאָלט פּלעגן זיך ניט איינמאָל אַפּשפּילן אין גאַס אַזעלכע סצענעס:

לייבעלע קאַלב לויפט אַרויס פון א שכנישער שטוב מיט א פולן, אָנגעשטאָפּטן מויל , מיט אַן אויסגעשמירטן בערדל. הינטער אים יאָגט זיך א יידענע מיט א בעזים און שרייט, מאַכט גוואַלדן, אַז אָט דער דאָזיקער זולל וסובאַניק האָט איר אומגליקלעך געמאַכט! ער האָט איר אויסגעשאָטן דעם מאָן; אויסגעגאָסן דעם צעלאָזענעם האָניק; אויפגעגעסן די ראָזשינקעס און נאָך אַזעלכע שאַדנס. זי שווערט, ווי זי איז א יידישע טאָכטער, אַז זי מוז אים ניט אַנדערש איבערהאַקן א פוס, זי וועט אים אויסרייסן דאָס בערדל, אַז ער זאָל שוין פאַרזאָגן א צענטן מער ניט צו נאַשן ביי איר ! . .

די גאַנצע גאַס פּלעגט זיך דעמאָלט צונויפלויפן, ווי אויף א בייזוונדער. שטעטעלע זאַסטאַוויע, וואָס האָט געהאַט מער דאגות ווי האָר אויפן קאָפּ, האָט א דאַנק לייבעלע קאַלבס נאַשערייען און ווילדע שטיק, זיך געהאַט פאַרגונען צו געבן א שמייכל, און ניט איינמאָל אַפילו זיך געהאַט פאַרגאַנגען פון געלעכטער.

פרומע ווייבער פּלעגן שאָקלען מיט די קעפּ און זאָגן: ניט אַנדערש ווי עפּעס א "מיט־עסער" זיצט אין אים, א קללה פון זיין ליבן נאָמען, און שטאַרק באַדויערן דער קלוגער חוהן, דער גרויסער אשת־חיל, וואָס דאַרף נעבעך אָפּפּינצטערן א גאַנץ לעבן מיט אַזא שלימזל, מיט אַזא מיאוסן בעל תאווהניק, אַז גאָט זאָל ניט שטראָפן פאַר די רייד . . .

שבת און יום־טוב אין בית־מדרש, פּלעגט לייבעלע קאַלב זיצן, ווי אויף הייסע קוילן. ער האָט שוין געוואָלט נעמען עפּעס אין מויל אַריין, אונטערלענען דאָס האַרץ. און דאָ שטייט דער בעל־תפילה, ניט געדאַכט זאָל ער ווערן, און ציקלט זיך, ציט ממש די עצמות אַרויס, אַזוי אַז עס נעמט גאָר קיין סוף ניט! נעמט ער און דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער מזרח־וואַנט, ציט אַריבער דעם טלית איבערן קאָפּ, מכלומרשט ווי ער וואָלט זיך געשטעלט זאָגן די "שמונה־עשרה", און הייבט אָן אויף גיך שלעפּן פון די קעשענעס צו זיך אין מויל אַריין שטיקלעך אייער־קיכל, צוקערלעך און נאָך אַזעלכע "שיריים" צו וואָס מ'דאַרף זיך ניט וואַשן . . .

יעדער יום־כיפּור פּלעגן די שטעטלשע קונדסים אים שוין ניט אָפּלאָזן פון אויג, אים געהיט ווי א גנב אויפן יאַריד. זיי פּלעגן אים נאָכגיין טריט אין טריט, אַפילו ביז צום "בית הכסא". ס'איז זיי ממש געגאַנגען אין לעבן אויסצוגעפינען צי אָט דער דאָזיקער גרויסער נאַשער וועט קאָנען אויסהאַלטן

דעם נסיון און פאסטן מיט אלע יידן צו גלייך . . . אבער ס'איז זיי ניט געלונגען. דעם סוד האט ער שוין מיטגענומען אין קבר אריין . . .

אט אזא אויסטערלישער פארשוין איז געווען לייבעלע קאלב.

און ווונדער איבער וואונדער! אט דאס קליינינקע, שלימזלדיק יידעלע, האט גראד געהאט מזל צו זיינע ווייבער און אויך צו זיינע קינדער, זין און טעכטער, וואס זיינען אלע געווען אזעלכע לייטישע און געראטענע, גאר ניט פאכאזשע אויף זייער טאטן לייבעלע קאלב.

נאר איין זאך האבן זיי יא פון אים געירשנט, און דאס איז זיין צונאמען — קאלב . . .

למשל: זיין ווייב, חוה, וואס איז געווען א קלוגע, סוחרישע יידענע, האט מען אנדערש ניט גערופן ווי "חוה לייבעלע קאלבס ווייב". אזוי אויך זיינע קינדער און קינדס־קינדער: "פנחס לייבעלע קאלבס זון", "עלקע לייבעלע קאלבס טאכטער", "וועלוועלע לייבעלע קאלבס אייניקל", אזוי ביז צום לעצטן מיטגליד פון זיין משפחה.

אויף דעם איז שטעטעלע זאסטאוויע געווען א מזיק: האט זי עמיצן געגעבן א צונאמען, איז עס שוין געווען אויף לעולם ועד, אויף אייביק און אייביק, פון וויגל ביזן גריבל . . .

און איצט, ווען מיר האבן אייך שוין אביסל באקענט מיטן טאטן לייבעלע קאלב, וועלן מיר איבערגיין צו זיין זון פנחסן, און אייך דערציילן פון אלע זיינע גרויסע מעשים, וואס ער האט אויפגעטאן פאר דער רוסישער רעוואלוציע אין שטעטל.

* * * * *

שטעטעלע זאסטאוויע האט געהאט נביאות געזאגט, אז פנחס לייבעלע קאלבס זון וועט אם ירצה השם אויסוואקסן א רב, א גרויסער למדן. אזא שארפן קאפ האט ער געהאט אויף זיך.

מיטאמאל אבער האט ער, ניט פאר קיין יידיש קינד גערדאכט, געווארפן אן אומחז אויף דער גמרא, גענומען לייענען "טריף־פסולן" און שיר ניט ארוים לתרבות רעה.

האט זיין שטיף־מוטער, חוה לייבעלע קאלבס ווייב, גענומען זוכן פאר אים א תכלית און אים אוועקגעגעבן אויף דער "לערע" צו א מעבל־סטאליער, וואס אפילו אין יענע צייטן, איז עס פאררעכנט געווען ביי יידן פאר א גאנץ איידעלער מלאכה, מיט וועלכער מ'האט זיך ניט געדארפט שעמען . . .

איז אנשטאט צו ווערן א רב, צי א מורה הוראה בישראל, איז פנחס לייבעלע קאלבס זון געווארן אן ארבעטער, אן אמתער פראלעטאריער. און היות ס'האט זיך באלד אנגעיאגט די רוסישע רעוואלוציע, און א קאפ האט ער געהאט א קלוגן, א שארפן, איז ער געווארן דער ראש וראשון, דער גאנצער פירער ביי די זאסטאוויער און קאמעניצער רעוואלוציאנערן. און אזוי ווי דער צאר ניקאליי השני, וואס איז געזעסן אין זיין עיר הבירה פעטערסבורג, האט

זיך ניט געלאָזן אזוי גיך אראָפּוואַרפן פון טראָן, האָט פּנחס, דער רעוואָלו־ציאָנערער פירער, דערוויל גענומען איינפירן די רעוואָלוציע אין שטעטע־לע זאסטאוויע.

און כאָטש שטעטעלע זאסטאוויע איז געווען קליין ווי א "טל ומטרל" אין א קליין סידורל, דאָך האָט עס פאַרמאָגט א היבשע צאָל בורזשויען, קאַפּי־טאַליסטן, ווי צום ביישפּיל: לייבל שמיד, מאיר שמיד, ישראל־יודל טעסלער, גבריאל שוסטער און נאָך אזעלכע "מייסטערס", וואָס האָבן געהאַלטן אין איין עקספּלואַטירן זייערע "טשעלאַדניקעס", זייערע אַרבעטער און לערנ־יינגלעך . . .

איז קודם־כל האָט פּנחס לייבעלע קאַלבס זון, דער פירער, גענומען איינפירן דעם אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, ווי ביי לייטן. צווייטנס, אויס־קעמפן העכערע שכירות. און דריטנס, זען ס'זאָל בכלל הערשן צדק און יושר אין שטעטל, ווי עס פּאַסט פאַר דער רעוואָלוציע . . .

און געפירט האָט פּנחס לייבעלע קאַלבס זון די רעוואָלוציע אין שטעטל ביד חזקה, מיט א שטאַרקער, אייזערנער האַנט. זיין וואָרט איז פאַר אַלעמען געווען א געזעץ. ווען נאָר ער האָט זיך באַוויזן אין גאַס, אַרומגערינגלט מיט זיין רעוואָלוציאָנערער "באַיוווקע", מיט די שטעקעלעך אין די הענט, מיט די היטעלעך אויף א זייט, מיט די פּאַפּיראָסלעך אין מויל און מיט די רויטע העמדלעך איבער די הויזן, איז אַלעמען באַפאַלן א שרעק, ווי מ'וואָלט דערזען דעם קייסער אַליין . . .

האָט אויסגעבראָכן א מחלוקת, א סכסוך צווישן איין שכן און אַנ־דערן, ווי ס'טרעפט אין א יידישן שטעטל, איז מען שוין מער ניט געגאַנגען זיך "לאָדן" צום רב אין שטאָט, נאָר צום נייעם "שופט", ר' פּנחס בר' לייַ־בעלע קאַלבס זון, אז ער זאָל משפּטן. און וואָס ער האָט געפסקנט, האָט מען געמוזט פאָלגן.

ער האָט אַלע אָרעמע און געקריוודעטע גענומען אונטער זיין שוץ. למשל, די אָרעמע קינדער, וואָס האָבן געלערנט אין דער שטאָטישער "תלמוד תורה", ווו מ'האָט זיי דאָרט נעבעך געשלאָגן און געקאַטעוועט, אזוי אז ס'איז ממש געווען א צער בעלי חיים. און דער גרעסטער "קאַט" צווישן אַלע תלמוד תורה מלמדים, איז געווען שמעון גאַרגל, דער גמרא־מלמד, וואָס האָט געהאַט א מיאוסע טבע, אַריינצוקלאַפּן אין די קעפּ פון זיינע תלמי־דים די גמרא "שור שנגח את הפרה" — אָן אָקס האָט געשטויסן א קו, מיט דער הילף פון זיין גרויסן קאַנטשיק . . .

האָט פּנחס, דער רעוואָלוציאָנערער פירער, באַלד אוועקגעשיקט א פּאָר פון זיינע געזונטע חברהלייט, מיט א שטרענגען פּריקאַז צום מלמד, שמעון גאַרגל, אז מהיום והלאה, פון היינט אָן און ווייטער "לא ירום איש את ידו", זאָל ער מער ניט וואָגן אויפצוהויבן זיין קאַנטשיק אויף קיין שום תלמידים געזעסל. און אויב ער וועט ניט פאָלגן, וועט זיין "אחת דתו להמית",

וועט אים די רעוואָלוציע מקיים פּסק זיין און טאַקע מיט זיין אייגענעם קאַנטשיק . . .

ווי נאָר ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די דאָזיקע גזירה פונם נייעם מושל, איז באַלד געוואָרן א גרויסע סומאַטאָכע צווישן אַלע שטעטלשע מלמדים. זיי זיינען ארומגעלאָפן ווי פאַרסמטע מייז. ווארים זינט די וועלט שטייט, איז נאָך אַזוינס ניט געהערט געוואָרן, אַז מ'זאָל גאָר וואגן צו זאָגן א דעה א מלמד ווי אַזוי צו שמייסן זיינע תלמידים ! . .

פון דער צווייטער זייט אָבער, האָט פּנחס, דער רעוואָלוציאָנערער פירער, זיך אויך געהאַט איינגעשטעלט פאַר די מלמדים, אַז די באַלעבאַטים זייערע זאָלן זיי ניט קריוודען. אַט צום ביישפּיל: יעקב פּרוזשאַנסקי, א קאַר־גער ייד, האָט ניט געוואָלט באַצאָלן ר' ישראל לוסקעלער, דעם גמרא מלמד, דעם שכר־לימוד פאַר זיינע קינדער, באשר בכן, ער האָט געטענהט, אַז דעם מלמדס ביסל תורה איז סיי ווי געבליבן ביי אים און ניט ביי זיינע קינדער, טאָ פאַרוואָס זאָל ער באַצאָלן אומזיסט געלט ? . .

אָבער ווי גיך פּנחס דער רעוואָלוציאָנערער פירער האָט זיך פון דעם דערוווסט, האָט ער באַלד אוועקגעשיקט זיין "שלאָג־בריגאַדע" צום קאַרגן גביר, פּונקט פריטיק, צו ליכט־בענטשן, האָבן אראָפּגעכאַפּט פון טיש די מעשענע לייכטער, מיטן טלית און תפילין־זאַק פאַר א משכון.

דער קאַרגער פּרוזשאַנסקי האָט נעבעך געמוזט משלם זיין דעם מלמד ביז צו דער לעצטער פּרוטה. ווארים בימים ההם, אין יענער צייט, איז א מלמד נאָך פאַררעכנט געוואָרן ביי יידישע רעוואָלוציאָנערן, פאַר א כשרן פּראָלעטאַריער, וואָס האָט פאַרדינט, אַז די רעוואָלוציע זאָל זיך אָננעמען זיין קריוודע . . .

ס'האָט אויך געהאַט געטראָפן, אַז א באַלעבאַטיש זינדל, צי אפילו א שוסטער־יונג אָדער א שניידער־געזעל, האָט פאַרפירט א ליבע מיט אַן אָרעם מיידל און איר פאַרשפּראָכן "עוויגע ליבע", און צום סוף האָט דער דאָזיקער שיינער יונגערמאַנטשיק חוזר געווען, פּונקט אין דער צייט ווען דאָס אָרעמע מיידל נעבעך האָט שוין געהאַלטן אַט־אַט ביים אַנטבונדן ווערן . . . איז ווי נאָר די אומגליקלעכע מאַמע פונם פאַרפירטן מיידל איז געקומען צו לויפן מיט א געוויין צו פּנחסן, דעם רעוואָלוציאָנערן פירער, האָט ער באַלד אוועקגעשיקט א באַפעל צום אָפּגעקילטן ליובאָווניק, אַז אויב ער וועט צעגערן און באַלד ניט גיין שטעלן א חופּה מיטן מיידל, וועט אים די רעוואָלוציע פירן מיט גרויס פּאַראַד צו דער חופה . . . און טאַקע א דאַנק אים, איז דער זיווג עולה יפה געווען . . .

אַט אַזוי האָט געאַרבעט די נייע רעוואָלוציאָנערע "וולאַסט" אין שטעטעלע זאַסטאַוויע און אויך אין דער שכנישער שטאָט קאַמעניץ.

אין זיין צייט, ד"ה, אונטער דער ממשלה פונם רעוואָלוציאָנערן פירער, פּנחס לייבעלע קאַלבס זון, האָבן טאַטעס מורא געהאַט פאַר זייערע

קינדער; מלמדים פאר זייערע תלמידים; מייסטערס פאר זייערע פועלים־ארבעטער; רייכע באלעבאטים האבן זיך געחנדלט צו די קבצנים. אפילו אין בית־מדרש, האט דער גבאי אויסגעטיילט די "פעטע עליות" צו די באל־מעלאכעס פון הינטערן אויוון, אנשטאט צו די שיינע יידן, די באלעבאטים פון מזרח־וואנט, ווי דער סדר איז געווען . . .

אט די דאזיקע רעוואלוציע אין שטעטל איז דורכגעפירט געווארן שא־שטיל, אן קיינע קאנטער־רעוואלוציעס און אן קיין שום בלוט־פארגיסונגען. קיינער האט, חלילה, זיך ניט געהאט אויף וואס צו באקלאגן. מ'איז זיך באגאנגען מיט איטלעכן על פי יושר און על פי צדק. הלוואי אויף היינטיקע רעוואלוציעס אזוי געזאגט געווארן . . .

ס'וואלט אבער געווען באמת אן עוולה פאר דער היסטאריע, ווען מיר שרייבן צו דעם גאנצן דערפאלג פון דער רעוואלוציע אין שטעטל בלויז צום פירער, פנחס ליבעלע קאלבס זון, און מיר וואלטן אויסגעלאזן דעם נאמען באזשע, וואס איז געווען זיין "רעכטע האנט" און האט ווירקלעך פארדינט, אז מיר זאלן אים און זיינע רעוואלוציאנערע מעשים, אויך פאר־אייביקן לדורות. דאס וועלן מיר, אש ירצה השם, טאקע טאן אין צווייטן קאפיטל.

באָזשע

גערדאַרפט האָט ער גאָר הייסן ברוך אָדער ברד, ווי מ'האָט אים אַ נאָמען געגעבן צום ברית. איז ער דאָך אָבער ביי זיין מאַמען, גיטל נחמיה אייזיקס, געווען דאָס מוזיניקל, האָט זי זיין נאָמען — ברוך־ברד פאַרצויגן אויף באָרע. און היות זי האָט ניט געהאַט קיין איין צאָן אין מויל און גערעדט בלויז מיט די ליידיקע יאַסלעס, איז ביי איר פון באָרע געוואָרן אַ מין באָרזשע און באָרזשע — באָזשע. מיט דעם נאָמען איז ער שוין פאַרבליבן אויף זיין גאַנצן לעבן.

אָבער זיין טאַטע, ר' נחמיה אייזיקס, וואָס איז געווען אַ רייכער, יוסטער באַלעבאָס, געפירט גרויסע מסחרים מיט פּריצים, געהאַלטן אַ קראָם מיט אַ שענק פאַר די אַרומיקע גויים, האָט אים גערופן ניט אַנדערש ווי "מיין אומגליק". און דאָס "אומגליק", באָזשע, איז טאַקע געווען גאָר ניט קיין קליינער. וואָרים ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַזאַ בחורעץ, וואָס איז שוין אַריין אינם דריטן צענדליק און איז געזונט ווי אַן אָקס, זאָל ניט קאָנען פאַרבינדן אַ קאַץ אַ ווידל, און שכל פאַרמאָגט עס בסך הכל פון אַ פינף יאָריק קינד?

איז ווי קומט עס טאַקע צו אַזאַ יידן, ווי ר' נחמיה אייזיקס, וואָס האָט געשמט אין דער גאַנצער געגנט פאַר אַ חכם עתיק, ניט איינמאָל געזעסן ביים רב אין בוררות, זאָל האָבן אַ זון, אַ בן־זקונים, וואָס איז אַ גרויסער לא יוצלח, און וועלכן מען קאָן אַפילו ניט אויסלערנען זאָגן אַ שייטל עברי?

איז דער תירוץ אַזאַ: אוואדע וואָס שייך ר' נחמיה אייזיקס, וואָלט דאָס זונדל באָזשע זיך געקאָנט טאַקע זיין אַ לייטיש קינד, ווי ס'זיינען גע־ווען זיינע עלטערע זין, וואָס האָבן אים געהאָלפן אָנפירן זיינע גרויסע מסחרים.

נאָר דאָס וואָס באָזשע איז געווען באָזשע, איז שולדיק געווען זיין אייגענע מאַמע, גיטל נחמיה אייזיקס, וואָס איז געווען אַ פאַרטאַראַראַמטע יידענע, תמיד פאַרהאַוועט און פאַרשמאַיעט אין קיך ביי די גרויסע טעפּ, ביי די גרויסע דייזשעס ברויט און אויך ביי די גויים אין קראָם און אין שענק, האָט זי קיין צייט ניט געהאַט אַכטונג צו געבן אויף איר מוזיניקל, באָזשען, איז ער איינמאָל, ניט פאַר קיין יידישן קינד געדאַכט, אַראָפּגעפאַלן פון אַ הויכן טיש. איז פון דעמאָלט אָן ביי אים דער שכל נעבעך געוואָרן אַביסל צוגע־פּלאַטשקעט . . . אַזוי האָט מען געשמועסט אין שטעטל.

איז דאָך אָבער ר׳ נחמיה אייזיקס געווען א ייד א גרויסער עקשן, האָט ער דווקא געוואָלט מאכן פון באָזשען א שטיקל לייט, לכל הפחות אים אויסלערנען צו זאָגן קדיש . . . האָט ער זיך מרבה בהוצאה געווען, אָנגעשטעלט פאר אים די בעסטע מלמדים אין שטעל. ס׳איז אים אָבער ניט געלונגען. וואָרים אלע מלמדים האָבן געטענהט, און דערביי געטייטלט מיט א פינגער אויף זייער האנט - דלאָניע, אז פונקט ווי דאָ קאָן ניט וואקסן קיין האָר, אזוי וועט שוין קיינער ניט קאָנען אויסלערנען באָזשען זאָגן א שייטל עברי . . .

אָבער ר׳ נחמיה אייזיקס, דער גרויסער עקשן, האָט בשום אופן ניט געקאָנט שלום מאכן מיטן געדאנק, אז זיין באָזשעלע זאָל ניט קאָנען דאווענען. האָט ער זיך געווענדעט צו זיין גוטן־פריינט, ר׳ ישראל לוסקעלער דעם גמרא מלמד, אז ער זאָל נאָך פרובירן, אפשר וועט אים פאָרט געלינגען אויסצולערנען זיין "אומגליק" כאָטש זאָגן קדיש פון סידור.

לכתחילה האָט ר׳ ישראל לוסקעלער געוואָלט אויסבטלען אלע בייזע חלומות צו ר׳ נחמיה אייזיקס קאָפּ. וואָס הייסט? ער, וואָס איז פארערכנט פארן בעסטן גמרא מלמד אין "שטאָט", לערנט מיט גרויסע חתנים־בחורים גמרא, מיט תוספות און מהרש״א, זאָל פלוצלונג גאָר ווערן א דרדקי־מלמד און נעמען קנעלן מיט אזא בור, מיט אזא גרויסן גוייעץ אלף־בית? ניט דערלעבן זאָלן עס זיינע שונאים!

איז דאָך אָבער נחמיה אייזיקס זיין ידיד, זיין בעסטער גוטער־פריינט, יעדער שבת צו נאכט קומט ער צו אים טרינקען טיי בחברותא און ניט איינמאָל כאפּט ער ביי אים א גמילות חסד אויף שבת, האָט ער אים ניט געקאָנט מעיז פנים זיין, און בלית ברירה צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, נאָר בתנאי, אז קיין ילוד אשה זאָל, חלילה, פון דעם ניט וויסן . . .

אָבער די שטעטלשע קונדסים האָבן זיך באלד דערוווסט, אז ברוד־ברד־באָזשע האָט שוין מיט מזל געקראָגן א נייעם רבין. איז ווי נאָר ר׳ ישראל לוסקעלער האָט שפּעט אין אָוונט פאנאנדערגעלאָזן זיין חדר, פלעגן די קונדסים זיך באהאלטן הינטער די פענצטער פון זיין נייעם מלמד, כדי צו זען און הערן ווי דער תלמיד באָזשע, מיט די ברייט־צעוואקסענע פלייצעס, לערנט "קמץ־אלף — אָ", און ווי זיין שטרענגער, בייזער רבי, ר׳ ישראל לוסקעלער, שרייט אויף אים און איז אים אלע ווילע "מכבד" מיט פייערדיקע פעטש. און נאָכן אָפּלערנען, פלעגן זיי אים פירן פון חדר מיט גרויס פאראד אהיים.

דער נייער מלמד האָט געהאַט מיט אים דעם זעלבן מזל ווי זיינע פריערדיקע דרדקי־מלמדים. ער האָט זיך מיט אים געהאַט אָפּגעמוטשעט א שטיקל צייט, ביז סהאָט שוין ביי אים געפּלאַצט דאָס געדולד. האָט ער, אין א מאָמענט פון גרויס כעס, ארויסגעריסן דעם סידור פון אונטער זיין נאָז און געשיקט דעם שלימזלדיקן תלמיד ברוד־ברד־באָזשע צו אל־די שווארצע יאָר...

ס'איז אָבער ממש געווען צו באַוואונדערן ווי אזוי דער דאָזיקער באָזשע מיטן צוגעפּלאַטשעטן שכל, וואָס האָט נעבעך ניט געהאַט קיין מזל צו זיינע דרדקי מלמדים, האָט געקענט האָבן אזא גרויסן דערפאָלג ביי די שיינע, אינטעליגענטע טעכטער פון שטעטל זאַסטאַוויע? זיי האָבן זיך געקלעפּט צו אים ממש ווי בינען צו האָניק. ווי ס'ווייזט אויס, האָט דער שטילער, שווייגנדיקער באָזשע, מיט די גוטע, בלויע, קינדישע אויגן, פאַרמאָגט עפּעס אין זיך אַזוינס, וואָס האָט אים אזוי ליב געמאַכט ביי דעם "שענערן מין". . . ער איז פאַר זיי געווען אַלץ אין דער וועלט: א פאַרטרויונגס מענטש, א משרת, א שליח, און וואָס ניט? האָט א פאַרליבטע "באַרישניא" געדאַרפט שיקן א געהיימען ליבעס־בריוול צו איר "אוכאַזשאָר", דעם געליבטן, איז באָזשע געווען דער "פּאָטשטאַליאָן". האָט מען געדאַרפט נאָכשפּיאָנירן א פאַרליבטן פּאָרל, איז ווידער געווען באָזשע. אָן אים האָבן זיי זיך גאָר קיין ריר ניט געקאָנט טאָן.

דערפאַר האָבן אים די שיינע, אינטעליגענטע "באַרישניעס" אָפּגעצאָלט מיט זייער שיינע לאַסקאַטעלנע קאָמפּלימענטן, ווי "מאָי גאָלובטשיק", "מיין טייבעלע", "מאָי קראַסאַוועץ", "מיין שיינער אָדלער" און נאָך אזעלכע צאַרטע, ליבלעכע אויסדרוקן. דער לעקישעוואַטער באָזשע, וואָס האָט זיך געפילט ביי זיין טאַטן אין שטוב און צווישן זיינע ברידער, די קלוגע סוחרים, ווי א פרעמדער, האָט פון די וואַרעמע מיידלשע קאָמפּלימענטן שטאַרק אָנגעקוואָלן, און איז גרייט געווען צו גיין פאַר זיי אין פייער און אין וואַסער.

פּונקט ווי עס קאָן ניט זיין קיין לוויה אָן א מת, אזוי אויך איז ניט געווען קיין איין הוליאַנקע, קיין קערמעשל ביים "אינטעליגענטן קרוזשאָק", אז באָזשע זאָל ניט זיין דער הויפּט־מחותן. ערשטנס, איז ער געווען זייער שטענדיקער "שר המשקים", דער צושטעלער פונם קווערטל בראַנפן, וואָס ער פלעגט שטילינקערהייט אָפּלקחענען ביי זיין טאַטן אין שענק. צווייטנס, ביי די דאָזיקע שבת צו נאַכטיקע הוליאַנקעס, איז באָזשע געווען די הויפּט־אַטראַקציע. אָ, וואָס האָט זיך דעמאָלט ניט אָפּגעטאָן מיטן אומגליקלעכן באָזשען! דאָ האָט מען אים געהאַט פאַרשטעלט פאַר א רב, דאָ פאַר א רביצין און דאָ פאַר א פּורים־שפּילער. באָזשע האָט זיי געלאָזט טאָן מיט זיך וואָס נאָר זייער האַרץ האָט געגלוסט.

פאַרשטייט זיך, אז ווען עמיצער אַנדערש וואָלט זיך אזוי דערלויבט אָפּצוחוזקן פון אים, וואָלט באָזשע, וואָס איז געווען שטאַרק און געזונט ווי א ביק, וואָלט געלערנט מיט אים "בלק", אזוי אז יענער וואָלט שוין פאַרזאָגט א צענטן מיט אים זיך ניט צו פאַרטשעפּען, ווי ער האָט עס שוין ניט איינמאָל געטאָן. אָבער ווען די אַריסטאָקראַטישע זין און טעכטער האָבן זיך געטאָן לוסטיק מאַכן איבער אים, האָט ער געשוויגן און נאָך צוגעשמייכלט מיט זיינע תמעוואַטע אויגן.

איינמאָל טאַקע ביי אזא שבת צו נאַכטיקער "מלווה מלכה", ווען

חברה איז שוין געווען גאַר בגילופנדיק, האָט מען זיך א נעם געטאָן צו באַזשען און אים איינגערעדט, אַז הדם פּאַסטערנאַק, די שענסטע מיידל פון זייער קרוזשאַק, איז שטערבלעך פאַרליבט אין אים, נאָר אירע טאַטע־מאַמע "שטייט ניט אָן" דער שידוך מיט אים. איצט אָבער, ווען זיי זיינען אוועק אין בית־מדרש צו די "ערשטע" סליחות, איז די פּאַסיקסטע צייט אריינצוכאַפּן, איינס און צוויי, און אָפּשטעלן א חופּה און ס'וועט זיין פאַרפאַלן.

פאַרשטייט זיך, אַז באַזשען האָט מען לאַנג ניט געדאַרפט בעטן. חברה האָט זיך באַלד א נעם געטאָן צו אים און אים אויסגעסטראָיעט פון קאָפּ ביז די פיס, מיט א שיינעם, הארטן קאַפּעליוש, מיט א נייעם סורדוט, פון אויבן א קיטל, ווי ס'פּאַסט פאַר א באַלעבאַטישן חתן־בחור. מ'האָט אים אויך געלערנט ווי אַזוי ער זאָל זיך אויפפירן, ווי צו זיצן און ווי צו שטיין, אַזוי אַז ער זאָל חלילה ניט "פּאַדגאַדיען", ניט פאַרלירן דעם חן אין דער כלהס אויגן.

אין דער זעלבער צייט, אין א צווייטן צימער, האָבן די פרויען זיך געפּאָרעט ארום דער כלה, אָנגעטאָן זי אין א שיינעם, רייכן חופּה־קלייד, מיט א שניי־ווייסן וואַל איבער איר פּנים, ווי א יידישע כלה דאַרף אויסקוקן צו דער חופּה.

ווען אַלץ איז שוין געווען פיקס און פאַרטיק, האָט חברה געכאַפּט ווער א טאַץ, ווער א בלעך און ווער א שטייסל, געפּויקט און געקלאַפּט אין זיי מיט וואַלגערהעלצער, מיט קאַטשעלקעס, ווי אַן אמתע קאַפּעליע קלעזמער. אונטער די קלאַנגען פון דער דאָזיקער קאַקאָפאָניע האָבן די מאַנצבילן, די אונטערפירער, געפירט דעם חתן צו דער חופּה.

באַלד האָבן זיך באַוויזן, פון צווייטן צימער, די כלה מיט אירע אונ־טערפירערינס. זיי זיינען געגאַנגען מיט געהויבענע קעפּ, מיט געמאָסטענע טריט, ווי עס פּאַסט פאַר בכבודיקע, יחסנישע מחותנתטעס, און געפירט די כלה און זי אַוועקגעשטעלט פון דער לינקער זייט חתן. די קאַפּעליע קלעזמער האָט צונעשפּילט, צוגעפּויקט און צוגעטראָמבלט אויף זייערע כלים.

אַלץ איז ברוך השם צוגעגאַנגען כשורה, גיך און געשווינד, ווי ביי אַלע יידישע חתונות. ביז ס'איז געקומען צום סאַמע פייערלעכסטן מאָמענט, ווען דער "רב" ר' אשר סאַפּירשטיין, דער העברעישער לערער, דער בעל מסדר קידושין, האָט אָנגענומען מיט זיין האַנט דער כלהס פינגער, כדי דער חתן, ברוך־ברך־באַזשע בר' נחמיה אייזיקס, זאָל אָנטאָן אויף אים דאָס קידושין־רינגל און נעמען זאָגן מיט אים דעם "הרי את", איז פּלוצלונג געשען אַזוינס, וואָס זינט עס קומען פאָר חתונות ביי יידן, האָט אַזא זאַך נאָך ניט געטראָפן: ווי נאָר דער חתן־דנן האָט זיך געהאַט צוגערירט צו דער כלהס פינגער, האָט זי שנעל, האַסטיק ארונטערגעריסן פון זיך דעם חופּה־שלייער, און צו אַלעמענס דערשטוינונג, האָט מען דערזען ווי דאָ איז עפּעס פאַרגע־

קומען א שרעקלעכער טעות: אַנשטאָט די כלה זאָל זיין א בתולה, ווי א יידישע כלה דאַרף זיין, איז גאָר געווען א . . . א בחור, א מאַנצביל.

נו, פרעגט שוין גאַרניט, וואָס ס'האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן אין שטעטל מיט באָזשעס חתונה. מ'האָט זיך געהאַלטן ממש ביי די בייכער פון געלעכטער. די אמתע שמחה האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אויף מאָרגן אינדערפרי, אין בית־מדרש. חברה לצים זיינען צוגעקומען איינער נאָכן אַנ־דערן צום חתנס טאַטן, ר' נחמיה אייזיקס, און אים אָפּגעגעבן מזל־טוב און אים געווונטשן צו דערלעבן פון באָזשען און פון זיין נייער שנור בנים ובני־בנים, קינדער און קינדס־קינדער . . .

* * * * *

דער דאָזיקער באָזשע, וואָס האָט נעבעך ניט געהאַט קיין מזל צו זיינע דרדקי־מלמדים און אויך ניט צו זיינע כלות, האָט דערפאַר געהאַט מזל צו דער רעוואָלוציע. פון דער ערשטער מינוט אָן, האָט ער זיך פאַרליבט אין דער רעוואָלוציע און די רעוואָלוציע אין אים, אַזוי אַז ס'איז צווישן זיי געוואָרן ממש נפש אחת, איין גוף און איין נשמה.

דאָס איז געווען צו פאַרדאַנקען פנחס לייבעלע קאַלבס זון. ער, ווי א קלוגער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער פירער, האָט באַלד דערשפּירט, אַז דער שטילער באָזשע, וואָס האָט געדולד ווי פון אַן אייזל און איז געזונט און שטאַרק ווי אַן אָקס, וועט זיין א גרויס געווינס פאַר דער רעוואָלוציאָנערער זאַך. האָט ער אים באַלד גענומען אונטער זיינע פליגל און אים געמאַכט פאַר זיין "נושא־כלים", אָדער פאַר זיין "שני למלך", ווי מ'האָט אים אין שפּאַס גערופן אין שטעטל.

ווען דער רעוואָלוציאָנערער פירער האָט געדאַרפט דורכפירן א קאָנ־ספּיראַטיווע שטיקל אַרבעט, "א רעוואָלוציאָנערע אַקציע", ווי מ'האָט עס דעמאָלט גערופן, ווי א שטייגער: איבערפירן פון איין אָרט אין צווייטן א פּעקל ליטעראַטור, פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס, אַז קיין בן־אָדם זאָל פון דעם ניט וויסן, איז קיין בעסערער פאַרטרויונגס מענטש ווי באָזשע ניט געווען. וואָרים באָזשע וואָלט זיך גיכער געווען געלאָזן איבערשניידן די צונג איידער חלילה עמיצן צו פאַרשיטן.

ניט איינמאָל פלעגט מען טאַקע זען באָזשען שפּרייזן מיט זיינע גרויסע שטיוואָלעס איבער פענצטערע, בלאָטיקע גאַסן אין שליחות פון דער רעוואָלוציע. און וויפל מ'האָט ניט געפּרוווט פון אים דערגיין דעם סוד וווהין עס טראָגן דאָס אים איצט זיינע פיס, האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט זאָגן. און ווען מ'איז גאָר שטאַרק צוגעשטאַנען צו אים:

— באָזשע, סערדצע, זאָג וווהין גייסטו?

האָט ער געענטפערט קורץ: — אין אַן אָרט.

— פון וואַנעט קומסטו?

— פון אַן אָרט.

— וואָס טראָגסטו אין "פאַזוכע" (בוזים)?

— ניט דיין באַבעס עסק, — פלעגט ער אַ בורטשע טאָן מיט כעס און באַלד פאַרשווינדן אין דער פינצטערער נאַכט.

יעדער אָוונט, פונקט אַכט אַזייגער, פלעגט פּנחס, דער אַרבעטער־פירער, אַרויסשיקן זיין רעוואָלוציאָנערע "באַיוווקע", מיט באָזשען בראש, באַוואָפנט מיט אייזערנע שטעקנס, מיט שווערע דובינעס צו גיין "אַראָפּנעמען" די "טשעלאָדניקעס", די אַרבעטער, די שניידערקעס און די לערן־יינגלעך פון דער אַרבעט. ווי גיך מ'איז אַריין צו אַ מייסטער אין שטוב, פלעגט באָזשע דער ערשטער אויסשרייען:

— דאָלאָי צאַר ניקאָליי! אַראָפּ פון דער אַרבעט! . .

אַ ציטער פלעגט באַפאַלן די מייסטערס. זיי פלעגן גלייך אָוועקלייגן די געצייג און הייסן זייערע פּועלים וואָס גיכער צו פאַרלאָזן די וואַרשטאַטן. אָבער אַך און ווי איז געווען צו דעם "באַלעבאָס" וואָס האָט געוואַגט ווידער־צושפּעניקן באָזשען און דער רעוואָלוציע. באָזשע פלעגט זיך באַלד אַרויפוואַרפן אויף אים מיט זיין ווילדן כוח און אים אַזוי צעממיתן, אַז יענער האָט שוין פאַרזאָגט אַ צענטן זיך מער ניט אָנצוהייבן מיט דער רעוואָלוציע . . .

שטעטל האָט געהויבן מיט די פּלייצעס און זיך געוווּנדערט: ווי קומט צו באָזשען דעם גולם, וואָס איז שטענדיק געווען שטיל ווי אַ לעמעלע און שטענדיק זיך געלאָזט פּאַטשן פון זיין שטרענגען טאַטן און פון זיינע צאַרנ־דיקע דרדקי־מלמדים, אַזאַ משונהדיקע גבורה מיט אַזאַ ווילדער רציחה?

נאָר גיי פרעג קשיות אויף דער רעוואָלוציע . . .

* * * * *

כידוע, קאָן דאָך ניט זיין קיין רעוואָלוציע אָן אַ קאָנטר־רעוואָלוציע... האָט טאַקע לאַנג ניט געדויערט ווי ס'איז אויסגעבראָכן אין שטעטל די אמתע קאָנטר־רעוואָלוציע. און דער גלאַוונער קאָנטר־רעוואָלוציאָנער איז געווען גבריאל דער שוסטער.

וועט איר דאָך אָוודע פרעגן: ווי קומט אַ שוסטער צו אַ קאָנטר־רעוואָלוציע? איז דער תירוץ: גבריאל איז ניט געווען קיין פּשוטער שוסטער, נאָר אַן אַריסטאָקראַטישער שוסטער. ער האָט חלילה ניט גענייט קיין "טשאָבאָטעס", קיין "שטיוואַלעס", ווי אַלע אַנדערע שוסטערס אין שטעטל, נאָר שיינע, אויסגעטאָקטע, געמזענע פרויען שיכלעך, לאַקירטע קאַמאַשלעך, גלאַנציקע שטיוועלעטלעך פאַר דער סאַמע ווישע־אינטעליגענציע פון שטעטל.

צווייטנס, האָט אויך זיין ווייב, אַלטע די שניידערקע, אָדער ווי מ'האָט זי גערופן "די פּאַריזער מאָדיסטקע", געהאַט אַ גאַנצע מאַסטערס־קאַיע, וווּ ס'האָבן געאַרבעט אַ האַלב צענדליק מיידלעך, וואָס האָבן גענייט די שענסטע גאַרדעראָבעס און חופּה־קליידער פאַר די רייכסטע יידישע און פּריצישע כלה־מיידלעך.

געשאַצט האָט מען אים דערפאַר אין שטעטל, אַז ער פאַרמאָגט אַ

"היבשע מאטניא", וואס ער האלט אויף פראצענט. און וואס מער ער איז "אריין אין די פעדערן", אלץ מער האט ער זיך גענומען צושארן צום אויבנאן, צו דער מזרח־וואנט אין בית־מדרש, וו ס'זיינען געזעסן די שענסטע באלע־באטים און אויך "זיידענע" יונגעלייט, וואס פלעגן פון צייט צו צייט פאר־לייענען פארן עולם פון א לשון־קודשדיקער צייטונג, אדער פון א רוסישער "גאזעט", יידישע און וועלטלעכע נייעס.

דער שטעטלשער "פראלעטאריאט" וואס איז געזעסן ביים בית־מדרש אויוון, האט געטראגן אויף אים דערפאר א בייז הארץ, וואס ער האלט זיך מעשה אריסטאקראט, רוקט זיך רק צו דער "שפיגל־וואנט", צו די זיידענע יארמעלקעס. דאס פאסט גאר ניט פאר א זייעריקן, וואס געהערט זיך אן צום קלאס "עמך שער און אייזן". . . ווי נאר ער פלעגט אריינקומען אין בית־מדרש פלעגן זיי אנשטעלן אויף אים שפיזלדיקע בליקן, ווי ער וואלט געווען אן אפטריניקער. דאס האט אים נאך מער דערוויטערט פון זיינע "ברידער"־באלמעלאכעס.

אבער פון דער צווייטער זייט, האט ער פיינט געהאט די למדנים, די ווילגעלערנטע, וואס האלטן זיך פאר דאס אייבערשטע פון שטייסל און קוקן אויף די באלמעלאכעס פון אויבן אראפ. איז ווי נאר ער פלעגט זיך געפינען אין דער מסיבה פון די "שיינע־יידן", האט ער שטענדיק ליב געהאט צו באַ־ווייזן, אז ניט קוקנדיק וואס ער איז א שוסטער, פונדעסטוועגן איז ער אזוי קלוג ווי זיי און ער קאן אויך באנעמען אן ענין אין דער "פאליטיקע" ניט ערגער פון זיי. פלעגט ער זיך מיט זיי אפט ארומקריגן, זיי איבערשפארן, שטעלן זיי אויף טריט און שריט שווערע קלאץ־קשיות, אזוי אז ניט איינמאל פלעגט צוליב אים דאס בית־מדרש גיין כאדראם.

אט, צום ביישפיל, זיצט ר' ניאכקע דער שוחט, בין מנחה למעריב, און לערנט פאר אן עדה יידן די סדרה פון דער וואך, ווי גאט ברוך הוא זאגט צו משהן: "גיי צו פרעה מלך מצרים און זאג אים לאמור אזוי צו זאגן: הנני משליך בך ערוב", אט שיק איך אן אויף דיר און אויף דיין פאלק — ערוב, א געמיש פון חיות. אבער אין דעם לאנד גושן, וו עס זיצן די קינדער פון ישראל וועט קיין ערוב ניט זיין".

מיטאמאל שפרינגט אויף גבריאל דער שוסטער און הויבט אן טענהן:

— ווי קאן עס געמאלט זיין? דאס לייגט זיך דאך גארניט אויפן שכל, אז חיות זאלן וויסן וו ס'איז דער גרעניץ צווישן מצרים און גושן?

דער רבי, ר' ניאכקע, דער איש צדיק תמים, בלייבט נעבעך זיצן ווי א פריטשמעליעטער. אויף אזא פלוצלונגדיקער קשיא האט ער זיך גאר ניט גערעכנט. ענדלעך קומט ער צו זיך און ענטפערט:

— א ייד דארף גלויבן וואס עס שטייט געשריבן אין דער תורה הקדושה . . .

אבער גבריאל דער אריסטאקראטישער שוסטער, לאזט זיך ניט "פאר־

ריידן די ציין״. ער וויל, זאָגט ער, ניט מער און ניט ווייניקער, מ׳זאָל עס אים דערקלערן על פי שכל. און איידער וואָס ווען האָט ער שוין א שפּאָגל נייע קשיא:

— ווי אזוי האָט משה רבנו געקענט מיט זיין שטעקן שפּאַלטן א ים?!

ר׳ ניאָכקע ווערט אזש בלייך ווי די וואַנט פאַר שרעק. דער עולם טוט א ברום, א קריץ מיט די ציין, גרייט אים צו צערייסן; אזא חוצפּה פון א גראָבן יונג, א שוסטערוק! ער רעדט דאָך שוין באַלד ווי איינער פון יענער חברה . . .

ר׳ ישראל לוסקעלער, א ייד א קפדן, ווי דער תנא שמאי, וואָס זיצט ניט ווייט ביי דער גמרא, קאָן עס מער ניט פאַרטראָגן ווי אזוי דער שוסטער יונג איזדיעקעוועט זיך מיט זיינע נארישע קלאָץ־קשיות איבער דעם שטילן, גאָטספאַרכטיקן ר׳ ניאָכקע דעם שוחט, צעשרייט זיך אויף אים מיט כעס:

— שוסטערשער קאָפּ! וואָס ליאַרעמסטו? עס שטייט דאָך אזוי אין פּסוק!

— נו, און אז עס שטייט אין פּסוק איז וואָס? — ענטפערט אים גבריאל מיט א פראַגע.

— רש״י זאָגט עס דאָך!

— נו, פונוואַנען האָט עס רש״י גענומען? איך וויל פּראָסטן פּשט! קלאָרן שכל ! . .

דאָ ווערט ישראל לוסקעלער שוין גוט אין כעס און שרייט אויס:

— ס׳איז דאָך אויף דעם דאָ א בפירושע גמרא!

— וואָס דערציילט איר מיר מעשות מיט גמרות! — צעשרייט זיך גבריאל דער שוסטער נאָך העכער, — איך בין א פּראָסטער באַלמעלאָכע! איך וויל בלויז פאַרשטיין מיט מיין פּשוטן שכל, און איר ווילט מיר פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט א גמרא ! . .

ר׳ ישראל לוסקעלער פאַרלירט שוין דאָס געדולד, גייט אַרויס פון די כלים, גיט א מאַך מיט דער האַנט און צעשרייט זיך מיט א ירגזון:

— מיט א שוסטער, אן עקשן, וויל איך מער ניט פירן קיין וויכוחים!..

אָט אזעלכע סצענעס פלעגן ניט איינמאָל פאָרקומען אין בית מדרש צווישן גבריאלן מיט די לומדים פון שטעטל. די שיינע יידן, די יודעי ספר, האָבן שוין פאַר אים מורא געקראָגן, זיך דערווייטערט פון אים, אבי ער זאָל זיי ניט פאַרוואַרפן מיט זיינע ווילדע, עקשנותדיקע קשיות . . .

אָט דער דאָזיקער גבריאל דער שוסטער, דער מוראַדיקער עקשן, וואָס האָט זיך ניט געשראָקן וואָס דער ״פּסוק זאָגט״, וואָס ״רש״י מאַכט״ און וואָס די ״גמרא ברענגט״, סיידן ער האָט אליין, מיט זיין אייגענעם שכל, ״גוט צעקייט״, האָט געמאַכט חוכא וטלולא, אש און פּאַרעך פון פּנחסן מיט זיין רעוואָלוציע און מיט אלע ״צעצעלישטעלעד״ איניינעם. ער האָט אויך

געמאכט חוזק פון די קאמעניצער און זאסטאוויער מייסטערס וואָס האָבן זיך אזוי דערשראָקן פאר "די רויטע העמדלעך איבער די הויזן"... ער אָבער, האָט ער זיך בארימט, וועט זיך ניט לאָזן פירן פון זיי פאר דער נאָז! אויב די סמאַרקאטשעס, די בונדיסטלעך וועלן וואגן קומען צו אים "אראָפּנעמען" זיינע פועלים פון דער ארבעט, וועט ער שפּאלטן קעפּ! בלוט וועט זיך גיסן!

ווי נאָר באָזשע מיט זיין "רעוואָלוציאָנערער גוואַרדיע" איז צוגע־קומען צו זיין פענצטער און אויסגעשריען זיין באקאנטן לידל:

— דאָלאָי צאר ניקאָליי! געגוג געאַרבעט! — האָט גבריאל באלד געכאַפּט א קאָפּול אין איין האנט, א האמער אין דער צווייטער און זיך צע־שריען, אז ער וועט זיי באלד ווייזן, די האָלעדריגעס, ווער עלטער עס איז!

זיין ווייב, אלטע די שניידערקע און זיינע קינדער, האָבן זיך גענומען בעטן ביי אים מיט טרערן אין די אויגן, אז ער זאָל זיך בעסער ניט אָנהייבן מיט די רעוואָלוציאָנערטשיקעס און לאָזן די ארבעטער גיין אהיים. אָבער ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט פאָלגן.

מיטאמאָל האָט זיך דערהערט א בריאזג. ס'האָבן אָנגעהויבן פליען שטיקער גלאָז פון די פענצטער און שטיינער גלייך צו אים אין שטוב אריין.

גבריאלס קינדער און זיין ווייבס מיידלעך, די שניידערקעס, זיינען אריינגעפאלן אין א היסטעריקע, האָבן געשריען, געקוויטשעט מיט באנו־מענע קולות.

גבריאל האָט מיט גוואלד זיך ארויסגעריסן פון זיין ווייבס אָרעמס און מיטן שוסטערשן האמער אין האנט ארויסגעלאָפן אינדרויסן זיך שלאָגן מיט דער רעוואָלוציע...

באָזשע, וואָס איז געווען העכער און שטארקער פונם קורצן, גראָב־בייכיקן גבריאלן, האָט מיט א ווילדער רציחה זיך ארויפגעוואָרפן אויף זיין שונא און אים גענומען זעצן מיט די פויסטן און מיט זיין גרויסן, אָקסישן קאָפּ, אין בויך, אין די זייטן, וו נאָר ער האָט געקאָנט, און דערביי האָט ער געסאָ־פּעט און געברומט:

— דו, דו, דו, בורזשוי! דו, דו, דו, בלוט־זויגער!..

ס'האָט זיך צעפלאקערט א קאמף אויף טויט און אויף לעבן צווישן דער רעוואָלוציע און דער קאָנטר־רעוואָלוציע, אזוי לאנג ביז די "רעוואָלוציע" איז, ווי אלעמאָל, ארויסגעקומען די זיגערין...

וואָכן־לאנג איז גבריאל דער שוסטער געלעגן אין בעט א צעהרגעטער אויף אלע אברים. פון דעמאָלט אָן, האָט ער שוין מער ניט געלאכט און גע־חוזקט פון די "צעצעליסטלעך" מיט די רויטע העמדלעך איבער די הויזן...

א פחד איז אָנגעפאלן אויפן שטעטל. די ארויסגעשטאַרצטע קישע־לעך; מיט וועלכע גבריאלס ווייב האָט פארשטעקט די אויסגעזעצטע שויבן פון אירע פענצטער, האָבן, ווי מיט שטומע אויגן, געוואָרנט יעדער איינעם צו געדענקען, אז ס'איז גלייכער און פיל געזינטער זיך מער ניט אָנצוהייבן מיט באָזשען און מיט דער רעוואָלוציע...

איסר קאַצאַפּ

דער דאָזיקער צונאָמען — קאַצאַפּ, מיט וועלכן שטעטעלע האָט אים ״געקרוינט״, איז געווען אויף אים ווי אָנגעמאָסטן, מחמת מיט זיין גאַנצער פיזיאָגנאָמיע און מיט אַלע זיינע געגנגעלעד איז ער גאָר ניט פּאַכאָזשע געווען אויף די בני אברהם יצחק ויעקב, נאָר ווי ער וואָלט געווען אַן אמתער, רוסישער קאַצאַפּ פון קאַצאַפּנלאַנד. און אָט האָט איר זיין פּאָרטרעט:

א קורץ־פּיסיקער, א גראָב־בייכיקער, מיט ברייטע פּלייצעס, א גרויסער קאָפּ מיט א געדיכטער, בלאָנדער טשופּרינע, א רויטער קארק, א פּול־קיילעכיק פּנים, מיט א פלאַמיקער, רויטער באָרד, שאַרפע גרויע אויגן, שווערע קלעצלדיקע פיס און מיט א פּאָר שטאַרקע, געזונטע ידים, מיט וועלכע ס׳איז פּיל גלייכער געווען זיך ניט אָנצוהייבן . . .

פאַרמאָגט האָט ער אַן אייזערנע גבורה. האָט ער עמיצן ״מכבד״ געווען מיט א פּאַטש, איז ביי יענעם באַלד ניט געבליבן קיין איין צאָן אין מויל, אזוי אַז וועגן זיין משונהדיקן, ווילדן כוח, אין שוין ארומגעגאַנגען אין שטעטל מעשׂות און לעגענדעס, ווי א שטייגער:

מיט איין האַנט האָט ער געקענט אויפהויבן א פינף־פּודיקן זאַק־תבואה. ״אַנומלטן״ האָט א יונג פערד זיך צעיאָגט און זיך צעווילדעוועט, און אָנגעמאַכט א שרעקלעכע סומאַטאָכע אין גאַס. איז ווי גיך איסר קאַצאַפּ האָט א כאַפּ געטאָן מיט א האַנט ביים הינטערשטן ראָד פון וואָגן, איז דאָס צעווילדעוועטע פערד באַלד געבליבן זיצן אויף אַלע פיר אויף דר׳ערד.

און אָט איז א צווייטע מעשׂה: איינמאָל, אין מיטן א מאַרק־טאָג, האָבן א פּאָר שיכורע גויים זיך צעבראָקעט און גענומען שרייען, ווי דער שטייגער איז: ״בעי זשידאָוו״! שלאָגט די יידן! עס איז אַלעמען באַפאַלן א טויט־שרעק. מ׳האָט באַלד געכאַפּט און פאַרהאַקט די קרעמלעך, די טירן און לאָדן פון די הייזער. איז געקומען צו לויפן איסר קאַצאַפּ, א כאַפּ געטאָן איין גוי מיט דער רעכטער האַנט, דעם צווייטן גוי מיט דער לינקער האַנט, אָנגעהויבן זיי זעצן און קלאַפּן איינער אינם אַנדערן, אזוי אַז ער האָט פון די צוויי גויים שיר ניט געמאַכט איין פּלעצל. אָט אַזאַ ווילדן כוח האָט ער פאַרמאָגט.

און ווי געזונט ער איז געווען, אזוי שלעכט און ביטער איז ער געווען.

מיט איטלעכן האָט ער זיך ארומגעקריגט און ארומגעשלאָגן. ס'האָט אין אים שטענדיק געברויזט א ווילדע תאווה דווקא צו פארפירן מיט איטלעכן א קריג, א געשלעג, א "דראקע"; ווייזן ווער שטארקער עס איז, ווער וועמען ס'וועט בייקומען, אזוי אז גאנץ שטעטל זאָל זיך צונויפלויפן. ווער נאָר ס'איז פאַר־בייגעגאנגען זיין שטוב, האָט ער "זאטשעפּעט", באפאלן, ווי א בייזער, צערייצטער הונט, מיט זילזולים און קללות, ניט ווייסנדיק אליין פאר וואָס. און אז דער באפאלענער האָט אָנגעהויבן "שטעלן פּיס", אבי שוין צו זיין וואָס ווייטער פון אים, האָט עס אים נאָך מער צערייצט. דאָס איז פאר אים געווען, ווי מען זאָגט, א "פּאטש אין פּנים", די גרעסטע באלײדיקונג, וואָס מען איגנאָרירט אים און מען וויל ניט אָננעמען זיין "אויסגעשטרעקטע" האנט . . . פאר כעס פלעגט ער זיך צעשרייען:

— דו פּארך איינער! וואָס יאָגסטו זיך ווי דער טייוול?! עס שטייט דיר ווייזט אויס ניט אָן מיט מיר אביסל זיך א שפּיל צו טאָן? א רוח אין דיין טאטנס־טאטן אריין ! . .

ער פלעגט זיך באלד איינבויגן צו דר'ערד, כאפּן א שטיין, א שטיקל האָלץ, וואָס נאָר ס'איז אים געקומען אין האנט אריין און ווארפן יענעם אין קאָפּ אריין. האָט מען טאקע פאר אים געציטערט, ווי פאר א בייזער חיה, א וואָלקולאק אין מענטשן געשטאלט.

באזונדערס האָט ער פיינט געהאט בתכלית השנאה אָן אײדעלן יידן, א וווילגעלערנטן, ווי ס'איז שוין די טבע פון א בייזן עם־הארץ. אזא ייד האָט ביי אים ניט אנדערש געהייסן ווי "כניאָק", "אויסגעווייקטער הערינג", "פּאַ־פּירענע לאָמטערנע", "באנק־קוועטשער", "דארמאָיעדניק" און נאָך אזעלכע צונאָמענס. אזעלכע מענטשן, וואָס האָבן זיך ניט געקאָנט שלאָגן מיטן פויסט, זיינען אין זיינע אויגן געווען לא יוצלחס, טויגעניכטסן, אומנוציקע באשעפענישן אויף דער וועלט . . .

זיינע שכנים, צווישן וועלכע סהאָבן זיך געפונען יודעי ספר, האָבן טאקע געהאט פון אים צו זינגען און צו זאָגן. ער האָט זיי אָנגעטאָן געברענטע ליידן. ווען נאָר זיי האָבן געדארפט פארבייגיין זיין שטוב, אויפן וועג צום בית־מדרש, האָבן זיי זיך געפילט, ווי זיי וואָלטן געדארפט דורכגיין דורך א "סטראָי".

* * * * *

זיין ווייב גאָלדע, אָדער גאָלדעטשקע, ווי מ'האָט זי גערופן אין שטעטל, איז געווען נאָך ערגער פון אים. דאָס איז געווען שוין איינמאָל א מרשעת! ארייַנצופאלן אין איר פּיסקאטן מויל איז געווען חיות ניט זיכער! די ווייבער אין שטעטל פלעגן אויף איר זאָגן, אז ניט אנדערש ווי א פינצטע־רער דיבוק זיצט אין איר, "א גילגול פון בלעם הרשע", די צונג זאָל איר נאָר אָפּדארן, רבונו של עולם!

ווי נאָר זי פלעגט דערהערן איר ליב־האריצקן געמאָל, איסר קאצאפּן,

זיך קריגן מיט א שכן, פלעגט זי באלד קומען צו לויפן מיט א פארטוך שטיי־נער און שרייען צו אים:

— איסרל, וואס שווייגסטו?! נעם א שטיין און "פלעט" אים דעם קאפ! און פטור און עסק! .

א חוץ דעם איז זי נאך געווען א גרויסע "איינרייסערין", ארויסגע־האלפן איר מאן אין דער פרנסה. זי פלעגט אויפקויפן אויפן מארק ביי די פויערים הינער, הענער, אייער, חזיר־האר, פלאקס וכדומה. דעמאלט האט קיין איין שכן און קיין איין שכנה ניט געטארט צוגיין צו א גוישן וואגן. זי וואלט די אויגן אויסגעדראפעט, ווי אלע דארפישע גויים וואלטן באלאנגט נאר צו איר אליין.

און איינמאל האט גאלדעטשקע די מרשעת אויפגערודערט דאס גאנצע שטעטל. עס איז געווען שבת אינדערפרי באלד נאכן דאוונען. זיינען די ווייבער, ווי אלעמאל, געקומען צום בעקער אפצונעמען זייערע טשאלנטן. האט, מעשה שטן, גראד געדארפט טרעפן, א שכנה האט פארביטן איר טעפל־טשאלנט אויף גאלדעטשקעס, ווי ס'טרעפט אמאל צווישן יידישע טשאלנטן.

נו, פרעגט שוין ניט וואס ס'האט זיך דעמאלט געהאט אפגעטאן אין שטעטל. גאלדעטשקע האט דעם אומשולדיקן בעקער, נעבעך, געמאכט שווארץ שבת. זי האט אים די בארד געוואלט אויסרייסן. זי האט געשריען און נעליארעמט, אז זי וועט ניט אפטרעטן פון אים ביז ער וועט איר ניט צושטעלן איר טשאלנט. ס'האט שוין געהאלטן, אז איסר זאל קומען און פאנאנדערפירן זיינע געזונטע פאר ידים.

די שכנה וואס האט די גאנצע צייט געשוויגן, מחמת זי האט שטארק מורא געהאט זיך אנצוהייבן מיט גאלדעטשקען, זעענדיק ווי די מרשעת טוט זיך אזוי שטארק איזדיעקעווען איבער דעם בעקער, וואס איז נעבעך גאט די נשמה שולדיק, און וויל אים ניט אנדערש ווי אויסרייסן מיט אירע שארפע, קעצישע נעגל די בארד, האט זי אויס רחמנות אויף אים געכאפט, ניט טויט ניט לעבעדיק, דעם פארביטענעם טשאלנט און אים אפגעטראגן צו גאלדעטשקען, אבי דאס פינצטערע גיהנום זאל זיך איינשטילן.

אבער ווי גיך דער "דיבוק", גאלדעטשקע איסר קאצאפס האט צור־ריקגעקראגן איר טעפל־טשאלנט, האט זי א כאפ געטאן דער שכנהס טעפל און טראסטק! — גלייך צו דער שכנה אין פענצטער אריין . . .

אט אזא פינצטערע מרשעת איז דאס געווען. אבער וואס איז זיך דא צו חידושן? ווי זאגט דאס קלוגע יידישע שפריכווארט: "יעדער טעפל געפינט זיין שטערצל", וואס פאר א מאן, אזא ווייב האט ער . . .

* * * * *

א חוץ אלע אנדערע פרנסות זיינע, איז איסר קאצאפ אויך געווען א פישער. ד"ה, ניט ער אליין האט געכאפט פיש, נאר גויים פון די ארומיקע דערפער פלעגן כאפן פאר אים אין טייך, אדער ארויסגנבענען ביינאכט די

פיש פון זייערע שכנישע, פריצישע סאזשעלקעס און זיי ברענגען צו אים פארקויפן.

יעדער פרייטיק אינדערפרי פלעגט ער אנלאדן די באליעס פיש אויף זיין פערד און וואגן, און ארומפארן איבערן שטעטל און אויסרופן אויף זיין הייזעריקן קול:

— ווייבער! פרישע, צאפלדיקע פיש אויף שבת!

אבער אך און וויי איז געווען צו דער יידענע, וואס האט געוואגט אנרירן מיט אירע אייגענע הענט א פישל ביי אים אין דער באליע, אדער געפרוווט אפדינגען א גראשן אויפן פונט. באלד פלעגט זיך ביי אים אנצינדן די טריפענע יוכע, ער פלעגט כאפן א גרויסן העכט אדער א ברייטע פלאטיצע און נעמען פאטשן מיט דעם דער יידענע איבערן פנים. די צעפאטשטע יידענע פלעגט שוין נעבעך אנטלויפן פון זיין וואגן א פארשעמטע און אן פיש אויף שבת. אט אזא גזלן איז ער געווען . . .

ניט איינמאל פלעגן מענטשן אין שטעטל זיך וווּנדערן, הייבן מיט די פלייצעס: סטייטש, ווי קומט עס צו א יידן, וואס אין בית־מדרש איז ער דאכט זיך אזא גאטספארכטיקער, שרייט ביים דאווענען העכער פון אלעמען, ווי ער וואלט געכאפט מלאכים אין די פויסטן, זאל האבן אין זיך אזא גזלנישע, טריפענע בלוט? נאר גיי ווייס וואס עס טוט זיך אין א מענטשלעכער נשמה, וואס איז אפטמאל פינצטערער ווי אין סוף חודש?

שטעטל אבער, האט געפונען אויף אים א זכות, און געזאגט, אז דאס וואס ער איז אזוי שלעכט און ביטער איז עס גיכער די שולד פון דער רוסישער "סלוזשבע", ווו ער האט אפגעדינט פינף קיילעכיקע יאר דעם רוסישן צאר, ביז ער האט זיך דארט געהאט דערדינט צום "טשין" "באטקא", ד"ה, ער האט געדארפט לערנען און "מחנך זיין" די "נאוואבראנצעס", די נייע רעקרוטן, די גאנצע קאזארמע־תורה, און דער עיקר די "סלאוועסנאסט", די נעמען, דעם גאנצן סדר היוחסין פונם קייסערס עלטער־עלטער זיידן און עלטער־עלטער באבען ביז צו דעם "יורש עצר", זיין טראן־נאכפאלגער.

דער דאזיקער "באטקא", איסר קאצאפ, האט אזוי לאנג דארט געשלאגן און געממיתט זיינע אומגליקלעכע אונטערטאנען, די "נאוואבראנצעס", ביז ס'איז שוין געווארן ביי אים אזא חולשא, א מיאוסע טבע זיך צו שלאגן און זיך צו זידלען, אזוי אז ער האט שוין אן דעם ניט געקאנט לעבן. האט ער ניט געהאט קיין פרעמדן מיט וועמען זיך צו קריגן און מיט וועמען זיך צו שלאגן, האט ער זיך געקריגט און זיך ארומגעשלאגן מיט זיין אייגענעם ווייב, מיט די אייגענע קינדער און מיט זיך אליין . . .

און כאטש איסר קאצאפ איז שוין לאנג געווען באפרייט פון דער "סלוזשבע", דאך איז ער נאך אלץ געבליבן געטריי דער שבועה, וואס ער האט געגעבן דעם רוסישן קייסער, תמיד צו זיין גרייט צו גיין פאר אים אפילו אין פייער און אין וואסער.

האָט ער געזעצן עמיצן באַגיין אַ וועלכע ניט איז עוולה קעגן זיין אַמאָליקן "צאַר באַטיושקאַ", ווי למשל: אַ קרעמער האָט פאַרקויפט אַ פעקל טיטון אָן אַ באַנדעראָל, אָדער אַ שענקער אַ פלעשל בראַנפן אָן אַ פאַטענט און נאָך אַזעלכע קלענערע און גרעסערע עבירהלעך, פלעגט זיך באַלד אָנצינדן אין אים די ניכפּה, און ער פלעגט נעמען "שיסן" מיט רוסיש לשון, מיטן האַרטן ר־ר־רייש, וואָס ער האָט זיך געהאַט אויסגעלערנט אין דער סאָלדאַטשינע, ערגעץ טיף אין ראַסיי, און נעמען סטראַשען דעם "זינדיקן" יידן, אַז ער וועט אים מסרן, ער וועט אים פאַרשיקן קיין סיביר אויף קאַטאָרגע, און דערביי פלעגט ער באַנוצן אַזאַ שפּראַך, מיטן אמתן קאַזאַרמע־לשון, אַזוי אַז פאַר שרעק פלעגן די מאַמעס באַלד צוכאַפּן זייערע קינדער פון דער גאַס...

ניט איינמאָל טאַקע פלעגט ער כאַפּן אָנטאָן אויף גיך זיין שבתדיקע קאַפּאָטע, נעמען דעם שטעקן אין האַנט און "פּאַשאָל", גלייך אין שטאָט אַריין, צום פּריסטאַוו, און אים דערציילן פון אַלע עוולות און קריוודעס וואָס זיינע שכנים באַגייען קעגן דעם צאַר באַטיושקאַ . . .

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזאַ מסירהלע, האָט דער יידישער קרעמער, צי דער שענקער, שוין געהאַט אויף זיך דעם אמתן "פּעקל". מ'האָט נאָך געדאַנקט און געלויבט דעם וואָס לעבט אייביק, וואָס מ'איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק, מיט אַ פּאָר רובל "לאַ יחרץ געלט", וואָס מ'האָט גע־דאַרפט אַריינרוקן דעם פּריסטאַוו, צי דעם אוריאַדניק אין יד אַריין . . . אַז אויסקרענקען זאָל עס איסר קאַצאַפּ, דער מסור, רבונו של עולם!

אָבער ניט אַלעמאָל זיינען איסר קאַצאַפּס "דאָנאָסן", זיינע מסירה־לעך אָפּגעגאַנגען גלאַטיק. וואָרים דער פּריסטאַוו, דער "אדון הגדול", הגם ער איז געווען אַ גאַנץ ווילער ערל — זיך געלאָזט נתנ'ען — אָבער אים מורא פאַר איסר קאַצאַפּן וואָס קאָן אים חלילה אויך פאַרמאַסרן פאַר דער העכערער נאַטשאַלסטוואָ — אַ קשיא אויף אַ יידישן קייסערלעכן פּאַטריאָט ? . . — האָט ער טאַקע ניט איינמאָל אַז אָרעמען יידן געמאַכט אַ "פּראָטאָקאָל". . .

אַזוי האָט שטעטעלע זאַסטאַוויע נעבעך געהאַט צו זינגען און צו זאָגן פון זייער געוועזענעם רוסישן סאָלדאַט — איסר קאַצאַפּ, און אים געשאָלטן מיט טויטע קלות.

און ווערדליק מ'האָט זיך געהאַט געשושקעט אין שטעטל, האָט שוין ניט איין יידענע, וואָס איז געפאָרן צום "גוטן יידן", דעם "שמיד", אַזש קיין דראַהאָטשין, בעטן אַ ברכה אויף געזונט, אויף פּרנסה און אויף גוטע מזלדיקע זווגים פאַר זייערע אונטערגעוואַקסענע טעכטער, האָט שוין פאַר איין וועגס אויך געהאַט געבעטן ביים "גוטן יידן" אַ מפּלה אויף איסר קאַצאַפּן, דעם שטעטלשן מסור.

אָבער דער "גוטער ייד" האָט פריער זיך געהייסן ברענגען איסר קאַצאַפּס אַ העמד, וואָס ער טראָגט אויף זיין לייב. דעמאָלט וואָלט ער

אים שוין מסתמא געווען "געבענטשט" מיט קיצור ימים, ווי ס'האָט שוין ניט איינמאָל געטראָפן מיט אזעלכע שטעלשע מוסרים, וועמען די "גוטע יידן" האָבן פארשאָלטן. אָבער גיי פאָלג מיר א גאנג און קריג ארויס ביי איסר קאצאפן א העמד פון זיין לייב! סיידן נעם און זאָג אָפּ באַציטנס ווידוי...

* * * * *

ס'האָט זיך אָנגעזאָגט דאָס יאָר 1905. גאנץ רוסלאנד האָט געפּי־בערט מיט רעוואָלוציע, וואָס איז שוין געהאט דערגאנגען אזש צום שטעטל קאמעניץ און צו איר פארשטעטעלע זאסטאַוויע. אין דער שטיל, אז קיינער זאָל ניט זען, האָבן קאמעניצער און זאסטאַוויער יונגעלייט, בחורים און מיידלעך, אויסגעפּוצטע אין רויטע העמדלעך, אין רויטע בלוזעס, אָפּגע־האַלטן "סכאָדקעס", "סאָבראַניעס", אונטערערדישע פארזאמלונגען, אמאָל אין אָלשינע וועלדל און אמאָל אויף די "מאָגילקעס", צווישן די גויישע מצבות, ווו מ'האָט אויסגעאַרבעט אַלע נויטיקע פּלענער וואָס גיכער אראָפּצוואַרפן דעם רוסישן קייסער פון טראָן און איינפירן די "סוואָבאָדאַ", פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט פאר אַלעמען . . .

ווי נאָר איסר קאצאפּ האָט זיך פון דעם דערוווּסט, איז ער געוואָרן מלא רציחה:

— וואָס הייסט? —האָט ער געשריען און געליאַרעמט, — אָט די דאָזיקע שוסטערוקעס און די שניידערוקעס, די צעצעליסטלעך מיט די רויטע העמדלעך איבער די הויזן, ווילן עס אראָפּוואַרפן זיין צאר ניקאָליי ווטאָראָי פון טראָן?! ניט דערלעבן וועלן זיי עס! ער וועט זיי שוין ווייזן ווי צו מאכן רעוואָלוציעס! עס וועט זיין א רוח אין זייער טאַטנס טאַטן אריין! . .

קודם־כל האָט ער זיך א נעם געטאָן צו די טאַטעס פון די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערטשיקעס און אויסגעלאָזן כל חמתו אויף זייערע קעפּ. ער האָט געשריען, געמאכט סקאנדאַלן, "מעכב הקריאה" געווען, אז ניט אנדערש מען מוז זיי ארויסטרייבן פון בית מדרש! וואָרים מיט אזעלכע טאַטעס, וואָס האָבן געקאָנט אויסהאָדעווען זין און טעכטער אפּיקורסים, צעצעליסטן, טאָר מען אינגאַנצן ניט דאַוונען אין א מקום־קדוש! ער האָט געשוואָרן, און דערביי זיך געקלאַפּט מיט א פויסט אויפן הארצן, אז ער וועט ניט שווייגן ביז ער וועט זייערע "קדישים", זייערע זינדלעך די צעצעליסטלעך און זייער טעכטערלעך די צעצעליסטקעס, ניט אויסרייבערן פון שטעטל!

איינמאָל איז געשען אזוינס, וואָס האָט איסר קאצאפן אריינגעשפּילט אין די הענט אריין. עס איז געווען זומער, שבת אינדערפרי, אין בית־מדרש, נאָכן "לייענען". דער בעל־תפילה האָט זיך שוין געשטעלט זאָגן דעם "הנותן תשועה", ד"ה, דעם "מי שברך", די תפילה פאַרן געזונט פונם קייסער און זיין משפחה, ווי עס פירט זיך אין אַלע יידישע קהילות. האָבן פּלוצלונג זיך אריינגעריסן די זאסטאַוויער רעוואָלוציאָנערן אין בית־מדרש אריין, פאר־כאַפּט דעם בעלעמער מיטן עמוד און ניט געלאָזט בענטשן דעם קייסער אין

פּעטערסבורג. וואָרים, זאָגט אַליין, ווי איז דאָס געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך? זיי ווילן דאָך, אַז דער צאַר ניקאָליי, דער רשע מרושע, זאָל וואָס גיכער איינ־נעמען אַ מיתה משונה, און אויב ניט, וועלן זיי אים אַ לעבעדיקן אַראָפּוואַרפן פון טראָן, איז צום סוף זאָל מען אים נאָך בענטשן?! און נאָך ווו? אין אַ מקום־קדוש, פאַר די אויגן פון די ספרי תורות?! ניין, דאָס טאָר בשום אופן ניט דערלאָזט ווערן ! . .

אָ, וויפל די באַלעבאַטים האָבן ניט געפּרוווט איינצוטענהן מיט זיי, מיט גוטן און מיט בייזן, אַז מ'טאָר אַזאַ זאַך ניט טאָן, וואָרים ס'קאָן נאָך חלילה פון דעם אַרויסקומען אַ גרויס אומגליק, אַ צרה אויפן גאַנצן כלל ישראל, האָט עס ניט געהאָלפן. די צעצעליסטלעך האָבן זיך געהאַלטן ביי זייערס, אַז פון היינט אָן און ווייטער, איז אויס מיטן "הנותן תשועה"! . .

איסר קאַצאַפּ האָט באַלד אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם טלית, געכאַפּט אַ מעשענעם לייכטער פון טיש, גענומען מיט אים פאָכען אין דער לופטן און זיך צעשריען אויף זיין כריפּנדיקן קול:

— אויב די פאַרשאָלטענע צעצעליסטלעך וועלן ניט אַראָפּגיין פון בע־לעמער און וועלן ניט לאָזן דעם "חזן" מאַכן דעם "הנותן תשועה למלכים", וועט ער שפּאַלטן קעפּ! בלוט וועט זיך גיסן אין די גאַסן!

דער בעל־תפילה איז נעבעך געשטאַנען אַ בלייכער, אַ צעשראָקענער און ניט געוווסט וואָס צו טאָן. פון איין זייט איז געשטאַנען איבער אים אַ צעצעליסט מיט אַ דובינע אין האַנט און געשריען צו אים, אַז אָנשטאָט "הנותן תשועה" זאָל ער נעמען זאָגן "יקום פּורקן" און דאַוונען ווייטער. פון דער צווייטער זייט איז געשטאַנען איסר קאַצאַפּ מיט אַ מעשענעם לייכטער און געשריען אַז ער זאָל דווקא זאָגן דעם "הנותן תשועה" פאַרן קייסער.

ווי נאָר דער בעל־תפילה האָט געעפנט דאָס מויל, האָבן די צעצע־ליסטלעך אָנגעהויבן פייפן, קוויטשען, טופּען מיט די פיס, ווי ס'וואָלט איצט געווען ניט שבת ביים דאַוונען, נאָר פּורים ביינאַכט צו דער מגילה, ווען ס'איז אַ מצווה צו שלאָגן המן הרשען . . .

ווי אַ ווילדער, צערייצטער אָקס, האָט איסר קאַצאַפּ זיך אַרויפגע־וואָרפן מיטן לייכטער אין האַנט אויף די צעצעליסטלעך און גענומען דרעשן איבער זייערע קעפּ. עס איז געוואָרן אַ שרעקלעכער טומל, אַ געשריי עד לב השמים. די באַלעבאַטים האָבן זיך באַלד געשטעלט אויף איסר קאַצאַפּס זייט און אים נאָך צוגעהאָלפן שלאָגן די רעוואָלוציאָנערטשיקעס. די ווייבער האָבן זיך אַריינגעריסן פון ווייבער־שול צו די מאַנצבילן, געוואָלט זיך איינשטעלן פאַר זייערע קינדער. דער גאַנצער בית־מדרש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן שלאַכטפעלד. אויף דר'ערד האָבן זיך געוואַלגערט צעריסענע טליתים, סידורים, חומשים, קאַפּעליושלעך, רויטע העמדלעך, היטלען, יאַר־מעלקעס און ווייבערשע פּאַרוקן און קאָפּ־טיכלעך.

די בונדיסטלעך, זעענדיק אַז דער גאַנצער בית מדרש איז אויפגע־

שטאַנען קענן זיי ווי איין מאַן, אַזוי אַז ס'וועט זיי נאָך חלילה באַלד אויס־קומען צו שלאָגן זיך מיט זייערע אייגענע טאַטעס, האָבן זיי פאַרלאָרן זייער קריגערישן מוט און מיט גרויס חרפּה און שאַנדע זיינען זיי זיך צעלאָפן פון בית־מדרש.

פאַרשיכורט פונם גרויסן ניצחון, וואָס ער האָט אַקאָרשט אָפּגעהאַלטן קעגן די שונאים פונם רוסישן צאַר ניקאָליי ווטאָראָי און מיט דעם געראַטע־ווערט די "סאַמאָדערזשאַוויע", די צאַרישע זעלבסטהערשאַפט איבערן שטע־טעלע זאַסטאַוויע, איז איסר קאַצאַפּ באַלד אַוועקגעלאָפן אין שטאָט און אַרויסגעגעבן דער פּאָליציי אַלע נעמען פון די בונטאַוושטשיקעס, וואָס האָבן געהאַט די העזה ניט צו לאָזן מאַכן "מי שברך" דעם צאַר באַטיושקאַ . . .

בלילה ההוא, אין סאַמע מיטן דער נאַכט, האָט די פּאָליציי זיך אַריינגעריסן אין די יידישע הייזער, אַרויסגעשלעפּט די צעצעליסטן און די צעצעליסטקעס פון די בעטן און זיי פאַרשפּאַרט אין "חד גדיא". און פאַר איין וועגס האָט זי שוין אויך געהאַט אַרעסטירט און פאַרנומען מיט זיך אַלע סידורים, חומשים, מחזורים, קינות און סליחות, וואָס זי האָט געהאַט אָנגע־נומען פאַר אומלעגאַלער, רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור . . .

אין שטעטל האָט זיך געטאָן חושך. מאַמעס זיינען אַרומגעלאָפן, געבראָכן די הענט, געריסן זיך די האָר פון קאָפּ, געקלאָגט און געוויינט, האָבן איינגעלייגט וועלטן; טאַטעס מיט בלייכע פּנימער און מיט צעפּלאָשעטע בערד און פּאות, זייענע אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמטע מייז, האָבן אָנגעשטעלט שתדלנים, פּירשפּרעכער, אַז זיי זאָלן זען וואָס גיכער אַרויסראַטעווען זייערע זין און טעכטער פון גוישע הענט, איידער מען שיקט זיי אָפּ פון שטעטל מיטן עטאַפּ, אַזש קיין סיביר . . .

שטעטל האָט באַלד צונויפגעקליבן אַ היבשע אַפּותיקאַ פאַר דער גרוי־סער מצווה פון "פּדיון שבויים", וואָס מ'האָט אַריינגעטראָגן דורך אַ הינטער־טיר צו די "הויכע פּענצטער" פון דער שטאָטישער, רוסישער נאַטשאַלסטווע. אַזוי אַרום איז געלונגען אַרויסצוראַטעווען די רעוואָלוציאָנערע זין און טעכ־טער פון קאַטאָרגע. און אויף דער ערבות פונם רב און חשובע באַלעבאַטים איז אויך געלונגען צו באַפרייען פון תפיסה די צענדליקער סידורים, מחזורים, קינות און סליחות און נאָך אַזעלכע הייליקע ספרים, וואָס די פּאָליציי האָט געהאַט אָנגענומען פאַר "טריפהנער סחורה". . .

נאָך דער דאָזיקער שרעקלעכער מסירה, האָבן די זאַסטאַוויער און קאַמעניצער רעוואָלוציאָנערטשיקעס באַשלאָסן צו לאָזן דערוויל צו רו דעם קייסער אין פעטערסבורג און זיך בעסער נעמען צו איסר קאַצאַפּן און לערנען מיט אים די סדרה בלק, אַזוי אַז ער זאָל שוין פאַרזאָגן אַ צענטן מער ניט צו זיין קיין מסור.

געזאָגט און געטאָן. עס איז געווען די ערשטע נאַכט פון שבועות. אַלע יידן פון שטעטל זיינען געזעסן אין בית־מדרש, צווישן זיי אויך איסר

קאצאפּ, און געזאָגט מיט גרויס כוונה דעם "תיקון שבועות". פּלוצלונג איז געקומען צו לויפן איסר קאצאפּס טעכטערל און איינגערוימט איר טאַטן א סוד אויפן אויער, אז די באַביטשער גויים, זיינע שטענדיקע פישער, האָבן גע־בראַכט צו פירן א וואָגן מיט פיש.

איסר קאצאפּ האָט באַלד פאַרגעסן אויפן "תיקון שבועות", אויפן יום־טוב פון מתן־תורה, און הענדום־פּענדום ארויסגעלאָפן פון בית־מדרש צו כאַפּן וואָס שנעלער די גרויסע מציאה, די געגנבעטע פיש . . .

נאָר אָנשטאָט איסר קאצאפּ זאָל כאַפּן די פיש, האָבן די זאסטאַוויער צעצעליסטן, וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרשטעלט פאַר גוייִשע פישערלייט, ארויפגעוואָרפן א זאַק איבער זיין קאָפּ, א כאַפּ געטאָן אים פאַר די הענט און פאַר די פיס, אריינגעשלײדערט אים אין וואָגן, א שמיץ געטאָן דאָס פערד און היידא!

זיי האָבן אים פאַרפירט ערגעץ אין אָן אָפּגעלעגטן ווינקל, דורכגעפירט איבער אים א משפּט און טאָקע גלייך אויפן אָרט, אים מקיים פּסק געווען ווי ס'געהער צו זיין. מ'האָט אים דאָרט אזוי שטאַרק צעשלאָגן און צעקאַ־טעוועט, אז ער זאָל שוין האָבן צו געדענקען אויף קינדס־קינדער מער ניט זיין קיין מסור ביי יידן . . .

נאָך דער דאָזיקער פייערלעכער "משכנתא" (עקזעקוציע), וואָס חברה האָט אים דאָרט "מכבד" געווען מיט דער ברייטער האַנט, איז איסר קאצאפּ אָפּגעלעגן א היבשע צייט אין בעט און ניט געקענט רירן מיט קיין אבר. פון דעמאָלט אָן האָט ער אויפגעהערט זיך אָנצונעמען די קריוודע פון זיין "צאַר באַטיושקא", דעם רוסישן קייסער, וועמען ער האָט געשוואָרן צו דינען געטריי זיין גאַנץ לעבן . . .

יאָרן זיינען געלאָפן. פונם רוסישן צאַר ניקאָליי ווטאָראָי איז שוין לאַנג ניט געבליבן קיין זכר. איבערן שטעטעלע זאסטאַוויע האָט שוין גע־הערשט ביד חזקה די פּוילישע־פּריצישע מלוכה, וואָס איז פאַר דער יידישער באַפעלקערונג געווען ווייט ניט בעסער פון דער צאַרישער הערשאַפט. אין דער צייט האָט שטעטעלע זאסטאַוויע דערלעבט אָן איסר קאצאפּ די אמתע נקמה. און הערט ווי אזוי:

די טרויעריק־באַרימטע פּוילישע זשאַנדאַרמעריע האָט מיט א באַ־זונדערער שנאה זיך געהאַט ארויפגעוואָרפן אויף דער יידישער יוגנט, וואָס זי האָט באַטראַכט פאַר געפערלעכע באָלשעוויקעס, שונאים פונם נייעם אויפ־געקומענעם פאָטערלאַנד. פאַר יעדער מינדסטן חשד האָט מען די יוגנט אריינגעוואָרפן אין די תפיסות, וווּ מ'האָט זיי געפּייניקט מיט כל ענויים קשים.

אָבער וואָס מער מ'האָט דער פאַרהונגערטער יידישער יוגנט פאַר־פאָלגט, אַלץ מער האָט זי זיך געריסן צו די אונטערערדישע קאָמוניסטישע

קרייזלעך, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר א ציל צו באַפרייען דעם פאַר־שקלאַפטן פוילישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס וועט שוין אויך ממילא ברענגען די גאולה פאַר די ליידנדיקע יידישע אַרבעטער־מאַסן . . .

אין די דאָזיקע געהיימע, קאָמוניסטישע קרייזלעך זיינען אויך אַריינ־געצויגן געוואָרן איסר קאַצאַפּס קינדער, א זון און א טאָכטער.

ווען דער אַלטער טאַטע, איסר קאַצאַפּ, האָט זיך דערוווּסט, אַז זיינע קינדער זיינען שוין אויך געוואָרן רעוואָלוציאָנערטשיקעס, און נאָך וואָס פאַר א רעוואָלוציאָנערן — באָלשעוויקעס! איז ער געבליבן א געפּלעפּטער, ווי ער וואָלט פּלוצלונג געקראָגן מיט א שווערער דובינע איבערן קאָפּ. ס'האָט אים אָנגעהויבן טרייסלען ווי אין א קדחת. ס'האָט זיך אָנגעצונדן אין אים זיין אַמאָליקע טריפענע יוכע. ער האָט געכאַפּט זיין שטעקן און גענומען שלאָגן זיינע באָלשעוויסטישע קינדער וויפל כוח ער האָט נאָר געהאַט.

זיין ווייב גאָלדע, אָדער גאָלדעטשקע, ווי מ'האָט זי גערופן אין שטעטל, האָט, ווי א געטרייע מאַמע, זיך אַריינגעוואָרפן צווישן איר צערייצטן מאַן און אירע קינדער, און געוואָלט זיי באַשיצן מיט איר אייגענעם גוף. דער צאָרנדיקער איסר קאַצאַפּ האָט זיין גאַנצן כעס אויסגעלאָזן אויף איר און זי געשלאָגן מכּת רצח. און דערביי געשריען און זי געשאָלטן מיט טויטע קללות, אַז נאָר זי איז שולדיק, וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן פון איר טראַכט אַזעלכע פאַרשאָלטענע קאָמוניסטישע קינדער . . . אָבער ער וועט ניט שווייגן, ביז ער וועט פון זיי ניט אַרויסטרייבן דעם באָלשעוויסטישן גילגול . . .

נאַכט־איין, נאַכט־אויס, פּלעגן ביי איסר קאַצאַפן אין שטוב זיך אָפּ־שפּילן שוידערלעכע סצענעס, געשלעגערייען, געשרייען און גוואַלדן, וואָס האָבן זיך צעטראָגן איבערן שטעטל. און כאָטש די שכנים האָבן צוליב דעם ניט געקענט צומאַכן אַפילו מיט אַן אויג, פונדעסטוועגן האָט עס זיי שטאַרק הנאה געטאָן. וואָרים אויף אַזאַ זיסער נקמה אָן זייער שכן, דעם קאַצאַפּ, וואָס האָט זיי א לעבן־לאַנג אָנגעטאָן געברענטע ליידן, האָבן זיי זיך גאָר ניט געריכט.

און איינמאָל שפּעט ביינאַכט, ווען זיינע קינדער זיינען געקומען פון א געהיימער קאָמוניסטישער פאַרזאַמלונג, האָט איסר קאַצאַפּ זיך אַרויפגע־וואָרפן אויף זיי מיט די פויסטן, מיטן שטעקן, מיט אַזאַ ווילדקייט, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין. ער האָט גענומען שליידערן אין זיי כלים, בענקלעך, וואָס נאָר ס'איז אים געקומען אין האַנט אַריין. אָבער דאָ האָט שוין גע־פּלאַצט ביי זיינע קאָמוניסטישע קינדער דאָס געדולד און זיי זיינען אַרויס מיט לשון, גענומען אים אויפוואַרפן אַלע זיינע אַמאָליקע חטאים, ווען ער איז געלאָפן מסרן די בונדאָווצעס, די שכנים, די קרעמער און די שענקער. און וויסן זאָל ער, אַז ס'איז שוין היינט אַנדערע צייטן! זיי וועלן זיך שוין פון אים ניט לאָזן שלאָגן ! . .

דאָ האָט דער טאַטע, איסר קאַצאַפּ שוין מער ניט געקאָנט אַריבער־טראָגן. זיינע קינדער, וואָס האָבן שטענדיק געציטערט פאַר זיין קוק,, זאָלן וואַגן אים אַזוי צו באַליידיקן, ריידן אים אַנטקעגן, רופן אים מסור! דאָס איז שוין געווען איבער זיינע כוחות.

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, אָנגעטאָן אויף גיך זיין קאַפּטן, געכאַפּט דעם שטעקן און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, און דערביי געשריען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם:

— איך וועל זיי שוין ווייזן ווער עלטער איז! אין קייטן וועל איך זיי פאַרשמידן ! . .

זיין ווייב, גאָלדעטשקע, און די קינדער האָבן אים געפּרוווט פאַר־שטעלן דעם וועג, זיך געבעטן ביי אים מיט רחמנות, אַז ער זאָל ניט גיין, האָט ער מיט רציחה זיי אָפּגעשטויסן פון זיך, געגעבן אַ טראַסק מיט דער טיר און איז אַוועק.

ער איז געלאָפן מיט האַסטיקע טריט, געטריבן ווי פון אַ שטורעם, גלייך אין "שטאָט" אַריין , צום פּוילישן פּאָליציי־קאָמענדאַנט, ביז ער איז געקומען צו די בריקן. דאָ האָבן זיינע געשוואָלענע פיס זיך אָפּגעזאָגט אים ווייטער צו טראָגן. ס'איז אים באַפאַלן די שווערע אַסטמאַ און אים גע־נומען שטיקן ביים האַלדז, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען, אַזוי אַז ער האָט שוין מער דעם אָטעם ניט געקענט אָפּכאַפּן. ס'האָט אים אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן. ער האָט זיך אַ וואַקל געגעבן און אַ פאַל געטאָן צו דר'ערד, ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים.

ווען מ'האָט אים, קוים אַ לעבעדיקן אַרויפגעלייגט אויפן וואָגן צו ברענגען אים צוריק אַהיים, האָט ער דורך פאַרשוימטע ליפּן געהאַלטן אין איין מורמלען:

— איך וועל זיי מ־מ־מסרן . . . איך וועל זיי מ־מ־מסרן ! . .

שלמהקע דער "שרייבער"

דאָס איז שוין א דבר ידוע לכל, אז יעדער שטעטל האָט געהאט א טבע זיך צו בארימען און זיך אויסצופיינען מיט אירע וואונדערלעכע, אויס־טערלישע זאכן, וואָס נאָר זי האָט געהאט די זכיה עס צו האָבן. ווי למשל: איין שטעטל האָט זיך געהאט איבערגענומען מיט איר הויכן בארג, וואָס זיין שפּיץ דערגרייכט שיר ניט צו די כמארעס; א צווייט שטעטל האָט זיך שטארק געגרויסט מיט איר רייכן גביר, וואָס פארמאָגט אוואדע קורחס אוצרות; א דריט שטעטל איז געווען ביי זיך זייער שטאָלץ מיט איר שיינער, פּראכטפולער שול, מיט איר זעלטן שיינעם, אויסגעשניצטן ארון־קודש, מיט די לייבן, הירשן און אָדלערס, וואָס קוקן אוים ווי לעבעדיקע, און נאָך אזעלכע וווּנ־דערלעכע זאכן.

אָט נעמט א שטייגער די שטאָט קאמעניץ־ליטאָווסק: זי האָט זיך געהאט שטארק איבערגענומען מיט איר גרויסן, היסטארישן סלופּ, וואָס לויט אן אלטער לעגענדע, האט אים געבויט עפּעס א פארצייטיקער, ליטווישער דוכס (א פירשט). און כדי דער "סלופּ" זאָל זיין שטארק ווי א פעלז און קאָנעןביישטיין דעם שונא, האָט מען די ליים פאר זיינע ציגל געקנאָטן מיט געלכלעך פון אייער, אַנשטאָט מיט וואסער . . .

אין די לעצטע יאָרן, פון אונדזער צייט, האָט די זעלבע שטאָט קאָ־מעניץ זיך שטארק געגרויסט מיט איינעם פון אירע "זין", מיטן נאָמען "שלמהקע דער שרייבער", וואָס האָט געלעבט אין איר מיט.

און ווערליק דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט אים געקענט, געווען זיין בעסטער יונגט־חבר, קאָן עדות זאָגן, אז שטאָט קאמעניץ האָט טאקע געהאט מיט וואָס זיך צו בארימען און זיך צו גרויסן מיט אים. וואָרים דער קליינער שלמהקע מיט די בלויע אויגן, פולן קיילעכדיקן פּנים און מיט די ראָזעווע בעקלעך און מיט די מיידלשע חן־גריבעלעך אין זיי, איז געווען א זעלטענער עקזעמפּליאר. נאָך אין זיינע קינדער־יאָרן האָט מען אויף אים שוין געהאט געזאָגט, אז ער וואקסט א "כלי", א גרויסער עלוי; ער האָט טאקע פארמאָגט א שארפן קאָפּ און א פענאָמענאלן זיכרון, אזוי אז מ'האָט געקוקט אויף אים ווי אויף א וווּנדער־קינד.

דער דאָזיקער שלמהקע איז טאקע גאָר אין גיכן בארימט געוואָרן

אין דער גאנצער געגנט אלס גרויסער "שרייבער". אָבער ניט עפּעס סתם א שרייבער, פון וועלכע ס'איז מעשה־ביכלעך, נאָר טאקע אן אמתער "שריי־בער". . . ווארים ווער נאָך האָט געקאָנט אָנשרייבן אזוי שיין א רוסישע פּראָשעניע ווי ער?! ניט נאָר א פּראָשעניע (א ביטע) צו א וועלכן ס'איז שררה, נאָר טאקע צום גובערנאטאָר אליין! און אז מ'האָט גענדארפט, האָט ער אויך אפילו געקענט "דערלאנגען" א פּראָשעניע צום קייסער! עפּעס א קלייניקייט, איר שפּילט זיך מיט שלמהקע דעם שרייבער? . .

ניט נאָר איז ער געווען א מאדים אויף רוסיש לשון, נאָר אויך אין אנדערע שפּראכן, ווי למשל: דייטש, פּויליש. "און ווען אונדזער שטאָט קאַ־מעניץ וואָלט ארונטערגעפאלן אונטער דער ממשלה פונם "פעטער ישמעאל", דעם טערק, וואָלט שלמהקע באלד געוואָרן א טערקישער שרייבער". אזוי פלעגט מען אויף אים זאָגן אין שטעטל, בלשון גוזמא.

אנדערע פלעגן נאָך צוגעבן אין שפּאס: "אָט דאָס וואָס ער איז אזא "מזיק" א שרייבער, האָט ער עס צו פארדאנקען ניט קיין אנדערן ווי דעם מלאך גבריאל וואָס איז דער ממונה אויף אויסצולערנען די יונגע נשמהלעך די שבעים לשונות, נאָר איידער זיי נידערן אראָפּ אויף דר'ערד געבאָרן צו ווערן, גיט ער זיי א שנעל אונטערן נאָז, אין דער אויבערשטע ליפּ, ווו ס'פארבלייבט א סימן דאָס גריבעלע, פארגעסן זיי באלד אלץ וואָס זיי האָבן ביי אים אין הימל געלערנט. אָבער אונדזער שלמהקען האָט ער, ווייזט אויס, געהאט פארגעסן צו געבן אָט דעם שנעל אונטער דער נאָז, איז זיין נשמהלע אראָפּגעקומען אויף דר'ערד מיט אלע אויסגעלערנטע שבעים לשונות, די זיבעציק שפּראכן . . . אזוי האָט מען געשמועסט וועגן אים אין שטעטל.

* * * * *

דעם דאָזיקן גרויסן טאלאנט זיינעם צום שרייבן, האָט ער געירשנט פון זיין טאטן, יאָסל דעם "שרייבער", וואָס איז געווען יאָרן־לאנג דער איינציקער רוסיש־יידישער לערער אין שטאָט פאר די רייכע, באלעבאטישע יינגלעך און מיידלעך. א חוץ דעם איז ער אויך געווען דער איינציקער פּראָ־שעניע־שרייבער, מחמת יאָסל דער שרייבער, אָדער יאָסל מאנדלבלאט, האָט פארמאָגט אזא זעלטענע שיינע האנטשריפט, סיי אין יידיש און סיי אין רוסיש, אז מ'האָט זיך מיט זיין "כתב־יד" געהאט ארומגעטראָגן אויף חידו־שים. אפילו די שטאָטישע רוסישע נאטשאלסטווא, ווי דער "סודיא" (ריכ־טער), דער רוסישער גלח, דער פּוילישער אפּטייקער און דער "נאטשאלניק פּאָטשטא", האָבן זיך מיט אים ניט געקענט פארמעסטן אין זיין שרייבן רוסיש. אָט אזא ספרא רבא איז ער געווען.

ווען נאָר ס'איז פאָרגעקומען א יאריד, א יאָר־מארק אין שטאָט, איז יאָסל מאנדלבלאטס שטוב געווען געפּאקט מיט גויים און מיט גוייעס פון די ארומיקע דערפער, און אויך מיט יידן־סוחרים, מעקלער, וואָס פלעגן קומען

צו אים, אז ער זאָל אָנשרייבן פאר זיי שטר־מכירהס, וועקסלען, קאָנטראַקטן, "קופּטשעס", אָדער "פּראָשעניעס" צו פּריצים און צו הויכע רוסישע שררות.
פון אָט די דאָזיקע צוויי פּרנסות: לערעריי און "שרייבעריי", האָט דער שטילער, באַשיידענער יאָסל מאַנדלבלאַט געצויגן זיין חיונה פאר זיין ווייב און קינדער.

זיין זון שלמהקע אָבער, האָט נאָך אַריבערגעשטייגט זיין טאַטן אין דער "חכמת הכתיבה". ווען ער איז נאָך געווען א יינגל פון יאָר 12־13, איז ער ביי זיין טאַטן שוין געווען די רעכטע האַנט: ער האָט אים אַרויסגע־האָלפן אין זיינע רוסישע קלאַסן; איינגעחזרט מיט זיין טאַטנס "סטודענטן" די רוסישע גראַמאַטיקע מיט אַלע אירע שווערע "פּאַדעזשן" און "גלאַגאָלן"; געהאָלפן זיי "רעשען" די שווערסטע "זאַדאַטשעס" און נאָך אַזעלכע זאַכן צו וואָס מ'האָט געדאַרפט האָבן א שאַרפן קאָפּ.

און איינמאָל, אין א גרויסן יאריד, ווען זיין טאַטע האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט "איספּראַווען" מיט אַזויפיל גויים און גוייעס, וואָס האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד אויף זייער "פּראָפעסאָר" יאָסל מאַנדלבלאַטן, אז ער זאָל זיך שוין נעמען צו זיי, און זיי זאָלן קאָנען אויסגיסן פאר אים זייער ביטער הארץ, האָט דער קליין־געוויקסיקער שלמהקע זיך דורכ־געשטופּט צווישן די הויכע, געזונטע גויים, זיך אַוועקגעזעצט ביים צווייטן ברעג־טיש און גענומען אַרויסהעלפן זיין טאַטן אין שרייבן די רוסישע בריוו און די רוסישע פּראָשעניעס. פון דעמאָלט אָן, האָט ער שוין מער ניט אַרויס־געלאָזט די פּען פון האַנט; פון דעמאָלט אָן האָט זיך געהאַט אָנגעפאַנגען זיין שרייבערישע קאַריערע.

לכתחילה האָבן זיין טאַטנס "קליענטן", די גויים און די גוייעס, ניט געהאַט קיין צוטרוי צו זיין זונדל "שליאָמקא". וואָרים ווי קומט אַזא יונגער "כלאָפּעץ" זאָל קאָנען שרייבן רוסישע "פּראָשעניעס" צו נאַטשאַלסטוואָ? ס'האָט אָבער ניט געדויערט לאַנג ווי זיי האָבן זיך דווקא אָנגעהויבן רייסן, אז נאָר ער, "שליאָמקא", מאַנדלבלאַטס "סינאָק" (זונדל) זאָל שרייבן, מחמת זיי האָבן אויסגעפונען, אז ווען נאָר דער דאָזיקער חברה־מאַן שרייבט עפּעס אָן פאר זיי, איז מען שוין זיכער מיט הצלחה.

און כ'לעבן, ס'איז טאַקע געווען זייער טשיקאַווע צו זען ווי אָט דער קליינינקער שליאָמקא, מיטן קיילעכדיקן שוואַרץ־טונקעלן חנעוודיקן פּנימל, זיצט ביים גרויסן טיש, אַרומגערינגלט מיט הויכע, געזונטע פּויערים און פּויערטעס וואָס ריידן זיך אַראָפּ פאר אים פון האַרצן, אַנטפּלעקן פאר אים אַלע זייערע סודות, זוכן ביי אים אן עצה, א ראַט צו אַלע זייערע צרות. און ער, דאָס קליינינקע ווערעקל, הערט זיך איין מיט אן אויער, און בשעת מעשה לויפט זיין הענטל מיט דער פּען איבערן ווייסן בויגן פּאַפּיר, מיט אַזא גיכ־קייט, ווי עפּעס א "ניט־גוטער", א רוח וואָלט אין איר געזעסן, און האַלט אין איין צייכענען עפּעס אַזעלכע שיינע פּאַסיקלעך, רינגעלעך, שטעקעלעך מיט

קעפּלעך פון אויבן, וואָס קוקן אויס ווי שוועמלעך, און אַלע אַזעלכע גלייכע, געמאָסטענע שורהלעך, אַז ס'איז אַ מחיה צו קוקן אויף זיי . . .

פאַרשטייט זיך, אַז ווען נאָר אַזאַ פּראָשעניע איז אַריינגעפאַלן אין די "הויכע פענצטער" פון נאַטשאַלסטוואָ, האָט זי אָנגעמאַכט אַ גרויסן רושם. זיי האָבן דאָרט די אויגן ניט געקאָנט אָפּרייסן פון אַזאַ געשריפטס, פון אַזעלכע וווּנדערלעכע, געטאָקטע אותיות! ניט אַנדערש, האָבן זיי דאָרט געטראַכט ביי זיך, אַז דאָס האָט געמוזט שרייבן אַ באַיאָרנטער מענטש, אַן אויסגעשטודירטער אַדוואָקאַט, אַן אָנגעזעענער נאָטאַריוס, ווי קאָן דען אַנדערש זיין? ס'האָט קיינעם ניט געקענט איינפאַלן, אַז די דאָזיקע פּראָשעניע האָט געשריבן אַ יונג יידיש בחורל, וואָס וווינט ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל מיטן נאָמען קאַמעניץ־ליטאָווסק.

נו, איז אַ חידוש וואָס שלמהקעס פּראָשעניעס האָבן אויפגעטאָן אַזעלכע ווונדיירים, אַזוי אַז אַלע בקשות אין זיי, זיינען שטענדיק דערפילט געוואָרן?

געזאָגט האָט מען אין שטעטל, אַז שלמהקע, יאָסל מאַנדלבלאַטס זונדל "וואַקסט אַ לייט"; ווער ווייס, וווּ ער וועט נאָך אַמאָל אָנשפּאַרן ? . . קיין בייז אויג זאָל אים נאָר ניט שאַדן . . . און כאָטש קאַמעניצער יידן און בפרט נאָך זאַסטאַוויער, האָבן אין יענער צייט ווייניק געהאַלטן פון די רוסישע "שקאָלעס", אָבער וואָס שייך שלמהקען האָבן אַלע געמוזט צוגעבן, אַז ווען מ'זאָל אים געווען שיקן לערנען און שטודירן אין אַ רוסישער גימנאַזיע, און ווער רעדט אין אַן אוניווערזיטעט, וואָלט אַזאַ שלמהקע מיט אַזאַ גאונישן קאָפּ און מיט אַזאַ גאָלדענער פען אין דער האַנט, געקענט ווערן דער גרעסטער און דער באַרימטסטער אַדוואָקאַט אין דער וועלט און וואָלט מיט דער צייט געבראַכט אַ סך נוצן און כבוד דעם יידישן פאָלק, ווי למשל, דער באַרימטער יידישער "מליץ יושר", דער אַדוואָקאַט אָסקאַר גרוזנבערג, דער פאַרטיידיקער פון ביילים־פּראָצעס . . .

איז ערשטנס, זיין טאַטע, יאָסל מאַנדלבלאַט, מיט אַלע זיינע לערערשע און שרייבערישע פּרנסות, געווען אַ גאַנץ היבשער אָרעמאַן; צווייטנס, כידוע, איז אין יענער צייט פיל גרינגער געווען דורכצופירן אַ עלפאַנט דורך אַ לעכל פון אַ נאָדל, איידער אַריינצוגעבן אַ יידישן בחורל אין אַ רוסישער גימנאַזיע; און, דריטנס, צו וואָס האָט שלמהקע געדאַרפט פאָרן לערנען אין אַ גימנאַזיע, אַז ער אַליין איז געווען אַ גאַנצע גימנאַזיע! מיט זיין שאַרפן קאָפּ האָט ער אַלע גימנאַזיסטלעך און סטודענטלעך געקענט פאַרשטעקן אין גאַרטל . . .

* * * * *

די ערשטע גרויסע וועלט־מלחמה, וואָס איז אויסגעבראָכן אינם יאָר 1914, האָט ניט נאָר געמאַכט אַ סוף צו יאָסל מאַנדלבלאַטס רוסישע "אָי־ראָקן" (פּריוואַטע לעקציעס) און צו זיינע און צו זיין זונס באַרימטע רוסישע

פראַשעניעס, נאָר אויך צו אַלע רוסישע שׂררות, גובערנאַטאָרן מיט זייער צאַר ניקאָליי איניינעם . . .

איבער דער שטאָט קאַמעניץ און שטעטעלע זאַסטאַוויע, ווי איבערן גאַנצן געגנט, האָט שוין געהערשט ביד חזקה דער דייטשישער קייזער ווילהעלם. און צוזאַמען מיט דער דייטשישער מיליטערישער אָקופּאַציע, האָט זיך איבער שטאָט און דאָרף פאַרשפּרייט די מלוכה פון הונגער.

רייכע, יוסטע באַלעבאַטים, געוועזענע קרעמער, שענקער, האָבן גע־מוזט אויספאַרקויפן זייער ביסל צירונג, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו זיי בירושה, זייערע בגדי שבת און יום־טוב, און כלי בית, און פאַר דעם ביסל אָפּגעלייזטן געלט איינגעקויפט דאָ א פּוד מעל אויף ברויט, און דאָ א זעקל קאַרטאָפל מיט וואָס די נשמה צו דערהאַלטן. און נאָך מער ווי ביי אַלעמען, האָט דער הונגער, דער דלות זיך צעלייגט ביי יאָסל מאַנדלבלאַטן אין שטוב. וואָרים זינט דער דייטש איז אריין, האָט זיך שוין מער קיינער ניט געניטיקט אין זיין רוסישער גראַמאַטיקע און אין זיינע רוסישע פּראַשעניעס. ער איז איצט געוועזן אַן אמתער יורד.

זיין 15־16 יאָריקער זונעלע שלמהקע, איז ווי אַלע שטעטלשע יונגע־לייט, געלעגן וואָכן און חדשים באַהאַלטן אויף א בוידעם און מורא געהאַט אַרויסצושטעקן די נאָז אינדרויסן, כדי חלילה ניט אריינצופאַלן אין די הענט פון דער דייטשישער פעלד־זשאַנדאַרמעריע וואָס האָט שוין ניט איין יידישן בחור געכאַפּט און אוועקגעשיקט אַרבעטן אין די צוואַנג־באַטאַליאָנען, וואָס האָבן זיך געהאַט געפונען אין די ביאַלאָוועזשער וועלדער, אָדער צו גראָבן אָקאָפּעס (טראַנשייען) הינטער דעם רוסיש־דייטשישן פראָנט.

און כדי צו פאַרטרייבן פון זיך די שרעק פאַר די דייטשישע "היצלעס" און די לאַנגווייליקייט פון ליגן אויפן האַלב־טונקעלן בוידעם און דעם הונגער וואָס האָט אַזוי שטאַרק דאָקוטשעט אין די געדערים, האָט שלמהקע, דער גרויסער מתמיד, געהאַלטן אין איין "חזרן", "זוברעווען" די דייטשישע שפּראַך, מיט דער הילף פון א רוסיש־דייטשישן ווערטער־בוך, אַזוי אַז ער איז שיער ניט געוואָרן אַן אמתער דייטש . . .

ערשט ווען ביי אים אין שטוב איז שוין געהאַט אויסגעגאַנגען דאָס לעצטע שטיקל ברויט, האָט שלמהקע שוין מער קיין כוח ניט געהאַט אויס־צוהאַלטן זיין הונגער און אויך דעם צער פון זיינע פאַרהונגערטע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידערלעך, האָט ער זיך אַנטשלאָסן אויף זייער א געוואַגטן שריט, וואָס האָט זיך געגרעניצט ממש מיט מסירת נפש.

אין דער שטיל, אַז קיינער פון זיינע שטוביקע זאָלן זיך חלילה ניט דערוויסן, האָט ער זיך אַרויסגעגנבעט פון זיין באַהעלטעניש, און מיט הינ־טער־וועגלעך אוועק צו דער דייטשישער קאָמאַנדאַנטור. ער האָט זיך, ווי על פי נס, דורכגעשלייכט פאַרביי דעם דייטשישן פּאַטרול מיט דער ביקס, וואָס איז געשטאַנען ביים אריינגאַנג אויף דער וואַך, און מיט זיכערע טריט אריין

אין דער "שרייב־שטובע", ווו ס'האט זיך געפונען די הויפט־קוואַרטיר פונם דייטשישן הויפּטמאַן, אין וועמעס הענט ס'איז געלעגן דאָס לעבן און טויט פון יעדער איינעם אין שטאָט.

דער הויפּטמאַן, א מיטל־יאָריקער מענטש, א ברייט־פּלייציקער, מיט שטייפע, גרוילעכע וואָנצעס, איז געזעסן ביי א גרויסן שרייב־טיש, מיט א גראָבן ציגאַר אין מויל, די אויגן פאַרגראָבן אין א פּאַק פּאַפּירן, אַזוי אַז ער האט אפילו ניט באַמערקט, אַז עמיצער שטייט פאַר אים. שלמהקע האָט זיך ניט פאַרלאָרן און מיטאַמאָל, אַן איין אָטעם, געגעבן א שיס אַרויס:

— הער הויפּטמאַן, איך קאָן שרייבן און לייענען דייטש און אויך שנעל רעכענען . . . איך בעט דעם הער הויפּטמאַן צו געבן מיר א שטעלע אלס שרייבער. מיין פאָטער און מוטער הונגערן שטאַרק . . .

דער צעוואַקסענער, פעט־לייביקער הויפּטמאַן, דערהערנדיק אַזעלכע גיכע דיבורים, האָט באַלד א כאַפּ געטאָן פון טיש זיין בינאָקל, עס "אָנגע־זאָטלט" אויף זיין אויג און אָפּגעמאָסטן דעם יונגן, קליין־געוואַקסיקן יידישן "קערל" פון קאָפּ ביז די פיס, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים אויסגעצויגן ווי א סטרונע, מיטן היטל אין האַנט און קוקט צו אים גלייך אין פּנים אַריין.

— זאָגע עס נאָכאַמאָל! — האָט דער הויפּטמאַן א זאָג געטאָן מכלומרשט מיט א שמייכעלע.

שלמהקע האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן און באַלד ווידער איבער־געחזרט אויף גיך זיין בקשה, אַז ער קאָן זייער גוט שרייבן דייטש און שנעל, לויפיק רעכענען. ער קאָן עס גלייך אויפן אָרט באַשטעטיקן. זאָל נאָר דער הער הויפּטמאַן אים געבן די דערלויבעניש . . .

דער הער הויפּטמאַן האָט אים ווידער באַטראַכט א ווייַלע און פּלוצ־לונג זיך צעלאַכט אויפן קול, אַזוי אַז זיין רויטלעכער פּרצוף־פּנים מיט די שטייפע וואָנצעס זיינען געוואָרן איין שטיק צונטער. ס'איז קענטיק געווען אַז דער דאָזיקער יונגער קערל מיט זיין דרייסטקייט און מיט זיין נאַיוון פאַרלאַנג צו ווערן ביי אים א שרייבער, האָט אים שטאַרק אַמוזירט. וואָרים ווען ניט דאָס, וואָלט ער אים באַלד געוועזן געהייסן אַרויספירן אין מיטן מאַרק און אים דאָרט אָפּציילן א פּאָר צענדליק פייערדיקע שמיץ מיט זיין שפּיצרוט, ווי ער האָט שוין געהאט געטאָן צו א סך אַנדערע יידן אין שטאָט . . .

— קום נאָר אַהער, דו קליינער, פאַרשייטער יודע! לאָמיך טאַקע זען ווי גוט דו קאָנסט שרייבן דויטש! — און דערביי האָט ער אים דערלאַנגט א צייטל פּאַפּיר און א זאָג געטאָן שוין מיט א באַפעל:

— זאָפאָרט מוסטו אָנשרייבען דיין "לעבענס־לאַוף". ד"ה, שלמהקע דאַרף אים, איינס און צוויי, דאָ אויפן אָרט אָנשרייבן זיין גאַנצע לעבנס־געשיכטע: ווער ער איז, ווי אַלט ער איז און דער עיקר, ווו און ווי אַזוי ער האָט זיך דאָס אויסגעלערנט דויטש . . .

שלמהקע, א בלייכער, מיטן שווארצלעכן, האריקן פוד אויף זיינע קוים־שפראצנדיקע וואנצעלעך, האט זיך צוגעזעצט אויף א האלבן בענקל, און מיטן גאנצן אימפעט זיך צוגעכאפט צום ווייסן פאפיר, און גענומען לויפן איבער אים ווי א שרעטל, אזוי אז אין פארלויף פון געציילטע מינוטן האט ער פאר די אויגן פונם הויכן, גראבן פרייסישן יונקער, באוויזן אנצושרייבן אין קורצן זיין אויטאביאגראפיע, ווי אזוי ער איז ביזן קריג געווען א געהילף ביי זיין טאטן דעם רוסישן לערער און "שרייבער". און פון אים טאקע האט ער זיך דאס אויסגעלערנט די "חכמת השרייבעריי" און געשריבן פאר די פויערים פראשעניעס, ביטעס צו דער רוסישער נאטשאלסטווא און אזוי ווייטער און ווייטער.

פארשטייט זיך, אז ווען מ'וואלט אים געלאזט, וואלט שלמהקע נאך געקאנט שרייבן א סך. אבער מיטאמאל האט דער הויפטמאן געגעבן א ריס ארויס פון אונטער זיינע הענט דאס פארשריבענע פאפיר און גענומען גיך־גיך לייענען און געבליבן זיצן א דערשטוינטער. ער האט ממש זיינע אייגענע אויגן ניט געגלויבט, אז דאס האט אנגעשריבן דאס דאזיקע יידישע בחורל. און דער וואונדער איז נאך גרעסער, וואס ווערליק ער שרייבט, האט ער עס באוויזן אויסצולערנען אין משך פון עטלעכע חדשים, מיט דער הילף פון א רוסיש־דייטשישן ווערטער־בוך.

אווודע, וואס אמת איז אמת, האט זיין שרייבן דא און דארט ניט געשטימט מיט די געזעצן פון דער דייטשישער גראמאטיקע, און די אויס־לייגעכץ איז אויך ניט געווען אזוי פינקטלעך. דערפאר אבער איז די שנעל־קייט און די פלינקייט פון זיין שרייבן, און היינט די האנטשריפט זיינע גאר וואונדערלעך! וואונדערלעך! גרויסארטיק! — האט דער הויפטמאן געמורמלט צו זיך פון גרויס איבערראשונג.

ער האט באלד איינגעזען, אז פאר אים שטייט ניט קיין געוויינלעכער יידישער יינגל, נאר א שרייבער, א קינסטלער, א ווירטואז אויף זיין געביט, וואס אזעלכן איז גאר א זעלטנהייט צו געפינען. ער איז געווען דאנקבאר דעם צופאל וואס נאר אים איז געלונגען צו אנטדעקן אזא טאלאנט. ער איז צוגעגאנגען צו שלמהקען, ארויפגעלייגט זיין שווערע האנט אויף זיין אקסל און א זאג געטאן מיט א ווארעמערן טאן, קורץ און שארף, ווי ס'פאסט פאר אן עלטערן מיליטער־מאן:

— דו באקומסט די שטעלע. דו וועסט זיין מיין פריוואט־סעקרעטאר!

עס איז שווער איבערצוגעבן אין ווערטער וואס פאר א רושם די דא־זיקע נייעס האט געמאכט אויף דער שטאט. ווו מ'איז געגאנגען און ווו מ'איז געשטאנען, האט מען רק גערעדט וועגן דער דאזיקער אויסטערלישער פאסירונג, וואס האט פאר אלמען געקלונגען ווי א מעשה פון "טויזנט און איין נאכט". עפעס א קלייניקייט, אין דער צייט ווען דייטשישע זשאנדארן יאגן זיך נאך יידישע יונגעלייט, ווי די הינט־שלעגער, און פארשלעפן זיי אויף צוואנג־

ארבעט, ווערט א יידיש בחורל א פריוואטער סעקרעטאר ביים דייטשישן הער הויפטמאן, פאר וועמען אלע ציטערן אימת־מות.

יידן פארהונגערטע און דערשלאָגענע, האבן געזען אין דעם ממש א נס מן השמים. די דייטשישע מיליטערישע קאמענדאטור, מיט איר טרויע־ריק־בארימטער פעלד־זשאנדארמעריע, וואָס האט אויף איטלעכן געהאט אנגעוואָרפן אן אימה, האט שוין מער אזוי ניט געשראָקן. פארקערט, איטלע־כער האט אָנגעהויבן קוקן אהין מיט א געווּיסן שטאָלץ, וואָס דאָרט, אינם קייזער ווילהעלמס מלכות, זיצט אן אייגענער, גאָר א נאָענטער מענטש, שלמהקע יאָסל מאנדלבלאטס זון! . .

אן אנדערער אויף זיין אָרט וואָלט פון אזא פלוצלונגדיקער דערהוי־בונג פארריסן די נאָז און אָנגעהויבן בלאָזן פון זיך. אָבער ניט שלמהקע. ער איז געבליבן דער זעלביקער גוטמוטיקער, פריילעכער יאט, מיט איטלעכן געווען א גוט־ברודער, פונקט ווי פריער.

זיין טאטנס שטוב האט ווידער אָנגעהויבן שווּיבלען מיט מענטשן; ווו א צרה און ווו אן אומגליק איז מען באלד געלאָפן צו שלמהקען, אז ער זאָל זיך איינשטעלן, פארוואָרפן א גוט־וואָרט, אָפּשרייען א גזירה, ארויסראטעווען א טאטן פון קליינע קינדער פון תפיסה, א שוואכן, קראנקן זון פון דער צוואנג־ארבעט, און נאָך אזעלכע שליחותן, וואָס די קאמעגיצער און זאסטאוויער יידן האבן ארויפגעלייגט אויף זיינע יונגע פּלייצעס.

שלמהקע, דער "מקורב למלכות", דער איינציקער פארטרויונגס־מענטש ביים דייטשישן הויפטמאן, האט קיינעם חלילה ניט אָפּגעזאָגט. יע־דער איינעם האט ער אויסגעהערט מיט גערולד, מיט גרויס ישוב הדעת, ווי ער וואָלט שוין געווען א באיאָרנטער יידישער שתדלן. און דערפאר טאקע האט איטלעכער, ייד און גוי, געטראָגן צו אים א ברכה אויף די ליפּן.

און פונקט ווי יוסף הצדיק, אין זיין צייט, האט געדינט געטריי זיין האר, פרעה מלך מצרים, אזוי אויך האט שלמהקע געזען, אז זיין האר, דער דייטשישער הויפטמאן, זאָל אויך תמיד זיין זאט. וואָרים שלמהקע דער "שרייבער", מיט זיין שארפן יידישן קעפּל, האט געהאלטן, אז כדי צו קאָנען ארויסקריגן פון דעם דייטשישן מושל חסדים און טובות פאר דער אָרעמער יידישער באפעלקערונג, דאַרף ער זען, אז זיין האר, דער מושל איבער דער שטאָט, זאָל האבן פון אלעם גוטן. הגם די באפעלקערונג אין דעם אָקופּירטן געביט האט געהונגערט, אָבער צו דער דייטשישער קאמענדאטור האט גע־שטראָמט א טייך מיט כלערליי שפּייז־ארטיקלען: פלייש, פוטער, קעז, אייער און האָניק, וואָס שלמהקעס געטרייע "אגענטן" האבן געהאט צוגעשטעלט.

פארשטייט זיך, אז פון די אלע מתנות, "תרומות" און "מעשרות", וואָס דער הער הויפטמאן האט געקראָגן פון זיינע אונטערגעאָרדנטע, האט שלמהקע זיין פּריוואט־סעקרעטאר און דאָלמעטשער, אויך געהאט אָפּגעלעקט א ביינדל . . . אָבער קיינער האט אויף אים דערפאר קיין תרעומות ניט

געהאט. פארקערט, איטלעכער האט אים נאך צוגעוווּנטשן, אז ס'זאל אים ווויל באקומען, ער האט עס כשר פארדינט . . . ווארים, א דאנק שלמהקעס שתדלנות, האט זיך דער שטאט קאמעניץ, אין פארגלייך מיט די אנדערע שכנישע שטעט און שטעטלעך, געלעבט פיל בעסער און זי האט געהאט ווייניקער אויף וואס זיך צו באקלאגן.

אבער, כידוע, מוז דאך, פריער צי שפעטער, קומען א סוף צו יעדער גוטער זאך, ווי צו יעדער שלעכטער זאך. איז פלוצלונג, אינם יאר 1918, געקומען א סוף צום קייזער ווילהעלמס אימפעריע, און ממילא שוין אויך צו דער ממשלה פונם דייטשישן הויפטמאן איבער דער שטאט קאמעניץ מיט איר סביבה. און צוזאמען מיט אים איז אויך זיין פריוואט־סעקרעטאר, דער שרייבער און דאלמעטשער שלמהקע, דער יונגער יידישער שתדלן, אראפ פון זיין גדולה.

אין מאטיע רעזניקס שיינעם, פאראדנעם הויז, וווּ ערשט ניט לאנג צוריק האט דארט "געקעניגט" דער דייטשישער הויפטמאן, איז שוין געזעסן שטייף און זאטל די טרויעריק־בארימטע פוילישע זשאנדארמעריע . . .

* * * * *

די נייע, פוילישע מאכט האט אנגעהויבן איר הערשאפט איבער די אזוי גערופענע "קרעסן" — די געוועזענע רוסישע געביטן, מיט א שרעקלעכן טעראר קעגן דער יידישער באפעלקערונג. די טרויעריק־בארימטע פוילישע לעגיאנערן, די "האלערטשיקעס" און די "פאזנאנטשיקעס", האב גערויבט יידישן האב און גוטס, געשניטן יידישע בערד, געמאכט פאגראמען אויפן אמאליקן רוסישן שטייגער. אז אימה איז באפאלן די יידן. יעדער איינער איז געלעגן באהאלטן בחדרי חדרים. ביי יעדער קלאפ אין טיר האבן די האר אויפן קאפ זיך געשטעלט קאפויר. יידישע מאמעס האבן זייערע טעכטער, וואס האבן געשמט מיט זייער יידישן חן, פארשלייערט אין אלטע, צעריסענע קליידער, פארשמירט זייערע פנימער מיט סאזשע, כדי דעם שונאס אויג זאל חלילה ניט פאלן אויף זיי . . .

נאך די טריט פון דער פוילישער ארמיי, איז באלד געקומען די פוילישע "דעפענסיוואַ" — די זשאנדארמעריע, וואס האט זיך געשטעלט פאר א ציל אויסצוראטן וואס גיכער דעם באלשעוויזם מיטןווארצל.

באזונדערס האט זי זיך אוועקגעלאזן אין א ווילדן געיעג נאך דער יידישער יוגנט, וואס איז אין אירע אויגן געווען די טרעגער פון באלשעוויזם און טראצקיזם. פארן קלענסטן חשד האט זי פארשפארט הונדערטער אומשולדיקע יידישע בחורים און מיידלעך אין די תפיסות, ווו מ'האט זיי געפייניקט מיט שוידערלעכע אינקוויזיטארישע מיטלען: ארייגעשטעלט די האנט פונם באשולדיקטן צווישן טיר און ביישטידל ביז ביים אומגליקלעכן זיינען איבערגעבראכן געווארן די פינגער אויף צווייען; געשטאכן מיט שפילקעס אונטער די נעגל; געגאסן פלעשער ריצנאייל אין האלדז אריין און סתם געקא־

טעוועט דאָס לייב מיט גומענע שטעקנס, ביז דער קרבן איז אוועקגעפאַלן אין אָנמאכט און איז געצווונגען געווען זיך מודה צו זיין אויף אַזעלכע חטאים, וואָס ער איז קיינמאָל ניט באַגאַנגען.

יידישע טאַטעס און מאַמעס זיינען ארומגעלאָפן פאַרצווייפלטע, געקלאָגט און געוויינט, געבראָכן מיט די הענט און ניט געוווסט ווו ס'זיינען אהינגעקומען זייערע קינדער. שרעק און גרויל האָבן אָנגעפילט יידישע הערצער.

* * * * *

דער נייער פּוילישער פּאָליציי־קאָמענדאַנט, וואָס איז געקומען אין 1920, באַלד נאָך דער רוסיש־פּוילישער מלחמה, קיין קאַמעניץ איינצופירן די נייע "וולאַסט", האָט די גאַנצע שטאָט מיט איר אומגעגנט געהאַלטן ווי אין א קלעם. ניט איינמאָל אין טאָג פלעגט ער, רייטנדיק אויף זיין פערד, זיך דורכיאָגן, ווי א שטורעם, איבער דער שטעט און מיט זיין לעדערנעם ראַפּניק שלאָגן און ממיתן וועמען נאָר ער האָט אָנגעטראָפן אויף זיין וועג.

יידן האָבן מורא געהאַט ארויסצושטעקן די נאָז אינדרויסן. איטלעכער איז געזעסן מיט זיין ווייב און קינדער הינטער פאַרהאַקטע טירן. קרעמער האָבן מורא געהאַט אויפצומאַכן זייערע קרעמלעך. אויף איטלעכן האָט געציטערט די הויט. יעדער איינער האָט געפילט, אַז אויב דער דאָזיקער ווילדער, משוגענער פּוילישער קאָמענדאַנט וועט לענגער אָנהאַלטן זיין פינצטערע ממשלה איבער דער שטאָט, וועט די שטאָט מיט איר גאַנצן מסחר און האַנדל גיין צו גרונט.

שלמהקע מאַנדלבלאַט, ווי אַלע קאַמעניצער און זאַסטאַוויער יונגעלייט איז געלעגן באַהאַלטן ערגעץ אויף א בוידעם־שטאָל צווישן אָנגעוואַרפענעם שטרוי און געציטערט אויפן גאַנצן לייב. ערשטנס, איז ער דאָך עפּעס א יידישער בחורל . . . צווייטנס, איז ער דאָך געווען א שרייבער, א פּריוואַטסעקרעטאַר און א דאָלמעטשער ביים דייטשישן הויפּמאַן, וואָס פאַר דעם אַליין איז געקומען די גרעסטע שטראָף . . . די טעג און די וואָכן אויפן בוידעם איז פאַר אים געווען א גיהנום. זיין גרויסע שפּרודלדיקע ענערגיע, וואָס האָט זיך געריסן פון אים, האָט אים ניט געלאָזט איינרוען. ער האָט געפילט, אַז ער מוז עפּעס וואָס טאָן, אויב ניט, וועט ער חלילה פון זינען אראָפּ. ער האָט שוין ניט איינמאָל געפּרווט איבערצייל̇ן די שטרויעלעך, וואָס האָבן זיך געקלעפּט ארום אים, אבי צו פאַרטרייבן פון זיך די לאַנגווייליקייט, וואָס האָט אים גענאָגט ביים האַרצן, און ס'האָט ניט געהאָלפן.

איינמאָל, ווען זיין יונג ברודערל האָט אים שטילינקערהייט געבראַכט דאָס עסן, האָט ער אים איבערגעגעבן א געהיימע שליחות, אַז ער זאָל גיין צו זיין גוטן פריינד, דעם פּוילישן אַפּטייקער, און נעמען ביי אים עטלעכע פּוילישע ביכער צום לייענען, א פּוילישע גראַמאַטיקע און א פּוילישן ווערטערבוך און עס ברענגען צו אים.

שלמהקע „דער שרייבער" האָט זיך באַלד אַרויפגעוואָרפן מיט זיין גאַנצן ברען אויף די פּוילישע ביכער, „געזשוברעוועט" די פּוילישע גראַמאַטיקע מיט אירע כּללים, געהאַלטן אין איין שרייבן און „איבן" מיט זיין פּען די פּוילישע שפּראַך, וואָס ער האָט שוין פון פריער אַביסל געקאָנט, אַ דאַנק זיין אָפטן קומען אין קאָנטאַקט מיט דער קליינער פּוילישער באַפעלקערונג פון דער „גויישער גאַס". ער האָט טאָג און נאַכט געלערנט מיט גרויס התמדה, אַזוי אַז ער האָט שוין מער ניט געפילט דעם ביטערן טעם פון זיין לאַנגן אָפּריכטן גלות אויפן האַלב־פינצטערן בוידעם־שטאַל, אין שכנות מיט דער בהמה . . .

שלמהקע מיט זיין שאַרפן גאונישן קאָפּ, און מיט זיין זעלטענעם זכּרון, וואָס איז געווען פאַר אים ווי אַ פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט, האָט שוין געהאַט פאַרשלונגען אין זיך די פּוילישע גראַמאַטיקע, מיט דער פּוילישער אויסלייגעכץ, ווי ער וואָלט שוין געווען אַן עכטער פּאָליאַק. ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ פינגער שרייבן אין דער לופטן פּוילישע בריוו, פּוילישע „פּאָדאַניעס", ווי ער וואָלט ניט געלעגן באַהאַלטן אויף אַ בוידעם, נאָר ווי ער וואָלט געזעסן אין אַ פּוילישער קאַנצעלאַריע, צווישן שטויסן פּאַפּיר און ביכער . . . ער האָט דערפילט אַז ס'איז שוין געקומען פאַר אים די צייט, אַז ער זאָל „נתגלה ווערן", אַרויסקריכן פון זיין באַהעלטעניש. וואָרים ס'איז דאָך עפּעס ניט קיין תּכלית אייביק צו ליגן אויף אַ טונקעלן בוידעם און הערן ווי די בהמה מאַלעגיירעט אונטן אין שטאַל . . .

האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט, אַראָפּגעקראָכן פון בוידעם, אָפּגעטרייסלט פון זיך די שטרויעלעך, און ווי אַ צעשראָקן חיהלע זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. געזען, אַז קיינער זעט ניט, האָט ער מיט גיכע טריט אָנגעהויבן צו שפּרייזן דורך הינטערוועגעלעך גלייך אַהין, צו דער פּוילישער פּאָליציי־קאָמענדאַטור, וווּ ערשט ניט לאַנג צוריק האָט נאָך דאָרט געוועלטיקט זיין האַר, דער דייטשישער הויפּטמאַן.

אוואדע, וועט איר זאָגן, און מיר וועלן מיט אייך געווים מסכּים זיין, איז פאַר אַ יידישן בחור'ל, אין יענע פינצטערע בהלה־טעג, צו גיין „אָפּשטאַטן אַ וויזיט" צו אַזאַ פּוילישן פּאָליציי קאָמענדאַנט, געווען אַ ריינע משוגעת, ווי איינער וואָלט גענומען זיין אייגענעם קאָפּ און אַריינגעשטעקט דעם לייב אין פּיסק. אָבער שלמהקע, ווי ער האָט נאָכדעם אַליין דערציילט, האָט אין דעם קריטישן מאָמענט זיך ניט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג צו וואָס פאַר אַ מוראדיקער סכּנה ער האָט זיך אַליין אויסגעשטעלט. ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שטאַרקער דראַנג אָנצופאַנגען ווידער צו „פידלען" מיט זיין פּען. אָט דער דאָזיקער דראַנג האָט אים אינגאַנצן באַוועלטיקט און אים געטריבן צו גיין אַהין, און ער איז געגאַנגען . . .

דער קאָמענדאַנט, מיט דער לעדערנער נאַהייקע אין דער האַנט, וואָס איז שוין געווען גרייט זיך אַרויסצולאָזן אויף זיינע „אויספלוגן" איבער דער שטאָט, האָט אָנגעשטעלט אויף אים זיינע גרויע, ביסטרע אויגן און שוין געוואָלט אים „מכבד זיין" מיט דער נאַהייקע ווי ס'געהער צו זיין, אָבער

דא איז אים שלמהקע פארלאפן אפריער דעם וועג און אין איין אטעם ארויסגעפראלט:

— יאסני וויעלמאזשני פאן קומענדאנט! איך קאן די פוילישע שפראך אין ווארט און אין שריפט . . . איך בין געקומען געבן מיין דינסט מיין נייעם פוילישן פאטערלאנד . . .

ביים קאמענדאנט האט זיך אזש אנגעצונדן די פוילישע יוכע. דעם יידליקס פאטריאטישע דעקלאראציע איז אים קענטיק געווען שטארק דערוויי־דער, בפרט דער טאן און דאס געשטעל פון אט דעם יונגן זשידיק, האט אים דערמאנט אויף דער חוצפה מיט וועלכער עס צייכנט זיך אוים די דאזיקע ראסע, פון וועלכער דאס נייע פוילישע פאטערלאנד וויל אזוי גערן פטור ווערן . . .פונדעסטוועגן האט ער זיך באהערשט מחמת ס'איז אים באפאלן א חשק זיך א שפיל צו טאן אביסל מיט זיין קרבן, וואס וועט שוין סיי ווי פון אונטער זיינע הענט ניט אנטרונען ווערן. האט ער מכלומרשט קאלט־בלוטיק ארויסגעצישעט דורך די ציין:

— ווער האט דיר געזאגט, אז די "זשעטשפאספאליטא פאלסקא" נויטיקט זיך אין זשידאוואסקע שרייבער ? ! . . .

שלמהקע האט זיך אבער ניט פארלארן. מיט א באזאכטן קול און מיט די שענסטע, באפליגלטע פוילישע ווערטער האט ער גענומען פאר אים דער־קלערן מיט וואס אייגנטלעך ער קאן "לייסטן" זיין דינסט פארן נייעם פוילישן פאטערלאנד. ער האט זיך גנעדיק פארנויגט און ווייטער גענומען ריידן:

— יאסני וויעלמאזשני פאן קומענדאנט! די היגע באפעלקערונג, יידן און פראוואסלאוונע פויערים און מעשטשאנעס, פארשטייען נאר זייער ווייניק די פוילישע שפראך. מ'דארף פאר זיי האבן א מענטשן וואס זאל קאנען ריידן צו זיי אויף זייער אייגענעם לשון און נאכדעם עס איבערזעצן אויף פויליש. דאס וועט פיל פארגרינגערן די ארבעט פון דער פוילישער פאליציי־קאמענדאטור.

דער קאמענדאנט האט אים נאכאמאל אפגעמאסטן מיט א שארפן בליק און א מורמל געטאן:

— טא יעסט ראזומני זשידיק, — און באלד ארויסגעשריען מיט א באפעלערישן קול:

— קאדזש טוטאי, זשידקו פשיאקרעוו! — און גלייך א כאפ געטאן פון טיש א בויגן פאפיר און עס דערלאנגט שלמהקען און א זאג געטאן מיט צארן:

— לאמיך נאר זען, וואס דו קענסט!

שלמהקע האט זיך צוגערוקט צום טיש, אוועקגעלייגט דאס היטל אויף די קני, גענומען זיין שרייב־פען אין האנט, אנגעשטעלט זיינע בלויע, קינדישע אויגן אויפן קאמענדאנט און מיט א ציטער אין הארצן געווארט אויף זיין באפעל.

— שרייב וואָס איך וועל דיר דיקטירן! שרייב! אַלע זשידעס זיינען באָלשעוויקעס, שונאים פונם נייעם, אויפגעוואַכטן פּוילישן פּאַטערלאַנד! מ'דאַרף זיי אַלע ווי איינעם אויסשיסן ווי די הינט! . .

דער קאָמענדאַנט האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל, פאַרזשמורעט מיט אַן אויגל און דאָס צווייטע אַנגעשטעלט אויף שלמהקען, געוואָלט זען וואָס וועט דער דאָזיקער חוצפּהדיקער זשידיק טאָן . . . שלמהקע האָט אויסגע־האַלטן זיין שאַרפן, חוזקדיקן בליק און שווער אָפּגעאָטעמט . . .

— נו, זשידיק, פּשיא־קרעוו! פאַרוואָס שרייבסטו ניט?! שרייב היים איך דיר!!! — און דערביי זיך פאַרמאָסטן איבער אים מיט זיין לעדער־נעם ראַפּניק.

שלמהקע איז געבליבן זיצן אַנטקעגן אים ווי אין אַ פאַרגליווערטער פּאָזע און מיט אַ פעסטן טאָן אַ זאָג געטאָן:

— יאַסנע וויעלמאָזשני פּאַן קאָמענדאַנט! איך בין אַ ייד . . . איך קאָן אַזעלכעס ניט שרייבן אויף מיין פאָלק . . .

דער קאָמענדאַנט האָט אַזש אַ שפּרונג געטאָן פון אָרט ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן. אויף אַזאַ חוצפּה פון אַ יידליק האָט ער זיך ניט געריכט. אָבער דער רויִקער און דורכדרינגלעכער קוק מיט וועלכן דער זשידיק האָט געקוקט אויף אים, האָט אים ווי אַנטוואָפנט. ער האָט אַראָפּגעלאָזן די נאַהייקע צו דר'ערד און אַ זאָג געטאָן קורץ:

— שרייב וואָס דו ווילסט, זשידיק! לאָמיך שוין זען דיין פּוילישן!

שלמהקע האָט זיך צוריק צוגעזעצט אויפן בענקל, זיך געמאַכט באַ־קוועם און אויף גיך, ווי זיין שטייגער איז געווען, אָנגעהויבן שרייבן דאָס וואָס ער האָט מיט אַ האַלב צענדליק יאָר צוריק געשריבן אויף זיין "עקזאַמען" פאַרן דייטשישן הויפּטמאַן. ער האָט ווידער באַשריבן זיין לעבנס געשיכטע, ווי ער האָט נאָך יינגלוויז געהאַט אַרויסגעהאָלפן זיין טאַטן, דעם רוסישן "נאַטשיטשעל" אין זיין שקאָלע און אויך געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר און דאָלמעטשער ביים דייטשישן הויפּטמאַן, וואָס איז געזעסן אין דעם זעלבן הויז וווּ עס געפינט זיך איצט די פּוילישע קאָמענדאַנטור. ער האָט קיין זאַך ניט פאַרהוילן. און איצט, איז ער מוכן ומזומן צו דינען מיט אַלע זיינע כוחות דער נייער פּוילישער "וולאַסט". און צום סוף האָט ער נאָך מוסיף געווען, אַז וואָס שייך זיין פּאָליטישע און מאָראַלישע אָרנטלעכקייט, קאָן דער פּאַן קאָ־מענדאַנט זיך אָנפרעגן ביים פּוילישן קסיאָנדז (גלח) און ביים פּוילישן אַפּ־טייקער.

די גאַנצע צייט וואָס שלמהקע האָט "געפידלט" מיט זיין פּען, האָט דער קאָמענדאַנט ניט אַראָפּגענומען פון אים זיין אויג. ער האָט זיך גאָר ניט געקענט אָפּוווּנדערן ווי אַזוי די פּען אינם יונגן זשידיקס האַנט לויפט ווי אַ טייוול איבערן פּאַפּיר. און ווען שלמהקע האָט פאַרענדיקט שרייבן, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם פאַרשריבענעם פּאַפּיר און זיך איינגעגעסן אין אים מיט

זיינע שארפע, שפיזלדיקע אויגן, און בשעת מעשה גערדרייט א שפיץ פון זיין שטייפן, בלאנדן וואנצעלע. און וואס מער ער האט געלייענט, אלץ מער האט זיין פנים באקומען א מענטשלעכן אויסזען. ס'איז קענטיק געווען, אז די שיינע, אויסגעציקלטע פוילישע אותיות האבן ארויסגערופן ביי אים א דרך־ארץ. ער האט באלד פארלארן זיין פריערדיקע שנאה און צינישקייט צו אט דעם יונגן יידישן יינגל בחורל, וואס איז געשטאנען פאר אים מיטן היטל אין דער האנט און געווארט אויף זיין אורטייל . . .

ענדלעך האט דער קאמענדאנט א זאג געטאן שוין מיט א ווייכערן טאן:

— פשא־קרעוו (הינטיש בלוט), א זשידיק ביסטו טאקע, אבער פויליש שרייבן קאנסטו ניט שלעכט! ווו האסטו זיך דאס אויסגעלערנט? ביי די מאסקאלעס, ביי דיינע באלשעוויקעס ? . .

— פון זיך אליין! — האט שלמהקע געענטפערט.

— וואס הייסט פון זיך אליין? — האט אויסגעשריען דער קאמענדאנט, ווי ניט מיט זיין קול.

— נאך איידער די דייטשן זיינען אוועק, האב איך אין דער שטיל, ווען נאר איך האב געהאט צייט, געלערנט פויליש, געלייענט פוילישע ביכער.

— פארוואס האסטו דאס אזוי ליב פויליש?

— איך האב געוווסט, אז די דאזיקע געגנט, איינציגעם מיט אונדזער שטאט קאמעניץ, וועט ווערן א טייל פון פוילן, דארף מען קאנען דאס לשון פון דער מלוכה . . .

די לעצטע ווערטער פון שלמהקען האבן אויפן קאמענדאנט געמאכט א שטארקן רושם. ער האט אנגעהויבן שפרייזן גיך הין און צוריק איבער דער קאנצעלאריע און עפעס געמורמלט צו זיך. ער האט באלד איינגעזען, אז דאס דאזיקע פעיק יידל וואלט אים געבראכט גרויס נוצן. דורך אים וואלט ער זיך אפשר גיכער געקאנט דערשלאגן צו א העכערן ראנג, צו וואס ער האט שוין לאנג געגארט. אבער פון דער צווייטער זייט, איז ער דאך א זשיד, טא ווי קאן מען אזעלכן ארייננלאזן אין א פוילישער קאנצעלאריע, צווישן אמתע, עכטע פוילישע זין? האט ער זיך געשלאגן מיט דער דעה.

פלוצלונג איז אים איינגעפאלן א געדאנק. ער איז צוגעלאפן צום טיש, א כאפ געטאן א שטיקל פאפיר און עפעס אויף גיך אנגעשריבן אויף דעם. ער האט ארייגערופן א סאלדאט און אים באפעלן גלייך גיין ערגעץ אוועקטראגן דאס צעטל. דער סאלדאט מיט דער ביקס איז באלד פארשוואונדן.

ס'האט ניט גערדויערט לאנג ווי אין דער קאנצעלאריע האבן זיך ארייגעשטעלט צוויי הויכע, חשובע געסט: דער פוילישער גלח און דער פוילישער אפטייקער.

דער קאמענדאנט האט זיך ארומגעכאפט מיט זיי ווי מיט אלטע, גוטע־פריינט, א קוש געטאן דעם גלח אין דער האנט און זיי פארבעטן צום טיש, און דערביי זיך פארענטפערט, וואס ער האט זיי מטריח געווען אהער,

מחמת ס'איז א וויכטיקער ענין וועגן וועלכן ער וויל זיך מיט זיי בעראטן. ער האט זיי באלד דערציילט פון זיין אומגעריכטן גאסט, דעם זשידיק, וואס געפינט זיך איצט ביי אים אין צווייטן צימער, און דערביי זיי דערלאנגט שלמהקעם געשריפטס.

ביידע חשובע לייט, דער גלח און דער אפטייקער, האבן זיך באלד ארויפגעווארפן אויפן פארשריבענעם בויגן־פאפיר, און מיט גיריקע אויגן גענומען לויפן איבער די שורות. זיי האבן זיך אזש פאסמאקעוועט מיטן שיינעם פויליש און נאך מער מיט דער זעלטענער געקינצלטער האנטשריפט, בפרט ווען דאס קומט פון א יידישן בחורל, וואס איז אפשר דער איינציקער אינם רוסיפיצירטן געגנט וואס קאן אזוי שיין שרייבן זייער פוילישן לשון . . .

דער פוילישער אפטייקער, מיט די לאנגע, בלאנדע וואנצעס, וואס איז בטבע געווען א גרויסער טשודאק, מיט א שוואכקייט צו מוזיק און צו קונסט, און דערצו נאך א לאנג־יאריקער גוטער־פריינד פונם געוועזענעם רוסישן לערער, יאסל מאנדלבלאט און זיין משפחה, איז אזוי שטארק גערירט געווארן פון שלמהקע דעם שרייבערס קאמפאזיציע, ווי ס'וואלט געווען איינע פון די גרעסטע קונסט־ווערק. ער האט אנגעהויבן לויבן שלמה־קען און זיינע פעיקייטן מיט אזא התפעלות, ווי שלמהקע וואלט געווען זיין ליבלינג. ער האט אויך אנגעהויבן דערציילן וואס פאר א פיינער און ארנט־לעכער בחורל דער דאזיקער שליאמקא איז. ווי ער האט ניט איין־מאל, בעת דער דייטשישער אקופאציע, ארויסגעראטעוועט עכטע, פוילישע "אביוואטעלעס" (בירגער) פון די נעגל פון דער דייטשישער זשאנדארמעריע אא"וו. אויף זיינע אלע לויב־ווערטער האט דער הויכער, דארער "פאטערל", דער פוילישער גלח צוגעשאקלט מיטן קאפ, ווי א באשטעטיקונג אויף זיינע רייד.

אין דעם מאמענט איז שלמהקעס גורל פארזיגלט געווארן צום גוטן. און טאקע גלייך אויפן ארט, האט דער קאמענדאנט, פאר די אויגן פונם פוילישן גלח און אפטייקער, געהייסן אריינרופן שלמהקען פונם דערביי־איקן צימער, און מיט א פארטרוילעכן, גוטמוטיקן טאן א זאג געטאן צו אים:

— שליאמקא, פון היינט אן און וויטער וועסטו זיין מיין "סעק־רעטאזש".

דער גלח און דער אפטייקער האבן אים געדריקט די האנט און אים געווונטשן הצלחה אויף זיין נייער שטעלע, און דערביי האט דער קאטוי־לישער "פאטערל" צוגעגעבן מיט א פרומער מינע:

— מיר האפן, אז דו וועסט דינען געטריי דאס נייע פוילישע פא־טערלאנד . . .

* * * * *

ווען די שטאט קאמעניץ, וואס איז די גאנצע צייט געווען ווי אין א קלעם, האט זיך דערוווסט, אז זייער שלמהקע איז פלוצלונג געווארן א "שרייבער" ביים פוילישן קאמענדאנט, דעם רשע מרושע, איז געווארן ששון ושמחה.

גאנץ שטאָט איז געגאנגען כּאַדאַראַם. איינע די אנדערע האָבן זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב. ווו מ'איז געגאנגען און ווו מ'איז געשטאנען האָט מען רק געהאלטן אין איין ריידן וועגן דער אויסערגעוויינלעכער געשעעניש, וואָס אַלע האָבן עס באטראכט ווי א נס מן השמים.

און ווי דער שטייגער איז ביי יעדער גרויסער פּאסירונג, האָט זיך אויך באַלד אָנגעהויבן פארשפּרייטן כלערליי מעשׂות און לעגענדעס, וואָס איינע איז געווען פאנטאסטישער פון דער צווייטער, ווי אזוי עס איז געשען דער נס גדול; ווי אזוי עס איז צושטאנד געקומען דער "שידוך" צווישן שלמהקען און דעם פּוילישן קאָמענדאנט, דעם שונא ישׂראל. ניט אנדערש, האָבן אַלע געזאָגט, אז דער דאָזיקער שלמהקע פארמאָגט עפּעס אין זיך א מאגישע קראפט, וואָס ער קאָן ניט נאָר זיך אויסלערנען אין איין "שמע ישׂראל" א נייע שפּראַך, נאָר ער קאָן אויך יעדער ביזן הערשער, צי דאָס איז א דייטשישער הויפּטמאַן, צי א פּוילישער קאָמענדאנט, פארוואנדלען מיט איין קוק פון זיינע אויגן אין א מענטשן מיט מענטשלעכע געפילן . . .

און טאקע ווי גיך שלמהקע "דער שרייבער" האָט זיך באזעצט אין דער פּוילישער קאָמענדאנטור, האָט די שטאָט באַלד דערפילט א דערלייכטע־רונג. דער ווילד ־ צעיושעטער קאָמענדאנט האָט שוין מער ניט גע־מאכט זיינע טרויעריקע אָפּטע "אויספלוגן" איבער דער שטאָט; ער האָט שוין מער ניט געשלאָגן מיט זיין לעדערנעם ראפּניק איבער יידישע קעפּ ווי פריער, ווי דער בייזער גייסט וואָלט זיך פון אים פלוצלונג אָפּגעטאָן...

שלמהקע איז באַלד געוואָרן ביי אים זיין רעכטע האנט, זיין גאנצער בעל־יועץ. און היות קיין צרות און קיין אומגליקן האָבן דעמאָלט ניט אויס־געפעלט ביי יידן, איז יעדער מיט זיין שווערן פּעקל צרות באַלד געלאָפן צו שלמהקען, ווי מען לויפט צו א "גוטן יידן". ער האָט ניט איין יידן ארויס־געראטעוועט פון תפיסה און ניט איינמאָל אָפּגעשריען א גזירה. איז פלוצ־לונג אראָפּגעקומען דער אקציזניק, האָט ער שוין שטילערהייט באַלד מודיע געווען, ד"ה, געגעבן "אָנצוהערעניש", אז די יידישע קרעמער און שענקער זאָלן זען באצייטנס "אויסראַמען דעם חמץ". . . האָט די פּוילישע זשאנדאר־מעריע זיך געקליבן דורכצופירן ביינאכט אן אָבלאווע אויף דער יידישער יוגנט, וואָס אייניקע פון זיי האָבן זיך געהאט אָפּגעגעבן אין געהיים מיט רע־וואָלוציאָנערער טעטיקייט, האָט שלמהקע שוין געזען, אז די יוגנט זאָל עוקר זיין פון דער היים. דאָס אַלץ האָט ער געטאָן אזוי געשיקט און אזוי קלוג, אז ס'זאָל חלילה אויף אים ניט פאַלן א מינדסטער חשד, אז ער גיט ארויס סודות פון חדר . . .

אזוי ארום איז דער יונגער בחור'ל שלמהקע געוואָרן דער "פּרנס העיר", דער יידישער שתדלן ביי דער קהילה קדושה ד'קאמעניץ דליטא און איר סביבה. און פּונקט ווי ער האָט אזוי געטריי געדינט זיינע ברידער־יידן, אזוי אויך האָט ער מיט געטריישאפט געדינט דער קריסטלעכער באפעלקערונג, די פּראוואָ־סלאָוונע ווי די קאטוילישע, פון דער "גויישער גאס". אזוי אז אפילו די גויים

האבן אים באטראכט פאר א זייעריקן און ניט איינמאל אים בשאנקען מיט ברכות און מיט מתנות.

* * * * *

אין גיכן האט די פוילישע מלוכה איבערן גאנצן לאנד און איבער די "קרעסן", אין די געוועזענע רוסישע געביטן, גענומען איינפירן א ציווילע מאכט אנשטאט דער מיליטערישער. די שטאט קאמעניץ האט, צום ערשטן מאל אין איר געשיכטע, גענומען זיך גרייטן דורכצופירן וואלן פאר איר שטאטישן מאגיסטראט (שטאט־רעגירונג).

וואס איז שייך א בירגער־מייסטער, האבן סיי יידן און סיי קריסטן באשלאסן פה אחד, אויסצוקלייבן דעם ליבעראלן פאליאק איסאקעוויטש, דעם פריץ פונם שכנישן סטאראשעווער הויף, וואס האט געשמט פאר אן אמתן אוהב ישראל. אזוי אויך ווען ס'איז געקומען צום אויסקלייבן א שטאטישן סעקרעטאר, האבן אלע יידן און גויים, געשטימט פאר שלמהקען, כאטש זיין קעגנער איז געווען אן אמתער פאליאק, א קאטאליק.

ווי גיך מ'האט זיך געהאט דערוווסט די רעזולטאטן פון די וואלן, איז גאנץ שטאט, יידן און מעשטשאנעס, געקומען צו לויפן צו שלמהקען אפגעבן אים מזל־טוב. דער באגייסטערטער עולם האט אים א כאפ געטאן אויף די הענט און מיט גרויס יובל און פאראד געטראגן אים איבער דער גאס ביז צום שטאטישן מאגיסטראט.

אוודע האבן ניט איינמאל פוילישע אנטיסעמיטן געזוכט כלערליי עצות ותחבולות צו באזעצן דעם דאזיקן אמט מיט אן עכטן פוילישן קאטאליק, אבער ס'איז זיי ניט געלונגען. שלמהקעס פאזיציע איז געווען שטארק ווי דער גיבראלטאר. קיינער האט ניט געקאנט קאנקורירן מיט זיינע אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן.

אויף די יערלעכע קאנקורסן, וואס די פראווינציעלע פוילישע רעגירונג פלעגט דורכפירן צווישן אירע ציווילע באאמטע, האט שלמהקע דער "שרייבער" פונם קאמעניצער מאגיסטראט, שטענדיק באקומען די העכסטע אויסצייכענונג, אזוי אז זיין אמט איז ניט איינמאל שטארק געלויבט געווארן פון די סאמע העכסטע פוילישע נאטשאלסטווע.

די קאמעניצער און זאסטאוויער יידן פלעגן טאקע ניט איינמאל זיך וויצלען איבער זייער שלמהקען, דעם "שרייבער", און זאגן: "א גרויסער נס איז אונדז געשען וואס אונדזער שלמהקע איז . . . א ייד. ווארים, חלילה וחס, ווען ער וואלט געווען א גוי, וואלט ער דאך, מיט זיינע געבענטשטע פעיקייטן, שוין לאנג געווען אנגעשפארט אין די "הויכע פענצטער" פון דער פוילישער מלוכה, אין דער עיר הבירה ווארשע"... טא ווי וואלט שטאט קאמעניץ געקאנט אויסקומען אן שלמהקען ? . .

אזוי האט שטאט קאמעניץ געקוקט אויף שלמהקען און זיך בארימט מיט אים ווי מיט א גרויס געשאנק, וואס נאר זי האט זוכה געווען צו האבן אזא געטרייען זון אין איר מיט . . .

פישל דער מילנער

די דריי גרויסע ווינט־מילן, וואָס האָבן זיך געפונען הינטערן שטעטל, האָבן פאַרנומען זייער א ווילכטיקן פּלאַץ אינם לעבן פון שטעטל און אירע אַרומיקע דערפער. וואָרים, חלילה, וחס, ווען ס'וואָלטן קיין מילן ניט געווען, וואָלט שטעטעלע זאַסטאַוויע ניט געהאַט קיין ביסן ברויט איבער וואָס "המוציא" צו מאכן . . .

ווי ס'האָט שוין ניט איינמאָל, זומער, געהאַט געטראָפן און ס'איז באַפאַלן א גרויסע טריקעניש אויף די פעלדער, האָבן יידן און אויך להבדיל, גויים אָפּגעריכט תפילות, געבעטן אויף רעגן, אַזוי האָט מען ניט איינמאָל געבעטן גאָט אויף ווינט, וואָס זאָל קומען און נעמען דרייען די "שמיגעס", די פליגלען פון די ווינט־מילן און אָנמאָלן ברויט פאַר קליין און גרויס, פאַר ייד און גוי.

איז ווי נאָר גאָט ברוך הוא האָט דערהערט די תפילה פון זיינע קינדער און האָט אַראָפּגעשיקט א "גוטן" ווינט, איז געוואָרן א גדולה, א שמחה אין שטעטל. מ'האָט באַלד געוואָרפן די ארבעט אין פעלד און אין שייער, מ'האָט געכאַפּט און געשפּאַנט פערד און וואָגן און ווער זיין זעקל־קאָרן אויפן פּלייצע און אַוועקגעלאָפן מיט דעם צו פאַרכאַפּן וואָס גיכער אַן "אָטשערעד" אין די מילן.

דאָס פּלאַץ אַרום די מילן, ווו ס'האָט שטענדיק געהאַט געהערשט א שטילקייט, אַזוי אַז מ'האָט אפילו געקאָנט הערן דאָס זשומען פון א בין, איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א יאַריד. דער גאַנצער אַרום איז באַלאַגערט געוואָרן מיט פערד און וועגענער, מיט מעשטשאַנעס פון דער גוישער גאַס, מיט פּויערים און פּויערטעס פון די שכנישע דערפער, וואָס האָבן געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד צו קאָנען שוין א שמעק טאָן דעם פרישן ריח פונם אָנגעמאָלענעם ברויט־מעל . . .

און ביז וואַנען די מילן וועלן באַווייזן אָפּצומאָלן איטלעכנס "קאָוואַלעק" קאָרן, האָט דער אָנגעלאָפענער עולם דערווייל געכאַפּט און אויסגעשפּאַנט די פערד, אָנגעטאָן אויף זיי די טאָרבעס. די אויסגעהונגערטע פערד האָבן זיך באַלד א נעם געטאָן צו דער אכילה, געכראָמזשעט געשמאַק דעם האָבעריק, פון גרויס הנאה צוגעפינטלט מיט די אויגן־דעקלעך, צוגעשאָקלט

מיט די אויערן, געשמיסן אויף רעכטס און אויף לינקס מיט די ווײדלען, כדי צו פארטרײבן פון זיך די בײזע קאמארן, און אלע ווײלע זיך צעהירזשעט אויפן קול.

יידן באלעבאטים, מעשטשאנעס "בעלי גופים" פון דער גויישער גאס, און פויערים פון די דערפער, אלע באקאנטע, גוטע־פרײנט, מיט וועלכע מ'האט יארן־לאנג געהאנדלט, געמסחרט, האבן זיך אויסגעזעצט אויפן גראז, וואס פארן מיל, ארויסגענומען די בײטעלעך מאכארקע, אדער דעם טיטון, צונויפגעוויקלט פון פאפיר לאנגע פאפיראסן, אנגעשטאפט די ליולקעס און פארררויכערט. און פארפירט צווישן זיך א געמיטלעכן שמועס.

און וועגן וואס צו שמועסן איז גראד געווען א סך: מכוח דעם היי־יאריקן "אוראזשײ", וועגן דער גערעטעניש אויף די פעלדער, וועגן די שווערע "פאדאטקעס", "נאלאגן", שטײערן און צינזן, וואס מ'דארף צאלן צו דער פוילישער מלוכה; און וועגן דעם ברענענדיקן יקרות, וואס וואקסט ווי קרא־פעווע, אזוי אז פאר א פאר נײע שטיוול דארף מען באצאלן דעם שוסטער מיט עטלעכע זעקלעך תבואה. איז טאקע שלעכט, ברידערלעך. באלד אבער קומט ארויף דער שמועס וועגן נאך א גרעסערער צרה, וועגן נאך א גרעסערן אומ־גליק, מכוח דער מלחמה. ווארים ווערליק די "גאזעטן" שרײבן, טראגט זי זיך שוין ארום אין דער לופטן, קאן א ליאדע טאג אויסברעכן.

איז כדי צו פארטרײבן פון זיך די אומעטיקע מחשבות, וואס באפאלן דיך ווי זלידנע פליגן, הײבט איטלעכער אן צו פארדרײען א פרישן פאפיראס טיטון, שטאפט אן א פרישע ליולקע מיט מאכארקע, און מען ציט אריין אין זיך נאך שטארקער דעם זיסלעכן־ביטערלעכן רויך פונם טאבאק, און צוזאמען מיטן אויסגעשפיגענעם רויך פון מויל, שפײט מען אויס פון זיך די אנגעקלי־בענע ביטערניש אויפן הארצן . . .

בינתים, אין צווישן־צײט, כאפט דערווײל דער ייד א טאפ בײם גוי אין וואגן, קויפט אײן בײ אים א "פערטל" תבואה, אן עוף, א צענדליק אײער, א פעלכל, א בינטעלע חזיר־האר וכדומה. מיטן אפגעלײזטן ביסל מזומן, לויפט באלד אוועק דאס פויערל אין שטעטל, צום יידן אין קרעמל, קויפט דארט אײן א טאפ־זאלץ, א פרענטל־זײף, א פעקל־שוועבעלעך, א פעקל טיטון צום רויכערן, א ליאטשיק־גאזע, א קרענצל־בײגל — א מתנה פאר דער "ווײבערא" און קינדער . . .

אזוי לאנג ווי דער ווינט האלט אין דרײען די "שמיגעס", די פליגלען פון די "וויעטראקעס" (ווינט־מילן), גײט אן דער משא ומתן, דער האנדל־וואנדל, דער פרײנדלעכער שמועס צווישן ייד און גוי, צווישן גוי און ייד, ווי ס'וואלט גאר ניט געווען קײן צווײ באזונדערע פעלקער מיט "מײן גאט" און "דײן גאט", נאר ווי זײ אלע וואלטן געווען קינדער פון אײן טאטן, וואס זיצן אין מנוחה און אין שלווה אויף דער זעלבער ערד, אונטער דעם זעלביקן,

זוניקן, בלויען הימל, און זיי אלע געהערן זיך אן צו איין שטאם און צו איין אמונה אין אחדות הבורא . . .

* * * * *

די דריי ווינט־מילן, וואס זיינען געשטאנען איינע אנטקעגן דער אנ־דערער ווי א סגל ,האבן ניט געהאט דעם זעלבן חן, די זעלבע צוציונגס־קראפט אין די אויגן פון שטעטל און אירע ארומיקע פויערים און מעשטשא־נעם פון דער "גויישער גאס". פארשטייט זיך, אז די שולד איז ניט געלעגן אין דער אדער אין יענער ווינט־מיל, נאר אין זייערע באלעבאטים, די מיל־נער, מיט וועלכע ס'איז כדאי זיך צו באקענען.

צום ערשטן וועלן מיר פאר אייך פארשטעלן גרשון דעם מילנער, מחמת ער איז געווען א מילנער בן מילנער; זיין טאטע, זיין זיידע און עלטער־זיידע האבן געהאט געצויגן זייער חיונה פון — ווינט, און טאקע פון דער זעלבער מיל, וואס איז שוין געווען גאר א זקנה.

געווען איז ער א קליין, דאר מענטשעלע, מיט א קליין קעפעלע, וואס ער האט געהאט א טבע צו האלטן אנגעבויגן אויף א זייט, מיט א פאר קלייניקע, פארזשמורעטע אייגעלעך, וואס זיינען געזעסן טיף פארגראבן אין זיין פויגלשן פנימל און מיט א קליין־שיטערן ציגן בערדל, אזוי אז מיט זיין גאנצן אויסזען האט ער געמאכט א רחמנותדיקן איינדרוק, ווי ער וואלט זיך געבעטן: "טשעפע מיך ניט און איך וועל דיך ניט טשעפען". . . א חוץ די אלע אויסגערעכנטע מעלות זיינע, מ'שטיינס געזאגט, איז ער נאך געווען, ניט פאר קיין יידן געדאכט, אביסל א זאהיקע . . .

אבער דער וואונדער איז געווען, וואס דאס דאזיקע קליין מענטשעלע האט געקענט זיך פארמעסטן אין גבורה אפילו מיטן גרעסטן, שטארקסטן גוי. ער האט אויך געקענט א נעם טאן דעם שווערסטן זאק־תבואה אויפן רוקן און ארויפטראגן אים מיט די טרעפ אין דער הויך צו זיך אין מיל אריין מיט אזא לייכטקייט ווי ס'וואלט געווען א זאק מיט פעדערן. אט אזא קרעפקע יידל איז דאס געווען.

זיין ווייב עשקע, די מילנערקע, איז געווען פונקט דער היפוך פון אים. זי איז געווען א הויכע, א שלאנקע, מיט א שיינעם, איידעלן פנים און מיט א זעלטן שיינעם בלאנדן קאפ האר, וואס זי האט שטענדיק געהאלטן באהאלטן אונטער א טיכל, ווי ס'פאסט פאר א באלעבאטישער יידישער טאכ־טער . . . נאר מיט איין זאך איז זי איינגאנצן פאכאזשע געווען אויף איר געמאל, גרשון: זי איז געווען אזא שוויינגנדיקע ווי ער.

וועט איר דאך אוודע פרעגן: ס'טייטש? ווי קומט עס, אז אזא יפת־תואר זאל האבן א מאן אזא "פארשוין"? איז דער תירוץ אזא: ווער־ליק מ'האט געהאט געשמועסט אין שטעטל, איז עשקע די מילנערקע יונגער־הייט פארבליבן נעבעך אן ארעמע, עלנטע יתומה. איז כדי זי זאל חלילה ניט פארזעסן ווערן ביז גראען צאפ, האט מען זי, אוים רחמנות וועגן, פארשליי־

ערט מיט אַט דעם "קראַסאַוועץ", גרשון, וואָס איז געווען אַ "טאַטנס אַ קינד", דער איינציקער יורש פון בערקע דעם מילנערס מיל מיט דער גאַנצער "כּודאָבע". האָט די שיינע, איידעלע עשקע אַ גאַנץ לעבן שווער געהאָרעוועט און געפּראַצעוועט, געקינדלט און געשוויגן . . .

דער צווייטער מילנער, אביגדור, איז נאָך געווען אַ גרעסערער שווייגער פון זיין שכן גרשון. אַרויסצוקריגן פון אים אַ וואָרט, איז געווען נאָך שווערער ווי אַרויסצוקריגן פון אים אַ נדבה. דערפאַר טאַקע האָט מען אים גערופן אין שטעטל "דער מרוק", ד"ה, אַ ביטערער שווייגער. און אפשר, ווער ווייס, איז דאָס גאָר ניט געווען זיין שולד? וואָרים, אַז מ'האָט אַ גאַנץ לעבן צו טאָן מיטן ווינט, וואָס ברומט, וואָס פייפט און שטורעמט, לערנט מען זיך שוין אויס אַליין צו שווייגן . . .

דערפאַר אָבער האָט אים גאָט געבענטשט מיט אַ ווייב, וואָס איז שוין געווען גאָר אַ באַרעדעוודיקע. רעשע האָט זי געהייסן. דאָס איז געווען אַ הויכע, דאַרע יידענע מיט אַ פּנים פון אַ מאַנצביל. אַט די דאָזיקע יידענע־מאַנצביל האָט פאַרמאָגט שוין איינמאָל אַ מענה לשון! אַריינצופאַלן צו איר אין מויל איז געווען חיות ניט זיכער!

די שכנהס אירע, די מילנערקעס, האָבן זיך געהאַלטן פון איר פונדערווייטנס, ניט געוואָלט האָבן מיט איר קיין מגע ומשא. האָט זי ניט געהאַט קיין פרעמדן מיט וועמען זיך צו קריגן, האָט זי אויסגעלאָזן איר כּעס אויף איר שווייגנדיקן מאַן, דעם "מרוק", אָדער אויף אירע צוויי זינדלעך און אויף אירע שטומע ציגנ, אויף דער בהמה, אויף דער קאַץ און אויפן הונט. זי פלעגט זיי שעלטן מיט טויטע קללות. אפילו אירע אייגענע טשאַטעס הינער, גענדז און קאַטשקעס, וואָס זי האָט אַליין געזעצט, האָבן אויך קיין האָניק ניט געלעקט ביי איר. זי פלעגט זיי אויסטיילן דעם בּיסן אין מויל, געהאַלטן זיי תמיד פאַרשפּאַרט אין שטוב אָדער אין "קוטשע", אונטערן באַק־אויוון, כּדי דער שוליאַק, דער רויב־פויגל, "אַ נכפה זאָל אים כאַפּן!" זאָל זיך ניט "ליאַקאָמען" אויף זיי . . .

אָבער גאַנץ אַנדערש האָט מען זיך באַצויגן צו דער דריטער מיל און צו איר באַלעבאָס, פישל מילנער, און צו זיין ווייב, פעשע־בלומע דער מילנערקע, אָדער ווי די מעשטשאַנעס פון דער גוישער גאַס האָבן זי גערופן "נאַשאַ בלומקאַ", ד"ה, אונדזער בלומקע, וועגן וועלכער מיר וועלן שפּעטער דערציילן אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל.

די דאָזיקע מיל האָט פאַרמאָגט עפּעס אין זיך גאָר אַ באַזונדערן חן, אַ באַזונדערן מזל, צו וועלכער אַלע אין שטעטל, יונג און אַלט, ייד און גוי, האָבן זיך געצויגן אַהין, ווי ס'וואָלט אין איר געשטעקט עפּעס אַ מין כּישוף. ווי שוין געזאָגט איז דאָס ניט געווען בלויז אין זכות פון דער מיל אַליין, וואָס איז שוין געווען אַ זקנה, אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן און האָט שוין היבשלעך אונטערגעקרעכצט און אונטערגעסקריפּעט, נאָר אויך אין אירע באַלעבאַטים.

שוין מיט זיין אויסזען אליין, האָט פישל דער מילנער זיך געהאַט אויסגעצייכנט פון זיינע שכנים, די אַנדערע צוויי מילנערס.

ערשטנס, האָט ער פאַרמאָגט אַ שיינע "אַסאַבע", אַ הויכער, מיט אַ בלאָנדער באָרד, אַ שיין פּנים מיט ראָזעווע באַקן און מיט אַ פּאָר בלויע, קינדישע אויגן. צווייטנס, איז ער געווען אַ גאַנץ באַרעדעוודיקער. ער האָט געקענט זייער שיין און "סקלאַדנע" דערציילן אַ מעשה.

און מעשות האָט פישל געהאַט אַ סך. וואָרים איידער ער איז געוואָרן אַ מילנער, איז ער שוין אויסגעווען ווו אַ וועלט האָט אַן עק. ער האָט שוין געהאַט באַוויזן צוויי מאָל איבערצוקרייצן אהין און צוריק דעם ים אוקינוס. און איידער ער האָט זוכה געווען ארויפצושטעלן אַ פוס אויף דער אַמעריקאַנער ערד, האָט ער וואַכן און חדשים געוואַנדערט, זיך געשלעפּט מיט משאַוואַגאַנען און מיט אָקסן־שיפן, כדי איינצושפּאָרן די הוצאות הדרך. אויף די דאָזיקע ווייטע, לאַנגע נסיעות זיינע, האָט ער זיך געהאַט אָנגעזען מיט גרויסע וואונדיירים. און היינט וועגן דער "אַמעריטשקע גנב", ווי זי האָט ביי אים געהייסן, וואָס איז באַשטאַנען אין זיינע אויגן ניט מער ווי די יידישע "נעוויאָרק", האָט ער געהאַט צו דערציילן אַזויפיל טשיקאַווע מעשות, פון וואָס זיינע צוהערער פלעגן אָנשטעלן מויל און אויערן.

און כאָטש אַלע אין שטעטל האָבן געטראָגן אין האַרצן אַ וואַרעמען געפיל צו קאָלאָמבוסעס מדינה און געווען מיט איר פאַרבונדן ווי מיט משפּחה־פעדים, ווייל יעדער איינער האָט דאָרט געהאַט אַ זון, אַ ברודער, אַ שוועסטער צי אַזוי אַ נאָענטן קרוב, אָבער פישל מילנער האָט אויסגערעדט אויף איר כל דבר אסור, און זי אָנגערופן ניט אַנדערש ווי "אַמעריטשקע גנב", ווי זי וואָלט ביי אים צוגענומען זיין טאַטנס ירושה...

דאָס איז, פלעגט ער טענהן פאַר זיינע שכנים אין בית־מדרש און אויך להבדיל אין מיל, אַ משוגענע, ווילדע לאַנד! אַלץ איז דאָרט הפקר פּעטרושקע! אַ טאַטע איז קיין טאַטע ניט, אַ ברודער איז קיין ברודער ניט און אַ ווייב איז קיין ווייב ניט... יעדער איינער האָט נאָר זיך אין זינען... און מענטשן זיינען דאָרטן פאַראַן כחול הים, אָנגעלאָפענע מארבע פינות העולם, און אַלע מיט אַזעלכע משונהדיקע גענגלעך און פּירונגען, וואָס פּאַסן זיך גאָר ניט פאַר זרע אברהם, יצחק ויעקב... און ריידן רעדט מען דאָרט אויף אַלע שבעים לשונות. איך זאָג אייך, אַן אמתער דור הפלגה... און אַרבעטן אַרבעט מען דאָרט ווי די אייזלען... און נאָך דעם אַלעמען פאַרמאָגט דאָרט קיינער ניט אפילו קיין צעבראָכענעם דרייער... ווייל זייער גאַנצע פאַרדינסט גייט ביי זיי אַוועק אויף דער אכילה; טאָג און נאַכט האַלטן זיי רק איין פרעסן און זויפן...

"און וואָס איז שייך גאָט, פרעגט שוין גאַרניט! — רופט אויס פישל מיט אַ קרעכץ. — ער איז דאָרט נעבעך אויף גרויסע צרות! קיינער קוקט זיך ניט אום אויף אים! קיינער נויטיקט זיך ניט אין אים, ווי ער וואָלט נעבעך געווען אַ יורד, אַן אָרעמאַן, אַן אביון... יידישקייט ליגט דאָרט ניין איילן

אין דער אדמה . . . מען ווייסט ניט פון קיין שבת און פון קיין יום־טוב, פון כשר און טריף . . .

"בקיצור, וואָס איז דאָ לאַנג צו ברייען, — פלעגט פישל שטענדיק אויסלאָזן, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט א פילאָזאָפישן טאָן, — דער מענטש האָט דאָרטן אויך ניט קיין שום "זנאטשעניע"; דער ארבעטער איז דאָרט געגליכן צו א שרייפעלע אין א גרויסער מאשין; ווי נאָר דאָס שרייפּעלע ווערט אָפּגענוצט, ווארפט מען עס ארויס אויפן מיסט־קאסטן און מען שטעלט באלד אריין אויף זיין אָרט א ניי שרייפעלע . . .

"אָבער דאָ, ביי אונדז אין שטעטל, — רופט אויס פישל מיט פאנאנ־דערגענומענע הענט, — איז א מחיה צו לעבן! וווּ נאָך האָט איר אזא רחבות, מיט אזויפיל תבואה־פעלדער, גערטנער און סעדער?! דאָ איז דאָך יעדער איינער א מענטש, א באלעבאָס פאר זיך אליין! איך זאָג אייך, אז איך וועל ניט פארביטן איין ווינקעלע מיינס פאר זייער גאנצער אמעריקע ! . ."

ווי איר זעט, האָט פישל דער מילנער, ניט געהאט קיין גוט וואָרט אויף קאָלאָמבוסעס מדינה. וויפל זיינע פריינט און לאנדסלייט האָבן אים דאָרט ניט געפּרוווט איינריידן, אז ער זאָל שוין פארבלייבן אויף תּמיד אן אמעריקאנער און אריבערברענגען אהין זיין ווייב און קינדער, ווי דאָס האָבן שוין געהאט געטאָן אנדערע פון זיין שטעטל, איז עס זיי ניט געלונגען. ווי גיך ער איז צוגעקומען צו א "פּאָר־טאָלער", האָט ער געכאַפּט דאָס זעקל מיטן פעקל און אנטלאָפן צוריק אהיים צו זיין ליבן, שטילן געבורט־שטעטעלע זאַס־טאוויע. און ווען זיינע שווער־אָנגעפּראצעוועטע דאָלארן זיינען ביי אים צע־רונען געוואָרן, האָט ער זיך ווידער אוועקגעלאָזן "צופוס" צו קאָלאָמבוסן, וווּ ער האָט ווידער "אָפּגעבידעוועט" אין א פינצטערן "קעלער", האנדלענ־דיק מיט שטיינקוילן און מיט שטיקלעך אייז, נאָך א צענדליק יאָר, ביז איבער דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס מאָל איז ער שוין געקומען אהיים מיט א היבשער אפּותיקא. האָט ער אָפּגעקויפט ביי טויבע דער אלמנה די מיל, מיטן קליינינקן שטיבעלע, מיט דער גאנצער כודאָבע און איז מיט גאָטס הילף געוואָרן א מילנער.

און געליבט האָט פישל זיין היים־שטעטל און זיין מיל מיט אלע פי־בערן פון זיין נשמה. ער האָט געטאָגט און גענעכטיקט אין איר. ווי נאָר דער ווינט האָט גענומען דרייען די שמיגעס פון זיין מיל, פלעגט אים ארומ־כאפּן א פרייד. א פארשטויבטער, א פארמעליקטער פון קאָפּ ביז די פיס, פלעגט ער ארומלויפן איבער דער מיל, געארבעט פאר דריי, ווי ער וואָלט געווען נאָך גאָר א יונגערמאנטשיקל. דאָס האָט ער מיט שאָפלע ארויסגעשאָפלט די מעל פון קאסטן אין די זעק, און דאָ איז ער מיט א זאק־תבואה אויף די פלייצעס ארויפגעקלעטערט מיט די טרעפּ אין דער הויך און אים אריינגעשאָטן אינם "זאשעק", כדי די מילשטיינער זאָלן האָבן וואָס צו מאָלן, וואָרים אויב ניט, קענען זיי זיך נאָך חלילה אָנצינדן.

זיין מיל איז טאקע שטענדיק געווען פארוואליעט מיט זעק־תבואה.

אלע זיינע שכנים, יידן און אויך מעשטשאנעס פון דער גויישער גאס און פאר־ערים פון די ארומיקע דערפער, האבן זיך רק געריסן צום "ריטעלני פישקא", אז נאר ער זאל מאלן זייער קארן, אויף ברויט, נאר ער זאל "ביטלען" זייער ווייץ אויף זייערע חגאות. ער האט זיך גארניט געקענט צערייסן. ער האט געמוזט צו הילף נעמען זיין געטרייע וייב, פעשע־בלומע, וואס איז געווען א בריה נפלאה און אויך זיין זון, איציקן.

און בשעת ער האט געארבעט האט ער, ווי זיין טבע איז געווען, אונ־טערגעברומט פאר זיך א ימים־נוראימדיקן ניגונדל. ער איז געווען גליקלעך. וואס מער דער ווינט האט געבלאזן און וואס מער די מיל־שטיינער האבן גע־קלאפט און געטראסקעט, אלץ מער איז ער דורכגענומען געווארן מיט א דער־הויבענער, רעליגיעזער שטימונג, ווי ער וואלט איצט געטאן א הייליקע אר־בעט. ווארים דער ווינט, וואס רייט אויף די פליגלען פון זיין מיל איז דאך אויך גאטס שליח. ער שפירט מיט אלע זיינע חושים די גרויסע גבורה פון כביכול . . . און ער, פישל, איז אין דער מיט . . . ער, א שוואך מענטשל, קירעווועט עס מיט אט דער גרויסער "מעכאנינע", דער מיל, ווי דער קאפיטאן זיין שיף אויפן צעשטורעמטן ים. וויל ער קאן ער זי צווינגען צו גיין נאך שטארקער, וויל ער קאן ער זי איינגאנצן אפשטעלן. ער איז איר שליט און איר מושל, ווייל "כי הנה כחומר ביד היוצר", ווי די ליים אין דער האנט פונם טעפער! ער איז דא דער גאנצער באלעבאס! קיינער האט איבער אים דא ניט קיין דעה ! . . פון גרוים הרחבת הדעת, הייבט ער אז זינגען נאך העכער: "לברית הבט ואל תפן ליוצר" — קוק צום בונד פון גאט און ניט צום יצר הרע . . . ער איז צופרידן און גליקלעך וואס ער האט זיך ניט געלאזט איבעררײדן צו בלייבן אין דער זינדיקער אמעריקע . . . א נחת־רוחדיק שמיי־בעלע צעשפרייט זיך איבער זיין פארמעליקטן פנים. און דער ווינט וואס דרייט מיט די שמיגעס פון זיין מיל, כאפט אויף זיין ניגון און ברומט צו . . . ווארים ס'איז דאך טאקע א גרוים פרייד צו מאלן קארן און ווייץ אויף מעל, אויף ברויט פאר אלע די וואס זיינען באשאפן בצלם אלוקים . . .

* * * * *

פישל דער מילנער איז אויך געווען א יודע־ספר. ער האט געקענט אפלערנען א פרשה חומש מיט רש"י, א פרק משניות, און ווען מ'האט גע־דארפט, האט ער אויך אפילו געקענט דורכקריכן א בלעטל גמרא. אין די לעצטע יארן, ווען די גרויסע, שארפע קעפ, די למדנים פונם שטעטעלע זאס־טאוויע, זיינען שוין לאנג נתבקש געווארן בישיבה של מעלה, איז פישל מיל־נער, ניט ווילנדיק, געווארן זייער "ממלא מקומם". דאס איז געטאן געווארן שלא מדעתו, אז זיין אייגענעם ווילן, ווייל בטבע איז פישל געווען א שטיל, באשיידן מענטשל; ער האט זיך קיינמאל ניט געשטופט צום אויבנאן. נאר איינמאל, אין בית־מדרש, זיינען צוגעקומען צו אים עטלעכע שכנים זיינע און געזאגט צו אים אזוי:

— פישל, סערדצע, כ'לעבן שוין צייט, אז דו זאלסט נעמען מיט אונדז

עפּעס לערנען. וואָרים מיר קאָנען דאָך דיך און מיר ווייסן דאָך, אַז דו פאַר־שטייסט זיך גוט אויף די שווארצע פּינטעלעך, טאָ וואָס־זשע שווייגסטו? זיי אונדז מזכה כאָטש מיט וואָס עס איז!

לכתחילה איז דער שטילער, באַשיידענער פישל געבליבן זיצן ווי א געפּלעפּטער. וואָס הייסט? ווי קום איך, פישל מילנער, צו ווערן פּלוצלונג א "רבי"? — האָט ער אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, זיך געררויטלט, ווי א כלה־מיידל צו וועלכער מ'איז געקומען צום ערשטן מאָל ריידן א שידוך, און ניט געוווסט וואָס צו ענטפערן. ערשט, אַז די שכנים זיינען שטארק צוגעשטאַנען צו אים, האָט ער, באין ברירה, זיך געמוזט אונטערוואַרפן דעם ווילן פון "פאָלק" און איז געוואָרן זייער "רבי".

און טאקע באותו היום, נאָך אינם זעלבן טאָג, בין מנחה למעריב, איז צונויפגעשטעלט געוואָרן א "טיש מיט יידן" און ער האָט גענומען לערנען מיט זיי, פריער א פּרשה חומש מיט רש"י, נאָכדעם א פּרק "עין יעקב" און אויך א פּרק משניות, און געלערנט האָט ער מיט אזא זיסן, הארציקן ניגון פון וואָס דער עולם האָט שטארק הנאה געהאַט. ערשט דעמאָלט, האָבן יידן אין בית־מדרש זיך געכאַפּט וואָס פאַר א שיינעם קול נגינה זייער "רבי", פישל דער מילנער, פאַרמאָגט. זיינען זיי ווידער צוגעשטאַנען צו אים, אַז ער זאָל זיי אויך מיט דעם מהנה זיין. איז ער שוין אויך געוואָרן פאַר זיי א שליח ציבור, פריער אין די שבתים און ימים־טובים, ביז ער האָט געשטיגן אַלץ העכער און העכער און איז געוואָרן א "בעל מוסף" אין די ימים־נוראים. געדאַוונט האָט ער מיט הארץ, מיט נשמה, אַזוי אַז דער גאַנצער עולם האָט שטארק אָנגעקוואָלן.

פישל האָט איצט געזען באַשיינפּערלעך, אַז דער רבש"ע איז מיט אים. ווו נאָר ער טוט זיך קערן און ווענדן איז ער מצליח. ער האָט אים אויסגע־לייזט פון קאָלאָמבוסעס פאַרגווייִשטער מדינה, און אים געבראַכט בשלום צוריק אַהיים — אל המנוחה ואל הנחלה . . . ער איז געבענטשט געוואָרן מיט פולקייט: א באַלעבאָס איבער אזא גרויסער מיל מיט אזא גרויסער "כאַזאַי־סטווע"! און איצט נאָך א "רבי", א בעל תפילה פאַר אזא עדה יידן ! . . איז פון גרוים פרייד האָט ער אָנגעהויבן דאַווענען נאָך מיט מער כוונה און געלערנט מיט מער התמדה . . .

פעשע־בלומע די מילנערקע

די געבענטשטע און די באַליבטסטע פון אַלע ווייבער אין שטעטל איז געווען פעשע־בלומע, פישל מילנערס ווייב, וועלכע די מעשטשאַנעס פון דער גוישער גאַס האָבן גערופן "נאַשאַ בלומקאַ", ד"ה, אונדזער בלומקע.

זי איז טאַקע געווען אַן אויסערגעוויינלעכע פרוי, געבענטשט מיט אַלע מעלות. זי איז געווען שיין, חנעוודיק, קלוג און גוטהאַרציק, און אויך אַ גרויסע אשת־חיל, אַ בריה נפלאה, איינע ביי גאָט. צו וואָס איר האַנט האָט זיך נאָר צוגערירט, האָט געקראָגן דעם זיבעטן חן. אירע אויסגענייטע האַנטוכער, טישטוכער און אירע תפילין־זעקלעך פאַר בר־מצווה יינגלעך און פאַר חתנים, האָבן געשמט אין דער גאַנצער געגנט. כלה־מיידלעך פלעגן קומען צו איר זיך לערנען אָט די אַלע איידעלע מלאכות. און זי, אַ גוטע נשמה, איז אויך געווען אַ גוטע לערערין.

ס'איז כמעט ניט געווען קיין איין שטוב אין שטעטל, וווּ ס'איז ניט געהאַנגען אויף די ווענט דאָ אַן אויסגענייטער "מזרח" מיט לייבן, מיט פייגל, מיט בלומען און פאַלמען־ביימער, און דאָרט אַ פּאָרטרעט מיט די סימנים פון די צוועלף שבטים, אָדער מיט די סימבאָלן פון די צוועלף חדשים פון יאָר. דאָס האָט די גוטע פעשע־בלומע, מיט אירע גאָט־געבענטשטע הענט, געהאָט אויסגעלערנט די שטעטלשע יונגע מיידלעך אויסצוניין, אויס צושטריקן און אויסצוהעפטן.

איר גאָרטן איז געווען דער שענסטער צווישן אַלע גאָרטנס אין שטעטל. אירע הינער און קאַטשקעס, וואָס זי האָט אַליין "געזעצט", זיינען געווען די שענסטע און די געראָטנסטע. און ליב האָט זי זיי געהאַט אין לשער. ווי נאָר זי פלעגט זיך באַווייזן אויפן הויף, פלעגן די טשאַטעס עופות אירע באַלד נעמען נאָכלויפן נאָך איר מיט אַ רעש, מיט אַ געפילדער, ווי זיי וואָלטן דערזען זייער מאַמע. זי פלעגט זיך באַלד אוועקשטעלן אין דער מיט צווישן דעם געזעמל עופות און נעמען "שעפּן" פון איר פאַרטוך אַרויס פולע זשמע־ניעס מיט קערנער און זיי טיילן מיט אַ פולער האַנט.

אַזוי אויך פלעגט דאָס אויסגעהאָדעוועטע בהמהלע אירס, מיט דעם שיינעם, געטאָקטן קעפּל, מיט דער ברייטער מאָרדעטשקע און מיטן חנעוודיקן וויס־שוואַרצלעכן פלעק אויף דעם שטערן, איר נאָכגיין טריט אין

טריט, זיך טוליען צו איר, ווי אַ קינד, לעקן איר מיט דער צונג דאָס פּנים און די הענט. ניט איינמאָל פֿלעגט פּעשע־בלומע די מילנערקע אומישנע באַהאַלטן אַ פֿענעצל־ברויט אָדער אַ צעשניטענעם קאַרטאָפֿל אין אַרבל און אין פֿאַרטוך, זען, צי דאָס בהמהלע, די שטיפֿערקע, וועט עס אַליין קאָנען געפֿינען. דאָס יונגע בהמהלע פֿלעגט טאַקע באַלד דערשנאַפּן, אַז איר גוטע, געטרייע באַלעבאָסטע האָט ביי זיך ערגעץ באַהאַלטן פֿאַר איר אַ נאַש. פֿלעגט זי באַלד צופֿאַלן צו איר, אָנהייבן זוכן ביי איר מיט דער מאָרדעטשקע אַזוי לאַנג, ביז ס'פֿלעגט דערטאַפּן די מתּנה, און מיט איין כלאַם עס אַריינכאַפּן צו זיך אין מויל אַריין. דעמאָלט איז צו דער מילנערקעס נחת קיין שיעור ניט געווען.

מ'דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז זי האָט איר גאַנצע ליבע אַוועקגעשאָנקען בלויז צו די שטומע־ציינג אירע. פֿאַרקערט, איר גרויסע ליבשאַפֿט צו מענטשן, אָן אונטערשייד פֿון ייִד און גוי, איז געווען אין לשער. הגם בטבע איז זי געווען אַ ביסל אַ "ספּילטשיווע", פֿלעגט גיך אַריינפֿאַלן אין כּעס. אָבער אין דער אמתן האָט זי פֿאַרמאָגט אַ גוט האַרץ, געווען אַ מזג טוב, אַ גוטע נשמה. יענעמס צער איז געווען איר צער און יענעמס פֿרייד איז געווען איר פֿרייד: קנאה און שנאה איז ניט געווען אין איר נאַטור.

איר קליין שטיבעלע איז שטענדיק געווען אָפֿן פֿאַר אַלעמען. אַן אָרעמער גייער, אַ נע־ונדניק, האָט תּמיד דאָרט געפֿונען אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ זאַטן מאָלצייט. און כאָטש זי איז שטענדיק געווען פֿאַרהאָרעוועט און פֿאַריאָגט ביים אַרויסהעלפֿן איר מאַן אין דער פּרנסה, פֿונדעסטוועגן האָט זי זיך תּמיד געטיילט מיט איר ביסן ברויט מיט נאָך אַ גרעסערן נויטבאַדערפֿטיקן פֿון איר. און ווען זי האָט שוין מער גאָר ניט געקענט געפֿינען אין איר אייגענעם שפּייז־אַלמער, איז זי געלאָפֿן צו אַן אַנדערן, צו אַ שכן, דאָרט גענומען און דאָ געגעבן.

ווי גיך זי האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט איר באַלעבאַטישקייט, מיט איר גאָרטן, מיט געבן עסן דער בהמה און "פֿאַרשטאָפּט" די מיילער פֿון איר מאַן און קינדער מיט אַ שטיקל ברויט, מיט אַ טעפּל קאַרטאָפֿל און וואַרעמען ביסל קרופּניק, פֿלעגט זי זיך באַלד אַוועקלאָזן מיט אירע גיכע טריטעלעך איבערן שטעטל. זי האָט שוין געוווסט ווו אַ נויטבאַדערפֿטיקער נויטיקט זיך אין איר הילף. דאָ האָט זי אַוועקגעטראָגן צו אַן אָרעמער, עלנטער זקנה אַביסעלע מילך, אַ טעפּעלע געקעכץ; אַ פֿאַרשמאַכטן קראַנקן דערקוויקט מיט אַ לעפֿעלע איינגעמאַכץ: אַן אָרעמע קימפּעטאָרין מחיה געווען מיט אַ יאיכל; אַן אָרעמע כּלה־מיידל געהאָלפֿן צוגרייטן דעם אויסשטייער; אַ נאַקעטן, באָרוועסן יתום, אָדער יתומה, באַקליידט מיט אַ בגד, מיט אַ פּאָר שיך. זעלטן ווען זי האָט גערוט, נאָר תּמיד פֿאַרהאָרעוועט איבערן קאָפּ, אָפּטמאָל ביזן גראָען פֿאַרנאַכט.

זי איז אויך געווען אַ גרויסע חכמה, האָט פֿאַרמאָגט אַ מאַנצבילשן קאָפּ אויף זיך. איז ווו אַ צרה און ווו אַן אומגליק, איז מען באַלד געקומען

צו לויפן צו איר נאך אן עצה. מיט איר פליסיקן ריידן רוסיש, פויליש, האט זי געקענט צוקומען אפילו צום העכסטן נאטאשלניק, צום גרעסטן שררה. פלעגט טאקע ניט איין שכן קומען צו איר בעטן, אז זי זאל גיין פאר אים זיך משתדל זיין אין די "הויכע פענצטער", צום "מיראוואי סודיא" (ריכ־טער), צום "סטארשינא", צום "שרייבער" אין "וואלאסט" (גמינע) אפשרייען א גזירה אויף א יידן א מטופל מיט קינדער. דא איז געקומען א פרוי, א יידישקע, אדער א גוישקע, זיך קלאגן פאר איר, אז דער מאן האט פלוצ־לונג געווארפן אויף איר אן אומחן. האט זי אזוי לאנג געארבעט ביז ס'איז איר געלונגען צוריק אויפצושטעלן דעם צעשטערטן שלום־בית. און טאקע ניט איינמאל, ווען ס'איז אויסגעבראכן א מחלוקת, א קריגעריי צווישן א יידישן שכן מיט א גויישן שכן, פלעגט מען שוין זאגן:

— כאדים (לאמיר גיין) דא בלומקא! — און וואס בלומקא האט "געפסקנט" איז געווען רעכט.

א חוץ דעם איז זי געווען באשאנקען מיט נאך אנדערע מעלות: ערשטנס, איז זי געווען א גרויסע מלומדת, א ווילגעלערנטע. געווען קלאר כמעט אין אלע "ווייבערשע ספרים", ווי דער "קו הישר", "מנורת המאור", אויף עברי־טייטש. דעם "צאינה וראינה", דעם טייטש־חומש מיטן "נחלת צבי", האט זי געקענט כמעט אויף אויסנווייניק. זי האט שטענדיק געדענקט וואס דער מדרש זאגט, וואס דער רב בחיי "ברענגט" און וואס רש"י "מאכט".

זי איז טאקע געווען די ערשטע און די בעסטע "זאגערין" פאר די ווייבער אין שול. יעדער שבת און יום־טוב, און ווער רעדט נאך ימים־נוראים, אין די גאטספארכטיקע טעג, ווען אפילו א פיש אין וואסער ציטערט פארן יום־הדין, פלעגן זיך ארומקלייבן ארום איר טיש אן עולם ווייבער — די "שטומע נשמות", וואס האבן נעבעך אליין ניט געקענט זיך צונויפ־ריידן מיט גאט, ברוך הוא, מיט דער הילף פון זיינע הייליקע אותיותלעך, פלעגט זי שוין פארלייענען פאר זיי, און זיי פלעגן נאכזאגן, שלינגען, ווי הונגעריקע, פארשמאכטע, אירע ווערטער, וואס זיינען ארוים פון איר פערל־דיק מויל. אט דער דאזיקער טאלאנט איז צו איר איבערגעגאנגען בירושה נאך פון איר עלטער־באבע דינה און באבע רחל און פון איר מאמען, אסתר־יהודית, וואס זיינען געווען גרויסע צדקניותן און וואס האבן שוין געהאט א "חזקה" צו זיין די שטענדיקע "זאגערינס" אין שול.

צווייטנס, איז זי געווען ניט נאר א ווילגעלערנטע אין די הייליקע "ווייבערשע ספרים", נאר אויך איז זי געווען גוט באהאוונט אין אלע מעשה־ביכלעך, פון אייזיק־מאיר דיק און פון שמרס עכסט־שפאנענדע ראמאנען, וואס וואנדערנדיקע מוכר־ספרימניקעס פלעגן, יאר־איין, יאר־אויס, אין חודש אלול, ברענגען אין שטעטל צום פארקויפן.

זומער, שבת בייטאג, נאכן אפעסן דעם טשאלנט, פלעגן שוין קומען צו איר א כאליאסטרע יונגע ווייבלעך, ארייננגיין מיט זיי אין סאד, זיך אוועקזעצן אין שאטן פון א בוים און נעמען פארלייענען פאר זיי. ווינטער,

אין די לאַנגע פרייטיק צו נאַכטן, פלעגט מען זיך שוין צונויפקלייבן צו איר אין שטיבעלע און זי פלעגט פאַרלייענען פאַר זיי ביז די שבתדיקע בענטשליכט האָבן געגומען אויסגיין. און געלייענט האָט זי די דאָזיקע פאַרכאַפּנדיקע ראָמאַנען מיט א קלאָרער שטימע, מיט הארץ און מיט געפיל, ווי זי פלעגט פאַרזאָגן מיט גרויס כוונה די ש״ס תחינות און די תפילות פאַר די עלטערע ווייבער אין בית־מדרש. אירע יונגע צוהערערינס פלעגן בשעת מעשה זיצן צוגעטוליעט איינע צו דער אנדערער, קוקן איר אין מויל אריין, חלילה ניט צו פאַרלירן קיין איין וואָרט. און בשעת מעשה האָט מען אליין איבערגעלעבט די טראַגישע יסורים פון אָט די דאָזיקע ״שטערבלעך פאַרליבטע״ העלדן, די אמתע ליבהאָבער, און די פאַלשע באַטריגער, וואָס ווילן צעשטערן און צערייסן די הייליקע, געטלעכע ליבע פון א יונג פאָרל . . . אָבער, נישקשה, גאָט איז א פאָטער, ער באַשטראָפט דעם רשע מיט זיין פאַרדינטער שטראָף און די יונגע ״הערצנס געליבטע״ ווערן צוריק פאַראייניקט שוין אויף ״עוויג און עוויג״. . .

און פונקט ווי זי איז געווען א גרויסע זאָגערין און א גוטע פאָרלייענערין, אזוי אויך איז זי געווען נאָך א גרעסערע ״שרייבערין״. גאַנץ שטעטל פלעגט קומען צו איר זי זאָל שרייבן פאַר זיי בריוו: בריוו פון פאַרליבטע כלות צו זייערע חתנים; בריוו פון ״אמעריקאַנער ווייבלעך״ צו זייערע מענער אין דער ווייטער, גאָלדענער מדינה — אמעריקע. און געשריבן האָט זי אזעלכע לאַנגע בריוו, מיט אזויפיל ליבשאַפט, ווי זי וואָלט זיי געשריבן צו איר אייגענעם מאַן, ווען ער איז נאָך געווען אין אמעריקע. אירע שטענדיקע ״קליענטן״ האָבן איר שוין אפילו ניט געדאַרפט זאָגן וואָס צו שרייבן. זי האָט שוין געוווּסט וואָס עס טוט זיך ביי איטלעכן פון זיי אין הארצן.

און דער חידוש איז געווען נאָך גרעסער וואָס זי אליין האָט געקענט אָנשרייבן פאַר זיי די ״אמעריקאַנער אדרעסן״, אזוי אז מ׳האָט שוין ניט געדאַרפט לויפן אַזש קיין קאַמעניץ, צו וועלוול סאַפּירשטיין, דעם אַפּטייקער, אז ער זאָל אָנשרייבן . . . דאָס האָט זי שוין געהאַט צו פאַרדאַנקען איר טאַטן, ר׳ ישראל לוסקעלער, וואָס איז געווען אין זיינע יונגע יאָרן אן ארענדאר ביי א פּריץ, און איז שוין אויך געווען אביסעלע אָנגעשטעקט פון דער ״בת השמים״, דער השכלה. האָט ער שוין געזען, אז זיין ערשט קינד, פעשע־בלומע, וואָס איז דאָרט געבאָרן געוואָרן, זאָל אויסוואַקסן א געלערנטער מענטש, זאָל קאָנען ריידן מיט א שררה, ניט ערגער פון די שכנישע טעכטער פון די רייכע יידישע פאַכטערס . . .

אָבער מער פון אלץ האָט פעשע־בלומע געשמט מיט איר דאָקטעריי. זי איז געווען א מאדים א דאָקטאָרשע: איר באַנדאַזש האָט זיך קיינמאָל ניט אויפגעבונדן; איר ״שפּאַנישע פליג״ פלאַסטער, איז קיינמאָל ניט אראָפּגעפאַלן פאַר דער צייט; אירע ״געפּיקטע באַנקעס״ שטעלן האָבן געהאַט א שם ניט נאָר ביי יידן, נאָר אויך ביי גויים. האָט עמיצער זיך צעשעדיקט א האַנט, א פוס, אָדער פאַרשטאָכן א פינגער, פלעגט מען שוין גלייך לויפן צו

איר. זי פלעגט דורכפירן די „אָפּעראַציע“ אַזוי גיך און אַזוי געשיקט, אַז דער חולה האָט אפילו ניט געשפּירט קיין שום ווייטיק.

זי האָט אויך געקענט כמעט אַלע גראָזן און קרייטעכצער ביי די נעמען, וואָס פאַר אַ גראָז און וואָס פאַר אַ געוויקסל עס איז גוט פאַר צאָנווייטיק און וואָס ס׳איז גוט פאַר בויכווייטיק, און נאָך אַזעלכע קראַנקהייטן. דאָס האָט זי שוין געקראָגן בקבלה פון איר מאַמען, אסתר־יהודית, און פון איר באָבע רחל, וואָס האָבן געהאַט געוווינט אויפן דאָרף און האָבן אויך געשמט פאַר גרויסע דאָקטאָרשעס . . . און אַלע אירע רפואות און סגולות האָבן אויפגעטאָן ממש וואונדיירים. ניט אַנדערש, פלעגט זי זאָגן מיט אַ שמייכעלע, ווי איר טבע איז געווען, אַז דער מלאך רפאל שטייט איר תמיד ביי דער זייט . . .

ווען נאָר ס׳איז פאַרגעקומען אַ מאַרק־טאָג, אַ יאַריד אין שטעטל, פלעגט איר קליין שטיבעלע פאַרוואַנדלט ווערן שיר ניט אין אַ שפּיטאָל. פּויערים און פּויערטעס פון די אַרומיקע דערפער פלעגן קומען צו איר מיט אַלע זייערע חולאתן. דעם האָט זי געדאַרפט אָפּשפּרעכן אַ „גוט־אויג“, ביי אַ צווייטן „אָפּשרייבן אַ רויז“, אַ דריטן האַקן אַ מכה, אַ קראַנקער פּויערטע אַריינשטופּן צוריק די אַרויסגעלאָפענע גדערים און נאָך אַזעלכע חולאתן, וואָס מ׳זאָל פון זיי ניט וויסן אין קיין שום יידישן גבול . . .

אַן אַנדערע אויף איר אָרט, וואָלט פון אַזאַ „קראַנקן־יאַריד“ געקענט ממש אָנשיטן פולע „טונען“ מיט גאָלד. אָבער די גוטהאַרציקע פעשע־בלומקע האָט זיך קיינמאָל ניט געיאָגט נאָך געלט, בפרט נאָך פון יענעמס צרות. זי האָט עס געטאָן בלויז לשם מצווה, לשם ראַטעווען אַ מענטשן, צו לינדערן זיינע שמערצן און יסורים. דערפאַר האָט מען זי באַשאָנקען מיט אַ סך ברכות און אויך גאַנץ אָפט מיט מתנות, וואָס זיינען באַשטאַנען פון אַ קניילעכל וואָל, אַ צענדליק אייער, אַ טאָפּ אַרבעס, אַ טינטל־האָניק און נאָך אַזעלכע זאַכן, ניט אויסגערעדט זאָל זיין . . .

און בשעת הדחק, ווען ס׳איז ניט געווען אונטער דער האַנט אַ „באָבע“ אָדער אַקושערקע, האָט פעשע־בלומע די מילנערקע באַלד פאַרנומען זייער פּלאַץ; האָט פאַרקאַשערט די אַרבל און געהאָלפן אָפּנעמען דאָס קינד ביי דער געווינערין. דאָס האָט זי געהאַלטן פאַר אַ גאָר באַזונדער זכיה. וואָרים מיט דעם העלפט זי דאָך דעם רבונו של עולם ברענגען נאָך אַ לעבעדיקן נפש אויף דער וועלט . . . האָט טאַקע די „באָבע“ בלומע פאַרמאָגט, קיין עין הרע ניט, אַ היבשע צאָל אַזעלכע „אייניקלעך“, יידישע און נאָך מער גויישע, וואָס זי האָט געהאָלפן ברענגען אויף דער ליכטיקער וועלט. און טאַקע אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען, האָט זי קיינמאָל ניט געפעלט, קיינמאָל, חלילה, קיין מכשול ניט געהאַט. אַלץ איז ביי איר געגאַנגען כשורה, הלוואי אויף וויטער ניט ערגער . . .

און ווי גיך איר מאַן, פישל, איז געוואָרן אַ מילנער און זי אַ מילנערקע, איז איר מיל שטענדיק געווען פאַרוואַליעט מיט זעק קאָרן, ווייץ,

וואָס די מעשטשאַנעס פון דער גוישער גאס און פויערים פון די ארומיקע דערפער פלעגן ברענגען צו איר אין מיל צעמאָלן אויף מעל. ווארים ס׳האָט איטלעכן עפעס געצויגן צו איר, הערן פון איר א חכמהלע, א קלוג־ווערטל און זיך אָנשפיגלען אין איר שיינעם פנים, אויף וואָס ס׳האָט שטענדיק גע־שוועבט א ליב, ווארעם שמייכעלע . . . און טאַקע ניט איינמאָל ווינטער, ווען אין דרויסן האָט געסמאַליעט א פראָסט, איז כדי אירע אָנגעפּראָרענע ״קונדן״, וואָס האָבן געדאַרפט ווארטן אויף אן ״אָטשערעד״ אין מיל, זאָלן ניט פרירן, פלעגט זי זיי אריינעמען צו זיך אין שטיבעלע, באַלד אויפשטעלן די גרויסע קופערנע ״בונקע״ אויפן דרייפוס און אויפקאָכן פאר זיי א גלעזל ווארעמס מיט וואָס צו דערוואַרעמען זייערע אָנגעפראָרענע ביינער.

נו, איז טאַקע ניט קיין חידוש וואָס אלע אין שטעטל, אָן אונטער־שייד פון ייד און גוי, האָבן זיך אזוי געצאַפּלט פאר איר און תמיד געטראָגן צו איר א ברכה אויף זייערע ליפּן. און טאַקע א דאנק אָט דער קלוגער, גוטער פעשע־בלומע, אָדער ווי די מעשטשאַנעס פון דער גוישער גאס האָבן זי גערופן ״נאַשאַ בלומקא״ — אונדזער בלומע, איז זעלטן ווען צעשטערט געוואָרן דער אזוי גערופענער ״שלום־בית״ צווישן דער יידישער גאס און דער גוישער גאס . . .

שבת אין די מילן

שיין און חנעוודיק זיינען געווען די יידישע טעכטער פונם שטעטעלע זאסטאוויע. אָבער נאָך שענער זיינען געווען די יידישע טעכטער פון די מילן. ווען נאָר זיי האָבן זיך באוויזן אין שטעטל, האָבן זיי מיט זייער פרייִלעכן, לוסטיקן געזאַנג פאַרקלונגען דעם גאַנצן ארום.

אַלע זיינען זיי געווען הויכע, שלאַנקע ווי יונגע ציפּרעס־ביימלעך, מיט ראָזעווע, קיילעכיקע בעקלעך ווי רייפע, רויטע עפּל. און אויגן, גאָר ניט צו באַשרייבן! אייניקע שווארצע, ווי צייטיקע קארשן, אַנדערע בלויע ווי דער הימל, און מיט פעך־שוואַרצע לאַנגע צעפּ, און אַנדערע מיט בלאָנדע, לאַנגע לאָקן, און שיינע, געטאָקטע פּיס און מיט זינגענדיקע, טאַנצנדיקע טריט. און שטיפּערקעס זיינען זיי געווען איינע ביי גאָט! פון יעדער ריר און קער, פון יעדער גליד זייערן האָט זיך געריסן פרייד און געלעכטער.

נו, איז א חידוש וואס ווי נאָר ס׳האָט זיך געהאט געשטעלט דער ליבער, וואַרעמער פרילינג, האָט די יוגנט פונם שטעטעלע זאסטאוויע און אויך אפילו פון דער שכנישער שטאָטאַ קאַמעניץ, גענומען ״אויפגיין״ צו די מילן? יעדער שבת, נאָכן עסן, איז דער ברייטער, זאַמדיקער וועג, וואָס האָט געפירט פון שטעטל צו די דריי ווינט־מילן, פול געווען מיט שפּאַצירנדע יונגע בחורימלעך און מיידלעך, וואָס האָבן מיט זייערע שטיפערייען און געלעכטערס פאַרקלונגען דעם גאַנצן ארום.

דער דאָזיקער שפּאַציר־וועג האָט זיך געצויגן ווייט און ברייט צווישן געדיכטע תבואה־פעלדער פון וואַנען ס׳האָבן אַרויסגעקוקט, ווי מיט שטיפערישע אייגעלעך, כּלערליי בלימעלעך, וואָס האָבן מיט זייער שיינקייט און חנעוודיקייט געמאַניעט דאָס אויג. פון דאָ און דאָרט שיסט אַרויף א פויגל, א וואָראַבעיטשיקל, א ספּערלינגל, א קראַפּאַטוועלע, אַן ״ער״ און א ״זי״, טוט א פּאַטש מיט די פליגעלעך, א קרייזל, א חנדל אין דער לופטן, לאָזט אַרויס א פריילעכן, לוסטיקן טשיר־טשיר, אזא מין ליבע־דערקלערונג, און פויץ! באַלד צוריק אַראָפּ איינינעם צום געדיכטן שטייענדיקן תבואה־פעלד . . . אַזוי אַז ס׳כאַפּט דיך אויך באַלד אָן א חשק א כאַפּ צו טאָן דיין אויסדערוויילטע, דיין באַשערטע און זיך א ״וואַליע״ טאָן מיט איר אינאיינעם צווישן געדיכטן קאָרן־פעלד, אַז קיין בן־אדם זאָל דיך ניט זען און ניט געפינען . . .

און אָט וואַקסן אויס פאַר דיר דריי הויכע ווינט־מילן מיט זייערע לאַנגע, אויסגעשפּרייטע פליגל, וואָס קוקן אַרויף צום הימל, עפּעס אַזוי פאַרטראַכט און פאַרחלומט, גיבן זיך גאָר ניט קיין ריר, ווי זיי וואָלטן איצט אָפּגעריכט א תפילה בלחש, א שבח והודיה צו גאָט פאַר זיין הייליקן יום־מנוחה, דעם טאָג שבת, ווען ניט נאָר מענטש און בהמה טוען אין אים רוען, נאָר אויך אפילו א ״וועטראַק״, א ווינט־מיל, א דומם, טוט ניט קיין ריר אפילו מיט א פינגער.

טאקע דאָרט, ביים אַנבליק פון די דריי גרויסע ווינט־מילן, וואָס זיינען געשטאנען איינע אנטקעגן דער אנדערער ווי א סגל, האָט ניט איין בחורל געשוואָרן אייביקע ליבע צו זיין אויסדערוויילטן מיידל. און וואָס אמת איז אמת, קיין בעסערער און קיין שענערער פּלאַץ ווו זיך צו דערקלערן אין אייביקער ליבע, האָט מען אין ערגעץ ניט געקענט געפינען, ווי דאָ, ביי די מילן, אין די שבתדיקע טעג און אין די זומערדיקע נעכט, ווו ס׳איז געלעגן אויסגעגאָסן אזא רחבותדיקע שטילקייט און אזא געמיטלעכע שלווהדיקייט, וואָס האָט ווי געמורמלט: ל־יי־ב . . . ל־יי־ב . . .

איז אַנשטאָט צו נעמען די לבנה און די שטערן פאר עדות, ווי ס׳איז דער שטייגער פון קדמונים אַן ביי פארליבטע פּאָרלעך, האָבן די זאַסטאַווער יונגעלייט אויך גענומען די ווינט־מילן פאר זייערע עדות. דאָס האָט געזאָלט הייסן, אז פּונקט ווי דער ווינט טוט זיך קיינמאָל ניט אָפּ פונם פּנים פון דר׳ערד, אזוי אויך וועט, מיט גאָטס הילף, זייער הייסע, פלאמיקע ליבע, קיינמאָל ניט אָפּגעקילט ווערן . . .

און פּונקט ווי אמאָל, אין די גאָר אלטע צייטן, פלעגן די מיידלעך פון ירושלים ארויסגיין טאנצן אין די וויינגערטנער און זינגען: בחור, בחור הויב אויף דיינע אויגן און זע ווי שיין עס זיינען די טעכטער פון ירושלים! און באלד האָט דער בחור געכאַפּט א מיידל און זיך אוועקגעלאָזן מיט איר טאנצן, און אזוי לאנג געטאנצט, ביז ס׳איז געשלאָסן געוואָרן צווישן זיי א זיווג, אזוי אויך ווי נאָר ס׳איז געקומען שבת אָדער יום־טוב, פלעגט די יוגנט פון שטעטל "עולה רגל זיין" צו די יידישע מילן. דאָ אויפן פרייען פעלד, אויפן גרינעם גראָז, האָט יונג בחורל געכאַפּט א שיין מיידל און זיך אוועקגעלאָזן מיט איר אין א שטורעמדיקן טאנץ, און אויסגעזונגען בלעךליי יידישע פאָלקס לידער, וואָס מ׳האָט געהאט אויסגעלערנט אין דער יידישער פאָלקס שול און פון די ביכלעך . . . האָט מען אזוי לאנג געטאנצט, אזוי לאנג געזונגען די שיינע, זיסע ראָמאנסן, ביז ס׳האָט זיך אָנגעצונדן ביי זיי דער געטלעכער פלאם פון אייביקער ליבע . . .

* * * * *

די שענסטע און די באליבטסטע צווישן די מילנערס טעכטער איז געווען רייזעלע פעשעס. און שיין איז רייזעלע געווען ווי א בלום אין פעלד. איר שווארצן, געקרייזלטן קאָפּ האָר האָט זי געטראָגן הויך און שטאָלץ ווי ס׳טראָגט א קעניגין איר קרוין. פון יעדער ריר און קער אירן איז אויפגעגאנגען א ליכטיק געזאנג, האָט זי זיך צעלאכט, האָט זיך געדוכט, אז דאָס האָבן זילבערנע גלעקלעך זיך צעקלונגען. און חן האָט זי פארמאָגט ווי אונדזער מוטער רחל, בעת יעקב אבינו האָט זי צום ערשטן מאָל באגעגנט מיט דער טשערעדע שאָף ביים ברונעם.

זי איז אויך געווען די גרעסטע טענצערקע, לאכערקע און די גרעסטע שטיפערקע. זי האָט ניט גערוט. ווי א שמעטערלינג איז זי ארומגעלאָפן פון

איינעם צום צווייטן און פארשפרייט פרייד און געזאנג. אירע צעפּאטלטע, שווארצע לאָקן פונם ווינט, אירע שטיפערישע אויגן און אירע חן־גריבעלעך אין די ראָזעווע באַקן, האָבן ממש געצונדן בחורישע הערצער. איטלעכער האָט זיך געריסן מיט איר צו טאַנצן. איטלעכער האָט געוואָלט, אז נאָר אויף אים זאָל פאַלן איר פלאַמיקער בליק, איר פארכישופטער שמייכל.

איז דאָך אָבער רייזעלע פּעשעס אויך געווען א גוטע נשמה, האָט זי ניט געוואָלט צונעמען פאַר זיך אליין די גאַנצע מיידלשע פרייד. זי האָט געצווונגען די בחורים, אירע פארערער, צו טאַנצן מיט אירע חברטעס, אזוי אז אלץ מיטאַנאַנדער זאָל זיך פרייען און זיך לוסטיק מאַכן.

אָט אזא איז געווען רייזעלע פּעשעס, וואָס איז פון אלעמען באַוווּנדערט געוואָרן און פון אלעמען באַליבט געווען. ס'איז גאָר קיין ספק ניט ווען מאַלער, גרויסע קינסטלער וואָלטן זי דערזען, וואָלטן זיי ניט איין בילד געוווען געמאָלן פון איר; ווען גאָט־געבענטשטע דיכטער און פּאָעטן וואָלטן זי פּלוצלונג באַגעגנט, וואָלטן זיי ניט איין ליד און ניט איין פּאָעמע געשאַפן און אויסגעזונגען לכבוד אָט דעם שיינעם, צאַרטן, ליכטיקן ווען — רייזעלע, וואָס איז ענלעך געווען, ווי צוויי טראָפּן וואַסער, אויף איר מאַמע, פּעשע־בלומע, בעת זי איז נאָך געווען א מיידל אין אירע יאָרן.

* * * * *

ווען דער יוגנטלעכער עולם האָט זיך שוין געהאַט גוט אָנגעטאַנצט און זיך גוט אָנגעשטיפט, אזוי אז ס'האָט שוין מער ניט געסטייעט קיין כוחות, האָט מען זיך א וואָרף געטאָן אויפן ווייכן, גרינעם גראָז, אונטערן שאָטן פון די הונדערט־יאָריקע קאַרשנביימער, וואָס זיינען געוואַקסן אין שכנות פון די מילן, זיך אָפּצורוען און זיך אָפּצוקילן פון דער היץ, וואָס האָט ווי הייסע פּאַליעס געשלאָגן פון זייערע יונגע, צעהיצטע לייבער.

די גוטהאַרציקע פּעשע די מילנערקע, מיט איר שיינעם, ליכטיקן פּנים, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אונטערן שאָטן פון א בוים, אַרומגערינגלט פון אירע שכנות, און געשעפּט נחת פון אירע שיינע, געראָטענע קינדער, האָט זיך באַלד אויפגעהויבן פון דר'ערד, און איז מיט גיכע טריטלעך אוועקגעלאָפן צו זיך אין שטיבעלע, פון שטיבעלע אין קעלער אריין און געבראַכט צו טראָגן פון דאָרטן פולע לאַדישקעס מיט קאַלטן זויער־מילך, פּוץ־סמעטאַנקע און מיט געשמאַקע פּוטער־קיכלעך, צו וואָס מ'דאַרף זיך ניט וואַשן . . . און מיט א ברייטער האַנט געגומען מכבד זיין איר טעכטערלס אויסגעהונגערטע און אויסגעדורשטיקטע געסט.

נאָכן אונטערלעגנען דאָס האַרץ, האָט חברה יונגוואַרג זיך באַלד א נעם געטאָן מיט ברען פאַר איר גייסטיקער שפּייז: לייענען בחברותא דעם סאַמע לעצטן בוך פון דער יידישער ליטעראַטור וואָס מ'האָט געהאַט ארויסגענומען פון דער "שטאָטישער" ביבליאָטעק. איין בחורטע האָט פאַרגעלייענט פאַרן עולם א קאַפּיטל און באַלד איבערגעגעבן צו א צווייטער, צו א דריטער, אזוי אז דאָס בוך איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, ווי להבדיל א קהלשער אתרוג אין בית־מדרש. און געלייענט האָט מען מיט האַרץ און מיט

געפיל. דער יונגער עולם, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג צוריק געהאַט געהוליעט און געשטיפט, איז איצט געזעסן רויק און געמיטלעך, אין א קרייז אויפן גראָז, און זיך צוגעהערט מיט גרויס כוונה.

ווען מ׳האָט זיך שוין געהאַט גוט אָנגעלייענט, האָט מען באַלד גענומען פאַרפירן צווישן זיך א דיסקוסיע, מכוח די "העלדן" און די כאַראַקטערן וועגן וועלכע ס׳דערציילט זיך אין בוך. ס׳האָבן זיך באַלד געשאַפן צוויי צדדים. איין צד האָט דעם "העלד" אָדער די "העלדין" שטאַרק פאַרטיידיקט. דער צווייטער צד האָט אים אָדער זי "שטאַרק געטאַדלט". מ׳האָט זיך געהיצט און געקאָכט, זיך געאַמפּערט און געקריגט, ווי די דאָזיקע כאַראַקטערן און געשטאַלטן אינם בוך וואָלטן געווען ביין פון זייער ביין און פלייש פון זייער פלייש.

צו אָט דעם ליטעראַרישן היציקן וויכוח האָבן די מאַמעס, די מילנערקעס, און זייערע שכנהס אויך צוגענויגט אַן אויער, געוואָלט הערן, אויפכאַפּן וועגן וואָס אייגנטלעך עס קריגן זיך דאָס איצט אַזוי שטאַרק זייערע געראָטענע קינדער. און בשעת מעשה געשעפּט נחת און פרייד פון זייערע אונטערגעוואַקסענע זין און טעכטער, וואָס פאַרמאָגן אַזעלכע קלוגע קעפּלעך און מיט אַזעלכע שאַרפע צינגלעך, אַז קיין בייז אויג זאָל זיי חלילה ניט שאַדן.

ערשט, ווען די זון, א רויט־פלאַמיקע, האָט גענומען פאַרגיין און אירע לעצטע שטראַלן האָבן זיך גענומען וויגן אויף די פליגל פון די ווינטמילן, און פון דער ווייטנס האָט זיך שוין געהאַט דערטראָגן דאָס פריילעכע מעקען פון דער אָנקומענדיקער טשערעדע פון דער פּאַשע, האָט חברה איבערגעריסן דעם היציקן "ליטעראַרישן" שמועס. מ׳האָט זיך אויפגעהויבן פון דר׳ערד, צו גיין אהיים, עסן אינײַנעם מיט טאַטע־מאַמע דעם "שלוש סעודות".

אָבער צוריק אהיים, צום שטעטל, איז מען שוין ניט געגאַנגען אַזוי פריילעך און אַזוי לוסטיק, ווי בעת מ׳איז "אויפגעגאַנגען" צו די מילן. ס׳איז איטלעכן באַפאַלן עפּעס א שרעק פאַר דער היים, וווּ ביי איר שוועל האָט שוין געהויערט די גרויע וואָך מיט אַלע אירע דאגות און זאָרג . . . און דאָ אין דעם פאַרנאַכטיקן בין השמשות, האָט זיך געהאַט אויסגעשפּרייט אַזאַ שטילקייט, אַזאַ זיסע, נאָגנדיקע בענקשאַפט, אַז ס׳האָט זיך געוואָלט צונויפגיסן מיט די שטילע, פאַרנאַכטיקע שאָטנס און ווערן א טייל פונם גאַנצן אַרום . . .

מען איז געגאַנגען מיט שטילע, פּאַמעלעכע טריט, צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן און געשוויגן, ווי מ׳וואָלט זיך געוואָלט צוהערן צום אייגענעם צאַפּלדיקן טיק־טאַק פון האַרץ . . . האָט מען פאַרצויגן אַן אומעטיקן ניגונדל, און איין צאַפּלדיק לעבן האָט זיך געטוליעט צום צווייטן, ווייל אין צווייען איז גרינגער צו גיין דעם לעבן אַנטקעגן . . .

און פון דאָרט, פון דער הויך האָט אַראָפּגעקוקט א יונג שטערנדל, ווי מיט א שעלמיש, שטיפערישן אויגל, וואָס האָט גערייצט, געמאַניעט און געוואָרנט אינײַנעם . . .

סענדער דער קאָלאָניסט

דער קליינער, שוואַרצער סענדער איז געווען דער רייכסטער צווישן אַלע יידישע קאָלאָניסטן. צו זיין "נחלת אבותיו" האָט ער אַלע ווײַלע צוגעקויפט נייע פעלדער און לאָנקעס, וואָס האָבן זיך געצויגן אין דער לענג און אין דער ברייט, מיטן אויג ניט ארומצונעמען זיי. צו וואָס נאָר זיין האַנט האָט זיך צוגערירט, איז ער מצליח געווען. זיינע פערד און בהמות האָבן געשמט אין דער גאַנצער געגנט מיט זייער שיינקייט און געראָטנקייט. די קליאַטשעס האָבן אים יאָר־איין, יאָר־אויס געבראַכט פרישע זשערעבקעס, שטיפערישע לאָשעקלעך, און די בהמות, די אמתע "האָלענדערקעס", די "עקודים וברודים", מיט די שוואַרץ־ווייסלעכע פלעקן, האָבן אים יאָר־איין, יאָר־אויס, געבאָרן פרישע קעלבלעך, שיינע פּרעכטיקע טעלעצעס, אַזוי אַז פון נאָענט און וויט, האָבן יידן און גויים, פּויערים און פּריצים, זיך געיאָגט נאָך זיי, זיי געוואָלט אָפּקויפן אויף "האָדולע", אויסצוהאָדעווען פון זיי אויך אַזאַ דור. אָבער סענדער האָט גאָר קיין חשק ניט געהאַט זיך צעשיידן מיט זיינעם אַ ניי־געבוירענעם לאָשיק, אָדער מיט אַ ניי־געבוירן קעלבל. אַזוי אַרום האָט זיין כּוואַבע זיך געהאַלטן אין איין פאַרמערן.

סענדער איז געווען אַ זשוואַווע יידל, אַ פּראַצעוועטער, אַ גרויסער איינרייסער. טאָג און נאַכט איז ער אָפּגעלעגן אין פעלד אָדער אין שייער. זיין ליבשאַפט צו דער עבודת־אדמה, ערד־אַרבעט, איז גאָר ניט צו באַשרייבן. ניט איינמאָל פלעגט ער אָוועקוואַרפן די אַרבעט, זיך אַרויפכאַפּן אויף איינעם פון זיינע שענסטע פערדלעך און "אַוועקפּאַטשן" מיט אים איבער זיינע לאַנגע, ווייטע פעלדער, זען ווי זיי האָבן זיך דאָס שוין צעוואַקסן און צעבליט; כאַפּן אַ קוק אויף דער טשערעדע פערד און בהמות, אויף די יונגע זשערעבקעס און אויף די יונגע קעלבלעך וואָס פיטערן זיך און שפּרינגען אַרום אויף זיינע גרינע לאָנקעס.

זיינע גוישע שכנים האָבן זיך געחידושט: ווי קומט עס צו אַ יידן אַזאַ פאַרקאָכעניש צו ערד־אַרבעט און אַזאַ משוגענע־פאַרליבטקייט צו "סקאָטינעס", פערד און בהמות? . .

זיינע שכנים, די יידישע קאָלאָניסטן פון "אַבראַמאָוונאַ" און "סאַרעוואַ", וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי האָט געפירט אַן אָרעם, געמוט־

שעט לעבן, האָבן אים ניט פאַרגונען זיין דאַברי־מזל; האָבן אים "געגעסן מיט די אויגן". "ניט אנדערש", פלעגן זאָגן די ווייבער, די קאַלאַניסטיכעס, "אז זיין ווייב, סענדעריכע, האָט געמוזט אריינקריגן צו זיך א שטריקל פון א געהאנגענעם, וואָס זי איז אזוי מזלדיק"...

סענדער האָט געוווּסט, אז זיינע שכנים פאַרגינען אים ניט זיין עשירות, אָבער ס'האָט אים ניט געאַרט. פאַרקערט, ס'האָט אים נאָך שטאַרק הנאה געטאָן. ניט איינמאָל פלעגט ער זאָגן מיט גדלות, ווי זיין שטייגער איז געווען:

זאָלן זיי נאָר ניט זיין קיין פוילנצער! זאָלן זיי אַקערן מיט דער נאָז די ערד, ווי איך, ווי מיין ווייב און מיינע קינדער, וואָלטן זיי אויך געקענט זיין א סענדער קאָלאָניסט!..

און באַלד פלעגט ער נאָך צוגעבן מיט א באַרימערישן טאָן און מיט א סאַרקאַסטישן געלעכטערל:

— ס'איז אומזיסט אָבער זייער טירחה! זיי קאָנען דאָך אפילו ניט ווי דאָס רעכט א שטיקל פעלד צעאַקערן! זיי זיינען אזוי קאָלאָניסטן ווי איך בין מיר א רב און מיין ווייב א רביצין! דערפאַר אז עס קומט דאָנערשטיק דאַרפן אזעלכע "ראַבוטניקעס" (ערד־אַרבעטער) לויפן צום שטעטלשן קרעמער באָרגן א הערינג אויף שבת!..

אזוי פלעגט ער מאַכן חוכא וטלולא פון זיינע יידישע שכנים, די קאָלאָניסטן און זיך אַליין געהאַלטן אין איין רימען און לויבן, ווי ער וואָלט געווען דער גרעסטער חכם און דער גרעסטער בריה אין דער וועלט.

זיינע קינדער, זיין בן־יחיד און זיינע פינף טעכטער, די צעוואַקסענע מוידן, מיטן אָנבליק אויף ציגיינערינס, זיינען מיט אַלע "פּאָסטאָמקעס" געווען אויסן אויג זייער טאַטע, דער שוואַרצער סענדער, און אויסן אויג די מאַמע זייערע, די שוואַרצע סענדעריכע, און אזוי אויך אין זייער כאַראַקטער; האָבן שטאַרק געבלאָזן פון זיך ווי זיי וואָלטן געווען אמתע פּריצישע טעכטער. אויף די שכנישע, שטעטלשע בחורים און מיידלעך האָבן זיי געקוקט ווי אויף לא יוצלחס, טויגעניכטסן, "טוען ניט אריין קיין האַנט אין קאַלט וואַסער", האַלטן זיך רק אין איין פוצן, ווי פּאַרצעלייענע ליאַלקעס, און ליגן איבער די רוסישע ביכלעך, ווי זיי וואָלטן געווען גאַנצע אינטעליגענטקעס, און אז ס'קומט צו עפּעס, "קאָנען זיי אפילו א קאַץ א ווײדל ניט פאַרבינדן"...

פאַרשטייט זיך, אז די דאָזיקע שנאה, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף די שטעטלשע יונגעלייט, איז געווען א מיטל צו פאַרשרייען די אייגענע געפאַלנקייט. וואָרים זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אז די "שטעטלשע חברה" לאַכט און מאַכט חוזק פון זיי, פון זייער דאָרפישן הילוך, פון זייער יידישן לשון מיטן האַרטן רייש, און נאָך מער פון זייערע צעליאַפּעטע הענט און פון זייערע צעוואַקסענע, מאַנצבילישע פּלייצעס...

דערפאַר האָבן זיי זיך געהאַלטן מיט די שטעטלשע פונדערוויטנס.

אלץ וואָס האָט געשמעקט מיט "שטאָט" איז פאַר זיי געווען טריף ווי חזיר. זעלטן ווען זיי האָבן זיך באַוויזן אין שטעטל, סיידן אין אַן ערב יום־טוב, ווען מ'האָט געדאַרפט פאַרן איינקויפן די סאַמע נויטיקסטע זאַכן.

דעמאָלט פלעגט דער שוואַרצער סענדער איינשפּאַנען די שענסטע פאַר פערד אין דער פורנאַלע, זייערע ווײַדלען פאַרדרייען אין אַ קנופּ, זייערע גזשיוועס אויספלעכטן אין צעפּ מיט רויטע סטענגעלער, מעשה פּריץ. ער פלעגט אָנלייגן אַ פולן וואָגן מיט פרישן היי, פון אויבן פאַרשפּרייטן אַ רויטן דיוואַן. פון איין זייט אַוועקזעצן זיין ווייב, פון דער צווייטער זייט אַ צוויי־דריי אונטערגעוואַקסענע טעכטער, ער אין דער מיט, נעמען די לייצעס אין די הענט אַריין, געבן וויל־יונגעריש אַ פייף צו זיינע ברענענדיקע סוסים. די אויסגעבאַליעטע פערדלעך גיבן זיך אַ ריס פון אָרט. זיין גרויסער, קודלעוואַטער הונט, וואָס איז אויך געווען אַזוי שוואַרץ און אַזוי פאַררייסן ביי זיך ווי זיינע באַלעבאַטים, לויפט פאָרויס מיט אַ בילעריי. און מיט אַ רעש און מיט אַ פוראָר, פאָרט ער אַריין אין שטאָט, שטעלט זיך אָפּ אין סאַמע מיטן מאַרק, פונקט אַנטקעגן דעם ראָד־קראָמען. די פערדלעך צע־הירזשען זיך אויפן קול. דער הונט צעבילט זיך נאָך שטאַרקער, אַזוי אַז פאַר שרעק צעלויפן זיך אַלע שטאָטישע הינט, וואָס דרייען זיך אַרום די קראָמען און די יאַטקעס, ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט . . .

די קרעמער לויפן באַלד אַרויס פאַר די טירן און קענען ניט אָפּרייסן זייערע אויגן פון סענדערס שיינע, פריצישע פערדלעך, מיט זייערע שטאָלצע, פאַרריסענע קעפּ און מיט די רויטע פאַרפלאָכטענע שטענגעלעך אין זייערע גריוועס.

סענדער, זעענדיק ווי "גאַנץ שטאָט" קוקט און גאַפט אויף זיינע שיינע "וויכאָוואַנקעס", אויף זיינע אויסגעהאָדעוועטע פערדעלעך, גייט ער צו צו זיי, הייבט זיי אָן צו צערטלען און צו גלעטן, און רעדט צו זיי לאַסקאַווע ווערטער אויף גוייש לשון. און זיין קודלעוואַטער הונט שפּרינגט אויף אים, טוליעט זיך צו אים. פון גרויס נחת און פרייד צעשפּרייט זיך איבער זיין שוואַרצן פּנים און בערדל אַ זיס־ניצחונדיק שמייכעלע . . . דעמאָלט האָט סענדער דערפילט ווי ער וואָלט טאַקע געווען דער גרעסטער "פּאָמעשטשיק", דער רייכסטער פּריץ . . .

* * * * *

צוויי מאָל אין יאָר, פרילינג און האַרבסט, ווען ס'פלעגן פאָרקומען די גרויסע יאַריד'ן אין שטאָט, פלעגט דער שוואַרצער סענדער אַרויספירן זיינע פערד און בהמות אויפן יאַריד. ניט חלילה צו פאַרקויפן, נאָר גלאַט אַזוי זיך, פאַר הנאה וועגן; זאָל די "וועלט" — יידן און גויים, פּריצים, אָקסן־סוחרים און פערד־הענדלער, וואָס קומען אַהער מארבע פּינות העולם — זען וואָס פאַר אַ שיינע, וואונדערלעכע "סקאָטינעס", ראַסאָווע פערד און בהמות אַ ייד פאַרמאָגט . . .

און כ'לעבן ס'איז טאַקע געווען וואָס צו זען. פאָרויס, אויף אַ הויכן

אגער, א "קאשטאן" מיט שלאנקע, טאנצנדיקע פיס, האט געריטן דער קליי־ניקער, שווארצער סענדער; ביי זיין זייט, זיין זון ברוך, אויף א יונגער דריי־יאריקער קליאטשע, אויך אזא שיינהייט, א קראסאוויצע, געראטן אויפן שטיפערישן־ווילדן אגער; לעבן זיי זיינען נאכגעלאפן א כאליאסטרע יונגע זשרעבעקעס, לאשיקעס, מיט א הירשזשעריי; הינטער זיי האבן זיינע טעכטער, די ציגיינערינס, מיט די פארברוינטע פנימער, שווארצע אויגן און פעד־שווארצע, לאנגע צעפ, געטריבן א פאר צענדליק בהמות, באגלייט מיט איין־יאריקע, צוויי און דריי יאריקע קעלבער, טעלעצעס און ביקלעך, איינע אין איינע, אלע פון איין "מאשטש", פון איין קאליר, ווי איין מאמע וואלט זיי געבארן.

ווי נאר סענדער פלעגט ארייכפארן מיט זיין מחנה אויפן פערד־מארק, פלעגט ווערן צווישן אנגעפארענעם עולם א גערודער. גויים, פריצים, קא־ניובעס פלעגן באלד קומען צו לויפן אנצוקוקן אט דעם גרויסן וואנדער: ווי קומט עס צו אזא קליינינקן יידליק אזעלכע שיינע, גאט־גע־בענטשטע באשעפענישן ? . .

סענדער, וואס האט געהאט א טבע זיך צו בארימען, פלעגט נאך אזא גרויסן יאריד זאגן מיט א געלעכטערל:

— איך, מיט מיינע צאצקעדיקע, אויסגעפאשעטע פערדלעך און בהמהלעך, מאך גרויס דעם יידישן נאמען צווישן די פעלקער . . .

* * * * *

יארן זיינען געלאפן ווי מיט דער שנעלקייט פון א וואסערפאל. די אלטע קאלאניסטן, זיידעס און באבעס, וואס האבן מיט זייער בלוט און שווייס געהאט באפרוכפערט די מאגערע ערד פון זייערע קאלאניעס, זיינען שוין לאנג געווען אויפן עולם האמת. זייערע זין און אייניקלעך זיינען אוועק זוכן גליקן ערגעץ אין די מרחקים. זייערע שווער אויסגעהארעוועטע טאטעס און מאמעס זיינען אויף דער עלטער געבליבן אליין. די קאלאניעס האבן אנגע־הויבן איינדארן, איינשרומפן, אזוי אז ס'איז שוין באלד ניט געווען מיט וועמען אפצוריכטן א "מנין", א "יארצייט".

איין קאלאניסט נאכן אנדערן האט זיך אריבערגעקליבן מיט זיין ביסל האב און גוטס אינם שכנישן שטעטעלע זאסטאוויע, כדי אויף דער עלטער צו זיין אינאינעם מיט יידן.

דער איינציקער קאלאניסט, וואס האט בשום אופן ניט געוואלט פארלאזן זיין "נחלת אבותיו" איז געווען סענדער. וויפל זיינע שכנים פונם שטעטעלע זאסטאוויע האבן ניט צעטענהט מיט אים:

— סטייטש, ווי זיצט עס א ייד איינינקער אליין אין אזא העק, וווּ ס'איז א סכנה ביינאכט ארויסצושטעקן די נאז אינדרויסן?

פלעגט ער אויף דעם ענטפערן מיט כעס:

— די ערד אויף וועלכער ס'איז געשטאנען מיין וויגל און דאס וויגל פון מיינע קינדער, וועל איך ניט איבערענטפערן אין גוישע הענט ! . . דא

ווו איך בין געבאָרן געוואָרן, דאָך וועל איך שטאַרבן ! . . אַזוי לאַנג ווי מיינע כוחות וועלן מיר סטייען נאָכצוגיין נאָכן אַקער אין פעלד און שטיין מיטן "מלאַטעק" אין שייער, וועל איך ניט ווערן קיין שטאָטישער שטעקל־דרייער ! . . נאַר פּהדנים, שרעקעדיקע, אַנטלויפן! טאָ זאָלן זיי לויפן! — איך בלייב דאָ ! . .

סענדער, דער גרויסער עקשן, האָט געהאַלטן וואָרט. ער איז גע־בליבן דער איינציקער יידישער קאָלאָניסט אין דער גאַנצער געגנט. אים האָט ניט אָפּגעשראָקן די פאַרבייפאַרנדיקע שיכורע גויים און די "נאַוואָבראַנ־צעס" (רעקרוטן), וואָס פלעגן אים ניט איינמאָל אויסהאַקן די שויבן. ער האָט זיך אויך, להבדיל, ניט געשראָקן פאַרן פאַרוואָרלאָזטן, פאַריתומטן בית־מדרשל, וואָס איז געשטאַנען פונדערווייטנס אין מיטן פעלד מיט פאַרהאַקטע טירן און מיט אויסגעשלאָגענע פענצטער און געקוקט, ווי מיט אויסגע־שטאָכענע אויגן אין דער שוואַרצער, פינצטערער נאַכט אַריין . . . קיין זאַך האָט אים ניט אָפּגעשראָקן; קיין כוח אין דער וועלט האָט אים ניט געקענט אַרויסרייסן פון זיין אייגענער ירושה־ערד, וואָס איז אים געווען אַזוי ליב און טייער, אפילו נאָכדעם ווען אַלע זיינע קינדער האָבן שוין חתונה געהאַט אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, און ער איז געבליבן ווי מען זאָגט "דיעד דאַ באַבאַ", האָט ער זיך נאָך אַלץ ניט געוואָלט רירן פון אָרט.

ערשט, ווען ס'האָט זיך פּלוצלונג געהאַט אָנגיאָגט די ערשטע וועלט־מלחמה, און די רוסישע אָפּטרעטנדיקע חיילות האָבן צעטראָגן און צעשלעפּט זיין גאַנצע כודאָבע, מיט הכל בכל מכל, דעמאָלט האָט סענדער זיך געהאַט דערשראָקן צו בלייבן איינינקער אַליין אין דער חרוב געוואָרענער קאָלאָניע.

ווי גיך דער דייטש, דער אָקופּאַנט, האָט געהאַט פאַרנומען די געגנט און דער מלחמה־"פראָנט" האָט זיך אָפּגערוקט ווייטער, האָט ער זיך גענומען פּאַקן אין וועג אַריין.

ער האָט ביי די יידישע נשרפים אָפּגעקויפט זייערע "פּאָזשאַרעסקעס", די אָפּגעברענטע פלעצער פון זייערע הייזער, און אַריבערגעפירט אַהין אַלע זיינע "בודינקעס": די שטוב, די שייערן, די שטאַלן און די שפּייכלערס, און עס אויפגעשטעלט אויף זיין נייעם פּלאַץ, אַזוי אַז ס'האָט ניט געדויערט לאַנג ווי אין סאַמע מיטן שטעטל, אין שכנות לעבן בית־מדרש, האָט זיך צעלייגט און צעשפּרייט שיר ניט אַ גאַנצע קאָלאָניע.

* * * * *

סענדער האָט געפירט אַ צווייענדיק לעבן. אַ גאַנץ ווינטער האָט ער זיך געקהלט, געזאָגט דעות, זיך געריסן צום עמוד, ווי יעדער יוסטער באַלע־באָס אין שטעטל. באַגינען כלחוד השור, ווי נאָר ער האָט אָנגעקאָרמעט און "אָנגעפּאָיעט" זיינע פערד און בהמות, פלעגט ער כאַפּן טלית און תפילין און לויפן אין בית־מדרש אַריין דאַווענען בציבור. נאָכן דאַווענען פלעגט ער זיך צוזעצן צום חומש־טיש, וואָס פישל דער מילנער האָט געפירט און געלערנט איניינעם מיט יידן די סדרה פון דער וואָך, אָדער ער האָט געכאַפּט אַ שמועס

מיט שכנים מכוח פערד און בהמות, און מכוח דעם פרייז אויף תבואה, וואס האלט אלץ אין איין שטייגן, און דערביי זיך שטארק געליבט וואס ער איז אזוי קלוג און זיך ניט געאיילט צו פארקויפן, ווארים ער דארף דאך חלילה ניט גיין לייען, ווי אנדערע, א גמילות חסד אויף שבת . . .

די שטעטלשע יידן האבן אים דערפאר ניט געקענט סובל זיין. ווארים וועגן וואס מ'זאל ניט ריידן, קומט ער באלד ארויס מיט זיינע זעק־תבואה, מיט זיין רייכער "כודאבע", ווי די גאנצע וועלט וואלט באשטאנען דורכויס פון פערד און בהמות . . .

אבער מיט ערשטן שפראץ אויפן פרילינג, פלעגט סענדער ווערן אויס שטאט־מענטש און צוריק א קאלאניסט, מיט קאלאניסטישע געדאנקען און געפילן. שטעטל פלעגט דעמאלט אויף אים זאגן אין שפאס: "ווי גיך סענדער דערזעט די ערשטע זומער־שוואלב, הייבט ער אן מעקען אין פעלד אריין". . .

ער פלעגט באלד איבערלאזן דאס בית־מדרש, די שכנים און מיט אלע שטעטלשע ענינים, ווי דאס אלץ וואלט מיט אים קיין שייכות ניט געהאט. ער האט ארויפגעצויגן אויף זיך זיינע פויערשע קליידער, פון וואס ס'האט זיך געטראגן א ריח פון פעלד און שטאל . . . איינגעשפאנט פערד און וואגן, ארויפגעלייגט די פלוג מיט דער באראנע, און "פאשאל" אין דער קאלאניע, צו זיינע פעלדער. ערשטע שפעט אין אוונט, מיט "צאת הכוכבים", פלעגט ער זיך אומקערן צוריק אין שטעטל.

אזוי האט ער זיך געפירט ביז העט אין סוף־זומער. דעמאלט איז אים גאר ניט געווען צו דערקענען. מיט איטלעכן האט ער זיך געהאלטן פונדער־ווייטנס, מיט קיינעם ניט גערעדט, מיט קיינעם זיך ניט איבערגעווערטלט. אפילו שבת אין בית־מדרש, איז ער אויך געזעסן שטיל, א פארטראכטער, ווי ער וואלט געווען א פרעמדער אין זייער מיט. דער גאנצער ארום איז אים גאר ניט אנגעגאנגען. זיין נשמה האט איצט ארומגעשוועבט אין אן אנדער וועלט, אין דער וועלט פון זיינע צעאקערטע און פארזייטע פעלדער . . .

ווי גיך ער האט זיך געהאט אפגעפארטיקט מיטן פארזייען זיין "יאר־רענע" (זומער־תבואה), האט ער זיך גענומען פאר דער "קאסטשענע", קאסען היי און קאניושינע, וואס ער פלעגט ברענגען צו פירן צו זיך אויפן הויף, וואס האט זיך געפונען אין שכנות פונם בית־מדרש, און אויפגעשטעלט פון זיי צענדליקער אויפגעטורעמטע סטויגן. ביז ס'האט זיך געהאט אנגע־יאגט די צייט פון "זשניווא", שניט־צייט. דעמאלט פלעגט סענדער שוין אפילו ניט קומען אהיים נעכטיקן. ער פלעגט גאנצענע נעכט אפהינען אין פעלד, היטן זיינע "סקירדעס", זיינע אויפגעשטעלטע סנאפעס־תבואה, מ'זאל זיי חלילה ניט צוגנבענען.

אזוי האט ער זיך געפירט יאר־איין, יאר־אויס, ווינטער א שטאטישער

תושב: זומער אָבער, איז ער צוריק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עובד אדמה, אין אַ פּויער מיט פּויערים גלייך . . .

* * * * *

שטעטעלע זאַסטאַוויע איז אָבער ווייט ניט געווען צופרידן מיט סענדערן, זייער נייעם שכן. ערשטנס, ווי ס'איז שוין דער שטייגער פון דער וועלט, האָט מען אַ גביר ניט איבעריק ליב . . . בפרט נאָך אַזעלכן וואָס איז קאַרג אויף דער מטבע . . .

צווייטנס, צוליב זיינע מיאוסע באַרימערייען. אַבי־עפּעס פּלעגט ער זאָגן מיט אַ באַרימערישן טאָן, ווי זיין טבע איז געווען: "צו דער עבודת אדמה, ערד־אַרבעט, דאַרף מען ניט נאָר האָבן אַ פּאָר געזונטע ידים, נאָר אויך אַ געזונטן קאָפּ אויף די פּלייצעס". . . פון יעדער איינעם האָט ער אָפּגעלאַכט, געגעבן עצות, געזאָגט דעות, ווי ער וואָלט שוין דאָ געווען אַ תושב מי יודע ווי לאַנג.

למשל, זומער, שבת פאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, האָבן יידן "שער און אייזן", באַלמעלאָכעס און אויך ערד־אַרבעטער, ליב געהאַט צו זיצן אויפן גרויסן בית־מדרש בריקל און געפּירט, ווי געוויינלעך, אַ שמועס מכוח דער היי־יאָריקער גערעטעניש, מכוח יקרות און אויך וועגן שטעטלשע נייעס און וועלט־פּאָליטיק.

פאַלט סענדער קאַלאַניסט פּלוצלונג אַריין אין די רייד און הייבט אָן דערציילן די גרויסע חידושים פון זיינע פעלדער, ווי שיין זיי האָבן זיך דאָס קיין עין הרע ניט צעוואַקסן, און וויפל פּודן תבואה, קאָרן, ווייץ, האָבער און גערשטן ער דערוואַרט היי־יאָר צו שניידן און צו דרעשן. מיין "יאַרענע", רופט ער אויס מיט שטאָלץ, איז שוין העכער פון אַלעמענס! זיי דערגרייכן שוין ביי מיר באַלד ביזן גאַרטל! און היינט מיט מיינע סטויגן היי און קאָניר־שינע וואָלט איך געקאָנט אויסקאָרמענען אַלע שטעטלשע פערד און בהמות!

און אָט קומט אָן דער פּאַסטוך מיט דער יידישער טשערעדע פונם שטעטלשן וויהאָן. דער עולם וואָס זיצט אויפן בית־מדרש בריקל, שטעלט אָן אויף זיי די אויגן, הייבט אָן טייטלען מיט די פינגער דאָ אויף איין שכנס בהמה און דאָ אויף אַ צווייטנס בהמה. מען פּרוווט שאַצן און מעסטן די צאָל קוואָרט־מילך אין זייערע אייטערס.

מיטאַמאָל שפּרינגט אויף דער רייכער "בעל גוף", סענדער, און הייבט אָן ריידן מיט אַ חוזק טאָן:

— אויך מיר בהמות! דאָס זיינען דאָך דראַניצעס! זניקלעס! הויט און ביין! מיט איינגעפאַלענע בייכער! פּאַכאַזשע אויף פרעהס זיבן מאָגערע קי! מיינע אָבער, וואָס פּאַשען זיך אויף מיינע אייגענע פעלדער, קאָנען פאַר־שטעקן אין גאַרטל אַפילו די פּריצישע פערד און בהמות!

די זאסטאַוויער יידן, דערהערנדיק ווי סענדער קאַלאַניסט וואגט אזוי מזלזל צו זיין אין דעם כבוד פון זייערע טייערע, ליבע בהמהלעך, וואָס זיי האָבן מיט אזויפיל שווערער מי און פראַצע אויסגעהאָדעוועט, נעמען אזש קריצן מיט די ציין און וואַרפן זיך אַרויף אויף אים מיט כעס:

— דו סענדער פויער, זיי נאָר ניט ביי זיך אזא תקיף! דו האָסט געזען וואָס פאַר א סך־הכל די פוילישע מלוכה האָט געמאַכט פונם מאַלילניקער רוסישן פריץ? האָט צוגענומען ביי אים פאַר א שיבוש זיינע פעלדער און באזעצט אויף זיי די פוילישע קאַלאַניסטן, די פּאָזנאַנטשיקעס! זי וועט זיך אויך באַלד א נעם טאָן צו דיר! וואָס מיינסטו, דו ביסט א יחסן?! טאָ זיי ניט ביי זיך אזוי פאַרריסן!

דער שטאַרק האָפּערדיקער סענדער, וואָס האָט זיך שוין לאַנג געהאַט געשראָקן פאַר דער מעגלעכקייט, בלייבט זיצן ווי א שלאַנג וואָלט אים א ביס געטאָן. ער גיט א שפּרינג אויף פון אָרט און הייבט אָן שרייען אויפן קול:

— ניט דערלעבן וועלן דאָס מיינע שונאים! די ערד איז מיינע! מיינע! מיין טאַטנס! מיין זיידנס און מיין עלטער־זיידנס! ווער ס'וועט וואגן קומען מעסטן מיינע פעלדער און לאַנקעס, וועל איך די פיס איבערהאַקן! די וועלט איז נאָך ניט הפקר!!!

אזוי פלעגט שטעטל, יעדער שבת פאַרנאַכט, זיך האַלטן אין איין אַרומקריגן מיט זייער שכן סענדערן, ביז מ'פלעגט דערהערן ווי דער בעל־תפילה האָט זיך שוין געשטעלט זאָגן דעם "והוא רחום". פלעגט מען זיך אויפהייבן פון בריקל און אַריין אין בית־מדרש דאַוונען בציבור דעם ערשטן, וואָכעדיקן מעריב . . .

די "שיינע" יידן פון דער מזרח־וואַנט, די יודעי־ספר, האָבן געהאַט נאָך מער אורזאַכן צו טראָגן א שווער הארץ אויף סענדערן, צוליב גאָר אַן אַנדער סיבה:

ווען נאָר ס'איז פאַרגעקומען א יאַריד אין שטעטל, פלעגן פויערים פון די אַרומיקע דערפער ברענגען צו אים זייערע "סאָקטינעס" צו "באַלויפן"; איטלעכער האָט זיך געריסן, אז סענדערס בוהאַי, וואָס איז געווען גרויס ווי א שור־הבור, זאָל זיך מזדווג זיין מיט זיין בהמה. און אזוי אויך האָט איטלעכער געוואָלט, אז סענדערס באַרימטער "קאַשטאַן", דער אָגער, זאָל זיך צונויפּ־פּאָרן מיט זיין קליאַטשע, כדי עס זאָל אַרויסקומען פון זיי אזא דור שיינע, געזונטע זשערעבקעס און שיינע געראָטענע קעלבער, וואָס זאָלן זיין פּאַכאַזשע אויף סענדערס.

פון סענדערס הויף האָבן זיך דעמאָלט געטראָגן קולות און געשרייען פון שיכורע גויים, א הירזשען פון צעווילדעוועטע פערד און א רעווען פון

בהמות מיט א בילעריי פון הינט און א כוואַשטשען פון בייטשן. די גאַנצע גאַס פלעגט זיך צונויפלויפן ווי אויף א בייזן וווּנדער.

סענדער איז דעמאָלט געווען ווי אויפן זיבעטן הימל פון זיין גליק. אים איז איצט ניט אזוי געגאַנגען אין דעם געשמאַקן פאַרדינסטל, נאָר דער עיקר וואָס ער האָט דערלעבט אזא נחת אין זיינע אייגענע אויסגעהאָדעוועטע פערד און בהמות, וואָס אַלע ווי איינער, מוזן צוגעבן, אז זיי געהערן זיך אָן צו גאָר אן איידעלער, אויסדערוויילטער ראַסע . . .

די זאַסטאַוויער באַלעבאַטים פון "מזרח-וואַנט" האָט שטאַרק פאַרדראָסן, האָבן געהאַט תרעומות אויף אים, וואָס אזעלכע זאַכן קומען פאָר אין שכנות פונם בית-מדרש און פאַר די אויגן פון דער גאַס . . . דאָס איז דאָך עפּעס גאָר ניט יידישלעך . . .

סענדער אָבער, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט אויף אַלע זייערע טענות און מענות זיך אויסגעלאַכט און זיך נאָך געוויצלט. ער האָט גע־טענהט, אז מיט דעם איז ער דאָך מקיים א מצווה פון דער תורה, ווי אין פסוק שטייט: "פרו ורבו ומלאו את הארץ", דאָס מיינט, "פרוכפּערט אייך און מערט אייך און פילט אָן די ערד". . . און אויב, זאָגט ער, מ'וועט אים באַווייזן שוואַרץ אויף ווייס, אז דאָס וואָס ער טוט מיט זיין בוהאַי און מיט זיין אָגער איז קעגן דער תורה הקדושה, איז ער גרייט, אז מען זאָל אים קנסענען.

ווי איר זעט, האָט שטעטעלע זאַסטאַוויע ניט איבעריק ליב געהאַט זייער נייעם שכן, סענדער קאַלאַניסט, ווי מ'האָט פיינט א גדלן, א בעל־גאווהניק, וואָס האַלט זיך פאַרן אויבערשטן פון שטייסל . . .

אזוי אויך האָט שטעטעלע געטראָגן א שווער הארץ אויף סענדערס פערד און בהמות, וואָס האָבן געהאַט א מאָדנע טבע, ווי נאָר מ'האָט זיך געשטעלט דאַווענען "שמונה עשרה", האָבן זיי אָנגעהויבן צו הירזשען און צו מעקען אויפן קול און מבלבל געווען אין די כוונות . . .

דער צעריסענער קארל מארקס

די שטאָטישע יידישע ביבליאָטעק, וואָס די קאמעניצער און זאסטאַווער יוגנט האָט באלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געהאט צוריק אויפגעבויט, האָט שוין מער ניט געטראָגן דעם כאראקטער פון א קולטור־צענטער, ווי ס׳איז געווען אמאָל, בעת זייערע עלטערע ברידער און שוועסטער האָבן זי צום ערשטן מאָל געהאט געגרינדעט, מיטן צוועק צו פארשפרייטן ליכט און וויסן צווישן פאָלק.

ווי מיר האָבן שוין פריער געהאט באשריבן, האָט זיך אין דער ביבליאָטעק שטענדיק געטרעשט און געקאָכט; מ׳האָט געפירט היציקע דיסקוסיעס איבער ציוניזם און סאָציאליזם; איבער יידישיזם און העברעיזם; די טעאַטער־אמאטאָרן פלעגן דאָ דורכפירן זייערע רעפעטיציעס; דאָ פלעגט מען אויך אָפּהאלטן עפנטלעכע „משפטים" איבער געוויסע העלדן פון דער יידישער און וועלטלעכער ליטעראטור, אזוי אז די „ביבליאָטעקא" איז געווען פאר דער יוגנט זייער קולטורעלע היים.

אָבער דאָס אלץ איז געווען אמאָל, אין די גוטע צייטן פון פאר דער מלחמה, וואָס קיינער גדענקט שוין באלד ניט ווען דאָס איז געווען . . . איצט קומט אויך אהין די יוגנט, אָבער שוין ניט מיטן צוועק צו שטילן זייער גייסטיקן הונגער, לייענען ראָמאנען און נאָוועלן, נאָר זי זוכט אינפאָרמאטיווע ביכער וועגן פרעמדע לענדער און ווייטע רייזעס. און אלע רייד און דיסקוסיעס, וואָס קומען דאָרט פאָר, דרייען זיך ארום איין פראָבלעם: — וווהין פאָרט מען? וווהין אנטלויפט מען פונם נייעם גלות־פוילן, וואָס איז פאר דער יידישער יוגנט געווען פיל ערגער ווי אונטער דער צארישער הערשאפט.

פאר דער יידישער יוגנט זיינען פארשלאָסן געווען אלע עקאָנאָמישע פאָזיציעס פון לאנד. לא די וואָס זי איז ארומגעגאנגען גאנצענע טעג און געשלונגען די לופט, איז זי נאָך פארעכנט געווען אין די אויגן פון דער פוילישער „וולאסט", פאר באָלשעוויקעס, שונאים פונם אויפגעקומענעם פוילישן פאָטערלאנד. די פוילישע זשאנדארמעריע, די טרויעריק בארימטע „דעפענסיוואַ", האָט זיי פארפאָלגט אויף יעדער שריט און טריט. פאר א מינדסטן חשד האָט מען יידישע בחורים און מיידלעך פארשפארט אין די תפיסות, וו מ׳האָט זיי געפייניקט אויפן גרויזאמסטן אופן.

אין דער זעלבער צייט האָט דער פּוילישער פינאַנץ־מיניסטער גראַב־סקי, דער שונא ישראל, מיט זיינע דראַקאָנישע געזעצן פאַרשטאָפּט אַלע קוואַלן פון יידישער פּרנסה. אויף יעדער יידישן קרעמער און באַלמעלאָכע האָט ער אַרויפגעלייגט אַזעלכע שווערע "פּאַדאַטקעס", שטייערן, אַזוי אַז ס'איז שוין באַלד ניט געווען מיט וואָס שבת צו מאַכן. אין אַ סך יידישע הייזער האָט געהערשט נויט און דחקות. יידישע סוחרים און קרעמער זיינען צערויִנירט געוואָרן, זיינען אַרומגעגאַנגען דערשלאָגענע און פאַרצווייפלטע, געקרעכצט און געזיפצט און ניט איינמאָל זיך געפרעגט: "מאין יבא עזרי?" פון וואַנען וועט קומען מיין הילף ? . .

די יוגנט האָט זיך געפילט ווי אין אַ קלעם. זייער איינציקע האָפענונג איז געווען וואָס גיכער זיך אַרויסצורייסן פון די נעגל פון מלכות פוילן. מ'האָט אָנגעהויבן לויפן וווהין נאָר די אויגן האָבן געטראָגן, ווו ס'איז נאָר געבליבן אַן אָפן טירעלע פאַרן עלנטן יידישן עמיגראַנט.

אַוואַדע האָבן אַלע געוואָלט לויפן קיין אַמעריקע, ווו יעדער איינער האָט שוין דאָרטן געהאַט אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ פעטער, אַ מומע, אָדער סתם אַ קרוב. האָט אָבער אַמעריקע, ווי אויף צו להכעיס, פאַרשלאָסן אירע טויערן, איינגעפירט אימיגראַציע גזירות.

אין וווהין־זשע פאָרט זאָל מען זיך ראַטעווען? דאָס איז שוין פאַר זיי קיין נפקא מינא ניט וווהין — ווו נאָר מען קאָן, ווו נאָר מ'וועט אַריינלאָזן. זוכט מען אָט דעם "ערגעץ־לאַנד", וואָס לאָזט נאָך אַריין.

יעדער אָוונט קלייבט זיך צונויף די יוגנט אין ביבליאָטעק, מען זעצט זיך אַרום דעם גרויסן טיש, מען שפּרייט אויס אויף אים אַ גרויסע וועלט־מאַפּע, און מיט גיריקע אויגן וואַנדערט מען איבער אירע לענדער און קאָנטי־נענטן; מען קוקט קיין מזרח און קיין מערב, קיין צפון און קיין דרום, אפשר קיין קובאַ? קיין מעקסיקע? קיין אַרגענטינע? צי גאָר קיין בראַזיליע פּאַראַ־גוויי? אורוגוויי ? . .

דערווייסט מען זיך אין שטעטל, אַז עמיצער האָט שוין געקראָגן אַ וויזע, איז מען אים שטאַרק מקנא. איטלעכער קוקט אויף אים ווי ער וואָלט פּלוצלונג אויפגעריכט געוואָרן. די נייעס צעטראָגט זיך באַלד איבערן שטעטל; ווו מען גייט און ווו מען שטייט האַלט מען כסדר אין איין ריידן דערפון.

די יוגנטלעכע אָבער, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין אויסזיכטן צו קריגן באַלד אַ וויזע אין "ערגעץ־לאַנד", האָבן זיך מאַסנוויַיז אָנגעשלאָסן אין די ציוניסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציעס, מיט דער האָפענונג, פריער צי שפּעטער, צו קאָנען "עולה" זיין קיין ארץ־ישראל און העלפן בויען די צוקונפטיקע יידישע מדינה.

עס האָבן זיך אָבער געפונען אַזעלכע יוגנטלעכע, וואָס האָבן שוין מער ניט געקענט צוזען דעם צער פון זייערע פאַרהונגערטע טאַטע־מאַמע,

יונגע ברידערלעך און שוועסטערלעך. זיי האָבן שוין מער קיין געדולד ניט געהאט צו וואַרטן אויף דער גאולה וואָס דער ציוניזם וועט ברענגען און אויך ניט אויפן לאַנגזאַמען גאַנג צום פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, ווי דאָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די יידישע ארבעטער פּאַרטיי "בונד". אויס פּאַרצווייפ־לונג האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אין די אונטערערדישע קאָמוניסטישע קעמער־לעך, ווו מ'האָט זיי פאַרשפּראָכן, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע, אויפן שטייגער פונם שכנישן סאָוועטן פאַרבאַנד, שטייט שוין ביי דער טיר. דעריבער דאַרף מען קעמפן מיט אַלע כוחות אראָפּצוּוואַרפן וואָס גיכער דעם פּויליש־פּריצישן יאָך, פאַרניכטן דעם בלוטיקן שונא דעם קאַפּיטאַליזם, ממילא וועט שוין אויך קומען די גאולה שלימה פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט . . .

די יידישע יוגנט, וואָס האָט אַזוי שווער געליטן פונם פּוילישן אַנטי־סעמיטיזם, איז געווען צעריסן צווישן זיך אויף פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכ־טונגען. ס'האָבן געקעמפט "רעכטע" פּועלי ציון מיט "לינקע" פּועלי ציון. זיי ביידע האָבן באַקעמפט די אָנגעהעריקע צום "בונד", וואָס איז געווען שטאַרק אַנטי־ציוניסטיש. און קעגן זיי אַלעמען האָט געפירט א ביטערן קאַמף די "לינקע", די קאָמוניסטן.

דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנערער ברודער־קאַמף, וואָס האָט געהאַט אַרומגעכאַפּט די יידישע ארבעטער גאַס איבערן גאַנצן לאַנד, איז שוין אויך געהאַט דערגאַנגען אַזש צום ווייטן שטעטל קאַמעניץ־ליטאָווסק און צו איר שכנישן שטעטלע זאַסטאַוויע.

* * * * *

די שטאָטישע ביבליאָטעק, ווו ס'האָט שטענדיק געהאַט געהערשט א חברשע אַטמאָספערע, איז לעצטנס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פּאָליטי־שער אַרענע. אָנשטאָט די אינטערעסאַנטע, באַלערנדע לעקציעס און דיסקו־סיעס איבער נאַציאָנאַלע און קולטורעלע ענינים, וואָס האָבן אַזוי געהאַט פאַרכאַפּט די יוגנט, האָט מען איצט דאָרט געהאַלטן אין איין אַרומקריגן זיך מכוח ציוניזם און קאָמוניזם, דעמאָקראַטיע און פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור. פּנימער האָבן געפלאַמט, אויגן האָבן געשפּריצט מיט האַס און שנאה קעגן זייערע פּאָליטישע קעגנער. און ניט איינמאָל האָט מען זיך געוואָרפן איינער אויפן אַנדערן מיט די פויסטן.

דער ליידנשאַפטלעכער פּאַרטיי־קאַמף איז שוין געהאַט אַריינגע־דרונגען אין שטוב, אין דער משפחה. א זון, א פייערדיקער ציוניסט, האָט זיך אַרומגעשלאָגן מיט זיין לייבלעכן ברודער, א קאָמוניסט; א טאָכטער, א פאַר־קאָכטע קאָמוניסטקע, וואָס האָט געחלומט פון אַריבערכאַפּן זיך דעם גרעניץ קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט בשום אופן ניט געוואָלט שלאָפן אין איין בעט מיט איר שוועסטער, דער חלוצקע, וואָס האָט שוין געהאַט א סערטיפיקאַט אויף צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. די שוואַר־פאַרהאָרעוועטע מאַמע האָט נעבעך געדאַרפט שטיין אויף דער וואַך און היטן אירע קינדער, אַז זיי זאָלן זיך, חלילה, איינע די אַנדערע ניט אויסדראַפּען די אויגן . . .

דער אמתער פארטיי־קאמף פלעגט זיך ערשט צעפלאקערן ווען איין פאליטישע גרופע פלעגט אראפברענגען פון "צענטער", פון דער גרויסער שטאט, א "פירער", א גענעראל־רעדנער. דעמאלט איז שוין געווען גאר פריילעך אין שטעטל!

איז דער גאסט־רעדנער געווען א "לינקער שבלינקע", זיינען די לינקע חברים, ווי די הויפט־מחותנים, ארומגעלאפן פון איינעם צום צווייטן, ארויסגעגעבן אינסטרוקציעס, ווער ס'זאל שטיין אויף דער וואך און היטן, אז קיין "שפיצל" (א שפיאן) זאל חלילה זיך ניט אניאגן. און אויך פארמירן א "באיוווקע", אין פאל די "רעכטע" וועלן מאכן אן אבסטרוקציע, א טומל, שטערן דעם גענעראל־רעדנער, זאל מען די טומל־מאכער ארויסטראגן פון זאל אין א ליילעך . . .

די "רעכטע" זיינען אויך ניט געבליבן זיצן מיט פארלייגטע הענט. זיי האבן באלד מאביליזירט זייער גאנצע ארמיי, אנגעשטעלט שווערע האוויצערס (קאנאנען), דאס הייסט, זייערע אינטעליגענטע אנפירנדע חברים, וואס ווי נאר דער לינקער רעדנער וועט פארענדיקן זיין רעדע, זאלן זיי אים "נעמען אויפן צימבל", "מאכן אים אויסצודרייען", באווייזן מיט ציטאטן פון בער בעראכאוו, דעם טעארעטיקער און גרינדער פון "פועלי ציון" און מיט "פסוקים" פון קארל מארקס "קאפיטאל", אז דער לינקער גענעראל־רעדנער פארשטייט אזוי דעם היסטארישן מאטעריאליזם, ווי א האן אין "בני אדם", והא ראיה, מען זעט דאך באשיינפערלעך, אז דער סטיכישער פראצעס פון דער יידישער עמיגראציע גייט דורכוים קיין ארץ־ישראל, ווו עס ווערט געבויט א קלאסנלאזע געזעלשאפט; נאר דארט וועט פארווירקלעכט ווערן דער אמתער פרייהייטלעכער סאציאליזם . . .

די יוגנט איז געווען געשפאנט, האט געווארט מיט אומגעדולד, אז ס'זאל שוין ווערן נאכט, און ס'זאל זיך שוין אנהייבן די אמתע פארטיישלאכט.

דער ביבליאטעק לאקאל איז געווען געפאקט איבער די ברעגעס. מען איז געשטאנען אויף די קעפ. אלעמענס אויגן זיינען געווען געווענדעט צו דער טיר פון וואנען ס'האט געדארפט ארייַנקומען דער גענעראל־רעדנער. ענדלעך איז געקומען דער גרויסער מאמענט. דער גאסט, ארומגערינגלט פון זיינע לינקע חברים איז ארויף אויף דער טריבונע. די לינקע האבן אים אויפגענומען מיט א גרויסן אפלאז. די "רעכטע" אבער זיינען געבליבן זיצן אומבאוועגלעך, ווי זיי וואלטן געווען טויב און שטום.

דער גענעראל־רעדנער, פארשטייט זיך, האט גערעדט פאר פייער און פאר וואסער. צום אלעם ערשטן האט ער זיך גענומען פאר די ציורניסטלעך, וואס זיינען די לאקייען פונם ענגלישן אימפעריאליזם, נעמען צו ביי די אראבער, פארשקלאפטע אראבער זייער שטיקל ערד. נאכדעם האט ער זיך ארויפגעווארפן אויף די בונדאווצעס, די סאציאל־פאשיסטן, די קאנטררעוואלוציאנערן, וואס ווילן אומברענגען דעם סאוועטן־פארבאנד, דעם איינ־

ציקן סאָציאַליסטישן פּאַטערלאַנד פאַרן אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט . . .
אָבער נישקשה, די רעוואָלוציע האַלט אין אויג! מיר וועלן זיי נאָך אַלעמען שטעלן צום וואַנט! . . — האָט דער רעדנער אויסגערופן מיט א דונערדי־קער שטימע.

די "לינקע חברים" האָבן געפּאַטשט בראַוואָ, זיינען אַריינגעפאַלן אין עקסטאַז. האָבן געקוקט מיט פריידיקע, צעשטראַלטע אויגן אויף זייער פירער, ווי, להבדיל, פאַרברענטע חסידים קוקן אויף זייער הייליקן רבין . . .

די רעכטע זיינען נעבעך געבליבן זיצן ווי פאַרשמעליעטע. אויף אַזאַ פייערדיקן רעדנער פונם שונאס צד האָבן זיי זיך גאָרניט געריכט. זיי האָבן זיך געשעמט אויפצוהייבן די אויגן זיך ניט דאַרפן באַגעגענען מיט די טריומפירנדיקע בליקן פון זייערע בלוטיקע שונאים, די לינקע.

נאָך דער לאַנגער פּאָליטישער רעדע פונם לינקן "גענעראַל", האָט דער פאָרזיצער זייערער אויסגערופן מיט א זיגערישן טאָן:

— ווער וויל נעמען א וואָרט? ווער וויל שטעלן א פראַגע דעם רעפערענט?

ס'האָט זיך אָנגעהויבן די לאַנגע דערוואַרטעטע דעבאַטע. איין רעכטער חבר נאָכן אַנדערן האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען פאַרוואַרפן דעם רעדנער מיט פראַגעס, כדי צו באַווייזן, אַז ער ווייסט נעבעך ניט מאַי דקאַמרי רביצין. דאָ זיינען די רעכטע חברים געוואָרן ביי זיך האָפערדיקער און גענומען שטאַרק אָפּלאַדירן זייערע אינטעליגענטע חברים, די דעבאַ־טאַנטן. און די לינקע האָבן געמאַכט חוזקדיקע צווישנרופן:

— סאָציאַל־פאַשיסטלעך!

— ציוניסטלעך!

— שאָוויניסטלעך!

— קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן!

די רעכטע האָבן צוריק־געשריען:

— מערדער פון דער רוסישער רעוואָלוציע!

— חברים מיט אַראָבער־פּאָגראָמשטשיקעס!

— איר האָט דערמאָרדעט טראָצקין!

ס'איז געוואָרן א טומל, א געשריי, א פייפעריי, א קלאַפעריי מיט הענט און מיט פיס, אַזש די ווענט פון זאַל האָבן געציטערט.

אָבער, ווי ס'פירט זיך ביי אַלע פּאָליטישע דעבאַטעס, האָט דער רעדנער שטענדיק "דאָס לעצטע וואָרט". ערשט איצט האָט ער זיך מיט זיין שאַרפן צינגל אַרויפגעוואָרפן אויף זיינע פּאָליטישע שונאים און זיי שיר ניט פאַרצוקט; מיט זיינע קלוגע, שאַרפזיניקע חכמהלעך, האָט ער פון די "רעכטע" געמאַכט תל און אש. פון גרויס פרייד און ניצחון, האָבן די

לינקע אזש געשפרונגען פון די ערטער, און מיט א ווילדן קאַצניאַמער ארויס־באגלייט די רעכטע פון זאל.

די רעכטע זיינען דאָך אָבער אויך ניט געווען קיין שיפּע־זיבעלעד, האָבן זיי באלד געקלאַפּט א דעפּעשע צו זייער "צענטער", אז מ'זאָל זען וואָס גיכער אַראַפּשיקן צו זיי א גענעראַל־רעדנער, וואָס זאָל ראַטעווען דעם פּרעסטיזש און דעם כבוד פון זייער "באַוועגונג", און איינמאָל פאר אַלעמאָל זיך אָפּרעכענען מיט די קאָמוניסטלעך, אזוי אז זיי זאָלן שוין מער ניט קאָנען אויפשטיין צו תחית המתים . . .

אָבער ווי נאָר דער "רעכטער" גענעראַל־רעדנער האָט זיך אוועק־געשטעלט ריידן פארן געפּאַקטן עולם, האָבן די "לינקע", ווי זייער שטייגער איז געווען, באלד געמאַכט אן "אבסטרוקציע", אָנגעהויבן שרייען, ליאַרע־מען, טופּען מיט די פיס, קלאַפּן מיט די בענקלעך.

די רעכטע האָבן זיך ארויפגעוואָרפן מיט די פויסטן אויף די לינקע, די לינקע אויף די רעכטע, אזוי אז פונם פּאָליטישן ווערטער־קאַמף איז גע־וואָרן אן אמתע פּארטיי־שלאַכט.

אויף די געשרייען און אויף די גוואַלדן, וואָס האָבן זיך געהאַט געטראָגן פון ביבליאָטעק־לאָקאַל, זיינען געקומען צו לויפן טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער, זיך אָננעמען די קרייוודע פון זייער אייגן בלוט און פלייש. ערשט איצט האָט זיך די "פּאָליטישע מלחמה" צעפלאַ־קערט מיט נאָך מער פארביסנקייט. ס'האָבן זיך געשלאָגן "ציוניסטישע" טאַטעס מיט "קאָמוניסטישע" טאַטעס, מען איז אריין איינע די אנדערע אין די בערד; "ציוניסטישע" מאַמעס האָבן מיט ציין און נעגל געריסן די האָר פון קאָפּ ביי די מאַמעס פון "קאָמוניסטישע" זין און טעכטער. די לינקע האָבן געוואָרפן בענקלעך און ביכער אויף די רעכטע, די רעכטע אויף די לינקע, אזוי אז דער גאַנצער ביבליאָטעק־זאַל איז פארוואַנדלט גע־וואָרן אין אן אמתען שלאַכטפעלד. מ'האָט זיך אזוי לאַנג געשלאָגן און געממיתט, ביז עמיצער א ליץ האָט אויסגעשריען אויפן קול:

— די פּאָליציי גייט! די פּאָליציי ! ! !

ווי דורך א כישוף־שפרוד האָט די צעפלאַקערטע מלחמה זיך באלד אָפּגעשטעלט. די צעשלאָגענע מחנות, די רעכטע ווי די לינקע, האָבן באלד גענומען לויפן, ווי פארסמטע מייז, דורך דער הינטער־טיר, דורך די פענצטער, אבי וואָס גיכער אנטלויפן פון פּלאַץ . . .

און שטאָט קאַמעניץ איז שוין איינמאָל געווען פריילעך ! . .

* * * * *

די אָפּטע געשלעגערייען צווישן די "רעכטע" און די "לינקע" אויף דער יידישער גאַס, האָבן דערווייל קיין גרויסע ענדערונגען אין דער פּאָלי־טישער לאַגע פון דער וועלט ניט געבראַכט. אַלץ איז געבליבן דערווייל ביים אַלטן . . . "גראַבסקיס עגלה" אויפן נאָמען פונם טרויעריק־באַרימטן

פוילישן פינאנץ מיניסטער, האָט ווי פריער, נאָך אלץ געהאלטן אין איין ארויספירן פון די יידישע הייזער, פון יידישע קרעמלעך, דאָס לעצטע ביסל האָב און גוטס, מיטן לעצטן ביסל סחורה אלס שטראָף פאר ניט באצאָלטע שטייערן צו דער מלוכה. מיט יעדער טאָג האָט דער יידישער דלות זיך אלץ מער צעליינגט און צעשפרייט איבער יידישע הייזער.

אין דער זעלבער צייט איז די שנאה, דער ברודער־קריג, צווישן איין יידישער ארבעטער פארטיי און דער צווייטער, געוואָרן אלץ שטארקער און פארביסענער. ארבעטער ־ פאריינען, סאָציאלע, קולטורעלע אינסטיטוציעס, האָבן זיך געשפאָלטן אויף "רעכטע" און אויף "לינקע". די אָנגעזאמלטע ענערגיע ביי דער פארצווייפלטער יידישער יוגנט, האָט געזוכט א תיקון, געוואָלט קומען צום אויסדרוק, האָט זי עס פארווענדט אינם פארטיי־קאמף אויף דער יידישער גאס, וואָס האָט מיט יעדער טאָג געהאט אָנגענומען דעם כאראַקטער פון א פארביטערטן ברודער־קריג.

ביי דער קאמעניצער יוגנט האָט זיך אויך געהאט צעפלאַקערט א מחלוקת איבער דער ביבליאָטעק. די "רעכטע" האָבן געטענהט, אז זי איז זייערע! זיי זיינען אין דער מערהייט! זי געבויט מיטן שוויס פון זייער פנים! די "לינקע" האָבן געטענהט, אז זי געהערט נאָר צו זיי, ווייל זיי זיינען די אמתע יורשים פון דער פראָלעטארישער קולטור! . . האָבן די "לינקע" אויפגעהאנגען א שלאָס אויף דער ביבליאָטעק, זיינען באלד געקומען די "רעכטע" און אויפגעהאנגען זייער שלאָס. גאנץ שטאָט איז געגאנגען כאַדאַראַם. די איינציקע, וואָס האָבן נעבעך געשוויגן און זיך ניט געקענט אריינמישן אין דעם קאמף, זיינען געווען די הונדערטער יידישע ביכער, וואָס זיינען געשטאנען אויסגעשטעלט אויף די פאָליצעס און געווארט, אז מ'זאָל זיי קומען און אויסלייזן פון דער תפיסה . . .

נאָך לאנגע אסיפות און קריגערייען, איז מען ענדלעך געקומען צום באשלוס, אז ס'איז ניטאָ קיין אנדער ברירה ווי דורכצופירן א חלוקה, ד"ה, אָנשטאָט איין ביבליאָטעק, זאָל ווערן צוויי, איינע א "רעכטע" און איינע א "לינקע", אבי ס'זאָל זיין שלום על ישראל! . .

ביידע פאָליטישע ריכטונגען האָבן אויסגעקליבן פון זייער מיט צו איין פאָרשטייער וואָס זאָלן זען, אז די צעטיילונג פון די ביכער אויף "רעכטע" און אויף "לינקע" זאָל חלילה ניט גיין אויפן חשבון פונם צווייטן צד.

די רעכטע האָבן אויסגעקליבן פון זיך אן עלטערן חבר, וואָס איז נאָך געווען איינער פון די ערשטע גרינדער פון דער אמאָליקער "ביבליאָטעקא", א פייערדיקער ציוני, וואָס איז געווען קלאָר אין אלע ציוניסטישע ארבעטער שריפטן, ווי א פרומער ייד אין אשרי. גערופן האָט מען אם משה דער לאנגער, מחמת ער איז געווען הויך און דאר ווי א שטעקן.

די "לינקע" האָבן אויסגעקליבן זייערן א חבר, וואָס איז ביי זיי פאררעכנט געווען פאר זייער א וויל־געלערנטן, מחמת ער איז געווען א

לײדנשאַפטלעכער לײענער פון דער ײדישער און רוסישער ליטעראַטור און איז אויך געװען גוט באַהאַװנט אין קאַרל מאַרקס און לענינס שריפטן. און װי אויף צו להכעיס, האָט ער אויך געדאַרפט הײסן משה, װאָס איז גע־װעזן פונקט דער היפוך פונם "רעכטן" משהן. ער איז געװען אַ קורץ, געפּאַקט מענטשל, מיט ברײטע פּלײצעס און מיט אַ פּאָר געזונטע הענט, װאָס האָבן עדות געזאָגט, אַז ער שטאַמט פון דורות באַלעמלאָכעס, אמתע פּראָלעטאַריער . . . און כדי ניט צו פאַרבײטן בײדע משהס, האָט שטעטל אַ נאָמען געגעבן דעם רעכטן משה — משה דער לאַנגער, און דעם לינקן משה — משה דער קורצער. אויף די דאָזיקע צװײ "משהס" איז געפאַלן דער גורל דורכצופירן די היסטאָרישע חלוקה איבער דער ײדישער ביבליאָטעק.

װאָס שײך מיטן ביסל מטלטלין, דעם אינװענטאַר פון דער ביב־ליאָטעק, איז נאָך צוגעגאַנגען רויִק, גלאַטיק, לויט אַ פשוטן חשבון: מיר אַ בענקל און דיר אַ בענקל, מיר אַ טישל און דיר אַ טישל, מיר אַ פּאָליצע און דיר אַ פּאָליצע. אָבער װען ס'איז געקומען צו דער חלוקה פון ביכער, דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די אמתע צרות.

דער קורצער, פלינקער, משה דער לינקער, האָט אויף גיך אַראָפּ־געכאַפּט פון דער ערשטער פּאָליצע מענדעלע מוכר ספרימס "קליאַטשע" און זי אַ שלײדער געטאָן אין דער זײט פון זײן שונא, משה דעם לאַנגן, און מיט סאַרקאַזם אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז אַן אַנטיקל פאַר אַזאַ קאָנטער־רעװאָלוציאָנער װי דו ביסט! זעסטו, די "טאַקסע", װוּ דער זײדע מענדעלע באַשרײבט די פרומאַ־קעס, די אמתע צבועקעס, װי עס זײנען דײנע כפל שמונהדיקע ציוניסטלעך, געהערט צו מיר!

װי גיך משה דער קורצער האָט זיך געהאַט אָפּגעפּאַרטיקט מיט מענ־דעלעס װערק, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו פּרצן, װאָס איז געשטאַנען אין שכנות מיטן "זײדן". ער האָט באַלד אַרויסגעכאַפּט אײנעם פון זײנע ביכער מיטן נאָמען "חסידיש" און אויסגערופן מיט אַ ציניש געלעכטערל:

— די דאָזיקע "װערקע", װאָס גלאָריפיצירט די פינצטערע חסי־דישע רעאַקציע, קענסטו זיך נעמען! װען פּרץ װאָלט געלעבט, װאָלט ער עס אַלײן מיט זײנע אײגענע הענט פאַרברענט ! . . .

משה דער לאַנגער האָט פאַר װײטיק זיך אַזש צונויפגעקאָרטשעט. אַלץ אין אים האָט געברױזט און געקאָכט. ער האָט פאַרשטשעמעט די ליפּן און געשװיגן. אָ, װען ער קען, װאָלט ער זײן בלוטיקן שונא, דעם קאָמוניסטל, צעריסן װי אַ הערינג. ער, װאָס האָט מיט אַזױפיל שװערער מי און מאַטערניש צונויפגעזאַמלט די אַלע ביכער, װאָס איטלעכעס בוך איז בײ אים געװען טײער װי זײן אױג אין קאָפּ, דאַרף איצט צוקוקן און זיך צוהערן, װי אָט דער דאָזיקער "שטערער און ברעכער" איז אַזױ

מזלזל זיינע הייליקטימער! ס'איז אים אזש געווארן טרוקן אין האלדז. טרערן האבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. ער האט געהאט דאס געפיל ווי איבער אים וואלט איצט געשטאנען א קאלטער גזלן און שניידט מיט א שארפן מעסער שטיקער פלייש פון זיין לייב.

משה דער "לינקער" איז זיך ווייטער אנגעגאנגען מיטן "צענזור־רירן" די ביכער און דערביי זיך אונטערגעפייפט עפעס א פריילעך לידל . . . ס'האט ניט געדויערט לאנג ווי אויף דער זייט פון משה דעם "רעכטן" האט זיך אנגעהויפנט א היבשער בארג ביכער, וואס דער קורצער, "לינקער" משה, האט געהאט אויסגעבראקירט, ווי זיי וואלטן געווען "טריף־פסולן". . . און אויף דער זייט פונם לינקן משהן איז געלעגן ניט מער ווי א קליין בער־געלע ביכער. דערפאר אבער ריינע, כשרע, אמתע, פראלעטארישע ווערק . . .

נאכן אפפארטיקן זיך מיט דעם בעלעטריסטישן טייל, האט מען זיך גענומען איינטיילן מיטן באהאלטענעם אוצר — די אומלעגאלע, רעוואלוציאנערע ליטעראטור, וואס מען האט געהאט אויסבאהאלטן פון דער פוילישער פאליציי.

משה דער לינקער האט א כאפ געטאן דעם שווערן באנדיקן "קאפיטאל", פון קארל מארקס, און עס שוין געוואלט אוועקלייגן צו זיך. אבער דא האט משה דער רעכטער געגעבן א שפרונג צו צום לינקן משה און מיטן גאנצן כוח גענומען רייסן פון אים קארל מארקסן און דערביי געשריען, ווי ניט מיט זיין קול:

— דו פארדאמטער קאמוניסטל, קארל מארקס איז אונדזערער! אונדזערער! צו אונדז געהערט זיין "קאפיטאל" ! . .

משה דער לינקער האט מיט איין האנט גענומען אפשטויסן פון זיך דעם צעהיצטן "רעכטן" משהן און מיט דער צווייטער האנט געהאלטן צוגעקלאמערט צום הארצן קארל מארקסן און געשריען דורך פארשטעמעוועטע ציין, אזש א שוים האט אים ארויסגעזעצט פון מויל:

— דו סאציאל־פאשיסט! ווי וואגסטו מיט דיינע קאנטער־רעוואלוציאנערע הענט זיך גאר צורירן צו אונדזער קארל מארקס? ער איז אונדזערער! מיר האבן איינגעפירט סאציאליזם אויף א זעקסטל פון דער וועלט ! . . אזא חוצפה פון א ציוניסטל, א פאשיסטל, א פעטליוראוועץ ! . .

דא האט משה דער רעכטער זיך שוין מער ניט געקענט איינהאלטן. אים, דעם אויסגעהאלטענעם סאציאליסט, וואס איז ניט איינמאל שוין געהאט געזעסן אין טורמע צוליב דער רעוואלוציע און צוליב דער רעוואלוציע איז ער פארבליבן אן אלטער בחור, זאל מען רופן פאשיסט, פעטליוראוועץ?! דאס איז שוין געווען איבער זיינע כוחות.

מיט זיינע לאנגע,ביינערדיקע הענט, האט ער זיך ארויפגעווארפן אויף זיין בלוטיקן שונא און אים גענומען זעצן מיט די פויסטן איבערן קאפ,

געריסן אים מיט די נעגל דאָס פּנים. ס'האָט זיך צעפּלאַקערט א קאַמף אויף טויט און אויף לעבן.

ביידע משהס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דר'ערד, איינער איינגעקלאַ־מערט אינעם צווייטן, אַזוי אַז קיין כוח אין דער וועלט האָט זיי ניט געקענט פאַנאַנדעררייסן. דאָ איז געלעגן משה דער רעכטער אויף משה דעם לינקן און דאָ איז געלעגן דער לינקער משה אויפן רעכטן משהן און מיט זיינע געזונטע קולאַקעס געזעצט אים אין פּנים און אין די זייטן. בלוט האָט גערונען פון ביידן. ביידע האָבן געשריען, געקרעכצט און געברומט מיט פאַרשטיקטע קולות. אָבער קיינער פון זיי האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן.

עס זיינען באַלד אָנגעלאָפן שכנים, וואָס האָבן זיי קוים פאַנאַדער־געריסן. משה דער "רעכטער" איז אוועקגעפאַלן ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים און איז געבליבן ליגן אין איין ווינקל פון דער ביבליאָטעק און שווער געסאָפּעט. און ניט ווייט פון אים איז געלעגן דער לינקער משה מיט א צעקאַ־לעטשעטער נאָז און מיט א האַנט זיך געווישט דאָס שווייס און דאָס בלוט פון פּנים. און צווישן זיי ביידן איז געלעגן אויף דר'ערד קאַרל מאַרקס א צעריסענער און א צעפּליקטער . . .

דער אָנהייב פונם סוף . . .

סעפּטעמבער 1939. פּלוצלונג, ווי א דונער אין מיטן העלן טאָג, איז אויסגעבראָכן די צווייטע, גרויסע וועלט־שריפה. ווי א היישעריק, האָבן זיך א לאז געטאָן די היטלעריסטישע האָרדעס אויפן לאנד פּוילן. זיינע עראָפּלאנען, ווי שטאָלענע רויב־פייגל, האָבן פון אונטער בלויע הימלען געזייט חורבן און טויט. דאָס גאנצע לאנד איז ארייגעפאלן אין א פּאניקע.

מער פון אלעמען האָבן זיך געשראָקן די יידן, ווי דאָס הארץ האָט זיי געזאָגט, אז זיי וועלן זיין, ווי שטענדיק, די ערשטע צו ליידן . . . בפרט ווען ס׳האָבן זיך שוין געהאט דערטראָגן אהער די ערשטע טרויעריקע נייעס, אז דער שונא, דער נאצי, איז גרויזאם; ער שוינט ניט קיין זקנים, קיין פרויען און קינדער; אלץ וואָס ער טרעפט אָן אויף זיין וועג צעשטערט ער און פאר־ניכטעט מיט א טייוולאָנישן כוח.

ס׳האָבן זיך שוין געהאט באוויזן אין שטעטל די ערשטע יידישע היימלאָזע, מיט קליינע קינדער ביי דער זייט, מיט עופהלעד אין די אָרעמס, מיט קלומקעס אויף די פּלייצעס. אלע מיט אזעלכע טויט־בלאסע פּנימער און מיט ווילד־צעשראָקענע אויגן. זייער אָנבליק, זייער טרויעריק אויסזען, האָט אינגאנצן שוין צערודערט די שטעטלשע יידן. די אנטרונענע פון טויט און חורבן האָבן זיך געהאט אָנדערציילט שרעקלעכע מעשות, איינע שוידער־לעכער פון דער צווייטער:

— דער בלוטיקער שונא האָגלט אויף יידישע שטעט און שטעטלעך מיט צינד־באָמבעס; יידישע שטעטלעך ברענען ווי יום־כיפּור־ליכט; די פּוילישע ארמיי ווערט געשלאָגן אויף אלע פראָנטן; די רעגירונג אין ווארשע איז אנטלאָפן און קיינער ווייס ניט אפילו וווהין.

ס׳האָט אלעמען ארומגעכאפּט אן אימה, א פינצטערע בהלה.

זאסטאוויער יידן זיינען באלד אוועקגעלאָפן קיין קאמעניץ, זען, הערן, וואָס "שטאָט" האָט בדעה צו טאָן.

אָבער די שטאָט קאמעניץ איז געווען נאָך מער צעשראָקן און צע־טומלט פונם שטעטעלע זאסטאוויע. זיינען זיי אוועק צום רב, ר׳ בנימין בור־שטיין, אפשר וועט ער געבן אן עצה וואָס צו טאָן? צי זאָל מען אויך כאפּן

ווייב און קינד, און לויפן וווהין די אויגן וועלן טראָגן, צי מ׳זאָל בלייבן זיצן אויף די ערטער?

דער קאַמעניצער רב האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער גמרא, אָנגעשטעלט זיינע טרויעריקע, שווארצע אויגן אויף די בלייכע, צעשראָקענע זאסטאוויער יידן און זיך צעקרעכצט. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און אָנגעהויבן שפּרייזן מיט שלאָבעריקע פיס היין און צוריק איבער זיין בית־דין שטיבל, אַלע ווײַלע געוואָרפן א טרויעריקן בליק אויף זיינע פאָליצעס ספרים, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך געהאט געפונען יקר המציאות׳ן און אויך זיין כתב־יד, זיין נייער פּירוש אויף ש״ס . . . ס׳איז אנטשטאנען א שווערע, געדריקטע שטילקייט. דער רב האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און מיט א ציטערדיק־געבראָכענעם קול גענומען ריידן:

— מ׳דארף ניט לויפן . . . וואָרים "מלאך המות מה לי הכא ומה לי התם". . . פון טויט קאָן מען ניט אנטלויפן . . . מ׳טאָר אָבער ניט אריינפאלן אין קיין יאוש . . . מיר זיינען יידן, זיינען מיר . . . מ׳דארף האָבן ביטחון . . . נאָר דער אבינו שבשמים קאָן אונדז העלפן . . .

פונם רבס קורצע, אָפּגעהאקטע רייד, האָבן די צעשראָקענע, פארצווייפלטע זאסטאוויער יידן ערשט פארשטאנען, אז דאָס אומגליק איז נאָך גרעסער ווי זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט. דערשלאָגענע און צעבראָכענע זיינען זיי אוועק אהיים.

פארנאכט. דער בית־מדרש איז געווען געפּאקט מיט יידן, ווי יום־כיפּור צו כל־נדרי. ווי א סטאדע שאָף ערב א שטורעם, האָבן זיך יידן איצט געטוליעט איינער צום אנדערן. א שטילקייט האָט געהערשט אינם האלבטונקעלן בית־מדרש. ווי פון זיך אליין, האָט מען גענומען אָפּהאלטן אן אסיפה. די פראגע: וואָס טוט מען? ווי אזוי ראטעוועט מען דאָס אָרעמע לעבן? האָט איטלעכן געעגבערט אין מוח.

אברהם טראשינסקי, א געוועזענער סארעווער קאָלאָניסט, האָט פאָרגעשלאָגן, אז מ׳זאָל גלייך שפּאנען פערד און וואָגן, און לויפן קיין קאַמעניץ, ווייל ווי עס מאכט זיך, זאָל מען כאָטש זיין איינינעם מיט יידן . . .

— גערעכט! גערעכט! — האָבן אַלע "פּאָטאקעוועט", — וואָרים די אָפּטרעטנדיקע פּוילישע סאָלדאטן קענען נאָך חלילה פארברענען די בריקן, דעמאָלט וועלן מיר שוין אינגאנצן בלייבן אָפּגעשניטן פון דער וועלט ! . .

— און קיין קאַמעניץ וועלן זיי ניט קומען? — האָט ר׳ יצחק־אייזיק, דער גמרא מלמד און א בעל־מטופּל מיט קינדער, אַלעמען איבערגעשריען.

— לאָמיר בעסער לויפן קיין וויסאָקע־ליטאָווסק! עס איז אויך א שטאָט מיט יידן! — האָט געטענהט יאָסל נחמיה אייזיקס, — און אויב מ׳וועט חלילה פון דאָרטן אויך דארפן לויפן, איז כאָטש דאָ ניט ווייט א באן ! . .

אזוי האָט איטלעכער געהאלטן אין איין פארשלאָגן עפּעס אנדערש.

אלע האָבן גערעדט, געטענהט, זיך געהיצט און געקאָכט, אָבער צו קיין טאָלק איז מען ניט געקומען.

מיטאמאָל האָט סענדער, דער קאָלאָניסט, זיך געגעבן א שטעל אויף און אויסגערופן אויפן קול:

— יידן, מיין עצה איז, אז מיר זאָלן אלע בלייבן אויף די ערטער! און וואָס גאָט וועט געבן, דאָס וועט זיין!

אָבער דאָ איז אים עמיצער אריינגעפאלן אין די רייד און אויסגע־שריען:

— באשר אים איז שווער געווען צעשיידן זיך מיט זיינע פערד און בהמות דעריבער הייסט ער אונדז בלייבן און אומקומען פון די דייטשישע באָמבעס! ער וויל בלייבן, טאָ זאָל ער בלייבן געזונטערהייט! יידן, לאָמיר גיין ! . .

עס איז געוואָרן א טומל, א געפילדער. איינער האָט איבערגעשריגן דעם צווייטן. סענדער אָבער האָט זיך ניט געלאָזט פארטומלען, גענומען קלאַפּן מיטן פויסט אויפן טיש און אָנגעהויבן ריידן נאָך מיט א העכערן קול:

— רבותי! הערט מיך אויס! מיר האָבן שוין געזען וואָס ס'איז גע־וואָרן מיט די וואָס זיינען געלאָפן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ! . . געדענקט, יידן, דער דייטש פירט איצט א גרויסן קריג! ער וועט דאַרפן האָבן א סך ברויט אויף צו קאָרמענען זיינע סאָלדאטן! מיר זיינען כמעט אלע ערד־ארבעטער, מיר האָבן אלע גערטנער! איך בין זיכער, אז דער דייטש וועט ווייטער אונדז נאָך אליין געבן זריעה צו פארזייען וואָס מער תבואה און וואָס מיר שאר ירקות, ווי ער האָט עס געטאָן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דעריבער איז מיין עצה ,אז מיר זאָלן בלייבן זיצן אויף די ערטער און אָנגיין מיט אונדזער ארבעט!

פונקט ווי א טרינקענדער כאַפּט זיך אָן פאר א שטרוי, אזוי האָט דער גאַנצער עולם זיך אָנגעכאַפּט אָן סענדערס רייד. די שרעק, די פארצווייפלונג האָט נאָכגעלאָזן. א געפיל פון דערלייכטערונג האָט איטלעכן ארומגעכאַפּט. ס'האָבן זיך באַלד גענומען טראָגן קולות פון אלע זייטן:

— סענדער איז גערעכט!

— איך ריר זיך ניט פון אָרט!

— איך אויך ניט!

— וואָס וועט זיין מיט כל ישראל, וועט זיין מיט ר' ישראל!

— מיר וועלן אלע בלייבן ! . .

— יידן ס'איז שוין שפּעט! צייט צו דאַווענען מעריב! איך האָב היינט יאָרצייט! — האָט אויסגערופן ר' לייבל שמיד, א ייד א זקן.

ער האָט זיך באַלד געגעבן א שטעל אוועק פארן עמוד און מיט א געבראָכענער, וויינענדיקער שטימע גענומען זאָגן דעם "והוא רחום יכפר

עוון ולא ישחית"... זיין אומעטיקער, טרויעריקער ניגון האָט אָנגעיאָגט אויפן גאַנצן עולם א דערדריקטע שטימונג, ווי מ'וואָלט איצט געדאַוונט ביי אַ אבל אין שטוב...

* * * * *

שוין די צווייטע און די דריטע נאַכט ווי די קאַמעניצער און זאַסטאַווער יידן זיינען געלעגן פאַרטייעטע הינטער פאַרריגלטע טירן און לאָדן. מאַמעס מיט בלייכע פּנימער האָבן געטוליעט צום האַרצן זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן ניט אַרויסלאָזן קיין פּיפּס פון מויל. טאַטעס מיט ציטערדיקע ליפּן האָבן געשעפּטשעט קאַפּיטלעך תהילים. די שעהן און די מינוטן האָבן זיך געצויגן פאַר זיי ווי אייביקייטן. די נאַכט מיט אירע פינצטערע שאָטנס האָט נאָך פאַרגרעסערט די שרעק פאַרן טויט... יעדער שאָרך וואָס האָט זיך דערטראָגן פון דרויסן האָט געפּרירט די האַר־וואָרצלען ביי זיי אויפן קאָפּ; איטלעכער האָט געבעטן גאָט, אַז ס'זאָל שוין קומען וואָס גיכער אַ סוף צו דער גרויזאַמער נערוון־געשפּאַנטקייט; איטלעכער האָט געגאַרט, אַז ס'זאָל שוין וואָס גיכער קומען דער אַנטשיידענער מאָמענט אַזוי אַז מ'זאָל שוין וויסן וואָס דער גורל האָט צו געגרייט פאַר זיי...

פּלוצלונג, מיטן שפּראָץ אויף טאָג, האָט זיך דערהערט אַ שטעפּן פון קוילן־וואַרפערס און אַ קנאַלן פון האַרמאַטן, וואָס איז געקומען פונם בריסקער שאָסיי. יידן מיט זייערע ווייבער און קינדער זיינען צוגעפאַלן צו דר'ערד, האָבן זיך גענומען באַהאַלטן הינטער די אויוונס.

מיטאַמאָל איז די קאַנאָנאַדע פאַרשטומט געוואָרן. ס'איז אַנטשטאַנען אַן אויסערגעוויינלעכע שטילקייט, וואָס האָט נאָך מער געשראָקן ווי דער טראַ־טאַ־טאַ פון די פּוליעמיאָטן און פלאַצנדיקע סנאַריאַדן...

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקע טראַסקערייי פון שווערע, מיליטערישע אייזערנע רעדער, וואָס האָבן, ווי מיט שאַרפע שטאָלענע ציין, זיך איינגעביסן אינם שטיינערנעם ברוק, אַזוי אַז די ווענט פון די יידישע שטיבלעך האָבן אַזש זיך געטרייסלט...

מיט צאַפּלדיקע הערצער און מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס האָבן יידן זיך "צוגעגנבעט" אויף די שפּיץ־פינגער צו טיר און פענצטער, צו כאַפּן אַ קוק דורך אַ שפּאַרונע, זען צי די דאָזיקע טראַסקערייי פון די מיליטערישע אָבאָזן זיינען פון "אייגענע", צי חלילה פונם שונא?..

מיטאַמאָל האָט דער מיליטערישער צוג זיך אָפּגעשטעלט. סאָלדאַטן מיט די פויסטן און מיט די פּריקלאַדן פון זייערע ביקסן, האָבן גענומען קלאַפּן אין די טירן און אין די לאָדנס און געשריען:

— גראַזשדאַניע, אָטוואָריטי! בירגער עפנט אויף! טאַ סוואָי! ליודי! דאָס זיינען אייגענע מענטשן! די רויטע אַרמייער!..

די צעשראָקענע יידן האָבן ניט געגלייבט זייערע אייגענע אויערן.

קען דאָס טאַקע זיין, אַז דאָס הפקרדיקע לעבן זייערס איז געראַטעוועט? ס'איז זיי שווער געווען דאָס צו גלויבן . . .

דאָ און דאָרט האָט זיך געעפנט אַ טיר. פון דאָ און דאָרט האָט זיך באַוויזן אַ קאָפּ, וואָס האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט אַרויסצו־רוקן זיך פון אונטער איינגענעם דאַך . . .

— גראַזשדאַניע, אַטוואַריטי! — האָבן זיך געטראָגן איבער דער גאַס אַלץ העכער און העכער די סאָלדאַטסקע קולות.

ערשט ווען יידן האָבן זיך שוין געהאַט איבערצייגט, אַז דאָס זיינען טאַקע אמתע רוסן, פון רוסלאַנד, איז מען געוואָרן ביי זיך אַביסל דרייסטער. באַלד הגבן זיך צעעפנט טירן. די פאַרטייעטע יידן האָבן איינציקווייז זיך גענומען אַרויסשאַרן פון זייערע באַהעלטענישן. שכנים, קרובים, זיינען זיך גע־פאַלן איינע די אַנדערע אויף די העלדזער, און פאַר פרייד, וואָס מען איז ניצול געוואָרן פון טויט, האָט מען געוויינט און געלאַכט, געלאַכט און געוויינט . . .

* * * * *

די גוישע גאַס האָט אויפגענומען די נייע, סאָוועטישע "וולאַסט" מיט געמישטע געפילן. די פונם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן האָבן זיך געפרייט, ניט אַזוי צוליב דעם וואָס זייערע פּראַוואָסלאַוונע ברידערלעך, די באָלשעוויקעס, זיינען ווידער געקומען הערשן איבער זיי, נאָר דער עיקר, וואָס זיי האָבן איצט דערלעבט אַ נקמה אָן זייערע פאַרהאַסטע ליאַכן, די פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך געהאַט איזדיעקעוועט איבער זיי.

דערפאַר אָבער זיינען די מעשטשאַנעס פונם קאַטוילישן גלויבן אַרומ־געגאַנגען מיט פאַרפינצטערטע פּנימער, מיט פאַרביסענע ליפּן און מיט אַ פאַרטייעטן פייערל אין די אויגן. זיי האָבן געקוקט אויף די נייע הערשער ווי אויף זייערע בלוטיקע שונאים, וואָס האָבן אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אין רוקן פון זייער פאַרפייניקטן פאָטערלאַנד. אָבער נאָך מער שנאה און האַס האָבן זיי געטראָגן אין האַרצן אויף זייערע יידישע שכנים, ווי זיי וואָלטן געווען די הויפּט־שולדיקע אין זייערע איצטיקן נאַציאָנאַלן אומגליק . . .

פונדעסטוועגן האָבן אַ סך פון די דאָזיקע עכטע, פּוילישע פּאַטריאָטן באַלד אַראָפּגענומען פון זייערע ווענט די קאַטוילישע איקאָנעס און אויפגע־האַנגען אויף זייער אָרט פּראַוואָסלאַוונע ווי אַ סימן, אַז זיי געהערן זיך אויך אָן צום גרויס־רוסישן פאָלק . . .

ביידע אָבער, סיי די קאַטאָליקן און סיי די פּראַוואָסלאַוונע פון דער גוישער גאַס, האָבן איצט הכנעהדיק צוגעשמייכלט צו זייערע שכנים פון דער יידישער גאַס, ווי יענע וואָלטן געווען גאָר נאָענטע ר' שמעלקעס מיט דער נייער סאָוועטישער וולאַסט . . . בפרט נאָך ווען דאָרט, אויף יענער זייט טייך, האָט דער הויפּט־נאַטשאַלניק פונם שטאָטישן רעווקאָם (רעוואָלוציאָ־נערן קאָמיטעט), געטראָגן אויף זיך אַ לענגלעכע יידישע נאָז . . .

די באלשעוויקעס האבן זיך באלד, ווי די היישעריקן, ארויפגעווארפן אויף די יידישע קרעמלעך און מיט איין "שמע ישראל" אויסגעקויפט אלץ אויף וואס נאר זייער אויג איז געפאלן, פון א קרענצל גלעזערנע פאטשערקעס ביז א שוך־בענדל — מתנות פאר זייערע ווייבער און קינדער אין טיף־ראסיי. ס'האט ניט געדויערט לאנג ווי די יידישע קרעמער פון שניט־סחורה, באקאליי און גאלאנטעריי, זיינען געבליבן שטיין ביי ליידיקע פאליצעס . . .

* * * * *

די נייע באלשעוויסטישע מאכט האט באלד גענומען אויסווארצלען יעדער סימן פון דער פוילישער הערשאפט, ווי זי וואלט דא קיינמאל ניט עקזיסטירט. פוילישע נעמען פון גאסן און אינסטיטוציעס זיינען פארביטן געווארן אויף רוסישע. זי האט אויך באלד גענומען איינפירן, אויף איר שטייגער, די באלשעוויסטישע געזעצן וועגן סאציאלן יושר, אזוי אז איינער זאל ניט האבן מער פונם צווייטן; האט ווער פארמאגט א פערד, א בהמה, א חזיר מער פונם אנדערן, האט מען עס ביי אים צוגענומען. ס'האט טאקע ניט געדויערט לאנג, ווי אלע זיינען געווארן גלייך . . .

יידן, וואס זיינען שטענדיק די ערשטע צו ליידן פון יעדער נייער פאליטישער ענדערונג, האבן דאס מאל, חלילה ניט געהאט אויף וואס זיך צו באקלאגן. פארקערט, מ'האט נאך געהאט אפגעגעבן א שבח צו דעם "וואס לעבט אייביק", וואס מ'איז ניצול געווארן פון ארייננצופאלן אין די נעגל פון די רשעים, די דייטשן.

אויף די אלע אפטע רעקוויזיציעס און קאנפיסקאציעס, וואס די נייע מאכט האט ביי זיי דורכגעפירט, האבן יידן, ווי זייער שטייגער איז, באלד געפונען א טרייסט אין א פסוק, וו עס זאגט זיך: "תן לי הנפש והרכוש קח לך" — "גיב מיר די נפשות און דאס פארמעגן נעם זיך". . . האבן די זאס־טאוויער און קאמעניצער יידן עס פארטייטשט אזוי: "מיר דאנקען דיר, פריצל, פארן שטיקל לעבן, וואס דו האסט אונדז געשענקט, און דאס ביסל פארמעגן אונדזערס, וואס מיר האבן געהאט "נאזשיוועט" מיטן שוויים פונם פנים, נעם זיך דיר געזונטערהייט". . .

דער איינציקער ייד אינם שטעטעלע זאסטאוויע, וואס איז נעבעך זייער ניט געווען צופרידן מיט דער נייער סאוועטישער ממשלה, איז געווען סענדער, דער רייכער קאלאניסט. ווארים די באלשעוויקעס האבן אנגעמאכט א גרויסן חורבן אין זיין "כודאבע". זיי האבן ביי אים געהאט צוגע־נומען זיינע גרויסע סטויגן היי און קאניושינע, אויסגעליידיקט אלע זיינע שייערן און שפייכלערס מיט תבואה, און אויך זיינע שיינע, ראַ־סאווע פערד און בהמות, וואס ער אליין האט אויסגעהאדעוועט.

ער איז נעבעך ארומגעגאנגען א דערשלאגענער און א צעבראכענער, ווי אן אבל. ער האט ניט געגעסן און ניט געטרונקען. קיין שלאף איז ניט געקומען אויף זיינע אויגן. פון גרויס הארצווייטיק און גריזאטע איז ער

געוואָרן אַלט און שוואַך, אַז קוים די נשמה האָט זיך געהאַלטן אין אים. ער האָט צו קיינעם ניט גערעדט. געזעסן טאָג און נאַכט אין שטוב. ניט איבערגעטראָטן די שוועל פון בית־מדרש, ווי ער וואָלט זיך געשעמט ווייזן דאָס פּנים פאַר לייטן . . . ער האָט מורא געהאַט פאַרבייצוגיין זיינע אויסגעליידיקטע שטאַלן און שייערן. ס׳האָט זיך אים רק געדוכט ווי ער הערט דאָס טרויעריקע הירזשען און דאָס רעווען פון זיינע אוועקגענומענע פערד און בהמות . . .

וויפל די שכנים האָבן אים ניט געפּרוּווט טרייסטן, האָט ער קיין טרייסט ניט געוואָלט פאַרנעמען. ער איז געזעסן א צונויפּ־געקנוידערטער, מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ און מיט טויט־בלאַסע, ציטער־דיקע ליפּן געהאַלטן אין איין מורמלען עפּעס צו זיך. און יעדער מאָל, ווען ס׳האָט זיך אַרויסגעריסן פון אים א זיפץ, א שווערער קרעכץ, האָט זיין אַל־טער, געטרייער, שוואַרצער, קודלעוואַטער הונט, וואָס איז געלעגן ביי זיינע פיס, זיך צעוואָיעט אויפן קול . . .

צופוסנס פון א טויטער שטאָט

יוני, 1941. ס'איז געווען א ווארעמער זומער פארנאכט. א פריידיק, קינדיש געלעכטער האָט זיך געטראָגן פון דרויסן און פון בית־מדרש הויף. מאמעס מיט פאררויטלטע פנימער און מיט פארקאשערטע ארבל זיינען גע־שטאנען פאר די קוימענס און געקאָכט וועטשערע. פונדערווייטנס האָט זיך דערטראָגן דאָס פריילעכע מעקן פון דער יידישער טשערעדע, וואָס האָט זיך אומגעקערט אהיים פון דער פאשע. א זיס־זויערלעכער ריח פון בהמהשן שוויים און פון פרישער מילך, וואָס האָט זיך געשפארט פון די בהמהשע פולע אייטערס, האָט א וויע געטאָן אין דער לופטן.

באלד האָבן אנגעהויבן אָנקומען טאטעס און זין מיט פערד, מיט אקער און בראָנע פונם פעלד. אלע מיט פארשטויבטע קליידער און מיט פארברוינטע פנימער פון זון און ווינט. באלעמלאָכעס, שוסטערס, שמידער, האָבן אוועקגעלייגט די ארבעט און מיט גיכע טריט זיך אוועקגעאיילט אין בית־מדרש.

אין דער לעצטער צייט, זינט דער דייטש איז ארויס אויף דער מלחמה און דער "באלשעוויק" איז אריין, האָבן די זאסטאוויער יידן זיך נאָך מער גענומען טוליען צו זייער בית־מדרש. וואָרים איינעם מיט יידן איז עפעס היימלעכער און זיכערער . . .

אין דער שטיל, אז קיין פויגל זאָל ניט הערן האָט מען זיך צוגערוקט איינער צום אנדערן, און מ'האָט זיך איבערגעגעבן אויפן אויער די לעצטע נייעס פון טאָג, וואָס מ'האָט זיך דערוווסט פון א באקאנטן יידישן רויט־ארמייער, אדער פון א זון, א טאָכטער, וואָס האָט געארבעט ביי דער שטאָטישער קאָמענ־דאנטור.

די נייעס זיינען, צום באדויערן, געווען גאָר ניט קיין פריילעכע: דער דייטש גייט "מחיל אל חיל", פון איין ניצחון צום אנדערן: די הויפט־שטאָט ווארשע ליגט שוין לאנג אין חורבות; לאָנדאָן, די עיר הבירה, פון דער ענגלישער אימפעריע, ווערט כסדר באהאָגלט פון דייטשישע באָמבעס; די גרויסע אמעריקע שטייט נאָך אלץ אָן א זייט; יידן, אונטער דער דייטשישער אָקופאציע, שטייען זיך דאָרט נעבעך אויס כלערליי נגישות; מען טרייבט זיי פון אָרט צו אָרט, ווי בלודנע שאָף.

א ציטער גייט איטלעכן אריבער איבערן לייב. א פינצטערער גערדאנק הייבט אָן עגבערן אין מוח: ווער ווייס וואָס דער גורל דערוואַרט זיי? ווער ווייס ווי לאַנג זיי וועלן נאָך דאָ קענען זיצן בשלווה?

און כדי צו פאַרטרייבן דעם אומעט און די מרה שחורה, הייבט מען אָן זאָגן תהילים בחברות. יודעי ספר פּרווון פאַרגעסן דעם צער און יאוש אין א פּרק משניות, אָבער ניט דאָס תהילים־זאָגן און ניט דאָס משניות לערנען קריכן איצט ניט אין קאָפּ און ניט אין האַרצן. די שאָטנס אויף די האַלב־טונקעלע ווענט פון בית־מדרש וואַרפן אָן אויף איטלעכן א דערדריקטע שטימונג . . . .

דערהערט יצחק אייזיק, ר' ישראל לוסקעלערס זון, א ייד א למדן, ווי יידן קרעכצן, זיפצן, פאַלן אריין אין עצבות, הייבט ער אָן זיי זאָגן פּאַטער־לעכן, ווייכן מוסר:

— יידן, — רופט ער אויס מיט א שטילן קול, — מ'טאָר חלילה ניט אריינפאַלן אין יאוש. וואָרים "כי הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל", עס שלאָפט ניט און עס דרעמלט ניט דער שומר פון ישראל . . . מיר זיינען יידן, מיר דאַרפן האָבן ביטחון, ווי אין פּסוק שטייט : "וכל הרשעה כעשן תכלה" — די רשעות פון דער וועלט וועט ווי דער רויך פאַרשווינדן ווערן . . . פאַרגעסט ניט, יידן, אַז אונדזערע ברידער און שוועסטער, וואָס זיינען אריינ־געפאַלן אין די נעגל פון די דייטשן, די רשעים, איז פיל ערגער פון אונדז . . .

ר' יצחק־אייזיק דער מלמד האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן זיינע רייד, איז פּלוצלונג אריינגעלאָפן אָן אָן אָטעם יאַנקל ידידיהס, מיט א טויט־בלאַסן פּנים און מיט ווילד־צעשראָקענע אויגן, און אויסגעשריען:

— יידן, די דייטשן זיינען ארויס אויף א מלחמה קעגן רוסלאַנד! זייערע עראָפּלאַנען באָמבאַרדירן בריסק! די שטאָט ברענט! די באָלשע־וויקעס לויפן שוין פון שטאָט! אויף די בריקן שטייען שוין פעסער סמאָלע גרייט זיי צו פאַרברענען!

די זאַסטאַוויער יידן זיינען געבליבן זיצן ווי זיי וואָלטן פּלוצלונג געקראָגן מיט א שווערער דובינע איבערן קאָפּ. ס'איז באַלד געוואָרן א סומאַטאָכע. מאַמעס מיט קינדער ביי דער זייט און מיט עופהלעך אויף די הענט האָבן זיך אריינגעריסן אין בית־מדרש מיט א געיאָמער און מיט א געוויין.

פּעשע־בלומע, די זאָגערין, וואָס האָט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרלאָרן אירע צוויי שיינע, יונגע זין, איז צוגעלאָפן צום אָרון־קודש, אויפגעפּראַלט די טירלעך און געגומען קלאָגן אויפן קול:

— הייליקע ספרי תורות, שטעלט זיך איין פאַר אונדז און פאַר אונדזערע קינדערלעך! מיר האָבן שוין גענוג קרבנות געבראַכט! צעריים, רבונו של עולם, דעם פינצטערן גזר דין, וואָס הענגט איבער אונדזערע קעפּ! ענטפער אונדז ניט איבער אין די הענט פון אונדזערע שונאים, וואָס זיינען

ערגער פון חיות אין וואלד! הארציקער פאטער אין הימל, דערבארעם זיך אויף אונדז און אויף אונדזערע קינדערלעד, דיינע הייליקע "צאן קדשים"! . .

אויף פעשע־בלומעס געשרייען האבן אלע ווייבער און קינדער אויפגעהויבן אזא געוואלד און אזא יאמערלעכן געוויין, אז א סקרוד איז אלעמען אריבער איבערן לייב.

— מאנצבילן, וואס שווייגט איר?! — האט פעשע־בלומע די מילנערקע, מיט א פארגאסענעם פנים פון טרערן, זיך געווענדעט צום עולם, — זאגט תהילים, אז די הימלען זאלן זיך שפאלטן.

דער עולם איז געבליבן שטיין מיט פארגליווערטע פנימער, געקוקט מיט ווילד־צעשראקענע, ארויסגעשטארצטע אויגן און פון ארט זיך ניט געקענט רירן.

— יידן, וואס שטייט איר ווי געליימטע?! לאמיר שפאנען פערד און וואגן און לויפן צוזאמען מיט דער רויטער ארמיי, כל זמן ס'איז נאך ניט שפעט! — האט עמיצער געשריען פון עולם.

אבער די רויט־פייערדיקע צונגען, וואס האבן זיך געריסן פון די ברענענדיקע בריקן צום הימל, האבן אויף אלעמען אנגעיאגט א טויט־שרעק, וואס האט פאראליזירט דעם ווילן עפעס צו טאן.

מיטן פארברענען די בריקן איבערן טייך לעשנא, וואס האבן געפירט צו דער שכנישער שטאט קאמעניץ, איז דאס שטעטעלע זאסטאוויע מיט אירע הונדערט משפחות, געבליבן אפגעשניטן פון דער וועלט . . .

* * * * *

ביינאכט, ווען די שכנישע, גוישע גאס איז שוין געווען פארזונקען אין שלאף, האבן זאסטאוויער יידן זיך אריינגעגנבעט שטילענקערהייט, ווער צו זיך אין שייער, ווער צו זיך אין שטאל און ווער אין א שפייכלער, און פארן שיין פון א ליכט גענומען אויף גיך גראבן גריבער צו באהאלטן אין זיי זייערע טייערע, ווערטפולע חפצים: די קופערנע פאנען, מעשענע לייכטער, סאמאווארן, שטייסלען, פראזשעט און נאך אזעלכע טייערע ארטיקלען, וואס זיינען איבערגעגאנגען צו זיי בירושה פון דור דורות . . .

דאס אלץ האבן טאטע־מאמע, מיט ציטערדיקע הענט, פארפאקט אויף גיך אין קאסטנס און אין קופערטן, און עס אראפגעלאזן טיף אין גרוב אריין. און פארן "סתימת הגולל" — איידער מען האט אלץ פארשאטן, האט מען אויפגעוועקט פון שלאף די קינדער, און מיט פארשטיקטע טרערן אין האלדז זיי אנגעזאגט:

— געדענקט קינדערלעך, אז גאט וועט אייך באשערן צו לעבן, זאלט איר וויסן ווו דאס אלץ ליגט באגראבן . . . קוקט זיך גוט צו, קינדערלעך, פארגעסט ניט אין דעם מזרחדיקן ווינקל, אין שטאל פון האלץ . . . געדענקט, טייערינקע, אז אייער טאטע־מאמעס האב און גוטס . . .

און נאך איידער דער מארגנשטערן איז אויפגעגאנגען, האבן טאטעס

און אונטערגעוואקסענע זין, מיט ציטערדיקע הענט און מיט טרערן פאר־גאָסענע אויגן, די גריבער פארשאָטן, מיט בהמהשע מיסט פארדעקט, מיט האַלץ פארלייגט, אז ס'זאָל ניט בלייבן קיין שפור, קיין סימן פון א גרוב . . .

* * * * *

באגינען. די זון איז אויפגעגאנגען, ווי אלעמאָל, א ליכטיקע, א צעשטראַלטע. די פייגל האָבן, ווי שטענדיק, פריידיק געצוויטשערט, ווי קיין זאך וואָלט ניט געשען.

זאסטאַוויער יידן, מיט שווארצע, פינצטערע פנימער און מיט רויטע, ניט אויסגעשלאָפענע אויגן, האָבן זיך ארויסגעשאַרט אינדרויסן, זיך ארומ־געקוקט אויף אלע זייטן, ווי צעשראָקענע היהלעד . . . איין שכן האָט געפרעגט מיט שטומע בליקן ביים צווייטן שכן:

— וואָס וועט ווייטער זיין? וואָס וועט אונדז ברענגען דער נייער טאָג ? . .

דער נייער טאָג האָט זיך געצויגן פאר זיי אזוי לאַנג און אזוי טרויע־ריק ווי די לאַנגע, פינצטערע נאכט. און די פינצטערע נאכט ווי דער ליכטי־קער טאָג. יעדער שעה איז פאר זיי א גאנצע אייביקייט געווען.

זאסטאַוויער יונגעלייט זיינען אלע ווילע געלאָפן צום ברעג טייך, צו די פארברענטע בריקן, האָבן ארויפגעקלעטערט אויף די הויכע טאָפּאָל־ביי־מער, וואָס זיינען געשטאַנען ביי זיין ברעג, אפשר וועט מען פון דער הויך קענען זען, הערן וואָס טוט זיך איצט אין דער שכנישער שטאָט קאָמעניץ. אָבער די "אויסשפּירער" האָבן פון דאָרט גאָרניט געקענט אויפכאַפּן. די שטאָט וואָס איז שטענדיק געווען אזוי נאָענט, ווי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, איז איצט געוואָרן שרעקלעך ווייט . . .

אין דער זעלבער צייט האָט דער אינסטינקט צום לעבן גענומען וועבן ביי איטלעכן אין הארצן א דין־פעדעמל פון האָפענונג. ווער ווייס האָט איט־לעכער ביי זיך געטראכט, אפשר איז אונדז טאַקע געשען א נס וואָס דער אַנט־לאָפענער רויט־ארמייער האָט פארברענט די בריקן און מ'איז דורך דעם געוואָרן אָפּגעריסן פון דער ארומיקער, צעשטורעמטער וועלט ? . . אפשר וועט דאָס אומגליק אזוי גיך ניט קומען צו אונדזער גבול ? . . א חיי שעה איז אויך גוט ? . . און אפשר איז טאַקע געגעבט סענדער קאָלאָניסט, וואָס הייסט ניט לויפן ? . . האָבן געטראכט די זאסטאַוויער.

די שטומע־צינג, די פערד און בהמות, וואָס מ'האָט שוין דעם דריטן טאָג געהאַט געהאַלטן פארשפּאַרט אין די שטאַלן און זיי האָבן שיר ניט די ווענט צעלייגט, האָט מען ווידער ארויסגעלאָזן אויף דער פּאַשע. אויך די קינדער האָט מען צוריק אַוועקגעשיקט צום רבין אין חדר.

דער אַלטער ר' לייבל שמיד מיט זיינע געזונטע בנים האָבן זיך צוריק געשטעלט ארבעטן מיטן האַמער ביי דער קאָוואַדלע.. אויף זיי קוקנדיק, האָט

יעדער איינער זיך גענומען פאר זיין ארבעט. ווער ס'איז אוועק מיט פערד און אקער אין פעלד, ווער מיט רידל און מאָטיקע אין גאָרטן, און ווער מיט האַמער און זעגל צו זיין וואַרשטאַט.

דער הימלעבער קלאַנג פון שטאָל און אייזן וואָס האָט זיך ווידער געטראָגן פון ר' לייבל שמידס קוזשניע, האָט געגעבן דעם שטעטל א נאָרמאַלן אויסזען; ס'האָט זיך ביי אַלעמען געשטאַרקט דער מוט און די האָפענונג, אַז דאָס ביסעלע "געשענקטע" מנוחה און רו וועט, חלילה, אַזוי גיך ניט צעשטערט ווערן . . .

אָבער, אין די דאָזיקע טעג, ווען ייד האָט זיך געטאָן באַגעגענען אין פעלד, אין גאָרטן, מיט א שכן פון דער גויישער גאַס, מיט וועמען מ'האָט יאָרן-לאַנג געאַרבעט זייט ביי זייט, און ניט איינמאָל זיך געהאַט ארויסגעהאָלפן איינע די אַנדערע אין א נויט, און פּלוצלונג האָט ער אויפגעהערט צו ענטפערן אויף זיין יידישן שכנס "דזיען דאָברי" (גוטן טאָג) און אויף זיין "באָך פּאָמאָשטש" (גאָט העלף), ווי ער וואָלט אים גאָר ניט געקאָנט, האָט דאָס ברעקעלע האָפענונג ביים יידן אין האַרצן אָנגעהויבן זיך צעקרישלען אין שטויב . . .

און נאָך מער האָט מען זיך אָנגעהויבן עפּעס שרעקן פאַר די גויישע "וויזיטן": אין די פאַרנאַכטן נאָך דער ארבעט, און אין די זונטיקדיקע ביי-טאָגן, האָבן די שכנים פון דער גויישער גאַס גענומען עפּעס צו אָפט "אַרומשפּאַצירן" איבער דער יידישער גאַס; זיינען אריינגעקומען מכלומרשט מיט א תירוץ, געכאַפּט א קוק ביים יידן אין שטוב, אין שייער, אין שטאַל, "געגעסן מיט די אויגן" די יידישע "סקאָטינעס". . .

אַט די דאָזיקע פּאַרטייעטע, שפּיזלדיקע בליקן פון זייערע שכנים פון דער גויישער גאַס האָבן אָנגעיאָגט אויף איטלעכן אין שטעטל א שרעק . . .

* * * * *

פּלוצלונג, אין א שיינעם, ליכטיקן, זומער-פרימאָרגן, האָט פון יענער זייט טייך, איבער די פאַרברענטע בריקן, זיך דערטראָגן צום זאַסטאַוויער ברעג א הילכיק קנאַלן פון ביקסן און מאַשין-געווער, באַגלייט מיט יאָמערלעכע געשרייען, וואָס האָבן זיך געריסן צום הימל. פון שרעק האָבן ביי די זאַסטאַוויער יידן די האַר-וואָרצלען גענומען פרירן.

די שיסעריי און די פאַרצווייפלטע געשרייען פון דער שטאָטישער זייט, האָבן לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. אָט זיינען זיי פאַרשטילט געוואָרן און אָט זיינען זיי ווידער אויסגעבראָכן נאָך שטאַרקער, נאָך הילכיקער, ביז זיי זיינען אינגאַנצן פאַרשטילט געוואָרן . . .

ס'איז ביי קיינעם קיין ספק ניט געווען, אַז עפּעס שוידערלעכעס קומט

דאָרט איצט פאַר. איטלעכער האָט זיך משער געווען, אז דאָרט, אויף יענער זייט טייך ווערט איצט פאַרזיגלט דער גורל פון זייערע ברידער און שוועסטער. אלע האָבן איצט דערשפירט, אז דער פינצטערער גזר־דין, פאַר וועלכן מ׳האָט זיך די גאַנצע צייט געשראָקן, האָט זיך שוין אָנגעהויבן . . .

די זאַסטאַוויער מעשטשאַנעס פון דער גוייִשער גאַס האָבן באַלד געוואָרפן די אַרבעט, געכאַפּט שיפלעך מיט וויאָסלעס און זיך אַוועקגעלאָזט מיטן טייך אַהין, צו דער שטאָט.

ס׳האָט ניט געדויערט לאַנג ווי זיי זיינען געקומען פון דאָרט מיט פולע, אָנגעלאָדענע שיפלעך מיט ייִדישן האָב און גוטס, וואָס זיי האָבן אויף גיך אויסגעלאָדן אויפן ברעג צו זייערע ווייבער און קינדער, און באַלד צוריק זיך אַוועקגעשיפלט אהין צו דער שטאָט. אַזוי האָט די גוייִשע גאַס, א גאַנצן טאָג און א גאַנצע נאַכט, געהאַלטן אין איין רודערן מיט זייערע לאָדקעס הין און צוריק איבערן טייך, ווי צו א גרויסן פיש־פאַנג . . .

פון די דאָזיקע שכנים זייערע, האָבן די זאַסטאַוויער ייִדן זיך באַלד דערוווּסט דעם טרויעריקן, פינצטערן אמת וואָס איז געשען צו זייערע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער אויף יענער זייַן טייך. און דערציילט האָבן זיי עס ווי ס׳וואָלט געווען א גאַנץ געוויינלעכע פּאַסירונג:

די דייטשן האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטאָט; האָבן געשלאָגן און געהרגעט יונג און אַלט, קליין און גרויס; זיי האָבן צונויפגעטריבן אַלע ייִדן אויפן מאַרק; די ערשטע דערשאָסן צו ווערן זיינען געווען די ייִדישע בחורים און שלמהקע מאַנדלבלאַט, וואָס איז יאָרן־לאַנג געווען דער "שרייבער" פון שטאָטישן מאַגיסטראַט (זע, קאַפּיטל שלמהקע דער שרייבער) זיי האָבן אים מיט זיין פרוי און קינדער דערשאָסן פאַר אַלעמען אין די אויגן; דערנאָך האָבן זיי אַלע ייִדן אויסגעשטעלט אין שורות און ערגעץ ווו אַוועקגעפירט . . .

א גרויל האָט אַרומגעכאַפּט די עלנטע זאַסטאַוויער ייִדן. דער פאַקט וואָס דער שונא האָט געקענט נעמען די שענסטע ייִדישע זין און זיי אויסשיסן אין מיטן העלן טאָג, פאַר זייערע טאַטע־מאַמע אין די אויגן, און נאָכדעם נעמען א גאַנצע שטאָט מיט ייִדן, מיט זייערע ווייבער און קינדער, און זיי אַוועקפירן ווער ווייס וווהין, האָט זיי שיִער ניט געטריבן ביז צו משוגעת. ס׳האָט זיך איטלעכן געוואָלט אויסשרייען: ניין! עס קאָן ניט זיין! עס איז א ליגן! א ליגן! ווי קאָן דאָס זיין, אז א גאַנצע שטאָט, וווּ ס׳האָט זיך שטענדיק גערעשט און געקאָכט מיט יאַר־מערק, מיט יאַרידן, מיט האַנדל־וואַנדל, זאָל פּלוצלונג אויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל?! א שטאָט וואָס איז ביז איצט געווען אַן "עיר ואם בישראל", מיט א פּאָר צענדליק בתי־מדרשים, שולן, חדרים און תלמוד־תורות, פון וואַנען דאָס קול פון תפילה און תורה האָט געהאַט פאַרקלונגען אַלע גאַסן, זאָל פּלוצלונג פאַרשטומט ווערן?! ניין, עס קאָן ניט זיין ! ! ! . . .

אָבער די אַנגעלאַדענע שיפֿלעך מיט יידישן האָב און גוטס, וואָס זייערע שכנים פון דער גויישער גאס האָבן געהאַלטן אין איין ברענגען צופירן, האָט זיי באַשטעטיקט, אַז סאיז שוין גאָר ניט קיין ליגן. דער באַוווסטזיין, אַז זיי געפינען זיך איצט צופוסנס פון א טויטער יידישער שטאָט, האָט די זאַסטאַוויער אינגאַנצן דערשלאָגן. בפרט ס'האָט זיך שוין אויך געהאַט דערטראָגן צו זיי, אַז דער נאַצי איז שוין אויך אריין קיין ביאַליסטאָק, קיין ביאַלאָוויעזש און קיין וויסאָקע-ליטאָווסק, אַזוי אַז ס'איז שוין אין ערגעץ ניטאָ פאַר זיי קיין אַנטרינונג.

די וואָס האָבן זיך נאָך אפשר געקענט ראַטעווען, האָט די פינצטערע שרעק פאַראַליזירט אין זיי דעם ווילן צו טראַכטן אפילו פון רעטונג. ווי די לעמער וואָס ווערן געפירט צו דער שחיטה, אזוי זיינען די זאַסטאַוויער יידן גרייט געווען זיך איבערצוגעבן דעם פינצטערן גורל אין די הענט. ס'איז פאַר זיי שוין געווען קלאָר און באַשטימט, אַז היינט צי מאָרגן וועלן זיי אויך מוזן גיין אויפן זעלבן וועג אויף וועלכן ס'זיינען געגאַנגען זייערע שכנים, די קאַמעניצער יידן . . .

"נאשא בלומקא"

געשריבן אין 1946

געווידמעט מיין שוועסטער פּעשע, וואָס איז אומגעקומען על קידוש השם, צוזאַ־מען מיט אירע קינדער, אין טרעבלינקע.

א. יתגדל ויתקדש

יוני 22, 1941. פּלוצלונג, אין מיטן העלן טאָג, האָט זיך אנגעיאָגט פונם ווײסאַקער וועג א לאסט־אויטאָמאָביל מיט א טרובען און מיט א גריל־צעריי און זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן שטעטל.

א כאָפּטע נאַצים, מיט סוואסטיקאס אויף די ארבל, מיט ביקסן אויף די אקסלען און מיט שפּיצרוטן אין די הענט, זיינען אויף גיך אראָפּגעשפּרונגען פונם אויטאָמאָביל, באגלייט מיט א טשאטע הינט מיט ווילד־רוצחישע אויגן און אויסגעשטשירעטע ציין.

די נאַצים מיט ווילד צעיושעטע פּנימער, האָבן באלד אנגעהויבן שיסן אין דער לופטן און אין די יידישע הייזער. פון דאָ און דאָרט האָט זיך דער־הערט א יאָמערלעך געשריי. די דייטשישע הינט האָבן זיך צעבולן אויפן קול, ווי זיי וואָלטן שוין באצייטנס דערשפּירט דעם ריח פון פריש־צאַפּלדיקן בלוט.

— יודען ערױס! ערױס! — האָט מיט רציחה זיך צעשריען דער עלצטער פון די נאַצים.

— פארפלוכטע באנדע, אנרייען! — האָבן מיט רוגזה געשריען זיינע אונטערגעאָרדנטע.

גאַנץ שטעטל איז ווי פארגליווערט געוואָרן פון שרעק. אויפן מאָמענט האָט קיינער זיך ניט געקענט רירן פון אָרט, ווי יעדער אבער אין זיי וואָלט פּלוצלונג אָפּגעשטאָרבן.

— יודען פארעקע! ערױס!! ערױס!!!

די מאַמעס זיינען די ערשטע געקומען צו זיך. האָבן געכאַפּט זייערע פּיצלעך קינדער אויף די הענט און גענומען מיט זיי לויפן, ווער אויפן בוידעם און ווער אין קעלער.

די בלוטדורשטיקע נאַצים, מיט זייערע ווילדע הינט, האָבן זיך אַריינ־געריסן אין די הייזער און ווען זיי האָבן געכאַפּט זיך באַהאַלטן האָבן זיי מערדערלער געשלאָגן. זיי האָבן ניט געשוינט קיין זקנים, פרויען און קליינע קינדער. די יאָמערלעכע געשרייען פון די געשלאָגענע און געפּייניקטע האָבן זיך געטראָגן צום הימל.

אויף די פאַרצווייפלטע געשרייען פון זייערע פרויען, מאַמעס און קינדער, זיינען געקומען צו לויפן די טאַטעס און די זין פון פעלד, איבער־לאָזנדיק דאָרט די פערד מיטן אַקער אויף גאָטס באַראָט. די צונויפגעיאָגטע מאַמעס מיט זייערע עופהלעך אין די אָרעמס זיינען צוגעפאַלן מיט אַ יאָמער און מיט אַ געוויין צו זייערע מענער און זייערע אונטערגעוואַקסענע זין, ווי זיי וואָלטן געוואָלט געפינען ביי זיי שוץ.

אָבער וואָס מער זיי האָבן געוויינט און געיאָמערט, אַלץ מער האָבן די רשעים, די נאַצים, זיי געשלאָגן מיט די קאָלבעס פון די ביקסן און מיט די גומענע שפּיצרוטן איבער זייערע קעפּ, ביז ניט איינער פון זיי איז אַוועק־געפאַלן אַ באַגאָסענער מיט בלוט. ס'האָט ניט געדויערט לאַנג ווי גאַנץ שטע־טעלע האָט זיך שוין געפונען אינדרויסן פאַר זייערע הייזער, באַוואַכט פון אַלע זייטן מיט באַאַנעטן, ווי זיי וואָלטן געווען די גרעסטע פאַרברעכער.

די "גוישע גאַס", וואָס האָט זיך געהאַט געטיילט אויף פּראַוואָסלאַוונע און אויף קאַטאָליקן, און שטענדיק געטראָגן איינע אויף די אַנדערע האַס און שנאה, האָט איצט פאַרגעסן אויף אַלע זייערע קריוודעס, און אַלע ווי איינער, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף דער יידישער גאַס מיט זעק, מיט פערד און וועגן, ווי צו אַ גרויסן יאַריד . . . זיי האָבן געקוקט מיט גיריקע אויגן צום פּאַן ניעמעץ, אַז ער זאָל שוין געבן אַ צייכן, אַז מען מעג שוין אָנהייבן . . .

דער נאַצישער עלצטער, דערזעענדיק די אָנגעלאָפענע גוישע שכנים, מיט זייערע ווייבערס, זין און טעכטער און קליינע קינדער, האָט ער זיך געווענדעט צו זיי מיט די ווערטער:

— דיזע פאַרפלוכטע יודען מוסן אומגעבראַכט ווערדען ! . . דאַס זינד פּאַראַזיטן, איינע רויבער־באַנדע ! . . איבעראַל העלפן אונדז גוטע, אַנשטענדיקע קריסטן אויסצוראָטן דיזע ווערים ! . . דאַס שטעטכען זאַמאָסטי מוס זאָפאָרט יודען ריין ווערדען ! ! ! . . . און יעצט שנעל צו דער אַרבייט!.. וויר האַבען קיינע צייט ניכט! הייל היטלער!

די נאַצים, מיט רויט־אָנגעגאָסענע פּנימער, מיט גזלנישע אויגן, האָבן, אינאיינעם מיט אַ כאַפּטע יונגע שקצים פון דער גוישער גאַס, זיך אַ לאָז גע־טאָן אויף די יידישע הייזער. האָבן געזוכט און גענישטערט אויף אַלע בוי־דעמער, אין אַלע קעלערן, אין אַלע שטאַלן און שייערן. און ווי און ווינד איז געווען דעם יעניקן ווען זיי האָבן געפונען זיך אויסבאַהאַלטן. זיי האָבן אים געשלאָגן מיט דער גרעסטער אכזריות, געטראַמפּלט מיט די פיס, צוגעוואָרפן אים צו די דייטשישע וועלפישע הינט, ביז דער אומגליקלעכער קרבן איז געבליבן ליגן אַ צונויפגעקאַרטשעטער, אָן אַ סימן לעבן.

דאס רעשט ביסל צונויפגעטריבענע און צונויפגעיאָגטע יידן האָבן, מיט וואקלדיקע פיס און מיט בלוט פאַרגאָסענע פנימער, זיך גענומען אויס־שטעלן מיט זייערע משפחות. איטלעכער האָט זיך געטוליעט און זיך גע־קלאַמערט צו זיין אייגן בלוט און פלייש; איטלעכער האָט געוואָלט מיט זיין צעבראָכענעם, צעקאַליעטשעטן לייב און לעבן באַשיצן זיינע נאָענטסטע און ליבסטע.

די קליינע עדה יידן איז געשטאַנען אינדרויסן פאַר זייערע הייזער, ווי א סטאַדע צעשראָקענע שאָף, און געקוקט מיט שטומע בליקן צום בלויען, זוניקן הימל, ווי זיי וואָלטן פון דאָרט דערוואַרט א ישועה, א נס . . .

מיט דער דערלויבעניש פון די נאַצים, האָבן די שכנים פון דער גוישער גאַס זיך באַלד א לאָז געטאָן מיט העק, מיט לאָמען אויף די צעפּראַל־טע, צעעפנטע יידישע הייזער און גענומען ברעכן שאַפעס, קופערטן, אויפגע־ריסן פּאָדלאָגעס, ארויסגעשלעפּט פון דאָרט קליידער, ווייסצייג, חפצים, בלים, קישנס, פּערענעס, וואָס נאָר ס'איז זיי געקומען אין די הענט אריין, און דאָס אַלץ אָנגעהויבן פּאַקן אין די זעק און אין די וועגענער. און אַלץ מיט אזא גיכקייט, מיט אזא זשעדנעקייט, וואָס האָט זיך גאָר ניט געפּאַסט פאַר שטילע, מיושבדיקע באַלעבאַטים־שכנים, נאָר ווי זיי וואָלטן זיך אַלע אָנגעהערט צו איין גרויסער רויבער־באַנדע . . .

די אומגליקלעכע, דערשלאָגענע זאַסטאַוויער יידן, זעענדיק ווי זייערע שכנים, מיט וועלכע מ'האָט יאָרן־לאַנג איניינעם געלעבט אויף דער זעלבער מאַמע־ערד, לויפן איצט ארום פאַרהאַוועטע מיט צעפלאַמטע פנימער איבער זייערע הייזער און שלעפּן פון דאָרט ארויס האָב און גוטס, וואָס זיי האָבן אָנגעלעבט מיט אזויפיל שווערער מי און פּראַצע, האָבן ביי זיי די הערצער זיך צונויפגעקאַרטשעט אין קראַמפּן. דאָס איז פאַר זיי געווען נאָך מער ווייטיק־דיקער און פּיינלעכער ווי די פיזישע אכזריותדיקע קלעפּ פון די דייטשישע רוצחים . . .

אברהם טראַשינסקי, א געוועזענער קאָלאָניסט, איינער פון די אָנגע־זעענסטע באַלעבאַטים אין שטעטל, וואָס איז ערשט אָנגעקומען מיט פערד און וואָגן פון זיין פעלד־אַרבעט, און האָט דערזען ווי קאַלענטי, דער שבת־גוי, שטייט מיט זיין ווייבערל ביי אים אין הויז און האַלט אין איין פּאַקן צו זיך אין זאַק זיין האָב און גוטס, האָט ער זיך אָנגערופן צו אים מיט א געבראָ־כענעם קול:

— קאַלענטי, שכן מיינער, וואַרט כאָטש צו אביסל, ווען איך וועל שוין דאָ מער ניט זיין, דעמאָלט וועסטו שוין קאָנען נעמען ביי מיר, וואָס נאָר דיין האַרץ וועט גלוסטן . . .

דער שכן, דער שבת־גוי, וואָס איז געווען אזוי שטאַרק פאַרנומען ביים פּאַקן דעם יידנס זאַכן צו זיך אין זאַק אריין, האָט זיך אפילו ניט פאַר־גונען אויפצוהויבן דעם קאָפּ צו זיין יידישן באַלעבאָס, נאָר א זאָג געטאָן קורץ, מיט א דראָבנינקן חוזק־געלעכטערל:

— כאַזאַין אבראַמקאַ, ניטאָ קיין צייט צו וואַרטן . . . מיר, גלויביקע קריסטן, האָבן שוין לאַנג געוואַרט אויף דעם דאָזיקן טאָג . . .

ווי נאָר דער גויישער פּאַסטוך האָט דערהערט די שיסערייען, די געשרייען און די גוואַלדן, וואָס האָבן זיך געהאַט געטראָגן פון דער יידישער גאַס, האָט ער באַלד געכאַפּט און גענבראַכט צו טרייבן די יידישע טשערעדע פון וויהאַן.

אָבער ווי נאָר די יידישע בהמות זיינען צוגעקומען נאָענט צו זייערע שטאַלן, האָבן די מעשטשאַנעס זיי פאַרשטעלט דעם וועג און זיי גענומען טרייבן צו זיך אין דער גויישער גאַס . . . די אָרעמע יידישע בהמהלעך נעבעך, זיינען פון אַזאַ אומגעריכטן "קבלת פנים" געוואָרן שטאַרק צעטומלט. זיי האָבן זיך גענומען שפּאַרן און זיך שטויסן איינע די אַנדערע, געוואָלט דורכברעכן פאַר זיך אַ וועג צום אייגענעם שטאַל און ניט געקענט. די גויים האָבן אָנגעהויבן האָגלען אויף זיי מיט בייטשן און מיט שטעקנס. די בהמות האָבן נעבעך געשריען, געברעוועט מיט באַנומענע קולות, ווי מען וואָלט זיי איצט געפירט צו דער שחיטה . . .

די זאַסטאַוויער יידן, וואָס זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין שורות, מיט קליינע פּעקלעך אין די הענט, אַרומגערינגלט פון די נאַציס מיט זייערע בייזע הינט, דערזעענדיק ווי מען פירט אַוועק זייערע טייערע, ליבענקע בהמהלעך, וואָס זיי האָבן אַליין אויסגעהאָדעוועט מיט אַזויפיל מי און מאַטערניש, האָבן אַרויסגעבראַכן אין אַ יאָמערלעכן געוויין. זיי האָבן ערשט דערפילט דעם גרויסן בראָך, וואָס איז פּלוצלונג געקומען אויף זיי. אַלטע לייט, מיט בלייכע ציטערדיקע ליפּן, האָבן גענומען זאָגן ווידוי. מאַמעס האָבן געבראָכן מיט די הענט. קליינע קינדער זיינען זיך פאַרגאַנגען אין אַזאַ שרייענדיקן געוויין, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דעם שרייען און רעווען פון זייערע אַוועקגעפירטע בהמות.

— אַנרייען! איינשטעלן! — האָט דער נאַצישער הויפּטמאַן געגעבן אַ קאָמאַנדע.

די עדה יידן, צעבראָכענע און דערשלאָגענע, פיזיש און גייסטיק, האָבן איבערנייס זיך גענומען אויסשטעלן אין שורות, צו צווייווייז און צו פירווייז. איטלעכער האָט געוואָלט שטיין וואָס נעענטער צו זיינע אייגענע, אַזוי אַז זייערע משפחות זאָלן חלילה ניט צעריסן ווערן . . .

— פאָרויס! מאַרש! — האָט דער נאַצי אויסגעשריען.

די זאַסטאַוויער יידן האָבן מיט פאַרטרערטע אויגן געגעבן זייער לעצטן בליק אויף זייערע שטיבעלעך, אויף זייער טייערן, ליבן היים-שטעטעלע, און מיט וואַקלדיקע פיס זיך גענומען רירן אין וועג אַריין . . .

אָבער ווי נאָר מען איז צוגעקומען צום בית-מדרש, האָט דער נאַצישער הויפּטמאַן אויסגעדונערט אַ נייעם באַפעל:

— שטיין בלייבן, פארפלוכטע באנדע! מיט די געזיכטען צו דער סינאַגאָגע זיך שטעלען ! ! !

— וויר וואָלען היר די יודען איין ספּעקטאַקל געבען, אַמוזירן אַבּיס־כען! פארשטאַנדען? אַמוזירען!

ער האָט באַלד צוגערופן צו זיך אייניקע פון זיינע אונטערגעאָרדנטע און מיט זיי זיך עפּעס דורכגערעדט אויף גיך. זיי האָבן מיט א צופרידנ־קייט צוגעשאָקלט צו אים מיט די קעפּ.

זיי האָבן באַלד געבראַכט א כאָפּטע יונגע שקצים און אַלע צוזאַמען האָבן מיט גיכע טריט זיך א לאָז געטאָן צום בית־מדרש, אויפגעפראַלט די טיר, צוגעלאָפן צום אָרון קודש, אַרונטערגעריסן דעם פּרוכת, אַרויסגעכאַפּט די ספרי תורות און זיי גענומען אַרויסשליידערן אין דרויסן דורך די פענצ־טער. ווי גיך זיי האָבן זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די ספרי־תורות, האָבן זיי זיך א נעם געטאָן פאַר די פּאָליצעס ספרים, פאַר די אַלטע ווילנער און סלאַוועטער ש״ס׳ן. דאָס אַלץ האָבן זיי אָנגעהורבעט אין איין גרויסן באַרג, באַגאָסן מיט נאַפט און עס אונטערגעצונדן.

— טאַנצען! יודען מוסן טאַנצען אַרום דעם פייער! — האָט דער הויפּטמאַן זיך צערעוועט אויפן קול.

די יידן זיינען געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערטע. א פאַרשטיק־טער, צאַפּלדיקער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון זייער אינגעווייד. פאַר שרעק האָבן זיי זיך גענומען צוטוליען איינער צום אַנדערן.

— איך וועל צום טאָדט שלאָגען! זיי מוסן טאַנצען ! ! !

די יידן האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט. דער בלוטדורשטיקער נאַצי האָט געגעבן א פייף. זיינע הינט מיט אויסגעשטשירעטע ציין האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די אומגליקלעכע יידן און זיך גענומען איינבייסן אין זייערע לייבער. די צוויי־פיסיקע הינטישע נאַצים זיינען געקומען צו הילף די פיר־פיסיקע און אָנגעהויבן שלאָגן איבער די קעפּ פון דער צונויפגעדריקטער עדה יידן מיט די גומענע שפּיצרוטן און מיט די קאָלבעס פון זייערע ביקסן, און געהאַלטן אין איין שרייען:

— טאַנצען! פאַרפלוכטע באַנדע מוסן טאַנצען ! . .

די פאַרצווייפלטע יאָמערלעכע געשרייען און גוואַלדן פון די יידן האָבן ממש געלעכערטע די הימלען.

דאָ האָט דער אַלטער, ניינציק־יאָריקער ר׳ לייבל דער שמיד, דער גבאי פון שטעטל, זיך אָנגעלענט אויף צוויי פון זיינע זין, דער ערשטער זיך אָנ־געהויבן דרייען אַרום דעם ברענענדיקן שייטער ספרים. אויף אים קוקנדיק האָט א צווייטער, א דריטער אים גענומען נאָכגיין, ביז די גאַנצע עדה יידן מיט זייערע ווייבער און קינדער ביי דער זייט און מיט זייערע עופהלעד אין די אָרעמס גענומען מאַכן "הקפות" אַרום דעם פלאַקער ספרים.

— שנעלער! שנעלער! טאנצען! — האָט דער נאַצי געשריען, און ווי א שיכורער זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער.

די יידן מיט געבויגענע קעפּ, מיט טויט־בלאַסע פּנימער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי מתים, וועלכע וואָלטן ערשט ארויסגעקראָכן פון זייערע קברים, האָבן מיט געבראָכענע קני זיך קוים געדרייט ארום דעם ברענענדיקן שייטער ספרים.

דער פלאַקער־פייער איז מיט יעדער מינוט געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. דער ווינט האָט אַלע ווײַלע א כאַפּ געטאָן פונם ברענענדיקן שייטער שטיקלעך פאַרברענטע שמות און שטיקלעך צונויפגעקאַרטשעטע ברענענדיקע יריעות און זיך געדרייט מיט זיי אין דער לופטן, איבער די קעפּ פון דער אומגליקלעכער עדה יידן . . .

— זינגען! פאַרפלוכטע באַנדע, זינגען! — האָט דער ווילדער, צעיושעטער שונא, דער נאַצי, נאָך אַלץ ניט געוואָלט ארויסלאָזן זיין קרבן פון זיינע חיהשע הענט.

די יידן זיינען פאַרצאַפּלט געוואָרן. דאָס איז שוין געווען איבער זייערע כוחות. זיי זיינען געבליבן שטיין ווי געליימטע. ווייבער האָבן אָנגעהויבן צו ספּאַזמירן, צו חלשן. קינדער זיינען פאַרגאַנגען אין א מוראדיקן געוויין.

— דו אַלטער יודע, זינג! — איז דער הויפּטמאַן צוגעלאָפן צום אַלטן ר' לייב, וואָס איז געגאַנגען פאָרויס פון זיין קהילה, און זיך פאַרמאָסטן איבער אים מיט זיין שפּיצרוט.

ר' לייב, דער אַלטער בעל־תפילה, האָט שווער אָפּגעקרעכצט, אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, און מיט א פאַרשטיקטן, וויינענדיקן קול, גענומען זאָגן דעם יום־כיפורדיקן נעילה קדיש:

— י ת ג ד ל ו י ת ק ד ש ש מ י ה ר ב א ! . .

מיט וואַקלדיקע פיס האָט ער זיך ווייטער אָנגעהויבן צו דרייען ארום דעם ברענענדיקן שייטער ספרים און ניט אויפגעהערט צו זינגען דעם קדיש.

די עדה יידן האָבן אונטערגעכאַפּט דעם טרויעריקן, אַלטן, וויינענדיקן קדיש, ווי זיי וואָלטן איצט געווען זיינע משוררים. דאָס געזאַנג איז מיט יעדער רגע געוואָרן אַלץ העכער און העכער, און דאָס געוויין און כליפּען פון מאַמעס און קינדער, אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. דער טרויעריקער ניגון פונם יום־כיפורדיקן נעילה־קדיש, האָט זיך דערהויבן ביז צו דער העכסטער אָקטאַווע און איז געוואָרן שטילער און דאָ ווידער זיך דערהויבן העכער און העכער.

די דייטשישע הינט האָבן נאָכגעבולן. די דייטשן, ווי באַזויפענע, האָבן געלאַכט, געכאַפּטשעט, זיך געהאַלטן ביי די בייכער פון געלעכטער. דער שיינער, וואונדערלעכער ספּעקטאַקל, וואָס די יידן האָבן איצט פאַרגעשטעלט פאַר זיי, האָט זיי ווילד געמאַכט פון פרייד . . .

— פארויס! מארש! — האָט ענדלעך דער נאַצישער הויפּטמאַן געגעבן אַ קאָמאַנדע, — שנעל גיין ! . .

די ייִדן, באַגאָסענע מיט שווייס און בלוט, פאַרמוטשעטע און פאַר־פּייניקטע, האָבן גענומען שטעלן גיכע טריט, ווי זיי וואָלטן שוין געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון דאַנען . . .

ב. קרומע, לאָמע צלמימלעך

די זאַסטאַוויער קהילה, אַרומגערינגלט פון די נאַצים, האָט נאָך ניט געהאַט באַוויזן אָפּצוגיין אַ פּאָר צענדליק טריט, איז מיטאַמאָל געקומען צו לויפן פאַרויס אַן אַלטער סאָלטיס פון דער גוייִשער גאַס, מיט עטלעכע באַיאָרנטע מעשטשאַנעס מיט זייערע ווייבעראַס־מעשטשאַנקעס, און מיט גרויס הכנעה און געבעט גענומען עפּעס איינטענהן מיטן עלצטן פון די נאַצים, ווי ס'וואָלט אים עפּעס שטאַרק געגאַנגען אין לעבן.

— יאַסני וויעלמאַזשני פּאַן, — האָט דער סאָלטיס זיך געקליאַנעט און זיך געבוקט צום נאַצי, — האָב רחמנות אויף אַ קריסטלעכער געמיינדע. שענק אונדז אַוועק די דאָזיקע זשידוווקע, — האָט דער אַלטער סאָלטיס אָנגע־וויזן מיט אַ ציטערדיקן פינגער אויף אַן עלטערער פרוי, וואָס איז געשטאַנען צווישן די ערשטע אין דער ריי פון איר משפּחה, מיט אַ פּיצל קינד, אַן אייניקל, אין אירע אָרעמס.

דער הויפּטמאַן איז געבליבן שטיין אַן איבערראַשטער. ער האָט זיינע אייגענע אויערן ניט געגלויבט, אַז די דאָזיקע שמוציקע גוזינדל זאָל גאָר וועלן פון אים פאַרלאַנגען אַזאַ זאַך. ער האָט שוין פאַר דער צייט ניט איין ייִדיש שטעטל געהאַט אויסגערייניקט פון ייִדן און נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ מאָדנע דערפאַרונג, אַז קריסטן זאָל זיך אַזוי איינשטעלן פאַר אַן אַלטער ייִדישקע.

ער האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע, פאַרוואונדערטע אויגן אויפן אַלטן סאָלטיס וואָס איז געשטאַנען פאַר אים מיטן היטל אין האַנט און אַרויפּ־געקוקט צו אים מיט אַזאַ לעבערלעכן, שטומען, הינטישן געבעט. אַ חוזק־שמייכעלע האָט זיך צעשפּילט אויף זיינע בלאָנדע וואָנצעלעך. ער האָט גע־וואָרפן אַ בליק אויף זיינע אונטערגעאָרדנטע נאַצים, וואָס זיינען אויך ווי ער, געווען ניט ווייניקער איבערראַשט פון דער אומגעריכטער סצענע.

דער סאָלטיס, פּאַן ליפּאַשקעוויטש, זעענדיק ווי דער פּאַן ניעמעץ (דייטש) לאָזט זיך ריידן, האָט ער געקראָגן מוט און זיך ווייטער גענומען בעטן:

— פּריצל לעבן, מיר זיינען דאָ אַ קליינע געמיינדע, ווייט פון אַ באַן, ווייט פון אַ גרויסער שטאָט . . . די בריקן זיינען פאַרברענט . . . מיר האָבן ניט קיין דאָקטאָר . . . מיר האָבן ווייבער, יונגע שניר, אויסגעגעבענע טעכטער, וואָס דאַרפן אַ ליאַדע טאָג געלעגן ווערן . . . די דאָזיקע זשידאָווקע, בלומקאַ, הייסט זי, איז שטענדיק געווען אונדזער דאָקטאַרשע, אונדזער ״באַב־קאַ״ . . . זי האָט כמעט אַלע אונדזערע קינדער אָפּגענומען . . . אַן איר וועלן

מיר זיך דאָ גאָר קיין עצה ניט קענען געבן . . . בעטן מיר דיך, פאַני קאָכאַני (ליבינקער פריצל), טו א קריסטלעכע זאַך, לאָז אונדז איבער אָט די דאָזיקע יידישקע . . . דערפאר וועט דיך דער גוטער ״פאַן באָג״ (גאָט) שענקען געזונט און לאַנגע יאָרן . . . — האָט דער אַלטער סאַלטים זיך געבעטן אין נאָמען פון דער גוישער גאס און ניט אויפגעהערט זיך צו קליאַנען און בוקן.

דער נאַצישער עלצטער האָט, פאר א טשיקאַווען, אָנגעשטעלט פונ־דערוויטנס זיין שאַרפן, דורכדרינגלעכן בליק אויף דער אַלטער בלומען, וואָס איז געשטאַנען איינגעוויקלט אין א פאַטשיילע מיט א קינד, אן אייניקל, צוגעטוליעט צום הארצן.

ער האָט פלוצלונג אויסגעשאָסן אין א הילכיקן געלעכטער, וואָס אַזא צעשמאָדערטע, איינגעדאַרטע יודין, האַלטן די דאָזיקע דומע קערלען פאר זייער דאָקטאָרשע. אויף אים קוקנדיק האָבן אויך די איבעריקע נאַצי־סאָלדאַטן זיך צעלאַכט אויפן קול.

דער נאַצישער הויפטמאַן האָט א ווײַלע געטראַכט, ווי ער וואָלט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל ער נאָכגעבן דעם אויסטערלישן פאַרלאַנג פון די דאָזיקע קריסטלעכע בויערן (פויערים), צי ניט? פון איין זייט האָט זיך אים יאָ געוואָלט מיט עפּעס אָפּדאַנקען די דאָזיקע קריסטלעכע איינוווינער פאר זייער טיכטיקער ארבעט ביים העלפן אים צונויפטרייבן די פאַרפלוכטע, שמוציקע באַנדע — די יודען. פון דער צווייטער זייט אָבער איז זי דאָך פאָרט א יידישקע ? . . ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט זיינע קאַמעראַדן־נאַציס, ווי ער וואָלט ביי זיי געוואָלט קריגן א הסכמה.

ענדלעך האָט ער א שפּיי געטאָן און א זאָג געטאָן מכלומרשט מיט כעס:

— צום טייוול מיט דער דרעקישער יודין!

ער האָט אויף גיך ארויסגעכאַפּט פון זיין מונדיר־קעשענע א נאָטיץ־ביכל, עפּעס אָנגעשריבן דערין און מיט א דראָענדיקן פינגער גענומען טייטלען דעם סאַלטים אין פנים:

— אבער זי מוזן אונטערשרייבען דאס זי ניכט פאָרט לאופען (אַנט־לויפן) ווירד, זאָנסט ווערדעט איר מיט אייער אלטן קאָפּ בעצאָלן, פאַר־שטאַנדן?!

דער אַלטער סאַלטים האָט אָנגעשטעלט א פּאָר צעשראָקענע, אויס־געגלאָצטע אויגן אויפן פאַן ניעמעץ, ווי דער דייטש וואָלט פון אים איצט פאַרלאַנגט גאָט ווייס וואָס פאר א שווערע זאַך. ער האָט זיך גענומען דרייען ווי א וואָרעם, אַלע ווײַלע איבערגעלייגט דאָס היטל פון איין האַנט אין דער צווייטער און געציטערט אויפן גאַנצן לייב.

—נו, דומער קערל! מאַך עס אביסכען שנעלער! — האָט אים דער נאַצי אונטערגעאיילט.

דער סאַלטים האָט אָפּגעהוסט, א וויש געטאָן מיטן אַרבל דאָס פנים און מיט א ציטערדיקער האַנט גענומען דעם בליישטיפט און ענדלעך אוועק־

געשטעלט אויפן פּאַפּיר עטלעכע קרומע, לאָמע צלמימלעך, אַזש אַ שוויס האָט אים אַרויסגעזעצט אויפן שטערן.

די נאַציס האָבן געכיכעט און געהירזשעט פון גרויס הנאה. וואָרים אויף נאָך אַזאַ אומדערוואַרטן שיינעם ספּעקטאַקל האָבן זיי זיך גאָר ניט גערעכנט און נאָך מער האָט זיי שטאַרק אַמוזירט דעם אַלטן סטאַראָסטעס משונהדיקער אונטערשריפט וואָס אַזאַ האָבן זיי נאָך קיינמאָל ניט געזען.

די זאַסטאַוויער יידן זיינען די גאַנצע צייט, וואָס איז אָנגעגאַנגען דער "משא ומתן" צווישן דעם סאָלטיס פון דער גוישער גאַס מיטן נאַצישן הויפּט־מאַן, געשטאַנען ווי אַ צונויפגעטריבענע סטאַדע שאָף, און זיך געצאַפּלט אין טויט אַנגסטן.

דער נאַצי האָט אויסגערופן בלומעס נאָמען און איר באַפעלן אַרויסצוטרעטן פון דער ריי. די אַלטע בלומע האָט אָנגעהויבן וויינען און קלאָגן אויפן קול און זיך געבעטן אויף יידיש און אויף פּויליש, אַז מען זאָל זיך דערבאַרימען אויף איר און זי ניט צעשיידן פון איר משפחה. אירע קינדער, איר טאָכטער, איר זון, איידעם און שנור און אייניקלעך, האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין איר און זי ניט אָפּגעלאָזן.

דער נאַצי האָט ווידער אויסגעשריען שוין מיט צאָרן, אַז בלומע זאָל זאָפּאָרט אַרויסטרעטן פון דער שורה. אָבער בלומע האָט זיך אַלץ ניט גערירט פון אָרט, און נאָך שטאַרקער צוגעטוליעט איר אייניקל צום האַרצן, ווי זי וואָלט אינם פּיצל קינד געזוכט שוץ . . . אירע קינדער האָבן זיך נאָך מער אָנגעהויבן קלאַמערן צו איר, ווי זיי וואָלטן זיך אַלע צונויפגעגאָסן אין איין גוף און אין איין נשמה, אַזוי אַז ס'האָט זיך געדוכט, אַז קיין כוח אין דער וועלט וועט זיין איצט ניט קאָנען פאַנאַנדעררייסן . . .

דער נאַצישער הויפּטמאַן האָט מיט גרויס רציחה אָנגעהויבן כוואַשטשען מיטן שפּיצרוט איבער די קעפּ פון דער אַלטער מאַמען און אירע קינדער. אַ פאַרצווייפלטער, יאָמערלעכער געשריי האָט דורכגעשניטן די לופט. אַ צאַפּלדיק געוויין פון אַ קינד איז אין מיטן פאַרשטומט געוואָרן . . . אַ סקרוד איז אַריבער דער עדה יידן איבערן לייב.

ס'זיינען צוגעלאָפן אַ פּאָר נאַצי־לייט, אַ כאַפּ געטאָן די אַלטע בלומע, אַרויסגעריסן זי פון דער מיט און מיטן גאַנצן כוח זי אַ שליידער געטאָן צו די פיס פונם סאָלטיס.

די אַלטע בלומע האָט מיט אירע לעצטע כוחות זיך גענומען רייסן פון די גוישע הענט. זי האָט געוואָלט נאָכלויפן, אָניאָגן די אַוועקגעפירטע יידן און אירע קינדער. אָבער די גויים, אירע געוועזענע שכנים, האָבן זי געהאַלטן פעסט מיט זייערע געזונטע הענט. זי האָט זיך געראַנגלט מיט זיי, געדראַפּעט מיט די נעגל זייערע פּנימער, מיט די ציין געביסן.

די גויים האָבן זי אַוועקגעשלעפּט צו זיך אין דער גוישער גאַס, אַריינגעוואָרפן זי צום סאָלטיס אין שייער און פאַרשלאָסן הינטער איר די טיר.

בלומע האָט געשריען, געוויינט און געקלאָגט, ווי א פאַרווונדעטע חיה ביי וועלכער מהאָט אקאָרשט צוגענומען אירע קינדער. זי האָט געקלאַפּט מיט די פויסטן אין טיר, אין די ווענט. זי האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ ביז די כוחות האָבן זי פאַרלאָזן. ס'האָט איר אָנגעהויבן שווינדלען אין קאָפּ. רויטע, שוואַרצע, פייערדיקער צונגען האָבן גענומען טאַנצן פאַר אירע אויגן. דער באָדן אונטער אירע פיס האָט זיך אָוועקגערוקט. זי האָט דערפילט ווי זי ווערט פאַרשלונגען אין א פינצטערן תהום. זי האָט זיך א וואַקל געטאָן און א פאַל געטאָן צו דר'ערד ווי א צעשאָטענער זאַק ביינער . . .

ג. א שפּיי דעם שכן אין פּנים

די אומגליקלעכע בלומע איז א גאַנצע נאַכט געלעגן ביים גוי אין שייער אויף א בערגל שטרוי, אין א באַוווסטלאָזן צושטאַנד. באַגינען, האָט זיך ערגעץ דורך א שפּאַלט אין שייער אַריינגעריסן א דינינקער זון שטראַ־לעכל, וואָס האָט, ווי א שלענגל, גענומען פּויזען איבער איר צעפּאַטלטן קאָפּ־האָר און איבער אירע פאַרשלאָסענע אויגן און איינגעפאַלענע באַקן. בלומע האָט זיך אָנגעהויבן וועקן. זי האָט אויפגעעפנט די אויגן און מיט שטאַרע בליקן זיך גענומען אַרומקוקן ווו זי איז אין דער וועלט:

— ווי קומט זי עפּעס צו ליגן אויפן האַרטן שטרוי, אָן א קישן צו קאָפּנס? — האָט זי זיך געפרעגט. — און פאַרוואָס איז עפּעס אַרום איר היינט אזא טונקלקייט, אזא שטילקייט? און פאַרוואָס הערט זי איצט גאָר ניט דאָס פריילעכע קינדישע פּלאַפּלעריי פון אירע טייערע, ליבע אייניקלעך, וואָס האָבן שטענדיק, מיטן ערשטן קריי פון האָן, ליב געהאַט זיך אַריינצו־כאַפּן צו איר אין וואַרעמען בעט? ניט אַנדערש, דאָס מוז זיין עפּעס א חלום?..

באַלד האָט זיך דערטראָגן צו אירע אויערן דאָס פייפן פונם פּאַסטוך אויפן פייפל, וואָס איז געקומען פאַרנעמען די טשערעדע אויף דער פּאַשע. די הענער האָבן זיך צעקרייט. דאָ און דאָרט האָט זיך א טיר צעסקריפּעט; דאָ און דאָרט האָט א פערד זיך צעהירזשעט, א בהמה האָט זיך צעמעקעט.

דאָס אַלץ האָט זי געהערט אזוי קלאָר, אזוי דייטלעך, ווי אויף דער וואָר. הייסט עס, האָט זי געטראַכט צו זיך, דאָס איז גאָר ניט קיין חלום? טאָ וואָס־זשע ליגט זי דאָ אזוי? ס'איז דאָך שוין שפּעט! צייט אויפצושטיין! ס'וואַרטן דאָך אויף איר אזויפיל אַרבעטן ! . .

זי האָט געפּרווט זיך אויפהויבן און ניט געקענט — דער קאָפּ איז איר צוריקגעפאַלן צום בערגל שטרוי. עפּעס ברעכן איר היינט אזוי די ביינער ? . . אין מויל איז איר עפּעס אזוי טרוקן ? . . אפשר איז זי ניט מיט אַלעמען ? . . און פאַרוואָס איז אַרום איר אזוי טונקל? אזוי שטיל? זי וויל נעמען שרייען, רופן: איציקל, זון מיינער, ווו ביסטו?! רייזעלע, טאָכטער מיינע, וואָס הערט מען פון דיר גאָרניט? — דינט איר אָבער ניט די צונג. זי קאָן קיין וואָרט ניט אַרויסברענגען פון האַלדז.

מיטאַמאָל האָט זיך געגעבן א פּראַל אויף די שווערע טיר פון שייער.

א פאַס ליכט האָט איר א שלאָג געטאָן אויפן פּנים, אַזוי אַז זי האָט אַזש די אויגן פאַרזשמורעט. זי האָט דערפילט ווי עמיצער שטייט לעבן איר. זי האָט אויפגעעפנט די אויגן, אַנגעשטעלט אויפן אריינקומענדן א שאַרפן, דורכ־דרינגלעכן בליק. זי האָט דערזען דעם אַלטן סאָלטיס, ליפּאַשקעוויטש, שטיין איבער איר מיט א שטיק ברויט אין איין האַנט און מיט א טעפּל מילך אין דער צווייטער.

די אַלטע בלומע האָט זיך א צאַפּל געטאָן. ס'האָט איר שטאַרק א טיאַכקע געטאָן אין האַרצן. זי איז באַלד געקומען צו זיך פון איר שווערן הינער־פּלעט. זי האָט זיך באַלד דערמאָנט וואָס מיט איר און מיט אַלע יידן איז נעכטן געשען און ווי אַזוי זי קומט אַהער צום גוי אין שייער. א גרויל איז איר אריבער איבערן לייב. זי האָט ארויסגעלאָזן א שווערן קרעכץ.

— שטיי אויף, סאָסיעדקאַ (שכנה) בלומקאַ! — האָט דער גוי געגומען ריידן צו איר מיט ווייכע רייד, — צייט צו נעמען עפּעס אין מויל אריין ... פאַרגעס אויף דייניקע ... דאַנק דעם פּאַן־באָד (גאָט), וואָס דו ביסט כאָטש געבליבן לעבן ... דאָס האָסטו אונדז, קריסטן, דיינע שכנים, צו פאַרדאַנקען ... אָט האָסטו ברויט און א טעפּל מילך ... דאָס איז א כשרער טעפּל — פון דיין אייגן הויז געבראַכט ... — האָט ער פאַרענדיקט מיט א דריבנינקן געלעכטערל.

די שוואַכע, צעבראָכענע בלומע האָט ארויסגעלאָזן א פאַרשטיקטן געשריי, ווי דער גוי וואָלט זי אָפּגעגאָסן מיט הייס־זודיקן אָקרופּ. זי האָט זיך האַסטיק א ריס געטאָן פונם בערגל שטרוי, און ווי א צערייצטע טיגערין א שפּרונג געטאָן צום גוי און מיטן גאַנצן כוח אריינגעשפּיגן אים אין זיין טריפהנעם פּרצוף אריין. דער גוי איז פאַר שרעק אָפּגעשפּרונגען אויף הינטער זיך.

בלומע איז צוגעלאָפן צו אים מיט צונויפגעביילטע פויסטן און מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם זיך צעשריען, ווי ניט מיט איר קול:

— דו פאַרשאָלטענער! עסן האָסטו מיר געבראַכט?! דו ווילסט אָנפאַשען דעם חזיר פאַרן קוילענען?! אָ, איר פינצטערע רשעים! היצלעס! מנוולים! ארויס פון דאַנען! איך וויל אייערע טריפהנע פּנימער מער ניט אָנקוקן! ארויס! ארויס!!! — זי האָט זיך ארויפגעוואָרפן אויף אים מיט די נעגל און אים געוואָלט צערייסן, כאָטש די אויגן אויסדראַפּען.

דער גוי האָט איר א שטאַרקן שטויס געטאָן פון זיך. בלומע איז א פאַל געטאָן צו דר'ערד און איז געבליבן ליגן א פאַרחלשטע.

— אָך, טי פּראָקליאַטאַ, ניעסטשאַסטנאַ זשידוווקאַ! (דו פאַרשאָלטע־נע, אומגליקלעכע יידישקע), — האָט דער גוי געשאָלטן און געוואָרטשעט און זיך געווישט מיטן אָרבל פון העמד איר שפּייעכץ פון זיין פּנים. ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן, א זעץ געטאָן מיט דער טיר און איז ארויסגעלאָפן ווי אַן אונטערגעשאָסענער פון שייער.

ד. א שטיין אין הימל

א גאנצן טאָג איז בלומע געלעגן ביים גוי אין שייער, אויפן בערגל שטרוי. און כאָטש דער הונגער האָט איר שוין געהאַט שטאַרק דאַקוטשעט, האָט זי זיך ניט געוואָלט צורירן צום גויס געשאַנק, צום ברויט און צום טעפּל מילך.

זי האָט זיך געוואָלט פאַרהונגערן צום טויט, כדי עס זאָל שוין וואָס גיכער קומען דער סוף צו אירע לײַדן און יסורים, און איר אויסגעפּײַניקטע נשמה זאָל וואָס גיכער קענען אַרויפגיין צום הימל און זיך פאַרײניקן מיט די הייליקע נשמות פון אירע טאַטע־מאַמע, זיידעס און באָבעס. און אפשר וועט זי דאָרט, אין הימל, זיך קענען ווידער באַהעפטן מיט די ריינע, אומשולדיקע נשמהלעך פון אירע קינדער און אייניקלעך, וואָס דער מערדער האָט אַרויסגעריסן פון אירע אָרעמס. וואָרים איר מאַמעס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז דער סוף זייערער וועט, חלילה, זײַן ניט קיין גוטער . . . די רשעים, די דײַטשן וועלן פריער אָדער שפּעטער, זיי אומברענגען צוזאַמען מיט אַלע ייִדן, ווי זיי האָבן אַן א פאַרוואָס און אַן א פאַרוואָס, אומגעבראַכט די שענסטע יונגע זין פון קאַמעניץ און זאַסטאַוויע.

זי האָט געקוקט אויף זיך ווי אויף א זינדיקער, אויף וועמען ס'איז געפאַלן דער פינצטערער גורל צו בלייבן אײנינקע אַליין צווישן די דאָזיקע רשעים, אירע געוועזענע גוייִשע שכנים, מיט וועלכע זי האָט יאָרן־לאַנג געלעבט אין שכנות, און ערשט איצט האָט זי זיי דערקענט אין זייער גאַנצער רשעות. אַ, ווי זיי האָבן זיך דאָס נעכטן אַזוי משמח געווען אויף דער בלוטיקער ייִדישער "חתונה"! . . א סקרוד איז איר אַריבער איבערן לײַב.

דער דאָזיקער געדאַנק צו בלייבן אַליין, די אײנציקע ייִדישע טאָכטער אין דעם וויסטן שטעטל, און נאָך דאַרפן געשפּייזט ווערן פון זייערע בלוטיקע הענט, האָט איר שיר ניט געטריבן צו משוגעת. זי מוז שטאַרבן! דער טויט וועט זײַן איר גואל און איר אויסלייזער! — האָט זי געשעפּטשעט צו זיך מיט אירע טויט־בלאַסע ליפּן.

אָבער, ווי א גאָטספאַרכטיקע ייִדישע טאָכטער און א וויל־געלערנטע דערצו, האָט זי געוווּסט, אַז ס'איז א גרויסע זינד זיך אַליין אומצוברענגען; מ'קען נאָך חלילה פאַרלירן דעם חלק לעולם הבא, ווייל לעבן און טויט איז דאָך אין גאָטס האַנט . . .

ביים וואָרט "גאָט", איז זי געבליבן שטיין. אין איר צעצונדענעם מוח האָבן זיך בליץ שנעל גענומען ראַיען שוואַרצע, פינצטערע מחשבות, אײנע שרעקלעכער פון דער אַנדערער. ס'האָט איר אָנגעהויבן וואַרפן אין היץ און אין קעלט. איר גאַנצער גוף האָט זיך צונויפגעקראַמפּט אין יסורים, און דורך פאַרשטשעמעטע ציין האָט זי גענומען מורמלען צו זיך:

— גאָט? גאָט? ווו איז טאַקע גאָט, דער אל קנא ונוקם ? . . פאַרוואָס האָט דער צאָרנדיקער גאָט געשוויגן? כאַ־כאַ־כאַ, — האָט זי זיך פּלוצ־

לונג היסטעריש צעלאכט, — צי האָט טאקע מיין צוויי־יאָריק איניקל, פּישע־לע, א נאָמען נאָך זיין זיידן, געזינדיקט קעגן דעם גרויסן, אַלמעכטיקן גאָט?!... כא־כא־כא! און מיין צווייט זעקס־יאָריק אייניקל, ישראלקעלע, א נאָמען נאָך מיין טאטן, דעם למדן, איז אויך געווען א זינדיקער?! כא־כא־כא! ער האָט דאָך שוין חומש געלערנט, גאָטס תורה?!... און מיין בת־יחידקעלע, רייזעלע, די מאמע פון די קינדער, אויך געווען א זינדיקע?! כא־כא־כא . . . ניין! ניין!!! — האָט זי אויסגעשריען אינם פוסטן חלל פון שייער, ווי ניט מיט איר קול, — עס איז ניט אמת! ער איז ניטאָ! ליידיקע, פּוסטע הימלען זיינען דאָס! איך וועל לויפן און שרייען אין אלע גאסן, אז ס'איז א ליגן! א ליגן! עס איז ניטאָ קיין גאָט ! . . ניטאָ ! . .

זי האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט און מיט א היסטערישן ווילדן געשריי "ניטאָ!" איז זי ארויסגעלאָפן פון שייער. די ליכטיקע שטראלן פון דער זון האָבן איר א שטאָך געטאָן אין די אויגן, ווי מיט שארפע שפּיזן, אזוי אז ס'האָט איר אזש דער אָטעם פארשלאָגן. זי האָט זיך אָנגעהויבן יאָגן הין און צוריק איבערן גוים הויף, ניט ווייסנדיק אליין וווהין און צוליב וואָס.

מיטאמאָל איז זי געבליבן שטיין, זיך ארומגעקוקט מיט ווילדע בליקן, ווי זי וואָלט געוואָלט אָן עפּעס זיך דערמאָנען. זי האָט זיך אראָפּגעבויגן צו דר'ערד, א כאַפּ געטאָן עטלעכע שטיינער אין די הענט און זיי גענומען שליידערן מיטן גאנצן כוח איינעם נאָכן אנדערן צום ליכטיקן, בלויען הימל, און דערביי געשריען מיט באנומענע קולות, אזש א שוים האָט איר ארויסגעזעצט פון מויל:

— איך וועל אים די פענצטער אויסהאקן! עס איז דאָרט סיי ווי קיינער ניטאָ! קיינער! קיינער ניטאָ! ניטאָ!!!

אויף אירע ווילדע געשרייען זיינען זיך צונויפגעלאָפן די שכנים. דערזעענדיק איר אויסזען, איר צעפּאטלטן קאָפּ האָר און אירע ווילדע אויגן, איז זיי באפאלן א שרעק.

— אָ, יעזוס קאָכאני! אָ, שוויענטא מאריא! — האָבן די גויעס געבראָכן מיט די הענט, זיך געצלמט און געשריען, — זי איז דול! זי איז פון זינען אראָפּ ! . .

בלומע איז באלד פארשטומט געוואָרן, ווי זי וואָלט זיך האָבן דער־שראָקן פאר אירע אייגענע רייד . . . זי איז געבליבן שטיין א ווײַלע אומבאַ־וועגלעך, איינגאנצן אָן אויסגעשעפּטע. זי האָט זיך גענומען וואקלען פון די פיס. זי איז א פאל געטאָן צו דער ערד און זיך צעיאָמערט אויפן קול . . .

ה. די חלוקה פון דער יידישער ירושה

די ערשטע עטלעכע טעג נאָך דער אויסזידלונג פון די יידן פונם שטעטל, איז די גויישע גאס געווען שטארק פארנומען מיטן צעטיילן צווישן זיך די יידישע ירושה, וואָס דאָס איז זיי אָנגעקומען גאָר ניט אזוי גרינג.

וואָס שייך מיט דער חלוקה פון די יידישע מטלטלין, די נכסי דניידי:

פערד, בהמות, מעבל קליידער און נאָך אזעלכע חפצים, איז נאָך געווען א האלבע צרה. יעדער מעשׂטשאַן, וואָס ס׳האָט פארמאָגט מער ״הענט״, מער נפשות אין זיין משפחה, האָט פארכאפּט פאר זיך א גרעסערן חלק פונם יידישן פארמעגן. אָבער ווי נאָר ס׳איז געקומען צו דער חלוקה פונם גרונ־טאַוונעם פארמעגן: פעלדער, גערטנער, הייזער, שטאַלן און שייערן, איז געוואָרן שלעכט.

די רייכע ״בעלי גופים״, די ״קולאקעס״ פון דער גויישער גאַס, מיט דער הילף פון זייערע אונטערגעוואקסענע זין און טעכטער, האָבן באלד פארכאפּט פאר זיך די שענסטע הייזער, וואָס יידן האָבן געהאַט אויסגע־בויט באלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ווי גיך דער גוי האָט זיך באזעצט אינם יידנס הויז, האָט ער זיך שוין אויך געהאַט באטראכט פארן געזעצלעכן יורש פונם יידנס שטיקל פעלד און גאָרטן, אזוי אז פאר די אָרעמע באטראַקעס, די אמתע בעדניאַקעס (קבצנים) פון דער גויישער גאַס, איז פארבליבן ניט מער ווי די אָרעמע יידישע הייזקעס, וווּ ס׳האָט אין זיי שטענדיק געהערשט נויט און דחקות.

ס׳האָט זיך באלד צעפלאַקערט א מוראדיקע קנאה און שׂנאה צווישן די אָרעמע און רייכע מעשׂטשאַנעס. ס׳האָט זיך אָנגעצונדן אין זיי די טרי־פענע יוכע; איין שכן האָט זיך געשלאָגן מיטן צווייטן, איין משפחה מיט דער אנדערער; מ׳האָט זיך געשלאָגן מיט מעסערס, מיט ווילקעס און מיט קאָ־סעס; גוייש בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. דאָס יידישע שטעטל האָט אויסגעקוקט ווי אן אמתע שלאכטפעלד. ס׳האָט שוין שיר ניט געהאלטן, אז דאָס גאַנצע אָנגעראבעוועטע יידישע פארמעגן זאָל אוועק מיטן רויך . . .

וואָרים בימים ההם, אין די דאָזיקע צערודערטע טעג, האָט געהערשט בלויז דאָס געזעץ פון כל דאלים גבר: ווער ס׳האָט געהאַט א שטאַרקערן פויסט, דער האָט פארנומען פאר זיך א גרעסערן חלק.

ענדלעך האָט דער סאָלטיס פון דער גויישער גאַס צונויפגערופן די גאַנצע הראמאַדא אין דער ״באָזשניצע״, אינם געוועזענעם יידישן בית־מדרש, צו זען אריינברענגען אין דער ״אמאַליקער״, יידישער גאַס, וואָס איז איצט געווען שוין דורכוים א גויישע, א שטיקל טאָלק.

דער אלטער סאָלטיס, אָנגעטאָן אין זיינע אמטלעכע קליידער, מיט דער גרויסער, מעשענער קייט און צלם איבערן האלדז, איז געשטאַנען אין דער הויך אויפן באַלעמער און געהאלטן א שאַרפע ״מוסר דרשה״ פאַר זיינע אונטערגעאָרדנטע:

— בראַטצי (ברידערלעך)! — האָט ער אויסגערופן, — עס איז ניט שיין פאר גאָט און פאר לייט, אז צווישן גלויביקע קריסטן זאָל הערשן אזא קנאה און שׂנאה ! . . ס׳איז א גרויסע זינד צו שלאָגן זיך, צו פארגיסן קריסטלעך בלוט ! . . לאָמיר איינשטעלן א טאָלק אין אונדזער מיט ! . . מיר דארפן זען אז אין אונדזער ״אָבשטשינע״ (געמיינדע) זאָל הערשן יושר און גערעכטיקייט.

ווי פריער ! . . מיר טאָרן ניט קריוודען אונדזערע אָרעמע ברידער־קריסטן ! . . זיי דארפן אויך קריגן א חלק פונם זשידאָווסקען פארמעגן ! . .

— פראוודא! פראוודא! (אמת!) — האָבן זיך געטראָגן געשרייען פון אלע זייטן.

עס איז באלד אויסגעבראָכן, א טומל, א געשריי. די אָרעמע האָבן געזידלט, געקריצט מיט די ציין, געבײלט פויסטן און געסטראשעט די רייכע, די קולאקעס, אז זיי וועלן ניט שווייגן, זיי וועלן זיך אָפּרעכענען מיט זיי פארן פארכאפּן אלץ פאר זיך. זייערע ווייבער האָבן געשריען, געקוויטשעט און געשאָלטן. עס איז שיר ניט געקומען צו א פרישן געשלעג.

דער סאָלטיס האָט געקלאפּט מיט דעם פויסט אויפן "שלחן" פון באלעמער, אז ס'זאָל ווערן שטיל. ער האָט געסטראשעט און זיך געשוואָרן ביים אראָפּגעהאנגענעם צלם פון זיין קייט, אז ער וועט זיין געצוונגען צו ברענגען די דייטשן פון שטאָט, אז זיי זאָלן דורכפירן די חלוקה . . .

ענדלעך, נאָך לאנגע קריגערייען און "סאָבראניעס" (אסיפות), האָט די "הראמאדא" אויסגעקליבן פון זיך עטלעכע "בעלי־גופים", די סאמע פּני, די שטענדיקע טאָן־געבער פון דער גוישער גאס, אז זיי זאָלן זען, אז ביי דער חלוקה זאָל קיינער ניט געקריוודעט ווערן.

די דאָזיקע אויסגעקליבענע "שופטים" זייערע, זיינען ארומגעגאנגען מיט א לאנגער שנור איבער די יידישע פעלדער, גערטנער און סעדער. זיי געמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברייט, צוגעטיילט דעם נאָך א בייט־גאָרטן און יענעם נאָך א שטיקל פעלד. מהאָט באלד גענומען איבערטראָגן פלויטן, פּארקאנעס פון יידישע גאָרטנס, פון יידישע פעלדער: מ'האָט באלד אוועקגעשטעלט נייע מעזשעס, נייע צוימען, נייע גרעניצן צווישן איין שטיקל פעלד און צווייטן, צווישן איין גאָרטן און אנדערן. אזוי ארום האָט אפילו דער גרעסטער "בעדניאק", דער אָרעמסטער צווישן זיי, אויך געקראָגן צוגע־טיילט א חלק פון דער יידישער ירושה . . .

די צעהיצטע געמיטער האָבן זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט. דאָס "אמאָליקע" יידישע שטעטעלע האָט ביסלעכווייז צוריק באקומען איר רויקן, נאָרמאלן אויסזען, ווי קיין זאך וואָלט ניט געשען . . .

ו. פאר דער אייגענער פרעמדער טיר

באגינען. א רויט־צעפלאקערטע זון האָט זיך גענומען אויסשניידן אין מזרח. ווי א דורכזיכטיקער רויכל האָט דער טוי זיך געקייקלט איבער פעלד און לאָנקע. פון דאָ און דאָרט האָט זיך דערטראָגן דאָס פריילעכע שפּילן פון א מויל־הארמאָשקע און דאָס פייפן פון א פאסטוך־פייפל. דאָ און דאָרט האָט א טיר זיך צעסקריפּעט, א טויער האָט זיך צעפּראלט. דאָס פּויערים־פאָלק האָט זיך גענומען ארויסשיטן אינדרויסן.

פויערטעס מיט באָרוועסע פיס, מיט קאָלירטע טיכלעך אויף די קעפּ, מיט מעלק־שעפעלעך אין די הענט, זיינען געלאָפן מיט איילנדיקע טריט אין

די שטאַלן אויסצומעלקן זייערע בהמות, איידער דער פֿאַסטוך וועט קומען זיי פֿאַרנעמען אויף דער "ראָסע" (פֿרימאָרגן־פּאַשע).

פֿון די בוידעמער און פֿון אונטער די פֿאַדאַשקעס האָבן, מיט רעש און געפּילדערײַ גענומען אַראָפּפֿליען טשאַטעס הינער, הענער, מיט אַ פֿרײַלע־כער גאָרגאָטשערײַ און קרייערײַ, ווי זיי וואָלטן איצט אַלע אײנײנעם אָפּגע־ריכט, אויף זייער עופֿות־לשון שירה — אַ געזאַנג צום בורא עולם, וואָס האָט געבראַכט אַ נײַעם, ליכטיקן, זוניקן טאָג פֿאַר זיי.

די פֿאַסטוכער האָבן גענומען אַרויסלאָזן די "סקאָטינעס" פֿון די שטאַלן. איבערן שטעטל האָט זיך באַלד צעטראָגן אַ הירזשען פֿון פֿערד, אַ מעקען פֿון בהמות, אַ כרוקען פֿון חזירים און אַ בילערײַ פֿון הינט, ווי אויף אַ יאַריד. ביז דער פֿרײלעכער האַרמידער איז פֿאַרשוווּנדן פֿון שטעטל און זיך אויפֿגעלייזט אויף דער פּאַשע.

די אומגליקלעכע בלומע, וואָס איז אַ גאַנצע נאַכט געלעגן ווי אין אַ הינער־פּלעט, פֿאַרזונקען אין פֿינצטערע קאָשמאַרן, האָט זיך אויפֿגעכאַפּט ניט טויט ניט לעבעדיק. זי האָט ניט געהאַט קיין שום אַנונג ווו זי איז און וואָס מיט איר איז פֿאָרגעקומען. נאָר געדוכט האָט זיך איר, אַז דאָס איז זי גע־בליבן צופֿעליקערווײַז נעכטיקן אין דער "גוישער גאַס", מסתּמא צוליב אַ קראַנקן, אָדער אַ שווער געווינערין, ווי דאָס האָט שוין מיט איר ניט איינמאָל פּאַסירט . . . זי האָט זיך גענומען מאַכן פֿאָרוווּרף:

— אַך, דו פּעפּערקע, וואָס דו ביסט! צײַט שוין צו לויפֿן אַהיים, אויס־מעלקן די בהמה ! . . דער פֿאַסטוך וועט דאָך באַלד קומען! מ'דאַרף מאַכן פֿייער אָפּקאָכן אַ טעפּל ציקאָריע . . . זונעלע איציקל וועט דאָך באַלד דאַרפֿן אָוועקפֿאָרן אין פֿעלד צו דער אַרבעט . . . מ'דאַרף שוין אויך אָנקאָרמענען די הינער . . . און דו ליגסט, לאָזסט זיך וווילגיין ! . .

זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט, אַ כאַפּ געטאָן אויף זיך די פּאַ־טשיילע און מיט האַסטיקע טריט זיך געלאָזן לויפֿן מיטן שמאָלן ווענגל, וואָס איז געלעגן הינטער די שייערן, צווישן פֿעלדער און גערטנער, וואָס האָט געפֿירט פֿון דער גויישער גאַס צו דער יידישער גאַס, אויף וועלכן זי איז פֿון יאָרן לאַנג געווינט געווען צו שפּרייזן. זי איז געלאָפֿן מיט גרויס אימפּעט, ווי אַן אומזעבאַרער כּוח וואָלט זי געטריבן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט חלילה צו פֿאַרשפּעטיקן.

אָט איז זי שוין באַלד נאָענט צו דער יידישער גאַס. אָט זעט זי שוין די ערשטע הײַזער, אָט איז שייע סטאָליערס שטוב, יאָסל זשאַ־זשורסקיס, ר' וועלוול פּריכאָצקיס. זי לויפֿט ווײַטער. אָט זען זיך שוין פֿון דער ווײַטנס די דרײַ יידישע מילן, מיט זייערע הויכע פֿליגל, צווישן זיי, איר אייגענע מיל . . . אַ זיסע וואַרעמקייט גייט איר אַדורך איבערן לײַב. עס ווערט איר עפּעס אַזוי הײמלעך אויפֿן האַרצן, אַזש דער אָטעם פֿאַרכאַפּט איר. זי שפּירט אַפֿילו ניט דעם הייסן, קאַלטן שווייס וואָס רינט איר פֿון פּנים . . . .

באלד וועט זי ארײַנפאַלן צו זיך אין שטוב . . . אירע צוויי שײנע, ליכטיקע אייניקלעך, פּישעלע און ישראלקעלע, וועלן, ווי שטענדיק, ארויסלויפן איר אנטקעגן מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך און "ארײַנפּוצן" גלײַך אין אירע אָרעמס . . . זי וועט זיי שטאַרק, שטאַרק צוטוליען צום הארצן . . . זי פילט שוין באַצײַטנס דעם געשמאַקן, זיסן ריח פון זייערע וואַרעמע, האַלב־נאַקעטע גופימלעך . . . מיר זאָל זײַן פאַר זייערע כשרע ביינדעלעך . . . — האָבן געשעפּטשעט אירע ליפּן.

זי לויפט ווײַטער, געטריבן ווי פון א שטורעם. אָבער ווי אויף צו להכעיס פּלאָנטערן זיך איר עפּעס היינט אזוי די פיס? עס זעצן זיך איר די קני. און מאָדנע, וואָס מער זי גייט, אלץ מער וואַקסט אויס פאַר איר דער וועג. זי קאָן עס גאָר ניט פאַרשטיין . . . און פאַר אירע אויגן טאַנצן און שפּרינגען עפּעס אַזעלכע משונהדיקע קאָלירטע רייפן . . . אין די שלייפן קלאַפּט איר ווי מיט האַמערס . . . און דאָס האַרץ שפּרינגט פון איר שיר ניט אַרויס. זי פילט אַט־אַט וועט זי אַנידערפאַלן. אָבער ניין, ניין! זי מוז גיין ווײַטער, ווײַטער! אבי וואָס גיכער אָנקומען צו זיך אין שטיבעלע, וווּ ס'וואַרטן אויף איר איר אייגן בלוט און פלייש . . .

אָט איז זי שוין בײַם שײַער, בײַם פאַרקאָן פון איר גרויסן קאַרשן־סאָד . . . אָט האַלט זי שוין מיט דער האַנט דאָס אײַזערנע רוקערל פונם טויערל, נאָך א טריט, נאָך א שפּאַן און זי וועט זײַן אינעווייניק . . .

אָבער פּלוצלונג, ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן אַנטקעגן איר א גרויסער, שוואַרצער, קודלאַטער הונט מיט אויסגעשטשירעטע ציין און מיט א ווילדער רציחה זיך אַרויפגעוואָרפן אויף איר.

בלומע איז געבליבן שטיין א דערשראָקענע, א צעטומלטע.

— פון וואַנען האָט זיך דאָ צו איר גענומען עפּעס אזא בייזער, צע־רייצטער הונט? — איז איר דורכגעלאָפן בליץ־שנעל א פראַגע. זי האָט אָבער נאָך ניט געהאַט באַוויזן צו קומען צו זיך פון דער פּלוצלונגדיקער שרעק, האָט זי מיטאַמאָל דערהערט א געשריי:

— העי, דו, פּראָקליאַטאַ! זאָלסט ניט וואַגן אַריבערצוטרעטן דעם שוועל פון מײַן הויז! . . איך וועל דיר די פיס איבערהאַקן! . . — האָט מיט צאָרן געשריען צו איר דער גוי, דער נייער באַלעבאָס, וואָס איז געשטאַנען אויפן שוועל פון איר שטוב . . .

דאָס געשריי פונם בייזן גוי האָט איבערגעריסן ביי בלומען דעם לעצטן פּאַדעם פון איר ליכטיקן חלום. זי איז באַלד געקומען צו זיך און זיך דערמאָנט אָן איר טרויעריקער ווירקלעכקייט, אָן דער מאָויומדיקער טראַגעדיע, וואָס איז צו איר און צו אלע יידן אזוי פּלוצלונג געשען.

זי איז א פאַל געטאָן צו דר'ערד און יאָמערלעך זיך צעשריען, ווי עס יאָמערט און קלאָגט א פאַרוווּנדעטע חיה אין פעלד . . .

ז. אויף לאסקאוון ברויט

אין מיטן דער נאכט. דער אלטער סאַלטים, מיט א לאמטערנע אין האנט, מיט זיין ווייב ביי זיין זייט, איז געשטאנען איבער דער שלאפנדער בלומען, וואָס איז געלעגן אין זיין שייער, אויף א בערגל שטרוי, איינגעניר־רעט, ווי אן עלנט, איינזאם הינטל, און זי געוועקט:

— בלומקא, סאַסיעדקא נאשא! שטיי אויף! גיך! מיין טאַכטערל יאד־וויגא גייט שווער צו קינד! זי איז אן ערשטלינג! קום! האָב רחמנות!

די אלטע בלומע האָט ניט געענטפערט. זי איז געבליבן ליגן אין דער זעלבער פּאָזע, ווי פריער, א צונויפגעדרייטע אין א בייגל, פארזונקען אין פינצטערע קאַשמארן.

די צעשראָקענע גויע, די מאמע פון דער געווינעריז, איז געפאלן פאר איר אויף די קני און מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן:

— טייערנקע מיינע, דערבארעם זיך אויף א קריסטלעכער נשמה! קום, העלף אונדז!

בלומע האָט ניט געענטפערט. זי איז געלעגן אין א שווערן הינער־פּלעט, געקוקט מיט שטארע אויגן אינם פינצטערן חלל פונם שייער און ניט געהערט און ניט פארשטאנען וואָס מען וויל האָבן פון איר.

דער אלטער סאַלטים האָט זיך אריבערגעבויגן איבער איר, צוגעלייגט די אָנגעצונדענע לאמטערנע צו איר פנים און ווידער זי גענומען טארען, וועקן.

— אך, טי זלידנאיא בלומקא! אידי כודשע! שטיי אויף גיך! יעדער מינוט איז טייער!

בלומע האָט פארזשמורעט די אויגן. האָט שווער אָפּגעאָטעמט, זיך שטארק צעקרעכצט, און אָנגעהויבן עפּעס מורמלען צו זיך. זי האָט געפּרוווט זיך אויפזעצן און איז באלד צוריקגעפאלן צום בערגל שטרוי.

ס'זיינען אָנגעלאָפן עטלעכע שכנהם מיט א געשריי און מיט א ליארעם זיך ארויפגעוואָרפן אויף בלומען:

— וואָס באלמוטשעט זי אזוי לאנג? די געווינעריז לייגט אין די שטוב! א יונג קריסטלעך לעבן שטייט אין קאָן! . .

די אלטע בלומע האָט נאָך אַלץ ניט געהאט באנומען וואָס אייגנטלעך מען וויל האָבן פון איר. זי האָט זיך געדרייט אויף אַלע זייטן, געוואָרפן מיט די הענט אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי איינער וואָס ליגט אין א שטארקער היץ־קרענק.

די גויעס זיינען געוואָרן אויסער זיך פאר כעס. די מוטערלאַ פון דער געווינעריז האָט, אוים פארצווייפלונג און שרעק, געריסן פון זיך דאָס פלייש, געבראָכן מיט די הענט, זיך געקנייפּט די באקן און מיט א וויינענדיקן קול געהאלטן אין איין "קליאנען" זיך איבער איר:

— בלומקא, סערדצע! דערבארעם זיך אויף מיר! קום ראטעווע! זי איז דאָך מיין אויג אין קאָפּ!

דער אלטער סאלטים מיט די אָנגעלאָפענע גויעס, האָבן זי א כאפּ געטאָן פאר די הענט און אונטער די אָרעמס, און מיט גוואלד זי גענומען שלעפּן פון שייער, דורכן פינצטערן שטעטל, ביז זיי האָבן זי געבראכט צו טאסקען צו דער קינפּעטאָרין אין שטוב.

בלומע, א פארמאטערטע, אן אויסגעשעפּטע, האָט זיך אראָפּגעזעצט אויפן ערשטן בענקל און שווער געסאָפּעט. איר דארע, איינגעפאלענע ברוסט האָט זיך געהויבן אויף און אָפּ. זי האָט זיך גענומען ארומקוקן אויף אלע זייטן, געקנייטשט דעם צעקארבטן שטערן, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אָן עפּעס דערמאָנען. פּלוצלונג האָט זי אויסגעשריען צו זיך:

— אָ, גאָט, דאָס איז דאָך ליפּטשע אהרן משהס שענק־שטוב! דאָס שענסטע, באלעבאטישסטע הויז אין שטעטל ! . .

אירע בליקן האָבן אָנגעהויבן וואנדערן פון ווינקל צו ווינקל, פון וואנט צו וואנט, אויף וועלכע ס׳זיינען געהאנגען בלעכליי "אבראזן", איקאָנעס פון דער "מאטקא באָסקא",פון איר זונדל, ישו הנוצרי, די פּרוכט פון זיין הייליקן גייסט . . .

מיטאמאָל איז איר בליק געפאלן אויפן באלקן, וווּ ס׳איז געהאנגען אויף א טשוואָק א קליין, קיילעכיק מצהלע, א זכר פון א ניט־לאנג אָפּגעריכטן סדר . . . הפּנים דער גוי, דער נייער באלעבאָס פון דער שטוב, האָט נאָך ניט געהאט באוויזן עס ארויפצונעמען, אָדער ער האָט מורא געהאט זיך צורירן צו דעם, ווער ווייס ? . .

בלומע האָט ניט געקאָנט אָפּרייסן איר בליק פון דעם שטיקל מצה, וואָס האָט, מ׳שטיינס געזאָגט, געזאָלט זיין א סגולה, א שמירה קעגן גנבים און שריפות... ס׳האָט זיך איר גענומען אויסדוכטן, אז דאָס קיילעכיקע שטיקל מצה קוקט אראָפּ צו איר ווי מיט אן אויג . . . און פונם דאָזיקן אויג קריכן ארויס מחנות יידן, שבת־יום־טובדיקע יידן, מיט ווייבער און קינדער, און אלע קוקן צו איר מיט אָזעלכע גרויסע, שטומע, בעטנדיקע אויגן . . .

זי האָט זיך א צאפּל געטאָן. א קעלט איז איר אריבער איבערן לייב. דאָס הארץ האָט איר געקלאפּט ווי א פּויק. ס׳האָט איר אָנגעהויבן שווינדלען פאר די אויגן, ווי צום חלשן.

א גויע האָט באלד א כאפּ געטאָן א קענדל וואסער און א גאָס געטאָן איר אין פּנים אריין. בלומע האָט געעפנט די אויגן און זיך ארומגעקוקט פון־דאסניי.

די יונגע געווינערין האָט זיך צעשריען און צעגוואלדעוועט אויפן קול. בלומע האָט זיך אויפגעכאפּט ווי פון א חלום, אָנגעשפּיצט די אויערן, זיך אויפגעהויבן פונם בענקל, געגעבן א טראָט פאָרויס. אָבער מיטאמאָל האָט זי זיך א ריס געטאָן אויף צוריק און אָנגעהויבן שרייען נאָך העכער פון דער געווינערין:

— ניין! כ׳וועל ניט גיין! כ׳וועל מער ניט צולייגן קיין האנט! איך בין שוין מער קיין "באבע" ניט! ניין! . .

דער יונגער באלעבעסל, דער מאן פון דער געווינעריז, איז צוגעלאפן צו איר, א כאפ געטאן זי מיט זיינע געזונטע הענט און אריינגעטראגן זי צו זיין ווייב אין צימער, וואס איז געלעגן אין טויט־אנגסטן, אויף א ברייטן בעט, אויף ווייסע קישנס, באפוצט מיט בלוי־זיידענע בלימעלעך, וואס יידישע כלה־מיידלעך האבן עם מיט אזויפיל צניעותדיקן חן און מיט אזויפיל זיסע, ליבע־טרוימען אויסגעהאפטן . . .

די געווינעריז האט זיך ווידער צערעוועט ווי א פארוואונדעטע חיה. עס איז געקומען צום סאמע אנטשיידענעם מאמענט.

אירע געשרייען און גוואלדן זיינען פון מינוט צו מינוט געווארן אלץ שטארקער און שטארקער. זי האט געהאקט מיט די פויסטן אין וואנט. די גויעס האבן זיך געהאלטן אין איין צלמען. געשעפטשעט תפילות.

און וואונדער איבער וואונדער! פלוצלונג האט בלומעס פנים באקומען גאר אן אנדער אויסזען, ווי זי וואלט מיטאמאל פארטריבן פון זיך אלע אירע ביטערנישן, אלע אירע פיינען, וואס האבן זיך געהאט אנגעקליבן אויף איר נשמה. זי איז באלד אריין אין דער ראל פון א הייב־אם. זי האט פארקאשערט די ארבל, געגעבן א באפעל, אז מ׳זאל גלייך דערלאנגען א שיסל מיט הייס וואסער און מיט א ריינעם האנטוך. זי האט אויך גיך אפגעוואשן די הענט און זיך גענומען פארן ארום דער געווינעריז, וואס האט שוין געשעפטשעט ווי א שוואך הינדל. און ווי איר שטייגער איז געווען, האט בלומע זי באלד גענומען איינעמען מיט ווייכע רייד:

— שרעק זיך ניט, דו יונגע ציג! דו ביסט ניט די ערשטע און ניט די לעצטע . . . באלד, נאך ביסל, וועסטו אנטבונדן ווערן . . . דו וועסט האבן א קינד . . . א קינד . . . האב ניט מורא, דו וועסט ניט שטארבן . . . מען שטארבט ניט אזוי גיך ווען ס׳ווילט זיך שטארבן . . . דו העלף מיר נאר צו . . . סטארע זיך מיט אלע כוחות . . . נעם אן שטארקערע וויען . . . אט אזוי, גוט! גיב זיך נאך א שטארקערן קוועטש ! . .

פלוצלונג האט די ערשטלינג ארויסגעלאזן א פארשטיקטן געשריי, ווי א יונג עקסל ביי דער שחיטה, און באלד נאכדעם האט א דין שארף קוויטשל פון א ניי־געבארענעם נפשל דורכגעשניטן די לופט. די גויעס האבן זיך באלד אראפגעלאזן אויף דר׳ערד, גענומען קניען און זיך בוקן פאר די "הייליקע" איקאנעס און זיך געצלמט.

די "באבע" בלומע האט אויך גיך אפגעשניטן מיט א שערל ביים קינד דעם נאפל און עס פארבונדן מיט א פעדעמל. זי האט עס באלד אריינ־געלייגט אינם מולטערל ווארעמען וואסער און עס גענומען אויסבאדן. אירע הענט האבן געארבעט שנעל. דאס פנים ביי איר איז געווען פארפלאמט. טראפנס שוויים האבן איר ארויסגעזעצט אויפן שטערן. טרערן האבן גערונען

איבער אירע באקן און זיינען געפאלן צום קינד אין מולטער אריין . . . און בשעת מעשה האבן אירע ליפן געשעפטשעט:

— א, נאך א גוי, נאך א שונא געהאלפן ברענגען אויף דער וועלט . . . כ׳האב עס בעסער געדארפט דערשטיקן מיט מיינע אייגענע הענט . . . דאס וואלט כאטש געווען א שטיקעלע נקמה פאר מיינע קינדער, פאר מיינע אומ־גליקלעכע אייניקלעך, מיינע שוועלבעלעך, וואס די רשעים האבן צוגערויבט פון מיר . . . א, גאט, שטראף מיך ניט פאר מיינע בייזע, זינדיקע מחשבות . . .

— העי, דו פארשאלטענע זשידוווקא! וואס שילסטו דארט אויף דיין פארשאלטענעם לשון מיין ניי־געבארענעם זונעלע?! — האט דער יונגער פא־טערלא, וואס איז די גאנצע צייט ניט אפגעטראטן פון בלומען, זיך צעשריען אויף איר מיט כעס.

—שרעק זיך ניט, יונגער פאטערל, — האט בלומע אים געענטפערט מיט א סארקאסטישן טאן, — איך שילט אים ניט . . . איך באדויער נאר וואס דיין זונעלע, ווען ער וועט אויסוואקסן, וועט ער נעבעך ניט האבן קיין יידן וועמען צו שלאגן און צו בארויבעוון . . .

— דו באדויער ניט און חכמה זיך ניט אזוי! האלט דיין פיסק! פאר־געס ניט, אז דו ביסט ביי אונדז אויף לאסקאווע ברויט! — האט דער יונגער גויעצל זיך צעהוקעט אויף איר און בשעת מעשה געקוקט צום מולטער, צו זיין ערשט געבארענעם זונדל.

בלומע האט באלד ארויסגעכאפט דאס רויט נפשל פונם וואסער, און עס צוגעטראגן צו דער יונגער מוטערלא און א זאג געטאן דורך פארשטשעמ־טע ציין:

— נא דיר דיין בייבאק ! . .

זי האט א כאפ געטאן אויף גיך די פאטשיילע און מיט האסטיקע טריט זיך געלאזן צו דער טיר.

די מוטער פון דער יונגער קימפעטארין האט איר פארשטעלט דעם וועג, אנגעכאפט זי פאר א האנט און זיך גענומען בעטן ביי איר:

— בלומקא, סערדצע, פארלאז אונדז ניט אזוי גיך . . . דו ביסט דאך שטענדיק געווען אזוי גוט צו אונדז . . . זאל דיר דער פאן־באך (גאט) באצאלן פאר דיין גוטסקייט . . . קום, בלומקא, איך וועל דיר מאכן א גלעזל ווארעמס . . דו וועסט עפעס צובייסן . . .

בלומע האט אנגעשטעלט אויף דער גוט־מוטיקער גויע א פאר משונה־דיקע ביסטרע אויגן און זיך צעלאכט מיט אזא ווילדן, היסטערישן געלעכטער, וואס האט אנגעיאגט אויף אלעמען א קעלט. זי האט ארויסגעריסן איר האנט פון דער גויע, געגעבן א שפיי אין איר זייט, און מיט גיכע טריט ארויסגעלאפן פון דער גויעס שטוב . . .

ח. קלויסטער־גלאקן קלינגען

אינדערפרי. דער הייליקער קריסטלעכער זונטיק האט זיך צעלייגט אין צעשפרייט איבערן געוועזענעם יידישן שטעטל מיט אזא רויקייט און

געמיטלעכקייט. פון יענער זייט בריקן האָבן זיך דערטראָגן אהער דאָס היל־כיקע קלינגען פון די קלויסטער־גלאָקן, וואָס האָבן גערופן די גאָטספאָרכטיקע קריסטן צו קומען אָפּריכטן די זונטיקדיקע, פרימאָרגנדיקע "מאָליטוועס" (תפילות).

"די גוישע גאָס" האָט זיך אויסגעפּוצט אין עסיק און האָניק. באַ־יאָרנטע טאַטעס, מיט זין און איידימס, האָבן זיך אָנגעטאָן אין שבת־יום־טובדיקע סורדוטן און גאַרניטורן, וואָס יידן, יידישע יונגעלייט, חתנים־בחורים, האָבן ערשט ניט לאַנג געהאַט געטראָגן אויף זייערע לייבער . . .

די "מוטערלאָס", די מעשטשאַנקעס, מיט זייערע טעכטערלעך און שניר, האָבן זיך אויסגעפּוצט אין יום־טובדיקע קליידער, מיט טערקישע שאַלן און מיט זיידענע, וואָלענע טיכער, באַהאַנגען מיט כלעריי צירונג: אוירינגלעך, גאָלדענע קייטעלעך, קידושין־פינגערלעך און נאָך אַזעלכע כלה־מתנות, דרשה־געשאַנקען, וואָס פרומע, גאָטספאָרכטיקע יידישע טעכטער האָבן געטראָגן אויף זייערע חתונות און שמחות.

אזוי אונטערן קלאַנג פון קלויסטער־גלאָקן, האָט גוישע גאָס, מיט שטילע, געמאָסטענע טריט, מיט פרומע, גאָטספאָרכטיקע פּנימער און מיט געבעט־ביכער אין די הענט, זיך אוועקגעלאָזן, משפחהווייז, אין שטאָט, אין קלויסטער אריין — די קאַטאָליקן אין קאַשטשיאָל און די פּראַוואָסלאַוונע צו זיך אין צערקווע, אָפּצוריכטן די הייליקע, זונטיקדיקע "תפילות" און אויס־הערן די פרומע "דרשות" פונם גלח . . .

און די זון האָט געשיינט אזוי זונטיקדיק, אזוי יום־טובדיק. די קלויסטער גלאָקן האָבן פריידיק געקלונגען, און די גוישע גאָס, וואָס האָט זיך אויסגע־שפּרייט אויפן חשבון פון דער יידישער גאָס, האָט פרום, גאָטספאָרכטיק גע־תפילהט, זיך געצלמט, געדאַנקט דעם פאָטער אין הימל פאַר זיין גרויס גענאַד און פאַר דער גרויסער שפע, וואָס ער האָט זיי צוגעטיילט . . .

* * * * *

אין די זונטיקדיקע פאַרנאַכטן, — די צייט ווען אינם "אמאָליקן" יידישן שטעטל האָט עס געהייסן דער "בין מנחה למעריב", האָט דאָס פּויערים־פאָלק זיך גענומען פאַרזאַמלען ארום דעם בית־מדרש, וואָס "גוישע גאָס" האָט, באַלד נאָך דער אויסזידלונג פונם יידישן שטעטל, פאַרוואַנדלט אין א "וואָלאָסטנאַי דאָם". . .

די חשובע באַלעבאַטים, מיט זייער סאָלטים בראש, האָבן זיך אויסגע־זעצט אויף די הויכע טרעפּ פונם בית־מדרש בריקל, מאַנצביילן פון איין זייט און ווייבער פון דער צווייטער זייט, און געפירט צווישן זיך לעבהאַפטע שמועסן, אזוי אז פון דער ווייטנס האָט מען געקענט מיינען, אז דאָס זיצן נאָך אַלץ שבת יום־טובדיקע יידן און ריידן צווישן זיך וועגן שטעטלשע יידישע ענינים, ביז אין דער הויך אין הימל, וועלן זיך באַווייזן די ערשטע דריי שטערן, וועט דער שמש געבן א קלאַפּ אופן "שלחן" פון באַלעמער, אז ס'איז צייט צו שטעלן זיך דאַוונען מעריב . . .

די דאָזיקע זונטיקדיקע פאַרנאַכטן, אַרום דער געוועזענער יידישער „באָזשעניצא" (בית־מדרש), האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן „נאַראָד". דאָ האָט דאָס „פאָלק" זיך געהאַט דערוווּסט פון די סאַמע לעצטע פּאַסירונגען אין שטעטל און אויך מכוח מלחמה־נייעס, וואָס איז צו זיי דערגאַנגען פונם ווייטן רוסיש־דייטשישן קריגס־פראָנט. די נייעס איז פאַר זיי געווען גאַנץ פריי־לעכע: דער גערמאַניעץ (דייטש) שלאָגט די מאָסקאַלעס, די באָלשעוויקעס אויף אַלע פראָנטן; ער האָט זיי שוין פאַרטריבן העט־ווייט אויף יענער זייט סמאָלענסק; ער וועט שוין באַלד שטיין ביי די טויערן פון מאָסקווע . . . די זשידעס וועלן זיך שוין מער ניט צוריק אומקערן אין שטעטל . . .

דער אַלגעמיינער שמועס איז באַלד אַריבערגעגאַנגען אויף לאָקאַלע ענינים, דער עיקר מכוח היי־יאָריקן „אוראָזשיי" (גערעטעניש). מען האָט אָנגעהויבן זיך באַרימען איינער פאַרן אַנדערן וויפל אַן ערד „שאָקן" תבואה ער רעכנט היי־יאָר אָפּשניידן פון אייגענע און פון די יידישע פעלדער און וויפל פודן גרינסן און פרוכט ער וועט אַראָפּנעמען פון זיין יידישן סאָד און גאָרטן . . .

אַ צווייטער האָט זיך באַרימט, אַז זיין פערד, וואָס האָט געהערט צום יידן שמולקאַ, איז אַ סך שענער און יינגער פון זיין שכנס „יידישן" פערד . . .

אַ דריטער האָט דערציילט גאָר אַ שטוינענדיקע מעשה אויף וואָס אַלע האָבן אָנגעשטעלט מויל און אויערן: ווערליק מען שמועסט האָט דער און דער שכן געפונען באַהאַלטן ביים יידן אין שטוב, אונטער דער פּאָדלאָגע, אַ היבשע „מאַטניאַ", אַ גאַנצן אוצר מיט אַמעריקאַנסקי דאָלאַרן . . .

— אָ, וואָ! האָבן אַלע אויסגערופן מיט אַ טשמאָקען מיט די ליפּן, אַזש די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן ביי איטלעכן מיט אַ גליענדיק פייערל, — אָט אַ מזל פון אַ מענטשן ! . .

אויף די פּריזבעס, פאַר די הייזער, האָבן די ווייבערס, די מעשטשאַנ־קעס, מיט יידישע טיכער און שאַלן אויף די אַקסלען, געפירט צווישן זי אַ באַזונדערן שמועס: איינע האָט דערציילט, מיט קנאה, אַז די זשידאָווסקע בהמה, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו איר שכנה, גיט אפשר מיט צוויי קוואָרט מילך מער אַ טאָג פון איר יידישער בהמה. אָבער די „סאָסיעדקע" (שכנה) אירע לייקנט, האָט מורא ווייזט אויס פאַר עין הרע . . . אַ צווייטע האָט זיך באַקלאָגט, וואָס יענע האָט אַריינגעקראָגן אַ סך מער יידישע הינער פון איר און זיי לייגן מער אייער... און אַ דריטע האָט דערציילט, אַז מאַכאַסיכעס טעכ־טערל האָט אויסגעגראָבן פון אַ גרוב ביי זיך אין שפּייכלער, די גאַנצע חתונה־גאַרדעראָבע וואָס די זשידווקע שרהקעס כלה־מויד האָט געהאַט צוגעגרייט.

אַזוי פלעגט די גוישע גאַס, יעדער זונטיק פאַרנאַכט, אָפּזיצן אויפן בית־מדרש בריקל און געשמועסט ביז שפּעט אין אָוונט, ביז ס'האָבן זיך שוין געהאַט באַוויזן די ערשטע שטערן אין הימל . . .

אין דער זעלבער צייט האָט קליינוואַרג זיך געשפּילט און געשטיפט אַרום דעם גרויסן בית־מדרש־הויף, וווּ ערשט ניט לאַנג צוריק האָבן זיך נאָך

געשפּילט די משהלעך און שלמהלעך, די שׂרהלעך און רחלעך פונם יידישן שטעטל . . .

* * * * *

איינמאָל אין א זונטיק פאַרנאַכט, ווען די "גויישע גאַס" איז געווען פאַרזאַמלט אַרום בית־מדרש, איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסן פאַר זיי בלומע.

די גויים זיינען באַלד פאַרשטומט געוואָרן, ווי דאָס לשון וואָלט פּלוצ־לונג ביי זיי אָפּגענומען געוואָרן. די גויעס האָבן פאַר שרעק זיך גענומען טוליען איינע צו דער אַנדערער.

בלומע האָט אָנגעשטעלט אויף זיי אירע אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט האַס און צאָרן. זי האָט אַרונטערגעריסן פון זיך די פאַטשיילע, אויפגעהויבן די הענט צום הימל און גענומען שרייען אויפן קול, אַזש א שוים האָט איר אַרויסגעזעצט פון מויל:

— א פּאַהיבעל זאָל קומען אויף אייך! א כאָראָבע (א קרענק) זאָל אייך אַלעמען ביז איינעם אויסדושען! אויף מיין בית־מדרש זיך צעזעצט! טויטער־הייט זאָל מען אַראָפּנעמען פון אייך די יידישע קליידער וואָס איר טראָגט! אונדזער האָב און גוטס, וואָס איר האָט אָנגעראַבעוועט, זאָל מיטן רויך אַוועק־גיין! געדענקט, היצלעס, דאָס וועט אייך ניט געשוויגן ווערן! אונדזער גאָט לעבט נאָך! ער וועט פאַר אַלץ נקמה נעמען!

די גויים זיינען אַלע געבליבן זיצן מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און גע־שוויגן. בלומע האָט אַלץ ניט אויפגעהערט צו גיסן אויף זיי די תוכחה. ביז דער סאָלטיס האָט אויסגעשריען:

— נעמט אַוועק פון דאַנען די מכשפה!

ס'זיינען באַלד צוגעלאָפן א כאָפּטע שקצים, א כאַפּ געטאָן בלומען ביי די הענט און מיט גוואַלד זי אַוועקגעשלעפּט צוריק אין דער גויישער גאַס אַריין.

— אָ, ניט גוט, בראַטצי (ברידערלעך), — האָט דער אַלטער סאָלטיס, ליפּאַשקעוויטש, דער ערשטער געקומען צו זיך און גענומען ריידן, — ניט גע־דאַרפט זי אויסבעטן ביים ניעמעץ . . . געראַטעוועט זי פון טויט און זי בריקעט זיך נאָך ! . .

— זי האַלט דאָך אונדז אין איין שילטן און פלוכן. אירע קללות כוואַש־טשען דאָס לייב ווי מיט בייטשן . . . . — האָט זיך אָפּגערופן א צווייטער.

— דו קאָרמעסט זי מיט ברויט און זי שילט!

— ניט אַנדערש ווי א "ניט־גוטער" האָט זיך אין איר באַזעצט ! . .

— אירע אויגן יאָגן אַן אויף דיר א פּראַסטש!

— ווען נאָר איך טו אָן אויף זיך א זשידאָווסקע ספּאָדניצע (אונטער־קליידל), פיל איך ווי מוראַשקעס וואָלטן גענומען קריכן איבער מיין לייב!

באַלד האָט זיך אויפגעשטעלט אַן עלטערע מעשטשאַנקע און גענומען דערציילן פאַרן גאַנצן עולם, דערביי זיך געשוואָרן און געצלמט, אַז זי האָט אַליין געזען מיט אירע אייגענע אויגן, ווי אין מיטן נאַכט האָט די זשידוווקאַ עלקע, די "אַמאָליקע" כאַזאַיקע פון איר שטוב, זיך אַריינגעריסן אין שטאַל, אויסגע־מאָלקן איר בהמה און דאָס שעפּעלע מילך אויסגעגאָסן ביים שוועל פון דער טיר.

באלד האָט א צווייטע שכנה גענומען דערציילן נאָך אַן ערגערע געשיכטע: אַנומלטן, שפּעט אין אָוונט, ווען זי איז ארוים נאָך וואַסער, האָט זי פּלוצלונג דערזען שטיין ביים ברונעם מנשקאָס טאָכטער און געקוקט צו איר אין שטוב אריין מיט אזעלכע ביסטרע אויגן, אזש א ״דראָזשד״ (א ציטער) איז איר אריבער איבערן לייב. פאר שרעק איז איר ארויסגעפאלן דער עמער פון די הענט און זיך צעפאלן אויף קליעפּקעס . . . איך האָב געוואָלט שרייען, — האָט די גויע ווייטער דערציילט,—רופן צו הילף, איז אָבער מיר די צונג גע־בליבן שטעקן אין מויל ווי א פלאָקן. אָ, יעזוס קאָכאני זאָל זיך דערבארעמען אויף אונדז, — האָט די גויע פארענדיקט מיט א קרעכץ.

באלד האָט זיך אופגעשטעלט אן עלטערער מעשטשאַן און גענומען דערציילן זיין מעשה, וואָס האָט אָנגעיאָגט אויף אלעמען א שרעק:

— מיט איניקע נעכט צוריק, ווען די ״כלאָפּצעס״ (יונגען) זיינען ארוים מיט די פערד אויף ״נאָטשלעג״ (נאכט־פּאַשע), האָט פּלוצלונג זיך באַ־וויזן דער שווארצער זשיד, סענדער קאָלאניסט. ער האָט זיך ארויפגעכאפּט אויף זיין קליאטשע און ווי א רוח, א שד, זיך גענומען טראָגן מיט איר איבערן וויגאָן און אָנגעמאכט א שרעקלעכע סומאטאָכע צווישן די פערד.

— דאָס איז אלץ צוליב איר, דער זשידוווקא! — האָבן אויסגעשריען עטלעכע גויעס מיטאמאָל, — אזוי לאנג ווי איר ״דוד״ וועט זיך געפינען צווישן אונדז, וועלן מיר קיין רו ניט האָבן ! . .

— ווי נאָר ס׳פאלט צו די נאכט, קומען צו איר אירע זשידעס! זי רעדט צו זיי! זי דערציילט זיי אלץ וואָס דאָ קומט פאָר און זיי ריידן צו איר! ווער ווייס וואָס פאר א צרות זי וועט נאָך ברענגען אויף אונדז!

— מ׳דארף די פארשאָלטענע זשידוווקא צונעמען פון דאנען! צום ניע־מעץ זי איבערגעבן און באסטא!

אָט אזעלכע און ענלעכע מעשות האָבן אָנגעהויבן ארומגיין אין שטעטל פון מויל צו מויל. ביי איטלעכן האָט זיך צעשפּילט די פאנטאזיע. יעדער איינער האָט געהאט עפּעס אנדערש צו דערציילן, אזוי אז גאנץ שטעטל האָט ארומגעכאפּט א שרעק פאר דער זשידוווקא בלומקא.

ט. גוייש שטעטל טאנצט

אין די שבת צו נאכטן און אין די זומערדיקע אָוונטן, איז דאָס גרויסע בית־מדרש, וואָס יידן האָבן געהאט אויסגעבויט באלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט דער הילף פון זייערע לאנדסלייט אין אמעריקע, פאר־וואנדלט געוואָרן אין א טאנץ־זאל.

גוייש שטעל איז דעמאָלט געגאנגען כאָדאָראָם. יונג און אלט, קליין און גרויס, אלע אויסגעפּוצט אין שבת־יום־טובדיקע יידישע קליידער, האָבן געשטראָמט צום בית־מדרש, וואָס האָט איצט געטראָגן דעם נאָמען ״וואָלאָסטנאָי דאָם״.

ס׳זיינען אויך אָנגעלאָפן שקצים און שיקסעס פון די ארומיקע שכנישע

דערפער, ווער צופוס און ווער מיט געשפּאַנטע פערד און וואָגן, ווי צו אַ גרויסער "כּאַסלירע" (חתונה). גאַנץ שטעטל האָט דעמאָלט געקראָגן דעם אויסזען פון אַ גרויסן, טומלדיקן יאַריד. די געשרייען און די געלעכטערן פון דער אָנגעלאָפענער, צעהוליעטער דאָרפישער יוגנט האָבן זיך צעטראָגן העט ווייט.

צו די דאָזיקע נאַכטיקע הוליאַנקעס, פלעגן אויך פון צייט צו צייט אַראָפּגעקומען פון יענער זייט טייך, פון דער שכנישער שטאָט קאַמעניץ, וואַזשנע געסט: דייטשע לאַנד־שטורמיסטן, סאָלדאַטן און זשאַנדאַרן, מיט פלעשער שנאַפּס, בראָנפן, ראָם און קאָניאַק, און מיט געשמאַקן פאַרבייסעכץ, קישקעס וואָרשט, אויפשניט, גערויכערטע שינקעס און נאָך אַזעלכע חזיר־פלייש, אַזוי אַז די שמחה זאָל זיין וואָס גרעסער.

דאָס בית־מדרש, דער טאַנץ־זאַל, איז געווען געפּאַקט מיט טאַנצנדיקע פּאָרלעך. און די וואָס האָבן שוין ניט געקענט אַריין אינעווייניק, האָבן געטאַנצט אינדרויסן, אונטער די קלאַנגען פון דער פריילעכער קאַפּעליע קלעזמער, באַגלייט פון האַרמאָשקעס.

באַיאָרנטע מעשטשאַנעס, טאַטעס און מאַמעס, זיינען געשטאַנען צונויפגעדריקטע, פאַר די אָפענע טירן און פענצטער, געקוקט מיט נחתדיקע אויגן אויף זייערע שיינע, גראָטענע זין און טעכטער, וואָס אין די שיינע, אויסגעפּוצטע יידישע חתונה־קליידער, האָבן זיי אויסגעקוקט ווי אמתע פּאַניענקעס . . . פון גרויס פרייד האָבן זיי צוגעפּליעסקעט מיט די הענט, געמאַכט פריילעכע אויסרופן, צוגעגעבן מוט דער פריילעכער יונגער חברה. אין דער זעלבער צייט שטאַרק באַדויערט, וואָס צוליב זייער עלטער, קענען זיי שוין ניט אַנטייל נעמען אין די דאָזיקע טענץ, אין די פריילעכע האָפּקעס, כאָטש דאָס האַרץ לעכצט אַזוי שטאַרק נאָך זיי . . .

די שטאָלצע, פאַררייסענע דייטשן, מיט די צוויי קעפּיקע שלאַנגען־סוואַסטיקאַס אויף זייערע אַרבל פון די מונדירן, זיינען אויף די דאָזיקע הוליאַנקעס געווען די גאַנצע טאָן־געבער. זיי האָבן אַרויסגעריסן פון די שקאָצישע אָרעמס די שענסטע מיידלעך, זייערע כּלות, און זיי גענומען לערנען די סאַמע לעצטע, מאָדערנע, גרויס־שטאָטישע טענץ, פון אַ ווינער־וואַלץ ביז אַ בייערישן פאָלקס־טאַנץ. די דאָרפישע מיידלעך האָבן זיי געלערנט טאַנצן אַ קאָזאַצקע, אַ פּאָלקע, אַ פּוילישע מאַזורקע.

די שקצים האָבן געקוקט מיט צאָרנדיקע אויגן אויף זייערע אומגעבעטענע געסט, אויף די פרעמדע, שיכּורע דייטשן. אין דער שטיל, אַז קיינער זאָל ניט הערן, האָבן זיי געביילט פויסטן, געקריצט מיט די ציין, זיי געשאָלטן מיט טויטע קללות.

ערשט, ווען די שיכּורע, באַזויפענע, דייטשישע הערן, האָבן זיך שוין געהאַט גענוג אָנגעטאַנצט, אַזוי אַז זיי האָבן זיך שוין געוואַקלט פון די פיס, און זיך ווידער גענומען צום טרינקען, האָבן זיי איבערגעלאָזן זייערע פאַרמאַטערטע "פריילינס" צו די שקצים, אַז זיי זאָלן כאַפּן דערווייל אַ טענצל.

און ווען זיי זיינען שוין געווארן גוט באזויפן, האבן זיי מיט א ברייטהארציקן זשעסט צוגעווארפן די "שיריים" פון פלעשל צו זייערע קאנקורענטן — די דארפישע קאוואליערן.

די שקצים האבן באלד פארגעסן אויף אלע זייערע באליידיקונגען און קריוודעס, און מיט הינטישער הכנעהדיקייט זיך געחנפעט און געשמייכלט צו זייערע הארן, אין דעם מאמענט איז ווי אפגעשאפט געווארן די שטרענגע מחיצה צווישן הארן און קנעכט, און אלע איניינעם האבן געטרונקען פונם זעלבן פלעשל און אלע צוזאמען האבן געשריען מיט שיכורע קולות: העיל היטלער!..

* * * * *

די הילכיקע מוזיק, די פרייליכע טענער פון די הארמאשקעס, דאס האפקען פון דער טאנצנדיקער דארפישער יוגנט, מיט זייערע שיכורע געשרייען און געלעכטערס, וואס האבן זיך געטראגן דורך די אפענע טירן און פענצטער פון בית־מדרש, איז פאר דער אומגליקלעכער בלומען געווען דאס גיהנום. זי האט געהאט דאס געפיל ווי די דאזיקע רשעים וואלטן איצט געטאנצט און געטראמפלט איבער איר צעפייניקטן גוף.

זי האט זיך געווארפן און געשליידערט אויף איר געלעגער. מיט די נעגל געריסן פון זיך דאס לייב. זי האט א כאפ געטאן די פאטשיילע, וואס זי האט די גאנצע צייט פון איר לייב ניט אראפגענומען, כדי צו שאפן ארום זיך א מחיצה, א געצעלט קעגן דער ארומיקער, גויישער וועלט, און איינגעוויקלט מיט איר דעם קאפ, אז צו אירע אויערן זאלן זיך ניט דערטראגן זייערע ווילדע, אויסגעלאסענע געשרייען. אבער, ווי אויף צו להכעיס, האט די גרילצנדיקע מוזיק און די שיכורע קולות פונם צעהוליעטן המון, זיך דווקא געריסן צו איר און זי געשטאכן ווי מיט שפיזן.

זי האט עס שוין מער ניט געקענט אויסהאלטן. זי האט געשפירט ווי דער מוח ווערט איר צעשפאלטן אויף שטיקער. זי האט זיך א ריס געטאן פון איר געלעגער און אנגעהויבן לויפן, ווי א וואנזיניקע, איבערן פינצטערן שייער, און דערביי געשריען און געטענהט:

— גאט, פארוואס האסטו מיך פארמשפט, אז איך זאל דארפן הערן און זען ווי די דאזיקע גויים טוען זיך אזוי לוסטיק מאכן אויף אונדזער חורבן?! פארוואס שווייגסטו?! פארוואס גיסטו ניט אויף זיי דיין גרימצארן?! שיק אראפ אויף זיי א פייער פון הימל, ווי דו האסט פארברענט און צעשטערט די רשעים, די זינדער פון סדום?!

און די שרייענדיקע מוזיק האט זיך געריסן פון בית־מדרש אלץ שטאר־קער און שטארקער, און די שיכורע, ווילדע קולות און געלעכטערס אלץ הע־כער און העכער, ווי ס'וואלטן דארט איצט גאר ניט געטאנצט קיין מענטשן־קינדער, נאר שדים, רוחות, וואס זיינען זיך אהין צונויפגעלאפן פראווען א טייוולאנישע חתונה...

— א, די דאזיקע היצלעס! — האט בלומע אויסגעשריען, — טוען זיך

אומישנע אזוי פרייען, אזוי הוליען, כדי חוזק צו מאכן פון מיין אומגליק, פון מיין בראַד, וואָס איז געקומען אויף מיר און אויף אלע מיינע יידן פון שטעטל!

— פאַרוואָס שווייג איך?! — האָט זי זיך צעשריען נאָך העכער און זיך געשלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ, — איך וועל ניט שווייגן! איך וועל לויפן! איך וועל אַרויסרייסן די פידלען, די האַרמאָשקעס פון זייערע בלוטיקע הענט און אויף שטיקער צעברעכן!

זי איז צוגעפאַלן צוריק צו איר געלעגער אין אָנמאַכט און אָנגעהויבן העשען אין זיך, ווי א פאַריתומט, עלנט קינד. אלץ אין איר האָט געוויינט און געקלאָגט. ס'האָט זיך איר געגומען אויסדוכטן, אז ניט נאָר זי אליין וויינט עס, נאָר מיט איר צוזאַמען וויינט און קלאָגט איצט די שכינה הקדושה, וואָס איז אזא עלנטע, אזא הילפלאָזע ווי זיי; זי דערקענט איר טרויעריקן קול; אזוי האָט זי געטאָן וויינען און קלאָגן אויפן חורבן ירושלים און אזוי טוט זי איצט קלאָגן און וויינען וואָס מ'האָט זי פאַרטריבן און פאַריאָגט פונם הייליקן בית־מדרש, ווו ס'האָט שטענדיק זיך געהערט דאָס קול פון תורה און תפילה, און איצט וואָגלט זי אַרום איבערן חרוב געוואָרענעם יידישן שטעטל, קוקט אַריין דורך א שפּאַרונע פון א פענצטער אין די יידישע הייזער און זעט ווי די רשעים זיצן אין זיי, פרעסן און זויפן, הוליען און טוען זיך לוסטיק מאַכן...

זי האָט לאַנג, לאַנג אזוי געוויינט. פּלוצים האָט אויפגעבליצט ביי איר אין מוח א ליכטיקער געדאַנק: זי מוז אַרויסראַטעווען דעם בית־מדרש פון די טמאים, פון די גויישע הענט! אפילו ווען זי וועט דאַרפן צוליב דעם אומקומען על קידוש השם; וואָרים איך בין דאָך שוין סיי ווי לאַנג א געקוילעטע, א געשאָכטענע אויפן מזבח! איך שטאַרב דאָך על קידוש השם יעדער טאָג, יעדער שעה און יעדער מינוט מיט טויזנטערליי מיתה משונה טויטן! — האָט זי געפּליסטערט צו זיך, — גאָט! — האָט זי אויסגערופן, — די נשמה וואָס דו האָסט אַריינגעגעבן אין מיר, וואָס איז אזוי באַשפּיגן און צעטראָטן געוואָרן, בין איך מער ניט מחויב צו טראָגן אין זיך! גענוג! גענוג!..

דער דאָזיקער געדאַנק, וואָס האָט פּלוצלונג אויפגעטויכט אין איר צעצונדענעם מוח, האָט אַרומגעכאַפּט איר גאַנץ וועזן, אלע אירע חושים מיט א גרויסער זעלישער פרייד. עפּעס א גרויסע ליכט איז אויפגעגאַנגען פאַר אירע אויגן. זי האָט איצט דערפילט, אז דאָס וואָס איז אויסגעפאַלן אויף איר דער גורל צו בלייבן איינינקע אליין צווישן די גויים, איז דאָ א זין און א צוועק; דאָס האָט מען פון הימל אזוי באַשטימט, אז זי די שטענדיקע "זאָגערין" אין ווייבער־שול, זאָל ראַטעווען, זאָל אויסלייזן דעם הייליקן בית־מדרש פון דער גויישער טומאה! ווייל איין גורל פאַרבינדט זיי: זי און דאָס בית־מדרש!.. ביידע עלנטע און פאַריתומטע!.. ביידע צעטראָטענע און באַשפּיגענע!.. דורך אים און מיט אים, וועט זי אויך אויסגעלייזט ווערן פון אלע אירע פּיינען און יסורים! און אויך דאָס בית־מדרש וועט מיט איר אינאיינעם אויסגעלייזט ווערן פון זיין חרפה און שאַנדע! אזוי איז דער ווילן פון גאָט!.. אַנדערש קאָן ניט זיין!..

ווי אזוי דאָס וועט געשען? ווי אזוי וועט זי, א שוואכע פרוי, קאָנען דורכפירן איר באשלוס, איר ברענענדיקן פארלאנג? האָט זי נאָך אליין ניט געוווסט; דאָס איז פאר איר אליין נאָך ניט געווען קלאָר. נאָר געפילט האָט זי מיט אלע אירע חושים, אז דאָס וועט מוזן געשען. די השגחה אליין האָט אזוי געוואָלט! זי איז ניט מער ווי גאָטס שליח . . .

און פון דאָרט, פונם בית־מדרש, האָט זיך נאָך אלץ געריסן די פריילעכע קאפעליע מוזיק. די צעהוליעטע שקאָצים און שיקסעס האָבן נאָך אלץ גע־האָפקעט און געטאנצט. אָבער די אלטע בלומע האָט עס שוין מער ניט גע־הערט. עס האָט איר שוין מער ניט געקימערט. זי איז איצט געווען פאר־טראָגן אין גאָר אנדערע וועלטן. אין איר צעצונדענעם מוח האָבן זיך שוין געראַיעט כלערליי מחשבות, כלערליי עצות ותחבולות, ווי אזוי זי זאָל קאָנען וואָס גיכער אויספירן איר הייליקע שליחות . . .

י. "זשניווא"

ס'האָט זיך אָנגעיאָגט די צייט פון שניט. אין דער "גוישער גאַס" האָט זיך גערודערט ווי אין א בינשטאָק. איטלעכער מעשטשאן האָט געארבעט פאר דריי. וואָרים דער הייַיאָריקער "אוראָזשאַי" — די גערעטעניש אויף די פעלדער איז געווען זייער א גוטער, וואָס אזא האָט שטעטל שוין לאנג ניט געהאט . . .

די ארבעט האָט ממש געברענט אונטער זייערע הענט. קודם־כל האָט מען געדאַרפט אָפשניידן די אייגענע תבואה פון די פעלדער און נאָכדעם זיך נעמען פאר די ניי־דעראָבערטע פעלדער, וואָס יידישע הענט האָבן מיט אזויפיל שווערער מי און פראצע געהאט פארזייט. און ווי גיך מ'וועט זיך "איספראווען" מיט דער "זשניווא", וועט מען זיך דארפן נעמען פאר די קאר־טאָפל־פעלדער, פאר די אייגענע און זשידאָווסקע סעדער און גערטנער.

איטלעכער, יונג און אלט, ווייבעראָ און קינד, זקן און זקנה, ווער נאָר ס'האָט געקענט האלטן א קאָסע, א סערפ איז מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג ארויס אין פעלד. מ'האָט געארבעט ביז שפּעט אין אָוונט. נאָכן אָפּעסן וועטשערע איז מען אוועקגעפאלן, ווי די סנאָפּעס, פארזונקען אין טיפן שלאָף.

אָבער דאָס איינזאמלען די גרויסע הייַיאָריקע שפע "אין שייער און אין קעלטער" איז דער גוישער גאס ניט אָנגעקומען אזוי לייכט. ערשטנס, האָט דער נייער הערשער, דער פארשאָלטענער אנטי־כריסט, דער ניעמעץ, פּלוצ־לונג צוגענומען זייערע יונגע זין און טעכטער אויף ארבעט הינטער דעם מלחמה פראָנט.

צווייטנס, וואָס דאָס איז געווען דאָס ערגסטע: דער פארפלוכטער גערמאניעץ, א נכפה זאָל אים כאפּן, האָט, אינײנעם מיט אלע זשידעס, צוגענומען פון שטעטל אלע יידישע קאָוואליעס, וואָס האָבן געהאט געשמט אין דער גאנצער געגנט פאר די בעסטע שמידער. ס'איז ניט געווען ווער ס'זאָל אָפּשמידן א פערד און וואָגן, אָנשטעלן א קאָסע, "אָנצײנדלען", אָנ־

שארפן א סערפּ, וואָס אַז דעם איז אוממעגלעך געווען ארויסצוגיין אין פעלד צו דער ארבעט. זיינען די מעשטשאנעס ארומגעלאָפן ווי פארסמטע מייז און האָבן זיך גאָר קיין עצה ניט געקענט געבן.

פויערים פון די ארומיקע שכנישע דערפער, זיינען ווי אין יעדער זומער, געקומען צו לויפן מיט פערד און וואָגן אין שטעטל. אפשר, ווער ווייס, האָבן זיי געטראכט, וועט זיך נאָך דאָרט געפינען עמיצער וואָס וועט צורעכט מאכן אַן אקס צום וואָגן, ארויפציען אַן אייזערנע שינע אויף א ראָד און אָנשלייפן א סערפּ ? . .

אָבער, צו זייער גרויסער באַדויערונג, האָבן זיי שוין דאָרטן קיינעם ניט געפונען. אָנשטאָט צו טרעפן דאָרטן דעם הויכן שמואלקאָ קאָוואַל, אָדער דעם רויטן שליאָמא מיט זיינע צוויי זין, אָדער גאָר דעם אלטן לייבקאָ מיט דער לאַנגער, גראָער, צעפּאָכעטער באָרד, ארומגערינגלט מיט זיינע פינף הויכע, געזונטע, קרעפּקע זינדלעך, האָבן זיי איצט געטראָפן ביי די יידישע קוזשניעס אַן אָנגעלויף פון שטעטלשע מעשטשאנעס וואָס האָבן זיך געריסן און זיך געשטויסן מיט די עלנבויגנס צו פארכאַפּן אַן "אָטשערעד" ביי דער אמאָליקער יידישער קאָוואדלע און טאָטשילע. איטלעכער האָט געוואָלט אליין, מיט אייגענע הענט, און מיט דער הילף פון זיין שכן, פארריכטן זיין פעלד־געצייג.

פון די דאָזיקע יידישע קו;שניעס, פון וועלכע ס'האָבן זיך שטענדיק געהאט געטראָגן פריילעכע, הארציקע יידישע זמרלעך, שטיקער ימים־נוראימדיקע תפילות, פיזמונות, האָבן זיך איצט געטראָגן געשרייען, זידלערייען און קללות. איין גוי האָט געשטויסן דעם צווייטן, איין מעשטשאַן האָט זיך געקריגט מיטן אנדערן; איין שכן האָט געהויבן א פויסט אויף זיין בעסטן פריינד.

און ווי שטענדיק, האָבן די פּני, די רעדלפירער פון דער גויישער גאַס, מיט זייערע געזונטע זין און בראטאָקעס (ברידערלעך), פארכאַפּט פאַר זיך איינגאַנצן די זשידאָווסקע קוזשניע. איינער האָט זיך אוועקגעשטעלט ביים בלאָזאק, א צווייטער האָט מיטן שווערן האמער געקלאַפּט איבער דער קאָוואדלע, א דריטער האָט געדרייט ביים הענטל פון דער טאָטשילע און דער פערטער האָט געהאלטן דאָס שטיקל געצייג איבערן שארפשטיין.

די אָנגעלאָפענע פויערים, וואָס האָבן געהאָפט, אַז זיי וועלן זיך אויך קענען באנוצן מיט די כלים־געצייג פון דער יידישער קוזשניע, זיינען געשטאַנען פונדערווייטנס, האָבן געקוקט מיט צאָרנדיקע, קנאה־אויגן אויף די רייכע, שטעטלשע בעלי־גופים, וואָס האָבן ניט נאָר פארכאַפּט פאַר זיך דאָס גאנצע יידישע האָב און גוטס, נאָר אויך אפילו די זשידאָווסקע קוזשניעס מיט אלע נויטיקע געצייג אין זיי. און איצט, קומט אוים, כאָטש גיי און ריים מיט ציין און נעגל די תבואה מיט די וואָרצלען פון דער הארטער ערד ! . .

* * * * *

אין די דאָזיקע טעג פון שניט, האָט די אומגליקלעכע בלומע נאָד

שטארקער דערפילט דעם גרויזאמען בראד, וואס איז געקומען אויף איר און אויפן גאנצן יידישן שטעטל.

זי האט זיך דערמאנט אן דער גרויסער, שפרודלדיקער פרייד, וואס פלעגט ארומכאפן דאס שטעטל אין די דאזיקע טעג פון דער "זשניווא". באזונ־דערס די גרויסע קוועלנדיקע פרייד ביים אראפנעמען פון די סעדער די צײַ־טיקע פרוכט, די גרויסע זאפטיקע, וויניקע, אנטאנאווקעס־עפל, מיט זייערע ראזעווע בעקלעך, און היינט די גרויסע שמאלץ־בארנעס און די זיסע ווייגער־קעס־פלוימען, וואס דער גוטער יידישער באראן הירש פון פאריז, האט מיט יארן צוריק געהאט דא פארפלאנצט, כדי צו פארגרעסערן די בידנע חיונה פון די יידישע ערד־ארבעטער אין דעם שטעטל. און איצט וועט עס אלץ אויפ־פרעסן דער גוי, דער שונא ישראל!

זי האט געזען ווי איבערן פאריתומטן יידישן שטעטל ציען זיך גאנצע "אבאזן" פורן מיט פולע אנגעלאדענע סנאפעס תבואה און פאקן זיי אן אין זייערע אייגענע און אין די יידישע שייערן, וואס האלטן שוין שיר־ניט ביי צעפלאצט ווערן פון דער היי־יאריקער גרויסער גערעטעניש, אזוי אז ניט איין בעל־גוף האט געמוזט אויפשטעלן ביי זיך אויפן הויף, אין שכנות פון די סטויגן היי און קאניעשינע, הויכע סקירדעס מיט סנאפעס תבואה.

זי האט זיך אויך דערמאנט ווי שווער און ביטער ס'איז אנגעקומען איר איין און איינציקן זון, איציקן, דעם טאטן פון דריי קליינע קינדער, צו פארזייען דאס ביסל תבואה, און איצט וועט איר פינצטערער "יורש", דער רשע מרושע אנטאש, דער וואס האט דער ערשטער "פארסוואיעוועט" איר הויז, איר מיל און איר גאנצע כודאבע, פירן אירע שאקן תבואה, איר ברויט צו זיך אין שייער.

דאס אלץ האט איר פארשאפט שרעקלעכע יסורים. זי האט זיך גאר קיין ארט ניט געקענט געפינען. גאנצע נעכט האט זי מיט קיין אויג ניט געקענט צומאכן. דער פרישער ריח פון דער אקארשט אפגעשניטענער תבואה האט אנגעגאגסן איר הארץ און נשמה ווי מיט א סם. די גרויסע, ברענענ־דיקע שנאה, וואס זי האט די גאנצע צייט געטראגן אויף דער גוישער גאס, אויף אירע "אמאליקע" שכנים, איז מיטן אנקומען פון דער "זשניווא" געווארן נאך גרעסער, נאך שטארקער, אזוי אז זי האט געפילט ווי זי ווערט ממש פארצערט אין אירע אייגענע פלאמען פון האס און צארן.

אין די דאזיקע טעג פון דער זשניווא, האט די גוישע גאס בא־שלאסן פה אחד, אז ס'וועט זיין בעסער, אז די זשידוווקא בלומקא זאל זיך ניט ארומפלאנטערן אונטער די פיס. ווארים איצט, ווען די ארבעט "ברענט" אויפן פעלד און קיינער איז ניטא אין דער היים, איז ניט כדאי זי איבערצולאזן איינע אליין אין שטעטל. ווארים, ווער ווייס, וואס די דאזיקע צארנדיקע יידישקע קאן נאך חלילה אפטאן פאר כעס, ווי דאס הארץ האט זיי געזאגט...

דעריבער האבן זיי באשלאסן, אז פון היינט אן און ווייטער, זאל מען

די זשידוווקא איבערגעבן אונטער דער השגחה פון די פאסטוכער־יינגלעד, און זיי אנגעזאגט מיטן הארבן וואָרט, אז זיי זאָלן אויף איר גוט־גוט אכטונג געבן.

יעדער באגינען, ווען די פאסטוכער זיינען געקומען פארנעמען די טשערעדע אויף דער פאשע, האָבן זיי שוין, פאר איין וועגס, אויך מיטגענו־מען מיט זיך אין פעלד אריין די יידישקע. און פארנאכט, ווען די זון האָט גענומען פארגיין, האָבן זיי זי געבראכט צוריק אהיים אינאיינעם מיט דער סטאדע . . .

יא. צווישן די פאסטוכער

די ערשטע צייט האָט די אומגליקלעכע בלומע זיך געהאט אויס־געשטאנען פון די פאסטוכער־שקצים געברענטע ליידן. זיי האָבן געהאלטן אין איין איזדיעקעווען זיך איבער איר, אָנגעטאָן איר כל ענויים קשים, כדי איר וויי צו טאָן. זיי האָבן אַלע ווײַלע אויסגעטראכט נייע שפּיצלעך, נייע פאָרטלעך צו פארשאפן איר וואָס מער צער און פּיין.

איז א בהמה פארקראָכן אין א זומפּ, האָט די אַלטע בלומע געדארפט לויפן, קריכן ביז די קני אין בלאָטע און ברענגען די בהמה צוריק צו דער סטאדע; ווען ס'איז געקומען די צייט פון עסן, האָט זי געדארפט גיין אָנקלייבן צוויינגלעד, צעלייגן א פייער, אָפּבראָטן פאר זיי קארטאָפל, אָפּפרעגלען פאר זיי דאָס חזיר־פלייש, אָנמעלקן ביי א בהמה אויף דער פאשע א טעפל מילך פאר אירע "הארן". דערפאר, ווען די פאסטוכער האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דר'ערד, ארום דעם פייער, און זיך גענומען פאר דער אכילה, האָבן זיי איר אויך צוגעוואָרפן א שטיקל ברויט, א פּאָר קארטאָפל, ווי מ'ווארפט צו א ביין צו א היימלאָזן צוגעלאָנטשעטן הונט . . .

בלומע האָט מיט א זעלטענער סטאָיקייט אויסגעפּאָלגט אַלע זייערע ווילדע קאפריזן, ווי דאָס וואָלט געווען א גאנץ נאטירלעכע זאך. זי האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות זיי צופרידנצושטעלן, איינצוקויפן זיך אין זייער לאסקע, אזוי ארום ווערט זי אפשר קענען גיכער פארווירקלעכן איר דראנג צו נקמה. זי האָט אויף א קונציקן אופן אויסבאהאלטן פון זיי די פלאמיקע שנאה, וואָס זי האָט געטראָגן טיף אין איר הארצן צו אַלץ, וואָס האָט מיט זיך געהאט פאָרגעשטעלט "גויישע גאס". . .

זיי האָבן ניט איינמאָל פאר איר אין די אויגן נאָכגעמאכט און אי־בערגעקרימט ווי אזוי אירע זשידעס פלעגן זיך "מאָדלען" (דאווגען), ווארפן מיט די הענט, פארגלאָצן די אויגן צום הימל.

אָבער דאָס שענסטע און דאָס באַליבטסטע שפּיל איז פאר זיי געווען צו שפּילן דעם "ניעמעץ". דער עלטסטער צווישן די פאסטוכער־יינגלעד איז געוואָרן דער דייטשישער הויפּטמאן. ער האָט זיינע אונטערגעאָרדנטע פאסטוכער איינגעטיילט אין צוויי גרופּעס: איינע אין א נאַציִשער און די צווייטע אין א יידישער. ער האָט ארויסגעגעבן באפעלן צו זיינע נאַציִשע

סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן שלאָגן, הרגענען און קאַטעוועון מיט די שטעקנס, מיט די בייטשן די זשידעס. די פּאַסטוכער, די פאַרשטעלטע יידן, האָבן מכלומרשט געוויינט, געקלאָגט און געקוויטשעט מיט באַנומענע קולות, ביז ס'איז געקומען צום סאַמע קלימאַקס: דער הויטפּמאַן זייערער האָט געגעבן אַ קאָמאַנדע, ווייזנדיק מיט אַ פינגער איבערן האַלדז, וואָס האָט געזאָלט הייסן צו מאַכן פון אַלע יידן כיק־כיק, ווי מען שעכט אַן עוף . . . די פּאַסטוכער, די מכלומרשטע יידן, זיינען באַלד אַלע ווי איינער, געפאַלן מיטן פּנים צו דר'ערד, זיך געמאַכט טויט, ביז זיי האָבן זיך געגעבן אַ הויב אויף פון דר'ערד און אַלע אינײנעם האָבן זיי זיך צעלאַכט אויפן קול . . .

פון דער דאָזיקער שפּיל, "דייטש און ייד", פלעגט ביי בלומען דאָס בלוט אין די אָדערן אַזש נעמען גליוערן. זי האָט זיך אָבער "געמאַכט הארץ", אָנגעטאָן זיך אַ כוח, ווי דאָס וואָלט גאָר קיין שייכות ניט געהאַט מיט איר . . . ווארים ווי שלעכט און ביטער ס'איז איר ניט געווען ביי די פּאַסטוכער מיט אַלע זייערע סאַדיסטישע פּייניקונגען, איז איר אָבער אַלץ בעסער געווען איידער צו זיין אַ גאַנצן טאָג אין דער גוישער גאַס און דאַרפן צוקוקן ווי יעדער "בעל גוף" פירט איצט צו זיך אין שייער אריין די שפע פון די יידישע פעלדער.

ביסלעכוויז האָבן די שקצים אויפגעהערט זי צו פּייניקן. די אַלע ווילדע שפּילערייען, וואָס זיי פלעגן אָפּשפּילן פאַר איר, כדי איר ווייצוטאָן, זיינען זיי שוין דערעסן געוואָרן. זיי האָבן שוין געקוקט אויף איר ווי זי וואָלט געווען איינע פון דער טשערעדע . . . זיי האָבן שוין אפילו געהאַט פאַרגעסן אויף דעם שטרענגען באַפעל פון זייערע טאַטעס און מאַמעס, אַז זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף דער זשידוווקאַ. גאַנץ אָפט, ווען זיי האָבן זיך פאַרשפּילט, פלעגן זיי שוין אינגאַנצן איבערלאָזן די טשערעדע אויף איר השגחה.

די גוישע גאַס האָט זיך גאָר ניט געקענט אָפּוווּנדערן פון דער גרויסער ענדערונג, וואָס איז פּלוצלונג געקומען אויף דער זשידוווקאַ. ווארים זינט מען האָט זי גענומען "פירן אויף דער פּאַשע", איז זי געוואָרן עפּעס גאָר אַן אַנדערע . . . זי קוקט מער ניט מיט אַזעלכע צאָרנדיקע, ביסטרע אויגן, זי רעדט מער ניט קיין בייזע רייד, שעלט ניט און פלוכט ניט, ביינאַכט הערט מען פון איר אַפילו קיין פּיפּס ניט — עפּעס גאָר ניט די זעלבע וואָס פריער, ווי דער בייזער גייסט וואָלט זיך פון איר אָפּגעטאָן . . .

אָבער די ענערגישע, אַנטשלאָסענע בלומע האָט טיף אין האַרצן געהיט איר הייליקן סוד . . .

* * * * *

איינמאָל, ווען די פּאַסטוכער־שקצים האָבן זיך געהאַט פאַרשפּילט אין זייערע שפּילערייען, האָט בלומע זיך אָפּגעגנבעט פון זיי און מיט גיכע, האַסטיקע טריט גענומען לויפן צו דער טשערעדע, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אויפן גרויסן וויהאָן און געשמאַק געצופּט דאָס גראָז.

זי איז געגאַנגען פון איין בהמה צו דער אַנדערער, זיך איינגעגעסן אין זייערע פּנימער, ביז זי איז צוגעקומען צו אַ גרופּע בהמות, וואָס האָבן אויס געוויינהייט זיך געהאַלטן צוזאַמען. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן זיי און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אויסגעשריען:

— אָט איז שמואלקע דעם שמידס בהמה! אָט איז ליפּטשע אהרן משהם בהמה! אסתר ליפּמאַנטשיכעס! און אָט איז יאָסל נחמיה אייזיקס בהמה!

זי איז געגאַנגען ווייטער צווישן דער טשערעדע. זי האָט געזוכט, געוואָלט געפינען איר אייגענע בהמה, וואָס זי האָט מיט יאָרן צוריק אַליין אויסגעהאָדעוועט. מיטאַמאָל איז זי געבליבן שטיין, ווי אַ פאַרגליווערטע, פאַרבראָכן מיט די הענט, און אויסגעשריען ווי ניט מיט איר קול:

— ווי און ווינד איז מיר! אָט שטייט דאָך מיין טאַטעס רייזעלעס בהמה, וואָס איך האָב זי אין נדן אַריינגעגעבן ! . . און אָט איז מיין ברודער יצחק אייזיקס בהמה, וואָס זי איז ביי אים געווען טייער ווי דאָס אויג אין קאָפּ!

זי האָט אויך גיך זיי גענומען רופן ביי זייערע יידישע נעמען, אָבער קיין איינע פון זיי האָט אַפילו ניט אויפגעהויבן צו איר דעם קאָפּ פון גראָז. קענטיק, אַז זיי זיינען שוין פאַרגויישט געוואָרן און האָבן שוין פאַרגעסן אָן זייערע פריערדיקע יידישע נעמען . . .

זי האָט זיך באַלד אָוועקגעריסן פון זיי און מיט גידיקע אויגן אָנגעהויבן זוכן ווייטער, ביז זי האָט דערזען איר אייגן בהמהלע, די שיינע, זיסע "האַלענדערקע" מיטן ווייסן פלעק אויף איר שוואַרצן שטערן.

— יאָ, דאָס איז זי טאַקע! — האָט זי אויסגערופן. עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן ביי איר אין האַרצן, די קני האָבן זיך איר גענומען זעצן. אַנגסטן זיינען איר באַפאַלן.

זי איז האַסטיק צוגעלאָפן און זיך אַרומגעכאַפּט מיט איר, ווי זי וואָלט איצט דערזען איר ליבלעך קינד. זי האָט פאַרוואָרפן ביידע הענט אַרום איר האַלדז און זיך שטאַרק איינגעקלאַמערט אין איר. ס'האָט אַ שטראָם געטאָן פון אירע אויגן הייסע, זודיקע טרערן, וואָס זיינען געפאַלן אויף דער בהמהס וואַרעמער פעל. און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם קוים אַרויסגעפּליסטערט:

— בהמהלע מיינס! טייערינקע, האַרציקע מיינע ! . .

די בהמה האָט זיך דערשראָקן און זיך גענומען רייסן פון איר. אָבער בלומע האָט זי ניט אָפּגעלאָזן, האָט זיך אָנגעהאַנגען אויף איר און ווייטער גענומען ריידן, אויסטענהן זיך פאַר איר, ווי מ'רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן פאַר אַ טייערן, ליבן פריינד, וואָס מ'האָט שוין אַ לאַנגע צייט ניט געזען, און אַלץ אַזוי גיך, מיט איין אָטעם:

— טייערינקע מיינע, — האָט זי זיך געבעטן ביי איר, — קער ניט אָפּ דיין פּנים פון מיר! דו דערקענסט שוין ניט דיין יידישע באַלעבאָסטע, וואָס איז דיר געווען אַזוי געטריי ווי אַ מאַמע? ווי און ווינד איז צו מיר! איך האָב

דאַך דיך מיט מיינע אייגענע הענט אויסגעהאָדעוועט! מיט מיין ביסן ברויט זיך געטיילט מיט דיר! טייערינקע מיינע, וואָס קוקסטו אויף מיר מיט אזעלכע פרעמדע, בייזע אויגן?! דו האָסט דאָך מיט דיין מילך מיינע קינדער, מיינע אייניקלעך דערנערט! דו פלעגסט דאָך שטענדיק זיך אזוי לאַשטשען צו מיר, נאָכגעגאַנגען נאָך מיר טריט און שריט, און איצט קוקסטו שוין אויך אויף מיר ווי אויף א פרעמדער, ווי אויף א פאַרשאָלטענער זשידוווקא ? ! . . .

די בהמה האָט זיך ווידער גענומען רייסן פון איר, זיך געוואָרפן אויף איר מיט די הערנער. בלומע אָבער האָט זי ניט אָפּגעלאָזט פון זיך. זי האָט זיך נאָך שטאַרקער איינגעקלאַמערט אין איר. זי האָט ארייננגעכאַפּט דער בהמהס קאָפּ אין ביידע הענט, גענומען אים האַליובען, האַלדזן און גלעטן, צוגעטוליעט צו אים איר נאָסן מיטן טרערן פאַרגאָסענעם פּנים און פאַרשווּיגן געוואָרן . . .

מיטאַמאָל האָט די שטומע־צונג אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ צו דר'ערד, גע־בליבן שטיין ווי א פאַרטראַכטע, ווי זי וואָלט געוואָלט אַן עפּעס זיך דערמאָנען. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איר געוועזענער באַלעבאָסטע, געקוקט צו איר מיט שטומע־אויגן, און פּלוצים ארויסגעלאָזן א פריילעכן מו . . . בהמה און מענטש, מענטש און בהמה האָבן זיך דערקענט . . .

די שיינע "האַלענדערקע", מיט די ווייס־שוואַרצע לאַטעס, האָט גענומען מיט איר צונג גלעטן בלומעס הענט, דאָס פּנים, ווי זי וואָלט געוואָלט פון אים אָפּלעקן די הייסע, געזאַלצענע טרערן פון איר געטרייער יידישער באַ־לעבאָסטע.

בלומע האָט זי אָנגעהויבן באַדעקן מיט הייסע קושן און מיט צי־טערדיקע פינגער ניט אויפגעהערט צו גלעטן איר דעם האַלדז און צווישן אירע הערנער, אזוי אז פון גרויס הנאה וועגן האָט די בהמה אזש פאַרזשמורעט מיט די אויגן, צוגעשאָקלט מיט די אויערן. מענטש און בהמה האָבן זיך נאָך שטאַרקער צוגעטוליעט איינע צו די אנדערע, געוואָרן נפש אחת . . .

פון בלומעס צעווייטיקטן הארצן האָט א פליי₪ געטאָן א פרישער שטראָם מיט רייד, אז זי האָט זיך אזש פאַרכליניעט:

— זע, טייערינקע מיינע! — האָט זי זיך גענומען באַקלאָגן פאַר איר געפונענעם איינציקן שטומען פריינד, — וואָס די שונאים האָבן פון מיר געמאַכט ! . . מיינע קינדער, מיינע שוואַלבן, וועלכע דו האָסט מיט דיין מילך דערנערט, — האָט מען פון מיר אוועקגעריסן! ווער ווייס וואָס פון זיי איז געוואָרן ? ! . . . איך האָב קיינמאָל ניט געוואָלט פאַרקויפן דיינע קינדער, דיינע שיינע,ליכטיקע קעלבלעך צו דער שחיטה, און זיי, די רשעים, די מער־דער, האָבן מיינע קינדערלעך צו דער שחיטה אוועקגעפירט ! . . און איך לעב און מוטשע זיך אויף דער וועלט ! . . זע, טייערינקע מיינע, איך בין שוין אויך ביי זיי געוואָרן א בהמה, ווי דו ! . . מען טרייבט מיך מיט דיר,

מיט דער טשערעדע אויף דער פאשע ! . . ביז זיי וועלן מיך אויך אוועקפירן צו דער שחיטה ! . . אַ, בהמהלע מיינס, ווי איך בין דיר מקנא ! . . דיר איז בעסער פון מיר ! . .

זי האָט אזוי לאַנג גערעדט און געטענהט, זיך אראָפּגערעדט פון הארצן פאַר איר שטומען פריינד, ביז זי איז געבליבן ליגן אַ דערשעפּטע. אַ קאַלטער שווייס איז איר באַשלאָגן. זי האָט געפיבערט אויפן גאַנצן לייב. דאָס הארץ האָט איר געקלאַפּט ווי אין אַ פויק. זי האָט זיך אָבער אַלץ ניט געקאָנט אָפּרייסן פון איר בהמהלע.

מיטאַמאָל האָט זי זיך ארויסגעריסן פון איר פארגליווערטקייט און מיט אַ שוואַכן וויינענדיקן קול ווידער אָנגעהויבן צו פליסטערן:

— בהמהניו מיינס, הארצעניו קרוינעניו, קום, לאָמיך דיך כאָטש נאָך איינמאָל אויסמעלקן! כאָטש נאָך איינמאָל פילן דעם ווארעמען, זיסן טעם פון דיין מילך אויף מיינע פינגער ! . .

די שוואַכע בלומע האָט זיך אראָפּגעזעצט פאַר איר,-אויף די קני, אָנגעשפּארט איר קאָפּ אָן דער בהמהס בויך און מיט ציטערדיקע הענט אָנגעכאַפּט אירע דויקעס און זיי גענומען ציען, מעלקן. די דינינקע, ווארעמע שטראָמען פון מילך זיינען געפּלאָסן צווישן אירע צאַפּלדיקע פינגער. אַ זיסע, אַנגענעמע ווארעמקייט איז איר דורכגעגאַנגען איבער אַלע אברים . . .

די קלוגע האַלענדערקע האָט אומגעדרייט צו איר דעם קאָפּ, געקוקט מיט גוטע, ווארעמע, לאַשטשענדיקע אויגן אויף איר געוועזענער יידישער באַלעבאָסטע און זיך צערעוועט אויפן קול . . .

יב. שמע ישראל !

שפּעט אין זומער. אין מיטן נאַכט. גוייש שטעטל איז פארזונקען געווען אין אַ טיפן שלאָף. הייזער, שטיבלעך, בלינדע, זיינען געשלאָפן צוזאַמען מיט זייערע באַלעבאַטים. ארום און ארום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. בלויז דאָ און דאָרט האָט אַ פערד זיך צעהירזשעט. דאָ און דאָרט האָט אַ הונט זיך צעבולן און איז באַלד פארשטומט געוואָרן. ווידער שטיל, פּויז שאָרד.

בלומע האָט שטיל, אויף די שפּיץ-פינגער, זיך ארויסגעגנבעט פונם גוים שפּייכלער, וווּ זי איז לעצטנס געשלאָפן, און מיט שנעלע טריט זיך געטראָגן צו דער יידישער גאַס. אַלץ אין איר האָט געשטורעמט און געברויזט. מיט צאַפּלדיקע ליפּן האָט זי געשעפּטשעט צו זיך:

— אַ, גאָט, שטיי מיר ביי אין דער דאָזיקער לעצטער שעה, ווי דו ביסט בייגעשטאַנען אונדזערע הייליקע אמהות: שרה, רבקה, רחל און לאה אין זייערע נויטן! העלף מיר! גיב מיר כוח אויסצופירן מיין הייליקע שליחות, ווי דו האָסט געגעבן כוח און קראַפט דיין געטרייען קנעכט אברהם אבינו בעת ער האָט געפירט זיין איין און איינציקן זון יצחקן צו דער עקידה ! . .

ס'האָט איר דער אָטעם פאַרכאַפּט. פון שטאַרקער אויפרעגונג, איז איר דאָס האַרץ שיר ניט אַרויסגעשפּרונגען. זי האָט זיך אָן עפּעס אָנגעשטויסן. זי איז געפאַלן. ס'איז איר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן . . . זי האָט זיך צוריק אויפגעהויבן און ווידער אָנגעהויבן לויפן נאָך מיט אַ גרעסערן אימפּעט, און מיט ציטערדיקע ליפּן ווידער געפּליסטערט צו זיך:

— גאָט, נאָר דו אַליין ווייסט, אַז איך גיי זיך איצט ניט אָננעמען מיין קריוודע, נאָר די קריוודע פון דיין כבוד, פון דיין הייליקן בית־מדרש, וואָס די רשעים האָבן פאַרשוועכט! די הייליקע ספר־תורהס פאַרומרייניקט און פאַרברענט! אין דיין אָרון־קודש אַ צלם אַריינגעשטעלט! טאָ העלף מיר נקמה נעמען פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען! העלף מיר זיך אויסלייזן איניינעם מיט דיין בית־מדרש! מער וואַרטן קאָן איך שוין ניט! טאָ נעם אָן, גאָט, מיין אָרעמען, קליינינקן קרבן ווי אַן עולה תמימה!

בלומע איז געבליבן שטיין. די פיס האָבן זיך איר אָנגעהויבן זעצן. טויט־אַנגסטן זיינען איר באַפאַלן. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַרן האַרצן, געוואָרפן אַ בליק צום הימל און אַרויסגעלאָזן אַ שווערן קרעכץ.

זי האָט צונויפגענומען אירע לעצטע כוחות און אָנגעהויבן שפּרייזן מיט נאָך גיכערע טריט.

זי איז געלאָפן דורך פעלדער, דורך גערטנער, געטריבן ווי פון אַ שטורעם, אַלץ נענטער, נענטער אַהין צו דער יידישער גאַס, צום בית־מדרש, פון וואַנען ס'האָט געפינקלט צו איר אַ פייערל, וואָס האָט נאָך פאַרגרעסערט די אַרומיקע חשכות. דאָס איז ניט געווען קיין פייערל פון אַ יאָרצייט־לאָמפּ, ניט קיין פייערל פון אַ נר־תמיד, נאָר להבדיל, אַ פייערל פונם טמאדיקן לעמפּל, וואָס איז געהאַנגען פאַרן מאַמע־און־זון גאָט . . . דאָס דאָזיקע פייערל פונדערווייטנס האָט נאָך מער געצונדן אין איר דעם ווילן, דעם ברענענדיקן דראַנג צו נקמה . . .

— גאָט פון מיינע עלטערן! דערבאַרעם זיך אויף מיר! — האָט זי אויסגערופן מיט פרישן געבעט, — שטיי מיר ביי אין מיין איצטיקן ניסיון! גיב מיר כוח.דורכצופירן מיין הייליקע שליחות! זאָל די האַנט פון דיין דינסט, בלומע בת ישראל, ניט קיין ציטער טאָן! זאָלן מיינע פיס ניט שטרויכלען! זאָל מיין האַרץ זיך אַזוי ניט צאַפּלען, אַזוי ניט פלאַטערן! שטאַרק מיך!

זי האָט אָנגעהויבן שפּאַנען מיט נאָך שנעלערע טריט, ווי אַן אומזעבאַרער כוח וואָלט זי געטראָגן. אַ הייסער־קאַלטער שווייס האָט באַדעקט איר לייב. זי האָט דערפילט ווי די כוחות פאַרלאָזן זי. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. אָבער לאַנג שטיין האָט זי מורא געהאַט. זי האָט זיך געשראָקן, טאָמער חלילה, וועלן איר די פיס מער ניט וועלן טראָגן . . . זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און געמורמלט צו זיך:

— ווייטער! מ'דאַרף גיין ווייטער! ווייטער! נאָך עטלעכע טריט!

נאָך עטלעכע שפּאַן! און איך וועל שוין זיין דאָרט! און אָט־אָט איז שוין דאָס בית־מדרשל! שוין מיטן האַנט צו דערלאַנגען! — האָט זי אויסגערופן מיט פריידּ.

זי איז צוגעפאַלן צום בית־מדרש. מיט ציטערדיקע הענט אויפגעריסן א פענצטער, אריין אינעווייניק. זי האָט אויף גיך ארויסגעכאַפּט א פלעשל נאַפט, א פעקל שוועבעלעך פון בוזים, ארונטערגעריסן פון זיך די פאַטשיילע און זי צעריסן אויף שטיקער, די שטיקער באַגאָסן מיטן נאַפט און זיי אונטערגעלייגט אונטער יעדער ווינקל און עס אָנגעצונדן, אזוי אז ס'זאָל ברענען וואָס גיכער! ברענען פון אלע זייטן, מיטאַמאָל!

זי האָט זיך באלד געגעבן א דריי אויס און מיט האסטיקע טריט צוגעלאָפן צום ברענענדיקן אויל־לעמפּל, וואָס איז געהאנגען פארן צלם מיטן נאקעטן ישו הנוצרי, עס ארונטערגעריסן און עס אריינגעשליידערט מיט צאָרן אין פייער אריין.

ווי גיך זי האָט דערזען, אז ס'ברענען שוין די אָבאָיעס (דאָס פּאַפּיר) **אויף די ווענט פון אלע פיר ווינקלען, האָט איר ארומגעכאַפּט א שטראַלנדיקע** פריידּ. זי האָט געקוקט מיט צעלויכטענע, צעצונדענע אויגן אויפן פייער, וואָס האָט געלעקט די ווענט פונם בית־מדרש, אזש א ליבע, אנגענעמע וואַרעמקייט האָט דורכגענומען איר לייב . . .

מיטאַמאָל האָט זי זיך אָן עפּעס וואָס דערמאָנט. זי האָט א כאַפּ געטאָן פון דר'ערד די רעשטע מיטן קעראָסין באַגאָסענע שמאַטעס פון איר פּאַטשיילע, צוגעלאָפן צום אָפענעם פענצטער און ארויסגעשפּרונגען אינדרויסן און גענומען זיך יאָגן, גאָר ניט מיט קיין מענטשלעכן כוח, נאָר ווי עפּעס א "נישט־גוטער" וואָלט זי געטריבן.

זי איז געלאָפן פון איין שכנישן סטויג היי צום צווייטן, פון איין סקירדע סנאָפּעס צו דער אנדערער און געהאלטן אין איין צינדן, אלץ אזוי גיך און אזוי פלינק. אירע הענט האָבן ניט געציטערט, אירע פיס האָבן ניט געשטרויכלט. ס'האָט איר איצט ארומגעכאַפּט איין ווילן, איין שטאַרקער דראַנג, וואָס מער צו צינדן, אזוי אז אלץ מיטאַנאַנדער זאָל ברענען! אלץ מיטאַנאַנדער זאָל פלאַקערן!

דאָס פייער האָט זיך מיט א בליץ־שנעלקייט, פארשפּרייט אלץ מער און מער. באלד האָבן די אלולדיקע ווינטן נאָך מער צעבלאָזן די פייערן, געטריבן די פלאַמען אלץ ווייטער איבער הייזער, איבער שטיבלעך, איבער שטרויענע דעכער פון שכנישע שטאַלן און איבער אָנגעפּראָפּטע שייערן מיט סנאָפּעס תבואה, און דאָס אלץ ארומגעכאַפּט ווי מיט פייערדיקע הענט.

ווען גוייש שטעטל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט א ליאַרעם און מיט א ווילד־פארצווייפלטן געשריי, איז שוין געווען צו שפּעט עפּעס צו ראַטעווען. יעדער שטוב איז שוין געווען פארוואַנדלט אין א פייער־פאַסטקע. יעדער שייער, יעדער סטויג היי האָט געברענט ווי א יום־כיפור־ליכט.

א יאָמערלעך געשריי האָט זיך געריסן צום הימל. די פארצווייפלטע

געשרייען און יללות פון פרויען און קינדער, האָבן, ווי מיט א מעסער, גע־שניטן די לופט. פערד האָבן געהירזשעט, בהמות און קעלבער האָבן גערע־וועט מיט ווילדע קולות, הינט האָבן געבולן און זיך פארגאנגען אין א יאָ־מערלעכן וואיען. וואָס נאָר ס׳האָט געהאט אין זיך אן אטעם פון לעבן, האָט געשריען, געקלאָגט און געיאָמערט. שווערע באַלקנס, דעכער, ברענענ־דיקע ווענט זיינען געפאלן מיט א קראַך צו דר׳ערד. און דאָס אַלץ האָט זיך געריסן צום רויט־צעפלאַקערטן הימל, צוזאמען מיט די העלישע פייער־צונגען, וואָס האָבן געהאלטן אינאיין פארצערן, וואָס נאָר זיי האָבן אָנגע־טראָפן אויפן וועג.

דראָענדע, צאַרנדיקע געשרייען האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן:

— א טויט דער פּראָקליאַטאַ זשידוווקאַ!

— דאָס איז זי! דאָס איז איר ארבעט!

— א טויט! א טויט דער מכשפה!

— א טויט דעם זשיד! דעם טייוול!

בלומע, מיט א רויט־צעפלאַמטן פנים, מיט צעצונדענע אויגן און מיט צעשויבערטע האָר, האָט זיך געטראָגן מיט אימפּעט צוריק פונם ברענענדיקן שטעטל. זי איז געלאָפן און געשפּרונגען ווי א יונגע הירשין, דורך פארשיידענע אומוועגלעך, דורך גערייטע סטעזשקעס, צווישן ברענענדיקע הייזער, שטאַלן, שייערן, פארביי פאַלנדיקע ווענט. זי האָט געזוכט א וועג צו קענען וואָס גיכער זיך דורכשלאָגן צום ברענענדיקן בית־מדרש . . .

הינטער איר האָבן זיך געיאָגט א מחנה צעיושעטע גויים מיט שטעקנס, מיט ווילקעס און מיט באַרסיקעס אין די הענט און געשריען נאָך העכער, נאָך צאַרנדיקער, מיט ווילדע, באַנומענע קולות:

— א טויט צו דער פארשאָלטענער זשידוווקאַ!

— א טויט! א טויט!!!

צווישן בלומען און די נאָכיאָגנדיקע גויים האָט זיך אָנגעהויבן א קאַמף, א שפּיל אויף טויט און אויף לעבן, ווער וועמען ס׳וועט דעריאָגן, ווער וועמען ס׳וועט פריער דערגרייכן די האַנט פון נקמה . . .

ס׳האָט זיך געדוכט אָט־אָט, וועלן זיי זי אויפכאַפּן אויף זייערע וויל־קעס; אָט־אָט וועלן זיי אריינשטעכן אין איר די שאַרפע ציין. אָבער בלומע האָט זיך אַלע ווייַלע, אויף א קונציקן אופן, ארויסגעדרייט פון זייערע הענט. זי איז געלאָפן, זיך געדרייט זיג־זאַגיש. אָט האָט זי זיך באַוויזן און אָט איז זי פארשוווּנדן אין שאָטן צווישן די הייזער, ביז זי האָט דערגרייכט צום ברע־נעדיקן בית־מדרש. מיט א היסטערישן געשריי האָט זי זיך אריינגעוואָרפן אין זיינע פלאַמען, ווי זי וואָלט געוואָלט געפינען אין אים א רעטונג . . .

זי איז באַלד פארוואַנדלט געוואָרן אין א ברענענדיקן פאַקל. און דורך די פלאַמען פונם ברענענדיקן בית־מדרש האָט זיך דורכגעריסן א פאַר־שטיקטער געשריי:

— שמע ישראל ה׳ אלוהינו ה׳ אחד ! . .

און איז באַלד פארשטילט געוואָרן . . .

פון דעם זעלבן מחבר:

"אויף פרעמדער ערד"

בלעטלעך פון א לעבן, וויניפעג 1945

פרעמירט געוואָרן פון ייוואָ, ניו־יאָרק, 1943

אין כתב־יד

"יאַנקעלע"

קינדער־ראָמאַן

געדרוקט אין קאַפּיטלעך אין פאַרשיידענע זשורנאַלן:

"דער חבר", ווילנע; "קינדער־זשורנאַל" און "קינדער־צייטונג", ניו־יאָרק;
"אַרגענטינער גרינינקע ביימעלעך", בוענאָס איירעס.

אַדרעס פון מחבר:

F. ZOLF

371 Lansdowne Avenue

Winnipeg, Man., Canada